Poland Memorial Book

Megilat Polin

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

AUTHOR	Leṿin, Yehudah Leyb, d. 1978.
TITLE	Megilat Polin / [Yehuda Leyb Leṿin, ʾorekh].
IMPRINT	880-03 Yerushalayim ; Nyu Yorḳ : Hitʿagdut Yehudim ḥaredim yotse Polin, [1961-]
DESCRIPT	v. : ill ; 35 cm.
SUBJECT	Jews -- Poland -- -- History.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland.
ADD'L TITLE	Megiles̀ Polin

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.



מגילת פולין

אנציקלופדיה של יהדות פולין

מגילת פולין

ענציקלאפעדיע פון פולישן אידענטום

מגילת פולין

אנציקלופדיה של יהדות פולין

חלק ראשון
תולדות יהדות פולין

חלק שני
בפולין המשועבדת

חלק שלישי
פולין כמרכז התורה

חלק רביעי
יהודים בפולין העצמאית

חלק חמישי
החורבן

חלק ששי
קהלות ישראל בווארשה והמחוז

חלק שביעי
קהלות ישראל בלודז והמחוז

חלק שמיני
קהלות ישראל במחוז קעלץ

חלק תשיעי
קהלות ישראל במחוז לובלין

חלק עשירי
קהלות ישראל במחוז בריסק

חלק אחד עשר
קהלות ישראל במחוז ווילנה

חלק שנים עשר
קהלות ישראל במחוז ביאליסטוק

חלק שלשה עשר
קהלות ישראל במחוז וואהלין

חלק ארבעה עשר
קהלות ישראל במחוז נובהרדוק

חלק חמשה עשר
קהלות ישראל במחוז קראקה

חלק ששה עשר
קהלות ישראל במחוז לבוב

חלק שבעה עשר
קהלות ישראל במחוז טרנופול־סטניסלבוב

חלק שמונה עשר
קהלות ישראל במחוזות שלזיה־פוזנה ומלואים

ענציקלאפעדיע פון פולישן אידענטום

ערשטער טייל
געשיכטע פון אידען אין פוילען

צווייטער טייל
אידען אין צעטיילטען פוילען

דריטער טייל
פוילען אלס מרכז התורה

פערטער טייל
אידען אין זעלבסטשטענדיגען פוילען

פינפטער טייל
דער חורבן

זעקסטער טייל
די קהלות אין ווארשא און אין דעם געגענד

זיבעטער טייל
די קהלות אין לודז און אין דעם געגענד

אכטער טייל
די קהלות אין קעלצער געגענד

ניינטער טייל
די קהלות אין לובלינער געגענד

צענטער טייל
די קהלות אין בריסקער געגענד

עלפטער טייל
די קהלות אין ווילנער געגענד

צוועלפטער טייל
די קהלות אין ביאליסטאקער געגענד

דרייצענטער טייל
די קהלות אין וואהלינער געגענד

פערצענטער טייל
די קהלות אין נאוואגרודקער געגענד

פינפצענטער טייל
די קהלות אין קראקעווער געגענד

זעכצענטער טייל
די קהלות אין לעמבערגער געגענד

זיבעצענטער טייל
די קהלות אין טארנאפאלער־סטאניסלאווער געגענד

אכצענטער טייל
די קהלות אין שלעזיען און אין פויזנער געגענד

מגילת פולין

חלק חמישי: החורבן

כרך א

פינפטער טייל: דער חורבן

ערשטער באנד

חברי מועצת ההתאגדות ומנויים שסייעו להופעת כרך זה

מיטגלידער פון דעם צענטראל ראט פון דער געזעלשאפט און די סובסידיער פון דעם באנד

אדמו״ר מבלוזוב
הרב א. אדלר, לוס־אנזלס
י. ארליך, ניו־יורק
מ. אקשטיין, מקסיקו ד. פ.
הרב ב. אדלר, ניו־יורק
הרב י. אביגדור, מקסיקו ד. פ.
ר. אייזנר, ניו־יורק
י. אייזנר, מינכין
מ. ברנשטיין, ניו־יורק
י. ברטפלד, מקסיקו ד. פ.
מ. באראן, מקסיקו ד. פ.
מ. בינגפלד, ניו־יורק
הרב צ. ברונשטיין, ניו־יורק
הרב י. מ. בוימל, ניו־יורק
ל. בלום, ניו־יורק
ל. בילגוריי, ניו־יורק
מ. גורקו, ניו־יורק
הרב ש. גרינבוים, ניו־יורק
ש. גיבל, ניו־יורק
הרב מ. גורדון, ניו־יורק
א. גנטק, תל־אביב
א. גולדברג, ניו־יורק
ב. גרוס, ניו־יורק
הרב ל. גליבטר, ניו־יורק
י. גנגור, ניו־יורק
י. גפן, ניו־יורק
ט. גולדברג, ניו־יורק
הרב י. גנצחייג, לוס־אנזלס
פ. גרומן, לוס־אנזלס
הרב ה. גולדשטיין, ניו־יורק
הרב א. גוטסמן, פיטסבורג
הרב י. גליבטר, ניו־יורק
א. גוטווירט, ניו־יורק
מ. גרשנוביץ, מקסיקו ד. פ.
מ. דייקמן, ניו־יורק
ש. דנציגר, ניו־יורק
א. דורף, לוס־אנזלס
י. הורוויץ, ניו־יורק
ש. א. הרצברג, ניו־יורק
הרב א. מ. הרשברג, שיקאגו
ח. הרץ, ניו־יורק
ש. ד. הורוויץ, אנטוורפן
מ. הנדלס, לוס־אנזלס
פ. הורני, לוס־אנזלס
ד. וורדיגר, ניו־יורק
הרב א. י. חיינטראוב, ניו־יורק

מ. ווייסקאהל, ניו־יורק
ל. חישליצקי, ניו־יורק
הרב ש. תאלקין, ניו־יורק
ב. ווייטמן, לוס־אנזלס
י. ווידאווסקי, אנטוורפן
הרב א. זמבא, ניו־יורק
ר. זיגלבוים, מקסיקו ד. פ.
הרב י. מ. זעמבא, ניו־יורק
י. מ. זיידל, מקסיקו ד. פ.
מ. זאנאבענד, מקסיקו ד. פ.
הרב א. זילברברג, פיטסבורג
ע. זילברברג, פיטסבורג
הרב י. זילברשטיין, לוס־אנזלס
מ. זעמס, ניו־יורק
הרב צ. זשורקובסקי, ניו־יורק
ד. מ. זילברברג, ניו־יורק
ד. זאמורה, מקסיקו ד. פ.
א. זיספיין, ניו־יורק
ל. טרויבה, ניו־יורק
הרב י. טרויבה, ניו־יורק
הרב מ. טרויבה, ניו־יורק
י. טייטלבוים, ניו־יורק
צ. טרייסר, ניו־יורק
י. י. יבלנוביץ, מקסיקו ד. פ.
י. יוסטמן, ניו־יורק
י. ירוזולמסקי, ניו־יורק
הרב א. ירזלמסקי, לוס־אנזלס
א. צ. כהן, ניו־יורק
י. כרמל, ניו־יורק
מ. למט, ניו־יורק
י. למט, ניו־יורק
י. ליט, מקסיקו, ד. פ.
ל. לפקוביץ, ניו־יורק
הרב מ. י. לוברט, ניו־יורק
ע. ליכטמן, מקסיקו ד. פ.
י. ליפסקר, ניו־יורק
ש. מרקוביץ, מקסיקו ד. פ.
ד. מרקוביץ, מקסיקו ד. פ.
ל. מרקין, ניו־יורק
ה. מרקין, ניו־יורק
ש. מרגליות, ניו־יורק
י. מורדוביץ, ניו־יורק
הרב ש. מורדכוביץ, ניו־יורק
י. מלבסקי, ניו־יורק
ה. מוסקוביץ,ניו־יורק
י. מושינסקי, מקסיקו ד. פ.

י. מונדשק, מקסיקו ד. פ.
הרב ל. מלאך, ניו־יורק
הרב מ. נירנברג, ניו־יורק
הרב י. נלקנבאום, ניו־יורק
ז. נוימן, ניו־יורק
מ. נוימן, ניו־יורק
מ. נחאס, לוס־אנזלס
ז. סובל, ניו־יורק
א. סורנסקי, מקסיקו ד. פ.
ח. סוקניק, ניו־יורק
ב. סילברמן, ניו־יורק
הרב מ. סגל, ניו־יורק
הרב י. י. סקולה, ניו־יורק
י. סלומון, לוס־אנזלס
ד. סוכטשבסקי. מקסיקו ד. פ.
ה. עמדין, ניו־יורק
נ. פריחס, ניו־יורק
ב. פייביש, ניו־יורק
א. פלאטו, ניו־יורק
י. פלוצניק, אנטוורפן
נ. פפר, ניו־יורק
י. פט, ניו־יורק
ה. פעק, לוס־אנזלס
א. פינק, ניו־יורק
מ. פינק, ניו־יורק
א. פינקלשטיין, ניו־יורק
הרב י. פינקלשטיין, ניו־יורק
י. פישהוף, ניו־יורק
י. צ. פרנק, ניו־יורק
ש. פלדמן, מקסיקו ד. פ.
מ. פסטאג, ניו־יורק
ע. ד. פסטאג, ניו־יורק
הרב י. פיקרסקי, ניו־יורק
י. פסחוביץ, ניו־יורק
י. פרידמן, לוס־אנזלס
הרב י. י. פיק, לוס־אנזלס
י. מ. פרלמן, לונדון
מ. פורטוס, לוס־אנזלס
י. פרנקל, מקסיקו ד. פ.
ל. פוגל, ניו־יורק
ש. צארני, ניו־יורק
ב. צאפניק, ניו־יורק
י. צחייג, מינכין
ב. ציטרון, סאן־פאולו
הרב י. ח. צימרמן, לונדון

ד. צפת, לוס־אנזלס
ש. צחייגנהפט, ניו־יורק
א. קנר, ניו־יורק
הרב ח. קרייזווירט, אנטוורפן
ש. קורן, ניו־יורק
א. קוטיק, ניו־יורק
א. קופל, ניו־יורק
ד. קושיצקי, ניו־יורק
י. קוטנר, ניו־יורק
י. קאופמן, מקסיקו ד. פ.
ב. קאלב, ניו־יורק
ל. קאץ, מקסיקו ד. פ.
הרב ד. קרישטל, מקסיקו ד. פ.
מ. קורן, לוס־אנזלס
קהלת „נדחי ישראל״, מקסיקו ד. פ.
הרב ד. רפילין, מקסיקו ד. פ.
א. רבינוביץ, ניו־יורק
ג. רוזנבוים, ניו־יורק
ג. רובינשטיין, ניו־יורק
י. רייציק, ניו־יורק
הרב ז. רייכמן, ניו־יורק
י. רוזנקרנץ, אנטוורפן
ה. רובינשטיין, טורונטו
א. רוזנבוים, ניו־יורק
צ. רייזמן, מקסיקו ד. פ.
א. רובינשטיין, מקסיקו ד. פ.
ה. רייזמן, תל־אביב
ש. רובין, ניו־יורק
י. י. רדזיק, ניו־יורק
י. רוטנברג, ניו־יורק
ה. רוטנברג, ניו־יורק
י. רוזנבלט, ניו־יורק
ל. שטשקץ־רוזן, אטלנטה
א. שרייבר, ניו־יורק
ל. שרייבר, ניו־יורק
י. שרייבר, ניו־יורק
מ. שוורץ, ניו־יורק
הרב נ. שוורץ, לוס־אנזלס
מ. ל. שחרץ, לוס־אנזלס
הרב א. שחרץ, לוס־אנזלס
הרב מ. שוורצמן, חיניפג
ב. שמדרה, לוס־אנזלס
הרב נ. שיינברג, ניו־יורק
ב. שפיגל, לוס־אנזלס
ש. שבת, מקסיקו ד. פ.

בתוכן   דער אינהאלט

מגילת פולין

יוצא לאור על ידי
התאגדות יהודים חרדים
יוצאי פולין

ארויסגעגעבן דורך די
געזעלשאפט פון רעליגיעזע אידען
פון פוילען

ירושלים-ניו־יורק

✶

✶

יהודא לייב לוין
עורך — רעדאקטאר

המערכת והמנהלה — רעדאקציע און פערוואלטונג:
ירושלים, יוסף ד׳נואס 5, טל. 25250, ת״ד 1306
Jerusalem, P.O.Box 1306, Israel

יבוא יום, והשמש תאיר
שוכני גיטו יצאו לחפשם,
אז נבוא לקברים ונוקיר
היהודים שמסרו את נפשם.

וכשתצאו לחפשי, יהודים,
ספרו לבנים, בני בנים
על סבלות ותלאות שבאונו,
על רצח וכאב ידעונו;
הראו הקברים,
בכל מקום פה פזורים

(מתוך שיר־צואה של אחד הקדושים)

מבוא

•

פארווארט

ס'וועט קומען א צייט און די זון וועט אויפשיינען
און באפרייען די אידען פון געטא און נויט,
דאן בּאערען וועלען מיר די קברים
וואו עס זענען געפאלען אידען מיט א הייליקען טויט!

און אז איהר וועט באפרייט ווערען, אידעלעך,
זאלט איהר דערציילען די קינדערלעך
פון אונדזער פיין און גיהנום,
פון אונדזערע ליידען און מארד,
ווייזען די קברים, די נעמען דארט,
וואו עס איז נור דא א ארט...

(פון א צוואה־ליד, געשריבען דורך א מערטירער)

מבוא

ב"ה

אחרי אלף שנות חיים

אחרי טיול ארוך, מלא מתח ועלילות חיים על פני היריעות הרחבות של מגילת פולין אנו מתקרבים לתקופה קצרה, רבת ההוד והעינוי, לפנינו הגווילין האחרונים חרוכי אש ודם המשתרעים על פני אלף ימי חורבן והרס. כאן, קודש הקדשים של „מגילת פולין" המעטירה, כאן מתגלה לפנינו מחזה רב אימים של עקידה קדושה עטופה תמרות עשן וענני אש שעמדה לה בקצוי נתיב היסורים והכאב, מוקפת מדריגות רב גווניות מהן מראיהן ככבשנים ומהן ופניהן כעמודי תליות, הכל כאן אפוף חרדת קודש, קוראת לך, להלך בדרכי אבלות הללו: של נעלך מעל רגלך, כי התקופה לה אתה נכנס, תקופה קדושה היא.

ארבעת החלקים הראשונים של „מגילת פולין", שאנו אומרים לשטח בתקופה מאוחרת יותר ישתרעו על פני התקופה הארוכה של כאלף שנות גלות פולין. אלף שנות ביסוס ולבטים, שגשוג ופריחה של יהדות מעטירה זו. החלק החמשי, זה אשר לפנינו משתרע על פני תקופה קצרה של כאלף ימי הרס ואבל, חורבן וחיסול ואם תרצה לומר: רק מבוא לתקופה איומה וקדושה זו. שרטוטים קלים וקצרים ממסכת עמוקה מני תהום המתרוממת עד לשמי רום, אשר יד יציר אנוש לא תשכיל לציירה.

תקופה איומה זו, רצופה בכל שבעת הזוועות בהן נתנסה אי פעם יצור אנוש המטילות רעדה בכל בן תמותה. רפודה בכל סוגי כאב ומכאוב ושזורה בכל שלבי השפלה ודכוי שהוענקו לבריאה. יסורי תופת או מפלצת הרעב, אימת המחלות או תהום החדלון וחוסר הישע, מכות ועינויים ע"י השטן עצמו, תופת זו לכל גווניה ליוותה את לבה של היהדות המעטירה בדרכה למוות הגואלת, שהופיעה אף היא בקשת רב צבעית של מיתות רעות ומשונות, ועדיין לא תם כוס התרעלה, כשכלבי הפשע אינם מרפים מגופות הכפירים הטהורים וצפרני העורבים הטורפים אינם חדלים מלנקור את עיני הקדושים המעונים שנסגרו תוך עוני.

לא בקפיצה מהירה נגיע לאותה העקידה הגדולה, דרך נהרות דמע נצעד עד אשר נפגוש בנחלי הדם התוססים, מצעד בן כאלף ימים נעבור עד אשר נגיע לישימון הענקי, אפוף הוד המרופד עצמות מיליוני קרבנות. שלבים, שלבים נעשה דרכנו בעמלנו להציג לנו ולאלה אשר יבואו אחרינו צל של תמונה מאותו חזיון של אימים וקדושה, שאסור כי זכרו ימוש מאתנו לעולמי עד.

זכור אל תשכח

ארבעת החלקים הראשונים של „מגילת פולין" מוקדשים לתיאור חיי יהודי פולין, על לבטיהם ומאוויהם, החלק החמשי, „החורבן", מוקדש למותה של יהדות פולין. לפרפורי יסוריה בימיה האחרונים. חובה עלינו לזכור את חיי גולה מעטירה זו, מצוה עלינו לזכור, את חיסולה של גולה זו. את העקידה האיומה שסימלה את קצה של פרשה רבת ההוד והקדושה ששמה יהדות פולין.

מצווה היהודי לזכור את יציאת מצרים. מצווה היהודי לזכור את אשר עשה לנו עמלק, מעין צו זה מוטל על מצפונו של היהודי בן דורנו, לזכור, לא לשכוח את אשר עלל לנו עם הרשע והפשע. מצווים אנו לספר זאת לאלה אשר יבואו אחרינו, עד דור האחרון את אשר היה לנו ואיננו, את אשר אבדנו בדם ואש, לספר לדורות אשר יבואו אחרינו על לבה של האומה הנצחית שנעקדה על קידוש השם.

מירוץ החיים של האנושות לא נפסק עת בו עלו הלהבות מהכבשנים הגדולים, עת בו נפחו מיליוני יהודים את נפשם תוך יסורים איומים, האנושות ממשיכה בשירת החיים שלה בטמפו ההולך וגובר, שארית הפליטה של יהדות פולין השתלבה במעגל זה, הטרדות היומיומיות משכיחות את ענני העבר, את זכרם של הקרובים והיקרים לנו מכל, בלי משים ורצון עוברים גם אנו לסדר היום כשצלה של השואה האיומה מתרחקת והולכת, נשכחת ומתטשטשת גם מזכרוננו.

מחובתנו לפחות לרשום את הדברים, בל ישלוט עליהם שר השכחה, בל יעלמו גם מזכרוננו, מחובתנו לאסוף את כל החומר המצוי, בכתב ובעל פה, להציב במגילה רחבה את כל פרטי השואה.

פאר־ווארט

נאך טויזנט יאר לעבן

נאך א לאנגן אינטערעסאנטן שפאציר, איבער די ברייטע בלעטער פון „מגילת פולין״, פול מיט שפאנונג און איבערלעבענישן, דערנענטערן מיר זיך צו א קורצע עפאכע אויסגעפילט מיט ערהאבענקייט און פיין.

עס ליגן פאר אונז פארבלוטיקטע בלעטער, וואס ציען זיך איבער כמעט טויזנט טעג פון חורבן און פארוויסטונג. אט דא איז דער קודש הקדשים פון דער גלאררייכער „מגילת פולין״. עס ענטפלעקט זיך פאר אונז א שוידערליך בילד, געהילט אין רויך־זיילן און פייערדיקן וואלקן, א בילד פון א הייליגער עקידה וואס איז אויפגעשטעלט געווארן ביים ענדע פון א יסורים־פולן און ווייטאק־פולן וועג. אלץ איז דא איינגעהילט אין ציטערדיקער הייליקייט וואס רופט דיר, דער וואס שפרייזט איבער די אבל׳דיקע שליאכן : טו אויס די שיך פון דיינע פיס, ווייל הייליג איז די תקופה אין וועלכער דו גייסט יעצט אריין.

די ערשטע פיר טיילן פון „מגילת פולין״ וועלן זיך צושפרייטן איבער דער לאנגער, טויזנט־יעריקער תקופה פון גלות־פולין, טויזנט יאר פון מאטערניש. דער פינפטער טייל, נעמט ארום א קורצע תקופה פון באלד טויזנט וויסטע, טרויעריקע טעג, פון חורבן און פארטיליקונג. ווילט איר, איז עס נאר א אריינפיר צו דער שרעקליכער און הייליגער תקופה. עס זיינען נאר לייכטע און קורצע שטריכן איבער א עפאפיי וואס קייקלט זיך צום טיפסטן אפגרונט און דערלאנגט צום העכסטן הימל, וואס קיין מענשליכע האנט איז ניט בכוח עס אויסצומאלן.

די דאזיקע שרעקליכע תקופה, דורכגעפלאכטן מיט אלע גרויזאמקייטן מיט וועלכע א מענש איז ווען עס איז געפרווט געווארן, אויסגעבעט מיט כל ערליי קרענק און ווייטאקן, דורכגעוועבט מיט כל מיני דערנידערונגען וואס די וועלט פארמאגט, מיט גיהינום׳דיקע יסורים אדער חיה׳שן הונגער, קלעפ און פיין דורכן שטן אליין ; דער א פילזייטיקער גיהינום, האט באגלייט דאס הארץ פון גלאררייכן פוילישן אידענטום אויף זיין וועג צום טויט געקומען דורך פארשיידנארטיקע מיתות משונות, און אפילו דער טויט האט נאך דעם ביטערן כוס ניט אויסגעשעפט, ווייל די זינדיקע הינט האבן נאך ניט אפגעלאזט די געלייטערטע קערפער פון די לייבן, און די נעגל פון די שווארצע קראען האבן נאך אלץ ניט אויפגעהערט אויסצופיקן די אויגן פון די הייליגע און פארפייניקטע וואס האבן זיך געשלאסן אין יסורים.

ניט לייכט וועלן מיר צוקומען צו דער א ריזיקער עקידה. דורך ים׳ן טרערן וועלן מיר שפרייזן ביז מיר וועלן צוקומען צו טייכן פון קאכעדיק בלוט, א מהלך פון כמעט טויזנט טעג וועלן מיר דורכגיין, ביז מיר וועלן צוקומען צו דער גיגאנטישער וויסטעניש וואס ליגט איינגעהילט אין ערהאבענקייט, אויסגעפלאסטערט מיט ביינער פון מיליאנען קרבנות.

שטופענווייז וועלן מיר גיין. באמיענדיק זיך פארצושטעלן פאר אונז אליין און פאר די וואס וועלן קומען נאך אונז — חאטש א שאטן פון דעם בילד וועגן דעם שרעקליכן און הייליקן אקט, וועלכע מיר טארן קיינמאל ניט פארגעסן.

געדענק ! פארגעס ניט !

די ערשטע פיר טיילן פון „מגילת פולין״ שילדערן דאס לעבן פון די אידן אין פוילן. דער פינפטער טייל — „דער חורבן״, פארנעמט זיך מיטן טויט פון פוילישן אידענטום, מיט די ווייטאקדיקע צאפלענישן אין זיינע לעצטע טעג. איז, אויב עס ליגט אויף אונז א חוב צו געדענקען דאס לעבן פון דעם א טייל פון אידענטום, איז א מצוה צו געדענקען ווי דאס דאזיקע אידענטום איז פארטיליגט געווארן.

יעדער איד איז אנגעזאגט צו געדענקען יציאת מצרים און וואס עמלק האט אונז געטאן. דאסגלייכן דארף א איד פון היינטיקן דור פילן אויף זיין געוויסן דעם באפעל : געדענקן ! ניט פארגעסן ! וואס עס האט אונז אנגעטאן דאס נאצי פאלק. דערציילן ביזן לעצטן דור — וועגן דעם וואס מיר האבן געהאט און איז מער ניטא, וואס מיר האבן פארלוירן אין בלוט און פייער ; דערציילן די צוקונפטיקע דורות איבער דאס הארץ פון אידישן פאלק וואס איז אוועק אויף קידוש השם.

ישמשו לפחות הדפים הללו כעדים חיים למאורעות האיומים ביותר בתולדות עם הנצח. יספרו הדפים הללו לאלה אשר היו עדים לשואה ולאלה שלא היו עדים לה, לאלה אשר יבואו אחרינו ולא ידעו ולא הכירו את גולת פולין המעטירה, מגילה של חיים טהורים ושל מות קדושים.

יד ושם למיליונים

הם הלכו, מיליוני אחינו מבלי להשאיר זכר אחריהם. הם נעלמו, מבלי שאבן קרה, אטומה ומיותמת תעיד על קברם. הם הלכו ועצמותיהם לא זכו להגיע לקבר ישראל. בכבשני אושביץ וטריבלינקה, סוביבור ובלזיץ נשרפו גופותיהם ואפרם פוזר לכל רוח, עצמותיהם טוחנו ומהם ושימשו לתעשית סבון לטיהור הידים המגואלות של עם המרצחים ומהם ששימשו כתחליף לזבל למען יניבו שדות חיות הטרף את תנובתם ליצורים נבזים.

הם לא זכו לאויר לנשימה בחייהם ולא זכו לשעל אדמה במותם. העלוב ביצורי אנוש זוכה לקבר, למצבה המספרת לדור האחרון על עצמות הנחות מאחוריו, לא כן מיליוני הקדושים המעונים, הטהורים והטובים בבני אדם, הם לא זכו לקבר ולא זכו למצבה, מהם ובכלל לא זכו להגיע לקבורה ומהם שקברי האחים הגדולים שם הוטמנו הפכו לשדות ניר ולשדות מרעה, לשטחי בינוי או מגרשי משחקים.

אין בידינו לתקן את פני הדברים, נבצר מאתנו מלהקים ציונים על קברי הקדושים הפזורים על פני מרחבי פולין השוממים ואם לא נשאר לנו אלא לחרוט על יריעות קרות של „מגילת פולין" את שמותיהם ופעלם של הקדושים, אם אין בידינו אלא לספר באזנינו ובאזני אלה שיבואו אחרינו את אשר עבר על היקרים והאהובים לנו — הבו ונעשה זאת.

הבו ונרשם הדברים האיומים הללו, למען לא יעלה בתהום השכחה זכרם של אלה שנאבדו בתהום הכאב, הדם והיזע.

בחשכה קולטים מעט

אנו נכנסים לתקופה איומה, כשהיום מחשיך והולך, נעשה דרכנו כמגששים באפלה. כשמדע הדיוק, כשהסטטיסטיקה המבוססת, כשהמחקר היסודי נוטשים אותנו על הסף. אינם מלוים אותנו במצעדנו דרך ימי הסער והזעף. אין אפוא בידינו לתת תמונה מושלמת ומדויקת על אלף ימי החורבן, אלא שרטוטים כלליים, המבוססים בחלקם הקטן על האומדן ועל הערכה, ובחלקם על מסמכים ועובדות, שרטוטים אשר בכוחם לתת לנו מושג מלא על נתיב היסורים עליו עברו אחינו בפולין.

אין אנו מתימרים לשטוח כאן מסמך מסכם למרות מיטב המאמצים שהשקענו להשיג מטרה זו. סערת המאורעות וחוסר עדים מספיקים לטרגדיות איומות ורבות מנעו מאתנו את הדבר. ורבות עמלו הרוצחים לטשטש את עקבות הפשע ובעיקר לפני תבוסתם הסופית. אם כי לרוב ימצא הקורא פרקים מושלמים ומבוססים על חקירות ועדויות מוסמכות ביותר וכן תיאורים רבים וממצאים, שנאספו בעמל ויזע, במסירות ונאמנות לאמת על ידי צוות העובדים שלנו.

אולם אם יתכן שיבושים קלי ערך ביחס לתאריכים או לתיאורים מסוימים שנמסרו בעל פה מפי עדים אחוזי אימה, כשצל המות ריחף לנגד עיניהם הרי שאין מקום להרהורים ביחס לתמונה השטוחה כאן, ולהיקפה ועומקה של הטרגדיה האיומה, שעברה כל דמיון וכל מחשבה. גם התיאורים השחורים מני שחור, הפנטסטיים ביותר חיוורים מול המציאות האיומה שפגעה ביהדות פולין וביהדות אירופה המזרחית.

מחזות אימים שבכוחם להקפיא אוקיינוסים של דם התחוללו במערת דמים זו, מרחבי פולין העצומים שנהפכו לגיא ההרג והאבדון, לבית השחיטה של יהודי איירופה. מצעד הכאב והיסורים שהשתרע על פני אלף הימים האפלים טרם נראה באלפי שנות חיים אשר בעולמנו. עד כי גם דרך הקירות האטומים נקלט הד הזעקות המחרידה של מיליוני קרבנות המובלים לטבח באכזריות שאין לתארה. בחמת זעם שטרם נראו בעולם המלא פשע.

ווען מיליאנען האבן אויסגעהויכט זייער נשמה אין די שרעקליכסטע יסורים, האט די מענשהייט ניט אויפגעהערט צו זינגען איר לעבנס־ליד מיט נאך א שטארקערן טעמפא. און די שארית הפליטה פון פוילישן אידענטום האט זיך ארייגעדרייט אויך אינ׳ם קאראהאד, די טאג־טעגליכע דאגות האבן געמאכט פארגעסן אן דער שווארצער פארגאנגענהייט, דער אנדענק פון אונזערע נאענטסטע און טייערסטע איז, אומבאמערקט און ניט ווילענדיק — פארטושט געווארן. און מיר הויבן אן אריבערגיין צום טאג־ארדענונג אזוי, אז דער שאטן פון דעם שרעקליכן אומגליק דערווייטערט זיך אלץ מער, ווערט פארטושט און פארגעסן.

זיינען מיר דאך לפחות מחויב צו פארצייכענען די געשעענישן, זיי זאלן ניט פארשווינדן פון אונזער געדעכעניש. אונזער חוב איז צונויפזאמלען דאס גאנצע מאטעריאל אין ווארט און שריפט וואס געפינט זיך נאך.

זאלן חאטש די דאזיקע בלעטער דינען אלס לעבעדיקע עדות אויף די שרעקליכסטע געשעענישן אין די געשיכטע פון אידישן פאלק. זאלן זיי דערציילן פאר די וואס זיינען אליין געווען עדות פון אומגליק און פאר די וואס האבן אים ניט געזען, די וואס וועלן קומען נאך אונז און האבן ניט געקענט דעם גלארייכן פוילישן אידענטום.

א מצבה פאר מיליאנען

זיי זיינען אוועק, מיליאנען ברידער, ניט איבערלאזענדיק קיין זכר. פארשוואונדן געווארן און אפילו א קאלטער, שטומער שטיין זאגט ניט עדות אויף זייער קבר. זיי זיינען אוועק, און זייערעביינער האבן ניט זוכה געווען קומען צו קבר ישראל. אין די קאלכאויוונס אין אוישוויץ, טרעבלינקע, סאביבור און בעלזעץ זיינען זייערע קערפערס פארברענט געווארן און זייער אש איז צושפרייט געווארן אויף אלע ווינטן. זייערע ביינער האט מען צומאלן און געמאכט פון זיי זייף אפצוואשן די פארבלוטיקטע הענט פון מערדער־פאלק, אדער סינטעטישע מיסט פאר די פעלדער פון די חיות, כדי זיי זאלן בעסער אויסדייען תבואה פאר די נבזה׳דיקע באשעפענישן.

די קרבנות האבן ניט זוכה געווען צו אטעמען ביים לעבן און ניט צו א פויסט ערד נאכן טויט. דאס מינדעסטע מענשליכע באשעפעניש האט רעכט באגראבן צו ווערן און צו באקומען א מצבה וואס זאל דערציילן די ווייטערדיקע דורות וועמענס ביינער עס ליגן אונטער איר; אבער די מיליאנען הייליקע־פארפייניקטע, די לויטערסטע און בעסטע פון דער מענשהייט, האבן ניט זוכה געווען צו קיין קבר און צו א מצבה. פיל פון זיי זיינען אפילו צו קבורה ניט געקומען, און די וועלכע זיינען שוין יא געקומען אין ריזיקע ברידער־קברים, האט מען די קברים צואקערט און געמאכט פון זיי פעלדער און פליינען, בוי־שטחים און שפיל־פלעצער.

מיר זיינען ניט אימשטאנד דאס צו פארריכטן, עס איז אונז אוממעגליך אויפצושטעלן אנדענקונגען אויף אלע קדושים וועמענס קברים זיינען צושפרייט איבער דער לענג און ברייט פון פארוויסטן פוילן. אבער אויב עס איז אונז געבליבן נאר אויסצוקריצן אויפן קאלטן פאפיר פון „מגילת פולין״ די נעמען און אויפטוען פון די קדושים, און אויב עס איז אונז נאר געבליבן צו דערציילן פאר אונז אליין און פאר די וואס וועלן קומען נאך אונז — וועגן דאס וואס עס האבן דורכגעמאכט אונזערע ליבסטע און טייערסטע — לאמיר עס טאן!

די פינסטערניש לאזט ניט אויפנעמען

מיר גייען אריין אין א גרויל־תקופה, דער טאג ווערט שווארצער פון שווארץ, און מיר מוזן גיין אונזער וועג טאפענדיק אין דער פינסטער, ווען די סטאטיסטישע באגרינדונג און פונדאמענטאלע פארשונג — פארלאזן אונז גלייך ביים ערשטן טריט, און באגלייטן אונז ניט אויף אונזער מארשרוט דורכן שרעקליכן שטורם. מיר קענען דעריבער ניט געבן קיין פולע און גענויע בילד וועגן די טויזנט טעג פון חורבן,

פרק, פרק ועולמו

על פני שלושים פרקים, עמוסי מאורעות וסבל משתרע החלק החמשי של „מגילת פולין". פרק פרק ועולמו, פרק פרק ויעודו, כל קטע, כל דף — עולם מלא של דם ודמע, עינוי וכאב. כל פרק — טרגדיה בפני עצמה, כל יריעה איומה משניה, כל דף מר מקודמו וכך נרקמת המגילה הזאת, כשהיא טוויה כולה בגידי דם ואש, יסורים וסבל, היריעה הטראגית ביותר שנראתה מעולם.

דחוס החומר שבמגילה זו עד למחנק. מרובים הדפים הטראגיים ובידך לפרוס את המגילה על פני שטחים עצומים, רחבים ביותר. רק תמציתה של הטרגדיה, העמוקה מני עמוק והגבוהה עד שמי רום נדחסו בספר שלפנינו, המוגבל בהיקפו ובממדיו.

החומר שבספר, אינו כרונולוגי כהשואה עצמה, שהבהלה והמבוכה לא נטשוה אף לרגע. היא לא הכירה בזמן, בלוח או בשעה מסוימת. המאורעות הסוערים כאילו שטפו את היצירה כולה על סדריה ומלויה הטבעיים. הפרקים שבספר אינם שוים בתוכנם וחשיבותם ביחס למאורעות ולעצם השואה. למעשה, רק כשלושים ציוני דרך במרחב הענקי של שדה הטבח הגדול, ציוני דרך עקריים החושפים את פני העקידה הקדושה.

כל פרק שבחלק זה ועולמו המלא, רקעו ותופעות הליווי שלו. עולם מלא בפני עצמו אבל, משתלב בסופו של דבר בטראגדיה הגדולה והאיומה הפרושה לפנינו, ביריעות התפורות היוצרות את „מגילת פולין".

המפלצת הנאצית

ראשיתה של השואה — במפלצת הנאצית.

זו המפלצת של רשע שביצעה את תפקיד התליין במסכת איומה, זו המפלצת שהתלבשה על האומה הגרמנית והפכה לחלק בלתי נפרד ממנה. זו גרמניה אשר לא הוגה דעות אחד הזהיר את העולם בפניה, מחמת התפרצות הזעם הנאגר בחיות הפרא הנורדיות המוכרחה פעם להתפוצץ, להביא לידי שואה איומה ולדרדר את האנושות כולה אחריה.

שום תנועה ליבראלית לא הצליחה להתבסס בגרמניה. היטלר לא היה הראשון שהסית את עם גרמניה אכול אכזריות נגד היהודים, אבל הוא הצליח לטפח את הרגשות הפראיים ביותר של האומה הרצחנית ולהפוך את גרמניה מהלכה למעשה לעם של חיות טרף שהסתערו ללא רחם על יהודים האומללים, מחוסרי מגן. הוא הצליח לתת בטוי לאינסטינקטים הפראיים ביותר של עם זה, בעל שגעון הגדלות הצמא לדם. כחיה טורפת התחממה אומה זו למראה דם טרי והפכה את פולין ועמה — איירופה כולה לבית מטבחים ענקי.

לדעתו של אותו אכזר האיום ביותר בהיסטוריה, שהתגלם בדמותו של היטלר הרי שחטאם של היהודים הוא עצם קיומם הוא הדריך אפוא את העם שנהג על ידו לפוגרום הטוטאלי נגד העם היהודי והשתתפו במסע־רצחני זה, כל אשר בשם גרמניה יכונה, הצבא וכל השירותים המזוינים, מערכות המשפט והחוק הגרמני, הדיפלומטיה והפילוסופיה, המדע של פיסיקה ושל רפואה, מדע הטבע ומדע הרוח וכל אשר בשם גרמניה תכונה.

ומי בגרמניה זו לא רקד סביב למדורה בה נשרפו חיים מיליוני יהודים, ילדים ונשים, זקנים וצעירים? הספרות וההיסטוריה, המוסיקה וגם התיאולוגיה, כל הקהל הגרמני „פאן דער מאאס ביז אן די מעמעל, פאן דער עטש ביז אן די בעלט" כפי שאוהבים הם, עם המרצחים לשיר בשירם „דויטשלאנד, דויטשלאנד, איבער אלעס"...

עס לטבח יובל

חית הטרף הגרמנית טופחה ואולפה בשיטתיות. בעקביות. כמו במצעד צבאי צעדה גרמניה הנאצית לקראת המטרה הנכספת שבאה לידי בטוי בשירו של האורסט וועסטעל הנפשע „ווען ס׳אידן בלוט פאנם מעסער שפרוצט"...

ערוכים לטבח פרצו הקלגסים לפולין הפרוצה לכל רוח והשתלטו עליה. נטולי מגן ומחוסרי ישע

נאר אלגעמיינע שטריכן וועלכע זיינען טיילוויז באזירט נאר אויף שאצונגען און שטריכן וואס קענען אונז געבן א פולע אפשאצונג איבער דעם ליידנס־וועג וואס אונזערע ברידער אין פוילן זיינען דורכגעגאנגען.

אבער אויב עס זיינען מעגליך געוויסע, ניט וויכטיקע אומגענויאיקייטן בנוגע די דאטן אדער באשטימטע שילדערונגן, וועלכע זיינען איבערגעגעבן געווארן מונדליך, דורך צום טויט־דערשראקענע עדות, וואס דער שאטן פון טויט האט געשוועבט פאר זייערע אויגן, איז אבער קיין ספק ניטא וועגן דעם פארנעם און טיפעניש פון דער שרעקליכער טראגעדיע וועלכע האט איבערגעשטיגן יעדער פאנטאזיע און יעדן געדאנק. אפילו די שווארצסטע און פאנטאסטישסטע שילדערונגען, ווערן בלאס אין אנבליק פון דער שרעקליכער ווירקליכקייט וואס האט געטראפן דעם פוילישן אידענטום און דעם אידענטום פון גאנץ מזרח־אייראפא.

יעדער קאפיטל — א וועלט פאר זיך.

דרייסיק קאפיטלען פארנעמט דער פינפטער טייל פון „מגילת פולין". יעדער קאפיטל — א וועלט פאר זיך. יעדע זייט פול מיט בלוט און טרערן, ווייטאק און פיין. און אזוי ווערט געשפינט די דאזיקע מגילה, דורכגעוועבט דורך און דורך מיט אדערן פון בלוט און פייער.

דער אנהויב פון אומגליק שטעקט אין דער נאצישער געשפענסט.

דאס איז געווען די האנט וואס האט אויסגעפירט די תלינישע ארבייט אין די גרויליכסטע צייט. דאס געשפענסט וואס האט זיך איינגעפרעסן אין לייב פון דייטשן פאלק און האט אים פארוואנדלט אין א חלק פון זיך. ניט איין דענקער האט געווארענט די וועלט פארן דייטשן פאלק, אין וועמענס טיפעניש איז שטענדיק אנגעזאמלט דער צארן פון דער נארדישער חיה — וועלכער מוז ווען עס איז ארויספלאצן.

קיין שום ליבעראלע באוועגונג האט זיך ניט געקענט איינווארצלען אין דייטשלאנד. היטלער איז ניט געווען דער ערשטער וואס האט אנגערייצט דעם דייטשן פאלק אויף די אידן, אבער אים האט זיך איינגעגעבן איינצוווארצלען די סאמע ווילדעסטע געפילן אינ׳ם מערדער־פאלק און פארוואנדלען גאנץ דייטשלאנד אין ווילדע חיות וואס האבן זיך א לאז געטאן אן רחמנות אויף די אומגליקליכע, אומבא־שיצטע אידן.

און אין דער א מערדערישער קאמפאניע האבן אנטייל גענומען אלץ און אלע וואס ווערט אנגערופן „דייטשלאנד". דאס מיליטער מיט אלע זיינע פארמאציעס, דאס געזעץ און געריכטס־וועזן, די דיפלאמאטיע און פילאזאפיע, דאס פיזיקאלישע און מעדעצינישע וויסענשאפט, הומאניסטיק און נאטור־וויסענשאפט— אלץ און אלע!

ווער אין דייטשלאנד האט עס ניט געטאנצט ארום דעם שייטערהויפן אין וועלכן עס זיינען לעבע־דיקערהייט פארברענט געווארן מיליאנען אידן, קינדער, פרויען, אלט און יונג? די ליטעראטור און די געשיכטע, די מוזיק און אפילו די טעאלאגישע וויסענשאפט זייערע, דאס גאנצע גערמאנישע געזינדל — „פאן דער מאאס ביז אן די מעמעל, פאן דער עטש ביז אן די בעלט" — ווי דאס מערדער־פאלק האט ליב צו זינגען אין זיין הימן — „דויטשלאנד, דויטשלאנד איבער אלעס".

א פאלק ווערט געפירט צו דער שחיטה.

די דייטשע רויב־חיה איז דערצויגן געווארן גראדליניק און קאנסעקווענט. ווי אין א מיליטערישן פאראד האט דאס נאצי־דייטשלאנד מארשירט צום געגארטן ציל וואס איז אויסגעדריקט געווארן אין דער הארסט־וועסל פארברעכער־ליד: „ווען יודן בלוט פאן מעסער שפריצט"...

גרייט צום שעכטן, האט דאס דייטשע סאלדאטעריע זיך ארייגעריסן אין פונאנדערגעפאלענעם פוילן און עס באוועלטיקט. אומבאשיצט און אומבאהאלפן האבן זיך געפונען די 3.225.000 אידן געגנאיבער אומרחמנות׳דיקע רויבער, וואס האבן פארלוירן יעדן מענשליכן געפיל, זיך אויסגעליידיקט פון יעדן מאראלישן ווערט און געלאזט פריי הוליען די אין זייער בלוט איינגעווארצלטע חיה׳שע אינסטינקטן.

נעמדו 3.225.000 יהודים פנים אל פנים מול הטורפים מחוסרי רחם ונטולי צלם אנושי שאבדו כל רגש והתערטלו מכל ערך מוסרי, הם שיחררו את תאוות הטרף הטבועות בדמם מכל רסן. כך נפלו לידיהם מיליוני יהודים אומללים, נטולי נשק ומגן, כך עונו עד אשר נטבחו. כך עברו מיליוני יהודים, טהורים וקדושים את מסלול הכאב והיסורים, כך שתו את כוס התרעלה עד תומו.

ואל לנו לשכוח, השואה האיומה שהובילה לעקידה הגדולה באה לפי רצונה של ההשגחה העליונה. כל אשר סביב לטראגדיה האנושית הגדולה בדברי הימים — תופעות ליווי היו. נתבונן בשואה איומה זו מכל נקודת מבט שהיא, מכל זוית ראות, אחת נראה — עקידה ענקית של מיליונים הטומנת בקרבה את סוד הגדול, סוד תפקידה ויעודה, עקידה שנוצרה על ידי בורא העולם והוקמה ע״י האנושות כולה. בצעו אותה הגרמנים אבל לכל העמים יד בה. מעטים בני האומות היכולים לרחוץ בנקיון כפם, להגיד: ידינו לא שפכו בעקיפין את הדם הזה ומצפוננו — טהור הוא.

נאמנים לאמת ההיסטורית

הפרשה האיומה, העקובה אוקיינוסים של דם טרם זכתה לציון מתאים. אבל ידעה סילופים לרוב, מהם מודרכים ומהם מכוונים. פה ושם עמלו גורמים שונים להציג תמונות לא נכונות מאותו מחזה רב ההוד. מהם ופעלו לפי צרכיהם האנוכיים ומהם פעלו למטרות זדוניות, היהדות הנאמנה, זו שעמדה בגבורה עילאית ושמרה בכוחות לא אנושיים על צביונה וצלמה האלקי, יהדות זו שידיה לא היו במעל ובבגד כל שהיא, שלא שיתפה פעולה עם הרוצחים ולא הרכינה ראשה בפני המפלצת הטורפת, יהדות זו לא זכתה לכל הערכה או מצבה בכתב. מקומה נדחק הצדה.

אותו טיפוס רב ההוד של היהודי המשליך נפשו מנגד למען השמירה על עקרונות הנצח המופקדים בידו, אותו יהודי ההולך בדם ובאש למען דתו ואמונתו, החזק מצור וגבור מחלמיש, אותו אדם עליון שהתהלך ברגליו הרועדות עלי האדמה שבערה מתחתיו וראשו הגיע השמימה, אותו יציר מופלא שנעלם ואינו לא זכה למצבת אמת אשר תנציח לפחות את קוי דמותו ואופיו ואשר תספר לדור האחרון את אשר היה ואינו.

„מגילת פולין״, זו השטוחה לפנינו שומרת על זיקתה לאמת העובדתית, חבר העובדים עמל במסירות ובנאמנות כדי למסור את הדברים בצורה נכונה, זהה עם האמת ההיסטורית. כדי להציג את יהדות פולין בחרבנה כפי שזו היתה באמת, ללא כחל ושרק.

יעודה של המגילה

שלושים פרקי הספר אשר לפנינו, משתרעים על פני התקופה האיומה מראשית צמיחת הנאציזום ועד לגמר החורבן. אלה הם שרטוטים ותיאורים כלליים, שאינם מפרטים את הנעשה בקהלות ישראל בכל אחת מהן בנפרד, לקהלות ישראל בפולין, תולדותיהן וחורבנן מוקדשים חלקים אחרים במגילה זו.

החומר שבחלק זה אשר לפנינו מוקדש לחורבן הכללי של יהדות פולין, למסע הנאצי כולו, לתוכניות החיסול וביצוען, לחוקים הדרסטיים ולמחנות המות, ואם נגענו פה ושם בפרטים לא מעטים היה זה כדי לאפשר להציג את תמונת ההרס והחורבן הכללית. כדי להציג תמונה מושלמת יותר מהטר־גדיה האיומה והגדולה.

ליד גילויים רבי הוד ותפארת שבגבורה נתגלו גם נקודות תורפה וצללים מעיקים, למען האמת ההיסטורית ובהתאם לשאיפתנו העזה להציג תמונה נאמנה ושלימה מהשואה האיומה לא פסחנו גם על המקרים הקודרים הללו. חשפנו את אשמת הרוצחים הגרמנים ולא התעלמנו גם מחלקם של בני עמים אחרים בפרשה טראגית זו. מול גלויי גבורה נפשית לא התעלמנו מחולשה וקטנות מוח, אם כי אין אנו אומרים להפוך לשופטים של השואה, להאשים זה או אחר, אין הדבר משחרר אותנו מלהציג תמונה שלימה וכוללת ולא לפגום בה בחוסר.

אנו מאמינים כי אכן הצלחנו להציג תמונה נאמנה אם לא שלמה, קודרת מחורבנה של יהדות פולין וזאת ע״י עבודת נמלים מיגעת, במאמץ עילאי.

תודתנו החמה לחבר העובדים וכל אלה אשר הושיטו לנו יד אחים לביצוע משימה זו.

ירושלים תשכ״א. יהודא לייב לוין

אזוי זיינען אריינגעפאלן אין זייערע הענט מיליאנען אומגליקליכע, אומבאוואפנטע און אומבאשיצטע אידן. און אזוי זיינען זיי פארפייניקט געווארן ביזן טויט.

דאס איז דער וויכטיקסטער מאמענט אין דעם גרויסן אומגליק וואס האט געפירט, לויטן ווילן פון די השגחה העליונה צו די גרויסע עקידה. אלצאיינס מיט וואס פארא אויגן אדער פערספעקטיוו מיר וועלן ניט באטראכטן די קאטאסטראפע, איינס וועלן מיר אבער זען: דאס איז א ריזיקע עקידה פון מיליאנען וואס באהאלט אין זיך א גרויסן סוד, דעם סוד פון איר ציל און איר אויפגאבע אין דער פארם, אין וועלכער זי איז געקומען פון ג—ט און אויסגעפירט געווארן דורך דער גאנצער מענשהייט.

טריי דעם היסטארישן אמת

די גרויזאמע, אין בלוט געווייקטע, פרשה, האט נאך ניט זוכה געווען צו באקומען א געהעריקן דענקמאל. אבער פעלשונגען האט זי שוין געהאט א סאך, אויסגערעכנטע און ציל־באוואוסטע. דא און דארט האבן פארשיידענע גרופן זיך באמיט אוועקצושטעלן דעם העראישן אקט אין א קרומען שפיגל, דאס רעליגיעזע אידענטום וואס האט, מיט א אויסערגעוויינליכער העראישקייט און מיט איבערמענשלי־כער קראפט, אויסגעהאלטן און געהיט זיין אייגנשאפט און זיין צלם־אלוקים, וועמענס הענט זיינען געבליבן ריין פון קלענסטן שמוץ — האט ניט זוכה געווען צו קיין שום אפשאצונג אדער דענקמאל אין פארם פון א בוך.

דער טיפ פון דעם ערליכן אידן וואס גיט אוועק זיין לעבן כדי צו היטן די אייביקע יסודות וואס זיינען אים אנפארטרויט געווארן, אט א דער איד וואס גייט דורך בלוט און פייער פאר זיין גלויבן און רעליגיע, דער פעלזנפעסטער הימעלמענש וועמענס ציטערנדיקע פיס שפרייזן אויף דער אונטער אים ברענענדיקער ערד און זיין קאפ שפארט אן די הימלען, — האט ניט זוכה געווען צו א אמת׳ער מצבה וואס זאל חאטש פאראייביקן די שטריכן פון זיין פערזענליכקייט דערציילן די ווייטערדיקע דורות וועגן איהם.

מיט איבערגעבענהייט און געטריישאפט האבען מיר פון „מגילת פולין״ זיך באמיט איבערצוגעבן די פאקטן אמריקקטיסטן. אין איינקלאנג מיטן היסטארישן אמת, כדי פארצושטעלן דאס פוילישע אידענ־טום אינ׳ם חורבן — ווי דאס איז געווען באמת.

דער ציל פון די „מגילה״

די דרייסיק קאפיטלען פון דעם א טייל, נעמען ארום די שרעקליכע תקופה אנהויבענדיק פון די ערשטע טעג פון נאציזם ביזן ענדע פון חורבן. דאס זיינען אלגעמיינע שטריכן און שילדערונגען וואס דערציילן וואס עס איז געשען.


דאס מאטעריאל אין דעם טייל איז געווידמעט דעם אלגעמיינעם חורבן פון פוילישן אידענטום; דעם נאצישן מארש אין אלגעמיין, די פארניכטונג׳ס פלענער און ווי זיי זיינען דורכגעפירט געווארן, די דראסטישע געזעצן און די פארניכטונגס־לאגערן.

צוזאמען מיט גלארייכע און העראישע דערשיינונגען, זיינען אויך פארצייכנט געווארן מאנכע שוואכקייטן און טונקעלע מאמענטן, אבער געטריי דעם היסטארישן אמת און אונזער אומבויגזאמער שטרעבונג צו געבן א פולקאמע און ריכטיקע בילד פון דער קאטאסטראפע — האבן מיר ניט איבערגעהיפט אפילו אויף אזוינע טרויעריקע דערשיינונגען. מיר האבן אויפגעדעקט די שולד פון די דייטשע מערדער און אויך ניט פארזען דעם אנטייל פון אנדערע פעלקער אין דעם טראגישן אקט.

מיר גלויבן, אז עס האט זיך אונז אייגעגעבן צו ווייזן א טרויעריק אבער ריכטיק בילד וועגן חורבן פון פוילישן אידענטום.

אונזער ווארימסטן דאנק די מיטארבייטער און די אלע וואס האבן אונז געגעבן זייער ברידערליכער האנט צו ערפילן די דאזיקע אויפגאבע.

ירושלים, תשכ״א. — יהודא לייב לוין



המפלצת הנאצית

●

די נאצישע בעסטיע

פרק ראשון

בפרק זה מסופר על העם הגרמני האכזר מטבעו והצמא לדם מאז ומקדם, שהפסיד במלחמתו וגמר אומר לנקום את נקמתו. קם בן בליעל ויסד תנועה רצחנית ותוך שנים מספר הצטרפו אליה מרבית הגרמנים, מסרו לידיה הטמ־אות את השלטון במדינתם. הרוצחים שהפכו לשליטים החלו מיד לשפוך דם נקיים וכלו כל חמתם ביהודים מחוסרי מגן, כששערי הרחמים ננעלו בפניהם. שדדו אותם ושפכו דמם כמים ואומות העולם עומדות מן הצד ומונ־עות למעשה כל עזרה של ממש מהאומללים. טרגדיה איומה זו שימשה הקדמה למרחץ דמים ענקי שנערך על ידי הרוצחים הללו, עת הגיחו מארצם למסע כיבוש העולם. המגילה השטוחה לפנינו לא תהיה אפוא שלמה אם לא נספר לראשונה על תנועת הרוצחים ושרשיה ומעלליה ועל ההכנות לקראת זינוקם לפולניה.

★

קאפיטל 1

דאס דייטשע פאלק האט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט זיין בלוטדורשיקייט און גרויזאמקייט. ער איז געווען מאכטגיריק און דעספאטיש נאך יעדן נצחון און פול מיט פארניכטיקונגס־צארן נאך א מפלה. די ערשטע וועלט מלחמה האט דייטשלאנד פארלוירן. האבן די בלוט־דור־שטיקע דייטשן געגרינדעט די היטלעריסטישע פארטיי, אי־בערגעגעבן די מאכט אין רוצ־חישע הענד, וועלכע האבן אויסגעלאזט זייער וויסטן צארן אויף די הילפסלאזע אידן. זיי בערויבט, פארגאסן זייער בלוט און די גרויסע פרייע וועלט האט שווייגענדיק געהאלפן ליקווידירן דעם אור־אלטען אידישן ישוב. די גרוי־זאמע טראגעדיע איז געווען נאר א הקדמה צום שרעקליכן בלוט באד אין פוילן, דאס ערשטע קאפיטל פון דער "מגילה" איז געווידמעט דעם בלוטיקען פארשפיל אין דייט־שלאנד צום חורבן פוילן.

גרמני המוכרח פעם להתפרץ ולשטוף בדם נקיים את העולם כולו.

גרמניה היוותה מאז ומעולם קרקע פוריה לסרטנים נאציים או לאומנים. שום תנועה ליבראלית לא הצליחה מעולם להכות שרשים רציניים במדינה זו, אשר השנאה והמשטמה לכל יסוד יהודי, לכל גלוי של שלטון הרוח על הכוח, הפכה לעצם מעצמו של כל גרמני וגרמני. איבה ליהודי — קובע ההיסטוריון והצורר הגרמני טרטשקה — הוא חלק בלתי נפרד מישותם של כל בני גרמניה.

ומן ״הרצון לנצח״ של פיכטה דרך ״רוח העולם״ של הגל, עד ל״רצון לחיות״ של שופנהאואור ול״רצון לשלוט״ של נטשה, כתף בכתף עם ״הרצון לכבוש״ של ביסמרק הגיע היטלר ל״רצון להשמיד״. האשמדאי הגדול לא היה הראשון לפלס נתיבות למחנות מות ולנהרות דם, הוא לא סלל את הנתיב לחמת הזעם של המפלצת הנורדית, קדמו לו קארל דירינג וריכארד ואגנר, פאול דה לה גארד ואדולף שטקר הכומר, אוטו גלאגאו והרמן אלווארט ואחרים.

היטלר לא היה האדולף הראשון שהסית נגד היהודים, הוא לא היה המטורף הראשון שיצר את העלילות על השלטון היהודי העולמי, הוא לא היה הרוצח הראשון שנשבע לגאול את הספרות הגרמנית, לטהר את הכלכלה הנורדית ולנקות את האויר הפרוסי מיהודים, הוא אף לא היה המבשר הראשון של תורת הגזע ומגיפת האריות. כשראה רב־טבחים זה לראשונה את אור השמש באחת הסימטאות של לינץ שבאוסטריה כבר חלפו יותר ממאה שנה מאז הפיצו בהצלחה סר וויליאם גונס ופראנץ בופ אחריו את התיאוריה הנאצית על היחס הישיר בין האנגלו סאקסים לבין השבטים האריים (הנעלים), הנורדיים שבאו מהודו. בדמיונם החולני חיפשו דמיון בין האנגלית והגרמנית לבין הסאנקריט. באהדה ובכנות קבלו הגרמנים את הבשורה לה כמהו מדורות לשמוע, לפיה הרי הם העידית שבאנושות, הארים־הנעלים, יעודם לשלוט על עמים, על השבטים נחותי הדרגא, ואיך טען הפילוסוף הראשון של ״תורת הגזע״, ה׳ ס׳ צמברליין: ״אפילו יבואו ויוכיחו שהגזע ״הארי״ לא היה ולא נברא, כדאים אנו ליצור גזע כזה בעתיד״.

אותו הוסטון סטיוארד צמברליין, אנגלי מלידה שהתגרמן הסביר בספריו רבי התפוצה וההשפעה ״יסודות המאה התשע עשרה״, ש״הארי״ הטהור או הטיבטון המוסרי תרם לאנושות את המעולה שבה, נגד התרומה המורעלת והרקובה של היהדות. הארים הם לדעתו בני גזע האדונים שנולדו ונוצרו לשלטון, סימנם „ברור״: גלגולת מוארכת פנים נהדרות.

צמברליין לא היה המסית היחיד בין חלוצי הגזענות. הרוזן יוזף ארטור דה גובינו עלה עליו בפופולריותו. ספרו מרובה הכרכים ״מסע על אי השויון של גזע אנוש״ נתקבל בהתלהבות בכל רחבי גרמניה וריכארד ואגנר לא פסק מלהללו ולהפיצו. אומר דה גובינו: כל הטוב שבעולם בא לה לאנושות ממשפחה נעלה או ״ארית״ אחת, משפחת הטיבטונים, ואילו כל הרע — מוצאה ממשפחה תת אנושית. יעודו של הארי — לשלוט. יעודו של תת אדם — לשרת את


Ritualmord-Nummer

Der Stürmer

...tsches Wochenblatt zum Kampfe um die Wahrhei...

HERAUSGEBER: JULIUS STREICHER

Sonder-Nummer 1

Nürnberg, im Mai 1934

Jüdischer Mordplan

gegen die nichtjüdische Menschheit aufgede...

Das Mördervolk

Die Juden stehen in der ganzen Welt in einem furchtbaren Verdacht. Wer ihn nicht kennt, der kennt die Judenfrage nicht. Wer die Juden nur ansieht, wie Heinrich Heine (Chaim Bückeburg) sie beschreibt: „Ein Volk, das zu seinem Unterhalt mit Wechseln und alten Hosen handelt und dessen Uniform die langen Nasen sind," der ist auf falschem Wege. Wer aber weiß, welch eine ungeheuerliche Anklage schon seit Anbeginn gegen die Juden erhoben wird, dem erscheint dieses Volk in einem anderen Lichte. Er sieht in ihnen nicht nur ein eigenartiges, seltsam anmutendes Volk, er sieht in ihnen Verbrecher und Mörder und Teufel in Menschengestalt. Und es überkommt ihn gegen dieses Volk ein heiliger Zorn und Haß.

Der Verdacht, in dem die Juden stehen, ist der des Menschenmordes. Sie werden bezichtigt, nichtjüdische Kinder und nichtjüdische Erwachsene an sich zu locken, sie zu schlachten und ihnen das Blut abzuzapfen. Sie werden bezichtigt, dieses Blut in die Mazzen (ungesäuertes Brot) zu verbacken und auch sonstige abergläubische Zauberei damit zu treiben. Sie werden bezichtigt, ihre Opfer, besonders die Kinder, dabei furchtbar zu martern und zu foltern. Und während dieses Folterns Drohungen, Flüche und Verwünschungen gegen die Nichtjuden auszustoßen. Dieser planmäßig betriebene Menschenmord hat eine besondere Bezeichnung, er heißt

Ritualmord.

Das Wissen vom jüdischen Ritualmord ist schon Jahrtausende alt. Es ist so alt wie die Juden selbst. Die Nichtjuden haben es von Generation zu Generation übertragen. Es ist uns durch Schriften überliefert. Es ist aber auch in der breiten Volksmasse vorhanden. In den verstecktesten Bauerndörfern stößt man auf dieses Wissen. Der Ahne sprach von ihm zu seinem Enkel. Und dieser wieder trug es weiter auf Kinder und Kindeskinder. So vererbte es sich bis zum heutigen Tag.

Es ist auch in den anderen Völkern vorhanden. Wo irgendwo in der Welt eine Leiche gefunden wird, die die Anzeichen des Ritualmordes trägt, erhebt sich sofort laut und groß die Anklage. Sie richtet sich überall nur gegen die Juden. Hunderte und aberhunderte von Völkern, Stämmen und Rassen bewohnen den Erdball. Niemand denkt daran, sie des planmäßigen Kindermordes zu beschuldigen und sie als Mördervolk zu bezeichnen. Den Juden allein wird diese Anklage aus allen Völkern entgegengeschleudert. Und viele große Männer haben

Judenopfer

Durch die Jahrtausende vergoß der Jud, geheimem Ritus folgend, Menschenblut
Der Teufel sitzt uns heute noch im Nacken, es liegt an Euch die Teufelsbrut zu pack...

Die Juden sind unser Unglück

החסתה נגד היהודים בגרמניה / בלוט העצע געגן אידן אין דייטשלאנד

הנמר וחברברותיו

השבט הטיבטאני־גרמני שנכנס אי פעם תחת כנפי הנצרות, נטש את הפולחנים האליליים הקדומים אבל לא נפרד לעולם מהרגליו האכזריים ומתאוות הטרף. שמר על צמאונו לדם, על אופיו היונקרי, על מהותו המפלצתית, הגרמני בימי הקידמה והחופש, החרות והדרור נשאר כמו שהיה בימי ווטן וואלהאלה הרחוקים: צמא שלטון וכיבוש, רודנות אכזרית. קד לחזק ובז לחלש, בו הוא מכלה זעמו ומזמן לזמן נותן פרקן לרשעות הזדונית המפעפעת בקרבו.

מאחורי מעטה של חוק וסדר, מבעד לגלימה של מדע וקידמה, תססה בנפשו הכמיהה לרדות בחלש כשליט גס, קשוח וקפדן, להתהלך ככובש במרחבים שדודים ולהתעלל בקרבן מחוסר אונים כבשעשוע המעריץ טל מרענן ומחיה. תקופת האמנסיפציה לא טיהרה את נפשו של היונקר המורעל. לא ניקתה את לבו של הגרמני הצמא לדם, היא רק ריסנה אותו זמנית ושללה ממנו לזמן מה את האפשרות לתת פורקן ליצריו. מאגר של רשעות נוצר בגרמני החדש, המתורבת כלפי חוץ והמתקדם בעיני עצמו, וכבר לפני מאה שנה ויותר הזהיר הסופר הגרמני ממוצא יהודי, היינריך היינא את האנושות מחמת־המשחית של הפרא הנורדי־

דער בלוט דורשטיקער טיגער

איבערגייענדיק צום קריסטענטום האָבן די דייטשען־טיבע־טאָנען אוועקגעוואָרפן דאָס געצענדינערייִ אָבער ניט די גרויזאַמקייטן און בלוטדורשטיקייט. אפילו אין די צייטן פון פרייהייט, מענשליכקייט און פאַרטשריט איז דער דייטש געבליבן געגוי ווי אין די אַלטע צייטן פון וואָטאַן און וואַלהאַלע: מאַכטגיריק, עראָבעריש, דעספּאָטיש און גרויזאַם. פאַרגעטערט דעם שטאַרקן און אויסגעלאַכט דעם שוואַכן, אויסגיסענדיק אויפן שוואַכענס קאָפּ דעם צאָרן און שלעכטקייט וואָס האָט געברענט אין אים.

די תקופה פון עמאַנציפּאַציע האָט ניט אויסגעלייטערט די פאַרגיפטיקטע יונקערישע נשמה וואָס האָט געגאַרט נאָך בלוט — נאָר עס געצוימט, צונעמענדיק די מעגליכקייט פון בושעווען. אָבער אַ ארסענאל פון רשעות האָט זיך אָנגעקליבן ביי די נייע, ציוויליזירטע און אין די אייגענע אויגן פאַרטעגשריטענע־דייטשען. שוין פאַר הונדערט יאָר האָט דער אידיש־דייטשער דיכטער היינריך היינע געוואָרנט די מענטשהייט פאַר דעם נאָרד־דייטשען פאַרניכטיקונגס־צאָרן וועלכער מוז מיט די צייט אויספלאַצן און פאַרפלייצן די וועלט מיט אומשולדיק בלוט.

עס איז אַ פאַקט אַז דייטשלאַנד איז פון תמיד געווען דער פּאַסיקסטער אָרט פאַרן שרעקליכן נאַצישן קרעבס. קיין שום ליבראלע באוועגונג האט ניט געקענט שלאָגן וואָרצלען אין דייטשער ערד, וואו די שנאה צו אלדאס אידישע, צו אלעם וואָס גיט די אויבערהאנד דעם גייסט איבער דעם פיזישן קראַפט — איז געוואָרן אַ שטיק פון אייגענעם „איך" פון יעדן דייטש. „די שנאה צו אידן" — שטעלט פעסט דער דייטשער היסטאַריקער און שונא ישראל טראטשקע — „איז א שטיק פון דאזיין פון יעדן דייטש".

אָנהויבענדיק פון „דראנג צום זיג" פון פיכטע, דורך דעם „גייסט פון דער וועלט" פון העגעל ביז דעם „דראנג צום לעבן" פון שאפענהויער און „דאָס שטרעבן צו הערשאַפט" פון ניטשע, האנט ביי האנט מיטן „דראנג צו עראבערונג" פון ביסמארק, איז היטלער געקומען צום „דראנג צו פאַרניכטן". דער גרויסער אשמדאי איז ניט געווען דער ערשטער וואָס האָט געלייגט דעם וועג פאַר די טייכן בלוט און טויטלאַגערן, ער איז ניט געווען דער ערשטער מערדער וואס האט געעפנט דעם וועג פארן צאָרן פון נארדישן געשפענסט. פאַר אים זיינען שוין געווען קארל דיורינג און ריכארד וואַגנער, פאול דע לאַ גאַרד און דער גלח אַדאָלף שטעקער, אוטו גלאגאו, הערמאן עלוואַרט א.א.

מיט פארשטענדעניש האָבן די דייטשן אויפגענומען די בשורה, וועגן וועלכען זיי האָבן שוין דורות־לאַנג געחלומט, אז זיי זיינען די „אויבערשטע פון שטויסל", די ארישע אויבערמענשן וועמנס אויפגאבע איז צו הערשן אויף די נידעריקע פעלקער. ווי האָט געזאָגט דער ערשטער ראסן־טעארעטיקער ה.מ. טשעמבערליין: „אפילו מ׳וועט אויפווייזן אז די ארישע ראסע איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן, איז כדאי אין די צוקונפט צו שאַפן אַזאַ ראסע".

דער גערמאניזירטער ענגלענדער טשעמברליין האָט גע־



בעיר ובכפר, בחוה וביער הסתה פרועה נגד היהודים / אין שטאט און דארף, פארם אדער וואלד, א ווילדע העצע געגן די אידן

טענה׳ט אין זיינע גוט פארשפרייטע ביכער „פונדאמענטן פון 19־טן י׳ ה׳" אז די ריינע אריער און נאבלע טיבעטאנער האָבן געגעבן דער מענשהייט דאָס בעסטע וואָס זי פאַרמאָגט אין די צייט וואָס די אידן האָבן געגעבן דעם פארפעסטעטן טייל. מען קען דערקענען גלייך, זאָגט ער, אָן דעם לענגליכן שארבן און פרעכטיקן געזיכט — די איבערמענשליכקייט פון די אריער.

און ער איז ניט געווען דער איינציקער ראסן־טעארעטיקער.

גראַף יאָזעף ארטור דע גאבינא איז נאך בארימטער געווען פון אים, און זיין פילבענדיקער ווערק „עסיי איבער די אונגלייכהייט דער מענשליכער ראסע", איז אויפגענומען געווארן מיט יובל אין גאנץ דייטשלאַנד און ריכארד וואגנער האָט אים געלויבט ביזן הימל.

דע גאבינא זאָגט: דאָס בעסטע וואָס די מענשהייט פאַרמאָגט האָבן איר געגעבן די איבערמענשן פון ארישער אדער טיבעטאנישער אפשטאמונג, און אלדאס שלעכטע — דער אונטער־מענש. די אויפגאבע פון די אריער איז — הערשן און פון די אונטער־מענשן — צו דינען די גרויסע הערן. נאָר אַז די אריער וועלן וויסן צו היטן זייער בלוט וועלן זיי ניט דעגענערירן.

Mein Kampf

רבי האדונים ואלה האחרונים — רק השמירה על טהרת דמם תבטיח עתידם ותמנע אותם מניוון·

תורת הגזע קרמה גידים ועצמות· הנסיך ברנרד פון בילוב דיבר כבר אז בלהט וללא היסוס על יחס הפטיש והסדן בין גרמניה לבין אומות אחרות החלשות ממנה· ביסמרק ראה את מדיניות הדם והברזל ככורח המציאות· עם של סדר ומשמעת הם הגרמנים· לראשונה צעדו הפילוסופים, מפלסי הנתיבות, אחריהם נעו המושלים, המגשימים·

„ארוכי הגלגולות״ צמאים לנקם

מכאיבה התבוסה לעם גאה· כואבת שבעתים לאומה „ארוכת הגלגולת״, בני „גזע האדונים״· אין כתבוסה לעורר רגשות נקם ומה עוד אצל רבי אדונים שנפגעו בידי גזעים תת אנושיים· את „האשמים בתבוסה״ לא היה כל צורך לחפש בנרות· אלה הסתובבו בגרמניה מימים קדומים· אלה לא היו „אריים ארוכי גלגולת״, כאלה אינם אשמים לעולם··· אלה הם יהודים תת־אנושיים, המזומנים לשמש כשעירים לעזאזל·

מלחמת העולם הראשונה נסתיימה· חוזה וורסייל כובל את גרמניה היהירה, על חורבות הקיסרות שואפת הכיבושים והתהלה קמה הריפובליקה הוויימארית, המכונה בפי „העילית״ הארית — „הריפובליקה היהודית״, וזו נאבקת על קיומה· המשבר הכלכלי הקשה מרושש מיליונים, המתהלכים בטל, כתונתם לעורם ושנאה בלבם, מבעד לגלימת האדיבות סוער הדם הנורדי, זועק : נקמה···

המיליטאריזום הפרוסי, „אינו אשם״ בשואה· איש אינו מטיל עליו אשמה זו· אשמים — היהודים· מאה אלף יהודי גרמניה שלחמו במסירות נפש בכל החזיתות, 12 אלף חללי המלחמה היהודים אינם יכולים לסתור את האשמה··· המו־לך האכזרי זקוק לקרבן, נתגלה מועמד — שוב לא ירפה ממנו· „יהודי בשם ארצברגר חתם על שביתת הנשק המחפירה בשם גרמניה האומללה בפקודת היהדות העולמית״ זועק בנירנברג צורר צעיר בשם יוליוס שטרייכר· „הוא הראשון ואחריו היהדות כולה צריכה לשלם בדמה בעד הפשע הזה״ צווח הלה, ואכן, לא עברו ימים רבים וביער השחור שליד ברלין שילם ארצברגר בחייו „בעד מעשהו״· אחריו נרצח באכזריות שר החוץ הווימארי ממוצא יהודי, פון ראתנוי·

ראתנוי זה שרת בנאמנות את שאיפות הנקם של הגרמנים· כמיניסטר לשיקום בממשלה שקמה אחרי חוזה שביתת הנשק הוא מסביר לגנרלים המובסים : פריקת הזיון שלנו על ידי בנות הברית לטובתנו היא· הכלים מיושנים· כדי לנצח במלחמה הבאה עלינו להזדיין בנשק חדיש, ורב היתרון לצבא העמוס פחות בחומר מיושן·

עמיתו של ראתנוי, הגנרל פון סקט עושה הכל בחשאי באין רואים, על דעת ממשלת וויימאר כדי ליצור את המבנה והשלד לצבא הנקם הגרמני החדש· נאמנה עדותו של הגנרל פון ראבנאו בשנת 1940, שנת הנצחונות לנאצים : קשה היה לעשות את מלאכת הזיון בשנים 36—1940 אילו לא תוכנן הכל מראש, בשנת 1920···, אבל אין בזה כדי לכפר על עצם פשעו של ראתנוי, על היותו יהודי···ואיך אומר אוסוואלר שפנגלר, הפילוסוף הלאומי הגרמני בתקופה הווימארית : „הכרח הוא שיבוא דבר שיקרא דרור באיזו דרך שהיא לשאיפות העמוקות ביותר שבדמנו״···

וזה בא· קם האשמדאי, וניצל את הקוניקטורה· התבוסה הלאומית שימשה כבסיסו והשפל הכלכלי — מנוע שדחפו· הגזענות — סוסו ואנטישמיות — שוטו· כך דהר והגיע לכס השלטון והמנהיגות·

מפלצת קורמת עור וגידים

לא פחות מ־73 קבוצות לאומניות שרצו בגרמניה בתקופה הווימארית· במסבאות ובמועדוני זוהמא התאספו קצינים בדימוס ומבוטלים מאונס, מלאו את חלל האויר בשנאה ובמשטמה לכל, טיפחו רגשות נקם וצמאון לדם· אירגונים פאשיסטים וריאקציונריים, אנטישמיים ואנטי ליבראליים נוצרו בכל פנה· באחת המסבאות שבבאוואריה, במרתף בירה במינכין נוסדה על ידי שבעה ממורמרים שתוים למחצה „מפלגת הפועלים הגרמנים״, שהפכה במרוצת השנים למפלגה הנציונל־סוציאליסטית, זו אשר נתנה בטוי לחמת הזעם של החיה הטורפת הנורדית וקיפחה את חייהם של 20 מיליון איש ויותר·

בספטמבר 1919 ערכה „מפלגת הפועלים הגרמנים״ עצרת באחד המרתפים במינכין, נקלע למקום קורפורל אכול מרירות בשם אדולף היטלר· הקורפורל אך יצא מבית חולים בפומראניה שם שהה חדשים רבים אחרי שנתעוור זמנית באוקטובר 1918 מגזכלור בעת התקפה בריטית ליד קומן· ממורמר היה היטלר עד לשדו· מלא אמביציות ושאיפות והנה הוא דורך על סף שנת השלושים לחייו בדד וגלמוד, עברו זרוע כשלונות, גם גרמניה נכשלה, האם כשלונו שלו אינו זהה עם כשלונה של האומה ? האם גורמים זהים לא פעלו בשטח זה ? „היהודים הכשילוהו״ בבחינות ולכן לא נתקבל לאקדמיה לאמנות בווינה, אותם היהודים הלא הכשילו גם את גרמניה· הוא מתהלך מחוסר כל, נטול עתיד ותקוה, כמוהו כל „הגרמנים הטובים״, ואילו היהודים, הבולשביקים, הפלוטוקראטים אוכלים מטוב הארץ ומשעבדים את „עם האדונים״···

החדשים האפלים הארוכים של ימי עוורונו סיפקו לקורפורל הכושל הרהורי זעם לרוב שכירסמו בו עד עצמותיו· חוללו ביצריו הבלתי מרוסנים רוח אימים, יצא את בית החולים והוא יודע הכל : היהודים הם שהביאו את השואה, הם הרודים בעם הגרמני האציל, גרמניה נדקרה עם סכין בגבה על ידי היהודי המזוהם והופלה על ידו ארצה· החייל הגרמני טרם סיים את תפקידו, לא, המערכה מתחילה עתה··· יש לנקום את נקמתה ממוצצי דמה···

יושב לו היטלר באסיפה במרתף הבירה וכולו קורן מאושר· הנה מדברים אנשים ברוח דעותיו· נוקבים ללא מורך בשמות האשמים : היהודים ומשרתיהם הבולשביקים,

אַזוי האָט די ראסן־טעאריע זיך אויסגעשטאלטעט.

דער פירשט פאן בילאוו האָט אומזשעניִרט גערעט מיט התלהבות וועגן דעם האמער און קאוואדלע אין דער באציאונג צווישן דייטשלאַנד און אַנדערע, שוואַכערע פעלקער. ביסמארק האָט געפונען אַז די פּאָליטיק פון בלוט און אייזן, איז א לעבנס־נויטוועגדיקייט.

דאָס דייטשע פאָלק איז אַ פאָלק פון אָרדענונג און געהארכזאמקייט, האבן טאַקע די ערשטע געשפרייזט די פילאזאפן אלס וועגווייזער און נאך זיי די פּאָליטיקער, די הערשער.


די לענגליכע שארבנס שטרעבן : נקמה

אויב א מפלה טוט ווי א שטאָלצן פאָלק, טוט זי זיבענפאַכיק ווי אַ „הערן־פאָלק" מיט לענגליכע שארבנס. אַ פארלוירענע מלחמה רופט שטענדיק ארויס נקמה־געפילן, בפרט ביי אַ „הערן־פאָלק" וואָס איז געשלאגן געוואָרן פון אונטער־מענשן. די שולדיקע אין דער מפלה האָט מען ניט געדארפט ווייט זוכן, דאָס זיינען געווען אלט־איינגעזעסענע דייטשע בירגער, ניט קיין אריער און האָבן ניט קיין לענגליכע שארבנס. די אידן־אונטער־מענשן, זיי זיינען שטענדיק די כפרה הינדל.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט. דער ווערסאילער פרידנס־אָפּמאַך האָט געבונדן דייטשלאַנד מיט קייטן, אויף די חורבות פון דער מאכט און רום דורשטיקן קעניגרייך — איז אויפגעשטאנען די ווײמארער רעפּובליק. „די אידישע רעפּובליק" האָבן איר גערופן די ארישע סמעטענע — זי האָט געקעמפט פאר איר עקזיסטענץ. די שווערע ווירטשאפטליכע לאַגע האָט רואינירט מיליאָנען, זיי זיינען געבליבן נאָר מיטן העמד אויפן לייב און אַ שנאה אין האַרצן. אונטערן מאַנטל פון העפליכקייט האָט געבושעוועט דאָס נארדישע בלוט — גערופן צו נקמה.

אודאי באַשולדיקט קיינער ניט דעם פרייסישן מיליטאריזם. שולדיק זיינען — די אידן ! די הונדערט טויזנט אידן־זעלנער וואָס האָבן געקעמפט פאר דייטשלאַנד אויף אַלע פראָנטן, דער גרויזאמער מולך דאַרף אַ קרבן און ער וועט אים שוין ניט אָפּלאָזן. — „אויפן באַפעל פון וועלט־אידענטום, האָט דער איד ערצבערגער געחתמעט אויפן דערנידעריקענדן וואפנשטילשטאנדס־אָפּמאַך אין נאָמען פון דאָס אומגליקליכע דייטשלאַנד" — האָט אין נירענבערג געשריגן דער יונגער אנטיסעמיט יוליוס שטרייכער, „ער אלס ערשטער און נאָך אים דאָס גאנצע אידענטום דאַרף באַצאָלן מיט בלוט פאַר דעם פארברעכן". און באמת, אין אַ קורצע צייט אַרום האָט באַצאָלט ערצבערגער מיט זיין לעבן פאַר זיין אונטערשריפט, נאָך אים איז גרויזאם דערמאָרדעט געוואָרן דער ווײמארער אידיש־דייטשער אויסערן־מיניסטער — פאן ראטענוי.

אויב די רעגירונגען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך האבן געזוכט א פּאָליטישן אויסגלייך מיט נאצי־דייטשלאַנד, נעגירענדיק די נאצישע אידעאָלאָגיע, האבן די הערשער פון פוילן, די מיליטערישע קליקע וואס איז געקומען נאך פילסודסקי — דעם פוילישן דיקטאטאר, געשטרעבט צו א פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע פארשטענדיקונג מיט די נאציס. אויב זיי האבן געמוזט שליסן א פאקט מיט דעם מערב און אונטערשרייבן א פארטיידיקונגס פאקט מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך, איז עס נאר געווען צוליב נויט. א קליינער וואונק מצד דייטשלאַנד איז געווען גענוג אז פוילן זאל זיך אנשליסן אין נאצישן מארש געגן טשעכאָסלאָוואקיע, צולייגן א האנט צו איר פארניכטונג, אין פולשטענדיקן געגענזאץ צום ווילן פון אירע מערב פריינט ענגלאַנד און פראַנקרייך, מיט דער שוואכער האָפענונג אז דאס וועט איר העלפן צו א פארשטענדיקונג מיט בערלין. זי האט אויך, אויף א קורצע צייט, זוכה געווען צו באקומען עפּעס פון רויב. א קליין שטיקל טשעכאָסלאָוואקישע לאַנד איז צוגעטיילט געווארן פוילן.

און ווען דער פּוילישער אמבאסאדאר אין בערלין, הער ליפּסקי, איז דעם 21.3.1939 געקומען אין נאצישן אויסערמיניסטעריום און דערציילט ריבענטראָפּן וועגן די שמחה פון פּוילישן פאלק צוליבן צוקאאפּטירן פון טשעכישן ציעשין צו פוילן און ווי דאס פּוילישע פאלק פרייט זיך ערליך אויף „די געדעכטע לעזונג פון טשעכאָסלאָוואקישן פּראָבלעם״ — האט דער מיניסטער זיך ניט וויסענדיק געמאכט פון אלע דיפּלאָמאַטישע העפליכקייטן, נאר מיט שוים אויף די ליפּן אָנגעפאלן אויף פּוילן וואס אונטערדריקט די דייטשע מינדערהייט, באוואפנט זיך כדי אָנצופאַלן אויפן דריטן רייך, פירט א גרויל־פּראָפּאָגאנדע געגן דייטשן און האלט מיט גוואלד באָדן וואס איז גערויבט געווארן פון דייטשלאַנד. ליפּסקי האט פארלאָזן דעם אויסערן־מיניסטעריום א אָפּגעשמיסענער. עס איז געווען שוין זיכער, אז די מיילער פון די דייטשע הארמאטן זיינען געווענדט אויף ווארשא.

די נייע דייטשע פאדערונגען זיינען גלייך פולשטענדיק אויסגעדריקט געוואָרן אין די דייטשע פּרעסע און דורך אלע נאצישע פּראָפּאָגאַנדע־קוועלן: 1) צוקאאפּטירן דאנציג, דעם קאָרידאָר און שלעזיען; 2) אויסצובעסערן די גרענעצן; 3) אָפּשטעלן אלע רדיפות אויף די דייטשע מינדערהייט אין פּוילן אונטער אויפזיכט פון דייטשלאַנד; 4) ענטוואָפענונג פון פּוילן, וועלכע באדראָט דעם דריטן רייך; 5) א פולשטענדיקע ענדערונג אין די „אגרעסיע פּאָליטיק״ פון פּוילן, וואס איז געקומען צום אויסדרוק דורך שליסן פארטיידיקונגס פאקטן מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך.



ילד יהודי בזבונשין אחרי גירושם של יהודי פולין מגרמניה / אין זבאנשין — א פּוילישׁ אידיש אינגל ארויסגעטריבן פון דייטשלאנד צוריק קיין פּוילן

ווידער האָט היטלער געשטעלט זיינע פאדערונגען אולטימאטיוו און ארויספאדערנד, די ערקלערונג פון פראנקרייך און ענגלאַנד אז „זיי וועלן פארטיידיקן די אומאפּהענגיקייט פון פּוילן״ — האט די נאציס ניט באאומרואיקט. די מיליטערישע קראפט פון דייטשלאַנד האט דערגרייכט אזא הויך, אז עס האט איבערגעשטיגן פּוילן, פראַנקרייך און ענגלאַנד צוזאמען. סאוויעט רוסלאַנד, האט אנגעהויבן פירן דיפּלאָמאטישע געשפּרעכן מיט דייטשלאַנד וועגן א פאקט. דער איד ליטווינאוו, א שטארקער ציל פאר די נאצישע פּראָפּאָגאנדע געגן רוסלאַנד, איז אוועקגעשיקט געווארן און אויף זיין פּלאַץ איז געקומען דער רוס — מאָלאָטאָוו.

די פּאזיציעס פון די בלוט־דורשטיקע נאציס האבן זיך אָן אַ שיעור פארבעסערט. די דייטשן זענען שטארקער געווארן מיטן איינגעמען טשעכאָסלאָוואקיע, פּוילן איז ארומגערינגלט געווארן פון דריי זייטן. רוסלאַנד איז געווען גרייט צו געבן היטלערן אַ פרייע האנט אין אייראָפּע. דער מאָמענט פון שפּרונג איז געקומען. דער קריג איז ניט צו פארמיידן, האט געשריגן היטלער, „דער קריג פון נקמה און הערשאפט פון דריטן רייך״. אבער דאס האט ניט געשטערט די חיה אין מענשן־געשטאלט היטלערן, צו טענה׳ען אין זיין צוואה וועלכע ער האט געשריבן אין טאג פון זיין טויט:

„עס איז ניט ריכטיג אז איך אדער וועלכער עס איז אנדער מענש אין דייטשלאַנד האבן געוואָלט דעם קריג פון יאר 1939. צו די מלחמה האבן געהעצט און איר געוואָלט נאר די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיקער פון אידישער אָפּשטאמונג אדער וועלכע האבן געדינט אידישע אינטערעסן. נאך אלע מיינע פארשלאגן וועגן ענטוואפענונג, קענען די צוקונפטיקע דורות ניט ארויפלייגן אויף מיר די אחריות פאר די מלחמה״.

דער עראבערונגס מארש

די נאציס זיינען ארויסגעגאנגען אויף א עראבערונגס־מארש מיט זייער גאנצן כוח און צוזאמען מיט דעם — אויסצוראטן דעם אייראָפּייאישן אידענטום בפרט און דעם גאנצן אידישן פאָלק בכלל. נאָך אין דעצעמבער 1938 האט היטלער געזאָגט זיין גאסט פּיערוב „דייטשלאַנד עקספּאָרטירט אנטיסעמיטיזם און א דאַנק דעם איז דער אידן־פּראָבלעם געווארן א אייראָ־



מלחמת הנאצים — בילדי ישראל
דער נאצישער קריג מיט אידישע קינדער

המרזח הזולים. משמיע לזולת וקולט מאחרים סיפורי זוועה על גזע נחות דרגא המנצל ללא רחם את העם הנורדי ורודה בו. השנאה העזה הופכת ללהבה סוערת של משטמה טורפת.

מלחמת עולם הראשונה פקדה את היטלר כשהוא לבוש מדי חייל פשוטים. למרות שאיפתו העזה לא הגיע לדרגת קצין, כשנחתם חוזה וורסייל שכב אז היטלר כסמל עלוב בבית חולים צבאי, עיוור זמנית כתוצאה מהתקפה בריטית. אם בימי המלחמה נרגע קמעה, השביע רעבונו במנות אוכל צבאיות ומצא סיפוק לארס המפכה בלבו ברעמי התותחים ומחזות הדם וההרס, הרי בשכבו עיוור בימים שכולם חשוכים התלקחו שוב יצריו עד להשחית. בימי מלחמת עולם השניה הוא היה הפוליטיקאי אז הטיל את אשמת הכשלונות על הצבא. בימי מלחמת עולם הראשונה הוא היה החייל. הקורפורל העיוור של הצבא המובס, הנטוש על ידי כל ונשכח מכל, אז הטיל את האשמה על הפוליטיקאים האחראים לתבוסה.

כשהבריא מצא את גרמניה מתבוססת בתוהו ובוהו ובמחסור, שורצת כנופיות מבוטלים התרים אחרי קרבנות להטיל בהם מרירתם הארסית. באושר רב נתמלא הקורפורל הפצוע כשכנופיה כזאת איפשרה לו לתת בטוי למשטמתו הגדולה, כשסיפקה לו אזניים לקליטת דברי ההסתה. מיד השתחרר מהצבא והפך למסית מקצועי, סביבו מתאספים טיפוסים מפוקפקים. „מעינות בלתי נידלים, סוערים ועזים פרצו אז מפיו ומלבו של מנהיג הכנופיה החדש ממינכין, אדולף היטלר, שהיה בהם כדי להטביע את גרמניה כולה באוקיינוס של שנאה ומשטמה לכל, לשבע ולרוגע, לחלש ולרפה, לאח ולזר ובעיקר ליהודי" העיד אחד מרעיו.

כסערת אימים עברה הכנופיה ביעוף ובראשה — המנהיג ממרתף בירה חשוך במינכין עד לגבולות גרמניה המרוחקות ביותר, בהבטיחם לנורדי אשר כבודו חולל בשדה הקרב — נקם ושילם וחלומות נעימים על שלטון עולמי ומעמד עליון של גזע שליט, בהבטיחם לעמי פרוסיה שלל לרוב ועבדים „נחותי דרגא" למכביר, בהזינם את העין הגרמנית התאוותנית במדים ססגוניים וכפתורים נוצצים. באהבה ובנאמנות חבקה גרמניה את אליל הדמים החדש. נעה אחריו והתלכדה סביבו.

חלפו מספר שנים והיטלר הפך לשליטם הבלעדי של 70 מיליון הגרמנים. כקאנצלר של הרייך ונשיא המדינה כפיהרר של האומה וכמפקד העליון של הצבא, ככובש וגניוס צבאי, הפך את אירופה לבית מטבחים ואת עמו — לעם מרצחים. צעד מטבח לטבח ומקרב לקרב עד אשר הגיע באפריל 1944 למרתפי משרדיו אשר בברלין הבירה המוקפת מכל עבר בצבא רוסי מסתער. בפחדו ממשפט, ממתן דין וחשבון על מעשיו האיומים בחר למות באחד מחדרי המרתף־המקלט. היה זה בשעה 3.30 לפנות בוקר, ערב ה־1 במאי 1945 כשהמפלצת האיומה ירה לפיו ושם קץ לחיי הדמים שלו. בפקודת עוזריו נשרף בעזרת 200 ליטר בנזין בחצר משרד הרייכסקאנצלריי, עצמותיו, שבערו כל הלילה הוטמנו לרקיבה בבור שנכרה על ידי פצצה רוסית.

קשה לעמוד על טיבו של רוצח איום זה, כוחות תהומיים, איומים דחפו אותו למעשי הרצח הנפשעים ביותר בתולדות אנוש. אולם ברור שכוחות אימים הללו מצאו את בטויים ביציר שפל אכול נבזיות מאין כמוה. בשיחת רעים עם מר נוויל הנדרסון, השגריר הבריטי בברלין אמר היטלר: „אינני פוליטיקאי מקצועי אלא אמן, את סוף ימי אבלה כאמן... ולא כמסית מלחמה...", בפגישתו עם הרוזן ברנדוט, בשבועות האחרונות שקדמו לתבוסת גרמניה, כשצבאות אמריקה, רוסיה ובריטניה הסתערו סופית על לבה של גרמניה והמפלה הנאצית היתה כבר בלתי נמנעת סיפר היינריך הימלר כי „היטלר מתכנן תוכניות איך לבנות מחדש את ערי גרמניה ההרוסות מפצצות בצורה שישביעו את עיני האמן שבו"... הוסיף לתאר את דמותו של היטלר ראש מטה הרייכסוואר האלדר בבית הדין הבינלאומי בנירנברג באמרו: „משנתעורר אצל היטלר רגש „האמן" מיד התחיל לתאר „תופעות נהדרות" שהביאו אותו לאכסטזה. הוא תיאר את המחזה המלבב איך השמים מתאבכים בעננים, והנה יורד מטר של מיליוני טונות של פצצות המומטרים על עיר ועל האנשים הנמצאים בה, הטובעים בים של דם"..., ברגע זה — המשיך האלדר — יצאו עיניו מחוריהן והוא הפך לאדם אחר לגמרי, לפתע הפך לטורף, תואב דם...

רב הטבחים

הרמן ראושינג מתאר בספרו את מהותו של היטלר. איך התענג רב הטבחים כשהשמיע בקול את הרהוריו על אפשרויות של מרחץ דמים שיתפתח ברחובות הערים לכשימגרו את ההתנגדות המרקסיסטית לנאציזום. לדעתו של היטלר — מעיד ראושינג — אין כל אפשרות לזכות בגדלות היסטורית בלי הקזת דם ושוב לא ע אותו דמו של מי יישפך, רק המחזה של שפיכת נחלי דם הוא שעודדו ונישאו ולא המחשבה על הנצחון ועל השימוש המעשי בו. בכנס

פּיישער פּראָבלעם וואס וועט אין קורצן געלעזט ווערן, דאָס איז אונזער פעסטער באשלוס". ביים עפענען דעם רייכס־טאג נאכן מינכענער זיג האט הערמאן גערינג ערקלערט: „די נאצי רעגירונג האט באשלאָסן צו לעזן די אידן־פּראגע איינמאָל פאר אלעמאָל — אין משך פון עטליכע יאר". „דער שטירמער" דאס גוליבטע העץ בלעטל פון היטלערן האָט אין מאי נומער פון 1939 דערציילט מיט שמחה זיינע לעזער, אז „מיר זיינען ארויפגעקומען אויף א ברייטן שליאך אין אונזערע זוכענישן נאך א לעזונג אין די אידן־פּראגע, דעם פירערס מיינונג איז, אז די אידן־פּראגע וועט נאר דאן ענט־גילטיק געלעזט ווערן ווען די אידן וועלן אינגאנצן פאר־שוואונדן פון צווישן די פעלקער".


אין א רעדע אין רייכסטאג דעם 30.1.1939 האט היטלער געזאָגט: „אויב די אינטערנאַציאָנאַלע אידישע פינאנס־וועלט אין אייראָפּא און אויסער איר, וועט זיך איינגעבן אריינצושלעפּן די אייראָפּייאישע פעלקער אין א נייע וועלט־מלחמה, וועט איר אויסגאנג זיין, ניט די ערשאפט פון באָלשעוויזם אויף דער ערד און ממילא אויך דער זיג פון אידענטום, נאָר דאָס פארטיליגונג פון די אידישע ראסע אין אייראָפּא".

און ניט נאר די מערדער־עליטע איז געווען גרייט צום בלוטיקן מארש קעגן די אידן אין אייראָפּא, נאר דאס גאנצע דייטשע פאלק, וועלכעס איז געוואָרן געשולט ווי געהעריק אויסצומאָרדן די אידן. ווען מען האט געפרעגט דעם לויטע־נאנט־גענעראל אריך פאן דאם באך־זילעבסקי אויפן נירענ־בערגער פּראָצעס, ווי האט ער עס אויפגענומען מיט אזא רואיקן געוויסן די ידיעה פון איינעם פון זיינע אָפיצערן וועלכער האט אים איבערגעגעבן מיט אזא קאלטבלוטיקייט אז ער האט אויסגעהרגעט 90 טויזנט מענשן, האט דער גענעראל געענטפערט:

„איך גלויב, אז אויב במשך לאנגע יארן, צענדליקער יארן, פּריידיקט מען אָן אויפהער די דאָקטרינע אז די סלאַבן זיינען א נידעריקע ראסע און די אידן ווערן בכלל ניט גע־רעכנט פאר מענשן, זיינען די אויבנדערמאָנטע פאלגן אומ־פארמיידליך".

העץ־פּלאקאטן געגן אידן זיינען מאסענווייז פארשפּרייט געווארן צווישן די דייטשן. אין קאריקאטור ווייזט א טיפּישן אידן אין געשטאלט פון א באקציל וועלכער פאר־שפּרייט געפערליכע קראנקהייטן און איז א סכנה פאר די מענשהייט. אונטער די קאריקאטור האט מען געשריבן: „פארטיליג אן רחמנות דעם (אידישן) באקציל איידער ער וועט דיר פארטיליגן" די דאזיקע קאריקאטור איז זייער געפעלן געווארן היטלערן. „דאס ענטפּלעקט דעם אמת, מ'דארף אזוי ווייטער טאן" האט ער געזאָגט...

אפּיציעל האבן די גרויסמערדער גערעט נאר וועגן פאר־טרייבן די אידן, וועגן אויפשטעלן א רעזערוואַרט פון ס. ס. אין מאדאגאסקאר. נאך דער „קריסטאל־נאכט" האט גערינג געזאָגט אין רייכסטאג: „אויב אין דער נאנטער צוקונפט וועט דאס רייך ארייננגיין אין א סכסוך מיט א פרעמדער



במגפים מסומרות על חוזה ורסייל
מיט די פּרייסישע שטיוול טרעט מען אויף
דעם ווערסאַלער טראַקטאַט

מאכט, דארפן מיר, אין דייטשלאנד קודם כל וואס גיכער ענדיקן דעם גרויסן חשבון אונזערן מיט די אידן. נאך מער, דער פירער האלט יעצט ביים פּרוון זיך צוזאמענ־ריידן מיט אנדערע לענ־דער וועלכע האבן אויך אויפגעטראָגן די אידן־פּראגע, וועגן ערלעדיקן דעם ענין מאדאגאס־קאר, דאס האט מיר געזאָגט דער פירער דעם 19־טן נאוועמבער, קיין אנדער וועג איז ניטא, ער וועט זאגן צו די אנדערע לענדער: וואס דארפט איר שטענדיק ריידן וועגן די אידן, נעמט זיי צו".

אבער דאס זיינען געווען נאר אויסערליך שיינע רייד, היטלער האט געלעכצט נאך בלוט, נאך א בלוט באד און ניט צו לאזן אלע אידן ארויסגיין בשלום. אין סעפּטעמבער 1939 האט „דער שטירמער" געשריבן: „דאס אידישע פאָלק דארף אָפּגעמעקט ווערן צוזאמען מיט די וואָרצלען און צווייגן, דאן וועט פארשווינדן אויך דער מקור פון אלע מגיפות אין פוילן" — און אין די אידן־פּראגע האט דאס דאזיקע בלעטל אויסגעדריקט היטלערס מיינונג מער ווי ווער עס איז א צווייטער.

היטלער פלעגט ווערן מורא'דיק אין כעס ווען אים האט זיך געדוכט אז די אידן לאכן פון אים און שטעלן אים אויס צו שאנד און צו שפּאט. און זיין שנאה צו אידן איז אַלץ געווארן גרעסער טראכטענדיק וועגן דעם, „איך וועל שוין זארגן דערפאר אז זיי זאלן מער ניט לאכן" האט ער זיך געריסן דעם האלדז. אויסהערנדיק דעם באריכט וועגן דעם אז מען האט פארניכטעט דאס אייראָפּייאישע אידענטום, האט ער זיך אָפּגערופן מיט א ערלייכטערונגס זיפץ: „יעצט לאכן זיי שוין מער ניט". אלס פּאָליטישער שארלאטאן און באטריגער איז אים נישט שווער געווען זיך מאכן ווי ער וואלט באמת געזוכט א מענשליכע לעזונג פאר די אידן־פּראגע אויסער די גרענעצן פון אייראָפּא, אבער באמת האט ער אָן אויפהער געשטרעבט צו די איינציקע לעזונג לויט זיין מער־דערישע מחשבה: דאס פיזישע אונטערגאנג פון גאנצן אידישן פאָלק.

אין זיין רעדע דעם 10.10.1939 האט ער קלאר פעסט־געשטעלט: „איינס פון די צילן פון די מלחמה איז צו לעזן דעם אידן־פּראָבלעם".

וואס האט געשטויסן דעם הויפּט־תלין און זיינע געהילפן צו די דאָזיקע גרוילטאטן? ווי זיינען עס די מענשן געפאלן אזוי שרעקליך נידעריק? ווי האבן עס באשעפענישן אין מענשליכן געשטאלט געקענט אויסארבעטן אזא טייוולאנישן פּלאן, אויסצוהרגענען אלטע לייט און קינדער, פרויען און מענער ג־ט די נשמה שולדיקע? א ענטפער אויף די דערדיר־



סימן הגבול הפולני־גרמני בהתאם ל־חוזה וורסייל
דער גרעניץ שטיין צווישן פוילין—דייטשלאנד — לויט דעם ווערסאלער טראקטאט

הנוער הנאצי סיכם היטלר את תמצית השקפתו, אמר: הטבע אכזרי ואף אנו רשאים אפוא להיות אכזריים.

„בעת המצור על ווארשה" — העיד האל־דר בפני בית הדין הבינלאומי בנירנברג — „עמדתי על דעתי שאין כל צורך בהתקפות על בירת פולין הנצורה מאחר ועיר זו תפול מאליה, כשהצבא הפולני מובס למעשה ותוך ימים מספר תפול ווארשה מעצמה, למה להחריב עיר זו? היטלר מאידך תבע במפגיע להרוס את ווארשה בהפצצות בלתי פוסקות. נאלצנו להכנע לו".

הרס, חורבן, הקזת דם, אלה היו מחזות השעשועים של רב הטבחים. מענ־ינת גם העובדא שצמאונו של היטלר לדם גבר דוקא בעת תבוסה, אם כי גם בעת נצחון המחשבה על דם שיכרה אותו והוא עצמו, רחוק מלהיות גבור, התחבא וחיפש מחסה בשעה שמשטרת מינכין הסתערה על הנאצים בשנת 1924 כשהיטלר יצא בראש אנשיו לערוך „פוטש".

כאליל המולך, המתענג מחורבן מקד־שיו התענג היטלר על מתן פקודות של הוצאה להורג. מגורל זה לא נמלטו רופאו האישי בראנד, רוצח כשלעצמו, אותו חשד בבגידה קלה או הפלדמרשל רומל או גיסו בעל אחותו. כמוהם — אלפי קצינים ונאצים מסורים. בעת הנסיון של קציני הצבא לחסלו, בשנת 1944 צלצל היטלר לברלין וביקש דו"ח על המצב בבירה, כשנודע לו כי הסדר טרם הוחזר על כנו פקד לירות באנשים ללא הבחנה. „ככל שיפלו יותר אנשים כן יוחש החזרת הסדר על כנו" צווח.

אם שאף היטלר לרצח בכלל, התגעגע שבעתיים לדם יהודי. לדברי אלברט צולר, מזכירו האישי שקד היטלר על שם טוב כלפי חוץ. עמל להעמיד פני אדם חזק אבל בעל שם טוב. בשיחות, רשמיות ובלתי רשמיות שמר על העמדת פנים אבל, לא הצליח להעמיד פנים בשיחותיו על בעית היהודים. אז, יצא מגדרו, נתמלא זעם וזעף ואיבד לחלוטין את שווי משקלו. היה זה בעת שיחותיו עם עוזריו ואף עם אורחים רמי מעלה מארצות חוץ. ענה בחריפות ובגסות כשרודן איטליה מוסליני ניסה לשכנעו כי ירכך את מסעו נגד היהודים, הוא אבד כל רסן בשעה שעוצר הונגריה, הורטי ביקש להרפות קצת מהיהודים.

מראה קריקטורה יהודית נגד הנאצים, שמע תגובה יהודית הוציאה אותו מהכלים, וכששאלו הרמן ראושינג לדבריו האם אין לו שום רחמים לילדים יהודיים ענה היטלר: „אם אני יכול לשלוח את מיטב בני הנוער הגרמני לתופת מלחמה בלי שמץ של רגשי חמלה או רחמים על שפיכת דם גרמני יקר וטהור בוודאי שאוכל לחזות בחיסול מיליונים של עם נחות דרגא השורצים ככנים בלי כל רגש". כשקרא ידיעה, המספרת על מיליון כינים המרוכזים במכון גרמני למחקר בקראקא, הניזונים מדם יהודי אמר בהנאה: „הבחורים הללו ראוים לפרס. יודעים איך לפעול"... בשיחתו עם פרידריק אכסנר, כתב סוכנות „יונייטד פרס" בגרמניה בשנת 1937 אמר רב הטבחים: „חבל שאני קאנצלר ופיהרר של הרייך, הייתי מעדיף להיות במקום זה איש ס. ס. או ס. א. צעיר כדי לפגוע ביהודים בשני אגרופי או בפרגול מסומר"...

ההחלטה לרצוח מיליוני יהודים גמלה בלבו של היטלר עוד בטרם יצא למלחמה נגד פולין. בטרם חשב איש אף בגרמניה כי הדבר יתכן. בישיבת המטה הצבאי העליון שנערכה בקרון הרכבת של היטלר בעיצומה של המלחמה נגד פולין, ביום 12.9.1939 הצהיר היטלר כי מדיניותו הריאלית בפולין תתבסס על 2 עקרונות יסוד שאין לשנותם: חיסול פיסי מוחלט של היהודים ושל האינטלגנציה והאצולה הפולנית, הפקודה הרשמית לביצוע רצח זה הוציא היטלר רק ביום 11.11.1941 יום בו ניבא הימלר בשם הפיהרר „שעוד יהיו ליהודים צרות הרבה".

אשמדאי איום זה שתה לשיכרה את דמם של ששת מיליון היהודים, קדושים וטהורים ועדיין לא ידע שבעה. המפלצת הטורפת, אכולה רוח אימים רק הגבירה את תאבונה לרצח למראה נחלי דם ששטפו את אירופה כולה. גם בשכבו בבונקר שלו, כשידע שימיו ספורים, כשהאימפריה שלו בת „אלף שנים הבלתי מנוצחת" התפוררה לרסיסים קדח כולו ארס ושנאה ליהודים. בצוואתו, אותה כתב ביומו האחרון, כשמרחק קטן הפריד בינו לבין הצבא הרוסי הפנה כל חיציו לעבר יהודים. כתב גדול המרצחים: „...ברם, לא הנחתי גם שום ספק, אם גם עמי אירופה שוב אינם נחשבים אלא צרורי מניות בידיהם של הללו, קושרי כסף ופיננסים בינ־לאומיים, יובא לאחריות גם אותו עם שהוא האשם האמיתי במאבק הרצחני הזה: היהדות! אני לא הנחתי איש בחוסר בהירות, להבין ולדעת כי הפעם לא יגוועו ברעב רק מיליוני ילדים של אירופאים מן העמים האריים, לא רק מיליוני גברים מבוגרים ימותו ולא רק מאות אלפי נשים ישרפו מהפצצות אלא גם האשם העיקרי בכל המאבק הרצחני הזה יבוא על עונשו, לו אפילו באמצעים הומאניים יותר"... והרוצח המשיך: „....מאות שנים תעבורנה, מחורבות ערינו ומפעלנו התרבותיים תתחדש שוב האיבה הצודקת לאותו עם שהוא אחראי לחורבן הגדול, שבגללו באו לנו כל אלה: היהדות הבינלאומית". ובסעיף האחרון של הצוואה נאמר: „...ועל הכל אני מחייב את הנהגת האומה שתבוא אחרי וההנהגה שתבוא אחריה לשמירה מדוקדקת של חוקי הגזע, ולהתנגדות בלי רחם ומלחמה בלי רסן במרעילי העולם והאנושות: היהדות העולמית".

והנך מוכרח להודות, שרוצח זה, שקרא קריאת אתגר

קענדע פראגע וועלן מיר שוין קיינמאל ניט באקומען· פארהוילן זיינען פון אונז די וועגן פון די השגחה· פאר אונז איז פארגעקומען די ריזיקע עקידה, שרעקליך און אויפטרייסלדיק· און ווי מיר זאלן ניט טראכטן און אויסרעכענען מוזן מיר מודה זיין אז זי איז אויסגעפירט געווארן נאר לויטן ווילן פון די השגחה·

דער הויפט תליין


ברייט־פארצווייגט און גרויס איז געווען דאס מערדער געזינדל· לויט א פארזיכטיקע שאצונג האבן זיך אמווינציקסטן 200 טויזנט מענשן באטייליקט אין די רציחות פון די אידן· שוין ניט רייִדענדיק וועגן די געהילפס־מערדער· אבער דער אורערשטער מערדער, דאס שרעקליכסטע געשפענסט וואס די מענשהייט האט ווען עס איז געזען, האט זיך פארקערפערט אין דעם פארברעכערישן געשטאלט פון אדאלף היטלער·

דער הויפט־תלין איז געבוירן געווארן דעם 20·4·1889 אין די עסטרייכישע שטאט לינץ· זיין פאטער איז געווען א קליינער בעאמטער, א שטארקער און שטענדיק שכורער· פארביטערט און פול מיט אמביציעס איז דער יונגער היטלער געקומען אין ווין מיינענדיק אז ער האט גרויסע פעאיקייטן צום מאלן· אבער אין די קונסט־אקאדעמיע האט מען אָפּגעווארפן זיין קאנדידאטור, ניט געוואָלט אים אָננעמען אלס שילער· ער ווערט א לא־יוצלח־דיקער שטובנמאלער און ווערט נאך מער פארביטערט און אין כעס אויף אלע „וועלכע האבן ברוטאליק געראבט פון אים זיין צוקונפט״· און ווען ער הערט אין די ביליקע קנייפן ווי מען באשולדיקט דעם וועלט־אידענטום אז עס זויגט ווי א פּיאווקע די בלוט פון די מענשהייט, ווארפט ער ארויף אויף די אידן זיין פערזענליכן דורכפאל און דרייט אויס אין זייער זייט זיין גאנצן כעס· פון יעצט אן זיינען עס די אידן שולדיק אין אַלץ·

ער גייט ארום אין ווין איינזאם, פארלאזן, הונגעריק, אָרעם, אין כעס אויף די גאַנצע וועלט וואס דערלאָזט ניט ער זאל מצליח זיין· זיין כעס איז פארוואנדלט געווארן אין א שרעקליכע שנאה· דער פערזענליכער דורכפאל האט אין אים געבוירן און ערצויגן א פארקערטן ערנגעפיל צו זיך אליין· ער געפינט א פארברעכער, א געוועזענעם לערער וועלכער פרעדיקט אומבאגרענעצטן ראסן־האס צו אידן און באלד ווערט היטלער זיין טרייער צוהערער· ער געפינט דאך אין די רייד פון לערער־פאַרברעכער דעם אויסדרוק פאר זיין שנאה און צארן וואס פלאַקערט אין אים· אָפּגעריסן, אויסגעהונגערט, פול מיט פלאקערנדיקער שנאה, זיצט ער נאכאנאנד אין די קנייפּן, הערט זיך אן פון אנדערע מורא׳דיקע מעשיות וועגן די אונטער־ראסע וואס ניצט אויס אן רחמנות דאס נארדישע פאָלק· די טיפע שנאה ווערט פארוואנדלט אין צובושעוועטן פלאקער פון חיה׳שער האס·

די ערשטע וועלט־מלחמה האט היטלערן געטראפן אלס פשוט׳ן סאָלדאַט· טראָץ זיין שטארקער שטרעבונג האט ער ניט געקענט דערגרייכן צו ווערן א אָפיצער· ווען עס איז אונטער־געשריבן געווארן דער ווערסאילער טראקטאט, איז דער נעבעכדיקער געפרייטער געלעגן אין א מיליטערישן שפּיטאָל צוליב א צייטווייליקער ערבלינדונג דורך א ענגלי־






יהודי גרמניה בעבר הרחוק עם טלאי צהוב
דייטשע אידן אמאל אויך מיט געלע לאטעס

שער באַמבאַדירונג· אויב אין די צייט פון די קריג האט ער זיך א ביסל בארואיקט, זיך אָנגעזעטיקט מיט די מיליטערישע ראציאנען און אויסגעליידיקט דעם גיפט אין די שלאכטן, האבן די פנצטערע טעג ווידער אויפגעפלאקערט אין אים דעם דראנג נאך שלעכטס· אין צווייטן וועלט־קריג איז ער געווען דער פּאָליטיקער, דאן האט ער ארויפגעוואָרפן די שולד פון די דורכפאלן אויפן מיליטער· אין ערשטן קריג איז ער אליין געווען א סאָלדאַט, דאן האָט ער געווארפן די שולד אויף די פּאָליטיקער וועלכע זיינען פאראנטווארטליך פאר די מפּלה·

ווען ער איז געזונט געווארן האט ער געפונען דייטשלאַנד וואלגערענדיק אין תוהו ובוהו און ארימקייט, פול מיטארבייטסלאָזע וועלכע האבן געזוכט קרבנות אויסצוגיסן אויף זיי זייער גיפטיקע ביטערניש· ער האט שוין געהאט גרייטע קרבנות פאר זיינע פיילן און הימליש גליקליך איז געווען דער פארוואונדעטער קאָרפּאָראַל ווען אזא באנדע האט אים געגעבן די מעגליכקייט אויסצודריקן זיין גרויסע שנאה, האט אים געליפערט הערערס פאר זיינע העץ־רייד· ער האט זיך גלייך באפרייט פון מיליטער און איז געווארן א העצער פון פאך· ארום אים האבן זיך צונויפגעזאמלט א מאסע צוויפלהאפטע טיפּן, און פון מויל פון נייעם באנדן־פירער האט זיך א שאט געטאן ווי פון א ברויזנדן קוואל א שטראם פון רייסענדיקע רייד· אין דעם רייד־מבול פון אדאלף היטלער פון מינכען האט מען דערטרינקען גאנץ דייטשלאַנד ווי אין א אקעאן פון שנאה און פיינטשאפט צו אלעמען, צום זאטן און רואיקן, צום שוואכן און אומבאהאלפענעם, צום ברודער און צום פרעמדן און דער עיקר — צום אידן·

ווי מיט א שרעקליכן שטורם איז די באנדע דורכגעפלויגן פון דעם ביר־קעלער אין מינכען ביז די ווייטסטע גרענעצן פון דייטשלאַנד· צוגעזאָגט דער נארדישער באשעפעניש, וועמענס עהרע איז פארשוועכט געווארן אויפן שלאכט־פעלד נקמה און פארגיטיקונג אלס וועלט הערשער און דעם העכסטן פּלאַץ אלס הערשער־ראסע· צוגעזאָגט די פּרייסישע פעלקער א סאך רויב און ראסן־נידעריקע קנעכט· אנגעזעטיקט די גיריקע דייטשע אויג מיט פארבנרייכע מונדירן און גלאנציקע קנעפּ, מיט ליבע און טריישאפט האט דייטש־



בית כנסת שנחרב בליל הגביש
א שול וואס איז חרוב געווארן אין די קריסטאל נאכט

לעולם כולו, שיצא למלחמת כיבוש נגד כל המדינות החופשיות והלא חופשיות ראה את תפקיד חייו במלחמתו נגד היהדות· שמאבקו זה הפך לחלק בלתי נפרד מישותו, וגם ברגעיו האחרונים כמו בימים הראשונים לעלותו על הבמה דחף אותו סערת טרף אחת ויחידה : לשפוך דם יהודי·

הרוצח המטורף בעל שגעון הגדלות

מזוינת כהלכה יצאה גרמניה הנאצית למלחמה נגד מדינות אירופה אחרות, שפיגרו אחריה· היה בזה כדי להסביר את נצחונותיה של גרמניה על יריבותיה בתקופה הראשונה של המלחמה· היטלר חשב אחרת· ראה את עצמו כאחד הגאונים הצבאיים הגדולים ביותר בהיסטוריה, לראשונה כעומד בשורה אחת עם נפוליון ואלקסנדר הגדול ואחרי כן, כגניוס העולה עליהם· בשנת 1941 התרברב ואמר : חיסלתי יותר דיביזיות מכל אדם אחר בהיסטוריה· השמדתי דיביזיות של פולין (60) של נורבגיה (6) של הולאנד (18) של בלגיה (22) של צרפת (138) וגירשתי 12 דיביזיות בריטיות מיבשת אירופה· לא בלי השראתו תואר על ידי התעמולה הנאצית „כגניוס הצבאי הגדול ביותר שראה העולם מעודו״· אולם, אחרי בירור אוביקטיבי לא נשאר לנו אלא לקבוע שהיטלר לא היה גאון אלא פשוט רוצח· העיד הגנרל האלדר, הרמטכ״ל הנאצי במשפט נירנברג : ״כשעבדתי עמו חיפשתי בו אותות של גניוס תוך נסיון לא להרשות לשנאתי האישית את האדם להכות עיני בסנוורים· מעולם לא מצאתי בו גניוס, רק שטן ראיתי בו״·

היטלר היה משוכנע בנצחונו הסופי וזאת, בגלל האמונה העיוורת בעצמו, בגלל שגעון הגדלות שלו· הכרה זו לא נטשה אותו עד לימיו האחרונים „כי איך יתכן אחרת״···, כבר בסתיו 1941 קבע רשמית כי גרמניה ניצחה במלחמה· בריטניה — פגר צבאי ללא תקנה· רוסיה — בנין של קלפים שיתמוטט בכל רוח פרצים· לדעת חוגי הוואֶרמאכט הכריז היטלר בדצמבר 1941 מלחמה על ארצות הברית ללא כל צורך תוך שאיפה להוסיף לכתר נצחונותיו מדינה נוספת אשר תנוצח על ידו···, בימים ההם, שהיו אולי החמורים ביותר לגרמניה מבחינת ריכוז הכוח לעתיד, פקד היטלר על פירוק 40 דיביזיות והעברת חלק מהתעשיה הצבאית לפסים אזרחיים בגלל „סיומה של המלחמה״···, העובדא שפקודות הללו נגנזו במהירות לא פגמו מאומה בשגעון הגדלות של הרוצח המטורף·

בחזית הרוסית פקד היטלר על התקפות עזות של הצבא הגרמני ליד סטלינגראד נגד דעת המפקדה הצבאית ולמרות תחנוניהם· הוא עמד על דעתו כ„גניוס״ צבאי וגרם לחיסולן של 15 דיביזיות נאציות· שגיאותיו ההיסטוריות, מלוות עקשנות ועמידה על דעתו גרמו לא מעט להתמוטטות הצבא הגרמני במערב אירופה בעת פלישת בנות הברית ולמותם של מאות אלפי חיילי גרמניה הרצחנית·

מוכה שגעון גדלות לא ראה את עצמו היטלר רק כ„גניוס״ צבאי אלא גם כ„יצור עליון״ הנתון להשגחה עליונה בגלל „שליחתו״ ההיסטורית· כשהתנקש הקולונל שטאופנברג בחייו בשליחות חוגי הצבא ביום 20·7·1944 נפצע היטלר· נרעש קם ממקומו וצווח : „מי מעיז מעתה לכפור בעובדא שאני נתון להגנתו המיוחדת של האלקים״· כשנרגע מלמל בלי הרף : „אני מתחיל לפקפק אם ראוי העם הגרמני לאידיאלים הגדולים שלי״···, ובימיו האחרונים, כשגרמניה התמוטטה לחלוטין טען וחזר וטען : „העם הגרמני לא היה ראוי לרעיונות הגדולים שלי, לכן מגיע לו אבדן מוחלט״· בכנס הגאולייטרים באוגוסט 1944 השמיע היטלר לראשונה את המלה „כשלון״· אמר : „אם ינוצח העם הגרמני במלחמה זו, אם לא יעמוד בנסיון ההיסטוריה אז ראוי הוא אך ורק לכליה״···, הגאולייטרים הריעו ארוכות לדבריו·

ועד ליומו האחרון נשאר היטלר נאמן לשגעון הגדלות שלו, אך ורק לשגעון הגדלות שלו· סיסמתו נשארה תמיד „שלטון עולמי או מפלה״· תבע נאמנות בלתי מסויגת לשגעונו, תבע ונענה· העריץ האכזר ביותר בהיסטוריה שוב לא דיבר על שירותיו לגרמניה אלא על הנאמנות שגרמניה צריכה לשמור לו, לאכזר האיום בנוסח — אני הנני גרמניה ואחרי שוב אין כל צורך בה·


וגרמניה הנאצית, הרצחנית, הטורפת שמרה אמונים לאליל הדמים עד ליומו האחרון· בשיחה עם הרמן ראושינג, אחרי עלותו לשלטון אמר היטלר : „לא באתי לעולם כדי לעשות את האנשים לטובים יותר, אלא כדי לנצל את חולשותיהם״, ואכן ניצלה מפלצת זו את חולשת הגרמנים לדם, לכיבושים, לרצח, ואפילו בימים האחרונים לשלטון הנאצים, כשהכל היה כבר אבוד, כשצבאות בנות הברית דהרו בגרמניה נשאר היטלר האדם היחיד שהטיל את השפעתו על כל גרמני וגרמני· הוא ועוזריו האמינו גם על הריסותיה של גרמניה כי כל קרבן לאליל זה אינו יקר מדי· כשקבל היטלר באפריל 1944 הודעה שגדודי הס· ס· הנושאים את שמו „לייבסטנדרטה אדולף היטלר״ הושמדו בחלקם הגדול ושרידיהם נסוגו תוך אבידות קשות משדה הקרב רתח כולו מזעם· הגנרל רייכנאו ניסה להסביר לו כי

לאַנד ארומגעהילט דעם בלוט־אַפּגאט אין פארלויף פון די גאנצע 12 יאר און 92 טעג וואס דאס שרעקליכע געשפּענסט האט רעגירט.

היטלער איז געווארן דער איינציקער הערשער אויף 70 מיליאָן דייטשן. אלס פרעזידענט און פרעמיער, אלס אויבער־קאָמאַנדירער פון מיליטער. ער פארוואנדלט אייראָפּא אין א שלאכטהויז און זיין פאָלק — אין מערדער. געשפּרייזט פון איין שחיטה צו די אנדערע און פון איין קאמף צום צווייטן ביז ער איז געקומען אין יאר 1945 אין בונקער פון זיין מיניסטעריום אין בערלין ארומגערינגלט מיטן אנגריי־פענדן רוסישן מיליטער. אין שרעק פארן געריכט און פארן מוזן אָפּגעבן א דין וחשבון פאר אלע זיינע גרויל־טאטן, האט ער אויסגעקליבן אליין זיין טויט אין איינעם פון די בונקער־צימערן.

דאס איז געווען 3.30 אזייגער פארטאג, ערב דעם ערשטן מאי 1945 ווען דאס שרעקליכע געשפּענסט האט זיך ארײנ־געשאָסן א קויל אין מויל און אזוי ארום פארענדיקט זיין בלוטיקן לעבן. לויטן באפעל פון זיינע געהילפן האט מען ארויפגעגאָסן אויף אים 200 ליטער בענזין און פארברענט אין הויף פון דער רייכסקאנצליי. זיינע ביינער, וואס האבן געברענט ביז פארטאָג, זיינען באַגראָבן געווארן צום פוילן אין א גרוב וואס איז אויסגעגראבן געווארן דורך א רוסישע באָמבע.

עס איז שווער ארויסצוהאבן די פּערזאָן פון דעם א שרעק־ליכן מערדער, אן שום ספק אז אַפּגרונט־כּוחות האבן אים גע־שטויסן צו די גרויזאמסטע מעשׂים וואס די מענטשליכע גע־שיכטע האט ווען עס איז געקענט. אָבער עס איז אויך קיין ספק ניט, אז די א שרעקליכע קראפט האט געפונען איר אויסדריק אין א נידעריקע באשעפעניש, דורכגעפרעסן פון אויסערגעוויינליכער שמוץ. אין א פריינדליכן געשפּרעך מיטן ענגלישן אמבאסאדאר נעוויל הענדערסאן, האט היטלער גע־זאָגט: „איך בין ניט קיין פּאָליטיקער פון פאך נאר א קינסט־לער און מיינע לעצטע יארן וועל איך פארברענגען ווי א קינסטלער... און ניט ווי א מלחמה־העצער...” אין א צו־זאמענטרעפן מיטן גראף בערנאדאט, עטליכע וואָכן פארן צוזאמענפאל פון דייטשלאַנד, ווען דאס מיליטער פון אמע־ריקא, רוסלאַנד און ענגלאַנד האבן אָנגעהויבן די לעצטע אָפענסיווע אויף דייטשלאַנדס האַרץ—בערלין, ווען די מפּלה פון די נאציס איז שוין געווען אומפארמיידליך, האט היינריך הימלער דערציילט, אז „היטלער פּלאַנט ווי אזוי צוריק אויפ־בויען די דייטשע שטעט וועלכע זיינען צושטערט געווארן דורך באָמבאדירונגען, אז זיי זאָלן באפרידיקן זיין קינסטלערישע אויג”... דער גענעראל שטאבס־שעף האלדער האט פארן אינ־טערנאציאָנאַלן געריכט אין נירענבערג צוגעגעבן שטריכן צו היטלערס פּערזאָן: „ווען ביי היטלערן האט זיך דערוועקט דאס „קינסטלערישע” געפיל, פלעגט ער גלייך פארשטעלן „וואונדערליכע דערשיינונגען” וועלכע האבן אים ארײנגע־בראכט אין עקסטאז. ער פלעגט פארשטעלן דאס הארציקע בילד, ווי דער הימל פארציט זיך מיט שווארצע וואָלקנס און אט גיסט זיך ארונטער א רעגן פון מיליאָנען טאָן באָמבעס אויף א שטאט און אירע איינוואוינער וועלכע ווערן דער־טרונקען אין א רעגן פון בלוט” אין דעם מאָמענט — דער־




בית הכנסת המרכזי בברלין אחרי ליל הגביש / א הויפּט שול
אין בערלין — נאך דעם קריסטאל נאכט פּאגראם

ציילט ווייטער האלדער „פלעגן זיינע אויגן ארויסקריכן פון די לעכער און ער פלעגט זיך פארוואנדלען אין א אנדער מענטשן אינגאנצן, אין א שטיק רויב־חיה דורשטיק נאך בלוט”...

דער דארשט נאך בלוט

הערמאן ראושינג דערציילט אין זיין בוך דעם אינהאלט פון זיינע געשפּרעכן מיט היטלערן. ווי דער הויפּט־תּלין האט זיך געקוויקט טראכטענדיק אויפן קול ווען די מעגליכקייט פון א בלוט־באד וואס וועט זיך אויסגיסן איבער די גאסן ווען מען וועט צושמעטערן דעם ווידערשטאנד פון די מארקסיסטן צום נאציזם. לויט היטלערס מיינונג, זאגט ראושינג, איז ניט מעגליך צו דערגרייכן א היסטארישע גרויס אן בלוט פארגיסונג. און אים איז געווען גלייכגילטיק וועמענס בלוט עס וועט זיך גיסן, די סצענעס פון בלוט פארגיסן אליין האבן אים געשטארקט און דערהויבן און ניט דער געדאנק וועגן דעם נצחון און ווי מען קען אים אויסנוצן. אויף א צוזאמענ־פאר פון די היטלער־יוגנט האט היטלער מיט די פאלגענדע ווערטער צוזאמענגעפרעסט זיין השקפה: „די נאטור איז גרוי־זאם, מוזן מיר דעריבער אויך זיין גרויזאם”.

„בעת דער באלאגערונג פון ווארשע”, דערציילט האלדער פארן אינטערנאציאנאלן געריכט אין נירענבערג, „האב איך זיך געהאלטן ביי מיין מיינונג אז עס איז אינגאנצן ניט נויטיק צו באמבארדירן די באלאגערטע שטאט, ווייל זי וועט אליין פאלן, ווייל דאס פוילישע מיליטער איז געווען צושלאגן, נאך עטליכע טעג וועט ווארשע סיי ווי פאלן, צו וואס זשע דארף מען חרוב מאכן די שטאט. אבער היטלער פון זיין זייט האט דרינגענד געפאָדערט חרוב מאכן ווארשע דורך אונאויפהערליכע באמבארדירונגען. מיר האבן אים גע־מוזט פאלגן”. פארניכטונג, חורבן, בלוט־פארגיסן, דאס זיי־נען געווען די ליבלינגס שפּילן פון דעם הויפּט־תּלין. אינ־טרעסאנט איז דער פאקט, אז די דורשט נאך בלוט פלעגט ביי היטלערן שטייגן דווקא בעת א מפּלה, חאָטש אפילו אויך ביי א נצחון פלעגט דער געדאנק וועגן בלוט אים פארשיכורן, און ער אליין איז ווייט אויס ניט געווען קיין העלד, ווי באוואוסט האט ער זיך פלינק באהאלטן ווען די מינכענער פּאָליציי האט באפאלן די נאציס אין יאָר 1924 ווען זיי האבן געוואָלט מאכן א רעוואָלוציע.



פנים בית הכנסת המפואר בפרנקפורט שנחרב בליל הגביש
די פראכטפאלע שול אין פראנקפורט — צושטערט אין די קריסטאל נאכט

אבידות הגרמנים הם יותר מדי גבוהות שיסעו היטלר וצעק: „לעולם אין אבידות יכולות להיות יותר מדי גדולות, כי הן זורעות את הזרע לגדולה״..., מיד פקד על הגדודים כי יסירו את שמו ואת דגלו מעל שרווליהם. „החייל צריך למות ולא לסגת״.

שקועים בהערצה עיוורת לרוצח הגדול, כשהם טובלים את עצמם בנהרות נחלי דם המשיכו בני עם הנפשע לשמור אימונים למטורף הצמא לדם. כל נסיון לבוא לידי הסכם של שלום או כניעה עם המעצמות המנצחות ששסעו את גרמניה הטמאה נראתה בעיניו כבגידה ברייך, כשכלו כל הקיצין ועוד מעט עמדו הרוסים לכבוש את השטח בו התחבא אמר: „החלטתי להתאבד ועמי ימות הנאציונל סוציאליזום. מיתתו יחד עמי תהיה גאולתו״...

אולם, המטורף הלקוי בשגעון הגדלות נבהל נוכח המות שהתקרב בצעדי ענק. הוא ידע יפה מה צפוי לו אחרי המלחמה מבנות הברית, בשבוע האחרון שוב לא דיבר בשוויון נפש על התאבדותו, טען „אתאבד כי אינני רוצה ליפול לידי הרוסים ובל יציגו אותי היהודים בקרקס שלהם״. הוא לא ויתר גם על „עתיד מלא תהלות״ והתחיל להאמין כי הגרמנים ימשיכו להיות נאמנים לו גם אחרי מותו. אמנם את גרינג ואת הימלר החליט לגרש מהמפלגה ולשלול מהם את משרותיהם ואף להעמידם לדין באשמת בגידה. גרינג, על כי הציע לו להתפטר, הימלר, כי על כן נהל משא ומתן על כניעה. מטר של פגזים רוסיים שטפו ללא הרף את האדמה שמעל לבונקר העמוק בו התחבא רב הטבחים. הקשר עם העולם החיצוני הופסק לחלוטין. הצבא הגרמני הרצחני חדל למעשה להתקיים פרט לכמה כיסים אבודים. מרבית שטחה של גרמניה היה כבר בידי בנות הברית, הרוסים בשערי ברלין כשפרוסיה בידיהם. מעצמות המערב כבר שלטו ברוב ערי הרייך. מיליוני שבויים הצטופפו במחנות בנות הברית, והיטלר, שהתכונן להתאבדות בזויה, כתב את צוואתו: „לפני מותי אני מגרש מן המפלגה את היינריך הימלר, מי שהיה הרייכספירר של הס. ס., מיניסטר הפנים של הרייך וראש המשטרה הגרמנית. ממנה במקומו את הגאולייטר קרל האנקה כרייכספירר של הס. ס. וכראש המשטרה של גרמניה ואת הגאולייטר פאול גייסלר כמיניס־טר הפנים של הרייך. לפני מותי אני מגרש מן המפלגה את הרייכסמרשל הרמן גרינג, שולל ממנו את כל תואריו ואת כל הזכויות שהוענקו לו לפי הצו מיום 29.6.1941 ולפי נאומי ברייכ־סטאג מיום 1.9.1939. אני ממנה את האדמיראל דניץ כנשיא הרייך, ומפקד העליון של כל הכוחות המזויינים. על ידי המשא ומתן שניהלו גרינג והימלר עם האויב בלי ידיעתי ועל ידי מאמציהם לתפוס את השלטון במדינה בלי לדבר כבר על בגידתם באישיותי אני, המיטו קלון על הארץ ועל כל העם. כדי שיהיה לעם הגרמני ממשלה של אנשי כבוד שימשיכו את המלחמה בכל הדרכים אני ממנה את: גבלס — כקאנצלר של הרייך, את בורמן — כמנהיג של המפלגה, את סייס אינקוורט כמיניסטר החוץ, את סאור כמיניסטר המלחמה, את הרוזן פון קרוסיק כמיניסטר הכספים, את אלפרד רוזנברג כמיניסטר לשטחי הכיבוש במזרח, את תיראק כמיניסטר המשפטים ואת הפילדמרשל שארנר כראש המטה הכללי״...

האשמדאי התאבד. הגרמנים המשיכו ימים ספורים לקיים את צוואתו. דניץ הקים את ממשלתו בפלנסברג ואף ניסה להמשיך במורשת הדמים של היטלר. רק מראה חיילי בנות הברית, השמים אזיקים על ידי הפושעים המרצחים העירה את עם הרצח משכרונם. משחק הדמים בן 12 שנה ומאה ימים נסתיים.

עוזריו של האשמדאי

גדולה ומגוונת היתה פמלית המרצחים שהקיפה את היטלר. הראשון במעלה, הרמן גרינג, „היונקר האמיתי״ שהצטרף לשורות מיסדי הנאציזם, קצין פרוסי טיפוסי ממשפחה עתיקה שירדה מנכסיה. היטלר זכר לו את חסדו והעדיפו על פני אחרים בצמרת הנאצית. הוא היה גם הקצין בפועל הראשון בין עוזרי רב הטבחים שחוגי הרייכסוואר התיחסו אליו בידידות. עם עלות היטלר לשלטון זכה למשרות בלי גבול ורבים שירותיו למען הנאצים, כראש המיניסטרים של פרוסיה וכמיניסטר לתיאום, כיו״ר הרייכסטאג וכמפקד העליון של חיל האויר, כראש „תכנית הארבע״ הכלכלית וכמתכנן תעשית הזיון. גרינג יסד את הגיסטפו, לראשונה בפרייסן ואחרי כן בגרמניה כולה והוא אשר מינה את הימלר כראש הגיסטפו.

רברבן ורודף תענוגות, אוהב להתהדר במדים נוצצים ובשרביט של זהב משובץ יהלומים ושן פיל. לעתים לבש בגד משי לבן תפור באבני חן יקרות כאחד הדוג׳ים של וויניציה ולראשו העטרה הסונלית של הוברטוס, ארמון רב פאר

ווי דער מולך געטש, וועלכע האט פארגעניגן ווען זיינע הייליגטימער ווערן חרוב, אזוי פלעגט היטלער הנאה האבן ביים געבן באפעלן אויסצופירן טויט־שטראָפן· פון דעם שיקזאל האט זיך ניט געראטעוועט אפילו זיין פריוואט דאָקטאָר בראנד, אליין א מערדער וועלכן ער האט חושד געווען אין א לייכטן פארראט, אדער פעלדמארשאל רומעל און אפילו זיין שוואָגער· בעת׳ן פרוו פון די אָפיצערן אים אָפצוראמען, אין יאר 1944 האט היטלער געקלונגען קיין בערלין און געפאָדערט א באריכט וועגן די לאגע אין שטאט, ווען ער האט זיך דערוואוסט אז די ארדענונג איז נאך ניט צוריקגעשטעלט געווארן, האט ער געהייסן אויסשיסן מענשן אן אונטערשייד· „וואס מער מענשן וועלן דערשאסן ווערן, אַלץ גיכער וועט די אָרדענונג צוריקגעשטעלט ווערן״ האט ער געשריגן·

אויב היטלער האט געלעכצט נאך מארד, האט ער אבער זיבענפאכיק געזוכט אידיש בלוט· לויט ווי עס גיט איבער אלבערט צאלער, היטלערס פריוואט סעקרעטאר, האט היטלער זיך באמיט צו היטן זיין גוטן נאָמען אויסערליך, האט זיך באמיט צו באווייזן אלס שטארקער אבער גוטער מענש· אין אָפיציעלע און ניט אָפיציעלע שמועסן האט ער זיך באמיט צו האלטן סטאט, אבער ריידענדיק וועגן די אידן־פראגע האט ער זיך ניט געקענט איינהאלטן און איז שטענדיק ארויס פון די כלים, האט זיך שרעקליך אויפגערעגט און פארלאָרן אינגאנצן זיין גלייכגעוויכט· דאָס איז געווען בעת די געשפרעכן מיט זיינע געהילפן און אפילו מיט הויכגעשטעלטע געסט פון אויסלאַנד· ער האט שארף און ברוטאל געענטפערט מוסאלינין ווען יענער האט אים געוואָלט איבערצייגן ער זאָל א ביסל ווייכער מאכן זיין אקציע געגן די אידן, ער האט ממש ארויסגעפלאַצט און פארלאָרן די שליטה איבער זיך ווען הארטי, דער אונגארישער רעגענט, האט אים געבעטן א ביסל אָפּלאָזן די אידן·

א אידישע קאריקאטור געגן די נאציס, א אידישער ענטפער, האט אים ארויסגעפירט פון די כלים· ער האט געשטראלט פון גליק באקומענדיק דעם באריכט וועגן פארניכטונג פון די אידן און האט געזאָגט: „יעצט לאכן זיי שוין מער ניט״· ווען ראושניג, ווי ער גיט איבער, האט אים געפרעגט צו ער האט קיין שום רחמנות ניט אויף אידישע קינדער, האט אים היטלער געענטפערט: „אויב איך קען שיקן די בעסטע דייטשע יוגנט אין מלחמה גיהינום אן שום געפיל פון רחמנות אויף דאס פארגאָסענע דייטשע בלוט, וואס איז ריין און טייער, וועל איך אודאי קענען זען דאס פארניכטן פון מיליאָנען פון א נידעריקן פאָלק וועלכע קריכן ארום ווי לייז — אָן אַ שום רחמנות געפיל״· ווען ער האט געלייענט א ידיעה וועגן א מיליאָן לייז וואס געפינען זיך אין א דייטשן פארשונגס אינסטיטוט אין קראקא — וועלכע האדעווען זיך אויף אידיש בלוט, האט ער מיט הנאה געזאגט: „די דאָזיקע יונגעלייט זיינען ווערט א פרעמיע, זיי ווייסן ווי צו ארבעטן״· אין א געשפרעך מיט פרעדעריק עקסנער, דער קארעספאָנדענט פון „יונייטעד פרעס״ אין בערלין אין יאר 1937 האט געזאָגט דער הויפט־תלין: „א שאָד וואָס איך בין דער קאנצלער און רייכספירער, איך וואָלט בעסער געוואָלט



בית כנסת שנחרב אחרי הפרעות
א חרובע שול — נאך דעם פאגראם

זיין אנשטאָט דעם א יונגער ס·ס· אָדער ס·א· מאן און שלאָגן אידן מיט ביידע פויסטן אָדער מיט אייזערנעם בייטש״···

דער באשלוס אויסצוהרגענען מיליאָנען אידן, איז רייף געוואָרן ביי היטלערן נאך איידער ער איז ארויס אין קאמף מיט פוילן· ווען עס האט קיין מענש ניט געטראכט אז אזא זאך קען מעגליך זיין· אויף א זיצונג פון הויפט־שטאב וואס איז פארגעקומען אין באן אין היטלערס פריוואט־וואגאן אינמיטן די מלחמה מיט פוילן, דאס איז געווען דעם 12·9·1939 האט היטלער ערקלערט אז זיין רעאלע פאָליטיק אין פוילן איז באזירט אויף צוויי גרונט פרינציפן וועלכע טאָרן ניט געענדערט ווערן: דאס פולשטענדיקע פיזישע פארניכטונג פון די אידן און פון דעם פוילישן אדל און די פוילישע אינטעליגענץ· דעם אָפיציעלן באפעל אויסצופירן דעם מאָרד האָט היטלער געגעבן ערשט דעם 11·11·1941· אינ׳ם טאָג ווען הימלער האט פאראויסגעזאגט אז „די אידן וועלן נאך האבן א סאך צרות״·

דער מערדער האט געטרונקען ווי וואסער דאס בלוט פון זעקס מיליאָן אידן, קדושים וטהורים און נאך אלץ ניט זאט געוואָרן· די דאָזיקע בלוטדורשטיקע חיה, דורכגעפרעסן פון שוידער, איז נאך הונגעריקער געוואָרן אין אנבליק פון די טייכן בלוט וואס זיינען געפלאסן אין אייראָפּא· אפילו ליגענדיק אין זיין בונקער, וויסענדיק אז זיינע טעג זיינען געציילטע, אז זיין „טויזנטיעריקע אומבאזיגבארע אימפעריע״ איז צופאלן געווארן — האט ער נאך אלץ געברענט פון גיפט און האס צו די אידן· זיין צוואה וועלכער ער האט געשריבן אין זיין לעצטן טאָג, ווען נאר א מינימאלער שטח האט אָפּגעטיילט צווישן אים און דאס רוסישע מיליטער, האט ער זיינע אלע פיילן געשאסן אויף די אידן· אזוי האט געשריבן דער גרעסטער מערדער: „אבער, איך האב ניט איבערגעלאזן קיין שום צווייפל, חאָטש די אייראָפּייאישע פעלקער זיינען ניט אנדערש ווי נאר א פעקל אקציעס אין די הענט פון יענע, די אינטערנאציאנאלע געלט און פינאנס צונויפבינדער, אבער צו פאראנטווארטליכקייט וועט אויך געבראכט ווערן דאס פאָלק וועלכער איז דער אמת׳ער באשולדיקטער אין דעם א מערדערישן קאמף: דאס אידענטום· איך האב ניט געלאזן קיין איין מענש ניט קלאָרמאכענדיק צו פארשטיין און צו וויסן, אז דאָסמאָל וועלן אויסגיין פון הונגער ניט נאר מיליאָנען קינדער פון ארישע פעלקער אין אייראָפּא,



ערימת ספרי קודש, מוכנים לשריפה ע״י הנאצים / א בארג מיט ספרים גרייט צו פערברענען דורך די נאצים

הקים לו בקארינהאל אותו מלא בחפצי חן יקרי ערך שנשדדו מיהודים· לא פעם ערך ישיבות בטירתו בשור־פאיידה, לבוש כמאהראג׳ה הודי כשכל חזותו אותות הצטיינות וסיכות נוצצות· ריאלי מאד ביחס למעמדו ומשנת 1941 התמסר ב־עיקר לחיי תענוגות ושוד· הימלר, שיכור החלומות שנאו שנאת מות, ובשנת 1942 אף אסף חומר רב להרשיע את גרינג במעשי שוד· רק התערבותו של היטלר הצילה את גרינג· גרינג לא יזם בעצמו את הפעולות נגד היהודים, הוא אף נחשד על ידי היטלר „באהדה״ ליהודים בגלל נסיונו להיטיב לכמה יהודים, ממכריו· בהתיעצויות על פעולות רציניות נגד יהודים לא שיתף האשמדאי את גרינג, אבל גרינג רץ אחרי אדוניו ככלב נאמן, אם כאחד המבצעים של השוד הגדול נגד יהודי גרמניה ואחרי כן נגד היהודים במדינות הכיבוש ואם כאחד האדריכאלים של מבצע הפיכת יהודים לסוג של עובדי כפיה· הוא התנגד לחיסול יהודים כל עוד אפשר לנצל את פוטנציונל העבודה של היהודים לטובת הנאצים אולם אחרי ניצול היהודי עד כלות כוחותיו הסכים שיש לחסלו ולעתים תכופות צירף את קולו למקהלת ההשמצה וההסתה נגד היהודים·

משנת 1941 שימש כממלא מקומו של היטלר ובשלהי אפריל 1945, עת התמוטטה גרמניה סופית אמר לנהל משא ומתן עם מעצמות המערב תוך תקוה לבוא לידי הסדר שיאפשר לו לרשת את מקומו של רב הטבחים· במברק ששיגר לבונקר של היטלר בברלין הודיע, שאם לא יקבל תשובה שלילית עד 9·30 בערב של אותו יום, יראה עצמו כממלא מקום הפיהרר ויקח לידו את רסן השלטון בגרמניה, שלמעשה לא היתה קיימת כבר· היטלר זעף· מינה בו במקום את הקפטן גריים, שלישו לענייני תעופה כמפקד חיל אויר הגרמני שלא היה קיים כבר, ניסה להעביר צו להעמיד את גרינג לדין צבאי כבוגד, אבל זה היה כבר מאוחר מדי· בנות הברית כבשו בינתיים את גרמניה כולה והם העמידו את הרמן גרינג לדין· נסיונו להתאבד לא הצליח ועל עמוד התליה סיים פושע זה את חייו הרצחניים·

השני לגרינג בחשיבתו, אם לא לפי ההירכיה הרשמית היה היינריך הימלר, ראש הס·ס· והמשטרה, תליינם של מיליונים ומיניסטר הפנים של הרייך· כשחתם ריבנטרופ, מיניסטר החוץ הנאצי חוזה ידידות עם רוסיה הסובייטית באוגוסט 1939 במוסקבה הרים המרשל סטאלין את כוסו לחיי היטלר ולחיי הימלר···


כשעלו הנאצים לשלטון היה עדיין היינריך הימלר קצין ס·ס· לא ידוע· בקושי השיג את משרת מפקד משטרת באוואריה· אבל עד מהרה גילה גרינג את האיש „המסוגל לתרום רבות לרייך השלישי״· הוא מינה אותו למפקד הגיסטפו שהקים בפרוסיה ואחרי כן כראש כל שירותי המשטרה· הימלר, שעלה באכזריותו על גרינג מצא לו במהירות נתיב ישר להיטלר בעקפו את מטיבו שנעלב קשות· מאז שררה משטמה הדדית בין 2 הרוצחים· הימלר, שראה את עצמו כאיש „צער בעלי חיים״ כינה את גרינג כ„כלב דמים״ בגלל להיטתו לצייד· ואילו גרינג כיבדו באורח בלתי רשמי בתואר „מטורף נבזה״ ובאורח רשמי עטר אותו בעיטורים רבים בפחדו מכוח העצום שריכז הימלר בידיו·

לא פעם אף פרצו חילוקי דעות בין שני הרוצחים הללו, לדעת הימלר הרי שבעית חיסול היהודים היתה הבעיה הראשונה במעלה של גרמניה הנאצית ואילו לדעתו של גרינג לא היתה זאת אלא בעיה שניה במעלה, כששאלת זיונה וחימושה של גרמניה היא ממעל לכל· לעתים תכופות הכריע היטלר לטובת הימלר ולעתים נאלץ היה בלי רצון להכנע לדרישותיו של גרינג (על זה בהרחבה — בפרקים הבאים)·

ובשעה שגרינג ראה בתורת הגזע דיקורציה חיונית לרייך השלישי ולמפלגה הנאצית אבל למעשה — דמיון נטול תוכן, האמין הימלר בתורת הגזע עד יומו האחרון· הוא הקים מכון מיוחד שיאמת את תורת הגזע· טיפל בעצמו בחוקים הגזעים, פקד לרצוח יהודים צעירים ודוקא בריאים ביותר במחנות ריכוז או במרתפי העינויים של הגיסטפו, למען יספקו לו גלגולות לצרכי „מחקר״· בפקודה מיוחדת דרש לא לירות בקומיסרים יהודים של הצבא האדום בראשם אלא בכתפם, למען תישאר הגלגולת שלימה ותשמש למכון שלו לעיון „ולמחקר״···

הימלר האמין כי עם כיבוש אסיה על ידי הנאצים יעלה בידו לגלות את ראשוני הגזע הארי הטהור והוא נהנה הנאה מרובה כשפקודיו שבחו בפניו את בקיאתו הרבה בגזענות· כשפינו הנאצים את נאפולי שבאיטליה פקד הימלר לא לשכוח את קבר האבן העתיק של הקיסר האחרון לבית ההוהנשטאופים שבמקום, „גאוות כל ארי משכיל״·

תליין איום זה לא השתעשע באכזריות, התיחס לזה בשוויון נפש· כשהעירו לו על תועבה אכזרית שבוצעה נגד יהודים אמר: „הלא אלה הם חיות בזויות, מה פירוש תועבה?״ בנאומו בפני מפקדי הס·ס· עם פרוץ המלחמה ברוסיה אמר: „מה שיקרה לצכי או לרוסי אינו מענין אותי כלל ועיקר···, השאלה אם בני העמים הללו יחיו בריווח או יגוועו ברעב מענינת אותי רק במדה שאנו זקוקים להם בתור עבדים לתרבות שלנו···, השאלה אם רבבה של נשים רוסיות נופלות באפיסת הכוחות כשהן חופרות תעלה נגד טנקים להגנת צבאנו מענינת אותי רק במדה והחפירה לא נסתיימה· אנו הגרמנים, שהננו העם היחידי בעולם הנוהג בהגינות עם בעלי חיים, ננהג בהגינות גם כלפי חיות אנושיות הסלאביות במדה והאבירות מחייבת· אבל אם נדאג להם יותר מזה, אם נדאג גם ליהודים נהיה פושעים כלפי דמנו אנו״···



מרכז התורה בפרנקפורט ע"נ מיין שנהרס
די תּורה פעסטונג אין פראנקפורט אם מיין וואס איז חרוב געווארן.

ניט נאָר מיליאָנען דערוואקסענע מענער וועלן שטאַרבן און ניט נאָר הונדערטער טויזנטער פרויען וועלן פארברענט ווערן אין די באמבארדירונגען, נאָר אויך דער הויפּטשולדיקער אין דעם מערדערישן קאמף וועט באקומען זיין שטראָף, זאָל זיין אפילו דורך מער הומאנישע מיטלען"... דער מערדער שרייבט ווייטער: „הונדערטער יאָרן וועלן דורכגיין, פון די חורבות פון אונזערע שטעט און קולטור אונטערנעמונגען, וועט צוריק באַנייט ווערן די גערעכטע שנאה צו יענעם פאָלק וועלכער איז פאראנטווארטליך פארן גרויסן חורבן, צוליב וועמען עס איז אויף אונז דאָס אלץ געקומען — דאס אינטערנאציאָנאלע אידענטום". אין לעצטן פונקט פון זיין צוואה ווערט געזאגט: „און פאר אלעם בין איך מחייב דער פאלקס־לייטונג וואס וועט קומען נאך מיר און די וואס וועט קומען נאך איר, זיי זאָלן גרינטליך היטן די ראסן געזעצן, און צום שטענדיקן ווידערשטאנד און אומברחמנות'דיקע מלחמה געגן די פארפעסטער פון די וועלט און מענשהייט — דאס וועלט אידענטום".

מען מוז זאגן אז דער א מערדער, וואס האט געווארפן א ארויספארדערונג די גאנצע וועלט; וואס איז ארויס אויף א עראבערונגס מארש געגן אלע פרייע און ניט פרייע לענדער, האָט געזען אלס זיין ציל אין לעבן, דעם קאמף געגן אידענטום. אז דער דאזיקער קאמף איז געווארן א טייל פון זיין איך און אפילו אין די לעצטע מינוטן, גענוי ווי אין די ערשטע טעג פון זיין אויפשטייג אויף די ארענע, האט אים געשטויסן איינאונאיינציקער ווילדער רויב־שטורם: פארגיסן אידיש בלוט.

די מאניע פון גדלות

גוט באוואפנט איז דייטשלאַנד ארויס אין קריג געגן אנדערע אייראָפּייאישע לענדער. מיט דעם קען מען פארשטיין די נצחונות פון דייטשלאַנד איבער אלע אירע פיינט אין די ערשטע תקופה פון קריג. אבער היטלער האט אנדערש געטראכט, ער האט זיך געהאלטן פאר איינעם פון די גרעסטע מיליטערישע גאונים אין די היסטאריע. פריער אין איין שורה מיט נאפּאָלעאן און אלעקסאנדער דעם גרויסן, און שפּעטער — אלס נאך א גרעסערער גאון פון זיי. אין יאר 1941 האט ער זיך בארימט זאגענדיק: איך האב פארניכטעט מער דיוויזיעס ווי וועלכער עס איז אנדערער אין די היסטאריע, איך האב פארניכטעט 250 דיוויזיעס — פון פוילן (60), און נארוועגיע (6), פון האלאַנד (18), פון בעלגיע (22), פון פראנקרייך (138) און האב פארטריבן 12 ענגלישע דיוויזיעס פון אייראָפּא. ניט אן זיין איינפלוס איז ער באצייכנט געווארן דורך די נאציִשע פראָפּאגאנדע אלס „גרעסטער מיליטערישער זשעני וואס די וועלט האט ווען עס איז געזען". אבער נאך א אביעקטיווער אונטערזוכונג מוזן מיר פעסשטעלן אז היטלער איז ווייט ניט געווען קיין גאון נאר פשוט א מערדער. האלדער, דער נאַציִשער הויפּטקאָמאַנדיר האט ערקלערט פארן נירענבערגער געריכט: „ווען איך האב געארבעט מיט היטלערן האב איך געזוכט אין אים צייכן פון געניאליטעט, פּרווענדיק זיך ניט לאָזן פארבלענדן פון מיין פערזענליכע שנאה צו אים, קיינמאל האב איך אין אים ניט געזען קיין גאון, דעם טייוול האב איך געזען אין אים".

היטלער איז געווען זיכער אין זיין ענטגילטיקן נצחון נאר ווייל ער האט בלינד געגלויבט אין זיך, צוליב זיין גרויסקייט מאניע. דער דאָזיקער גלויבן האט אים ניט אָפּגעלאָזט ביז די לעצטע מינוטן, ווייל „ווי קען דען זיין אנדערש"... שוין אין הערבסט 1941 האט ער פעסטגעשטעלט אז דייטשלאַנד האט געוואונען דעם קריג; אז ענגלאַנד איז מיליטעריש טויט, רוסלאַנד — א קארטן־הויז וואס וועט זיך צופאלן ביים ערשטן ווינט. לויט די מיינונג פון די ווערמאכט קרייזן האט היטלער ערקלערט אמעריקא קריג אן א שום באדארף, האט עס געטאן נאר אום זיך ארומצוהילן מיט נאך א נצחון אויף א לאַנד. אין יענע טעג, וועלכע זיינען ווארשיינליך געווען די שווערסטע אין צוקונפטיקן כוחות פארמעסט, האט היטלער באפוילן פונאנדערצולאָזן 40 דיוויזיעס און איבערפירן א טייל פון די אינדוסטריע פאר בירגערליכע צוועקן ווייל „דער קריג ענדיקט זיך"... דער פאקט וואס די באפעלען זיינען שנעל באהאלטן געווארן, האט ניט אנגערירט די גרויסקייטס־מאניע פון דעם משוגע'נעם מערדער.

אויפן רוסישן פראָנט האט היטלער באפוילן שווער צו אטאקירן ביי סטאלינגראד, חאָטש דער מיליטערישער שטאב האט זיך געגענגעשטעלט און זיך געבעטן רחמים ניט צו אטאקירן. ער איז געבליבן ביי זיינס, אלס קריגס־זשעני און גורם געווען צו די פארניכטונג פון 15 נאציִשע דיוויזיעס. זיינע היסטארישע פעלערן, באגלייט פון עקשנות און ניט נאכגיביקייט, האבן ניט וויניק געפירט צום צוזאמענפאלן פון דייטשן מיליטער אין מערב־אייראָפּא, ביים לאנדן פון דעם



טלאי הצהוב הראשון שענדו האסירים במחנות הריכוז בגרמניה לפני המלחמה
די ערשטע געלע לאטע — פאר אידישע ארעסטאנטן אין דייטשע קאנצענטראציע לאגערן פאר׳ן קריג.

ביחס ליהודים שוב לא השתעשע הימלר בשעשועי לשון. בנאומו בפני קציני ס. ס. בפולין שנשא בכנס בפוזנה בראשית שנת 1943 אמר התליין: "...כל אחד מאתנו יודע מה פירושו של המחזה כשמאה הרוגים, או חמש מאות או אלף מונחים ליד יד. אנו הוכחנו שיתכן לחיות במציאות כזאת ולהשאר אנשים הגונים. זה רק חישל אותנו. אנו, אנשי ס.ס. רשמנו דף זהב בהיטוריה, דף שלא נרשם בעבר ולא יירשם בעתיד. עלינו הוטלה החובה המוסרית להשמיד את העם ששאף להשמיד אותנו. עשינו זאת למען הדורות העתידים של העם הגרמני הארי האציל, כדי שהם לא יצטרכו לפתור את הבעיה הזאת. אנו מוכרחים לעשות זאת, כי זהו חובתנו הקדושה...".

את „החובה הקדושה" מילא הימלר בנאמנות יתירה. באכזריות ובקשיחות שאין דוגמתה. לראשונה, באמצעות מפקד משטרת הבטחון הגרמנית ריינהרד היידריך, סגנו, אשר גם הוא מצא לו נתיב ישיר להיטלר ואיים על מעמד מפקדו, הימלר. היידריך נהרג על ידי פטריוטים צכיים, הימלר עשה מאז את המלאכה בעצמו, חשש להשאיר זאת בידי אחד מעוזריו בל יעלה עליו ובל יזכה אדם נוסף בחסדו של היטלר.

ואכזר זה הוא אשר המציא למעשה את מרתפי העינוי של הגיסטפו, את מדינת הדמים של הס.ס. את ההווי של מחנות הריכוז ומחנות המות. נבל זה שהמית בעקיפין מיליונים רבים חשש לדמו ולעורו. חרד למעמדו. בתקופה האחרונה לשלטון הנאצים, עת היתה מפלתם מובטחת חיפש אליבי למעשיו, הסכים אפילו לשחרר מספר יהודים ויתכן ואף פקד בתקופה מאוחרת יותר להפסיק את הריגת יהודים (הפקודה, אם ניתנה — לא בוצעה, עד היום האחרון רצחו הגרמנים את היהודים האומללים). מוכן לכל משא ומתן. בשיחתו עם הרוזן ברנדוט ביום 12.2.1945 אמר הימלר: „היטלר שקוע בלימוד תוכניות אדריכליות לשיקומן של ערי גרמניה ההרוסות. גרינג זולל קוקאין וצונף מצנפת נסיכים ומורח צפרניו בלכה..., עלי נפל הפור להציל את המולדת...", למעשה, לא חשש למולדת אלא לעצמו. בשיחתו עם רופאו הפרטי ילל: „עתה יטילו עלי את האחריות לכל הפשעים. רק היטלר עצמו אשם בכל. אני נסיתי לחסוך פשע. למנוע את כל הדברים האיומים. זכור נא אותי לטובה...כי הלא אתה מכירני מקרוב...".

נסיונו של הימלר לנהל משא ומתן עם נציגי המערב לא נעלם מעיני היטלר, דאג לכך מרטין בורמן, סגנו של היטלר במפלגה שנשאר עם רב הטבחים בבונקר עד ליום האחרון. בורמן זה, שעלה לגדולה אחרי בריחתו של רודולף הס לאנגליה התחרה קשות עם הימלר על אימונו של היטלר, כשנודע לו על נסיונותיו של ראש הס.ס., מהר למסור את הדברים להיטלר, שיצא מכליו מרוב זעם, צווח בלי הרף: כולם נוכלים, כולם בוגדים, אין נבלה שלא נעשתה... הוא פקד על שלישו לענייני תעופה הקפטן גריים כי ימהר לאסור את הימלר, „לעולם לא יירש אותי הבוגד הזה. עליך לצאת ולדאג לכך כי הוא לא יירש אותי...", אבל היה זה כבר מאוחר מדי. גריים לא יצא ולא עצר את הימלר, שדהר בראש מפקדתו לפלנסבורג, המעוז הנאצי האחרון ליד הגבול הדאני. כשנודע לו דבר מותו של היטלר מיהר להציע עצמו כראש ממשלת גרמניה אבל איכשהוא פורסמה צוואתו של היטלר, האדמיראל דניץ לקח לידיו את הרסן השסוע של השלטון שהתמוטט לחלוטין, ברמזו בצורה חד משמעית להימלר שאין הוא מעונין בשרותו ובעזרתו.

אז כינס התליין את הישיבה האחרונה של מפקדי הס. ס. לדרגותיהם. כל אלה שהתאספו לפלנסבורג באו לאסיפה. הימלר פתח בהצעה מעשית להקים ממשלה נאצית מתוקנת בשליזוויג הולשטיין ופלנסבורג תשמש כבירתה. על מדינה זו, הציע לנהל משא ומתן כמדינה עצמאית לשלום עם מעצמות המערב ולהתעלם מרוסיה הסובייטית. הוא גלל באריכות את פרטי מנגנון השלטון, האריך לתאר את מחקר הגזענות עד שהדברים העלו גיחוך גם על פני המטומטמים שבקציני הס. ס., כשהנוכחים התחילו להפריע לו, לסתור הצעתו סיים התליין האכזר: „אם כן, עלינו להתפזר ולהעלם. אתם הלא מבינים מה עליכם לעשות".

בתוך התוהו ובוהו נעלם הימלר, אחרי שצייד עצמו בתעודות מזוייפות ובגלולה קטנה של רעל הצקלון, ששימש לרצח מיליוני יהודים. כעבור עשרים יום, 22.5.1945 עצר משמר בריטי את הסמל הגרמני „היינריך היצינגר". הסמל, שרעד כעלה לא התנגד למאסרו, אבל סירב לפתוח את פיו. כשהרופא הצבאי הבריטי ניסה בכוח לעשות זאת. בלע „הסמל היצינגר" במהירות את גלולת הציקלון. כעבור רגעים מספר שכב על הארץ היינריך הימלר המת, הרוצח מספר שנים של הרייך השלישי.

כנופית המרצחים

שורת הרוצחים היתה ארוכה מאד. בממשלה הנאצית „המכובדת בעיני עצמה" נוצצו שמות נבלים שואפי דם, ואם כי אלה לא הגיעו לדרגת היטלר והימלר או גרינג, הרי שמור מקומם בין גדולי הרוצחים בדברי הימים. יוסף גבלס הגוץ, מיניסטר התעמולה של הרייך נמנה על אחד מראשי המסיתים בתקופת הנאצים. צורר זה, השתתף באורח פעיל בתכנון מסע ההשמדה נגד היהודים. כאינטלקט של החבורה הפרועה, כתלמיד במסדר הישעי דאג לאוירה המתאימה למעשי רצח. הוא לא היה רק רוצח לראווה, כלפי חוץ אלא תליין בלבו פנימה. ביומנו הפרטי, שרשם לעצמו אנו מוצאים למשל את הקטעים דלהלן המדברים בעדם:

פאַרבינדעטן מיליטער און צום אויסשעכטן פון הונדערטער טויזנטער זעלנער פון מערדערישן דייטשלאַנד.

קראַנק אויף אַ גרויסקייטס מאַניע, האָט היטלער זיך געהאַלטן ניט נאָר פאַר אַ געניאַלן מיליטער־פירער נאָר אויך פאַר אַ „אויבערשטע באַשעפעניש״ וועלכע ווערט געפירט דירעקט דורך די השגחה צוליב זיין היסטאָרישע „שליחות״. ווען דער קאָלאָנעל שטאַופנבערג האָט, לויטן אויפטראַג פון מיליטערישע קרייזן, דעם 20.7.1944 געמאַכט אויף אים אַ אַטענטאַט און האָט היטלערן נאָר פאַרוואונדעט, איז ער אויסער זיך אויפגעשטאַנען און געשריגן „ווער וועט עס ערשט צווייפלען אין׳ם פאַקט אַז איך געפין זיך אונטער די ספּעציעלע השגחה פון ג־ט״, ווען ער האָט זיך בארויִקט האָט ער אַן אויפהער געמורמלט: „איך הויב אָן צו צווייפלען אויב דאָס דייטשע פאָלק איז ווערט מיינע גרויסע אידעאַלן״... אין זיינע לעצטע טעג, ווען דייטשלאַנד איז איינגאַנצן צופאַלן, האָט ער ניט אויפגעהערט צו טענה׳ן: „דאָס דייטשע פאָלק איז ניט ווערט געווען מיינע גרויסע געדאַנקען, דעריבער קומט איר דער פולקאָמער אונטערגאַנג״. אויפן צוזאַמענפאָר פון די גאַולייטערס אין אויגוסט 1944, האָט היטלער צום ערשטן מאָל דערמאָנט אַ וואָרט וועגן אַ מפּלה, ער האָט געזאָגט: „אויב דאָס דייטשע פאָלק וועט באַזיגט ווערן אין דעם קריג, אויב עס וועט ניט ביישטיין דעם היסטאָרישן נסיון, איז עס מער ניט ווערט ווי דעם אונטערגאַנג״... די גאַולייטערס האָבן לאַנג אַפּלאַדירט זיינע רייד.

ביז זיין לעצטן טאָג איז היטלער געבליבן טריי זיין גרויסקייט־מאַניע. זיין שטענדיקער דעוויז איז געווען: „אָדער וועלט הערשאַפט אָדער אונטערגאַנג״. געפּאָדערט אומבויגזאַמע טרייהייט צו זיין שגעון, געפּאָדערט און עס באַקומען. דער שרעקליכסטער סאַטראַפּ אין די געשיכטע האָט שוין מערניט גערעדט וועגן זיינע פליכטן צו דייטשלאַנד נאָר וועגן דער טריישאַפט וואָס דייטשלאַנד דאַרף אים ווייזן, אים דעם גרויזאַמען, משוגע׳נעם סאַטראַפּ. ווי ער וואָלט געזאָגט: דייטשלאַנד, דאָס בין איך און נאָך מיר, דאַרף מען איר מער ניט האָבן.

דאָס נאַציִשע, מערדערישע, חיה׳שע דייטשלאַנד איז געבליבן טריי צום בלוט אָפּגאָט ביזן לעצטן טאָג. אין אַ געשפּרעך מיט הערמאַן ראַושינג, נאָכן מאַכט־איבערנעמען האָט היטלער געזאָגט: „איך בין ניט געקומען אויף די וועלט כדי די מענטשן בעסער צו מאַכן; נאָר כדי אויסצונוצן זייערע שוואַכקייטן״. און באמת האָט דאָס דאָזיקע געשעפענסט אויסגענוצט די שוואַכקייטן פון די דייטשן נאָך בלוט, ערָאָבערונגען, און מאָרד. אפילו אין די לעצטע טעג פון נאַציִשן הערשאַפט, ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרלאָרן און די פאַרבינדעטע מיליטער איז געלאָפן איבער דייטשלאַנד, איז נאָך היטלער געבליבן דער איינציקער וואָס האָט נאָך געהאַט אַ ווירקונג אויף יעדן דייטש. אפילו אויף די חורבות פון דייטשלאַנד האָבן נאָך היטלער און זיינע געהילפן געגלויבט אַז קיין שום קרבן איז ניט טייער פאַר דעם אָפּגאָט. ווען מען האָט היטלערן אָנגעזאָגט אַז די ס.ס. טרופּן וואָס טראָגן זיין נאָמען „לייבסטאַנדאַרט אַדאָלף היטלער״ זיינען אין גרעסטן




הנאצים המסוכנים מרימים צעקה: ״תעמולת זוועה של היהודים״
די נאַציס שרייען געוואַלט: ״אידן פירען גרויל פּראָפּאַגאַנדע״

טייל פאַרניכטעט געוואָרן און די רעשטלעך זיינען אָפּגעטרעטן מיט גרויסע פאַרלוסטן, האָט ער געקאָכט פון כעס. גענעראַל רייכענאַו האָט אים געפּרוווט ערקלערן אַז די דייטשע פאַרלוסטן זיינען צו גרויס, אָבער היטלער האָט אים איבערגעריסן און געשריגן: „קיינמאָל קענען די פאַרלוסטן ניט זיין צו גרויס, ווייל זיי פאַרזייען דאָך די זאָמען פון גרויסקייט״. ער האָט גלייך באַפוילן די טרופּן זיי זאָלן אַרונטערנעמען זיין נאָמען און זיין פאָן פון אַרבל. „דער זעלנער דאַרף שטאַרבן און ניט אָפּטרעטן״.

פאַרטיפט אין בלינדער פאַרג־טערונג צום גרויסן מערדער, טונקענדיק זיך אין טייכן בלוט, האָט דאָס פאַרברעכער פאָלק ניט אויפגעהערט טריי צו בלייבן דעם גרויסן בלוטדורשטיקן משוגע׳נעם. יעדער פּרוּוו צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג וועגן שלום אָדער זיך אונטערגעבן וואָס איז געקומען מצד די זיגרייכע מערב־לענדער וועלכע האָבן שוין צושניטן דאָס טמא׳דיקע לאַנד — איז אָנגענומען געוואָרן אַלס פאַרראַט אין רייך, אין פירער. ווען עס איז שוין געקומען דאָס וואַסער צום מויל און די רוסן האָבן שוין געהאַלטן ביים איינעמען דעם שטח וואו היטלער האָט זיך באַהאַלטן, האָט ער געזאָגט: „איך האָב באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד און מיט מיר וועט שטאַרבן דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, זיין טויט צוזאַמען מיט מיר וועט זיין זיין אויסלייזונג״.

אָבער דער משוגענער אויף גרויסקייט־מאַניע, האָט זיך דערשראָקן זעענדיק דעם טויט שפּרייזט מיט גרויסע טריט



ברית ידידות גרמניה—רוסיה··· ממגל וחרמש עד לצלב הקרס / דער פריינטשאפט אפמאך צווישן דייטשלאנד און רוסלאנד, פון האמער און קאסע ווערט א סוואסטיקא

מארס, 27, 1942

„יהודי הג·ג· (פולין) מגורשים עתה למזרח, הצורה היא ברברית למדי, ואין לתאר אותה כאן ביותר דיוק· לא הרבה ישאר מהיהודים··· העונש המבוצע על היהודים, אשר אם כי ברברי הוא, הרי ראויים הם לו··· לשום ממשלה אחרת ולשום משטר אחר לא היה העוז לפתרון גלובאלי כזה של הבעיה···"

דצמבר 14, 1942

„···הגזע היהודי הכין מלחמה זו· הוא היוזם הרוחני של כל החורבן שפקד את האנושות כולה· היהדות מוכרחה לשלם בעד הפשע הזה· בדיוק כפי שהתנבא הפיהרר בנאומו ברייכסטאג: היינו, בחיסולו של הגזע היהודי באירופה ואפשר גם בתבל כולו···"

דצמבר 19, 1942

„···הבעיה היהודית מוצגת בהרחבה הן בעתונות האויב והן על ידי סוכנויות ידיעות נייטוראליות· יהודי ירושלים אירגנו הפגנות מחאה רועשות נגדנו· הם הכריזו על יום של צום··· לא נירתע···"

ואכן היה זה גבלס הקיצוני כמעט בין חברי ממשלת גרמניה, שתבע ללא הרף את השמדת כל יהודי אירופה, הנמצאים בשטחי הכיבוש הנאציים· חיה טורפת זו היתה בכלל צמאה לדם, כשהיהודים כבר חוסלו ברובם המכריע, תבע מהיטלר בפברואר 1945 להוציא להורג 60 אלף השבויים של מעצמות המערב וחיילות האויר המערביים וזאת, בתגובה על הנצחון המערבי במלחמה האוירית··· באחת הישיבות האחרונות של ממשלת גרמניה בימי שלטון הנאצים הציע להתחיל להשתמש בגאזים מורעלים נגד המערב, רוצח זה חמק אף הוא מספסל הנאשמים· נשאר נאמן להיטלר עד יומו האחרון והתחבא יחד עמו בבונקר בברלין· אחרי התאבדותו של היטלר הרעיל גלבס את 6 ילדיו, ופקד על זקיף נאצי שיהרוג אותו ואת אשתו, הזקיף מילא אחרי הפקודה·

לעומתו, לא טיפל המיניסטר למשפטים האנס פראנק בבעית היהודים באורח ישיר עד אשר נתמנה למושל כללי של פולין הכבושה· אז, גילה רוצח זה את פרצופו· מלא צביעות הצהיר „מעולם לא שלטו בפולין באוביקטיביות כזאת", הכחיש ידיעות על מעשים איומים המבוצעים על ידי הנאצים בפולין, הדבר לא הפריע לו להצהיר בישיבה הראשונה של מושלי המחוזות של הגנרל גוברנמנט הפולני כי הג· ג· „נועד להיות מחנה ריכוז גדול של היהודים, אותם נרדוף בכל מקום שידינו מגעת"···, ביומנו הפרטי אנו מוצאים קטעים המעידים על נפשו המורעלת של רוצח זה· לדוגמא:

אפריל 1, 1942

אמש אמרתי בלבוב כי דננו 120000 יהודי המקום למות ברעב· מובן מאליו שאם היהודים יסרבו למות בצורה זו, נאלץ לנקוט צעדים אחרים לחסלם···

ובקטע אחר ביומנו אנו מוצאים: „פרשת יהודי פולין נסתיימה···, לא חשוב איך, נגיד: הם הלכו"···


וביושבו על ספסל הנאשמים בנירנברג לא הוכיח רוצח זה את גבורתו· ילל הפושע והתחנן על נפשו כשהוא רועד כעלה· בעומדו לתת את הדין נשבר לחלוטין· האיש שבתחום שלטונו נרצחו מיליונים, פחד להביט ישר למות, בשעה שהיה המועמד לתליה· הוא אמנם רשם: „נלחמנו ביהדות, נלחמנו בה שנים, והיתרנו לעצמנו ביטויים — — — והיומן שלי הפך להיות עד כנגדי בענין זה — — — ביטויים כה איומים··· אלף שנים יעברו ופשע זה של גרמניה לא ימחק···"·

והרוזן שברון פון קרוסיק, מיניסטר הכספים של הרייך כותב ביומנו ביום 15·4·1945:

„···בהשמדת היהדות לא היה כל דופי כשלעצמה, אילו בוצעה בשלימות· אך מאחר וידינו לא השיגה אלא שליש מהם בעוד ושני שלישים מן היהודים נשארו בחיים, לכן היתה המדיניות הזאת גרועה מפשע· היה עלינו לדעת ששני שלישים מן היהודים נמצאים מעבר לאזור סמכותנו, ואין בידינו לפתור את בעית היהודים לכן היה הטיפול גרוע מפשע· היה זה מעשה שטות"···

מבצעי הפשע למעשה, בעלי הדרגות הנמוכות יותר, ריינהרד היידריך והיינריך מילר, פריץ קצמן וקאלטנברונר, שאלנברג ופוג׳, תיאודור אייקה וריכארד גליקס, אולנדורף וגולובקה ופראנץ הס, ומאות רוצחים קטנים וגדולים שאירגנו את הטבח וביצעו אותו למעשה, את כל אלה נפגש בפרקים הבאים השטוחים לפנינו במגילה הזאת·


צו אים. ער האט גוט געוואוסט וואס אים ערווארט מצד זיינע געגנער די פארבינדעטע. אין די לעצטע וואך האט ער שוין ניט גערעט אזוי גלייכגילטיק וועגן זיין זעלבסטמארד און געטענה׳ט: „איך וועל זיך דאס לעבן נעמען כדי ניט אריינצופאלן אין רוסישע הענט און כדי די אידן זאָלן מיר ניט ארויסשטעלן אין זייער צירק״. ער האט אפילו ניט גע־וואָלט פארציכטן אויף א „רומפולער צוקונפט״, אָנגעהויבן גלויבן אז די דייטשן וועלן אים בלייבן טריי אפילו נאָך זיין טויט. אבער גערינגן און הימלערן האט ער געוואָלט ארויס־ווארפן פון די פאַרטיי, צונעמען ביי זיי זייערע אמטן און זיי שטעלן פארן געריכט פאר פארראט. גערינגן — ווייל ער האט אים פארגעלייגט זיך אָפּצוזאָגן. און הימלערן, ווייל ער האט געפירט אונטערהאנדלונגען וועגן זיך אונטערגעבן. א רעגן פון באמבעס האט נאכאנאנד זיך געגאסן אויף די ערד איבערן טיפן בונקער וואו דער הויפּט־תלין האט זיך אויסבאהאלטן; די פארבינדונג מיט די אויסערליכע וועלט איז געווארן אינגאנצן איבערגעריסן. דאס מערדערישע דייטשע מיליטער האט אייגענטליך אויפגעהערט צו עקזיסטירן אויסער עטליכע פארלארענע פּאָזיציעס. דער גרעסטער טייל פון דייטשן באָדן איז שוין געווען אין די הענט פון די פאר־בינדעטע און די רוסן זיינען געשטאנען ביי די טויערן פון בערלין איינעמענדיק גאַנץ פרייסן, די מערב־מאכטן האָבן שוין געהערשט איבערן גרעסטן טייל פון דייטשלאַנד. מיליאָ־נען געפאנגענע האבן זיך צוזאמענגעדריקט אין די געפאנגען־לאגערן און היטלער, וועלכער האט זיך צוגעגרייט צו זיין עקעלהאפטן זעלבסמארד, האט געשריבן זיין צוואה: „פאר מיין טויט, שליס איך אויס פון די פאַרטיי היינריך הימ־לערן, געוועזענער רייכספירער פון ס.ס. אינערן־מיניסטער און הויפּט פּאָליציי קאָמיסאר, און באשטים אויף זיין ארט דעם גאולייטער קארל האנקע אלס רייכספירער פון ס.ס. און אלס הויפּט פּאָליציי־אינספּעקטאָר און דעם גאולייטער פאול גייסלער אלס אינערן־מיניסטער. פאר מיין טויט טרייב איך ארויס פון די פאַרטיי דעם רייכסמארשאל הערמאן גערינג, נעם ביי אים צו אלע זיינע טיטולן און אלע רעכט וואס זיינען אים געגעבן געוואָרן לויטן באפעל פון 29.6.1941 און לויט מיין רעדע אין רייכסטאג פון 1.9.1939. אויף זיין פּלאַץ נאמיניר איך דעם אדמיראל דעניץ אלס רייכספּרעזידענט און אלס אויבערקאָמאַנדיר פון דייטשן מיליטער. — ווייל גערינג און הימלער האבן געפירט, אָן מיין וויסן, אונטער־האַנדלונגען מיטן שונא און צוליב זייערע באמיאונגען צו



הנאצים יוצאים למסע דמים — בקריקטורה יהודית
די נאציס ארויס צום בלוט מארש — אין א אידישע קאריקאטור

פארכאפּן די מאַכט אין לאַנד, שוין ניט ריידענדיק וועגן זייער פארראט אין מיר אליין. — האָבן זיי באַליידיקט דאָס פאָלק און דאָס לאַנד. כדי דאָס דייטשע פאָלק זאל האבן א רעגי־רונג פון אנשטענדיקע מענשן וועלכע וועלן פירן דעם קריג מיט אלע מיטלען, נאמיניר איך געבעלס׳ן — אלס רייכס־קאנצלער, בורמאנען — אלס פירער פון די פאַרטיי, סייס אינקווערס — אלס אויסערן מיניסטער, סאוער — אלס קריגס־מיניסטער, גראף פון קאראסיק — אלס פינאנץ מי־ניסטער, אלפרעד רוזענבערג׳ן — אלס מיניסטער פאר די איינ־גענומענע געביטן אין מזרח, טיראקן — אלס יוסטיץ מיניס־טער און פעלדמארשאל שארנער — אלס גענעראל־שטאב לייטער.״...

דער שרעקליכער מערדער האט זיך דאס לעבן גענומען. די דייטשן האבן נאך עטליכע טעג מקיים געווען זיין צוואה. דעניץ האט צוזאמענגעשטעלט זיין רעגירונג אין פלאסבורג און אפילו געפּרווט ווייטערצופירן היטלערס בלוטיקע ירושה. נאָר דער אנבליק ווי דאס מיליטער פון די פארבינדעטע שמידט אין קייטן די פארברעכער און מערדער, האט אויפ־געוועקט דעם דייטשן פאָלק פון זיין פאטרוקענהייט. די בלוט־באד וואס האט זיך געצויגן 12 יאָר און 100 טעג — האָט זיך געענדיקט.



פלישת הקלגסים

●

די ברוטאלע אינוואזיע

פרק שני

בו מסופר על הפלישה הרצחנית של הקלגסים הגרמניים האכזריים לפולין העצמאית ועל ההתנגדות הנואשת של הכוחות הצבאיים של פולין העצמאית שארכה שבועות מספר.

כך נפתח הפרק הראשון לשואה האיומה והמרה, אשר הביאה בעקבותיה כליה לשבט היהודי המפואר ביותר בזמנים האחרונים, שמנה בימים ההם 3.250.000 נפש ויותר.

סבל רב היה מנת חלקה של יהדות פולין בימי הקרבות העקובים מדם. רבבות יהודים נפלו שדוד בימים הספורים הללו וקברותיהם התפזרו על פני דרכי פולין ושביליה. אז פתחה את פיה אדמת פולין הרוויה דם ודמע של יהודים וכיסתה על נחשול הדמים הראשון שהציפה.

פתיחת האימים של הטרגדיה האיומה מתוארת בפרק זה של המגילה הגדולה הנשטחת כאן לפנינו. הבו ונכנס לתקופה נוראה זו.

★

קאפיטל 2

דאס קאפיטל איז געווידמעט דער אכזריות׳דיקע אינוואזיע פון די בעסטיאלע דייטשע מערדער קיין פוילן. דער קורצער און בלוטיקער קאמף צווישן דעם שוואכן פוילישן מיליטער און די מעכטיק באוואפנטע נאצישע כוחות איז פאקטיש געווען די גרויזאמע עפענונג פון דעם שוידערליכן חורבן פון אידישן פאלק אין פוילן.

אזוי האט זיך אנגעהויבן די שרעקליכע דראמע פון דעם גרויזאמען אומגליק פון אידישן פאלק, וואס האט געפירט צו דער פולשטענדיקער ליקווידירונג פון דעם גאלרייכן אידישן שבט, דאס הארץ פון אידישן פאלק, דאס פוילישע אידענטום וואס האט געציילט דעמאלס 3.250.000 נפשות.

שוידערליכע טעג זענען זייט דעמאלס געקומען אויף דעם פוילישן אידענטום. צענער טויזענטער אידן זענען געפאלן אין די קורצע, בלוטיקע קאמפסטעג, זייערע קברים צושפרייט איבער אלע וועגן און שטעגן פון פוילן. די שוידערליכע חורבן עפאכע האט זיך אנגעפאנגען. די פוילישע ערד האט ברייט געעפענט איהר מויל, מיט דורשט איינגעזאפט דאס אידישע בלוט.

אט די שוידערליכע עפענונג פון דער גרויזאמער טראגעדיע ווערט געשילדערט אין דעם קאפיטל צוויי ״די ברוטאלע אינוואזיע״.



היטלר נואם ב־רייכסטאג עם הת־חלת הפלישה ל־פולין· פניו השתנו עד בלי הכר, כולו זעם· מזכיר יהודים ומטיל עליהם את אשמת המלחמה· למעלה: גרינג, נשיא הרייכסטאג·

היטלער רעדט אין רייכסטאג ווען די אינוואזיע קיין פוי־לן האט זיך אנגע־הויבן ווערט פול מיט צארן· ער דער־מאנט אידן און בע־שולדיקט זיי אין דער מלחמה·
אויבן: גערינג, פרע־זדענט פון רייכס־טאג·

מבצע „פאל־ווייס"

1 בספטמבר 1939·

בשעה 5·45 לפנות־בוקר פרסמה לשכת המודיעין הגרמנית הודעה קצרה ובה נאמר:

„אחרי התגרויות בלתי־פוסקות מצד ממשלת פולין ואיומים על גבולות הרייך השלישי, אשר נתלוו במעשי־טירור איומים נגד מיליון וחצי גרמנים בפולין, פלשו צבאות גרמניה לפולין·

כל בקשותיה של גרמניה להפסקת מעשי־האיבה נגדה וסיכון שלומה עלו בתוהו· אין, איפוא, לרייך השלישי מנוס מלאחוז בנשק כדי להבטיח הסדר של צדק ושלום בר־קיימא·

אדולף היטלר
פיהרר

פרסום ההודעה בא 60 רגע לאחר התחלת המלחמה· השעה 4·45 לפנות בוקר היתה שעת־האפס לפתיחת מבצע „פאל־ווייס" (מקרה לבן) שתוכנן עוד בשנת 1937 לכיבושה של פולין· פרטי־הפעולה עובדו בזהירות ובקפדנות במשך תקופה ארוכה מאד· מתכנני־המבצע אשר ערכוהו ביסודיות גרמנית טיפוסית לא דלגו אפילו על הפרט הפעוט ביותר· מלכתחילה הוחלט לפתוח במערכה ב־25 באוגוסט 1939, יום לאחר חתימת ההסכם הידוע עם רוסיה הסובייטית על חלוקת פולין· אולם היטלר ציפה לכך שההסכם עם רוסיה ישפיע על בריטניה וצרפת לבטל את החוזה להגנה הדדית עם פולין, הוא האמין שבעטיה של המציאות הפוליטית החדשה תחזורנה בהן מעצמות המערב מהתחייבויות־הכבוד שלהן ותפקרנה את פולין כפי שהפקירו את צ׳כוסלובקיה לחסדם של הנאצים· ברם, כאשר בא ראש ממשלת בריטניה, מר נוויל צ׳מברליין, והודיע במכתבו להיטלר ביום 26 לאוגוסט כי בריטניה איתנה בדעתה להפעיל את חוזה ההגנה עם פולין בכל מחיר, החליט היטלר לצאת למלחמה וקבע את ה־1 לספטמבר 1939 כתאריך החדש לפתיחת המבצע·

הפלישה לפולין החלה, כאמור, בשעה 4·45, 56 דיביזיות גרמניות, וביניהן 9 דיביזיות משוריינות, פרצו בארבעה ראשים לפולין· 1500 מטוסי צלילה ומפציצים מכל הגדלים השחירו את שמי פולין וזרעו הרס בכל פינה ובכל מקום·

הפולנים הופתעו· שירות הריגול הגרמני הצליח להחדיר את סוכניו לצמרת הצבאית הפולנית, והם הלעיטו את המפקדה העליונה של צבא פולין בידיעות מסולפות אשר לפיהן, אין ממש באיומיו של היטלר וכי אין את נפשו לצאת למאבק· למרות האוירה המחושמלת ומבשרת־הרעות לא גייסו הפולנים אלא שני שלישים בלבד מכוחם הצבאי, השאירו את צי־המטוסים ללא הגנה והכוחות הפולשים יכלו, איפוא, להנות מיתרון־ההפתעה בצורה מוחלטת·

עוד בטרם הצליחו הפולנים להתאושש מן ההלם הפתאומי, עלה כבר בידי חיל־האויר הנאצי לחסל את מרבית המטוסים בשדות־התעופה הצבאיים הפולניים· עוד לפני שהספיקו אפילו להמריא· קרוב ל־600 מטוסים, מתוך 900, מחציתם חדישים, הוצאו מכלל שימוש· עוד לפני שהמפקדים הפולניים הצליחו לעמוד על המתרחש, כבר הספיקו ציפרני־הנאצים להעמיק חדור לתוך שטחה של פולין· בעמדו בפני העתונאים אז, מסר הגנרל אלכסנדר להר, ממפקדי חיל־האויר הגרמני:

„··· האויריה הפולנית הושמדה במשך שלוש השעות הראשונות של המלחמה· מפציצינו כבר נמצאו במקומות הביצוע בשעה 5·45, בבוקרו של ה־1 לספטמבר· הפולנים עדיין ישנו את שנתם· איש לא נמצא ליד תותחי־ההגנה שלהם· מטוסיהם עמדו ערוכים טורים־טורים בשדות־התעופה שלהם· הפתענו אותם לגמרי· הפצצנו אותם ללא־רחמים והשמדנו את האויריה שלהם אשר חנתה על הקרקע עד השעה 9 בבוקר· 900 מטוסים היו לפולנים ומקץ יום אחד של מלחמה יכולים אנו להודיע עתה שהלופטוואפה השיג שליטה מלאה בשמי פולין, — הם שוב לא יתאוששו"·

בעוד ומיליון ו־300 אלף חיילים גרמניים מסתערים באותו יום שטוף־שמש של ה־1 לספטמבר 1939, בחמת־זעם מצפון, מערב ומדרום לפולין, בעוד מטוסים גרמניים משתוללים בשמיה וזורעים חורבן והרס בכל פינה ועבר, בעוד מיליוני בני־אדם, צעירים וזקנים, נשים וטף, חולים ותשושים, נעים־נדים בבהלה על־פני הכבישים ההרוסים של המדינה המותקפת, אצים־רצים ללא מטרה ומתוך יאוש, — התייצב היטלר מעל במת הרייכסטאג הגרמני



חיל הספר הפולני — מובל במפתיע לשבי / די פוילישע גרעניץ זשאנדארמעריע ווערט פלוצלינג איבערפאלן — מען פירט זיי אין פלען.

די „פאל־ווייס" אקציע

1־טער סעפטעמבער 1939.

5.45 פארטאג האט די דייטשע אינפארמאציע ביורא פארעפנטליכט א קורצע מעלדונג אין וועלכע עס ווערט געזאגט:

„נאך אומאויפהערליכע ארויספאדערונגען מצד דער פוילישער רעגירונג און דראונגען אויף די גרעניצן פון דריטן רייך, וועלכע זיינען באגלייט געווארן מיט גרויזאמע טעראר אקטן געגן די אנדערטהאלבן מיליאן דייטשן אין פוילן, האט די דייטשע ארמעע ארייננמארשירט קיין פוילן.

פון אלע דייטשע ביטעס עס זאל אויפהערן די פיינטליכע אקטן געגן דייטשלאַנד און עס זאל ניט געשטערט ווערן איר פרידן — איז גארניט געווארן. דאס דריטע רייך האט דעריבער ניט קיין אנדער וועג, ווי דאס געווער, כדי צו פארזיכערן א גערעכטע און דויערהאפטע ארדענונג.

אדאלף היטלער
פיהרער

די דאזיקע מעלדונג איז פארעפנטליכט געווארן 60 מינוט נאכן אנהויב פון די מלחמה. 4.45 איז געווען די איקס־שעה פון די „פאל־ווייס" אקציע וועלכע איז נאך געפלאנט געווארן אין יאר 1937 וועגן איינגעמען פוילן. ד'י פרטים פון די אקציע זיינען אין משך פון א לאנגע צייט אויסגעארבעט געווארן געהיים און פינקטליך. די וועלכע האבן דעם פלאן אויסגעארבעט האבן עס געמאכט מיט טיפישער דייטשער גרונדליכקייט און ניט פארגעסן דעם קלענסטן פרט. פריער האט מען געהאט באשלאסן אנצוהויבן די אקציע דעם 25־טן אוגוסט 1939, א טאג נאכן אונטערשרייבן דעם בארימטן רוסיש־דייטשן אפמאך וועגן פונאנדערטיילונג פון פוילן. אבער היטלער האט געהאפט אז דער אפמאך זיינער מיט רוסלאַנד ווֶעט משפיע זיין אויף ענגלאַנד און פראנקרייך מבטל צו מאכן דעם פארטיידיקונגס אפמאך צווישן זיי און פוילן, ער האט געגלויבט אז אין אנבליק פון דער נייער ווירקליכקייט וועלן די מערב מאכטן זיך צוריקציען פון זייער ערן־פארפליכטונג לגבי פוילן און וועלן איר מפקיר זיין אזויווי זיי האבן מפקיר געווען טשעכאסלאוואקיע אויפ׳ן דייטשן חסד. אבער ווען דער ענגלישער פרעמיער נעוויל טשעמבערליין האט אין זיין בריוו פון 26־טן אוגוסט אנגעזאָגט היטלערן אז ענגלאַנד בלייבט פעסט ביי איר מיינונג אויסצופירן איר פארטיידיקונגס־פאקט פאר יעדן פרייז, האט היטלער באשלאסן ארויסצוגיין אין קריג און האט באשטימט דער ערשטן סעפטעמבער אנצוהויבן די אקציע.

ווי געזאָגט, האט דער ארייננמארש אין פוילן זיך אנגעהויבן 4.45 א זייגער. 56 דייטשע דיוויזיעס, צווישן זיי 9 געפאנצערטע האבן זיך ארייגעריסן אין פוילן אין פיר קאנאלען. 1500 יעגער און באמבארדיר עראפלאנען פון אלע גרויסן האבן פארטונקלט די פוילישע הימלען און געזייט טויט און פארוויסטונג אין יעדן ווינקל.


די פּאָליאקן זיינען געווען איבערראשט. דעם דייטשן שפּיאָנאזש האט זיך איינגעגעבן ארייננצודרינגען זיינע מענשן אין שפּיץ פון פּוילישן מיליטער און זיי האבן אנגעשטאָפּט דעם פּויל'ישן גענעראל־שטאב מיט פאלשע ידיעות אז היטלערס דראונגען זיינען גארניט ווערט און אז ער האט גאר קיין חשק ניט ארויסצוגיין אין א קאמף. טראָץ דער עלעקטריזירטער, שלעכטס־אנזאגענדיקער שטימונג, האבן די פּאָליאקן מאביליזירט נאר צוויי דריטל פון זייער מיליטערישער פאטענץ. האבן איבערגעלאָזט די פלי־עסקאדראנען אן וועלכן עס איז שוץ, אזוי אז די אנגרייפער האבן געקענט פולשטענדיק אויסנוצן דער איבערראשונג צו זייער גונסטן.

נאָך איידער די פּאָליאקן האבן געקומען צו זיך פון דעם פלוצלונגדיקן קלאפ, האט זיך איינגעגעבן די נאצישע אוויאציע צו פארניכטן דעם גרעסטן טייל פון די עראָפּלאנען אויף די פלי־פעלדער נאך איידער זיי האבן צייט געהאט ארויסצופליען. פון די 900 עראָפּלאנען זיינען מער פון 600, דאס רוב פון זיי נאך ניי — פארניכטעט געווארן. נאך איידער די פּוילישע אפיצערן האבן געכאפּט וואָס עס איז געשען, האבן שוין די נאצישע נעגל צייט געהאט ארייננצודרינגען טיף אין פּוילישן לאַנד.

שטייענדיק פאר די פּרעסע, האט דער פליער גענעראל אלעקסאנדער לעהער געזאגט:

„...די פּוילישע אוויאציע איז פארניכטעט געווארן אין די ערשטע דריי מלחמה־שעה׳ן. אונזערע באמבארדירער האבן זיך געפונען אויפן צוגרייטונגס־פונקט שוין א זייגער 5.45 — די איקס־שעה — אין די מארגן שעה׳ן פון ערשטן סעפטעמבער. די פּאָליאקן זיינען נאך געשלאפן רואיק. קיינער האט זיך ניט געפונען ביי זייערע פארטיידיקונגס־הארמאטן. זייערע עראָפּלאנען זיינען געשטאנען אין שורות אויף די פלי־פעלדער. מיר האבן זיי פולשטענדיק איבערראשט. מיר האבן זיי באמבארדירט אן רחמנות און פארניכטעט זייער אוויאציע וועלכע האט זיך געפונען אויף דער ערד ביז 9 אזייגער אינדערפרי. די פּאָליאקן האבן געהאט 900 עראָפּלאנען. נאכן ערשטן טאג מלחמה קענען מיר מודיע זיין אז די לופטוואפע באהערשט פולשטענדיק די פּוילישע לופט — זיי וועלן שוין ניט קומען צו זיך".

און אין די צייט ווען א מיליאן און 300 טויזנט דייטשע זעלנער שטורמען, אין יענעם שיינעם, זוניקן סעפטעמבער־



בראשון לספטמבר לפנות בוקר — גשרים כבר נהרסו, מעשי ידי מרגלים־חבלנים. בתמונה: גשר הרוס על הווייסל / דער ערשטער טאג פון קריג — בריקן זענען שוין צו שטערט, א שטיקל ארבעט פון שפיאנען. אויפן בילד: א צושטערטע בריק אויף דער ווייכסל.

ושפך אש וגפרית על „היהדות הבינלאומית אשר גרמה למלחמה, האשמה בכל, והיא חייבת פעם ולתמיד לשלם בעד פשעיה וחטאותיה״.

בחיבה ובחמימות, בלהט ואהדה, דיבר היטלר על השותפות הגרמנית־רוסית שפניה לשים קץ לאנרכיה השולטת בתחום המפריד בין שתי המדינות. „השותפות הזאת איתנה היא, כי על כן היא מתבססת על אינטרסים הדדיים ועל הבנה הדדית מלאה״ — הצהיר היטלר לקול תשואות צירי הפרלמנט הנאצי.

9.30 בבוקר של ה־1 לספטמבר. אותו רגע נפחו 7 יתומים יהודיים פועטים את נשמותיהם ו־25 יתומים יהודיים אחרים התפתלו במכאוביהם ויסוריהם כתוצאה מהפצצה גרמנית רצחנית על בית־יתומים יהודי באוטבוצק, אותה שעה עמד היטלר על במת הרייכסטאג, כולו קורן מאושר, כשהוא מדבר על הידידות האיתנה עם רוסיה אשר תפתח דף חדש בתולדות אירופה. סוכנות הידיעות הסובייטית סיפרה אף היא לתושבי ברית־המועצות על פלישה גרמנית לפולין שבאה בעקבות מעשי־ההתגרות של השלטונות הפולניים בבני־המיעוטים. הנימה הידידותית בה הצטיינה ההודעה אישרה את הכרזותיו של רב־הטבחים. סטאלין הצית את הלהבה והיטלר נשא אותה בתרועת־נצחון על־פני מרחבי־פולין. זרע מות ושכול, מהומה והרס.

כעבור 20 חודש, ב־22 ביוני 1941, מסר הרוזן שולנברג, השגריר הגרמני בברית־המועצות, לשר החוץ הסובייטי הכרזת־מלחמה גרמנית. מולוטוב החויר כסיד ושאל בהתרגשות: ״האם אתה מאמין שהיינו ראויים לכך?״. שולנברג לא השיב דבר, יצא בלי אומר ודברים. כך פקד עליו מיניסטר החוץ הנאצי, ריבנטרופ. לא היה בפיו מענה לשאלה הצודקת. הרוסים באמת לא היו ראויים לכך...

שליטי הקרמלין עמדו בעקביות ובנאמנות לצדה של גרמניה הנאצית. סוכני הקומוניסטים בכל רחבי העולם הקדימו את האירגונים הפאשיסטיים והפרו־נאציים בהכרזותיהם כי במלחמה אשמה הבורגניזציה היהודית. גם הבטאונים הקומוניסטיים היהודיים בפאריס ובניו־יורק מיהרו להשתלב בקו־התעמולה החדש וחזרו על העלילה אשר הועתקה עד־מהרה על־ידי העתונות האנטי־שמית: „הלאה המלחמה האימפריאליסטית״, „בוז למחרחרי המלחמה״ — זעקו גם כרזות הקומוניסטים היהודיים בארץ־ישראל.

במנשרו הראשון לצבאות הנאציים, הדגיש היטלר את ההבנה של רוסיה הסובייטית לגבי הפעולה הנאצית נגד פולין. הונף הגרזן על ליבה של היהדות, פרצו תהומות־הרצח והאבדון; פסק־דין מות הוצא נגד הגולה היהודית המעטירה ביותר לקול תרועות־גיל של הפאשיזם והקומו־ניזם העולמי גם יחד.

מרחץ־דמים — בכל מחיר

„אין להניע את הגרמנים מהחלטתם ללחום בפולין, אפילו יתנו להם יותר ממה שהם מבקשים, הרי בכל זאת יתקיפו, כי שד־ההרס נכנס בהם...״ — רשם ביומנו מר ציאנו, מיניסטר החוץ האיטלקי בימים ההם.

מבצע „פאל־וויס״, תכנית כיבוש פולין, היה חלק בלתי־נפרד מתוכניותיו של היטלר כפי שהן הוגדרו בספרו „מיין קאמף״. מיד לאחר שהצליח למגר את צ׳כוסלובקיה, המדינה המזויינת והליבראלית אשר נפלה לידיו בקלות מפתיעה, אמר היטלר לצעוד לעברה של פולין. אולם, החשש מהתערבות רוסית לא רצוייה מנעה ממנו את צעדו זה.


לדעתו של רב־הטבחים הפסידה גרמניה במלחמת העולם הראשונה משום שלחמה ב־2 חזיתות בבת־אחת. במערב — נגד צרפת ובריטניה ובמזרח — נגד רוסיה. היטלר החליט למנוע הישנותה של שגיאה זו בכל מחיר. בעקרונות־הכיבוש שקבע בספרו „מלחמתי״ טען הרוצח הגדול שעל גרמניה לבחור את היריב החלש ביותר, להלחם בו בכל כוחה במהירות מקסימלית, ורק לאחר מיגורו עליה להתפנות לקרבן אחר. אף בעיניהם של חברי המטה הכללי הנאצי נראתה פולין כקרבן ראוי לטרף, בהיותה נוחה יותר מצ׳כוסלובקיה הקטנה ממנה, אולם כל זאת, בתנאי, שתהיה מבודדת, מחוסרת־ישע.

חוזה־ההגנה ההדדי בין פולין לבין בריטניה וצרפת, הדאיג במדת־מה את היטלר, הוא לא רצה להסתכסך עם בריטניה, בטרם סיים סופית את חשבונותיו באירופה, אבל הוא היה משוכנע שבריטניה לא תעמוד בדיבורה ובסופו של דבר תתחמק מלמלא את התחייבויותיה כלפי פולין.

ההצהרות הבריטיות, החוזרות ונישנות, לפיהן גמרה אומר לעמוד בהתחייבויותיה בכל המסיבות ובכל התנאים, לא שיכנעו את היטלר. הנוכל הפוליטי הזה, אשר בקלות וללא־מצפון ידע להתנכר לעצמו ולהתחייבויותיו, לא האמין שבריטניה אומרת לכבד את דבריה.

אבל, אם בריטניה הדאיגה אותו הרי רוסיה הסובייטית — הפחידה אותו. היטלר אמנם לא החשיב את רוסיה כגורם צבאי רציני וכבד־משקל. לדעתו לא היתה ברית־המועצות אלא בנין־קלפים העשוי להתפורר בקלות. אולם הוא פחד להסתער על פולין כשמאחוריה רוסיה ענקית המוכנה להגיש עזרתה לקרבן הנתקף. זיונו לא הספיק לו עדיין כדי מסע ארוך לתוך ערבות רוסיה הענקיות, ולמרות האיבה המסורתית והרשמית בין הקומוניזם והנאציזם,

טאג, מיט גוואלדיקן צארן פון צפון, מערב און דרום — אויף פוילן, ווען דייטשע עראָפּלאנען בושעווען איבער פוילן און זייען חורבן און פארניכטונג אומעטום, ווען מיליאנען מענשן, אלט און יונג, פרויען און קינדער, קראנקע און צובראכענע זיינען געלאפן אין בהלה איבער די אויפגעריסענע פוילישע שאסעען, פאריאושט און אן א ציל — האט זיך היטלער אוועקגעשטעלט אויף די טריבונע פון רייכסטאג און געשאטן פעך און שוועבל אויפן „אינטערנאציאנאלן אידענטום וועלכער האט געבראכט צו די מלחמה און וועלכער איז שולדיק אין אלץ, און זיי דארפן איינמאל פאר אלעמאל באצאלן פאר אלע זייערע זינד״·



בראשון לספטמבר לפנות בוקר, שדה תעופה צבאי פולני מכוסה פצצות ושברי אוירונים, צולם: ממטוס צלילה גרמני / דער 1־טער סעפטעמבער פארטאג· א פוילישע מיליטערישע פלי־פעלד באדעקט מיט באמבעס און צושמעטערטע עראפלאנען·

מיט ליבע און ווארימקייט, מיט פייער און פריינטליכקייט האט היטלער גערעט וועגן די רוסיש־דייטשע שותפות, וועלכע שטרעבט א סוף צו מאכן צו די אנארכיע וועלכע הערשט אין די טיילן וואס טיילן פונאנדער די ביידע לענדער· די דאזיקע שותפות איז פעסט, ווייל זי באזירט זיך אויף געגנזייטיקע אינטערעסן און פולשטענדיקע פארשטענדניש — האט היטלער ערקלערט אונטערן בייפאל פון די נאצישע פארלאמענט־מיטגלידער·

דאס איז געווען 9·30 אינדערפרי פון ערשטן סעפּטעמבער· אין דעם מאמענט האבן 7 אידישע יתומים אויסגעהויכט זייער נשמה און 25 אנדערע יתומים האבן זיך געדרייט אין יסורים· דאס זיינען געווען די פאלגן פון א דייטשער באמבארדירונג אויף א אידישן בית יתומים אין אטוואצק· אין די זעלבע צייט איז היטלער געשטאנען אויף די רייכסטאג־טריבונע און האט געשטראלט פון גליק ריידענדיק וועגן די שטארקע פריינטשאפט מיט רוסלאנד וועלכע וועט עפענען א ניי בלאט אין די געשיכטע פון אייראפא· די סאוויעטישע טעלעגראפן־אגענטור האט אויך דערציילט די בירגער פון סאוויעטן־פארבאנד וועגן די דייטשע אינוואזיע אויף פוילן וועלכע איז געקומען נאכדעם ווי די פוילישע מאכט ארגאנען האבן אנגעמאכט צרות די מינדערהייטן· דער פריינטליכער טאן אין די מעלדונג, האט באשטעטיקט די ערקלערונגען פון הויפּט־תלין· סטאלין האט אנגעצונדן דעם פייער און היטלער האט אים ארומגעטראגן מיט א יובל־טרומייטער איבער די לענג און ברייט פון פוילן, זייענדיק חורבן און פארניכטונג·

אין 20 מאנאטן ארום, דעם 22־טן יוני 1941 האט דער דייטשער אמבאסאדאר אין רוסלאנד, גראף שולענבערג, איבערגעגעבן דעם סאוויעטישן אויסערן־מיניסטער — די קריגס־ערקלערונג· מאלאטאוו איז ווייס געווארן ווי קאלך און געפרעגט אויפגערעגט : „צו גלויבסטו אז מיר זיינען עס ווערט געווען ?״· אבער שולענבערג האט גארניט געענטפערט און איז אוועק ניט אויסריידענדיק קיין ווארט· אזוי האט אים אנגעזאגט דער נאצישער אויסערן־מיניסטער פאן ריבענטראפ· ער האט ניט געהאט וואס צו ענטפערן אויף די גערעכטע פראגע· די רוסן האבן באמת דאס ניט פארדינט·

די הערשער פון קרעמל האבן ערליך און אויסגעהאלטן געשטאנען אין די זייט פון די נאציס· די קאמוניסטישע אגענטן אין די גאנצע וועלט האבן זיך געאיילט צו ערקלערן, נאך איידער די פאשיסטישע און פרא־נאצישע ארגאניזאציעס האבן עס געטאן, אז אין די מלחמה זיינען שולדיק די אידישע בורזשואזיע· אויך די אידיש־קאמוניסטישע ארגאנען אין פאריס און ניו־יארק האבן זיך געאיילט איינצוגלידערן אין די נייע פּראָפּאגאנדע־ליניע וועלכע איז אויפגעכאפּט געווארן פון די אנטיסעמיטישע פרעסע· „נידער מיט די אימפעריאליסטישע מלחמה״, „פאראכטונג די קריגס־העצער״ האבן ארונטערגעשריגן די פלאקאטן פון די אידישע קאמוניסטן אין ארץ־ישראל·

אין זיין ערשטן אפעל צו די נאצישע סאלדאטן, האט היטלער אונטערגעשטראכן די סאוויעטישע פארשטענדניש פאר די נאצישע אקציע אין פוילן· עס איז אויפגעהויבן געווארן די האק אויף דעם האַרץ פון אידענטום· עס זיינען אויפגעריסן געווארן די טיפענישן פון מארד און אונטערגאנג· א טויט־אורטייל איז ארויסגעגעבן געווארן געגן דעם גלאררייכען פוילישן אידנטום — אונטערן יובל־געשריי סיי פון די פאשיסטן און סיי פון דעם וועלט־קאמוניזם·

א בלוט באד פאר יעדן פרייז

„מען קען ניט אפהאלטן די דייטשן פון זייער באשלוס צו קעמפן געגן פוילן· אפילו מ׳וועט זיי געבן מער ווי זיי בעטן,



תחנות הרכבות הפולניות — מטרה לפצצות גרמניות.
א פולישע באן סטאציע, אין דעם ערשטן סעפטעמבער.

הסכים בכל לב למדיניות של הבנה זמנית עם רוסיה, שתאפשר לו להתפנות לכיבוש פולין והבלקן וסידור חשבונו עם צרפת. רק לאחר שישלים את מילויין של מטרותיו אלו יוכל להתפנות ולעלות על רוסיה.

אף סטאלין שאף להבנה עם גרמניה הנאצית, אם בגלל אכזבה מהמערב ואם בשל הערצתו הסמויה למשטר הטוטאליטרי של היטלר. הסנונית הראשונה של שינוי זה נתגלתה בחודש מאי 1939, אחרי השתלטות גרמניה על שארית צ׳כוסלובקיה.

הופעתו של השגריר הסובייטי במשרד החוץ הנאצי, בשאלו מה יהיה על המשך הפעולות המסחריות בין רוסיה למפעלים בצ׳כיה אשר בפרוקטוראט הנאצי, הסבירה כבר, למעשה, שרוסיה חותרת להבנה עם גרמניה הנאצית. כך החלו, איפוא, שיחות חשאיות בין מוסקבה וברלין. התפטרותו של מקסים ליטווינוב, מיניסטר החוץ הסובייטי ממוצא יהודי ואויב הנאצים, שימשה כאות לרצון טוב מצד הסובייטים כלפי גרמניה ההיטלראית. וויאצ׳יסלאב מולוטוב, שבא במקומו, גילם את הקו הנכון להסתגל לכל תהפוכות, קו שאיננו מתחשב בשום עקרונות.

מיד אחרי סילוקו של מקסים ליטווינוב הכריז המרשל וורושילוב במוסקבה, כי, הצבא האדום אינו מוכן להילחם בעד פולין. בשם המטה הכללי הרוסי גינה וורושילוב את „ההתחייבויות הצבאיות מרחיקות־הלכת של האנגלים והצרפתים ביחס לפולין, המופרזות מדי והעלולות להוביל ללא כל צורך למלחמה חדשה״.

ההכרזות הללו אמנם הדאיגו את המערב ואת פולין, אולם ממשלת פולין, כמו ממשלות ליטה, לטביה ואסטוניה, סירבו לעשות כל צעד בכדי להינצל מאיומיה של גרמניה על־ידי נפילה לזרועות הרוסים. הפולנים זכרו היטב את פלישת הבולשוויקים לפולניה בשנת 1920 בפקודתו של הסמל קרילנקי אשר נהדפו ליד הוויסלה על־ידי הצבא הפולני בפיקודו של המרשל פילסודסקי ובעזרת מפקדים בריטיים וצרפתיים, הגנרל וויגן ולורד דיאברנון.

איבתו של סטאלין לפולנים באה לידי ביטוי מלא גם בתקופה מאוחרת יותר, בשנות מלחמת העולם האחרונה. הוא הסכים בהתלהבות להשקפותיו של הנשיא רוזבלט, אשר ראה בפולין מקור כל התלאות בחמש מאות השנים האחרונות. מאז חודש מאי 1939 ניהלה רוסיה הסובייטית שיחות כפולות, בפומבי וללא סודיות — עם בריטניה וצרפת ובחשאי — עם גרמניה הנאצית. המסמכים שנתגלו לאחר מכן העידו, כי, אכן כבר בתקופה הזאת דובר על חלוקת פולין. סטאלין העדיף לחלק את פולין ולספח לעצמו חלק משטחה מאשר ללחום למענה. עמדה זו היתה, איפוא, הסיבה המיידית הישירה לפריצת מלחמת העולם האחרונה ולפלישה הגרמנית לפולין?

בגידת הרוסים

עשרים שנה ויותר הציגה רוסיה הסובייטית את עצמה כ„מבצר השלום״. סוכניה לא פסקו מלחזור ולהשמיע את הפזמון שאין עיניה של ברית־המועצות נשואות לכיבושים חדשים ולהתפשטויות, והנה, לפתע, אצה להוסיף שמן למדורה והפכה בן־לילה למדינה כובשת, נתנה ידה להתנפלות מזויינת על פולין וחתמה בחשאי על חוזה לחלוקת פולין.


ארבעה מיליון חיילים רוסיים רוכזו ליד גבולותיה המזרחיים של פולין בשעה שמיליון וחצי חיילים נאציים רוכזו בקו הראשון ונערכו להסתערות בגבולות הצפוניים, הדרומיים והמערביים של מדינה אומללה זו. הדוב הרוסי פשט את מלתעותיו לעבר הגבול הפולני כאשר ניחוח הטרף הגיע לנחיריו.

„פראבדה״, בטאון המפלגה הקומוניסטית הרוסית, יצא לראשונה בקריאה לחתוך את פולין לגזרים. עוד בטרם נשמעה היריה הראשונה, שעה שאזרחי פולין עדיין התהלכו שלווים וחופשיים, כבר הרעים השופר הרוסי בדרישותיו לחסל מדינה זו משום שלדעתו היא מדכאת עד עפר את מיעוטיה הלאומיים. לפתע התייצב העתון לימינם של האוקראינים והיהודים בפולין ונעמד על משמר זכויותיהם והזמין את הנאצים לעלות במסע־דמים על פולין כדי „לשפר את מצבם של כשמונה מיליון בני המיעוטים שבמדינה הזאת״... (כולל יהודים).

משלחות בריטיות וצרפתיות התרוצצו במוסקבה, עשו מאמצים נואשים כדי להתקבל על־ידי שליטי הקרמלין, אבל הללו נעשו לפתע „טרודים מאד״. המערב הדימוקרטי עשה את הנסיון האחרון למנוע את מרחץ־הדמים, לעצור את החיה הנאצית הטורפנית מלהתפרץ; האמין המערב כי ברית המועצות, אוייבתה בנפש של הנאציזם, תיתן ידה למשימה היסטורית זו, אבל — לשוא, הדיפלומטים המערביים הסתובבו אובדי־עצות. שני הרודנים הגדולים, האדום והחום, הושיטו ידים זה לזה והברית הטמאה בין גרמניה ורוסיה הסובייטית הפכה לעובדה.

23 באוגוסט 1939. ידיעה שהגיעה ממוסקבה חישמלה את העולם, בישרה על עלטת־עננים כבדה המאיימת להעיב על שמי אירופה והעולם כולו. מיניסטר החוץ הנאצי, יואכים ריבנטרופ, הגיע במפתיע למוסקבה. מיד התפנו שליטי הקרמלין מטירדותיהם ובעוד נציגי בריטניה וצרפת מצפים לראיון עם מיניסטר החוץ הסובייטי, וויציסלב מולוטוב, מצא לו זה פנאי מספיק כדי לאוץ אל שדה־התעופה ולקדם את פני עמיתו הנאצי.

ריבנטרופ לא חיכה אף שניה. הוא הובל בכבוד רב



עם שחר — חיל האויר הגרמני החל להפציץ את ערי פולין. בתמונה: הפצצת מלאבה / מיטן באגינען, די דייטשע לופט ארמיי באמבארדירט פלוצלינג פוילישע שטעט. אין בילד: מען באמבארדירט מלאווע.

וועלן זיי פונדעסטוועגן אנפאלן, דער פארניכטונגס־שד איז אריין אין זיי״... האט פארצייכנט אין זיין טאג־בוך גראף ציאנו, דער איטאליענישער אויסערן־מיניסטער.

די „פאל־ווייס״ אקציע, דער פלאן וועגן איינעמען פוילן, איז געווען א אומצוטרענבארער טייל פון היטלערס פלענער, גענוי ווי זיי זיינען אויסגעשטעלט געווארן אין זיין בוך „מיין קאמף״. גלייך נאכדעם ווי אים האט זיך איינגעגעבן צו אונטעריאכן טשעכאסלאוואקיע, די גוט באוואפענטע לאנד וועלכע איז געפאלן אזוי לייכט אין זיינע הענט, האט היטלער שוין געוואלט מארשירן אויף פוילן, נאר ווייל ער האט מורא געהאט פאר א ניט גינסטיקע אריינמישונג מצד רוסלאַנד, האט ער זיך אָפּגעהאלטן פון דעם שריט.

לויט דעם תלין׳ס מיינונג האט דייטשלאַנד פארלארן אין ערשטן קריג, ווייל זי האט געקעמפט אויף צוויי פראנטן. אין מערב — געגן פראנקרייך און ענגלאנד און אין מזרח — געגן רוסלאַנד. היטלער האט באשלאסן אויסצומיידן דעם פעלער פאר יעדן פרייז. אין זיינע עראבערונגס־גרונדזאצן וועלכע ער האט פעסטגעשטעלט אין זיין בוך, טענה׳ט דער גרויסער מערדער, אז דייטשלאַנד דארף אויסקלייבן דעם שוואכסטן געגנער, קעמפן געגן אים מיט איר גאנצער קראפט און אין מאקסימאלער שנעלקייט. און ערשט נאכן צוקלאפן אים, נעמען זיך צו א אנדער קרבן. אפילו די מיטגלידער פון גענעראל־שטאב האבן געהאלטן אז פוילן איז א גוטער ביסן, ווייל זי איז נאכגיביקער ווי די קלענערע טשעכאסלאוואקיע. אבער אלץ מיטן תנאי אז זי וועט זיין אָפּגעזונדערט און אומבאהאלפן.

דער פארטיידיקונגס־פאקט צווישן פוילן און ענגלאַנד און פראנקרייך, האט א ביסל באאומרואיקט היטלערן. ער האט זיך ניט געוואלט איינרייסן מיט ענגלאנד איידער ער האט געענדיקט אלע זיינע חשבונות אין אייראפא, אבער ער איז געווען זיכער אז ענגלאַנד וועט ניט האלטןווארט און וועט זיך אויסדרייען פון איר פארפליכטונג צו פוילן.

די ענגלישע ערקלערונגן וואס זיינען געקומען איינע נאך די צווייטע, אז ענגלאַנד האט באשלאסן מקיים זיין אירע פארפליכטונגען אונטער אלע אומשטענדן און באדינגונגן, האבן היטלערן ניט איבערצייגט. דער א פאליטישער שארלאטאן וואס האט אזוי לייכט אן א שום געוויסענסביסן זיך געמאכט ניט וויסענדיק צו זיך אליין און צו זיינע פארפליכטונגען — האט ניט געגלויבט אז ענגלאַנד וועט האלטן איר וואָרט.

אבער אויב ענגלאַנד האט אים באומרואיקט, האט אים סאוויעט־רוסלאַנד — אנגעווארפן א פחד, חאטש היטלער האט ניט געהאלטן פון רוסלאַנד אלס שווערוואגיקן מיליטערישן כוח. לויט זיין מיינונג איז דער סאוויעטן־פארבאנד געווען נאר א קארטן־הייזל וואס וועט זייער לייכט צופאלן, אבער ער האט מורא געהאט אנצופאלן אויף פוילן ווען הינטער איר געפינט זיך דאס ריזיקע רוסלאַנד וועלכע איז גרייט צו העלפן דעם באפאלענעם קרבן. זיין באוואפענונג איז נאך געווען צו קנאפּ פאר א לאנגן מארשרוט איבער די גוואלדיקע רוסישע סטעפן, און טראָץ די היסטארישע שנאה צווישן קאמוניזם און נאציזם, האט ער מיטן גאנצן האַרצן מסכים געווען צו די פארשטענדניש־קאנצעפציע מיט רוסלאַנד,וועלכע וועט אים געבן די מעגליכקייט זיך פריי צו מאכן אויף איינצונעמען פוילן און דעם באלקאן און ערלייריקן זיין חשבון מיט פראנקרייך. ערשט נאכדעם ווי ער וועט ערפילן די אלע אויפגאבן וועט ער קענען אנהויבן א מלחמה געגן רוסלאַנד.

סטאלין האט פון זיין זייט אויך געשטרעבט צו א פארשטענדיקונג מיט נאצי־דייטשלאַנד, אפשר צוליב זיין ענטוישונג פון דעם מערב אדער ווייל אין הארצן האט ער שטארק געהאלטן פון דעם טאטאליטארן רעזשים פון היטלערן. די ערשטע שוואלב וואס האט אנגעזאגט די ענדערונג איז געקומען אין מאי 1939, נאכדעם ווי דייטשלאַנד האט באהערשט טשעכאסלאוואקיע.

דאס וואס דער סאוויעטישער אמבאסאדאר איז געקומען אין נאצישן אויסערן־מיניסטעריום און געפרעגט, ווי וועלן אויסזען די ווייטערדיקע האנדלס־באציאונגן צווישן רוסלאנד און די טשעכישע אונטערנעמונגען וואס געפינען זיך אין נאצישן פראטעקטאראט — און האט שוין געגעבן פאקטיש א ערקלערונג, אז רוסלאַנד איז פריינטליך צו די דייטשע שטעלונג. אזוי האבן זיך הייסט עס אנגעהויבן די געהיימע באשפרעכונגן צווישן מאסקווע און בערלין. די דעמיסיע פון מאקסים ליטווינאוו, דער רוסישן אויסערן־מיניסטער פון



המטה הגרמני בראשות היטלר — בישיבה ליד קוטנו.
דער דייטשער הויפט שטאב מיט היטלער׳ן — אויף א פעלד בעראטונג ביי קוטנא.

לארמונו של סטאלין בקרמלין. קבלת־הפנים היתה לבבית ביותר. שעות מספר ישבו נציגי הנאציזם והקומוניזם וסיימו ביניהם את התכנית לחלוקת פולין. המסמכים שנתגלו לאחר המלחמה בארכיון משרד החוץ הגרמני מעידים כי התכנית עובדה בשלימות על כל פרטיה; נקבע לוח־זמנים מדוייק אשר לפיו יפלשו הגרמנים לפולין, לאחר יומיים, ב־25 לאוגוסט, ינחיתו מהלומה פתאומית על הצבא הפולני וכעבור 15 יום, יחדרו צבאות הסובייטים ממזרח ויבצעו את חלוקתה.

היה זה החלק הסודי של הדיונים וההסכמים. מאידך נערך גם חוזה רשמי ונחתם על־ידי נציגי שתי המדינות, חוזה לאי־התקפה לתקופה של עשר שנים, אשר יקבל באורח אבטומטי תוקף לתקופה של חמש שנים נוספות במקרה ואף אחד מן הצדדים לא יערער עליו בשנה האחרונה. החוזה, עליו חתמו ריבנטרופ ומולוטוב, קבע „ששני הצדדים הנעלים, הרייך השלישי וברית־המועצות, מתחייבים להימנע מכל מעשה תוקפנות ומכל התקפה שהיא, זה לגבי זה, בין בנפרד ובין ביחד עם מעצמות אחרות״.

באותה שעה הוסכם גם על חוזה שלישי לעזרה כלכלית הדדית. רוסיה התחייבה לספק לגרמניה חמרי־גלם, דלק ומצרכים אחרים, ואילו גרמניה התחייבה מצדה לשלם עבור הסחורות בזהב ובמוצרים תעשייתיים.

כל ההסכמים נכנסו מיד לתוקפם.

בשעה מאוחרת בלילה, אחרי טכס החתימה החגיגי על תעודת האש־והדם, אשר עלתה לאנושות בעשרות מיליונים של הרוגים ולעם היהודי — בששה מיליון קדושים וטהורים, נערכה חגיגה באולם הקרמלין. סטאלין היה שרוי במצב־רוח מרומם ביותר. גרונו נשטף בזה אחר זה בכוסיות משקה לחיי היטלר והצלחתו, ובאותה שעה אף את הימלר לא שכח. מולוטוב, קר־המזג, התלהב אף הוא: „אנו שואפים לשחרר את אחינו לדם ולגזע בפולין״ — הכריז בנוסח נאצי־גזעני, שהעלה חיוך ערמומי על־פני ריבנטרופ הקורן מאושר.

מבעירי התבערה שיפשפו כפות־ידידיהם מנחת ומגילי.

ב־24 לאוגוסט כבר היה ברור כי אין למנוע את התנפלותה של החיה הנאצית על פולין. רוסיה הסובייטית נוצרת־השלום נתנה את ידה למפלצת לביצוע משימה שפלה זו. ראש ממשלת בריטניה, מר נוויל צ׳מברליין, הבהיר להיטלר במכתב מיוחד, כי איתנה בריטניה בדעתה לעמוד בהתחייבויותיה כלפי פולין גם לאחר חתימת ההסכם הגר־מני־סובייטי. בריטניה רצתה בכך למנוע אי־הבנה כפי שהיה הדבר עם פרוץ מלחמת העולם הראשונה, כאשר גרמניה הטי־חה לעומתה את האשמה כאשמה במלחמה הואיל ואנגליה לא הבהירה את עמדתה ולא גילתה את כוונותיה שברצונה להגן ולבוא לעזרת צרפת ורוסיה. בפעם הזאת לא הסתירה בריטניה כלל וכלל את כוונותיה. טענו הגרמנים אז: לו ידעו מראש שבריטניה תכריז מלחמה על גרמניה, לא היו יוצאים למערכה, הפעם אמר צ׳מברליין למנוע הישנות טענה זו.

היטלר השיב בחוצפה וביוהרה, אולם, מאידך, דחה את מועד הפלישה לפולין לחמשה ימים נוספים, עד ה־1 לספטמבר. לפי עדותו של הרמן גרינג בבית־הדין הבינלאומי בנירנברג, הודיע לו היטלר באותו יום טלפונית, כי, נוכח העמדה הבריטית הוא דוחה את מועד הפלישה, אולם — לזמן קצר ביותר. ההסכם עם רוסיה הכריע לחלוטין בהיראכיה הנאצית למען פתיחת המלחמה, אבל כדי לאפשר לבריטניה לצאת „בכבוד״ מסבך התחייבויותיה, הוחלט להציג בינתיים דרישות אולטימטיביות מוזרות לפולין אשר פירושן המעשי היה — מתן רשות רשמית לפלישת צבאות היטלר, היטלר האמין כי דחיית האולטימטום על־ידי ממשלת וורשה תאפשר לממשלת לונדון להשתחרר מחוזה ההגנה ההדדי עם פולין בצורה מכובדת ומדינה זו תופקר על־ידי המערב למזימות־הטרף של הנאצים, כשם שצ׳כוסלובקיה הופקרה.

אולם בריטניה וצרפת לא שינו את עמדתן. אבל הגרמנים העיזו. וכשהוא מובטח בעורף הרוסי ובעידוד הסובייטי, יצא היטלר למערכת־הדמים. בראשון לספטמבר פתח במלחמה האיומה אשר המיטה שואה על עם ישראל.


בנאומו בפני הסובייט העליון באוקטובר 1939, הצהיר וויאצ׳סלב מולוטוב, שהיה באותה תקופה ראש הממשלה ושר החוץ הסובייטי כי: „פחדם של הבורז׳ואזיה במערב, של החוגים השליטים והמנצלים בצרפת ובבריטניה משלטונם האימפריאליסטי המתמוטט — הוא אשר הניעם לצאת למלחמה נגד גרמניה. זוהי, איפוא, מלחמה אימפריאליס־טית שברית־המועצות מתנגדת לה״...

אידישע אפשטאמונג און א שונא פון די נאציס — האט געדינט אלס צייכן פון גוטן ווילן מצד די סאוויעטן צו די דייטשן. וויטשיסלאוו מאלאטוו וועלכער איז געקומען אויף ליטווינאס פּלאַץ, האט פארקערפערט די ריכטיקע ליניע, זיך קענען צופּאסן צו אלע וואנדלונגען, א ליניע וועלכע רעכנט זיך ניט מיט קיין שום פּרינציפּן.

גלייך נאכן אוועקשיקן מאקסים ליטווינאוון האט ערקלערט מארשאל ווראשילאוו אין מאסקווע, אז די רויטע ארמיי איז ניט גרייט צו קעמפן פאר פּוילן. אין נאמען פון רוסישן גענעראל שטאב האט ווראשילאוו געטאדלט „די ווייטגייענדיקע פארפּליכטונגן פון די ענגעלנדער און פראנצויזן אין באציאונג צו פּוילן, וועלכע זיינען צופיל איבערגעטריבן, און וועלכע קענען ברענגען צו א נייע מלחמה אן א שום נוצן״.

די דאזיקע ערקלערונגען האבן אפילו באאומרואיקט די מערב לענדער און פּוילן, אבער די רעגירונגען פון פּוילן, ליטע, לעטלאַנד און עסטאניע האבן גארניט געוואלט טאן זיך צו ראטעווען פון די דייטשע דראונגען און ארייִנפאלן אין די ארעמס פון רוסלאַנד. די פּאָליקאן האבן גוט געדענקט די באלשעוויסטישע אינוואזיע אויף פּוילן, אונטער דער אנפירונג פון אונטער־אפיצער קירילענקא, וועלכע זיינען אָפּגעשטויסן געווארן ביים ווייסל, דורכן פּוילישן מיליטער אונטער פּילסודסקיס פירונג און מיט די הילף פון בריטישע און פראנצויזישע אפיצערן — גענעראל ווייגאן און לארד דיאַווערנאן.

די שנאה פון סטאלין צו די פּאָליאקן איז געקומען צום פולסטן אויסדרוק אויך א ביסל שפּעטער, אין די לעצטע וועלט־מלחמה. ער האט מיט התלהבות מסכים געווען צו רוזוועלטס מיינונג, וועלכער האט געזען אין פּוילן דעם מקור פון אלע צרות אין די לעצטע 500 יאר. פון מאי 1939 האט סאוויעט־רוסלאַנד געפירט דאָפּעלע געשפּרעכן. אפן און ניט געהיים — מיט ענגלאַנד און פראנקרייך און אין געהיים — מיט נאצי־דייטשלאַנד. די דאקומענטן וואס זיינען שפּעטער געפונען געווארן האבן עדות געזאָגט, אז באמת האט מען שוין אין יענע צייט גערעט וועגן פונאנדערטיילונג פון פּוילן. סטאלין האט בעסער געוואלט צוטיילן פּוילן און נעמען פאר זיך א שטיק פון איר שטח איידער זיך גיין שלאגן פאר אירעטוועגן. אט א די שטעלונג איז, הייסט עס, געווען די איינציקע שנעלע און דירעקטע סיבה צום אויסברוך פון די לעצטע וועלט־מלחמה און צום אריינמארש פון די דייטשן אין פּוילן.



הגרמנים נכנסים לעיירה בוערת, חרבה ושוממה... התושבים ברחו. / די דייטשן מארשירן אריין אין א ברענענדיק, חרובדיק שטעטל... די איינוואינער אנטלאפן.

דער פארראט פון די רוסן

במשך מער פון צוואנציק יאר האט סאוויעט־רוסלאַנד זיך פארגעשטעלט אלס „פעסטונג פון שלום״. אירע אגענטן האבן ניט אויפגעהערט צו דערציילן דעם פּזמון אז סאוויעט־רוסלאַנד זוכט ניט קיין נייע עראבערונגען אדער זיך פונאנדערשפּרייטן. און אט האט זי, פּלוצלונג, זיך געאיילט צוגיסן בוימאייל אויפן פייער און איז געווארן איבער נאכט א עראבערונגס־לאַנד העלפענדיק צו א באוואפנטן אנפאל אויף פּוילן און אונטערשרייבענדיק א געהיימן אפּמאך וועגן צוטיילונג פון פּוילן.

4 מיליאן רוסישע זעלנער זיינען קאנצענטרירט געווארן ביי די מזרח גרענעצן פון פּוילן. אין די זעלבע צייט זיינען אנדערטהאלבן מיליאן נאצישע זעלנער קאנצענטרירט געווארן אין די ערשטע ליניע גרייט צו שטורמען פון צפון, דרום און מערב די גרענעצן פון דאזיקן אומגליקליכן לאַנד. דער רוסישער בער האט אויסגעשטרעקט זיינע לאפּעס צום צפון'דיקן גרענעץ ווען ער האט דערשמעקט דעם ריח פון רויב. „פּראוודא״ דער ארגאן פון די רוסישע קאמוניסטישע פּארטיי, איז דער ערשטער ארויס מיט א רוף צו צושניידן פּוילן אויף שטיקער. נאך איידער עס איז געגעבן געוואָרן דער ערשטער שאס, ווען די פּוילישע בירגער זיינען נאך ארומגעגאנגען רואיק און פריי, האט שוין געטרומייטערט דער רוסישער שופר מיט זיינע פאדערונגען אָפּצומעקן דעם א לאַנד ווייל, לויט זיין מיינונג אונטערדריקט זי אומרחמנות'דיק אירע מינדערהייטן. פּלוצלונג האט די צייטונג זיך אנגעהויבן אנצונעמען פאר די אוקראינער און אידן אין פּוילן, גענומען קעמפן פאר זייערע רעכט און איינגעלאדן די נאציס אנצוהויבן א בלוטיקן מארש אויף פּוילן כדי „צו פארבעסערן דעם מצב פון די דריי מיליאן אידן אין דאזיקן לאַנד״.

ענגלישע און פראנצויזישע דעלעגאציעס זיינען ארומגעלאָפן אין מאסקווע, האבן געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונגען כדי אויפגענומען צו ווערן דורך די קרעמל־הערשער.



הקלגסים הנאצים חודרים לפלוצק ההרוסה למחצה
די דייטשן מארשירן אריין קיין פלאצק וואס איז טיילווייס חרוב

ואם מולוטוב הטיל את האשמה על בריטניה וצרפת, בא היטלר והטיל את האשמה על היהודים· בצוואתו כותב רב־המרצחים הנבזה :

„···אין זו אמת כי אנכי או מישהו זולתי בגרמניה רצינו במלחמה בשנת 1939· רצו בה ועוררו אותה אך ורק אותם מדינאים בינלאומיים אשר היו ממוצא יהודי או פעלו למען האינטרסים היהודיים״···

חולשתה של פולין

ב־15 לאפריל 1939, חדרו צבאות גרמניה לצ׳כוסלובקיה וחיסלו סופית את עצמאותה· הוקמה ממשלה־בובה בסלובקיה, אשר כאילו קיבלה עצמאות, לעומת הפרוקטוראט הגרמני שהוכרז על צ׳כיה· הצבא הגרמני קיבל לידיו באורח רשמי את הגנת גבולותיה של מדינת־החסות הסלובקית, אשר גבלו עם פולין, וכך הושלם הכיתור התלת־צדדי סביב פולין על־ידי הצבא הגרמני· מצפון — פרוסיה המזרחית, מדרום — סלובקיה ואילו ממערב — גרמניה המרכזית· כאשר בא השגריר הפולני למשרד החוץ הנאצי בברלין ושאל : הגנה זו על גבולות סלובקיה־פולין לשם מה היא באה? — נענה בגסות : „הגנה מפולין התוקפנית״·

כשבועיים לאחר־מכן, ביום ה־28 לאפריל 1939, הודיע היטלר רשמית על ביטול חד־צדדי של החוזה לאי־התקפה עם פולין אשר נחתם בשנת 1934 ונתאשר מחדש בשנת 1938·

מאז התכוננה גרמניה הנאצית כמעט בגלוי להתקפה על פולין· בכנס מפקדי הוואראמאכט ביום 23 למאי 1939, הכריז היטלר : „דאנציג איננה כלל ציר המחלוקת, השאלה העומדת לפנינו היא : הגדלת מרחב־המחיה של הרייך השלישי במזרח, לכן לא בא בחשבון לחוס על פולין ונשארת בפנינו ההחלטה להתקיף את המדינה הזו״· הגנרל יודל, שהרצה בכנס זה, אמר : „פתרון הסכסוך הצ׳כי באפס־דמים מאפשר לגרמניה לראות את הבעיה הפולנית על בסיס איסטראטגי נוח יותר״·

מאידך לא היתה בידי פולין כל אפשרות לעמוד מול התקפה גרמנית, אם בגלל מצבה האיסטראטגי הלא־נוח ואם בגלל היתרון הגרמני המספרי והטאקטי, והעליונות בציוד, במיכון ובאויר· הערובה הבריטית־צרפתית לגבולות פולין שיפרה את מצבה של המדינה האומללה ללא־שיעור מבחינה מדינית ופסיכולוגית, אבל, לא היה בערובה כדי לשפר את מאזנה הצבאי ולמנוע את תבוסתה המוחצת בקרב פנים־אל־פנים עם גרמניה· בתקופה זו פיגרו בריטניה וצרפת גם יחד, אחרי גרמניה, מבחינת הזיון ויכולת־הלחימה· לא היה אז בידי בריטניה וצרפת ביחד כל אפשרות להגיש עזרה בפועל לפולין, פרט להדרכה והבטחות לעתיד·

להלכה מנה הצבא הפולני כוח־אדם עד 2 מיליון איש· למעלה מ־50 דיביזיות ופורמציות־עזר ויחידות אחרות· בין אלה היתה רק דיביזיה אחת משוריינת ויתרן — חיל רגלי ופרשים· הציוד, הקל והכבד, היה מיושן בחלקו הגדול· נשק כבד עמד במידה מועטה לרשות הצבא הפולני לעומת שפע הטנקים והתותחים הכבדים שבידי הצבא הגרמני ותשע דיביזיותיו המשוריינות· אמנם, בשנת 1939, עת הפנה היטלר את לועי־תותחיו לעבר פולין, נעשה מאמץ עליון לזיין את הצבא הפולני, חיל־האויר הוכפל כמעט, מחמש מאות מטוסי־קרב עד לתשע מאות, שמחציתם היו חדישים ומודרניים : הוכפל מספר כלי־הרכב הממוכנים שעמדו לרשות הצבא, אולם, קצב זה היה רחוק מלספק את הצרכים החיוניים·

החייל הפולני עבר אימונים רציניים ומפרכים במשך 24 חדשי שירות־החובה, הוא חונך לציות עיוור לפקודות תוך העדר כוח שיפוט עצמי· ברגע בו איבד החייל את הקשר הישיר עם מפקדו שוב לא היה לו כל ערך כחייל וכלוחם· הוא לא הותאם למלחמה המודרנית· בין החייל והקצין לא היה כל קשר נפשי או אינטימי· הקצין הפולני היהיר והגא הקים מחיצה מעמדית כבדה בינו לבין הטירון, בהקפידו על המרחק ביניהם, שלא יהיו כל יחסי־גומלין של הבנה·

אם לא היו סיכויים של ממש שפולין תוכל להחזיק מעמד מול התקפה מוחצת של צבאות גרמניה, הרי שלא היה כל סיכוי שהוא מצד הכוחות המזויינים של פולין למנוע את חדירת צבאות הגרמנים שעמדו מוכנים משלושת צדדיה של פולין· החישוב הצבאי היבש ביותר חייב את ריכוז הכוחות הפולניים בשטח הניתן להגנה תוך־כדי נטישת השטחים

אבער פלוצלונג זיינען די קרעמל־הערשער געווארן „זייער פארנומען״· דער דעמאקראטישער מערב האט געמאכט דעם לעצטן פרוו אויסצומיידן דעם בלוט־באד, אָפּצוהאלטן די רויבערישע נאצישע חיה זי זאל ניט ארויספלאצן ; דער מערב האט נאך געגלויבט אז סאוויעט־רולאנד, דער טויט־פיינט פון נאציזם, וועט זיי העלפן אין די היסטארישע אויפגאבע, אבער — אומזיסט· די מערב דיפלאמאטן האבן זיך ארומגעדרייט פארלארן· די צוויי גרויסע דיקטאטארן, דער רויטער און דער ברוינער, האבן זיך געגעבן די הענט און דער טמא׳דיקער בונד צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד איז געווארן א פאקט·

דער 23־טער אוגוסט 1939· א ידיעה וואס איז געקומען פון מאסקווע האט עלעקטריזירט די גאנצע וועלט, זי האט אנגעזאגט אז א שווארצער וואָלקן דראט צו פארפינסטערן אייראפא און די גאנצע וועלט· דער נאצישער אויסערן־מיניסטער יאאכים ריבענטראָפּ איז פלוצלונג אנגעקומען קיין מאסקווע· און גלייך האבן די קרעַמל־הערשער זיך באפרייט פון זייערע ארבייטן און אין די זעלבע צייט ווען די פארשטייער פון ענגלאַנד און פראנקרייך ווארטן אויף א אוידיענץ מיטן רוסישן אויסערן־מיניסטער, וויטשיסלאוו מאלאטאוו, האט ער געפונען גענוג צייט צו לויפן צום פליפלאַץ מקבל פנים זיין, זיין נאצישן חבר·

ריבענטראָפּ האט ניט געווארט קיין מינוט· מיט גרויס כבוד איז ער געבראכט געווארן צו סטאלינען אין קרעמל· דער קבלת פנים איז געווען זייער א הארציקער· עטליכע שעה זיינען געזעסן צוזאמען די פארשטייער פון נאציזם און קאמוניזם און האבן פארענדיקט די פלענער פון צוטיילן פוילן· די דאקומענטן וועלכע זיינען ענטדעקט געווארן נאך די מלחמה אין ארכיוו פון דייטשן אויסערן־מיניסטעריום זאגן עדות, אז דער פלאן איז פולשטענדיק אויסגעארבעט געווארן מיט אלע איינצלהייטן ; עס איז פעסטגשטעלט געווארן א גענויער קאלענדאר ווען די דייטשן וועלן אריינמארשירן קיין פוילן — אין צוויי טעג ארום, דעם 25־טן אוגוסט, וועלן דערלאנגען א פלוצלונגדיקן קלאַפּ דעם פוילישן מיליטער און נאך 15 טעג וועט דאס סאוויעטישע מיליטער אריינגיין פון מזרח זייט און אזוי ארום וועלן זיי ברענגען צו דער פונאנדערטיילונג פון פוילן·

דאס איז געווען דער געהיימער טייל פון די אונטערהאנדלונגען· דערביי איז אויך אונטערגעשריבן געווארן א אפיציעלער אָפּמאַך צווישן די פארשטייער פוןביידע לענדער : א ניט אנגרייפס־פאקט אויף א משך פון צען יאר, וועלכער וועט אויטאמאטיש פארלענגערט ווערן אויף נאך פינף יאר אין פאל ווען קיינער פון די צדדים וועט ניט פאדערן קיין רעוויזיע אין לעצטן יאר· דער אָפּמאַך, אויף וועלכן עס האבן געחתמעט ריבענטראָפּ און מאלאטאוו האט פעסטגעשטעלט, אז די צוויי הויכגעשעצטע צדדים, דער דריטער רייך און סאוויעט־רוסלאַנד, זיינען זיך מתחייב אויסצומיידן וועלכן עס איז אנפאל אדער אנפאלס־אקט איינער געגן צווייטן, סיי באזונדער און סיי צוזאמען מיט אנדערע מאכטן·

צוזאמען מיט דעם, איז באשלאסן געווארן אויך א דריטער אָפּמאַך וועגן ווירטשאפטליכער צוזאמענארבעט· רוסלאַנד



היטלר בעיר כבושה· פולנים בוכים — היטלר צוחק···
ויש ויהודים אומללים שימשו "חומת־מגן" לכובשים האכזריים. כשערך המחנה הפולני השני התקפת־נגד בסביבות לוביץ ומנע מכוחות הגרמנים להעביר כוחות מגזרה חשופה לשניה, תפסו הגרמנים כמאה יהודים ואילצו אותם לצאת בשורה עורפית לקו־האש, לשמש כחומה חיה אשר תסתיר את החיילים הנאציים. 73 יהודים מצאו אז את מותם, יתרם נפצעו ומעטים מאד הצליחו לברוח.

„פאלקסדויטשען" בפעולה

פרק שחור־מני־שחור רשמו בימים הטרופים הללו התושבים הגרמניים של פולין, אשר פעלו לראשונה כגייס חמישי ועם הכיבוש הגרמני — כחלוצי־המלחמה נגד יהדות־פולין. אלה לא היו רק גרמנים ממש, אלא כל פולני דובר גרמנית, כל פולני אשר לו קרוב או גואל נורדי, הפך במהירות ל"פאלקסדויטשה", ענד פס על שרוולו ונעשה רוצח ושודד בחסות הגרזן הנאצי.

הגרמנים הללו הכירו כל שביל וכל סדק בסביבתם, ידעו אישית את יהודי המקום, העשירים והעניים. לפי הוראות שירות־המודיעין הגרמני, עסקו רבים מהם זמן רב באיסוף חומר על יהודי פולין. הם שימשו, איפוא, מורי־דרך לקלגסים הכובשים, הובילו את החיילים הגרמניים לכל בית אמיד, שדדו מכל הבא ליד, תוך עריכת פוגרומים זעירים בבתים יהודיים ללא־ספור.

רע ומר היה גורלו של היהודי שהיה לו אי־פעם מתחרה גרמני או היה מעורב בריב עמו. לרוב, נעלמו היהודים הללו אחרי ש„נאסרו" על־ידי אויביהם, והם לא שבו יותר לביתם. רכושם היה למרמס.

במחוזות המערביים של פולין, שנפלו ראשונים טרף לכובשים, רב היה מספרם של התושבים ממוצא גרמני. סבלם של היהודים במחוזות הללו, לא יתואר במלים. ככל שהגרמנים התקדמו מזרחה, פחת מספר ה„פאלקסדויטשה" ויחד עם זה — מספר האזרחים הלא־יהודיים שידעו גרמנית. חוסר־אפשרות ההידברות בין הפולנים והחיילים הגרמניים בתקופה הראשונה לכיבוש הנאצי הקל את סבלם של היהודים במדת מה בימים הללו, אם כי לא לזמן רב.

ואם מראה הנאצים החריד את היהודים, הרי חלקם הגדול הופתע לנוכח ההתנהגות הפראית והלא־אנושית של הגרמנים המקומיים. היו זמנים והיחסים בין הישוב היהודי בפולין לבין בני־המיעוט הגרמני במדינה זו היו תקינים וסדירים. אחרי שפולין השיגה את עצמאותה, בסיומה של מלחמת העולם הראשונה, הופיעו היהודים יחד עם הגרמנים והאוקראינים ברשימת מיעוטים מאוחדת וניהלו ביחד תעמולת־בחירות. גם בתקופה מאוחרת יותר, הופיעו הגרמנים בפולין ברשימה אחת לבחירות לפרלמנט עם המפלגות הציוניות.

תעשיית־הטקסטיל המפותחת בפולין, היתה רובה ככולה בידי יהודים וגרמנים. במפעלי טקסטיל שבבעלות גרמנית עבדו יהודים ובמפעלים יהודיים הועסקו גרמנים

מען פלעגט כאפן אזוינע אידן וואס פלעגן גראד אריינפאלן אין זייערע הענט, אראפכאפן פון זיי די היטלעך שלאגענדיק און בריקענדיק דערביי אכזריות׳דיק. ניט איין איד האט פארלוירן דעם לעבן אונטער די שפיל־קולאקעס פון די מערדער.

אלע וועגן וואס האבן געפירט קיין ווארשע, לובלין און ווייטער צו מזרח, זיינען פול געוועו מיט מאסן אידן וועלכע זיינען אנטלאפן פון די מערב׳דיקע שטעט. די אידן האבן פארלאזן זייערע הייזער אין טויט־שרעק און איינגעהילט אין טרויער און שרעק האבן זיי געשפרייזט איבער די בלוטיקע שליאכן און זיינען געוועו די ערשטע וועמען עס איז אויסגעקומען דורכצומאכן דעם וועג פון יסורים. שוין אין יענע טעג האבן ניט ווייניק אידן מקנא געוועו זייערע ברידער וואס זיינען געהרגעט געווארן פון נאצישע באמבעס און אזוי ארום האט זייער פארמאטערטער קערפער געפונען זיין רוה אויף די זייטן פון די וועגן.

ביטערער איז געוועו דער גורל פון די אידן וואס זיינען גראד אריינגעפאלן אין די געגנטן וואו עס זיינען פארגעקומען די קאמפן צווישן דעם פוילישן און דייטשן מיליטער, דארט האבן די דייטשן איינגעארדנט מאסן שחיטות אויף די מאסן אידישע פליטים, שוין ניט ריידענדיק וועגן פאלן, ווען די דייטשן האבן געמיינט אז די אידן שטערן זיי אומדירעקט אין זייערע מיליטערישע אקציעס.

אזוי, צום ביישפיל, זיינען די וועגן קיין לאדז און ווארשע פארוואנדלט געווארן אין בוינעס פאר אידן. אין געגנט פון יעזוף און אמשינאוו, קליין־ביאלע און ווארקע האבן די דייטשן איינגעארדנט א שחיטה אויף די אידן וואס האבן זיך געפונען דארט, ניט רחמנות האבענדיק אויף קינדער און עופה׳לעך, אלטע און שוואכע, פרויען און זייערע קינדער. דאס זיינען ניט געוועו קיין שיסערייען פון איינצלנע זעלנער, נאר פייער סאלוועס פון גאנצע רעגימענטן פון דער געפאנצערטער דיוויזיע פון דער צענטער דייטשער ארמיי, וועלכע האט געיאגט קיין ווארשע און אויפן וועג האבן זיי זיך א שפיל געטאן מיט אידיש בלוט.

דער אוואנגארד פון די מערדער האבן געהיט אויף דער ארדענונג און אויסגעהאלטענקייט אפילו ביי צופעליקע רציחות וואס זיי האבן אויסגעפירט מארשירענדיק אויף דער פוילישער הויפט שטאט. זיי האבן אויסגעקליבן די אידן פאר זייערע קרבנות און די וואס זיינען געבליבן לעבן, זיינען גלייך געווארן די קברנים. די גאנצע טעכניק פון אנווארפן טויט־שרעק אויף די אידן האבן שוין די מערדערישע זעלנער געקענט. ביי ביאלע האבן זיי געהרגעט יעדן צענטן אידן און אין אמשינאוו האבן זיי געשאסן סתם אזוי, פון ספארט וועגן, ניט קלייבענדיק קיין קרבנות, וועמען עס האט זיך איינגעגעבן צו אנטלויפן — האט זיך געראטעוועט.

צובראכן און צושטאכן, צושראקן און צוטומלט האבן די מאסן אנטלויפענדיקע זיך אומגעקערט אויף פארשיידענע אומוועגן — אין זייערע היימען. אבער די אונאויפהערליכע איוב׳ס יסורים האבן זיך אנגעהויבן ערשט יעצט. און זיך א גאס געטאן אויף די קעפ פון די געיאגטע און געפייניקטע אידן. נאך די טאנקן און פאנצער אויטאס האבן מארשירט



אסירים יהודיים במערב פולין, מלאי פחד ויאוש
אידישע ארעסטירטע אין מערב פוילן, ציטערן פאר שרעק און פארצווייפלונג

שנעל די בעסטיאלישע חיות, די ס״ס. לייט און די געסטאפא, וועלכע האבן איבערגענומען די מאכט איבער די אקופירטע, חרוב׳ע פוילישע שטעט.

שנעל ווי א בליץ האבן די גרויזאמע אקופאנטן באמערקט יעדן ווינקל אין אקופירטן פוילן. האבן ניט איבערגעלאזט קיין פיצל ערד ניט צוטרעטענדיק עס מיט זייערע גראבע שטיוול. עס איז ניט געוועו קיין איין איד וואס האט ניט געפילט דעם טעם פון די מערדערישע קולאקעס — הארט און ציניש, גרויזאם און פארדארבן — ווי נאך קיינער פאר זיי. דאס אלץ האט, פארשטייט זיך, גארניט געשטערט דעם בערלינער ראדיא דערציילן דער וועלט אז די אקופאציע מיליטער פון די דייטשן האט צוריקגעשטעלט די רוה און זיכערקייט אין די אלע אקופירטע געגנטן פון פוילן און אז דאס דייטשע מיליטער טיילט אויס עסן די הונגעריקע פעלקער פון פוילן אן אונטערשייד פון רעליגיע און געשלעכט. דייטשע און פרעמדע צייטונגסלייט וועלכע האבן באזוכט די אקופירטע געגנטן האבן שוין ניט געזען די פארפייניגטע אידן און האבן שוין ניט באמערקט די טייכן אידישע בלוט וואס האט זיך געגאסן אין יעדן שטאט און דארף. ווען די פרעסע־לייט האבן געפונען בערג מיט אידישע טויטע־קערפערס, האבן זיי גלייך באקומען א „פולשטענדיקע״ קלארע ערקלערונג וועגן א דיווערסאציע און אויסגעהרגעטע דייטשע זעלנער פון הינטן ארום, און וועגן פייניקונגען איבער געפאנגענע אדער ציווילע דייטשן. און די שולדיקע וועלכע זיינען געכאפט געווארן „האבן באקומען זייער שטראף״... דער פאקט וואס צווישן די געהרגעטע זיינען געוועו אויך פרויען און קינדער און אז אויף זייערע קערפערס האט מען נאך געזען סימנים פון פארפייניקונג — האט גארניט געשטערט די מערדער צו געבן א אפיציעלן שטעמפל די נידערטרעכטיקע ליגענס.

עס זיינען אויך געוועו אומגליקליכע אידן וועלכע האבן געדינט אלס „שוץ וואנט״ פאר די גרויזאמע אקופאנטן. ווען די צווייטע פוילישע ארמיי האט געמאכט א געגן־אטאקע אין געגנט פון לוויטש און האט ניט צוגעלאזט די דייטשע כוחות אריבערצופירן מיליטער פון איין פראנט אויפן צווייטן, האבן די דייטשן געכאפט ביי הונדערט אידן און האבן זיי געצוואונגען ארויסצוגיין אין א שורה איינער הינטערן צווייטן אויף דער ערשטער ליניע, כדי צו דינען אלס שוץ־



ילדי ישראל מציצים בסקרנות המהולה בפחד, שואלים: מה רוצים מאתנו?
אידישע קינדער כאפן א בליק, פרעגן: וואס וויל מען פון אונדז?

רבים. סוחרים יהודיים רבים האמינו בתום־לב כי הגרמנים רוחשים להם ידידות כנה ולא העלו על דעתם כי מאחורי האדיבות הרשמית והגינונים החיצוניים מסתתר נחש ארסי איום, העלול להתגלות בבוא מועד. ואכן, יהודים רבים נפלו קרבן ל„ידידות" הגרמנית כבר בתקופה הראשונה לשואה האיומה.

במחוזות מספר במזרחה של פולין, עדיין פעל המשטר הפולני. וורשה עדיין עמדה על נפשה וגייסות פולניים במערב טרם נכנעו. מטר־היסורים שניתך על היהודים באיזורים שכבר שלטו בהם הנאצים הרעיד כל לב. להלכה מינו שלטונות הצבא הכובש מפקדים צבאיים לכל עיר כבושה ולכל איזור עליו השתלטו מיד עם בואם. ואילו, למעשה, השתוללה המיליציה של ה„פאלקסדויטשן" ללא מעצורים, עוד בטרם נתכוננה כל רשת שלטונית שהיא, בתואנה כי הם שומרים על הסדר, דואגים למשטר עד אשר יקומו תאי־השלטון החדשים.

והוכיחו עצמם ה„פאלקסדויטשן" שאין הם נופלים במאומה מאחיהם המיוחסים, אזרחי הרייך השלישי עצמו. אותה ברבריות ואותו סאדיזם ואותו צמאון לדם — ציינו אותם. התברר כי ברציחותיהם עלו לעתים על חיות־הטרף הנאציות. לכוס־היגון של יהודי פולין מזגו הללו טיפות מרירות, מהולות בדם לרוב. לפתע שכחו את העבר המשותף עם היהודים, התנכרו בן־לילה לשיתוף־הפעולה במשך עשרות או מאות השנים. מהרגע בו ברחו החיילים הפולניים, הפכו הללו לארים טהורים ארוכי הגולגולת. נתגלה אצלם לפתע צמאון לוהט לדם יהודי, שאין לתארו.

בשלזיה, לשם ברחו ביום הראשון למלחמה מרבית התושבים היהודיים, כילו הגרמנים המקומיים את כל חמתם ברכוש יהודי. לראשונה שדדו מכל הבא ליד, ואחרי־כן הרסו לשם הנאה את בתי־היהודים. גרמנים אשר ראו את עצמם כ„מכובדים", אנשי־מסחר ואף בעלי מקצועות חפשיים, לא בחלו במלאכה נתעבת זו. בעיירות הקטנות אשר בסביבות לודז, שלחו גרמנים את ידם לרצוח יהודים כ„מקדמה" לאשר עלול היה לבוא. היו מקרים בהם רצחו איכרים את שכניהם היהודיים בגרזנים, בעוד שרק יום אחד קודם לפרוץ המלחמה, העמידו פני „ידידים".

השתוללותם של הגרמנים המקומיים היתה לרוב פראית וללא כל מטרה שהיא. נוצר הרושם כאילו התפרצו רגשות סדיסטיים שהיו אצורים ומרוסנים בהכרח בתוככי הגרמנים הללו במשך זמן רב.

היו יהודים בסביבת לודז שהאמינו בכנות הידידות של הגרמנים המקומיים אליהם. קיוו כי אלה יעמדו להם לסעד ולעזרה בימי עברה וזעם הקשים, כאשר הנאצים ישתלטו על פולין. הם מיהרו למסור לידידיהם את כספם ורכושם, והיו כאלו אשר הפקידו בידי הגרמנים את סודותיהם המסחריים והכלכליים, אך עד מהרה התברר שרובם ככולם של הגרמנים הללו ניצלו את הידיעות הללו, נגד ידידיהם היהודיים, לקחו את כספם לעצמם ומיהרו להעליל על הקרבנות ואף דאגו לחסלם. התבייש הגרמני בידיד יהודי. התבייש הגרמני בעבר לא־נאצי, בעבר לא־אנטישמי. רובם עשו הכל כדי לטשטש את העקבות הללו, והאמצעי הטוב ביותר לטשטש את הדבר הלא הוא — החיסול הפיסי של המכר היהודי.

כך תרמו הגרמנים אזרחי פולין, את חלקם במסע־הדמים נגד יהודי פולין. אחיהם הכובשים מנעו מהיהודים מלהופיע ברחוב, והם, ה„פאלקסדויטשן", מנעו מהיהודים את האפשרות להסתגר, ולו רק בימים הראשונים — בבתיהם הם. הנאצים הכובשים נתנו פורקן מלא ליצרי־הרצח שלהם ואילו הגרמנים המקומיים עמלו הרבה כדי שלא לפגר אחריהם, גמרו אומר להוכיח שאין הם נופלים מאזרחי גרמניה בהגשמת החזון הנאציסטי.

הפולנים משתפים פעולה

גם הפולנים, אשר טובי־בניהם עוד עמדו בחזיתות ולחמו בחירוף־נפש בכובש האיום, ראו ברובם המכריע „נקודת־אור" בחרון־האף שניתך על יהודי פולין. הם לא הסתירו את צהלתם גם בימי־יגונם מהרדיפות האכזריות ושפך־הדמים של היהודים. הכובשים הנאציים התייחסו לפולנים בחומרה,



הרוצחים בפעולה: מתעללים באסירות
די מערדער ביי דער ארבייט: מען פייניקט אידישע ארעסטאנטקעס

וואנט וואס האט געדארפט פארשטעלן די נאצישע זעלנער. 73 אידן זיינען דאן געהרגעט געווארן, די איבריקע זיינען פארוואונדעט געווארן און נאר איינצלנע האט זיך איינגעגעבן צו אנטלויפן.

די טעטיקייט פון די „פאלקסדויטשן"

דעם שווארצסטן קאפיטל האבן אין יענע צוטראגענע טעג, פארשריבן די דייטשע איינוואוינער פון פוילן, וועלכע האבן נאך פריער געווען טעטיק אלס פינפטע קאלאנע און נאך דער דייטשער אקופאציע — די ערשטע קעמפער געגן דעם פוילישן אידענטום. דאס זיינען געווען ניט נאר עכטע דייטשן, נאר יעדער דייטש־ריידענדיקער פאליאק, אדער פריינט — איז גלייך געווארן א „פאלקסדויטשע", אנגעטאן א לענטע אויפן ארבל און איז געווארן א רויבער און מערדער אונטער נאצישן פראטעקטאראט.

די דאזיקע דייטשן האבן געקענט אין זייער געגנט יעדן שטעג און יעדע לאך, האבן פערזענליך געקענט אלע אידן פון זייער סביבה, די רייכע און די ארימע. לויט די אינסטרוקציעס פון דעם דייטשן שפיאנאזש, האבן א סאך פון זיי זיך פארנומען מיט צונויפזאמלען מאטעריאל איבער די אידן אין פוילן. זיי האבן דעריבער יעצט געדינט אלס וועגווייזער פאר די דייטשע כוליגאנעס, האבן געפירט די דייטשע סאלדאטן צו די רייכע הייזער, האבן גערויבט וואס עס האט זיך געמאכט אונטערן האנט באגלייט מיט קלענערע פאגראמען אין אונצייליקע אידישע הייזער.

פינסטער און ביטער איז געווען די לאגע פון א אידן וואס האט ווען עס איז געהאט א דייטשן קאנקורענט אדער וועלכער האט זיך אמאל געקריגט מיט אזא „פאלקסדויטש". מערסטנטייל זיינען אזוינע אידן „פארשוואונדן" געווארן נאכדעם ווי זיי זיינען „ארעסטירט" געווארן דורך זייערע שונאים — און זיינען שוין מערניט צוריקגעקומען. פארשטייט מען אז זייער האב און גוטס איז צורויבט געווארן.


אין מערב־פוילן, וואס איז די ערשטע געפאלן אין די הענט פון די אקופאנטן, איז געווען זייער א סאך פאליאקן פון דייטשער אפשטאמונג. און עס איז ניטא קיין ווערטער פארצושטעלן די ליידן פון די אידן אין יענע געגנטן. וואס מער די דייטשן האבן זיך דערנענטערט צו מזרח, אלס ווייניקער איז געווארן די צאל פון די „פאלקסדויטשן" און גלייכצייטיק אויך ווייניקער די צאל פון די מענשן וואס האבן גערעט דייטש. דאס וואס די דייטשן האבן זיך ניט געקענט צום אנהויב זיך צוזאמענריידן מיט די פאליאקן, האט אין אנהויב פון דער אקופאציע, פארלייכטערט דאס ליידן פון די אידן אין יענע טעג — חאטש ניט אויף לאנג.

און אויב די אנוועזנהייט פון די נאציס האט אויפגעציטערט די אידן, זיינען אבער מערסטנטייל פון די אידן געווען איבערראשט פון דער ווילדער און אוממענשליכער באציאונג פון די ארטיקע דייטשן. עס זיינען געווען צייטן ווען די באציאונגען צווישן דער אידישער באפעלקערונג אין פוילן און דער דייטשער מינדערהייט — זיינען געווען נארמאל און געארדנט. ווען פוילן האט באקומען איר זעלבסשטענדיקייט נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיינען די אידן צוזאמען מיט די דייטשן און אוקראאינער ארויסגעטרעטן אין א בשותפות׳דיקער מינדערהייטס־ליסטע און האבן צוזאמען געפירט די וואל־פראפאגאנדע. שפעטער, זיינען די דייטשן געגאנגען אין איין ליסטע צו די סיים־וואלן מיט די ציוניסטישע פארטייען.

די ענטוויקלטע טעקסטיל־אינדוסטריע פון פוילן, האט זיך געפונען מערסטנטייל אין אידישע און דייטשע הענט. אין די דייטשע טעקסטיל פאבריקן האבן געארבעט אידן און אין די אידישע טעקסטיל פאבריקן האבן געארבעט דייטשן. א סאך סוחרים האבן בתמימות געמיינט, אז די דייטשן זיינען זייערע פריינט און האבן זיך גארניט געקענט פארשטעלן אז הינטער דער אפיציעלער העפליכקייט און אויסערליכן טאקט, באהאלט זיך א גרויזאמע, גיפטיקע שלאנג וואס וועט זיך ארויסווייזן מיט דער צייט. און באמת זיינען פיל אידן געפאלן א קרבן צו דער א דייטשער „פריינטשאפט", שוין אין אנהויב פון דער גרויזאמער תקופה.

אין עטליכע געגנטן פון מזרח־פוילן, האט נאך געהערשט די פוילישע מאכט. ווארשע האט זיך נאך געהאלטן און דאס פוילישע מיליטער אין מערב־פוילן האט זיך נאך ניט אונטערגעגעבן. און דער מבול פון יסורים וואס האט זיך א גאס געטאן אין די געגנטן וואו די נאציס האבן שוין געהערשט, האט אויפגעציטערט דאס האַרץ. טעארעטיש האט די דייטשע מיליטערישע אקופאציע מאכט, נאמינירט מיליטערישע קאמענדאנטן אין יעדער פארנומענער שטאט און אין יעדן קרייז — גלייך ווי זיי האבן עס איינגענומען, אבער פאקטיש, האט די מיליץ פון די „פאלקסדויטשן" געבושעוועט פראנק און פריי נאך איידער עס איז איינגעריכט געווארן וועלכע עס איז מאכט, מיטן אויסרייד אז דאס היטן זיי אויף דער ארדענונג און גיבן אכטונג עס זאל אלץ גיין כשורה ביז עס וועט אויפגעשטעלט ווערן די נייע מאכט.

און די „פאלקסדויטשן" האבן געוויזן אז זיי זיינען גארניט ערגער פון זייער מיוחסים׳דיקע ברידער פון דריטן רייך אליין, דער זעלבער בארבאריזם און סאדיזם, די זעלבע בלוטדורשטיקייט האט זיי פאראייניקט. נאך מער, עס האט זיך ארויסגעוויזן אז אין מערדערישקייט זיינען זיי צייטנווייז איבערגעשטיגן די בלוטדורשטיקע נאצישע חיות. אין דעם ביטערן כוס פון די פוילישע אידן האבן זיי צוגעגאסן ביטערע טראפענס אויסגעמישט מיט א סאך בלוט. פלוצלונג האבן



Unsere Stellungnahme zur Frage der Polen im Reich.

Der Reichsführer SS und Chef der Deutschen Polizei hat im Auftrage des Reichsmarschalls Göring u. a. angeordnet, daß alle Arbeiter und Arbeiterinnen polnischen Volkstums das nebenstehende in Originalgröße abgebildete Stoffabzeichen stets sichtbar auf der rechten Brustseite eines jeden Kleidungsstückes zu tragen haben. Das Abzeichen ist auf dem Kleidungsstück fest anzunähen.

Wir erleben heute die Entstehung unseres Volksreiches und sind uns darüber klar, daß in Zukunft fremdvölkische Elemente in großer Zahl innerhalb unseres Lebensraumes wohnen werden. Darüber hinaus sind durch den Einsatz polnischer Land- und Fabrikarbeiter aber auch im ganzen Reich völkische Fragen akut geworden. Das Volksreich kann nur dann ewigen Bestand haben, wenn jeder Deutsche in seiner Haltung volksbewußt auftritt und mit all diesen Fragen von sich aus fertig wird. Gesetze können das Zusammenleben nur unterstützend regeln. Das Wichtigste bleibt die gefühlsmäßige, sichere Haltung jedes einzelnen. Das gesamte Volk muß daher in ganz besonderem Maße über die Gefahren aufgeklärt werden, die das Zusammenleben mit fremdvölkischen Menschen mit sich bringt.

Deshalb ist es notwendig, bei jeder Gelegenheit aufklärend zu wirken, d. h. immer wieder auf die Greueltaten der Polen gegenüber unseren Volksdeutschen hinzuweisen und zur Vorsicht gegenüber den polnischen Arbeitern aufzufordern.

Deutsches Volk! Vergiß nie, daß die Greueltaten in Polen den Führer zwangen, mit seiner bewaffneten Wehrmacht unsere Volksdeutschen zu schützen! Der September 1939 hat auf volksdeutscher Seite in Polen 58 000 Opfer gefordert. Männer, Frauen und Kinder, wehrlose Greise und Kranke sind auf den Verschleppungsmärschen zu Tode gequält worden. In den Zuchthäusern der Polen haben deutsche Menschen Qualen ausstehen müssen, die in ihrer Rohheit nur von Untermenschen mit tierischer Veranlagung ausgedacht werden konnten. Tagelang ohne jegliche Nahrung, Stockschläge, Kolbenstöße, grundlose Erschießungen, Ausstechen von Augen, Vergewaltigungen, es gibt keine Gewalttat, die nicht versucht worden wäre. Einen jungen Menschen hat man mit Benzin übergossen und im Backofen verbrannt, auf einen Gefangenen Verschleppter hat man mit voller Gewalt eine Lokomotive fahren lassen. In einem Tumpel haben kürzlich badende Kinder 17 Leichen gefunden. Man könnte Tausende solcher Beispiele anführen.

Angehörige dieses Volkes sind jetzt zu uns als Land- und Fabrikarbeiter und Kriegsgefangene gekommen, weil wir ihre Arbeitskraft brauchen. Derjenige, der dienstlich mit ihnen zu tun hat, soll sich darüber klar sein, daß der Haß des Polen heute größer ist denn je, daß der Pole im Volkstumskampf weit größere Erfahrungen hat als wir und daß er immer noch daran glaubt, mit Hilfe unserer Feindmächte ein neues, größeres Polen aufrichten zu können.

Die Unterwürfigkeit, die der Pole gegenüber dem deutschen Bauern zeigt, ist Hinterlist. Sein freundliches Wesen ist falsch. Vorsicht ist überall geboten, damit nicht dem Zusammenschluß der Polen und etwaiger Spionagetätigkeit Vorschub geleistet wird.

Vor allem gibt es keine Gemeinschaft irgendwelcher Art zwischen Deutschen und Polen. Deutscher, sei stolz und vergiß nicht, was das polnische Volk dir angetan hat! Wenn einer kommt und dir sagt, sein Pole sei anständig, so halte ihm entgegen: **Es kennt heute wieder jeder einen anständigen Polen, wie früher jeder einen anständigen Juden kannte!**

Es geht um unsere Volksgemeinschaft! Vor allem achtet darauf, daß nicht über den gemeinsamen Glauben Verbindungen angeknüpft werden. Unsere Bauern kennen den Volkstumskampf nicht und halten den Polen, der sie ständig mit „Gelobt sei Jesus Christus!" begrüßt, für einen anständigen Menschen und antworten ihm mit „In Ewigkeit, Amen!". Polen, die nur mit den Kleidern, die sie auf dem Leib hatten, ankamen, erhielten von ihren Bauern Wäsche und Kleidungsstücke. Sie haben sie dann an den Nachbarpolen verkauft und den Erlös in Tabak umgesetzt. Gruppen von Polen, die auf der Landstraße durch die Polizei auseinandergetrieben wurden, haben sich an der nächsten Straßenecke wieder zusammengefunden. Achtet darauf, ob die Polen lange Briefe nach Hause schreiben. Es sind aus Polen auf diese Briefe hin Lebensmittel geschickt worden, so daß man sich vorstellen kann, was der Pole nach Hause geschrieben hat. Gebt ihm kein bares Geld in die Hand! In einer Bauernfamilie, wo die Bäuerin in kurzer Zeit mit ihrem dritten Kind niederkommt, ist im Haus keine andere Hilfe als ein Polenmädchen vorhanden. Setzt in derartigen Fällen mit eurer Nachbarschaftshilfe ein!

Deutscher! Der Pole ist niemals dein Kamerad! Er steht u n t e r jedem deutschen Volksgenossen auf deinem Hof oder in deiner Fabrik. Sei, wie immer als Deutscher, gerecht, aber vergiß nie, daß du Angehöriger des Herrenvolkes bist!

Die deutsche Wehrmacht erkämpft uns den Frieden Europas. Wir sind für den Frieden im neuen, größeren Deutschland verantwortlich. Das Zusammenleben mit Menschen fremden Volkstums wird noch häufig zu völkischen Kraftproben führen, die du als Deutscher bestehen mußt.

Volksbund für das Deutschtum im Ausland
Gauverband Berlin
W 30, Motzstraße 46

D 140 Flugblatt über die Stellung der Deutschen zu den Polen

פקודה רשמית לחיילים הכובשים, איך להתיחס לפולנים וליהודים
א אפיציעלע פאראורדנונג צו די דייטשע סאלדאטן, ווי אזוי צו האנדלען מיט פאליאקן און אידן

בקשיחות־לב, ביהירות ולעתים — באכזריות, אלא שעובדה זו לא מנעה מפולנים רבים מלהריע למראה שפך־דם נקיים והתעללות אכזרית ביהודים. לא פולני אחד הירהר בקול: „אין רע בלי טוב": חיסול פולין העצמאית — אסון הוא, אבל חיסול הישוב היהודי בפולין הוא הצד הטוב במטבע מרה זו.

היו אמנם פולנים שרצו לעזור ליהודים מהיום הראשון לשואה, אבל היו אלה מעטים מאד, יוצאים מן הכלל, בלתי ניכרים בהמון הפולני הגדול, אשר רובו ככולו היה מורעל באנטישמיות ארסית. עובדה זו איפשרה לנאצים להשתולל נגד יהודי פולין ללא־מפריע ולעין־השמש. עובדה זו היא אשר הכריעה אצל הרוצחים הנאציים אשר גמרו אומר להפוך את פולין לבית־מטבחיים ענקי עבור יהודי אירופה שנכבשה על־ידם.

שוד וטבח יהודים קסמו מאז ומתמיד לפולנים מכל השכבות. אולם אימת־השלטונות מנעה פעמים רבות פרעות דמים ביהודים. הכובשים הנאציים שדאגו בראש ובראשונה להטיל את חיתתם על כל האוכלוסיה הפולנית, שללו כל פעולה עצמית מצד פולנים, אפילו נגד יהודים, והפולנים פחדו פחת־מות למראה צלו של גרמני. אבל די היה בסימן קל מצד שלטונות הכיבוש הגרמניים כדי שהפולנים יערכו פרעות־דמים ביהודים המעונים וחסרי־הישע.

בכפרים, ביערות ולכל המקומות הנידחים לשם לא הספיקו עדיין משמרות הגרמנים להגיע, השתוללו האיכרים הפולניים ללא מפריע. רצחו יהודים בודדים ואף לא חמלו על משפחות שלימות. במאלניץ שבפלך קלץ, רצחו הפולנים בגרזנים את המשפחות היהודיות המעטות ששרדו במקום ולא הצליחו לנוס לעיירה קרובה. ביערות שבסביבות סקר־נביץ, הומתו באכזריות נשים וילדים בטרם הספיקו הנאצים להגיע.

פולנים לא־מעטים האמינו כי על־ידי עריכת פרעות ורציחות ביהודים, יזכו ליחס טוב מצד הכובשים הקשוחים והגאים. הם עמלו, איפוא, למצוא חן וחסד בעיני הנאצים בעזרת דם יהודי. לאמתו של דבר, לא היה זה חישוב מוטעה. לא פעם הפכו פולנים „מקורבים למלכות" בגלל הצטיינותם במסע נגד היהודים.

ולמרות האיבה לפולני מצד הגרמני, למרות הכיבוש האכזרי העקוב מדם, סלחו מרבית הפולנים לנאצים מיד עם הופעתם בערי וכפרי פולין ושללו כל אפשרות של אי־שיתוף פעולה עם האויב האיום. העובדה שלא קמה בפולין ממשלת קויזלינגים נבעה אך ורק מסירובם של הגרמנים להקים ממשלה כזאת, שכן לא חסרו פולנים שהיו מוכנים ומזומנים לשיתוף־פעולה עם הכובשים הנאציים.

הגרמנים הביטו על שכניהם ממזרח, הפולניים, מלמעלה למטה. גם לפני פיתוחה של שיטת הגזענות ראו הנורדים־הטיבטוניים בשכניהם הסלאביים, אנשים נחותי־דרגה, נבערים מדעת. הפולנים, מאידך, התיחסו בצורה זו לרוסים ולאוקראיניים שהיו שכניהם ממזרח, אבל על הגרמנים הביטו ברגשות מעורבים של יראת־הכבוד והערצה נסתרת. הפולני הגא אהב לחקות את הגרמני, ראה בו גורם מתקדם ופרוגרסיבי. למעלה ממאה שנה היתה פולין משועבדת לשכניה, כשרוסיה הצאריסטית, גרמניה הקיסרית ואוסטריה־הונגריה חילקוה ביניהם. לא פעם מרדו הפולנים ברוסים, הקימו מחתרות נגד הכובש הרוסי, אבל התיחסו בסבלנות מסויימת כלפי הכובש הגרמני שהחזיק שטחים פולניים נרחבים. מעולם לא התקוממו הפולנים נגדם. גרמניה הנאצית אמנם הצליחה לקומם נגדה גם את הפולנים, אולם זאת, בגלל עמדתם הקשוחה והאכזרית במרוצת שנות־הכיבוש.

הופעת הגרמנים לא נתקבלה באש צולבת מצד העם הנכבש. היו מקומות בהם קידמו המוני פולנים את פני הכובשים הנאציים בצהלה ממש. החיילים הפולניים שערקו מהיחידות הצבאיות בטרם נכנעו, לבל יפלו שבי בידי הגרמנים, לא הקימו פלוגות־גרילה ולא חשבו על מלחמות־מחתרת. עלוני המחתרת הראשונים של הפולנים הופיעו רק אחרי החיסול החלקי של האינטליגנציה הפולנית, אחרי גירושם של המוני פולנים מבתיהם במערבה של המדינה, ואחרי העברת המוני פועלים פולניים לעבודת־כפיה לשלטונות־הכיבוש. המצוקה, הרעב והנגישות, הם אשר יצרו את תאי־ההתנגדות הראשונים לכובש הנאצי.

יחס הנאצים לפולנים היה ברור וקבוע ובא לידי ביטוי


זיי פארגעסן דעם שותפות׳דיקן עבר, געמאכט זיך ניט וויסענדיק מיטאמאל פון דער לאנג־יעריקער צוזאמענארבייט אין פארלויף פון צענדליקער און הונדערטער יארן· אין דעם מאמענט ווען די פוילישע זעלנער זיינען אנטלאפן, זיינען זיי גלייך פארוואנדלט געווארן אין רייגע, לאנגשארבענדיקע, אריער· און מיטאמאל האט זיך ארויסגעוויזן ביי זיי א אומבאשרייבליכער ברענענדיקער דורשט נאך אידיש בלוט·

אין שלעזיע, וואוהין ס׳רוב אידן זיינען אנטלאפן אין ערשטן טאג פון דער מלחמה, האבן די ארטיקע דייטשן אויסגעלאזט זייער גאנצן כעס צום אידישן האב און גוטס· פריער האבן זיי גערויבט אלץ וואס איז געקומען אין זייערע הענט און נאכדעם האבן זיי, פון פארגעניגן וועגן, חרוב געמאכט אידישע הייזער· דייטשן וואס האבן זיך געהאלטן פאר „אנשטענדיק״, סוחרים און אפילו פון פרייע פראפעסיעס, האבן אויך זיך ניט געמיאוסט מיט דער א שמוציקער ארבעט· אין די קליינע שטעטלעך ארום לאדז זיינען געווען פאלן ווען דייטשע פויערן האבן געהרגעט מיט העק זייערע אידישע שכנים, די זעלבע, וועלכע האבן נאך מיט איין טאג פארן אויסברוך פון דער מלחמה, געמאכט א אנשטעלונג ווי זיי וואלטן געווען אידישע גוטע פריינט·

מערסטנטייל איז דאס בושעווען פון די ארטיקע דייטשן געווען ווילד, אן א שום ציל, עס האט זיך געשאפן דער איינדרוק, ווי עס וואלטן אויסגעבראכן שוין לאנג איינגעהאלטענע סאדיסטישע געפילן, וועלכע האבן פריער ניט געקענט ארויספלאצן·

עס זיינען געווען אזוינע אידן אין לאדזער געגנט, וועלכע האבן אויפריכטיק געגלויבט אין דער פריינטשאפט פון די ארטיקע דייטשן און האבן געהאפט אז זיי וועלן זיי קומען צו הילף אין די שווערע און ביטערע טעג ווען די נאציס וועלן באהערשן פוילן· זיי האבן געכאפט און אוועקגעגעבן זייערע „פריינט״ זייער פארמעגן און געלט און עס זיינען געווען אזוינע, וועלכע האבן אנפארטרויט די דייטשן זייערע געשעפטליכע און פינאנסיעלע סודות, אבער באלד האט זיך ארויסגעוויזן אז דאס רוב פון די דייטשן האבן אויסגעניצט די דאזיקע ידיעות געגן זייערע אידישע פריינט· האבן צוגענומען די געלט פאר זיך און זיינען געלאפן מסר׳ן אויף זייערע קרבנות און באמיט זיך זיי אפצוראמען· יעדער דייטש האט זיך געשעמט מיט זיין אידישן פריינט, יעדער דייטש האט זיך געשעמט מיט זיין ניט־נאצישער אדער ניט אנטיסעמיטישער פארגאנגענהייט· דאס רוב פון די דייטשן האט אלץ געטאן כדי צו פארטושן אלע סימנים וועגן דעם און דער בעסטער מיטל צו פארטושן דער זאך איז דאך — פארניכטן פיזיש דעם אידישן פריינט·

אזוי האבן די דייטשן, פוילישע בירגער, געגעבן זייער טייל אין דעם בלוטיקן מארש געגן די פוילישע אידן· זייערע ברידער די אקופאנטן האבן ניט געלאזט דעם אידן ארויסצוגיין אין גאס, און זיי, די „פאלקסדויטשן״, האבן ניט דערלאזט די אידן זיך צו באהאלטן — אפילו אין די ערשטע טעג — אין זייערע הייזער· די נאצישע אקופאנטן האבן געלאזט פריי בושעווען זייער מארד־אינסטינקט און די



הטאנקים הראשונים עודם עומדים בעיירה וכבר מתעללים ביהודי המקום
די ערשטע טאנקען זענען נאך אין שטעטיל און מען פייניקט שוין די אידן

ארטיקע דייטשן האבן אלץ געטאן כדי ניט אפצושטיין פון זיי, זיי האבן באשלאסן צו באווייזן אז זיי פאלן גארניט ארונטער פון די דייטשע בירגער אין דער פארווירקליכונג פון דעם נאצישן חלום·

די פוילישע קאלאבאראטארן

אויך די פאליאקן, וועמענס זין האבן זיך נאך געפונען אויף די פראנטן און געקעמפט העלדיש געגן דעם גרויזאמן אקופאנט, האבן מערסטנטייל געזען א „ליכטיקן פונקט״ אינ׳ם חרון־אף וואס האט זיך אויסגעגאסן אויף די פוילישע אידן· אפילו אין זייערע טרויעריקע צייטן האבן זיי ניט באהאלטן זייער פרייד פון די גרויזאמע רדיפות און די בלוט־פארגיסונג געגן די אידן· די נאצישע אקופאנטן האבן זיך באצויגן צו די פאליאקן שטרענג, הארט, פון אויבןאראפ און צייטנווייז אויך אכזריות׳דיק· אבער דאס אלץ האט ניט אייגעהאלטן די פאליאקן פון יובלען זעענדיק ווי מען פארגיסט אומשולדיק אידיש בלוט און ווי זיי פייניקן מערדעריש די אידן· ניט איין פאליאק האט געטראכט אויפן קול: „עס איז ניטא קיין שלעכטס אן עפעס גוטס״· דאס ליקווידירן פון דאס זעלבסטשטענדיקע פוילן איז טאקע א אומגליק, אבער דאס ליקווידירן דעם אידישן ישוב אין פוילן, איז די גוטע זייט פון דער א ביטערער מטבע·

עס האבן זיך טאקע געפונען פאליאקן וואס האבן געוואלט העלפן די אידן שוין ביים אנהויב פון דעם אומגליק, אבער דאס זיינען געווען זייער ווייניק, איינציקע און אומבאדייטענד אינערהאלב דער גרויסער פוילישער מאסע, וועלכע איז מערסטנטייל געווען פארסמט מיטן אנטיסעמיטישן גיפט· דער דאזיקער פאקט האט דערמעגליכט די פאליאקן צו פייניקן די פוילישע אידן פראנק און פריי און אומגעשטערט· דער דאזיקער פאקט האט באוואיגן די נאצישע מערדער צו זייער באשלוס, פארוואנדלען פוילן אין איין ריזיקער בוינע פאר אלע אידן פון דורך זיי אקופירטער אייראפא·

רויבן און מארדן אידן האט שוין פון לאנג געלאקט די פאליאקן פון אלע שיכטן· נאר צוליבן מורא פאר דער מאכט זיינען אויסגעמיטן געווארן א סאך פאגראמען געגן אידן· די נאצישע אקופאנטן וואס האבן קודם כל געזען אנצווווארפן א מורא אויף דער גאנצער פוילישער באפעלקערונג, האבן ניט דערלאזן קיין שום זעלבסטשטענדיקע אקציע מצד די פאליאקן, אפילו געגן די אידן· און די פאליאקן האבן געהאט



ליד נאשלסק. אם יהודית עם ילדיה אחרי הטבח
ביי נאשעלסק. א אידישע מאמע מיט איהרע קינדער נאך דער שחיטה

מלא בדבריו של היטלר שקבע כי יש להסל את האינטליגנציה הפולנית ולהפוך את העם הזה לעם של חקלאים ופועלים אשר ישרתו את גרמניה הגדולה. בתקופה מסויימת אף דנו ראשי הנאצים בתוכניות לחיסול פיסי או עיקור חלקי של הפולנים. עובדות אלו שלא נעלמו כלל מעיני פולנים רבים לא גרמו לשינוי בעמדת המוני־העם הפולני לגרמנים הכובשים. ואם בשטחים רבים ניתן היה להרגיש איכשהו בהסתייגות מסויימת לגבי שיתוף־פעולה מלא, הרי לגבי מסע־העינויים־והדמים שררה הבנה מלאה ושיתוף־פעולה מלא בין הגרמנים לבין מרבית הפולנים, ללא כל הבדל של מעמד ועמדה, וזאת — כבר מהימים הראשונים לכיבוש הנאצי.

בעוד הפולנים לוחמים עדיין באיזורים שונים, בעוד וורשה עומדת על נפשה, והגרמנים טרם הצליחו לכונן כל שלטון סדיר באיזורים הכבושים על־ידם, כבר מיהרו פולנים רבים מיוזמתם העצמית להנהיג חוקי־גזע. חולים יהודיים הוצאו מבתי־חולים מסויימים ורופאים פולניים סירבו להגיש עזרה לפצועים יהודיים. ידידים ומכרים פולניים סירבו לענות לשלום ליהודים, עמם פעלו יחד במשך שנים רבות. פקידים ממוצא יהודי סולקו ממשרדיהם על־ידי חבריהם לעבודה, עוד בטרם הגיעו לשם הגרמנים.

שוד רכוש יהודי, כאמור, קסם תמיד לפולנים, אשר הודרכו לכך באמצעות התעמולה האנטישמית במשך דורות, אשר סיפרה על עושרם האגדי של היהודים. הם ראו בסוחר היהודי, אשר נאבק קשות על קיומו ועמל בתחבולות ללא־גבול להחזיק מעמד — סמל האמידות. גם בימי פולין העצמאית ואף לפניה שדדו פולנים לעתים קרובות יהודים עניים תוך אמונה כי אלה נושאים עמהם אוצרות־כסף.

הופעתם של הנאצים הפיחה בלב האספסוף הפולני, ובלב שכבות אחרות בעם הזה, את התקוה, כי בעזרתם של הנאצים יצליחו לרשת את ההון והמעמד היהודי. הם קיבלו, איפוא, בשמחה גלויה או נסתרת את פני הכובשים הנאציים. מוכנים ומזומנים היו לכל שיתוף פעולה עם הכובשים.

והיהודי הפולני האומלל, אשר הוצא מחוץ לחוק על־ידי הקלגסים הפולשים, חסרי־הלב וצמאי־הדם; היהודי הפולני אשר כבר בימים הראשונים לשואה האיומה הועמד בודד וגלמוד, חסר־ישע ותחת מבול של גזירות ונגישות, שפיכת־דמים והתעללות־אימים, הרגיש לפתע בהיותו כבול ומלא פצעים ומכאובים — כי המצור סביבו שלם, כי האדמה בוערת מתחת לרגליו, ולא רק הרוצחים הנאציים עמדו עליו לכלותו, אלא כל עמי־פולין נגררו אחריהם. התברר לפתע כי לא רק את אדמת פולין כבשו הנאצים אלא גם את לבם הקשוח של הפולנים. רק ימים מעטים עברו מאז השתלט צלב־הקרס על פולין, ופה ושם נשמע פזמון עממי שהפך לשלאגר, אשר אמר:

מארשאלעק שמיגלי רידז,
ניע נאוטשיל נאס ניץ,
לעטש פשישעדל פאן היטלר זלוטי,
מראן נאוטשיל נאס ראבאטי...
(מרשל שמיגלי רידז
לא לימד אותנו מאומה,
אך בא מר היטלר, איש הפז,
ולימד אותנו לעבוד...)

מוקפים מכל עבר

יום יום נפלו לידי הקלגסים הכובשים שדהרו מזרחה, עד מאה אלף יהודים. דהרו הללו במרוצתם, ונראו כאותה חית־טרף המשתכרת לחלוטין למראה דם טרי. אם לראשונה הסתפקו בהתעללות בזויה בקרבנות, ברציחות בודדות, ביריית כל יהודי עשירי, הרי בימים האחרונים לכיבוש הפכו הרוצחים לצמאי־דם איומים. רצחו זקנים וילדים, נשים וטף למאות. לא יכלו פשוט להרוות את צמאונם לדם ולמעשי־רצח.

בלב־לבה של פולין המזרחית נפגשו טורי הצבאות הנאציים בטורי הצבא האדום שבאו לקראתם. התותחים נדמו, ומכונות־היריה חדלו לטרטר. אולם הרוצחים הפראיים סירבו להיפרד מכלי־המשחית שבידיהם, המשיכו לכוונם לעבר יהודים אומללים. סבל שלא־יתואר נפל בחלקם של הישובים היהודיים לאורך הגבול עם רוסיה הסובייטית.

טויט־שרעק פארן שאטן פון א דייטש, אבער עס איז געווען א וואונק מצד דער נאצישער אקופאציע־מאכט, אז די פאליאקן זאלן מאכן בלוטיקע פאגראמען געגן די געפייניקטע, הילפלאזע אידן.

אין די דערפער און וועלדער און אין אלע פארווארפענע ערטער וואוהין די דייטשע פאטרולן האבן נאך קיין צייט ניט געהאט צו דערלאנגען, האבן די פוילישע פויערים געבושעוועט אומגעשטערט. זיי האבן געהרגעט איינצלנע און אפילו גאנצע משפחות. אין מאלעניץ, קיעלצער קרייז, האבן די פאליאקן מיט העק אויסגעהרגעט די עטליכע אידישע משפחות וואס זיינען דארט געבליבן, ווען עס האט זיך ניט איינגעגעבן צו אנטלויפן אין דער נאנטער שטעטל, אין די וועלדער ארום סקערנעוויץ זיינען גרויזאם אויסגעהרגעט געווארן פרויען און קינדער נאך איידער די נאציס זיינען אהין אנגעקומען.

א סאך פאליאקן האבן געמיינט, אז מאכענדיק פאגראמען און אויסהרגענענדיק אידן, וועלן זיי זוכה זיין צו א גוטער באציאונג מצד די גאוה׳דיקע הארטע אקופאנטן. זיי האבן זיך, דעריבער, באמיט צו געפעלן ווערן די נאציס מיט דער הילף פון אידיש בלוט. באמת איז די אויסרעכענונג ניט געווען קרום, ניט איינמאל זיינען פאליאקן געווארן „מקורבים למלכות״, ווייל זיי האבן זיך אויסגעצייכנט אין דער אנטי־אידישער העצע.

און טראץ דער פיינטשאפט פון דייטש צום פאליאק, טראץ דער גרויזאמער, בלוטיקער אקופאציע, האבן די פאליאקן גלייך מוחל געווען די דייטשן ווען זיי זיינען דערשינען אין די פוילישע שטעט און דערפער, און האבן נעגירט יעדער מעגליכקייט פון ניט מיטארבייטן מיטן גרויזאמען שונא. דאס וואס אין פוילן איז ניט אויפגעשטאנען קיין קוויזלינג־רעגירונג, איז נאר דערפאר ווייל די דייטשן האבן ניט געוואלט אז אזא רעגירונג זאל אויפשטיין, ווייל עס האבן גראד ניט געפעלט אזוינע פאליאקן וואס זיינען געווען גרייט מיטצוארבייטן מיטן נאצישן אקופאנט.

די דייטשן האבן געקוקט אויף זייערע מזרח־שכנים — די פאליאקן — פון אויבן ארונטער. אפילו נאך איידער עס איז אויפגעקומען די ראסן טעאריע האבן די נארדישע טאוטאנער, געקוקט אויף זייערע סלאווישע שכנים, ווי אויף צווייטראנגיקע מענשן, אומוויסענדע און נארישע. פון זייער זייט האבן די פאליאקן אזוי זיך באצויגן צו די רוסן און אוקראינער — זייערע שכנים פון מזרח־זייט, אבער אויף די דייטשן האבן זיי געקוקט מיט געמישטע געפילן פון באהאלטענער באגייסטערונג און יראת הכבוד. דער גאוה׳דיקער פאליאק האט ליב געהאט נאכצומאכן דעם דייטש און האט געזען אין אים א פארטגעשריטענעם און פראגערעסיוון פאקטאר. מער ווי 100 יאר איז פוילן געווען פארקנעכטעט צו אירע שכנים. פונאנדערגעטיילט צווישן צאריש־רוסלאנד, קייזערליכן דייטשלאנד און עסטרייך־אונגארן. ניט איינמאל האבן די פאליאקן זיך געגנגעשטעלט די רוסן און האבן געגרינדעט אונטערגרונט באוועגונגען געגן רוסלאנד. אבער צו דעם דייטשן אקופאנט האבן זיי זיך באצויגן מיט מער צוריקגעהאלטענקייט, קיין איין מאל האבן זיי ניט געמאכט קיין אויפשטאנד געגן די דייטשן. נאצי־דייטשלאנד האט יא גע־



קצין גרמני מכה בשוטו זקנה יהודית
א דייטשער אופיצער שלאגט מיט א בייטש א אלטע אידישע פרוי

בראכט צו דעם אז די פאליאקן האבן געמאכט אויפשטאנד געגן איר, אבער דאס איז געווען א פועל־יוצא פון דער גרויזאמער און הארטער באציאונג אין די אקופאציע יארן.

דאס דערשיינען פון די דייטשן איז ניט אויפגענומען געווארן מיט א קרויץ־פייער מצד דעם אקופירטן פאלק. עס זיינען געווען ערטער וועלכע האבן אויפגענומען דעם דייטשן אקופאנט מיט אמת׳ער פרייד. די פוילישע זעלנער וועלכע זיינען אנטלאפן פון זייערע איינהייטן איידער זיי האבן זיך אונטערגעגעבן, כדי ניט אריינצופאלן אין דייטשער געפאנגענשאפט, האבן ניט אויפגעשטעלט קיין גערילא־גרופן און האבן גארניט געטראכט וועגן אונטערגרונט־קאמפן. די ערשטע אונטערגרונט־בלעטלעך זיינען דערשינען ערשט נאך דער טיילווייזער ליקווידירונג פון דער פוילישער אינטעליגענץ, נאכן פארטרייבן פון מאסן פאליאקן פון זייערע היימען אין מערב־פוילן, נאכן אוועקטראנספארטירן פון פוילישע ארבייטער אויף צוואנגס־ארבעט פאר די אקופאנטן. די ארימקייט, דער הונגער און די אונטערדריקונג — זיי האבן געשאפן די ערשטע קאמפס־טרופן געגן דעם נאצישן אקופאנט.

די באציאונג פון די נאציס צו די פאליאקן איז געווען קלאר און פעסט און איז געקומען צום אויסדרוק אין היטלערס רייד וועלכער האט פעסטגעשטעלט אז מען דארף ליקווידירן דער פוילישער אינטעליגענץ און פארוואנדלען דעם דאזיקן פאלק אין א פאלק פון פויערן און ארבייטער וועלכע זאלן דינען דאס גרויסע דייטשלאנד. אין א געוויסער תקופה האבן די דייטשן אפילו געפלאנט פיזיש ליקווידירן און טיילוויז קאסטרירן דעם פוילישן פאלק. אבער די אלע פאקטן, וועלכע זיינען געווען באוואוסט א סאך פאליאקן, האבן כלל ניט געבראכט צו קיין ענדערונג אין דער שטעלונג פון דער פוילישער מאסע צו דעם דייטשן אקופאנט. און אויב אויף פיל געביטן האט זיך געלאזט ווי עס איז פילן א געוויסע צוריקהאלטונג צו א פולשטענדיקער צוזאמענארבייט, איז אבער וואס אנבאלאנגט דעם בלוטיקן, פיינפולן מארש געגן די אידן, האט געהערשט א פולשטענדיקע פארשטענדעניש און צוזאמענארבייט צווישן די דייטשן און מערסטנטייל פאליאקן, אן אונטערשייד פון פאזיציע און שטאנד. און דאס — שוין אין די ערשטע טעג פון דער נאצישער אקופאציע.

אין דער צייט ווען די פאליאקן האבן נאך אין געוויסע געגענטן געקעמפט, ווען ווארשע האט זיך נאך געהאלטן און



גם יהודי ישיש ועיוור רוצה לברוח אבל לאן?
אויך דער אלטער בלינדער איד וויל אנטלויפן, אבער וואוהין?

בקהלות אחרות הפכו היהודים לכדורי־משחק בידי הצוררים, והרבה מהם גורשו בכוח לעבר הגבול הסובייטי, כשהרוצחים הנאציים יורים לעברם ומשאירים אחריהם הרוגים בדרך. את הפצועים לא סבלו הגרמנים והם חיסלו אותם במהירות.

הרבה יהודים נסו לכל מקום שעיניהם נשאום. רבים מהם ברחו מזרחה בעירום ובחוסר־כל, מופקרים להתעללות בלתי־פוסקת של משמרות הנאצים. אבל רק אחוז מבוטל של יהודי פולין המערבית והמרכזית יכלו לברוח או לנוע, לגבי רובם המכריע נסגרו שערי־היציאה, הם הוכנסו במהירות לתהום הכאב והסבל בלי כל אפשרות להיחלץ ממנה.

בין שמונים למאה אלף יהודים נמלטו מהשטחים הכבושים בידי הגרמנים לאיזורי־הכיבוש הרוסיים, אולם לא כולם הצליחו להגיע למטרתם. המשמרות הרוסיים תרו בשבע עיניים אחרי הפליטים, ואלה שנמצאו על ידם הוחזרו בכוח לגיהנום הנאצי. לא היה לרוסים כל צורך ביהודים נוספים. שלטונות־הכיבוש הסובייטים נקטו יחס קשוח לנודדים האומללים.

ימי שיתוף־הפעולה בין רוסיה וגרמניה היו אז בשיא פריחתם. בבריסק נערך מפקד חגיגי משותף. על־יד פשימשל הטיבו בצוותא הקצינים הנאציים והקומוניסטיים את לבם וחגגו במשותף את ההישגים ההדדיים. פלוגות פולניות שסירבו פה ושם להיכנע, נשטפו באש משותפת, סובייטית והיטלריסטית. פלוגה פולנית בנובה־הוטה, עיר התעשיה הפולנית שעל הגבול הגרמני־רוסי החדש, גמרה אומר לא להיכנע, לקדם באש כל כובש. בפלוגה זו, שהתבצרה בהר סביב לעיר, טיפלו הרוסים והגרמנים בצוותא. כדורים התערבו בכדורים ושוב לא היתה כל אפשרות לדעת מי לוחם בעד מי. החייל הנאצי עבור הכיבוש הקומוניסטי או החייל הקומוניסטי עבור הכיבוש הנאצי? והכל, כמובן, למען השלום והצדק, למען שחרור עמי־פולין הסובלים ומתוך דאגה לעתידם ולשלומם...

ואם הרוצחים הנאציים גירשו יהודים לעבר הגבול הרוסי מתוך מאמץ כי ימסרו לידי החיילים הסובייטיים ששמרו על הגבול, הרי עמלו החיילים הסובייטים לרוב למסור את היהודים שנתפסו על ידם לידי המשמרות הנאציים בגבולות, שם זכו האומללים להתעללות איומה ובחלקם נפחו את נשמתם תחת ידי מעניהם האכזריים.

קשיחותם של החיילים הסובייטיים לא היתה מקרית כלל ועיקר. העתונות הסובייטית, שמסרה תיאורים נלהבים על נצחון הנאצים ועל מעשי־הגבורה שלהם, ידעו גם בדרך אגב, לספר, כי היהודים לא לחמו בכובשים הגרמניים וערקו לרוב מהחזית. היה זה משום תרומת־שפתיים של הרוסים לאנטישמיות הפולנית. העובדה שראש ממשלת ברית־המועצות בימים ההם, מר וויאצ׳יסלב מולוטוב, הכריז במושב הסובייט העליון, שפחד השכבות השליטות בבריטניה ובצרפת משלטונם המתערער, הוא אשר דחפם לצאת למלחמה אימפריאליסטית בלתי־מצודקת נגד גרמניה, וכי רק השוביניסטים הפולניים לחמו ושפכו דם לריק — לא הפריעה לרוסיה להסית בעקיפין את הפולנים נגד היהודים. מר מולוטוב השמיע אז בנאומו דברים בעלי צליל נאצי מובהק. הוא דיבר על שאיפתה של רוסיה לשחרר את אחיה לגזע ולדם בפולין. האוקראינים והרוסים הלבנים, הם שדירבנו אותם לחדור לפולין. היהודים לא נחשבו לאחים ״לגזע ולדם״...

הרוצחים הנאציים לא התביישו במעשיהם בפני שותפיהם החדשים מהמחנה הקומוניסטי והמהפכני. לעיני קצינים רוסיים עונו יהודים בפשמישל ובעיירות אחרות ליד הגבול. קציני הצבא האדום לא הגיבו ולא התערבו. תוך אדישות גמורה ושתיקה הסתכלו במחזה. יהודי פולין עמדו חסרי־אונים מול נחשול־היסורים ומעשי־האיבה האיומים שניתכו על ראשם בחמת־זעם, בהיותם מדוכאים מההתנהגות הבוגדנית של הפולנים, מושפלים מן העמדה המתנכרת של הרוסים. מבודדת ונתונה בשבי האיומים שברוצחים, נכנסה הגולה המעטירה לתקופת החורבן והשואה, בעוד דמה ניקז בלי הרף, בחמת־זעם ובאימה שפוכה.

תפקיד עגום מילאה גם הכנסיה הקתולית, בעלת ההשפעה העצומה על עמי־פולין שלא הצטיינה מעולם בעמדה אוהדת ליהודים. כלפי־חוץ נקטה הכמורה הפולנית עמדה נייטראלית במאבק הפוליטי בפולין העצמאית, אבל, למעשה, עודדה את התנועה הלאומנית האנטישמית ורבים מהכמרים היו פעילים ב״אנדצ׳יה״, צוררת היהודים. בנאומיהם הטיפו הכמרים לעתים תכופות לשנאת ישראל ויזמו לא פעם פרעות נגד יהודים.

נוכח השואה שירדה על יהדות פולין נקטה הכנסיה

די דייטשן האט זיך נאך ניט איינגעגעבן אויפצושטעלן א רעגולערע מאכט אין די אקופירטע געביטן, האבן די פאליאקן אליין, אויף אייגענער האנט, געכאפט איינצופירן די ראסן־געזעצן. אידישע קראנקע זיינען ארויסגעווארפן געווארן פון געוויסע שפיטעלער און פוילישע דאקטוירים האבן זיך אפגעזאגט צו געבן הילף אידישע פארוואונדעטע. פאליאקן האבן ניט געענטפערט אויף „גוט מארגן״ פון זייערע אידישע פריינט און באקאנטע — מיט וועלכע זיי האבן מיטגעארבעט לאנגע יארן. אנגעשטעלטע פון אידישער אפשטאמונג זיינען אפגעזאגט געווארן פון זייערע שטעלעס, דורך זייערע ארבייטס־קאלעגן — נאך איידער די דייטשן זיינען אנגעקומען אהין.

ווי געזאגט, האט דאס רויבן פון אידיש גוטס שטענדיק געלאקט די פאליאקן וועלכע זיינען דערצויגן געווארן צו דעם דורך אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע אין פארלויף פון דורות, די אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע פלעגט דערציילן וועגן דעם לעגענדארן רייכטום פון די אידן. זיי האבן געזען אין דעם אידישן סוחר, וועלכער האט ביטער געקעמפט פאר זיין קיום און האט מיט אן א שיעור קאמבינאציעס זיך באמיט צו האלטן זיך אויף די פיס — דעם סימבאל פון רייכטום. פאר און אין דער צייט פון דער פוילישער אומאפהענגיקייט, פלעגן פאליאקן בארויבן זייער אפט, אידישע ארימעלייט, גלויבענדיק אז זיי טראגן מיט זיך אוצרות געלט.

דאס דערשיינען פון די נאציס, האט אריינגעגעבן אין הארצן פון דעם פוילישן פעבל און פון אנדערע טיילן פון פאלק — די האפענונג, אז מיט דער הילף פון די נאציס וועט זיך זיי איינגעבן צו ירשענען דאס רייכטום און די פאזיציעס פון די אידן. און דעריבער האבן זיי מיט באהאלטענער אדער אפענער פרייד אויפגענומען די נאצישע אקופאנטן. גרייט צו יעדער צוזאמענארבייט מיט די אקופאנטן.

און דער אומגליקליכער פוילישער איד, וועלכער איז געשטעלט געווארן אויסערן געזעץ דורך דער באנדע געוויסנלאזע, בלוטדורשטיקע אקופאנטן, דער פוילישער איד, וועלכער איז שוין אין די ערשטע טעג פון דער קאטאסטראפע געבליבן איינזאם און פארלאזן, הילפלאז אונטערן מבול פון גזירות און אונטערדריקונגען, בלוט־פארגיסונג און גרויזאמער פייניקונג — האט דערפילט, זייענדיק געבונדן און פול מיט וואונדן — אז ער איז באלאגערט ארום און ארום, אז די ערד ברענט אונטער אים. און ניט נאר די נאצישע מערדער ווילן אים אויסראטן, נאר אלע פעלקער פון פוילן שלעפן זיך נאך, נאך זיי. עס האט זיך פלוצלונג ארויסגעוויזן, אז די נאציס האבן איינגענומען ניט נאר די פוילישע ערד, נאר אויך די פארשטיינערטע הארץ פון די פאליאקן. נאר געציילטע טעג זיינען פארביי, זינט דער האקענקרייץ האט באוועלטיקט פוילן, און דא און דארט האט מען געקענט הערן א פאלקס־ליד וועלכע איז פארוואנדלט געווארן אין א שלאגער, דאס ליד האט געזונגען:

שמיגלי רידז דער מארשאל
האט אונז גארניט געלערנט קיינמאל
און ווי היטלער דער גאלד איז געקומען
האבן מיר זיך ארבייטן לערנען גענומען...



מגרשים זקן ונער ומתעללים אפילו בילדים. בתמונה: מגורשים ליד לודז
די מערדער טרייבען יונג און אלט. שלאגן מערדערליך אפילו קינדער
אויף דער בילד: פליטים, ארויסגעטריבען פון לאדזער געגענד

ארומגערינגלט פון אלע זייטן

ביי הונדערט טויזנט אידן א טאג, זיינען אריינגעפאלן אין די הענט פון די, צו מזרח יאגענדיקע, קאלגאסן. זיי האבן געיאגט פאראויס און לויפענדיק האבן זיי אויסגעזען ווי יענע רויב־חיה וועלכע ווערט פארשכורט איינגאנצן זעענדיק פריש בלוט. און אויב צום אנהויב האבן זיי זיך באנוגענט מיט דערנידערענדיקע פייניקונג פון זייערע קרבנות, אדער איינצלנע מארדן, שיסענדיק יעדן צענטן אידן, איז אין די לעצטע טעג פון דער אקופאציע זיינען זיי פארוואנדלט געווארן אין גרויזאמע, בלוט־דורשטיקע מערדער. האבן געהרגעט אלט און יונג, פרויען און קינדער אין די הונדערטער. זיי האבן פשוט זיך ניט געקענט אנזעטיקן מיט בלוט און מארד.

אין סאמע הארץ פון פוילן האבן זיך צוזאמענגעטראפן די מיליטערישע קאלאנען פון די נאציס מיט די מיליטערישע קאלאנען פון דער רויטער ארמיי וועלכע זיינען געקומען זיי אנטקעגן. די הארמאטן זיינען פארשטומט געווארן און די מאשינען געווער האבן אויפגעהערט צו קלאפן. אבער די ווילדע מערדער האבן ניט געוואלט אפלאזן זייערע מארד געווער און האבן ווייטער געשאסן אויף אומגליקליכע אידן, אומבאשרייבליך זיינען געווען דיליידן פון די אידישע ישובים אויף דער לענג פון גרענעץ מיט רוסלאנד.

אין אנדערע קהלות זיינען די אידן פארוואנדלט געווארן אין שפילצייג ביי די רשעים און א סאך פון זיי האט מען מיט געוואלד געטריבן צו דער סאוויעטישער גרענעץ, שיסענדיק אויף זיי און איבערלאזענדיק הינטער זיך פיל טויטע אויפן וועג. קיין פארוואונדעטע האבן די דייטשן ניט געקענט ליידן און זיי האבן זיי באלד ליקווידירט.

א סאך אידן זיינען געלאפן וואו די אויגן האבן זיי געטראגן. אנדערע זיינען געלאפן קיין מזרח בארוועס און נאקעט, הפקר פאר די אונאויפהערליכע פייניקונגען פון די נאצישע פאטרולן. אבער נאר א אומבאדייטענדער טייל פון די אידן פון מערב־פוילן האבן געקענט אנטלויפן אדער זיך באוועגן, פאר ס׳רוב פון זיי זיינען פארשפארט געווארן אלע טויערן, זיי זיינען גלייך אריינגעשליידערט געווארן אינ׳ם



מאלצים לכרות קברים אחרי התעללות בקרבנות. בתמונה: לפני ההוצאה להורג, ליד קבר אחים / מ׳צוויינגט די קרבנות צו גראבן קברים פאר זיך. אויף דער בילד: א אידישער קרבן ביי זיין קבר

הקתולית עמדה פסיבית ביותר, לא נקפה אצבע כדי לעזור ליהודים, לגנות את שפיכות־הדמים ומעשי־השוד וההרס. לעתים אף הצדיקו אנשי־הכמורה את מעשי־הטירור והרצח של הנאצים נגד היהודים וסיפרו בגלוי בשבחם של הנאצים ומעשיהם בשטח זה.

הכנסיה, על כל דרגיה, הזדהתה עם הקו הזה. החל מהקארדינלים הפולניים וכלה בכמרים כפריים. ברור שהיו גם מקרים יוצאים מהכלל, של בודדים, אבל אלה לא נהנו מתמיכת חבריהם, וחלק מהם אפילו גונו על עמדתם יוצאת־הדופן. רובם אף הפיצו סיפורי־בדים על בגידת היהודים בצבא הפולני הלוחם, על שיתוף־פעולה יהודי עם הסובייטים באיזורים המזרחיים של פולין.

כי עליך הורגנו

יהדות־פולין נפלה שדודה בידי האויב. גולה זו על כל זרמיה ושדרותיה, מעמדותיה וגווניה, היתה למרמס. אבל היהודים החרדיים היו הקרבנות הראשונים של התעללות הישירה של הנאצים, לאחר שפך־הדם של המלחמה האומללה. היהודים החרדיים סבלו ראשונים מהסאדיזם הנאצי האיום.

היהודי החרדי בפולין שמר על לבושו המסורתי ועל חזותו המקורית. בקלות אפשר היה לזהות ולהכיר, אף

ממרחקים, את היהודי החרדי, עטור הזקן והפיאות עם תלבושתו המיוחדת. בפולניה הקונגרסאית, בפולסיה וליטה — עם המצנפת העגולה והמעיל הארוך, ובגליציה — בתלבושת הרבנית המיוחדת.

רבות סבל היהודי החרדי בפולין מנאמנותו למקוריותו ועוז־רצונו לשמור בכל מחיר על ייחודו ועל התבדלותו מהסביבה הנכרית העויינת. בגלל זה נפל לא פעם קרבן לתעלולים אנטישמיים, למטרה לקליעת אבנים מצד צוררי ישראל. הדבר מנע ממנו מלהופיע בין פולנים מבלי לעורר תשומת־לב מיוחדת, אבל עז היה רצונו של היהודי הנאמן הזה לשמור על הצורה החיצונית כמו על המהות הפנימית, כדי להיבדל מן הפולני ולא לבוא בקשרים הדוקים למדי עמו.

הרוצחים הנאציים חייבו את היהודים לענוד סימני־הכר מיוחדים, מתוך שאיפה שזהותם תהיה בולטת באופן שאף יהודי לא יוכל להימלט משבטם המר ומחימתם השפוכה. מאוחר יותר הם הנהיגו את הטלאי הצהוב לגבי כל היהודים שהתגוררו בשטחים המסופחים לרייך השלישי הגרמני, ואת סרטי־השרוול עם המגן־דוד ליהודים בשטח הַגנרל־גוברנמנט הפולני. הנאצים שאפו לבודד את היהודים, דאגו לסימני־הכר מיוחדים ליהודים, וכאלה אשר ישפילו את הקרבנות, כאלה אשר ייקבעו ע״י הרוצחים ולא — הלבוש המסורתי המקורי שיהודי פולין שמרו עליו מרצונם הטוב ומתוך הכרתם הפנימית.

היהודי החרדי, עם זקנו, פיאותיו ולבושו המסורתי, נפל כמציאה ליצר התעללות של הקלגסים הרצחניים עם חדירתם לפולין. בחמת־זעם התנפלו הללו על היהודים החרדיים, גזזו את זקניהם ופיאותיהם בפראות, לפעמים תלשו את בְשרם יחד עם זקניהם ולפעמים פשוט מרטו את השערות. לא הבדילו הרוצחים בין זקנים לצעירים, בין בעלי־שיבה ובני־תשחורת. היה זה חזון נפוץ למדי לראות יהודים כשחצי זקנם גזוז ופניהם מושחרים. החיילים הקרביים הגרמניים הצטיינו בשטח זה, ובחלקם הגדול הפכו את ההתעללות הזאת למשחק ספורטיבי, מלווה תרועות־גיל.

הרוצחים הסירו מעל לראשי היהודים החרדים המעונים את הכובעים המסורתיים ועשו מהם כדורים. גם משחק זה היה מלווה מכות ועינויים סאדיסטיים לא מעטים. בלית־ברירה שינו מרבית החרדים את לבושם, בחלקם הגדול חבשו כובעים ספורטיביים הדומים לכובעים המסורתיים או כובעי קסקט. היה זה חזון תדיר לראות יהודים חרדיים ותחבושת על פניהם, אשר באה להסתיר את זקנם מעיני הרוצחים הנאציים. הישוב היהודי העתיק, שומר המסורת, שמסר את נפשו למען היהדות הצרופה קיבל לפתע גוון חדש, עוד בטרם התבססו שלטונות הרצח בפולין ועוד בטרם פרשו הכובשים האכזריים את רשתם הסדירה על־פני פולין המדוכאת והטובלת בדמה.

מר היה גורלם של היהודים החרדיים שברחו מבתיהם לשמע הפלישה הגרמנית והקלגסים הנאציים הדביקו אותם בדרכים ובכבישים. אלה שהאירו בבתיהם את כל רכושם ונמלטו רק עם טלית־ותפלין מתחת לבית־שחיים. הקלגסים קפצו מהטנקים או מהמכוניות המשוריינות על היהודים האומללים הללו, התנפלו עליהם והתעללו בחרדים בצורה

אפגרונט פון ווייטאק און ליידן אן וועלכער עס איז מעגליכקייט זיך ארויסצודרייען פון דעם.

צווישן אכציק און הונדערט טויזנט אידן זיינען אנטלאפן געווארן פון די, דורך די דייטשן אקופירטע געגנטן — אין די רוסישע אקופירטע געגנטן. אבער ניט אלעמען האט זיך איינגעגעבן צו דערגרייכן זייער ציל. די רוסישע פאטרולן האבן שטרענג באוואכט און געזוכט די אנטלויפענדיקע, און די וועלכע זיי האבן געכאפט, זיינען מיט גוואלד צוריקגעשיקט געווארן אין נאצישן גיהינום. די רוסן האבן ניט געדארפט האבן מערער אידן. דער סאוויעטישער אקופאציע רעזשים האט זיך באצויגן הארט צו די אומגליקליכע וואנדערער.

די טעג פון רוסיש־דייטשער צוזאמענארבעט זיינען דאן געווען אין זייער סאמע בליהונג. אין בריסק איז איינגעארדענט געווארן א שותפות׳ע פייערליכע דעפילאדע. ביי פשעמישל האבן נאצישע און קאמוניסטישע אפיצערן זיך געלאזט וואילגיין צוזאמען אויף א פייערליכקייט וואס איז איינגעארדנט געווארן לכבוד די דערגרייכונגען פון ביידע זייטן. פוילישע איינהייטן וועלכע האבן דא און דארט ניט געוואלט זיך אונטערגעבן, זיינען פארפלייצט געווארן מיט סאוויעטישן און נאצישן פייער. א פוילישע גרופע אין נאוואהוטא, די פוילישע אינדוסטריע שטאט אויפן נייעם דייטשרוסישן גרענעץ — האט באשלאסן זיך ניט אונטערצוגעבן און באגעגענען מיט פייער יעדן אנגרייפער. מיט דער א גרופע, וועלכע האט זיך באפעסטיקט אויף א בארג הינטערן שטאט, האבן זיך פארנומען די דייטשן און די רוסן צוזאמען, דייטשע און רוסישע קוילן האבן זיך צוזאמענגעמישט און מען האט ניט געקענט וויסן ווער קעמפט פאר וועמען, צו דער נאצישער זעלנער פאר די רוסישע אקופאציע אדער דער קאמוניסטישער זעלנער פאר די דייטשע אקופאנטן. און דאס אלץ איז, פארשטייט זיך, געטאן געווארן, פארן שלום און גערעכטיקייט, פאר דער באפרייאונג פון די ליידענעדע פעלקער פון פוילן און פאר זייער צוקונפט און וואילזיין . . .

און אויב די נאצישע מערדער האבן געטריבן אידן צום רוסישן גרענעץ, אכטונג געבענדיק אז זיי זאלן ניט אריינפאלן צו די סאוויעטישע זעלנער וואס האבן געהיט דעם גרענעץ, האבן אבער די סאוויעטישע זעלנער זיך באמיט, מערסטנטייל, איבערגעבן די געכאפטע אידן, אין די הענט פון די נאצישע פאטרולן אויף די גרענעצן. דארט זיינען די אומגליקליכע געווארן מורא׳דיק פארפייניקט און א טייל פון זיי זיינען געשטארבן אונטער די הענט פון זייערע פייניקער.

די הארטקייט פון די סאוויעטישע זעלנער איז כלל ניט געווען קיין צופעליקע. די סאוויעטישע פרעסע, וועלכע האט איבערגעגעבן באגייסטערטע שילדערונגען איבער די נאצישע נצחונות און העלדישקייטן, האבן, דרך־אגב אויך געוואוסט צו דערציילן, אז די אידן האבן ניט געקעמפט געגן די נאצישע אקופאנטן און זיינען מערסטנטייל אנטלאפן פון פראנט. דאס איז געווען א שפראך־צוגאב מצד די רוסן צום דייטשן אנטיסעמיטיזם. דער פאקט וואס דער דאמאלסדיקער סאוויעטישער פרעמיער, וויעציסלאוו מאלאטאוו, האט אין יענע טעג אויסגערופן אויף א זיצונג פון העכסטן סאוויעט, אז




יהודים מוונגרוב מובלים להריגה
אידן פון ווונגראוו, געפירט צום טויטן

אויך קיין ביאלא־פאדלאסק זיינען געבראכט געווארן הונדערטער אומגליקליכע געפאנגענע, אידישע סאלדאטן פון פוילישן מיליטער. זיי זיינען אנגעקומען אין א שוידערליכן מצב, פארוואונדעט, הויט און ביינער, אפגעריסן און אפגעשליסן. מאנכע פון זיי זיינען אפילו געווען שווער־פארוואונדעט. זיי זיינען געקומען צופוס נאכדעם ווי זיי האבן געמוזט גיין א לאנגע וועג שלעפענדיק זיך און א טייל פון זיי זיינען געווען בארוועס. די וואס זיינען אפגעשטאנען און ניט געקענט נאכיאגן דעם שנעלן טעמפא פון מארש, זיינען דערשאסן געווארן דורך די ס.ס. לייט וועלכע האבן זיי באגלייט אויף אויטאס מיט מאשינען־געווער. די וועג פון פארצאווע קיין ביאלע איז געווען פארזייט מיט אידישע הרוגים, געפאנגענע וועלכע זיינען דערשאסן געווארן אין זייער געלאף מיטן טויט.

די ווינציקע וואס זיינען געבליבן לעבן זיינען אריינגענומען געווארן אין א ארבעטס־לאגער אין ביאלא־פאדלאסק און זיי האבן אויך ניט געקענט לאנג אויסהאלטן. די טויטע אויף די וועגן זיינען צונויפגעזאמלט געווארן דורך די אידן פונ׳ם געגנט און געבראכט געווארן צו קבר ישראל. זייער צאל איז דערגאנגען ביז 300. אזוי איז געווען דער גורל פון עטליכע הונדערט אידישע געפאנגענע וועלכע זיינען געבראכט געווארן אין לעגיאנאווא (יאבלאננע) בייווארשע און פון נאך עטליכע הונדערט וועלכע זיינען געבראכט געווארן קיין פשעמישל. נאר א קליינער פראצענט פון די 5000 אידישע געפאנגענע וואס זיינען אריינגעפאלן אין די הענט פון די נאצישע מערדער — זיינען געבליבן לעבן.

אין בלוטיקן געראנגל

די מיליאנען אידן פון פוילן, וועלכע זיינען געפירט געווארן צו דער גאלגאטא איבער דעם שטעג פון יסורים און ווייטאק, האבן אין זייער הינטער־באוואוסטזיין קלאר געוואוסט, שטייענדיק אויפן שוועל פון דער בלוטיקער תקופה, אז זיי זיינען פאראורטיילט געווארן צום טויט, די האַרץ האט עס זיי געזאגט. קינד און קייט אלט און יונג האבן געוואוסט אז עס איז ניטא וואו צו אנטרינען פון דער שרעקליכער קללה, און אז דאס איז דער ווילן פון דער השגחה. און עס האט ארומגענומען אלעמען יאוש און אפאטיע, דער גרעסטער, ברויזענדיקסטער אידישער קבוץ, וואס פון זינט ער האט זיך אויסגעפארעמט, איז ער געווען אונערמידליך און פול מיט איניציאטיוו — האט אפגעלאזן די הענט.



מסתיר זקנו מהרוצחים
א איד בעהאלט זיין בארד פאר די רוצחים

די טראגישע, גרויזאמע געשעענישן, האבן ניט ליקווידירט די טאג־טעגליכע קליינע פראגן. דער הונגער איז געגאנגען טריט ביי טריט מיט די ציווילע אקופאנטן און האט שוין מער ניט אפגעלאזט דאס אומגליקליכע אידענטום ביז איר לעצטן טאג. דאס פוילישע אידענטום איז, מערסטנטייל, געווען זייער ארים אפילו פאר דער גרויזאמער אינוואזיע, דאס רוב פון די אידן האט מיט שוועריקייטן דורכגעשלאגן זייער פרנסה אין שווערער ביטערער ארבעט, לעבנדיק פון טאג אדער מאנאט־לוין. נאר פארהעלטניסמעסיק ווייניק אידן זיינען געווען פארצעגליכע, אזוי אז זיי האבן געהאט די מעגליכקייט אפצושפארן געלט אויף די שווערע צייטן.

מיט דער נאצישער אקופאציע זיינען די פרנסה קוועלן פון די מאסן. און הונדערטער טויזנטער משפחות זיינען באלד געבליבן ממש אן א שטיקל ברויט. אין אלע ווינקלען פון די אידישע קווארטאלן האט מען געזען הונגעריקע קינדער, צו די פייניקונגען און צרות, הריגות און בלוט־פארגיסונגען, האט נאך דער הונגער צוגעדריקט דער אידישער באפעלקערונג. אידישע ארבייטער וואס זיינען ארויסגעגאנגען צו דער ארבעט, זיינען געכאפט געווארן דורך די מערדער־אקופאנטן אויף צוואנגס־ארבעט און מארטירערטום און זיינען פארנאכט צוריקגעקומען צושלאגן און פארוואונדעט, אויסגעקוועטשט ביזן מארך פון די ביינער און אויסגעהונגערט ווי פריער. פארשטייט מען אז זיי זיינען געקומען צו זייערע משפחות מיט ליידיקע הענט.

די סאציאלע און הילפס ארגאניזאציעס פון דער אידישער קהלה האבן אפגעשטעלט זייערע טעטיקייט, די ארבעט פון דזשאינט און אייגענע הילפס־ארבעט, האט זיך אנגעהויבן ערשט אין עטליכע וואכן ארום, און אין צווישענצייט האבן א סאך געליטן הונגער און דא און דארט האט מען געטראפן די ערשטע קרבנות פון הונגער.

די פוילישע באפעלקערונג האט אנגענומען א עכטע אנטיסימיטישע שטעלונג וועלכע איז געווארן שארפער פון טאג צו טאג. עטליכע שטאט־פארוואלטונגען האבן אנגעהויבן פונאנדערטיילן עסענווארג פאר דער באפעלקערונג, לאנגע רייען זיינען געשטאנען ביי די פארטיילונגס־פלעצער און פוילישע לאבוזן צוזאמען מיט דייטשע סאלדאטן האבן דורכגעגנישטערט יעדן ארט, כדי עס זאל חלילה זיך ניט אריינגנבענען א אידישער ארימאן אין דער דאזיקער ריי.

דער אידישער האנדל, האנדווערק און אינדוסטריע, האבן אָפּגעשטעלט זייער טעטיקייט מיטן מאמענט ווען די נאציס זיינען אריינגעדרונגען אין פוילן. די ווייניקע אידישע אנגעשטעלטע אין האלב־אפיציעלע אמטן, זיינען אוועקגעשיקט געווארן א היים. די אלגעמיינע שפיטעלער האבן אויפגעהערט צו געבן מעדעצינישע הילף די אידישע קראנקע, מאנכע פוילישע אפטייקן האבן אויפגעהערט צו פארקויפן מעדי־



מגרשים את יהודי ביאלה פודלסק באכזריות ובקשיחות
מ׳טרייבט ארויס די אידן פון ביאלה פודלאסק, ביאלה ווערט ״אידן ריין״

בדם ובדמע, טרם נפרסה לכל עומקה וגדלותה, יתכן ואנו שוב לא נהיה מסוגלים לעשות זאת, אותם העדים המעטים אשר נשארו לפליטה שוב אינם מסוגלים לתת בטוי נאמן לפרשת הגבורה, אבל, חובה עלינו לעשות את המאמץ הזה·

נסתרות דרכי ההשגחה העליונה, ואין לנו כל מושג במובנה של העקידה הגדולה כשם שאין בפינו לענות מדוע הועלו על המוקד בחירי עם ישראל, אבל ברור לנו כי התשובה האמיתית למכלול השאלות הללו ספונה בסוד העקידה הגדולה· בסוד גלוי הגבורה היהודית האמיתית שנחשפה בעת השואה האיומה·

יהדות פולין ברובה הגדול היתה נאמנה בחייה לערכי הנצח של עם ישראל ולתורת ישראל, לא היה כמוה ישוב יהודי אשר שמר במסירות נפש ותוך הקרבה עילאית על מצוות התורה לכל פרטיהם, בהיותה מוכנה ומזומנה לכל קרבן ולכל סבל למען הדת· יהדות זו שמרה אמונים לתורת ישראל ולערכי הנצח שלה גם בנתיב היסורים לעקידה הגדולה, בתאי הגאזים ועל הגרדומים· יהדות זו לא נטשה את נצח ישראל במצבים הקשים ביותר· היא הועמדה בנסיון ויצאה ממנו עטורת הוד של גבורה·




ספר תורה שחוללה

א פערשוועכטע ספר תורה

קאמענטן צו אידן. די שרעקליכע טויט־פעטליע אויפן האלדז פון צום־טויט פאראורטיילטן אידישן ישוב אין פוילן — האט זיך פארצויגן אלץ מער און מער.

דאס אומאפהענגיקע פוילן איז ענטגילטיק געפאלן. די מערדערישע הארדן האבן ענטגילטיק באהערשט מערב און צענטראל פוילן. 411 איינגעארדענטע אידישע קהלות און הונדערטער קלענערע אידישע ישובים — זיינען אויסגעליפערט געווארן אין די לאפעס פון די נאצישע רויב־חיות. באלד צוויי מיליאן אידן זיינען אריינגעפאלן אין געפאנגענשאפט פון דעם גרויזאמען פיינט.

ווי אזוי זיינען די הונדערטער אידישע קהלות אריינגעפאלן אין די הענט פון די בארבארן — אין קומענדיקן קאפיטל.



קהילות ישראל בידי מרצחים

●

אידישע קהלות אין רוצחים הענט


פרק רביעי

על פני מאות ערים ואלפי עיירות וכפרים היו פזורים ישובי היהודים בפולין, שהשתרעו בכל 16 מחוזותיה של מדינה זו· החל בקהלת ווארשה, בת מאות אלפים וכלה בכפר נידח ובו כמה משפחות בודדות תוססו חיים יהודיים מסורתיים ויפים, חיי סבל והוד, חיי רוח ונפש· דפי זהב רשמו קהלות היהודים בפולין בתולדות ישראל באלף שנות קיומן· מסורת יהודית רבת הוד נוצרה בתקופה הארוכה הזאת אשר הגיעה לקצה עם פרוץ השואה האיומה· קהלות אשר הפכו למושגים בתודעה היהודית, קהלות אשר הטילו חותם בל ימחה על עם ישראל· איך נכבשו קהלות ישראל בפולין, איך נפלו טרף בידי הרוצחים האכזריים ואיך הוכנסו למערת הדמים האיומה שהובילה לעקידה הגדולה — על זה יסופר בפרק אשר לפנינו "קהלות ישראל בידי מרצחים"·

★

קאפיטל 4

צושפרייט איבער הונדערטער שטעט און טויזענטער שטעטלאך אדער דערפלאך איז געווען דער אידישער ישוב אין פוילין· אין אלע 16 קרייזען פון דער מדינה, אין אלע ווייטסטע ערטער האט זיך געוועבט א הייס, טריי אידיש לעבען, פון דער גרויסער קהלה ווארשא מיט אירע הונדערטער טויזענטער איינוואונער ביז צום קלענסטען דארף, וואו עס האבען געלעבט געציילטע אידישע משפחות, האבן די אידישע קהלות זיך אויסגעצייכענט מיט זייער טעטיקייט· געוועבט דעם הייליקען פאדעם פון תורה און אמונה· עס זענען געווען קהלות וועלכע זענען פערוואנדעלט געווארען אלעס סימבאלען פון הייליקייט· ווי אזוי זענען די אידישע קהלות אין פוילין געפאלען אין די דייטשע הענט, אריין אזוי אין די בלוטיקע טעג וועלכע האבן געפירט צום גרויסען חורבן· אט וועגען דעם ווערט דערציילט אין דעם פרק "אידישע קהלות אין רוצחים הענט"·



השמש היהודי בעיירה פולנית קורא לתפלה
דער שמש פון שטעטיל רופט אין שוהל אריין

מגורי היהודים בפולין

עד 30000 ישובים היו פזורים בפולין העצמאית, החל מאחוזות נידחות ומקומות ישוב של מספר בתים בודדים אשר לכלל כפר לא הגיעו וכלה בכרכים גדולים. יהודים גרו במחצית הישובים הפולניים, בכל פינה ומקום בפולין, במזרח ובמרכז המדינה בהמונים צפופים ואילו במערב, ליד גבולותיה של גרמניה היה מספר התושבים היהודים קטן יחסית. ההלך, שעבר את פולין לארכה או לרחבה מצא יהודים על כל צעד ושעל.

למעלה מ־10 אחוז מהאוכלוסיה הכללית של פולין היו יהודים, המיעוט הלאומי השני אחרי האוקראינים, שעלו מעט במספרם על היהודים, והתרכזו רובם ככולם באיזורים הדרום־מזרחיים של המדינה. יהודי פולין התבלטו יותר מכל המיעוטים הלאומיים גם יחד, אם בגלל לבושם המסורתי המיוחד ואם בגלל אורח חייהם הנבדל. הגיטאות ותחומי הגמורים הרשמיים ליהודים נעלמו להלכה ולמעשה שנים הרבה בטרם הוקמה מדינת פולין העצמאית ובכל זאת, גרו מרבית יהודי פולין בתחומי מושב מיוחדים וניהלו אורח חיים יהודי מסורתי, נבדל לחלוטין מהרחוב הפולני ומכל השפעה פולנית.

למעלה ממיליון ו־400000 יהודים גרו בערים הגדולות, 900000 יהודים בעיירות קטנות ואילו למעלה מ־700000 יהודים בכפרים ובישובים זעירים. ואם בכפר הפולני הגיע מספר היהודים עד 3 אחוז מכלל התושבים, בערים הגדולות עד 30 אחוז, הגיע מספר היהודים בעיירות הקטנות לאחוז גדול יותר למרות העובדא שמאות עיירות קטנות נחשבו רשמית באורח אדמיניסטראטיבי לכפרים.

יהודי פולין היו פזורים על פני קרוב ל־15 אלף ישובים ברחבי המדינה, כולל כפרים ואחוזות שם גרו משפחות יהודיות בודדות או משפחה אחת, אולם באורח רשמי השתייכו לקרוב לשבע מאות הקהלות המוכרות במדינה. עיירות ותיקות וקהלות פעילות ביותר נחשבו רשמית לישובים מסופחים לקהלות יותר גדולות. שלטונות פולין העצמאית כמו אלה אשר קדמו להן לא היו מעוניינות ברבוי מספר הקהלות היהודיות. אנשי השלטון לא התחשבו מעולם בעובדא שהציבור היהודי בעיירה מסוימת ניהל פעולות ציבוריות תקינות, החזיק על חשבונו רב ושוחט, הקים בית כנסת או בית מדרש וניהל בית קברות והחזיק מוסדות חנוך משלו, כדי להכיר רשמית את הציבור הזה כקהלה בפני עצמה. המדיניות המוצהרת, הרשמית והלא־רשמית של שלטונות פולין היתה, למעט עד כמה שאפשר את מספר הקהלות המוכרות.

ואם בערים הגדולות התבלטו היהודים באורח חייהם ותלבושתם המיוחדת, והטביעו את חותמם רק על האיזורים בהם גרו בצפיפות, אם בכפרים הפולניים, אשר מספר תושביהם הגיע עד 22 מיליון נפש לא התבלטו ביותר היהודים המעטים יחסית, הטילו יהודי פולין את חותמם המיוחד על העיירה הפולנית, יהדות פולין הקונגרסאית על העיירה בפולין הקונגרסאית, יהדות מערב גאליציה על העיירה בגאליציה המערבית ויהדות ליטא או וואהלין, מזרח גאליציה או פולסיה על העיירות במחוזות הללו.

בעיירות הרבה היה אחוז היהודים גבוה ביותר, ועיירות לא מעטות היו יהודיות טהורות, כשהפולנים או האוקראינים מהוים מיעוט קטן במקום, לבשה אפוא העיירה הפולנית צביון יהודי מיוחד במינו, שנתגבש במשך מאות שנים. בעוד והכפר חי על החקלאות לכל ענפיה ינקה העיירה את מחייתה מהרוכלות והמלאכה, בהן עסקו להלכה ולמעשה היהודים.

מאז הוקמה מדינת פולין העצמאית עודדו שלטונות פולין את ההגירה מהכפר אל העיר וזאת, אם בגלל העודף הבולט בחקלאים ובתוצרת חקלאית ואם תוך שאיפה לא נסתרת להלאים את ערי פולין ולדחוק את רגלי היהודי מהמסחר והתעשיה במדינה. תנועה זו הוכתרה בהצלחה בולטת בגלל תנאי החיים הקיים בכפר הפולני ומלחמת הקיום בין האיכרים או בגלל רמת החיים הנמוכה יחסית של האיכר הפולני לעומת תושבי הערים. נדידה זו של האוכלוסיה הפולנית הביא בעקבותיו לירידה ניכרת של אחוז היהודים בערי פולין ביחס לכלל התושבים וכן לנישול פרנסותיהם של רבבות יהודים. בעקבות תנועה זו, האנטישמית מיסודה הלך וקם מעמד חדש של סוחרים פולניים אשר התחרו בהצלחה על הסוחר היהודי וזאת, לא בגלל החוש המסחרי של הפולנים או כשרון הסחר אלא בעטיה של מדיניות ההפליה של השלטונות נגד היהודים ופעולות חרם נגד המסחר והתעשיה של היהודים.

במרוצת השנים קמה גם תנועה קאופרטיבית פולנית, אשר מטרתה המוצהרת והמעשית היתה לחסל את מעמדו של הרוכל היהודי והסוחר היהודי הזעיר. העיירה היהודית נושלה חלקית מאחת המקורות העקריים לפרנסתה, הדבר גרם לנדידה מוגברת של יהודי העיירה לערים הגדולות תוך מאמץ מוגבר למצוא מקורות פרנסה מינימאליים הכרחיים, מבלי לדבר כבר על ההגירה המוגברת למדינות אחרות והעליה לארץ ישראל.

אולם, גם הנדידה המוגברת של יהודי העיירות והכפרים לערים הגדולות, שגרמה לירידת מספר היהודים בעיירות לא הביאה להגדלת אחוזי היהודים בערים הגדולות אם כי באורח אבסולוטי גדל מספר היהודים בקהלות הגדולות. הנדידה היהודית לא הדביקה את הנהירה הפולנית מהעיר לכפר, וזאת גם בשנים האחרונות לפני פרוץ השואה, עת גברה נדידת היהודים לערים הגדולות בגלל אוירת המשטמה והפרעות של הפולנים נגד היהודים בישובים הקטנים. פרעות פרצו מזמן לזמן נגד היהודים באיזורים שונים בפולין. בכפרים רבים ובעיירות מספר פחדו היהודים לצאת את פתח ביתם לפנות ערב והרבו להסתגר מאחורי מנעול ובריח, רבים ברחו לערים הגדולות, לאיזורים מאוכלסים המוני יהודים בצפיפות, ויתרו על פרנסתם ועל בתיהם בסרבם להמשיך ולחיות בפחד מתמיד.

דער אידישער ישוב אין פוילן

ביי 3000 אידישע ישובים זיינען געווען צושפרייט איבער דאס זעלבסטשטענדיקע פוילן· אנהויבענדיק פון פארווארפענע הויפן אדער ישובים פון געציילטע הייזער וואס זיינען נאך אפילו קיין דערפער ניט געווען — ביז די גרויסע שטעט· אין העלפט פון אזוינע ישובים, אין אלע ווינקלען פון מזרח און צענטראל־פוילן, האבן די אידן געלעבט אין קאמפאקטע מאסן· אבער אין מערב־פוילן, ביי דער דייטשער גרענעץ, איז די צאל פון די אידישע איינוואוינער געווען פארהעלטניסמעסיק קלענער· דער וואס האט געשפרייזט איבער דער לענג און ברייט פון פוילן, האט אנגעטראפן אידן אויף יעדן שריט און טריט·

די אידן אין פוילן זיינען געווען מער ווי צען פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג און זיינען געשטאנען אויפן צווייטן פלאץ נאך די אוקראינער וועלכע האבן זיך קאנצענטרירט בעיקר אין די דרום־מזרח׳דיקע געביטן פון לאנד· אבער דעם פוילישן אידן האט מען מער אנגעזען ווי אלע אנדערע מינדערהייטן צוזאמענגענומען, צוליב זייער ספעציפישער קליידונג און אפגעזונדערטן לעבנס־ארט· פאקטיש, זיינען די געטאס און אפיציעלע אידישע קווארטאלן שוין פארשוואונדן געווארן לאנגע יארן איידער פוילן איז געווארן אומאפהענגיק, פונדעסטוועגן האבן מערסטנטייל פון די אידן אין פוילן געוואוינט אין אפגעזונדערטע אידישע קווארטאלן און געפירט א אידיש־רעליגיעזן לעבנס־שטייגער, גאנץ אפגעזונדערט פון דער פוילישער גאס און אפגעשניטן פון וועלכער עס איז פוילישער השפעה·

מער ווי א מיליאן און פירהונדערט טויזנט אידן האבן געוואוינט אין די גרויסע שטעט, 900·000 — אין קליינע שטעטלעך און העכער 700·000 האבן געוואוינט אין דערפער און קלענערע ישובים· און אויב אין פוילישן דארף, האבן די אידן געציילט 3% פון די איינוואוינער און אין די גרויסע שטעט האט זייער צאל דערגרייכט ביז 30%, איז דער פראצענט פון די אידן אין די שטעטלעך געווען פיל גרעסער, חאטש פון אדמיניסטראטיוון שטאנדפונקט זיינען הונדערטער אזוינע שטעטלעך פאררעכנט געווארן אפיציעל פאר דערפער·

די אידן אין פוילן זיינען צושפרייט געווען איבער קרוב צו 15·000 ישובים, איינגערעכנט דערפער און הויפן וואו עס האבן געוואוינט נאר איינצלנע משפחות אדער אפילו נאר אייגאונאיינציקע משפחה· אבער אפיציעל האבן די אידן אין פוילן געהערט צו די 700 אנערקענטע קהלות אין פוילן· אלטע און זייער טעטיקע קהלות האבן אפיציעל געהערט צו די גרעסערע קהלות· די רעגירונגס־ארגאנען פון אומאפהענגיקן פוילן, געגוי ווי די רעגירונגען פאר זיי, זיינען ניט געווען פאראינטערעסירט עס זאל זיין פיל אידישע קהלות און האבן זיך קיינמאל ניט גערעכנט מיטן פאקט, אז די אידישע איינוואוינער אין א געוויסער שטעטל, פירן א געארדענטן געזעלשאפטליכן לעבן, האלטן אויס אויף זייער חשבון א רב און א שוחט, האבן אויפגעשטעלט א שול אדער א בית מדרש, האלטן אויס אייגענע שולעס און א




יהודי פולין — ילד דתי / פוילישע אידן· א חדר אינגל·

אייגענעם בית־עלמין· — דאס אלץ האט ניט געהאלפן אז די רעגירונג זאל עס אנערקענען אלס זעלבסטשטענדיקע קהלה· די אפיציעלע און אונאפיציעלע רעגירונגס־ליניע פון פוילן איז געווען — ווי ווייט מעגליך ווייניקער אנערקענטע אידישע קהלות·

אין געגנזאץ צו די גרויסע שטעט — אין וועלכע די אידן האבן בולט געווען מיט זייער איגענארטיקן לעבנס־ארט און אנטועכץ און האבן געלייגט זייער סטעמפל נאר אויף יענע קווארטאלן וואו זיי האבן געלעבט אין קאמפאקטע מאסן — און צו די פוילישע דערפער, אין וועלכע עס האבן געלעבט בערך 22 מיליאן מענשן וואו מען האט די אידן ווייניק ארויסגעזען, צוליב זייער פארהעלטניסמעסיק קליינער צאל — האט דאס פוילישע שטעטל געהאט אינגאנצן א אידישן אויסזען· די אידן פון קאנגרעס פוילן האבן ארויפגעלייגט זייער סטעמפל אויף דער קאנגרעס־פוילישער שטעטל, די אידן פון מערב־גאליציע — אויף די שטעטליך פון מערב־גאליציע און אזוי די אידן פון ליטע און וואלין, מזרח־גאליציע און פאלעסיע — אויף זייערע שטעטלעך·

אין א סאך שטעטלעך איז די צאל פון די אידן געווען א סאך גרעסער ווי פון אנדערע איינוואוינער, און א גרויסער טייל פון זיי זיינען געווען כמעט אינגאנצן אידישע אין וועלכע די פאליאקן און אוקראינער זיינען געווען א קליינע מינדערהייט· די אידישע שטעטל האט, אזוי ארום, באקומען א ספעציפישער אידישער געשטאלטונג, וואס האט זיך אויסגעפארעמט אין פארלויף פון הונדערטער יארן· אנדערע דארפס־מענשן זיינען געווען פויערן און די אידן — קארבעלניקעס און בעלי־מלאכות·

פון זינט עס איז אויפגעקומען דאס אומאפהענגיקע פוילן, האט די רעגירונג געשטיצט דאס אויסוואנדערן פון דארף אין שטאט אריין· אדער צוליבן קענטיקן איבערפלוס פון פויערן און לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטן, אדער צוליבן באהאלטענעם דראנג צו פארפוילישן די שטעט און אזוי ארום ארויסשטויסן דעם אידן פון האנדל און ווירטשאפט· די דאזיקע באוועגונג „פון דארף אין שטאט״ האט זייער מצליח געווען צוליב די שווערע לעבנס־באדינגונגען אין פוילישן דארף און דעם קאמף פאר עקזיסטענץ צווישן די פויערן אדער צוליב דעם פארהעלטניסמעסיק נידעריקן לעבנס־



יהודי פולין — רב (בתמונה: הג״ר צבי יחזקאל מיכלסון, מרבני ווארשה / פוילישע אידן — א רב (אויפ׳ן בילד: הגאון ר׳ צבי יחזקאל מיכלסון, א ווארשווער רב).

יהודים בערים, בעיירות ובכפרים

בשנת 1921 ערכה ממשלת פולין מפקד כללי של האוכלוסין. לפי הנתונים הרשמיים של מפקד זה, גרו בפולין בשנה זו, 3.030.455 יהודים. במפקד שני שנערך בשנת 1931, התברר כי 3.113.933 נפשות מישראל גרו בשנה זו בפולין. בהתאם לעובדה זו יש יסוד להניח כי בפרוץ השואה, בשנת 1939, מנתה האוכלוסיה היהודית בפולין 3.200.000 נפש.

הגידול הטבעי של האוכלוסיה היהודית בפולין היה די ניכר, אולם הוא לא השתקף במספרים כלליים בגלל ההגירה המוגברת של יהודי פולין למדינות שמעבר לים ועליה בלתי־פוסקת לארץ ישראל. ואם בערים הגדולות לא הורגשו ההגירה והעליה באיזורים היהודיים, הרי בעיירות ובישובים הקטנים הורגשה תנועה זו בכל ענפי־החיים.

לפי המפקד הכללי של האוכלוסיה הפולנית בשנת 1931, התחלקו יהודי פולין למקומות מגוריהם, כדלהלן:

בערים שלמעלה מ־20 אלף תושבים — 1.450.223 נפש (26.4 אחוז מכלל התושבים בערים הנ״ל).

בעיירות שלמטה מ־20 אלף תושבים — 929.852 נפש (28.8 אחוז מכלל תושבי העיירות).

בכפרים ובאחוזות המסופחות להם — 733.858 נפש (3.2 אחוז מכלל תושבי הכפרים).

מרבית יהודי פולין גרו במרכז ובמזרח המדינה, אולם ירידת מספר היהודים בערים ובעיירות נוכח התנועה המתמדת של הלא־יהודים מהכפר לעיר, השתקפה בכל איזורי פולין, אם כי התבלטה במיוחד במחוז פוזנה, שם ירד מספר היהודים בערים מ־1.4 אחוז בשנת 1921 עד 0.9 אחוז בשנת 1931, ואין ספק כי ירידה זו נמשכה גם עד לשנת 1939, אם כי אין בידינו מספרים מדוייקים על כך.

לעומת זאת חלה ירידה במספר היהודים בכפרים, רק באיזורים המערביים של פולין, ואילו באיזורים המזרחיים או במרכז פולין, חלה אף עליה מסויימת באחוז היהודים, כפי שמוכיחות הטבלאות הבאות.

אחוז היהודים בערים ובעיירות בפולין ביחס לכלל התושבים

האיזור	בשנת 1921	בשנת 1931
עיר וורשה	33.1	30.1
מחוז ״	34.3	29.7
״ לודז	33.5	31.2
״ קלץ	34.0	30.2
״ לובלין	48.2	43.7
״ ביאליסטוק	48.2	43.7
״ ווילנה	36.3	29.2
״ נובוגרודסק	45.5	42.6
״ בריסק ליטבסק (פולסיה)	56.4	49.2
״ לוצק (וואהלין)	58.6	49.1
״ קראקה	25.1	24.8
״ לבוב	35.8	24.8
״ סטניסלב	37.6	34.8
״ טרנופול	38.3	34.7
״ פוזנה	1.4	0.9
״ טהורן־בידגושטש (פורמן)	1.0	0.9
״ קטוביץ (שלזיה)	4.0	3.9

אחוז היהודים בכפרים בפולין, ביחס לכל התושבים

האיזור	בשנת 1921	בשנת 1931
מחוז וורשה	4.4	4.5
״ לודז	4.9	4.9
״ קלץ	5.2	5.4
״ לובלין	6.1	6.0
״ ביאליסטוק	5.7	5.8
״ ווילנה	3.9	4.0
״ נובוגרודסק	4.4	4.7
״ בריסק ליטבסק (פולסיה)	4.7	4.8
״ לוצק (וואהלין)	4.5	4.7
״ קראקה	2.6	2.8
״ לבוב	2.1	2.4
״ סטניסלב	1.6	1.9
״ טרנופול	1.8	2.1
״ פוזנה	0.5	0.2
״ טהורן־בידגושטש (פומרן)	0.3	0.09
״ קטוביץ (שלזיה)	0.1	0.1

שטאנדארד פון פוילישן פויער אנטקעגן די שטאטישע איינ־וואינער. די דאזיקע וואנדערונג פון דער פוילישער באפעל־קערונג, האט גורם געווען אז דער פראצענטזאץ פון די אידן אין די שטעט איז געווארן א סאך קלענער און אויך צו דעם, אז צענדליקער טויזנטער אידן האבן פארלארן זייער פרנסה. די דאזיקע, אין גרונט גענומען, אנטיסעמיטישע באוועגונג, האט געבראכט אויך צו דעם אז עס איז אויפגעשטאנען א נייער שיכט פון סוחרים פאליאקן וועלכע האבן מיט הצלחה קאנקורירט מיטן אידישן סוחר. די הצלחה איז אבער גע־קומען ניט ווייל די פוילישע סוחרים האבן געהאט א בעסערן חוש אין מסחר ווי דער איד, נאר צוליב דער דיסקרימינאציע פּאָליטיק פון דער רעגירונג און באיקאט־אקציעס געגן דעם אידישן האנדל און אינדוסטריע.

במשך דער צייט איז אויפגעשטאנען אויך אַ פוילישע קאאפעראטיווע באוועגונג, וועמענס אפיציעלער און פאק־טישער ציל איז געווען — אונטערברייגנען די פאזיציעס פון אידישן קארבעלניק און קליינהענדלער. דאס אידישע שטעטל האט טיילווייז פארלארן איינעם פון אירע הויפט־פרנסה קוואלן. און דאס האט געבראכט צו א פארשטייגערטער וואנדערונג פון אידן פון די שטעטלעך אין די גרויסע שטעט, זוכענדיק מיט אלע מיטלען צו באקומען וועלכע עס איז לעבנס מעגליכקייטן אין די שטעט, שוין ניט ריידנדיק וועגן דער פארגרעסערטער אויסוואנדערונג אין אנדערע לענדער און קיין ארץ־ישראל.

אבער אפילו די פארשטארקטע אויסוואנדערונג פון די שטעטלדיקע און דארפישע אידן — אין די גרויסע שטעט, וואס האט פארקלענערט די צאל פון די אידן אין די שטעט־לעך — האט דאך ניט פארגרעסערט דעם פראצענט פון די אידן אין די גרויסע שטעט, חאטש אין אלגעמיין איז דער צאל פון די אידן אין די גרעסערע קהילות — געשטיגן. דאס איבערוואנדערן פון די אידן האט ניט דעריאגט דאס לויפע־ניש פון די פאליאקן פון דארף אין שטאט אריין, אפילו אין די לעצטע יארן פאר דעם אומגליק, ווען די אידן האבן אלץ מער זיך געריסן אין די גרויסע שטעט צוליב דער שנאה שטימונג וואס האט געהערשט אין פוילן און צוליב די פא־גראמען פון די פאליאקן אויף די אידן פון די קליינע ישובים.

אידן אין שטעט, שטעטלעך און דערפער

אין 1921 האט די פוילישע רעגירונג דורכגעפירט א אלגע־מיינע פאלקס־ציילונג. לויט די אפיציעלע צאלן האבן אין אויבנדערמאנטן יאר געוואוינט אין פוילן 3.030.445 אידן. אין דער צווייטער פאלקס־ציילונג וואס איז דורכגעפירט גע־ווארן אין יאר 1931, האט זיך ארויסגעוויזן אז 3.113.933 אידן וואינען אין פוילן. שטיצענדיק זיך אויף די אויבנ־דערמאנטע צאלן קען מען רעכענען, אז ביים אויסברוך פון דער מלחמה אין יאר 1939, האט די אידישע באפעלקערונג פון פוילן געציילט 3.200.000 מענשן.

דער נאטירליכער צוואוקס פון דער אידישער באפעלקע־רונג אין פוילן איז געווען גאנץ קענטיג, אבער דאס האט מען ניט געקענט ארויסהאבן פון די אלגעמיינע צאלן, צוליב



יהודי פולין — בתמונה: סנדלר בעבודתו.
פוילישע אידן — אויפן בילד: א שוסטער ביי זיין ארבייט.

דער שטייגענדער אויסוואנדערונג פון די אידן אין די לענדער מעבר לים און דער אומאויפהערליכער עליה קיין ארץ־ישראל. און אויב אין די אידישע צענטערן פון די גרויסע שטעט, האט זיך אזוי ניט אנגעזען די אויסוואנדערונג און די עליה קיין ארץ־ישראל, האט זי זיך אבער געפילט אין די קליינע שטעטלעך און דערפער — אין אלע טיילן פון אידישן לעבן.

לויט דער אלגעמיינער פאלקס־ציילונג פון יאר 1931, האבן די פוילישע אידן זיך פונאנדערגעטיילט אין פאלגענדע וואין־ערטער:

אין שטעט מיט מער ווי 20 טויזנט איינוואינער — 1.450.223 מענשן (26.4 פראצענט פון דער אלגעמיינער באַ־פעלקערונג אין די אויבנדערמאנטע שטעט).

אין שטעטלעך מיט ווייניקער ווי 20 טויזנט איינוואוינער — 929.852 מענשן (28.8 פראצענט פון דער אלגעמיינער באַ־פעלקערונג אין די שטעטלעך).

אין די דערפער און דערבייאיקע פאלווארקעס — 733.858 מענשן (3.2 פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקרונג פון די דערפער).

דער גרעסטער טייל פון די אידן אין פוילן האט געוואוינט אין צענטער און מזרח זייט פון לאנד, אבער די פארמינ־דערונג פון דעם פראצענטזאץ פון די אידן אין די שטעט און שטעטלעך, צוליב דער שטענדיקער באוועגונג פון דער ניט אידישע באפעלקערונג פון דארף אין שטאט אריין — האט זיך ארויסגעזען אין אלע טיילן פון לאנד, חאטש אממערסטן האט זיך עס ארויסגעזען אין פויזנער געגנט. דארט איז די צאל אידן קלענער געווארן פון 1,4 פראצענט אין יאר 1921 אויף 0,9 פראצענט אין יאר 1931. און אן שום ספק אז די פארמינדערונג האט זיך געצויגן ביזן 1939־טן יאר, חאטש קיין גענויע ציפערן האבן מיר ניט.

דאגעגן האט זיך פארמינדערט די צאל פון די אידן אין די דערפער פון די מערב׳דיקע געביטן פון פוילן אבער אין מזרח און צענטראל פוילן האט דער פראצענט פון די אידן אפילו זיך א ביסל פארגרעסערט, ווי עס ווייזן די פאלגענדע טאבעלעס:

ו־300 אלף, כולל המוני פליטים, נפלו בידי הרוסים. כשש מאות אלף יהודים נשארו אז באיזורים שסופחו רשמית לרייך הגרמני ואילו 1.300.000 יהודים בקירוב באיזורים שכונו גנרל־גוברנומנט.

מחוזות פוזנה, פומרן, לודז, שלזיה והחלק הצפוני של מחוז וורשה, סופחו באורח אדמיניסטרטיבי־רשמי לרייך הגרמני. על האיזורים הללו חלו מיד כל החוקים של הרייך, ואילו מחוזות קראקה, קלץ, לובלין ומרבית שטחו של מחוז וורשה, והאיזורים המזרחיים של המחוזות לבוב, ביאליסטוק וכמה נפות במחוז פולסיה, נקבעו כיחידה אחת בשם הגנרל־גוברנומנט. בעוד והמדיניות הגרמנית הרשמית והמעשית היתה לגרש את כל היהודים אשר באיזורים המסופחים לרייך הגרמני, הרי את שטח הגנרל־גוברנומנט אמרו הכובשים האכזריים להפוך למחנה־ריכוז גדול ליהודים.

המיעוט הגרמני בפולין רוכז בעיקרו באיזורים המערביים של המדינה, במחוזות פוזנה, פומרן, שלזיה ובחלקו במחוז לודז. המוני גרמנים גרו באיזורים והיו שייכים אי־פעם לגרמניה הקיסרית. אחרי חלוקת פולין בין שלושת שכנותיה דאז, גרמניה, רוסיה ואוסטריה־הונגריה. באיזורים הללו סבלו היהודים לא רק מהכובשים הנאציים אלא גם מהתושבים הגרמניים המקומיים, אליהם נוספו גרמנים ממדינות באלטיות ומרוסיה, אשר כבר בחדשים הראשונים למלחמה הובאו למחוזות שסופחו לרייך ושוכנו בעיקר בבתים יהודיים שהוחרמו למטרה זו יחד עם הרהיטים וחפצי־הבית האחרים. מצבן של הקהלות באיזורים שסופחו לרייך הגרמני היה, איפוא, קשה יותר בתקופה הראשונה ממצב הקהילות בגנרל־גוברנומנט, פרט לקהילות ליד הגבול החדש עם רוסיה הסובייטית, שם ערכו הגרמנים טבח ביהודים או גירשו אותם באכזריות קשוחה, במטרה לטהר את קו הגבול החדש מיהודים.

הבה נסקור, איפוא, את מצבם של קהילות ישראל וישובים יהודיים בשטח הכיבוש הגרמני דאז, ולראשונה, המחוזות אשר סופחו לרייך הנאצי.

חורבן קהילות ישראל במחוז פוזנה

קרוב ל־60.000 יהודים גרו במחוז האדמיניסטראטיבי של פוזנה לפני השואה, וזאת, בעיקר באיזורים המערביים של המחוז. ישובים אלו, למרות שייכותם הרשמית לפלך פוזנה, ראו את עצמם כישובים בסביבת לודז או וורשה. פוזנה, הקהילה הוותיקה ורבת־היחס, ירדה מגדולתה ועמה עשרות הקהילות שבסביבתה, אשר שמן יצא לתהילה בעולם היהודי. הן נתחסלו והלכו במאתיים השנים האחרונות, ובעיקר אחרי מלחמת העולם הראשונה, עת הוחזרו האיזורים למדינת פולין העצמאית אחרי שלטון גרמני־קיסרי שנמשך כמאה וחמישים שנה.

מרבית יהודי מחוז פוזנה, אשר תנועת הריפורמה הגרמנית עשתה בהם שמות, התרגלו במשך דורות לשלטון הגרמני עד אשר ראו את עצמם כיהודים גרמניים. הם היגרו בהתמדה לפנים גרמניה ובחלקם עברו לערי גרמניה המערביות, אחרי



יהודי פולין — בתמונה: נפח בעבודתו.
פוילישע אידן — אויפן בילד: א קאוואל ביי זיין ארבייט.

שטחים שסופחו לרייך ולגנרל־גוברנומנט

כאמור, היו יהודי פולין פזורים על־פני אלפי ישובים, ערים, עיירות וכפרים, אולם שלטונות פולין הכירו רק ב־611 קהילות רשמיות, אליהן השתייכו יהודי העיירות הקטנות והכפרים. מתוך 611 הקהלות הרשמיות, נפלו 431 כבר בספטמבר 1939 בידי הנאצים. 173 קהילות נכבשו בידי הסובייטים ו־7 נמסרו לידי הליטאים.

בגלל הגירושים והבריחות ההמוניות אין כל אפשרות לקבוע את מספר היהודים שנפלו בידי הגרמנים בתקופה זו. מספרם המשוער הגיע עד מיליון ו־900 אלף ואילו מיליון

דער געגנט	אין יאר 1921	אין יאר 1931
דער פראצענט פון די אידן אין די שטעט און שטעטלעך פון פוילן אין באציאונג צו דער אלגעמיינער באפעלקערונג		
די שטאט ווארשע	33,1	30,1
קרייז ווארשע	34,3	29,7
〃 לאדז	33,5	31,2
〃 קיעלץ	34,0	30,2
〃 לובלין	48,2	43,7
〃 ביאליסטאק	46,2	38,4
〃 ווילנע	36,3	29,2
〃 נאוואגרודעק	45,5	42,6
〃 בריסק ליטוועסק (פאלעסיע)	4,7	4,8
〃 לוצק (וואלין)	58,6	49,1
〃 קראקע	25,1	24,8
〃 לעמבערג	35,8	24,8
〃 סטאניסלאוו	37,6	34,8
〃 טארנאפאל	38,3	34,7
〃 פויזן	1,4	0,8
〃 טהארן־בידגאשטש (פאמערן)	1,0	0,9
〃 קאטאוויץ (שלעזיע)	4.0	3.9

דער געגנט	אין יאר 1921	אין יאר 1931
דער פראצענט פון די אידן אין די דערפער פון פוילן אין באציאונג צו דער אלגעמיינער באפעלקערונג		
קרייז ווארשע	4,4	4,5
〃 לאדזש	4,9	4,9
〃 קיעלץ	5,2	5,4
〃 לובלין	6,1	6,0
〃 ביאליסטאק	5,7	5,8
〃 ווילנע	3,9	4,0
〃 נאוואגרודעק	4,4	4,7
〃 בריסק ליטווסק (פאלעסיע)	4,7	4,8
〃 לוצק (וואלין)	4,5	4,7
〃 קראקע	2,6	2,8
〃 לעמבערג	2,1	2,4
〃 סטאניסלאוו	1,6	1,9
〃 טארנאפאל	1,8	2,1
〃 פויזן	0,5	0,2
〃 טהארן־בידגאשטש (פאמערן)	0,3	0·09
〃 קאטאוויץ (שלעזיע)	0,1	0,1

געגנטן וואס זיינען צוקאאפטירט געווארן צום רייך און גענעראל־גאווערנעמענט

ווי געזאגט, זיינען די אידן פון פוילן געווען צושפרייט איבער טויזנטער שטעט, שטעטלך, דערפער און ישובים· אבער די רעגירונג האט אנערקענט נאר 611 אפיציעלע קהלות· צו זיי האבן געהערט די אידן פון די קליינע שטעטלעך און דערפער· פון די 611 אפיציעלע קהלות, זיינען 431 אריינגעפאלן אין די נאצישע הענט שוין אין סעפטעמבער 1939· 139 קהלות זיינען איינגענומען געווארן דורך די סאוויעטן און 7 קהלות זיינען איבערגעגעבן געווארן די ליטווינער·

צוליב די גירושים און מאסענווייזע אנטלויפן, איז ניטא קיין מעגליכקייט פעסטצושטעלן די צאל פון די אידן וואס זיינען אריינגעפאלן צו די דייטשן אין יענער תקופה· זייער




יהודי פולין — בתמונה: רוכלים בשוק אחרי היריד·
פוילישע אידן — אויפן בילד: יריד הענדלער, אויפ׳ן מארק·

צאל ווערט געשאצט ביז 1·900·000 און 1·300·000 אידן, איינגערעכנט די מאסן פליטים, זיינען אריינגעפאלן צו די רוסן, ביי 600·000 אידן זיינען דאן געבליבן אין די געגנטן וואס זיינען אפיציעל צוזאמענגעגאסן געווארן מיטן דייטשן רייך און קרוב צו א מיליאן אידן — זיינען געבליבן אין דעם א· ג· גענעראל־גאווערנעמענט·

די קרייזן: פויזן, פאמערן, לאדזש, שלעזיע און דער צפון׳־דיקער טייל פון ווארשאווער געגנט, זיינען אדמיניסטראטיוו צוקאאפטירט געווארן צום דייטשן רייך· אויף די געביטן האט גלייך גענומען הערשן די דייטשע געזעצן· דאגעגן די קרייזן: קראקע, קיעלץ, לובלין, דער גרעסערער טייל פון ווארשא־ווער געביט און די מזרח־געביטן פון לעמבערג, ביאליסטאק און עטליכע קרייזן אין פאליעסער געגנט — זיינען באשטימט געווארן אלס א איינהייט א· נ· „גענעראל־גאווערנעמענט״· און אויב די אפיציעלע און פאקטישע פאליטיק פון די דייטשן איז געווען ארויסצוטרייבן אלע אידן פון די געגנטן וואס זיינען געווארן צוקאאפטירט צום רייך, האבן די גרויזאמע אוזורפאטארן באשלאסן צו פארוואנדלען דעם גענעראל־גאווערנעמענט אין א ריזיקן קאנצענטראציע לאגער פאר אידן·

די דייטשע מינדערהייט פון פוילן איז בעיקר קאנצענטרירט געווען אין די מערב׳דיקע געביטן פון לאנד, אין די קרייזן פויזן, פאמערן, שלעזיע און א טייל אין לאדזשער קרייז·

זייער א סאך דייטשן האבן געוואינט אין די געגנטן וואס האבן אמאל געהערט צום דייטשן קעניגרייך נאך דער צו־טיילונג פון פוילן דורך אירע דאמאלסדיקע שכנים: דייטש־לאנד, רוסלאנד און עסטרייך־אונגארן· אין יענע געגנטן האבן די אידן געליטן ניט נאר פון די נאצישע אקופאנטן נאר אויך פון די ארטיקע דייטשן, צו וועלכע עס זיינען צוגעקומען דייטשן פון די באלטישע לענדער און פון רוסלאנד, וועלכע זיינען געבראכט געווארן אין יענע געגנטן שוין אין די ערשטע מלחמה־מאנאטן און זיינען לאקירט געווארן בעיקר אין הייזער פון אידן וועלכע מען האט קאנפיסקירט צוזאמען מיט די מעבל און די איבעריקע שטוביקע איינריכטונגען· די לאגע פון די קהלות אין די געגנטן וואס זיינען צוקאאפטירט געווארן צום רייך, איז, הייסט עס, געווען א סאך שווערער אין דער ערשטער צייט, ווי די לאגע פון די קהלות אין גענעראל־גאווערנעמענט, אויסער די קהלות ביי דער נייער



יהודי פולין — בתמונה: פועל קלף לספרי תורה ותפילין בעבודתו.
פוילישע אידן — אויפן בילד: א פארמעט־ארבייטער.

שהאיזור סופח לפולין. בימי „ועד ארבע הארצות" הוזכרו לא פעם קהילות ישראל במחוז פוזנה. קרוב לארבעים קהילות תפסו עמדה חשובה בעולם היהודי בימים ההם. בפרוץ השואה, וגם בימים שלפניה, לא נשאר מהקהילות הללו אלא שלדים בלבד, ישובים יהודיים זעירים ביותר, שמנו מספר משפחות שלא התבלטו כלל וכלל בחיים הציבוריים. אולם גם השרידים הללו חוסלו על־ידי הנאצים באכזריות.

קהילת פוזנה, בירת המחוז, מנתה בעת פרוץ השואה כשלושת אלפים נפשות מישראל. לא הרבה נשאר בה מעברה המפואר, אחרי קרוב ל־800 שנות פריחה ושגשוג, סבל ועמל. כקהלות ישראל במחוז כולו, כן גם נתדלדלה והלכה קהלת פוזנה עצמה. רק בתי־כנסת מפוארים ובתי־קברות רבי־הוד העידו על גדולתה ועברה. כשנכבשה פוזנה על־ידי הקלגסים הנאציים נשארו בה רק מעטים מתושביה היהודיים שלא היו רבים גם לפני כן. מרבית היהודים ברחו מהמקום יחד עם החיילים הפולניים. יהודי פוזנה לא התבלטו כלפי־חוץ במראה יהודי או בלבוש מסורתי. הם נאבדו בתוך מאות אלפי התושבים של העיר הגדולה ואולי משום כך נמלטו יהודי העיר בימים הראשונים לכיבושה מגורל אחיהם בסביבה. בעוד והיהודים המעטים בישובים הקטנים במחוז פוזנה הוצאו ברובם להורג מיד עם בואם של הנאצים, ניתן ליהודי פוזנה עוד להתפלל בראש־השנה וביום־כיפור בבתי־הכנסת. שלטונות הכיבוש אף הרשו לקהלת פוזנה למנות מפקחים יהודיים על בתי־עסק של היהודים, אבל המצב השתנה מיד אחרי יום־כיפור, בעת שהנאצים החליטו לחשוף את זהותם האמתית. בית־הכנסת המרכזי חולל והפך לאורוות־סוסים, המפקחים היהודיים לבתי־המסחר היהו־דיים גורשו ובמקומם נתמנו גרמנים מקומיים, דבר אשר לווה בשוד מאורגן של בתי יהודים בפיקוח השלטונות ובעידודם.

תושבי מושב זקנים של הקהלה נאסרו לפתע וגורשו בתנאים אכזריים לאיזור לובלין, דירותיהם של עשירי היהודים הוחרמו ונאסר עליהם להוציא מהם דבר. יהודים נאסרו ולא שבו יותר לבתיהם, אחרים ברחו מהעיר כל עוד נפשם בם. לא עברו ימים מרובים וקהלת פוזנה עתיקת־היומין חדלה להתקיים. אחרוני היהודים גורשו מהמקום, כשידי הרוצחים השפלים עמלות לטשטש כל זכר לקיומו של ישוב יהודי במקום. בצהלת־נצחון הודיע ה„אוסטדויטשער באובכטר" ביום 15 באפריל על הטקס החגיגי של הורדת סמל המגן־דוד מעל בית־הכנסת האחרון בעיר.

מהיר יותר היה תהליך חיסולם של שרידי קהלות ישראל במחוז פוזנה. באודולאנוב מצאו הנאצים עם כניסתם למקום משפחה יהודית אחת, יתר היהודים ברחו ונמלטו על נפשם. בני המשפחה נאסרו מיד ושוב לא חזרו לביתם. עקבותיהם לא נודעו. באוברניק, קהלה קטנה ועתיקה, הצליחו הקלגסים לתפוס 7 יהודים, שנורו על ידם. לא נודע גורלן של המשפחות המעטות שגרו באוברזיצקו, קהלה קטנה שנתקיימה כמאתיים שנה. באוסטרוב נרצחו ביום הכיבוש 11 יהודים, באחרים התעללו באכזריות ללא דוגמה. ימים ספורים לאחר הכיבוש הגרמני שוב לא היה אף אחד מ־515 יהודי אוסטרובו במקום. הקהלה היפה, בת 300 שנה ויותר, שידעה ימי פריחה ושגשוג, חוסלה.

את שרידי היהודים בגרידיץ (גרודזיסקו) וגאשלין, ישובים וותיקים, חיסלו הנאצים באכזריות. דומה היה גורלם של יהודי ווילטשין, וואלשטיין, ווראניק. כמה יהודים שנשארו בוורשנה (ווזשניה) הובאו על־ידי הרוצחים לבית־הקברות המקומי ושם נרצחו אחרי שנאלצו לכרות את קבריהם במו־ידיהם. דומה היה גורלם של יהודי זאניימישל, זלוטובו וזבונשין, זה הישוב ליד הגבול הגרמני, לשם גורשו יהודים, אזרחי פולין, על־ידי שלטונות גרמניה הנאצית באכזריות זמן מה לפני פרוץ מלחמת העולם האחרונה.

בליסה, זו הקהלה העתיקה, בעלת העבר המפואר, נשארו לפני פרוץ מלחמת העולם האחרונה, רק 30 משפחות יהודיות. קהלה זו אשר תפסה עמדה כה חשובה בימי „ועד ארבע הארצות" והמשיכה לשמש כאחת הקהלות המכובדות בפולין גם בתקופה שלאחריה, שם כיהן פאר כרב הקהלה, הגאון רבי יעקב לאברבוים, התרוקנה

רוסישער גרעניץ, דארטן האבן די דייטשן איינגעארדענט פאגראמען אויף די אידן אדער זיי ארויסגעטריבן מיט האר־טער גרויזאמקייט, כדי אפצורייניקן דעם נייעם גרעניץ־פאס פון אידן.

לאמיר, אויב אזוי, געבן א איבערבליק איבער דער לאגע פון די אידישע קהלות און אידישע ישובים אין דעם דא־מאלסט אקופירטן דייטשן געביט, אנהויבענדיק פון די געגנטן וואס זיינען צוקאאפטירט געווארן צום נאצישן רייך.

דער חורבן פון די אידישע קהלות אין פויזנער געגנט

פאר דער מלחמה האבן אין דעם אדמיניסטראציע־געביט פון פויזן געוואינט ביי 30.000 אידן, בעיקר אין דעם מערב־דיקן טייל פונ׳ם געביט. די דאזיקע ישובים, חאטש אפיציעל האבן זיי געהערט צום פויזנער קרייז, האבן זיך געהאלטן אלס ישובים ארום לאדז אדער ווארשע. די אלטע, מיוחס־דיקע פויזנער קהלה, איז אראפ פון איר גדולה און מיט איר — די צענדליקע קהלות ארום איר וועלכע זיינען באקאנט געווען אין דער אידישער וועלט. זיי זיינען אלץ מער און מער אונטערגעגאנגען אין די לעצטע צוויי הונדערט יאר, בעיקר אבער נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה ווען די אלע געביטן זיינען אומגעקערט געווארן דער אומאפהענגי־קער פוילן, נאך דער הערשאפט פון קייזערליכן דייטשלאנד וואס האט זיך געצויגן ביי 150 יאר.

דאס רוב אידן פון פויזנער געגנט וואס דער רעפארם האט פון זיי א תל געמאכט, האבן זיך, אין משך פון דורות צוגעוואינט צו דער דייטשער הערשאפט אז זיי האבן זיך געהאלטן פאר דייטשע אידן, זיי האבן אן אויפהער אויסגע־וואנדערט קיין טיף דייטשלאנד און א טייל פון זיי זיינען אריבער וואינען אין די שטעט פון מערב־דייטשלאנד — נאכדעם ווי דער געגנט איז צוקאאפטירט געווארן צו פוילן. אין די צייטן פון „ועד ארבע הארצות״ זיינען די קהלות פון פויזן ניט איינמאל דערמאנט געווארן, אין יענע צייטן האבן קרוב צו 40 חשובע קהלות פארנומען א אנגעזעענעם ארט. אבער ביים אויסברוך פון קריג און אפילו פאר דעם, איז פון די דאזיקע קהלות געבליבן נאר סקעלעטן, קליינינקע אידישע ישובים פון נאר געציילטע משפחות וועלכע האבן זיך איינגאנצן ניט ארויסגעזען אין געזעלשאפטליכן לעבן. אבער אפילו די רעשטלעך זיינען אויך גרויזאם פארניכטעט געווארן דורך די נאציס.

די אידישע קהלה אין פויזן, די הויפט שטאט פון קרייז, האט ביים אויסברוך פון דער מלחמה געציילט 3000 אידישע נפשות. נאך 300 בליענדיקע יארן, ווי אויך יארן פון ליידן און פיין ווי אנדערע אידישע קהלות אין גאנצן געגנט — איז פון איר שיינער פארגאנגענהייט גארניט געבליבן, און ווי אנדערע קהלות אזוי איז זי אויך געווארן קליין און איינגע־שרומפן. נאר די פרעכטיקע שולן און גרויסע בתי קברות האבן עדות געזאגט אויף איר אמאליקן גלאנץ. ווען פויזן איז איינגענומען געווארן דורך די נאצישע הארדעס, זיינען געבליבן נאר א קליינע צאל אידן פון דעם הייפל וואס האט דארט געלעבט ביז דער מלחמה. דאס רוב פון די אידן איז



יהודי פולין — בתמונה : סנדלר בעבודתו.
פוילישע אידן — אויפן בילד : א קאמאשן שטעפער ביי זיין ארבייט.

אנטלאפן פון דארט צוזאמען מיטן פוילישן מיליטער. די פויזנער אידן האט מען ניט געקענט דערקענען, ניט לויט אנטועכץ אדער אידישן אויסזען. זיי האבן זיך פארלוירן צווישן די הונדערטער טויזנטער אנדערע איינוואינער פון דער גרויסער שטאט, עס קען זיין אז צוליב דעם האט זיך די פויזנער אידן איינגעגעבן אויסצומיידן דעם גורל וואס האט געטראפן זייערע ברידער אין די ארומיקע ישובים אין די ערשטע טעג פון דער אקופאציע. אין דער צייט ווען די פאר אידן אין די קליינע ישובים פון פויזנער געגנט זיינען כמעט אלע אויסגעהרגעט געווארן גלייך ביים אריינקומען פון די נאציס, האט מען די פויזנער אידן נאך ערלויבט צו דאווענען ראש השנה און יום־כפור אין די שולן. די אקופאציע־הערשאפט האט אפילו דערלויבט דער פויזנער קהלה צו בא־שטימען אידישע אויפזעער אויף אידישע געשעפטן. אבער גלייך נאך יום־כפור האט זיך די לאגע געענדערט און די נאציס האבן באשלאסן צו ווייזן זייער אמת׳ן פרצוף. די צענטראלע שול איז געשענדעט געווארן און פארוואנדלט געווארן אין א שטאל, די אידישע אויפזעער אויף די אידישע געשעפטן האט מען פארטריבן און אויף זייער ארט האט מען נאמינירט ארטיקע דייטשן, דאס אלץ איז ארגאניזירט געווארן צוזאמען מיט רויבן אידיש האב און גוטס אונטער דער אויפזיכט און מיט דער מיטהילף פון דער דייטשער מאכט.

די אלטע לייט פון קהלה׳שן מושב זקנים זיינען פלוצלונג ארעסטירט געווארן און אין גרויזאמע באדינגונגען ארויס־געטריבן אין לובלינער געגנט. די וואינונגען פון די רייכע אידן זיינען קאנפיסקירט געווארן און זיי האבן ניט געטארט ארויסנעמען פון דארטן קיין שום זאך. מען האט ארעס־טירט אידן און זיי זיינען שוין מער ניט צוריקגעקומען, אנדערע זיינען אנטלאפן ווי זיי שטייען און גייען. אין א גאר קורצער צייט האט די אלטע פויזנער קהלה אויפגעהערט צו עקזיסטירן. די לעצטע אידן זיינען פארטריבן געווארן און די מערדער האבן אלץ געטאן כדי צו פארווישן יעדן זכר אז דא איז געווען אמאל א אידישער ישוב. מיט א יובל־געשריי האט דער „אסטדויטשער בעאבאכטער״ אנגעזאגט דעם 15־טן אפריל וועגן דעם פייערליכן אקט פון ארונטערנעמען דעם מגן־דוד פון דער לעצטער שול אין שטאט.

בראגוזשנו ובריזן (רידזנה), בריכוול ובשרים (שרעם), בסמטור (שאמוטולי) ובצמבין (שמפיר) ובשיינלאנק (שטשיינקה). מאות יהודים, תושבי הישובים הקטנים אשר במחוז פוזנה, אלה שלא הספיקו לברוח, מצאו את מותם באורח אכזרי. רק שבועות מספר לאחר שמחוז זה נכבש על ידי הקלגסים הנאציים והוא „טוהר" כולו מיהודים, בעוד שכניהם הגרמניים ירשו את כל רכושם והשלטונות הנאציים עמלים למחוק כל זכר מהחיים היהודיים שפרחו פעם במקומות הללו.

חיסול הישוב היהודי בפומרן

קרוב לעשרים אלף יהודים גרו בפומרן, במחוזות בידגושטש וטהורן, שהיו עד למלחמת העולם הראשונה כבושים בידי גרמניה הקיסרית וסופחו למדינת פולין העצמאית בהתאם לחוזה וורסייל בשנת 1918. בעבר הרחוק פעלו באיזור זה עשרות רבות של קהלות מסודרות ומבוססות, שניהלו חיים פעילים ותוססים. בשנים האחרונות ירד מספר היהודים במחוזות פומרן. יהודים מעטים נשארו בעשרות ישובים וותיקים וקהלות קטנות פעלו בערי פומרן: גדיניה וגדאנסק, (דאנציג כעיר חפשית), גניעזנאו, גרודזונז, טהורן, טוחול, אילזה, (דריליץ), אינובּרוצלב, בידגושטש וטשלוכוב, וכן מספר ישובים קטנים יותר.

גורל קהלות ישראל במחוז פומרן לא היה שונה מגורלן של קהילות ישראל במחוז פוזנה. פומרן סופחה לרייך הנאצי, והשלטונות הכובשים ניהלו מיד עם בואם מדיניות ברורה ועקבית שמגמתה היתה ל„טהר" את האיזור מיהודים במהירות מקסימלית. במקומות ישוב קטנים פעלו הרוצחים בצורה די פשוטה. הם לא הזדקקו לגזירות כדי לנשל את היהודים מעמדותיהם, לא הטריחו עצמם לגרש את היהודים, אלא פשוט אסרו אותם, הובילו אותם לבית־העלמין היהודי או ליער בסביבות הישוב, לחורשה או סתם ליד בור, ורצחו אותם עד אחד, זקנים וצעירים, נשים וילדים. הם פעלו במהירות וכל הרכוש היהודי היה לבז או הוחרם על־ידי השלטונות הפושעים.

כבר ימים מעטים אחרי כיבוש המחוז בידי הנאצים, לא נשארה אף נפש חיה מהיהודים המעטים אשר באילזה (דריליץ), אוסיטשאני (ישוב עתיק־יומין), אוביגז או אודרי (וואיטל). הקהלה היהודית אשר באינוברוצלב, בת 500 שנה ויותר, נטבחה ברובה המכריע בידי המרצחים ליד העיר. בתולדותיה הארוכים של קהלת אינוברוצלב, ידעה זו שחיטה איומה. בשנת שפ"ו נהרגו בפרעות כל יהודי המקום. הקהלה היהודית הוקמה מחדש כעבור שנים מספר ובעת כיבוש העיר על־ידי הנאצים מנתה הקהלה למעלה מ־600 נפש. בחלקם ברחו לפני כניסת הנאצים ואלה שנשארו נאסרו מיד אחרי כניסת הכובשים. חלק מהם עונה קשות וחלק ניצל מיסורים במצאו את מותו בידי הקלגסים האכזריים. קהילת אינוברוצלב חוסלה כבר בראשית ימי־הכיבוש הגרמני. אף יהודי לא נשאר במקום.

דומה היה גורלם של יהודי בידגושטש, העיר הראשית במחוז פומרן. 200 משפחות מישראל גרו במקום בפרוץ



יהודי פולין — בתמונה: סנדלר בווארשה.
פוילישע אידן — אויפן בילד: א ווארשעווער שוסטער

מתושביה היהודים במאת השנים האחרונות. יהודים דתיים כמעט ולא היו במקום. בחמת־זעם חיסלו הרוצחים הנאציים את הקהלה הזאת. היהודים שנשארו במקום הוצאו מחוץ לעיר ושוב לא חזרו. בתיהם וכל רכושם חולקו על־ידי הנאצים בין התושבים המקומיים. בית־הכנסת הפך למחסן וספרי־התורה חוללו.

כך היה גם גורלם של הישובים מאשין, מזיכוד ולבובק, סלעשין, שטאנישוב או סווארזענץ, פילה ופיזדרי, ישובים וותיקים, שידעו מאות בשנים חיים יהודיים ערים ותוססים. ולא שונה היה סופה של קהילות קמפנו, אשר גם בתקופה האחרונה לפני פרוץ השואה מנתה 800 נפש מישראל. מרבית יהודי קמפנו ברחו כבר ביום הראשון לפרוץ המלחמה, ואלה שנשארו נטבחו באכזריות נוראה. כך חוסלו גם אחרוני היהודים בקובלין, קורניק, וקרוביה. בכפר האחרון נטבחו, כנראה, היהודים המעטים על־ידי שכניהם, התושבים הגרמניים המקומיים.

קהלת רייביטש העתיקה מנתה לפני פרוץ השואה 10 משפחות יהודיות. מרבית יהודי המקום לא הספיקו לברוח ויד הרוצחים השיגתם. ימים מספר אחרי הכיבוש הנאצי שוב לא היה יהודי במקום. הישוב היהודי של רייביטש, שהתקיים 500 שנה, חוסל מבלי לדעת לאן נעלמו אחרוני היהודים והיכן מצאו את מותם, מות־הקדושים. במהירות חיסלו הרוצחים הנאציים את שרידי הישובים היהודיים

א סאך גיכער איז געגאנגען דער פארניכטונגס־פראצעס פון די רעשטלעך פון די אידישע קהלות אין פויזנער געגנט. אין אדאלאנאוו האבן די נאציס געפונען נאר איין אידישע משפחה, די איבריקע אידן זיינען אנטלאפן ראטעווענדיק זיך. די גאנצע משפחה איז גלייך ארעסטירט געווארן און מער האט מען פון זיי ניט געהערט. אין דער קליינער, אלטער קהלה אבערניק, האט זיך איינגעגעבן די וואנדאלן צו כאפן 7 אידן וועלכע מען האט גלייך אויסגעשאסן. וואס איז געווארן מיט די עטליכע משפחות פון אבערזשיצקא — ווייסט מען ניט. אבער די כמעט צוויי הונדערט יאר אלטע קליינע קהלה איז אזוי ארום אפגעווישט געווארן. אין זעלבן טאג ווען די מערדער האבן איינגענומען אסטראוו האבן זיי אויסגעשאסן 11 אידן, די אנדערע זיינען מורא׳דיק פארפייניקט געווארן. געציילטע טעג נאך דער דייטשער אקופאציע, איז ניט געבליבן קיין איין איד פון די 515 אידן אין דער שיינער, 300 יעריקער קהלה. זי איז אפגעווישט געווארן.

די רעשטלעך אידן פון די צוויי אלטע ישובים גריידיץ (גרודזיסקו) און גאשלין, האבן די נאציס גרויזאם פארניכטעט. דעם זעלבן גורל האבן געהאט די אידן פון ווילטשין, וואלשטיין, און ווראניק. די עטליכע אידן וואס זיינען געבליבן אין וורעשנע (ווזשעשניא) האבן די מערדער ארויסגעפירט אויפן ארטיקן בית הקברות, דארט האט מען זיי גענויט אויסגראבן פאר זיך גריבער און זיי אויסגעשאסן. דעם זעלבן גורל האבן געהאט די אידן פון זאניעמישל, זלוטאווע און זבאנשין. דער לעצטער איז געווען א ישוב הארט ביי דער דייטשער גרענעץ, אהין האט מען פארטריבן דייטשע אידן, פוילישע בירגער, אין די גרויזאמסטע באדינגונגען, א קורצע צייט פארן מלחמה אויסברוך.

אין ליסע, די אלטע קהלה מיט אזא רייכער פארגאנגענהייט, זיינען פארן אויסברוך פון דער מלחמה געבליבן נאר 30 אידישע משפחות. די דאזיקע קהלה וואס אין די צייטן פון „ועד ארבע הארצות" האט געשפילט אזא גרויסע ראליע, און אויך אין די שפעטערדיקע תקופות איז זי געבליבן איינע פון די חשוב׳סטע אידישע קהלות, וועלכע האט זוכה געווען צו האבן רבי יעקב לארבערבוים (רבי יעקב ליסער) פאר א רב, האט אין די לעצטע הונדערט יאר זיך אויסגליידיקט פון אירע אידישע איינוואינער, קיין פרומע אידן זיינען דארט כמעט ניט געווען. גרויזאם האבן די נאציס פארניכטעט דער דאזיקער קהלה. די ביסל אידן וואס זיינען נאך געבליבן האט מען פארשלעפט הינטערן שטאט און זיי זיינען שוין מערניט צוריקגעקומען. זייערע הייזער און האב און גוטס האבן די נאציס צוטיילט צווישן די ארטיקע איינוואינער. די שול איז פארוואנדלט געווארן אין א שפייכלער און די ספרי תורה זיינען געשענדעט געווארן.

אזוי איז אויך געווען דער גורל פון די ישובים: מאשין, מעזיכאד, וועלבוועק, סלעשין, שטאנישאוו און סווארזעניעץ, פילע און פיזאדרי, אלט איינגעזעסענע ישובים אין וועלכע עס האבן אין פארלויף פון הונדערטער יארן געברויזט א אידיש לעבן. דער סוף פון דער אידישער קהלה אין קעמפנע איז אויך ניט געווען אנדערש. די דאזיקע קהלה האט געציילט אפילו ביים אויסברוך פון דער מלחמה 800 אידן. ס׳רוב קעמפנער אידן זיינען אנטלאפן געווארן שוין אין




יהודי פולין — בתמונה: סבלים בווארשה נחים בשעות הצהרים בחזית בית הכנסת ע"ש ר' אהרן סרדינר, ברח' טברדה 4. / פוילישע אידן — אויפן בילד: ווארשיווער טרעגער, רוהן ביי מיטאג ביי דער סערדינער שוהל, אויף טווארדא 4.

ערשטן טאג פון דער מלחמה און די איבערגעבליבענע זיינען אויסגעשאכטן געווארן מיט שרעקליכער אכזריות. אזוי זיינען פארניכטעט געווארן אויך די לעצטע אידן פון קאבלין, קארניק און קראוויא. אין קראוויא זיינען ווארשיינליך די אידן אויסגעשאכטן געווארן דורך זייערע שכנים, די ארטיקע דייטשן.

די אלטע קהלה אין רייביטש האט ביים אויסברוך פון דער מלחמה געציילט נאר 10 אידישע משפחות. ס׳רוב פון זיי האבן ניט אוספעיעט צו אנטלויפן און די מערדער האבן זיי געכאפט. און עטליכע טעג נאך דער דייטשער אקופאציע איז שוין ניט געבליבן דארטן קיין איין איד. דער אידישער ישוב אין רייביטש וואס האט געהאט הינטער זיך א געשיכטע פון 500 יאר, איז פארניכטעט געווארן אזוי, אז מען ווייס אפילו ניט וואו און ווי אזוי זיי האבן געפונען זייער מערטירער־טויט. אין גאלאפ האבן די נאציס פארניכטעט די רעשטלעך פון די אידישע ישובים אין ראגאזשנא און רייזען (רידזנא), אין ריטשעוואל און שערים (שרעם), סאמטאר (שאמוטאלי), טשעמבין (שעמפיר) און אין שיינלאנק (שטשיאנקא). הונדערטער אידן פון די קליינע ישובים אין פויזנער געגנט וועלכע האבן ניט אוספעיעט צו אנטלויפן, האבן געפונען זייער טויט אויפן גרויזאמסטן אופן. אין פארלויף פון נאר עטליכע וואכן זייט די נאציס האבן אקופירט דעם געגנט איז ער „אפגערייניקט" געווארן פון אידן. און זייערע דייטשע שכנים האבן אלץ אפגעירשנ׳ט. אין דער זעלבער צייט האט די נאצישע מאכט זיך באמיט אפצומעקן יעדן זכר פון אידישן לעבן וואס האט אמאל אזוי געבליט אין יענע ערטער.

די פארניכטונג פון אידישן ישוב אין פאמערן

באלד 20.000 אידן האבן געוואינט אין פאמערן אין קרייז בידגאשטש און טהארן. די געביטן זיינען ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אקופירט דורך׳ן קייזערליכן דייטשלאנד



יהודי פולין — בתמונה: סוחר מקבל גמילת חסד מקופה ציבורית בגרודזיסק. פוילישע אידן — אויפן בילד: א סוחר נעמט א גמילת חסד אין א גרודזיסקער גמ״ח קאסע.

מלחמת העולם האחרונה. רובם המכריע ברחו לפני כניסת הנאצים לעיר, בהשאירם אחריהם את כל רכושם. אלה שנשארו נהרגו באכזריות, בקפדנות סרקו הקלגסים את האיזור בתורם אחרי יהודים, ולא השאירו בחיים אף נפש יהודית במקום. כזה היה גורלם של הישובים היהודיים הקטנים באיזור, בלנוב, ביאלי, בוקוביצץ, בלשוב ובאלכין, ישובים וותיקים שהתקיימו מאות בשנים, אֻולם נתדלדלו מתושביהן היהודיים בדורות האחרונים, ובעיקר מאז העברת האיזור לידי פולין העצמאית. כזה היה גם גורלם של יהודי כפר גרופא.

בגניעזנאו העתיקה וגרודזיונז פעלו קהלות קטנות של כמאתיים משפחות בכל עיר עד לפרוץ השואה האיומה. מרבית תושבי הערים הללו נסו לפני כניסת הנאצים. מעטים נשארו ואף הם נטשו את המקום כל עוד נפשם בם, בהשאירם אחריהם את כל רכושם.

כוס־התרעלה עברה גם על קהלת גדיניה, עיר־הנמל הפולנית, שהוקמה אחרי מלחמת העולם הראשונה. שם פרחה ושגשגה קהלה יהודית צעירה, רבת־מעש ופעילות. תוך שנים ספורות נבנתה גדיניה בשכנות לגדאנסק (דאנציג), עיר־הנמל החופשית. בעוד וזו האחרונה היתה מאוכלסת רובה ככולה גרמנים, התישבו בגדיניה פולנים ומספר יהודים שניהלו שם עסקים מפותחים ומשגשגים. משנה לשנה גדל מספר יהודי עיר־הנמל והקהלה המקומית התבססה והלכה עד ליום בו נכבשה העיר על־ידי הנאצים, ביום השני לראש השנה שנת ת״ש. למחרת נאסרו כל הגברים היהודיים והובלו למחנה עינויים בדאנציג הסמוכה. הנשים והילדים הוגלו באכזריות, וכך חוסלה הקהלה המשגשגת במקום. ענויי־תופת עברו על יהודי גדיניה במחנה האימים בשטוטהוף, לשם הובאו גם יהודי דאנציג. הם רעבו ללחם והרוצחים השובים הרבו לירות בהם בכל הדזמנות, תוך כדי העסקתם בעבודות־כפיה קשות ומרות. כעבור שלושה חדשים לא נשארו אלא מחצית האסירים, המחצית השניה לא יכלה לעמוד ביסורים הללו. בבוא האביב פרצה מגיפה קשה במחנה שהפילה עד 25 חללים ליום. הרוצחים הנאציים סירבו להגיש לקרבנות היהודיים עזרה רפואית כלשהי. כשפסקה המגיפה, בימי חג הפסח ת״ש, החליטו הרוצחים לערוך שחיטה בקרבנות שנשארו בחיים. הם הובלו לכפר עזוב, שם אילצום חיות־הטרף הברבריות לערוך תרגילי־סדר, ליפול ולקום במהירות־הבזק, אלה אשר פיגרו אחרי ההוראות, ולו בשניה אחת, הומתו ביריות.

מספר שבויים נשארו בחיים, אבל הרוצחים לא שבעו עדיין. הם מצאו במקום בורות־שופכין עמוקים ושוב פקדו על הקרבנות האומללים לקפוץ לתוך הבורות, ואלה אשר פיגרו למלא את הפקודה נורו מיד. הנמוכים בין הקרבנות האומללים טבעו ואלה שניצלו הועמדו בשורות, צעירים מול זקנים, והרוצחים אילצו את הצעירים להכות בקתות הרובים את הזקנים. במבצע זה נהרגו שני שלישים מהניצולים. פצועים ושותתי־דם הובלו אחרוני הקרבנות שנשארו בחיים למחנה עבודה קטן בגרנדנדורף, שם היו נתונים בתנאים איומים עד אשר חוסלו תוך שבועות מספר.

מר יותר היה גורלם של היהודים המעטים אשר בהמרשטין (פודזמצה המרשטינסקי) שאולצו לכרות בעצמם את קבריהם ויתכן שנקברו בחיים. באכזריות חוסלו גם אחרוני היהודים אשר בגראבוב, טשלוכוב, טוחול (פוכאניצה טוכולסקה), מאלכין, מוסטי, סבורצינק, פורדון, קרושוויץ, קולינטש, שרודה ורצקוב. בצורה דומה ואכזרית חוסלה גם קהלת טהורן עתיקת־היומין.

חיסול קהלות ישראל בשלזיה

עד 20000 יהודים גרו במחוז קטוביץ, הוא שלזיה, שסופח לפולניה. בחלקם הגדול התגוררו היהודים בקהלות קטוביץ, ביליץ, ציעשין, ויתרם בקהלות קטנות יותר. הקהלות בשלזיה לא היו כה עתיקות־ימים כמו קהלות ישראל בפומרן ובמחוז פוזנה, ומאידך לא נתדלדלו הישובים מיהודים בדור האחרון לפני השואה, כמו בפומרן. להיפך. הקהלות הללו ידעו שגשוג ופריחה גם בשנים האחרונות שקדמו לשואה הגדולה.


למרות מיעוט מספר היהודים בפומרן ובעיקר במחוז פוזנה, לא חסרו באיזורים הללו רגשות אנטישמיים חזקים ביותר, אם באוכלוסיה הגרמנית המקומית ואם בין הפולנים. בני פוזנה היו ידועים בשנאתם העזה ליהודים. אולם אנטישמיות לא חסרה גם בשלזיה, אם כי לא

און צוקאאפטירט געווארן צום אומאפהענגיקן פוילן, לויטן ווערסאילער טראקטאט אין יאר **1918**· אין דער ווייטער פארגאנגענהייט האבן דא געלעבט און געווירקט צענדליקער איינגעפונדעוועטע אידישע קהלות וועלכע האבן פונאנדערגעוויקלט א ברויזענדע, זייער טיכטיקע טעטיקייט· אין די לעצטע יארן איז די צאל פון די אידן אין די פאמערישע געביטן ארונטערגעגאנגען· און אין צענדליקע אלטע ישובים זיינען געבליבן נאר געציילטע אידן און גאר קליינע קהלות אין: גדיניע און גדאנסק (דאנציג), גניעזנאו, גרודזיאנדז, טארון, אילזא (דריליץ), אינאווראצלאוו, בידגאשטש און טשעלאכוב, און נאך עטליכע קלענערע ישובים·

אויך דער גורל פון די אידישע קהלות אין פאמערישן געגנט איז ניט געווען אנדערש פון דעם אין פויזנער געגנט· פאמערן איז צוקאאפטירט געווארן צום נאצישן רייך און די אקופאציע מאכט, האט גלייך ביים אריינקומען אנגעהויבן פירן א קלארע און אויגעהאלטענע פאליטיק, וועמענס ציל איז געווען „אפצורייניקן" איינגאנצן דעם געביט פון אידן אין מאקסימאלער גיכקייט· אין קלענערע ישובים האבן די מערדער עס געמאכט זייער פשוט, זיי האבן ניט געדארפט אנקומען צו ספעציעלע גזירות כדי צו אילימינירן די אידן פון זייערע פאזיציעס, זיי האבן זיך אפילו ניט באמיט ארויסצוטרייבן די אידן, נאר האבן זיי פשוט ארעסטירט ארויסגעפירט אויפן אידישן בית־עלמין און אין א נאנטן וואלד אדער סתם צו א גרוב — און אויסגעהרגעט ביז איינעם, אלט און יונג, פרויען און קינדער· זיי האבן געארבעט גיך און דאס גאנצע אידישע האב און גוטס איז געווארן צורויבט אדער קאנפיסקירט דורך דער פארברעכערישער מאכט·

שוין עטליכע טעג נאכן אקופירן דעם געגנט דורך די נאציס, איז ניט געבליבן קיין לעבעדיק נפש פון די ווייניקע אידן אין אילזע (דריליץ), אוסיאטשנע (א אור־אלטער ישוב), אביעדז און אדרי (וואיטעל)· די 500 יעריקע אידישע קהלה אין אינאווראצלאוו, איז מערסנטייל אויסגעהרגעט געווארן דורך די מערדער הינטערן שטאט· די אלטע געשיכטע פון אינאווראצלאוו ווייס צו דערציילן פון אזא שרעקליכער שחיטה· אין יאר שפ״ו זיינען אין א פאגראם אויסגעהרגעט געווארן אלע ארטיקע אידן· אין עטליכע יאר ארום איז די קהלה ווידער אויפגעשטעלט געווארן און ווען די נאציס זיינען אריינגעקומען אהין, האט זי געציילט 600 נפשות· א טייל פון זיי זיינען אנטלאפן נאך איידער די נאציס זיינען געקומען און די וועלכע זיינען געבליבן זיינען גלייך ארעסטירט געווארן דורך די נאצי־מערדער· א טייל פון זיי זיינען שרעקליך פארפייניקט געווארן, און א טייל איז ניצול געווארן פון יסורים דורכן טויט פון די מערדערישע הענט· די קהלה פון אינאווראצלאוו איז פארניכטעט געווארן שוין אין די ערשטע טעג פון דער נאצישער אקופאציע· דארט איז ניט געבליבן קיין איינאונאיינציקער איד·

דעם זעלבן גורל האבן געהאט די אידן פון בידגאשטש, די הויפט־שטאט פון קרייז פאמערן· ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן דארט געלעבט 200 משפחות· ס׳רוב פון זיי זיינען אנטלאפן נאך איידער די נאציס זיינען אריין אין שטאט, איבערלאזענדיק הינטער זיך זייער גאנצן פארמעגן·



יהודי פולין — בתמונה: רצענים בעבודתם·
פוילישע אידן — אויפן בילד: לעדער ארבייטער·

די וואס זיינען געבליבן האט מען גרויזאם אויסגעהרגעט· די מערדער האבן געגוי דורכגעקעמט דעם גאנצן געגנט זוכענדיק אידן און האבן ניט געלאזן קיין איין לעבעדיקן אידן· אזוי איז געווען דער גורל פון די קליינע אידישע ישובים פון געגנט: בלאנוב, ביאלי, בוקאוויטש, בלאשאוב און באלכין, אלטע, הונדערטער יעריקע ישובים וועלכע זיינען אין די לעצטע דורות פארארעמט געווארן פון אידן, ספעציעל פון יענער צייט ווען דער געגנט איז אריבערגעגאנגען אין פוילישע הענט· אזוי איז אויך געווען דער גורל פון די אידן אין דארף גראפא·

אין דער אלטער שטאט גניעזנאו און אין גרודזיאנדז זיינען געווען קליינע קהלות, וואו עס האבן ביזן אויסברוך פון דער מלחמה געלעבט ביי 200 משפחות· ס׳רוב פון די אידישע איינוואוינער זיינען אנטלאפן גלייך ביים אריינגיין פון די נאציס· נאר איינצלנע זיינען געבליבן, אבער אויך זיי זיינען באלד אנטלאפן מיטן לעבן, איבערלאזענדיק זייער גאנצן פארמעגן·

דעם ביטערן כוס האט אויסגעטרונקען אויך די אידישע קהלה אין גדיניע, דער פוילישער פארט, וועלכע איז אויפגעבויט געווארן נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה· דארט האט געוואקסן און געבליט א יונגע אידישע קהלה וועלכע איז געווען זייער אינטענסיוו און טיכטיק· אין פארלויף פון עטליכע יאר איז אויסגעבויט געווארן גדיניע ביי גדאנסק (דאנציג) דער פרייער פארט· דאנציג איז געווען כמעט א ריין דייטשע שטאט, אבער אין גדיניע האבן זיך באזעצט ס׳רוב פאליאקן און א ביסל אידן וועלכע האבן דארט געפירט בליענדיקע געשעפטן· פון יאר צו יאר איז די צאל פון די אידן אינ׳ם פארט געווארן גרעסער און די ארטיקע קהלה האט זיך איינגעפונדעוועט אלץ שטארקער און שטארקער, ביז דעם טאג ווען זי איז אקופירט געווארן דורך די נאציס דעם צווייטן טאג ראש השנה ת״ש· אויף מארגן זיינען ארעסטירט געווארן אלע אידישע מענער און זיינען אפגעפירט געווארן אין קאנצענטראציע־לאגער אין נאענטן דאנציג· אפילו



יהודי פולין — בתמונה: נגר בבית המלאכה שלו.
פוילישע אידן — אויפן בילד: א סטאלער אין זיין ווערקשטאט.

בממדים החריפים שבפומרן. הישוב בשלזיה, כמו בפומרן, היה מורכב מפולנים ומגרמנים, לאחר שלטונה של גרמניה הקיסרית במקום, במשך תקופה של כמאה וחמישים שנה.

מרבית יהודי שלזיה ברחו לאיזורים המזרחיים של פולין כבר ביום הראשון לפרוץ המלחמה. העשירים ביניהם יצאו את המקום עוד לפני פרוץ המלחמה מתוך פחד משכניהם הלא־יהודיים. משמונת אלפי יהודי קטוביץ, 4000 מהם נמלטו מהמקום. מביליץ ומציעשין ברחו מרבית היהודים וכן גם מקהלות קטנות יותר.

מיד עם כיבוש המקום בידי הגרמנים החלו הרדיפות האכזריות נגד היהודים. בקטוביץ החלו הגרמנים להתנכל גם לפולנים המקומיים, אם מתוך רגשות־נקם ואם מתוך שאיפה לטהר את העיר מגורמים לא־גרמניים. 25 איש נתלו באותו יום, ובתוכם יהודים. רבים נאסרו ועונו קשות, ואם בימים הראשונים היו הפולנים כמו היהודים, מטרה לעינויים ולהתעללויות, הרי כעבור ימים מספר החריפו הרדיפות נגד היהודים והם הועמדו מחוץ לכל חוק. בתי־עסק של היהודים הוחרמו ובתי היהודים נשדדו, ההמון הגרמני כילה את חמתו בכל יהודי שנתקל בדרכו. היה ברור כי ימי היהודים בבירת שלזיה הפולנית ספורים.

שלזיה סופחה לרייך הגרמני. חוקי נירנברג חלו על האיזור מיד עם היום הראשון לכיבוש. על היהודים נאסר לעסוק במסחר ובתעשיה, לעבוד בפקידות, או להופיע במקומות ציבוריים. על הרופאים ועורכי־הדין היהודיים נאסר לפעול במקצועותיהם. בתי־הכנסת נסגרו, ספרי־התורה חוללו ונשרפו. חיי היהודים במקום הפכו לגיהינום רווי־דם. כל עוד נפשם בם, ברחו אחרוני היהודים מעיר־הדמים. לא עברו ימים רבים וקטוביץ נעשתה „יודנריין".

ביליץ (בילסקו) נעזבה על ידי 4000 יהודיה עוד לפני כניסת הגרמנים לעיר. מרבית בני הקהלה הצעירה לימים היו תעשיינים וסוחרים עשירים אשר סבלו בשנים האחרונות לפני השואה מפרעות אנטישמיות. כשנה בדיוק לפני פרוץ המלחמה, פרצו פרעות נגד יהודי העיר בגלל קטטה בין יהודי ולא־יהודי. גם אז עזבו מרבית היהודים את העיר. רגשות אנטישמיים עזים הורגשו בעיר ויהודי ביליץ ידעו את הצפוי להם במקרה והעיר תיכבש על־ידי הגרמנים.

היתה זאת קהלה צעירה לימים, ששנותיה ספורות, אבל רבת־מעש וגדולת־מעמד. ציבור חרדי רב־פעילות התרכז במקום ומוסדות לדוגמה הוקמו שם. בגפם יצאו יהודי ביליץ את עירם וכל רכושם היה לבז. מפעלי היהודים הועברו מיד עם כיבוש העיר לידי הגרמנים ובתי היהודים נשדדו. כזה היה גם גורלן של יתר הקהלות בשלזיה.

שבועות מספר אחרי הכיבוש הנאצי חוסלו סופית קהלות ישראל במחוז זה, והוא הפך להיות גרמני טהור. מרבית הפולנים המקומיים גורשו אף הם ולא ניתן להם להשתתף במעשי השוד והביזה. הנאצים עמלו אף במקום זה למחוק כל זכר לחיים יהודיים פורחים. בתי־כנסת הפכו למחסנים או לאולמות לצרכים גרמניים, בתי־הקברות של היהודים חוללו, סמלי מגן דוד הורדו והושחתו. נמחק כל זכר לישוב היהודי הפורח בשלזיה.

חורבן קהלות ישראל במחוז קילץ

למעלה משלוש מאות אלף יהודים פזורים היו על־פני כאלף ישובים, ערים, עיירות, כפרים ואחוזות במרחבי מחוז קילץ. בחלקם גרו בקהלות ותיקות ומפוארות כאפטה וצויזמיר, אולקוש ופינטשוב, חנצ'ין, שידלוב או וואדיסלב, וחלקם — בקהלות צעירות או עתיקות, פורחות ומשגשגות, כמו קילץ וצנסטכוב, בנדין וראדום, סוסנוביץ או קינסק.

עתיקי־יומין היו הישובים היהודיים במחוז קילץ. מתוך 29 קהילות ראשיות בתקופת ועד ארבע הארצות, היו 7 במחוז זה בלבד. באותה תקופה עדיין אסור היה ליהודים להתגורר בקילץ ובראדום, ואילו באותן ערים בהן כן הותרו מגוריהם, חלו עליהם הגבלות מרובות.

חלק מהקיבוצים היהודיים במחוז קילץ נפל לידי המרצחים הנאצים כבר בימים הראשונים לפרוץ המלחמה. האיזורים המערביים של המחוז, גליל זגלמביה וצנסטכוב, נכבשו בשבוע הראשון של המלחמה. אם אמנם קהלות ישראל במחוז קילץ לא ידעו רציחות המוניות בימים הראשונים כמו מחוזות אחרים של פולין, הרי שאין להתעלם מן העובדה שדם יהודי ניגר כמים בלי הפוגות גם בשטחים הללו, ולא היתה קהלה או ישוב שלא תרמו את חלקם לעקידה הגדולה בימיה הראשונים. לבד מזאת, היו קהלות וישובים במחוז זה, אשר אף סבלו קשות ביותר כבר בימים הראשונים לשואה.

די פרויען און קינדער זיינען גרויזאם פארטריבן געווארן. און אזוי איז אפגעווישט געווארן די בליענדיקע ארטיקע קהלה.

יסורי גיהינום האבן דורכגעמאכט די גדיניער אידן אין שרעקנס־לאגער שטוטהאף, וואוהין עס זיינען געבראכט געווארן אויך די אידן פון דאנציג. ארבעטענדיק קאטאר־זשנע ארבעט, האבן די מערדער זיי ניט געגעבן קיין עסן און געשאסן אויף זיי ביי יעדער געלעגנהייט. אין דריי מא־נאטן ארום זיינען געבליבן נאר העלפט ארעסטירטע, די אנדערע העלפט האט ניט געקענט אויסהאלטן די יסורים. אין פרילינג איז אויסגעבראכן א עפידעמיע פון וועלכער עס זיינען טאג טעגליך אויסגעשטארבן ביז 25 מענשן א טאג. די נאצישע מערדער האבן ניט געוואלט געבן וועלכע עס איז הילף די אידישע קרבנות וואס זיינען געבליבן לעבן. מען האט זיי געבראכט אין א פארלאזענעם דארף, און דארטן האבן די בעסטיעס זיי גענויט צו מאכן גימנאסטיק, זיך ווארפן אויף דער ערד און בליץ־שנעל זיך אויפהויבן, די יעניקע וואס האבן ניט אויסגעפירט די אנווייזונגען אין דער זעלבער מינוט, זיינען אויפן ארט דערשאסן געווארן.

עטליכע ארעסטאנטן זיינען דאך געבליבן לעבן און דאס האבן די מערדער ניט געקענט איבערטראגן, האבן זיי דערביי געפונען עטליכע טיפע אפגוס־גריבער, און האבן באפוילן די אומגליקליכע ארייננצושפרינגען אין די גריבער, די וואס האבן ניט געוואלט אויספירן דעם באפעל, זיינען אויפן ארט דער־שאסן געווארן. די נידעריקע צווישן די קרבנות, זיינען דער־טרונקען געווארן אין די גריבער און די וואס זיינען גיבליבן לעבן, זיינען אויסגעשטעלט געווארן אין שורות, יונגע אנט־קעגנאיבער אלטע אין די מערדער האבן גענויט די יונגע צו שלאגן מיט די ביקסן־קאלבעס די אלטע לייט. אין דער אקציע זיינען אומגעקומען צוויי דריטל פון די איבערגעבלי־בענע. פארוואונדעט און באגאסן מיט בלוט האט מען אוועק געפירט די איבערגעבליבענע קרבנות אין א קליינעם ארבייטס לאגער אין גרענדענדארף, דארט האבן זיי געלעבט אין שווי־דערליכע באדינגונגען ביז זיי זיינען אומגעקומען אין פאר־לויף פון עטליכע וואכן.

ביטערער איז געווען דער גורל פון דעם הייפל אידן אין האמערשטיין (פודזימצא־האמערשטינסקי). מען האט זיי גענויט אליין אויסצוגראבן זייערע קברים. און מעגליך אז מען האט זיי באגראבן לעבעדיקערהייט. גרויזאם זיינען אומגעבראכט געווארן אויך די לעצטע אידן פון גראבאוו, טשלעכאוו, טאחאל (פאכאניצא טואכאלסקא) מאלכין, מוסטי, סבורצינעק, פארדאן, קרושעוויץ, קאלינעטש, שע־ראדא און ראטשקאוו. אויף אזא גרויזאמן אופן איז אויך אפגעמעקט געווארן די אלטע קהלה אין טהארן.

דאס פארניכטונג פון די אידישע קהלות אין שלעזיע

אין קאטאוויצער געגנט האבן געלעבט ביי 20.000 אידן. ווי שוין דערמאנט איז שלעזיע געווען איינער פון די געביטן וואס זיינען צוקאאפטירט געווארן צו פוילן. ס׳רוב פון די אידן האבן געוואוינט אין די קהלות: קאטאוויץ, ביליץ, ציעשין און די איבעריקע אין קלענערע קהלות. די קהלות אין שלעזיע זיינען ניט געווען אזוי אלט ווי אין פאמערן און אין פוזנער געגנט. דאגעגן זיינען די אידישע ישובים אין




יהודי פולין — סופר כותב מזוזה. (בתמונה: רבי אברהם יעקב הסופר מלוקוב). / פוילישע אידן — אויפן בילד: רבי אברהם יעקב, דער לוקאווער סופר שרייבט א מזוזה.

שלעזיע ניט געווארן אין לעצטן דור אזוי ארעם פון אידן ווי אין פאמערן. אומגעקערט, די דאזיקע קהלות האבן זיך ענטוויקלט און געבליט אין די לעצטע יארן פאר דער קא־טאסטראפע.

חאטש די צאל פון די אידן אין פאמערן און בפרט אין פויזנער געגנט איז געווען זייער קליין, איז פונדעסטוועגן דער אנטיסעמיטיזם געווען דארט זייער שטארק, סיי ביי די ארטיקע דייטשן און סיי ביי די פאליאקן. די „פאזנאנט־שיקעס" זיינען געווען בארימט מיט זייער שנאה צו אידן. אבער אויך שלעזיע האט ניט געפעלט קיין אנטיסעמיטיזם, חאטש ניט אין אזא שארפער פארעם. די באפעלקערונג פון שלעזיע, אזוי ווי אין פאמערן איז באשטאנען פון פאליאקן און דייטשן, נאכדעם ווי דאס קעניגרייך דייטשלאנד האט דארט געהערשט במשך פון 150 יאר.

ס׳רוב אידן פון שלעזיע זיינען אנטלאפן געווארן אין די מזרח געביטן פון פוילן שוין אין ערשטן טאג פון דער מלחמה. די רייכע האבן פארלאזן דאס ארט נאך איידער עס איז אויסגעבראכן די מלחמה, מורא האבענדיק פאר זייערע ניט אידישע שכנים. פון די 8000 קאטאוויצער אידן, זיינען 4000 אנטלאפן, אויך פון ביעליץ, צפון ציעשין און פון די קלענערע קהלות זיינען די אידן אנטלאפן.

גלייך ביים אקופירן די שטאט דורך די דייטשן האבן זיך אנגעהויבן די גרויזאמע רדיפות אויף די אידן. אין קאטא־וויץ האבן די דייטשן אנגעהויבן רודף׳ן אויך די ארטיקע פאליאקן צוליב נקמה געפילן אדער ווייל זיי האבן געוואלט אפרייניקן דער שטאט פון ניט קיין דייטשע עלעמענטן. אין זעלבן טאג האט מען אויפגעהאנגען 25 מענשן, צווישן זיי אויך אידן. א סאך זיינען ארעסטירט און געפייניקט געווארן. אבער אויב אין די ערשטע טעג האבן די פאליאקן געליטן פון די רדיפות און פייניקונגען אזויווי די אידן, זיינען אין עטליכע טעג ארום פארשארפט געווארן די רדיפות אויף די



יהודי פולין — בתמונה: סתת בעבודתו.
פוילישע אידן — אויפן בילד: א שטיין האקער ביי דער ארבייט.

במחוז קילץ כמעט ולא התגוררו גרמנים, פרט למספר מבוטל בזגלמביה. עובדה זו היתה אמנם לטובת יהודי המקום, לפחות, בתקופה הראשונה של המלחמה ולשלטון הכובשים הנאציים, אולם ברבות הימים שקדו חלקים ניכרים של האוכלוסיה הפולנית להתקרב לגרמנים ולמצוא חן בעיניהם ע״י רציחת יהודים. הסיכוי לזכות ברכוש יהודי גזול, קסם לפולנים רבים במחוז זה, יותר מאשר במחוזות אחרים. למעשה, עוד בטרם כבשו הגרמנים את המחוז נפלו מספר יהודים בידי הפולנים, ובעיקר איכרים בכפרים קטנים שבמחוז. ברצח יהודים הצטיינו בעיקר, איכרים פולניים בגליל קינסק, אשר לפני פרוץ השואה התפרנסו מיהודים, והיו ביניהם כאלו אשר התעשרו על חשבון היהודים.

גם הכמורה הקתולית במחוז קילץ הצטיינה במיוחד בשנאת ישראל, אף שעמיתיהם במחוזות אחרים בפולין לא נפלו מהם בהרבה. פוגרום־הדמים שנערך בקילץ על־ידי פולניים כבר אחרי התמוטטות משטר הכיבוש הנאצי והקמת פולין הדימוקראטית, מעיד על השנאה הזיאולוגית של הפולנים הללו ליהודים.

לא היו כל סיבות מיוחדות לשנאת־ישראל המוגברת באיזור זה. יהודי המחוז לא היו העשירים ביותר בין יהודי פולין ואף לא תפסו עמדה מיוחדת, לא התבלטו בין הפולנים ורובם — חרדים היו וחיו את חייהם בעולמם הסגור והצנוע. יהודי מחוז קילץ לא סבלו על היותם עשירים או מנצלים, מתחרים או מציקים; הם סבלו על היותם יהודים כשם שנפלו כיהודים.

כיבוש זגלמביה

מזרחה למחוז קילץ שכן איזור זגלמביה שהקיף 12 קהילות וישובים יהודיים. הגדולה והעתיקה שבקהלות זגלמביה היתה בנדין. זו הקהלה שמנתה עד 27 אלף נפשות מישראל והתקיימה קרוב לשבע מאות שנה. אחריה היו: סוסנוביץ (19000 יהודים) דומברובה (4000) זומבקוביץ (3000) סטז׳מישיץ (2700) מונדשיוב (2100) צ׳אלאדאז (1800) לגישה (1600) גוינוג (600) גרויצה (400) ניבקה (300) ודנדובקה (200).

900 שנה התקיים הישוב היהודי בזגלמביה. לראשונה עסקו יהודי הגליל בחקלאות, אולם במרוצת השנים נעשו לסוחרים ולרוכלים. ההתפתחות העיקרית של האיזור הזה חלה בתקופה האחרונה, תודות לתיעוש האיזור והפיכתו למרכז למלאכה, למסחר ולתעשיה, וכן תודות למכרות הפחם שהתרכזו בזגלמביה שסיפקו את הפחם לפולין כולה.

והרי דוגמה להתפתחות קהלת בנדין, הגדולה והוותיקה שבקהלות האיזור:

מספרי יהודים בבנדין			
השנה	כלל התושבים	יהודים	אחוז היהודים
1798	1200	300	25
1835	2500	1200	48·6
1855	3350	2240	68·0
1897	13550	10839	80·0
1921	30000	18210	60·0
1931	50000	24000	44·0
1939	60000	27000	45·0

בלט עוד יותר גידולה של קהלת סוסנוביץ, השניה בגודלה בין קהלות ישראל בזגלמביה.

מספר היהודים בסוסנוביץ			
השנה	כלל התושבים	יהודים	אחוז היהודים
1897	6700	604	9·0
1921	43·260	9300	21·5
1931	84·910	14·800	17·4
1939	110·000	19·000	17·2

קהלות ישראל בזגלמביה, ששגשגו במיוחד בתקופה האחרונה שלפני חורבן פולין, נכבשו במהירות על־ידי הקלגסים הנאציים כבר בימים הראשונים למלחמת־הדמים. בנדין וסוסנוביץ נפלו לידי האויב כמעט ללא מאבק מצד הפולנים.

כבר למחרת הכיבוש החלו הכובשים הנאציים במעשי־הרצח ובשפיכת דמם של יהודי בנדין. 2 יהודים ניתלו ולמחרת היום ניתלה יהודי נוסף.

מספר ימים לאחר מכן הציתו הנאצים בעזרת פולנים את בית־הכנסת הגדול. כמה יהודים, וביניהם ר׳ יחזקאל שלזינגר וחתנו ר׳ יחזקאל קאן, השליכו את נפשם מנגד כדי להציל את ספרי־התורה. הרוצחים הנאציים תפסו אותם והשליכום לתוך האש שאחזה ב־50 בתים יהודיים בסביבה. הקלגסים לא הרשו ליהודים, דרי הבתים, להציל


אידן און זיי זיינען געשטעלט געווארן אויסערן געזעץ. אידישע געשעפטן זיינען קאנפיסקירט געווארן און אידישע הייזער זיינען צורויבט געווארן. דער דייטשער פעבל האט אויסגעלאזט זיין גאנצן כעס אויף יעדן אידן וועלכן זיי האבן געטראפן אין וועג. עס איז געווען קלאר אז די טעג פון די אידן אין דער הויפט שטאט פון שלעזיע, זיינען געציילטע.

שלעזיע איז צוקאאפטירט געווארן צום דייטשן רייך, אזוי אז די נירענבערגער געזעצן זיינען דארט געווען גילטיק שוין אין ערשטן טאג נאך דער אקופאציע. די אידן איז געווען פארבאטן זיך צו פארנעמען מיט האנדל און אינדוסטריע, זיי האבן ניט געטארט זיין קיין אנגעשטעלטע און זיך ניט געטארט ווייזן אין עפענטליכע פלעצער. אידישע דאקטוירים און אדוואקאטן איז פארבאטן געווארן זיך צו פארנעמען מיט זייער פאך. די שולן זיינען פארמאכט געווארן און די ספרי תורה זיינען געשענדעט און פארברענט געווארן. דאס לעבן פון די אידן איז פארוואנדלט געווארן אין א בלוטיקן גיהינום. די אידן זיינען אנטלאפן געווארן פון דארט קוים מיטן לעבן. און אין א קורצע צייט איז קאטאוויץ געבליבן „יודענריין״.

די 4000 ביליצער אידן האבן פארלאזן זייער שטאט נאך איידער די דייטשן זיינען אריין אהין. ס׳רוב פון דער יונגער קהלה זיינען געווען פאבריקאנטן און רייכע סוחרים וועלכע האבן די לעצטע יארן פאר דער קאטאסטראפע שטארק געליטן פון אנטיסעמיטישע פאגראמען. גענוי א יאר פאר דער מלחמה, האט אויסגעבראכן אין שטאט א פאגראם צוליב א קריג צווישן א אידן און א ניט אידן. אויך דאן האבן ס׳רוב אידן פארלאזט די שטאט. שטארקע אנטיסע־מיטישע געפילן האבן זיך געפילט אין שטאט במשך פון דער גאנצער צייט און די ביליצער אידן האבן געוואוסט וואס עס ערווארט זיי אויב די שטאט וועט איינגענומען ווערן דורך די דייטשן.

דאס איז געווען נאך א גאנץ יונגע קהלה, סך הכל א פאר קורצע יאר האט זי געבליט, פול מיט לעבן און אינטענסיווי־טעט. דארט האט זיך קאנצענטרירט א ארטאדאקסישע מאסע און עס זיינען אויפגעשטעלט געווארן מוסטער־אינסטיטוציעס. נאקעט און בארוועס האבן די ביליצער אידן פארלאזט זייער שטאט און זייער גאנצער פארמעגן איז צורויבט געווארן. אידישע אונטערנעמונגען זיינען גלייך איבערגעגעבן געווארן אין דייטשע הענט און אידישע הייזער זיינען צורויבט געווארן. אזוי איז געווען דער גורל פון די איבעריקע קהלות אין שלעזיע.

געציילטע וואכן נאך דער נאצישער אקופאציע זיינען ענט־גילטיק פארניכטעט געווארן אלע אידישע קהלות אין דעם געגנט און ער איז געווארן א ריין דייטשער געגנט. ס׳רוב ארטיקע פאליאקן האט מען אויך פארטריבן און מען האט זיי ניט געלאזן אנטייל נעמען אין דער רויב אקציע. אויך דא האבן זיך די נאציס באמיט אפצווישן יעדן זכר פון אמאליקן בליענדיקן אידישן לעבן. שולן זיינען פארוואנדלט געווארן אין שפייכלערס אדער זאלן פאר דייטשע צוועקן. די אידישע בית־עלמין׳ס זיינען געשענדעט געווארן, די מגן־דוד׳ס זיינען ארונטערגריסן און פארניכטעט געווארן.



יהודי פולין — בתמונה: חייט מקוטנה בעבודתו.
פוילישע אידן — אויפן בילד: א קוטנער שניידער.

און עס איז אפגעמעקט געווארן יעדער זכר פון בליענדיקן אידישן ישוב אין שלעזיע.

דער חורבן פון די אידישע קהלות אין קיעלצער קרייז

מער ווי דרייהונדערט טויזנט אידן האבן געלעבט צושפרייט איבער די כמעט טויזנט שטעט, שטעטלעך, דערפער און פאלווארקעס אין דער לענג און אין דער ברייט פון קיעלצער קרייז. א טייל — אין אלטע הערליכע קהלות ווי אשטייגער אפטע, צויזמיר, אולקאש אדער פינטשעוו, חענטשין, שיל־דאוו אדער וואידיסלאוו, און א טייל — אין אנדערע יונגע אדער אלטע בליענדיקע און שטענדיק וואקסענדיקע־קהלות. ווי צ.ב.ש.: קיעלץ, טשענסטאכאוו, בענדין, ראדאם, סאס־נאוויעץ און קינסק. א.א.

אור־אלט זיינען געווען די אידישע ישובים אין קיעלצער געגנט. צווישן די 29 הויפט קהלות אין דער צייט פון „ועד ארבע הארצות״, זיינען 7 געווען אין קיעלצער קרייז. אין יענער תקופה האבן די אידן נאך ניט געטארט וואינען אין קיעלץ און אין ראדאם און אפילו אין די ערטער וואו זיי האבן שוין יא געמעגט וואינען — זיינען זיי געווען ארומ־גענומען מיט זייער אסאך באגרענעצונגען.

א טייל פון די אידישע ישובים אין קיעלצער געגנט איז אריינגעפאלן אין די הענט פון די נאצישע מערדער, שוין אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, די מערב׳דיקע טיילן פונ׳ם געגנט, זאגלעמביע פון טשענסטאכאווער קרייז — זיינען איינגענומען געווארן שוין אין דער ערשטער וואך פון דער מלחמה. און חאטש אין די ערשטע טעג זיינען ניט פאר־געקומען אין קיעלצער געגנט קיין מאסן הריגות, ווי אין אנדערע געגנטן, האט זיך פונדעסטוועגן אויך דא געגאסן יעדן טאג אידיש בלוט ווי וואסער, און עס איז ניט געווען קיין איין אידישער ישוב וואס האט ניט געגעבן זיין בלוטיקן טייל און דער גרויסער עקידה שוין אין די ערשטע טעג. עס זיינען אפילו געווען קהלות און ישובים אין דעם געגנט וואס האבן אממערסטן געליטן דווקא אין די ערשטע טעג.

אין קיעלצער געגנט האבן קיין דייטשן כמעט ווי ניט



יהודי פולין — בתמונה: עניים וזקנים מתחממים ליד תנור בית המדרש בלובלין. / פוילישע אידן — אויפן בילד: ארמעלייט און זקנים ווארימען זיך ביים אויוון אין א לובלינער בית מדרש.

עצמם, והם חזרו והפילו חלק מהם לתוך לשונות־האש שפרצו מהבנינים. כמה מאות יהודים נשרפו חיים ורק כ־60 מהם זוהו לפני שנקברו בקבר־אחים גדול.

מיד לאחר מכן, בעוד ובני הקהלה הגדולה והמפוארת עומדים מיותמים והמומים, התנפלו הנאצים על בית ברחוב פילסודסקי 17, הוציאו משם את כל הגברים והם נורו במקום. כל נימוק לא ניתן למעשה הרצח. נמסרה רק הודעה שעל יהודי העיר לשלם קנס של 5 ק״ג זהב ו־20 ק״ג כסף. כשהיהודים לא סיפקו את המכסה הקצובה בזמן הנקוב, נאסרו 120 בני־ערובה אשר עונו קשות.

הקהלה המעטירה אשר בבנדין הפכה להיות ישוב משועבד של נידונים לכליה. ב־3 בספטמבר השתלטו הקלגסים הנאציים על העיר, הפכו את חיי היהודים לגיהינום עלי־אדמות, עד שהקהלה הדוויה והנאנקת חוסלה ביום א׳ באלול תש״ג.

סוסנוביץ, הגדולה בערי זגלמביה, נכבשה על־ידי הגרמנים ביום השני, 4 בספטמבר. מיד הוחל במעשי שוד וביזה נגד היהודים. עשרות יהודים נטבחו בטענה כי נמצאו בסביבה גרמנים שנהרגו כאילו בידי יהודים או באשמתם. יהודים נחטפו לעבודת כפיה, מלווה בעינויים אכזריים. היו מהם שניתלו בכיכרות המרכזיות במגמה לזרוע פחד ובהלה בלב האוכלוסיה היהודית. היהודים אולצו לענוד אות־קלון, רכושם הוחרם, כל זכויותיהם נשללו ודמם נעשה הפקר.

חיי־גיהינום אלו, באמצעות הגיטו ועינויים אחרים, נמשכו עד ליום כ״ט בתמוז תש״ב. אז החלה האקציה הגדולה והאחרונה לחיסול יהודי סוסנוביץ שנסתיימה בשלהי חודש טבת תש״ג, ומאז נהפכה סוסנוביץ ל״יודענריין״.

לא שפר גורלן של יתר הקהלות היהודיות, הקטנות יותר בזגלמביה. באכזריות ללא־דוגמה השתלטו הנאצים על חיי־היהודים, הפכו אותם לצללים חיים, תוך סבל ללא־גבול. עוד בטרם עלה הכורת על קהלות בנדין וסוסנוביץ, נהרסו לחלוטין הקהלות הקטנות בזגלמביה.

קהלת צנסטכוב במצור ובמצוק

כקהלת סוסנוביץ, היתה גם קהלת צנסטכוב היפה, צעירה לימים. מישוב קטן בימי ועד ד׳ הארצות הגיעה למעמד של קהלה פורחת ומשגשגת. עולת־ימים היתה לעומת קהלות ישראל העתיקות בסביבה הקרובה והרחוקה, אולם התפתחה בצעדי־ענק, בד בבד עם התפתחותה של העיר.

והרי התפתחותה במספרים:

התפתחות הקהלה בצנסטכוב

השנה	יהודים	כלל התושבים	אחוז היהודים
1808	495	8200	6.0
1897	12000	54000	22.2
1931	25588	127900	20.0
1939	27400	137000	20.0

את צנסטכוב כבשו הקלגסים הנאציים ביום הראשון, 3 בספטמבר, יומיים אחרי פרוץ המלחמה. ביום הראשון להופעתם של החיילים הנאציים, התנהגו הללו בהתאפקות מסויימת, לא שדדו ולא רצחו יהודים, וחלק מהם אף שילם בכסף עבור קניותיו בחנויות, והיו גם כאלה אשר חילקו סוכריות לילדים. למחרת, ביום השני, כאשר מספר יהודים ניסו לפתוח את החנויות מתוך ארגעה יחסית, נשמעו לפתע יריות ברחובות הראשיים של העיר. תוך חמש דקות נתמלאו המדרכות בגוויות־אדם, בעיקר יהודים. בהלה איומה אחזה את תושבי צנסטכוב, וכמובן, בעיקר את היהודים. נפלה אימה נוראה על תושבי העיר היפה והמשגשגת.

למחרת, ביום השלישי, פירסמה מפקדת הכיבוש הגרמנית, כי על כל יהודי המקום להופיע ברחובות כשידיהם מורמות למעלה. רבים נבהלו והופיעו, והם נאסרו ועונו קשות. בימים הללו החל השוד הגדול של יהודי העיר. החיילים הנאציים פשטו על־פני חנויות היהודים ושדדו מכל הבא ליד. רבים נפצעו אגב פעולות־השוד. הבהלה הגדולה שהשתררה בעיר אחרי הטבח האיום גרמה להשתקת כל העבודה. מיד הורגש רעב ללחם ולמצרכי־מזון אחרים. וכאשר המאפיות החלו שוב לספק לחם, הזדנבו תורים ארוכים ליד פתחיהן. החיילים הנאציים הופיעו כדי

געוואינט אויסער געציילטע אין זאגלעמביע· דאס איז פאק־טיש געווען צום גונסטן פון די ארטיקע אידן, וויניקסטנס אין אנהויב פון דער מלחמה און פון דער נאצישער אקו־פאציע· אבער מיט דער צייט האבן גרויסע טיילן פון דער פוילישער באפעלקערונג, זיך אנגעהויבן צו חנדלען צו די דייטשן וועלנדיק זיי געפעלן ווערן דורך הרגענען אידן· די אויסזיכטן צו באקומען געגזל׳טן אידישן פארמעגן, האט אויפגערייצט זייער אסאך פאליאקן פון דעם געגנט מער ווי פון אנדערע געגנטן· פאקטיש זיינען עטליכע אידן געהרגעט געווארן דורך פוילישע פויערן אין דעם געגנט, נאך איידער די דייטשן האבן אקופירט דעם געגנט, בעיקר זיינען עס געווען פויערן אין די דערפער, אממערסטן אויסגעצייכנטביים אידן־מארד האבן זיך די פויערן פון קינסקער געגנט, דוקא די וועלכע האבן פאר דער מלחמה געצויגן זייער חיונה פון אידן און צווישן זיי זיינען געווען אזוינע, וואס זיינען אפילו רייך געווארן פון אידן·

חאטש די קאטוילישע גייסטליכקייט אין גאנץ פוילן האט ניט געפעלט קיין אנטיסעמיטיזם, האבן זיך אבער די גלחים אין קיעלצער געגנט ספעציעל זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שנאת ישראל· אלס בעסטער באווייז פאר דער גוואלדיקער שנאה צו אידן מצד די קיעלצער פאליאקן קען דינען דער פאקט, וואס דארט איז פארגעקומען דער בארימטער בלו־טיקער פאגראם שוין נאכן פאלן פון נאצישן רעזשים, ווען עס האט שוין עקזיסטירט דאס דעמאקראטישע פוילן·


אויב מען זאל זוכן ספעציעלע סיבות פאר דעם שטארקערן אנטיסעמיטיזם אין דעם געגנט מער ווי אין אנדערע — קען מען ניט געפינען· ניט די אידן פון קיעלצער קרייז זיינען געווען די רייכסטע, און ניט זיי האבן פארנומען קיין ספע־ציעלן ארט· זיי האבן זיך ניט ארויסגערוקט ספעציעל צווישן די פאליאקן· מערסטנטייל פון זיי זיינען געווען פרומע אידן וועלכע האבן געלעבט אין זייער באשיידענער, איינגעשלא־סענער וועלטל·

די אידן פון קיעלצער געגנט האבן געליטן ניט ווייל זיי זיינען געווען רייך אדער אויסנוצערס, קאנקורענטן אדער סתם געמאכט ענג ווען עס איז, ניין, זיי האבן געליטן נאר ווייל זיי זיינען געווען אידן און זיי זיינען געפאלן ווי אידן·

דאס אקופירן פון זאגלעמביע

דער זאגלעמביער קרייז וואס ליגט מזרח׳דיק פון קיעלצער געגנט, האט ארומגענומען 12 אידישע קהלות און ישובים· די גרעסטע און עלטסטע אידישע קהלה פון זאגלעמביע איז געווען בענדין, וועלכע האט געציילט 27 טויזנט אידישע נפשות און איז אלט געווען קרוב צו 700 יאר· נאך איר זיינען געקומען די קהלות : סאסנאוויעץ (19 טויזנט אידן), דאמבראווע (4000 אידן), זומבקאוויעץ (3000 אידן), סטז־שעמעשיץ (2700 אידן), מונדזשעיאוו (2100 אידן), טשא־לאנדזש (1800), ליגישא (1600), גוינאג (600), גראוויצע (400), ניוואקא (300), און דאנדאנאווקא מיט 200 אידישע נפשות·

דער אידישער ישוב אין זאגלעמביע האט הינטער זיך א געשיכטע פון 900 יאר· פריער האבן זיך די אידן פארנומען



יהודי פולין — בתמונה : זקן בודד, לומד בבית כנסת עתיק בלובלין· /
פוילישע אידן — אויפן בילד : א אלטער איד לערנט אין א לובלינער שוהל·

מיט לאנדווירטשאפט אבער במשך דער צייט זיינען זיי גע־ווארן סוחרים, קאראבעלניקעס א·א·

די ענטוויקלונג איז בעיקר פארגעקומען אין דער לעצטער תקופה· א דאנק דאס אינדוסטריאליזירונג פון דעם געגנט און דאס פארוואנדלען אים אין א צענטער פון האנדל, אינ־דוסטריע און ווערקשטאט, ווי אויך א דאנק די קוילן שאכטן וואס זיינען געווען קאנצענטרירט אין זאגלעמביע און וועלכע האבן געליפערט קוילן פאר גאנץ פוילן·

די פאלגענדע טאבעלע באווייזט די ענטוויקלונג פון דער בענדינער קהלה, די גרעסטע און עלטסטע קהלה פונ׳ם געגנט :

די צאל פון די אידן אין בענדין

יאר	אלג· צאל איינוואינער	אידן	% אידן
1798	1,200	300	25
1835	2,500	1,200	48,6
1855	3,350	2,240	68,0
1897	13,550	10839	80,0
1921	30,000	18,210	60,0
1931	50,000	24,000	44,0
1939	60,000	27,000	45,0

נאך בולט׳ער איז געווען דאס פונאנדערוואקסן זיך פון דער סאסנאווצער קהלה, די צווייט־גרעסטע פון די אידישע קהלות אין זאגלעמביע :

די צאל פון די אידן אין סאסנאוויעץ

יאר	אלג· צאל פון דער באפעלקערונג	אידן	% אידן
1897	6,700	604	9,0
1921	43,260	9,500	21,5
1931	84,910	14,800	17,4
1939	110,000	19,000	17,2

די אידישע קהלות פון זאגלעמביע וואס האבן אזוי געבליט ספעציעל אין דער לעצטער תקופה פון פאר דער מלחמה, זיינען שנעל אקופירט געווארן דורך די מערדערישע הארדעס שוין אין די ערשטע טעג פון דער בלוטיקער מלחמה· בענדין



יהודי פולין — בתמונה: ישישה מדליקה נרות שבת.
פוילישע אידן — אויפן בילד: א אלטע פרוי צינד ליכט לכבוד שבת.

„להשליט סדר", הוציאו יהודים מהתורים וירו בהם ללא חשך.

קנס של 750000 זהובים הוטל על יהודי העיר כ„עונש" על „המהומות שערכו בעיר". כעבור יום, כשהסכום הדרוש לא הועבר לגרמנים על־ידי בני־הקהלה השדודים, נאסרו מספר יהודים כבני־ערובה להבטחת תשלום הסכום הנדרש. באותם ימים החלו הגרמנים לחטוף יהודים לעבודה, ובשעות שלפני־הצהרים לא יכול היה יהודי לעבור ברחובות העיר מבלי שייתפס על־ידי חיילים גרמניים שארבו להם בקרנות־הרחובות. הנחטפים הובלו למקומות שונים, ורבים מהם הוכו באכזריות או הועבדו בפרך. אחרים נאלצו לסחוב אבנים ומשאות כבדים הלוך ושוב, סתם כך להנאת המענים הסאדיסטיים.

האוכלוסיה הפולנית של צנסטכוב, שלא הצטיינה מעולם ביחס אנושי ליהודים, שיתפה פעולה עם הכובשים האכזריים נגד היהודים. הם שלחו ידם בשוד הרכוש היהודי ועזרו לנאצים בדיכוי היהודים. הנוער הפולני התנכל ליהודים ברחובות העיר מתוך סאדיזם שלא נפל מזה של הנאצים. מבודדים, עשוקים מכל וכל, כשהם מחוץ ומעבר לכל חוק, מופקרים ליצרי־האכזר של הרוצחים הגרמניים, נכנסו יהודי צנסטכוב לתקופת־הדמים האיומה.

כל המוסדות של יהודי צנסטכוב חוסלו. בתי־הספר נסגרו ומפעלי־התעשיה הוחרמו, רק מועצת היהודים שפעלה במקום הקהלה היהודית, הורשתה לבצע את הפעולות הציבוריות החיוניות תחת פיקוחם של הכובשים האכזריים. כ־5000 פליטים יהודיים מגורשי הסביבה הקרובה והרחוקה קיבלו קורת־גג לראשם על־ידי יהודי העיר, אשר גם בצרתם ובסבלותם, לא נמנעו מלהגיש יד־אחים לעזרת הפליטים.

יסורי־איוב עברו על יהודי צנסטכוב בימי שלטון הנאצים, ועל כך יסופר בספר „קהלות מחוז קילץ" אשר במגילה זו.

כיבוש קהלת קילץ

עתיקת לימים היתה קהילת קילץ, אולם צעירה מאד ברוחה. עוד בשנת 1935 נתן המלך הפולני זיגמונד הראשון פריבילגיה לתושבי קילץ הנוצריים, לפיה יש להם רשות לסגור את שערי העיר בפני היהודים. הם ניצלו רשות זו ואסרו על היהודים לגור בתחומי העיר, עתירת־הכנסיות. בשנת 1761 חידש הבישוף של קראקא את האיסור. אחרי התקוממות הפולנים נגד שלטונות רוסיה הצאריסטית, שהשתלטו על פולין בשנת 1832, החלו היהודים לעשות מאמצים רציניים לביטול האיסור. השתדלותם נשאה פרי. היהודים, תושבי כפרי־הסביבה, התחילו להתיישב במקום, אולם כעבור שנים מספר הצליחה הכמורה הנוצרית שוב לחדש את האיסור, ובשנת 1847, היא שנת תר"ז, שוב גורשו היהודים מהעיר, אך בכל זאת נשארו במקום יהודים בודדים באורח בלתי־חוקי.

רק לאחר המרד הפולני השני נגד שלטונות רוסיה הצאריסטית, בשנת 1863, (תרכ"ג), הותרה רשמית ישיבת היהודים בקילץ. למעשה נוסדה קהלת קילץ בשנת 1870 (תר"ל), ומאז התפתחה העיר בממדים רציניים. מעיירה קטנה ושקטה הפכה להיות עיר ראשית ולמחוז במרכזה של פולין.

על תהליך התפתחות זה, מעידה הטבלה דלהלן:

מספרי היהודים בקילץ

השנה	מספר היהודים	כלל התושבים	אחוז היהודים
1852	101	3639	2.8
1873	974	7410	13.0
1882	2659	9400	28.3
1897	6399	18210	35.15
1909	11206	34800	32.5
1921	15530	47700	32.6
1939	23000	62100	37.0

קילץ הפכה לעיר תעשייתית, וזאת, תודות ליהודי העיר שהיו חלוצי המסחר והתעשייה במקום. בשנת 1921 היו

און סאסנאוויעץ זיינען געפאלן כמעט אן ווידערשטאנד מצד די פאליאקן·

שוין אויף מארגן נאך דער אקופאציע האבן די נאצישע אקופאנטן אנגעהויבן זייער בלוטיקן טעראר פארגיסענדיק גלייך אידיש בלוט· צוויי אידן זיינען אויפגעהאנגען געווארן און אויף מארגן האט מען אויפגעהאנגען נאך א אידן· אין עטליכע טעג ארום האבן די נאציס, מיט דער הילף פון ארטיקע פאליאקן אונטערגעצונדן די גרויסע שול· עטליכע אידן, צווישן זיי ר׳ יחיאל שלעזינגער און זיין איידעם ר׳ יחזקאל קאן, האבן ניט קוקענדיק אויף דער געפאר זיך געווארפן ראטעווען די ספרי תורה, אבער די מערדער האבן זיי געכאפט און זיי אריינגעשליידערט אין די פלאמען וועלכע האבן שוין ארומגענומען 50 אידישע הייזער· די באנדיטן האבן ניט ערלויבט די איינוואינער פון די הייזער, זיך צו ראטעווען און האבן מיט די אייגענע הענט אריינגעווארפן צוריק אין די פלאמען די אידן וואס זיינען אנטלאפן פון פייער· עטליכע הונדערט אידן זיינען דאן לעבעדיק פאר־ברענט געווארן· אינ׳ם גרויסן ברודער קבר האט מען געקענט דערקענען נאר 60 צווישן זיי·

גלייך נאך דעם, נאך איידער די באנומענע און פאריתומ׳טע אידן פון דער גרויסער און שיינער קהלה זיינען געקומען צו זיך, האבן די נאציס באַפאלן א הויז אויף פילסודסקי גאס 17, ארויסגענומען פון דארט אלע מענער און האבן זיי אויסגעשאסן אויפן פלאץ אן א שום אויסרייד· דאגעגן איז געגעבן געווארן א באפעל אז די אידן דארפן באצאלן א קאנטריבוציע פון 5 קילא גאלד און 20 קילא זילבער· און ווען די אידן האבן ניט צוגעשטעלט צו דער צייט די קאנטריבוציע, זיינען ארעסטירט געווארן 120 ערב׳ניקעס וועלכע מען האט שווער געפייניקט·

די שיינע בענדינער קהלה איז פארוואנדלט געווארן אין א פארקנעכטעטן ישוב וואס איז פארמשפט צו אונטערגאנג· דעם דריטן סעפטעמבער האבן די באנדיטן איינגענומען דער שטאט און האבן גלייך פארוואנדלט דאס לעבן פון די דאר־טיקע אידן אין א גיהנום אויף דער וועלט· ביז די פארפיי־ניקטע און צווייטאקטע קהלה איז אפגעווישט געווארן דעם ערשטן טאג אין אלול, תש״ג·

סאסנאוויעץ, די גרעסטע שטאט אין זאגלעמביע, איז איינגענומען געווארן אויף מארגן, דעם 4־טן סעפטעמבער· און באלד האט זיך אנגעהויבן די רויב אקציע געגן די אידן· צענדליקער אידן זיינען אויסגעהרגעט געווארן אונטערן אויסרייד אז אין זייער געגנט האט מען געפונען דערמאר־דעטע דייטשן וועלכע זיינען כלומר׳שט געהרגעט געווארן דורך זיי אדער זיי זיינען געווען מיטשולדיק אין זייער טויט· אידן זיינען געכאפט געווארן אויף שווערע ארבעט באגלייט מיט גרויזאמע פייניקונגען· מאנכע פון זיי זיינען געהאנגען געווארן אויף עפענטליכע פלעצער מיט דער כוונה צו פאר־שפרייטן שרעק און אימה ביי דער אידישער באפעלקערונג· מען האט גינויט די אידן אנצוטאן א שאנד־פלעק, זייער פארמעגן איז קאנפעסקירט געווארן, זייערע רעכט האבן זיי פארלארן און זייער בלוט איז געווארן הפקר·

דער דאזיקער גיהנום־לעבן מיט דער הילף פון געטא און אנדערע עינויים, האט זיך געצויגן ביז כ״ט תמוז תש״ב·



יהודי פולין — בתמונה: תלמידות "בית יעקב" בלאסק בימי אושרן· / פוילישע אידן — אויפן בילד: שולערינס פון א לאסקער "בית יעקב" שולע אין די "גוטע צייטן"·

אין דעם טעג האט זיך אנגעהויבן די גרויסע און לעצטע אקציע פון פארניכטונג פון די סאסנאאווצער אידן, וועלכע איז פארענדיקט געווארן ענדע טבת תש״ג· דאן איז סאס־נאוויעץ געווארן „יודענריין״·

ניט בעסער איז געווען דער גורל פון די אנדערע, גרעסערע און קלענערע קהלות פון זאגלעמביע· מיט א ביישפיללאזער גרויזאמקייט האבן די נאציס באהערשט דאס לעבן פון די אידן, האבן זיי פארוואנדלט אין לעבעדיקע שאטענס דורך אומאויפהערליכן פיין· נאך איידער עס זיינען פארטיליקט געווארן די קהלות פון סאסנאוויעץ און בענדין זיינען אינ־גאנצן פארניכטעט געווארן די קלענערע קהלות אין זאג־לעמביע·


די טעשענסטאכאווער קהלה אין פיין און גרויל

אזוי ווי סאסנאוויעץ איז אויך די טשענסטאכאווער שיינע קהלה געווען נאך יונג· פון א קליינינקן ישוב אין דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות״ — איז זי געווארן א שיינע, בליענדיקע קהלה· לגבי אנדערע נאענטע און ווייטערע קהלות אין דעם געגענט איז זי נאך געווען יונג, אבער זי האט זיך ענטוויקלט מיט ריזן־שריט צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער שטאט·

איר ענטוויקלונג אין ציפערן

יאר	צאל אידן	אלג· איינוואינער	% אידן
1808	495	8,200	6,0
1897	12,000	54,000	22,2
1931	25,588	127,900	20,0
1939	27,400	137,000	20,0

טשענסטאכאוו איז איינגענומען געווארן דעם 3־טן סעפ־טעמבער· צוויי טעג נאכן אויסברוך פון קריג· דעם ערשטן טאג האבן די נאצישע סאלדאטן זיך געפירט מער־ווייניקער מענשליך· זיי האבן ניט געהרגעט און ניט גערויבט קיין אידן און אנדערע האבן אפילו באצאלט איינקויפענדיק אין די געשעפטן, געווען אפילו אזוינע וואס האבן געטיילט צוקער־לעך קינדער· דעם צווייטן טאג, ווען עטליכע אידן האבן געפרווט עפענען די געשעפטן, עטוואס בארואיקט פון דער באנעמונג מצד די נאציס, האט זיך פלוצלונג דערהערט א שיסעריי אין די הויפט־גאסן, במשך פון פינף מינוט זיינען



יהודי פולין — בתמונה: כובען נח מעמלו.
פוילישע אידן — אויפן בילד: א היטל־מאכער.

633 מפעלי תעשיה בעיר בידי יהודים, ואלו היו, למעשה, הרוב המכריע של מפעלי התעשיה במקום.

קהלת קילץ התפתחה בצעדי־ענק, הפכה למרכז לתורה וחסידות ולפעילות ציבורית יהודית. אדמורי״ם קבעו את בתי־המדרש שלהם במקום ומוסדות־פאר הוקמו ע״י יהודי העיר. קהלה זו, ברובה הגדול, נאמנה היתה למקור מחצבתה ופיתחה חיים יהודיים למופת.

קילץ לא סבלה הרבה מהפצצות הגרמניות עם פרוץ המלחמה. אלפי יהודים מהסביבה הקרובה והרחוקה היו בעיר כשנכבשה ע״י הגרמנים ביום 4 בספטמבר. לעת זו נמצאו במקום 30 אלף נפש מישראל בערך, מהם 23 אלף תושבים ו־7 אלפים פליטים.

באורח יחסי לקהלות אחרות, לא סבלה קילץ בימים הראשונים בצורה כה חמורה. רציחות בסיטונות לא נערכו ע״י הנאצים, אולם יחד עם זאת הטילו הנאצים על יהודי המקום את חוקיהם האכזריים בכל מלוא חומרתם, והם דאגו יפה שהיהודים לא יעקפו את הגזירות והנגישות הרשמיות.

בני ערובה לרוב נלקחו ע״י הנאצים במטרה לאלץ את היהודים לקבל עליהם את הגזירות. עונשים קיבוציים לרוב, שהסתכמו בסכומים כספיים ענקיים, הוטלו על קהילת קילץ על כל חשד קל, מבוסס או בדוי, כי היהודים אינם ממלאים אחרי הפקודות הרשמיות.

צעירים נלקחו לעבודות־כפיה ללא תשלום; דירות רבות של יהודים הוחרמו על כל רהיטיהם ומטלטליהם. נאסר על יהודים לנהל בתי־מסחר, מלאכה או תעשיה. מונו קומיסארים נוצריים על הבתים הגדולים של היהודים אשר גבו את שכר־הדירה, אבל כספים אלו לא הועברו לבעליהם היהודיים. כל מלאי המזון שבבתי היהודים הוחרם בכוח. היהודים קופחו בצורה אכזרית בחלוקת־מזון. בגסות הוצאו היהודים מהתורים ללחם ולמצרכי מזון. הרעב ליווה בנאמנות את מסע־הדיכוי והפיל את חיתתו על יהודי קילץ.

בשלב הראשון של מסע־הדיכוי האכזרי, סבלו בעיקר יהודים חרדיים, עטורי זקן ופיאות. אלה היו מטרה לנגישותיהם הבסטיאליות של חיילי הס. ס. שהתעללו בהם בצורה אכזרית. הנוער הפולני במקום השתתף מתוך צהלה גדולה בהתפרעויות הפראיות הללו ונתן את ידו לנאצים בדיכוי יהודי המקום. אחרי שבועות מספר החלו גם ברצח יהודים בודדים, ועד 15 יהודים נטבחו על לא עוול בכפם בתקופה הראשונה לשואה.

תקופת־האימים הגיעה לקהלת קילץ. גיטו יהודים הוקם במקום, שהתקיים עד לחיסולה, ולאחריו חוסלה הקהלה המשגשגת. רק קומץ של עובדי כפיה במחנה העבודה שרד ונשאר.

גם על האודים המוצלים מאש עברו פרעות־דמים שבוצעו בידי הפולנים אחרי מפלת הנאצים — ועל זה בספר אחר של „מגילת פולין״.

חסול קהלת ראדום

מישוב קטן בימי ועד ארבע הארצות הפכה קהלת ראדום לעיר ואם בישראל עד לתקופת פרוץ השואה. היתה זו אחת הקהלות הגדולות והחשובות בפולין, מרכז למסחר ולתעשיה, לפעילות ציבורית ולחיי־תורה.

ראדום, אשר בימי השלטון הצאריסטי היתה עיר פלך ראשית, הפכה לעיר גלילית במחוז קילץ בימי שלטונה של פולין העצמאית. ידעה קהלת ראדום חיי־דת וציבור מאורגנים ומסודרים יפה, מרכז של חסידים וחסידות. תודות לעמלם של יהודי העיר התפתחה בעיר ובסביבתה תעשייה רצינית כבדה ורבת־ענפים שהיתה בבעלות יהודית עד לפרוץ המלחמה. מסיבה זו הפכה העיר מטרה להפצצות הגרמנים שהרעישו את ראדום וסביבתה שמונה ימים, כך שרובם של תושבי העיר ברחו לכפרים מרוחקים.

ביום 8 בספטמבר, כ״ו באלול תרצ״ט, כבשו הקלגסים הנאציים את העיר ומיד החלו לגלות את צמאון־הדמים הלוהט שלהם.

מבצע שוד הרכוש היהודי החל מיד עם היום הראשון להופעת הקגלסים במקום. בקשיחות אכזרית ניתך גל של גזירות על יהודי העיר, אשר מנו יחד עם הפליטים מהמחוזות המערביים, כשלושים אלף נפש ויותר.

נאסר על היהודים לעבור ברחוב הראשי של העיר, ומאידך, חוייבו לפתוח את חנויותיהם ועסקיהם בימי שבת ומועד. מועצת הזקנים של היהודים, שהוקמה ע״י הגיסטפו במקום הקהלה, נאלצה לספק חנם אין כסף, מיטות ומזרונים עבור הגרמנים. הסדנאות ובתי־המלאכה היהודיים אולצו לעבוד עבור הנאצים ללא כל תשלום, ואילו

די טראטוארן פול געווארן מיט מענשליכע קערפערס — בעיקר אידן. א גוואלדיקע שרעק האט ארומגעכאפט די טשענסטאכאווער אייגוואוינער און פארשטייט זיך אז די גרעסטע שרעק איז געפאלן אויף די אידן.

אויפן דריטן טאג האט די דייטשע אקופאציע מאכט פארעפענטליכט א מעלדונג, אז אלע ארטיקע אידן מוזן ארויסגיין אויף די גאסן מיט געהויבענע הענט. א סאך האבן זיך דערשראקן און ארויסגעגאנגען, מען האט זיי גלייך ארעסטירט און שווער געפייניקט. אין די טעג האט זיך אנגעהויבן דער גרויסער רויב פון די אידן. די נאצישע סאלדאטן האבן באפאלן די אידישע געשעפטן אין שטאט און גערויבט אלץ וואס עס האט זיך געמאכט אונטער די הענט, פארוואונדעגדיק דערביי פיל אידן. די גוואלדיקע פאניק וואס האט באהערשט די שטאט נאך דער ערשטער גרויזאמער שחיטה, האט אפגעשטעלט די גאנצע ארבייט אין שטאט. פארשטייט מען אז באלד האט מען דערפילט הונגער און נויט אין לעבנסמיטל. און ווען די בעקערייען האבן ווידער אנגעהויבן באקן, האבן זיך געשאפן לאנגע רייען ביי זייערע טירן. און די נאצישע סאלדאטן זיינען געקומען כדי „איינצופירן ארדענונג״, האבן פשוט ארויסגעשלעפט פון דער ריי אבי וועלכע אידן און זיי דערשאסן סתם אזוי.

עס איז ארויפגעלייגט געווארן א געלט־שטראף פון 750 טויזנט זלאטעס אויף די אידן פון שטאט, אלס „שטראף״ פאר די „אומרוען וואס זיי האבן איינגעארדענט אין שטאט״. אויף מארגן, ווען די געפאדערטע סומע איז ניט געליפערט געווארן צו די דייטשן דוּרך די שוין אזוי אויך אויסגערויבטע אידן, האט מען ארעסטירט א ביסל אידן אלס ערב׳ניקעס ביז די געפאדערטע סומע וועט צוגעשטעלט ווערן. אין יענע טעג האבן די דייטשן אנגעהויבן כאפן אידן צו דער ארבעט, און אין די מארגן שעה׳ן האט א איד ניט געקענט דורכגיין די גאס אז ער זאל ניט געכאפט ווערן דורך דייטשע סאלדאטן וועלכע האבן שוין געלויערט אויף אים אין די ווינקלען פון די גאסן. די געכאפטע פלעגן געפירט ווערן אין פארשיידענע ערטער, א סאך פון זיי זיינען שרעקליך געשלאגן געווארן און האבן געארבעט די שווערסטע ארבייטן, אנדערע האט מען גענויט שלעפן גרויסע שטיינער און אנדערע שווערע משאות, סתם אזוי אהין און צוריק, צום פארגעניגן פון די נאצישע סאדיסטן.

די פוילישע באפעלקערונג פון טשענסטאכאוו, וועלכע האט זיך קיינמאל ניט אויסגעצייכנט מיט איר מענשליכער באציאונג צו אידן, האט מיטגעהאלפן די מערדערישע אקופאנטן געגן די אידן. זיי האבן געהאט א האנט אינ׳ם רויב פון אידיש האב און גוטס און געהאלפן די נאציס אונטערדריקן די אידן. פוילישע יוגענט האט זיך איזדיעקעוועט איבער אידן אין די גאסן מיט ניט קיין קלענערן סאדיזם ווי דער פון די נאציס. בארויבט פון אלע זייטן, געפינענדיק זיך אויסער יעדן געזעץ, הפקר פאר די גרויזאמע אינסטינקטן פון די דייטשע מערדער, זיינען די טשענסטאכאווער אידן אריין אין דער גרויזאמער, בלוטיקער תקופה.

אלע אידישע אינסטיטוציעס זיינען פארמאכט געווארן, די שולן — פארמאכט, די אונטערנעמונגען — קאנפיסקירט.



יהודי פולין — בתמונה: כתה של הישיבה ברישא. ראש הישיבה משמיע את שיעורו. / פוילישע אידן — אויפן בילד: א כתה פון דער רישער ישיבה. דער ראש הישיבה לערנט א שיעור.


נאר דער אידן־ראט, וואס איז אויפגעשטאנען אויפן ארט פון דער אידישער קהלה, האט געמעגט אויספירן די לעבנס וויכטיגע געזעלשאפטליכע ארבייטן אונטערן אויפזיכט פון די גרויזאמע אקופאנטן. קרוב צו 5000 אידישע פליטים, וואס זיינען פארטריבן געווארן פון זייערע הייזער אין דער סביבה, האבן באקומען א דאך איבערן קאפ דורך די ארטיקע אידן, וועלכע האבן, טראץ זייערע אייגענע צרות און פיין, אלץ געטאן כדי צו העלפן זייערע פארטריבענע ברידער.

איוב׳ס יסורים זיינען אדורך איבער די טשענסטאכאווער אידן אונטער די נאציס. און וועגן דעם וועט דערציילט ווערן אין קאפיטל „קהלות אין קיעלצער געגנט״ — פון דער מגילה.

די ענדע פון די קיעלצער קהלה

א אור־אלטע קהלה איז געווען קיעלץ, אבער זייער יונג אין גייסט. נאך אין יאר 1395, האט דער פוילישער קעניג זיגמונט 1, געגעבן די קריסטליכע איינוואוינער פון שטאט די פריווילעגיע, אז זיי קענען פארמאכן די טויערן פון שטאט פאר די אידן. די קריסטן האבן עס אויסגענוצט און פארבאטן די אידן צו וואוינען אין דער קוליסטער־רייכער שטאט. אין יאר 1767 האט דער קראקאווער בישאף באנייט דעם פארבאט. נאכן פוילישן אויפשטאנד געגן דער צארישער מאכט, וועלכע האט באהערשט פוילן אין יאר 1832, האבן די אידן אנגעהויבן מאכן ערנסטע באמיאונגען מבטל צו מאכן דער גזירה און זייערע באמיאונגען האבן זיך איינגעגעבן. די אידן פון די ארומיקע דערפער האבן זיך אנגעהויבן באזעצן אין שטאט. אבער אין א פאר יאר ארום האט זיך איינגעגעבן דער קריסטליכער גייסטליכקייט באנייען ווידער דעם פארבאט און אין יאר תר״ז (1847), זיינען ווידער די אידן ארויסגעטריבן געווארן פון קיעלץ. פונדעסטוועגן זיינען דארט געבליבן געציילטע אידן אויף א ניט לעגאלן וועג.

ערשט נאכן צווייטן פוילישן אויפשטאנד געגן צאר, אין יאר 1863 (תרכ״ג), איז אפיציעל ערלויבט געווארן די אידן צו וואוינען אין קיעלץ. פאקטיש איז די קיעלצער קהלה געגרינדעט געווארן אין יאר תר״ל (1870), און פון דאן האט זי זיך אנטוויקלט אין גרויסן פארעם. פון א קליינער שטע־



יהודי פולין — בתמונה: שמש בית כנסת עתיק שומר באמונה על מקום הקדוש. / פוילישע אידן — אויפן בילד: א שמש פון א אלטער שוהל.

מפעלי התעשיה ובתי־המסחר היהודיים הגדולים והקטנים הוחרמו. מפקחים „אריים" הוכנסו לכל מפעל יהודי והבעלים נושלו באכזריות.

כבר בתקופה הראשונה לכיבוש החל הרעב נותן אותותיו ביהודי ראדום. ברחובות העיר העשירה יחסית והמבוססת מבחינה כלכלית עד לפרוץ השואה נראו נפוחי־כפן וסבלם של בני הקהלה גבר מיום ליום. הגיסטפו שהשתלט על חיי יהודי העיר, אירגן מבצע מיוחד בשם „ביעור הקומוניסטים מראדום", ודם יהודי רב נשפך בפעולה רצחנית זו. היער שבקירבת העיר היה אז גיא־חזיון לשפך־דם רב, כאשר כל אלו שנבחרו על־ידי הנאצים הובאו לשם ונורו מיד. גם מספר רב של שבויים יהודיים מהצבא הפולני המובס נרצחו במחנה ליד ראדום.

חיי הקהלה שובשו לחלוטין על־ידי החטיפות לעבודות־הכפיה שהחלו מיד עם היום הראשון לכיבוש וגברו מיום ליום. יהודים שנשדדו מכל ויצאו לרחוב לחפש לחם להחיות את בני משפחתם, נתפסו באכזריות על־ידי חיילים נאציים שפשטו מדי בוקר על־פני רחובות היהודים בזיונם המלא. החטופים האומללים הובלו בקבוצות למקומות־הריכוז השונים. רובם הוכו ללא־רחם, עונו ימים שלמים ע"י החיות הפראיות אשר ראו בכך הזדמנות למתן פורקן מלא ליצרים הסאדיסטיים שפעמו בהם. חלק מהיהודים הועבדו בעבודות־פרך קשות שלוו במכות אכזריות ואחרים עונו תוך התעללות להנאתם הסאדיסטית של הרוצחים. עובדי־כפיה אלו שוחררו רק לפנות־ערב, פצועים ושותתים דם אחרי יום של עינויים קשים וצום, וחזרו לבתיהם שבורים ורצוצים כשילדיהם מצפים מתוך חרדה לפרוסת־לחם יבשה כדי להשקיט את רעבונם.

יהודים חרדיים סבלו במיוחד בתקופה זו. הם הפכו להיות מטרה לחצי הרוצחים. הם נתפסו בראש־השנה במצוד מיוחד ואולצו לרקוד ברחובה של העיר, תחת מטר של מכות רצח מסביב לערימות של ספרי־קודש שהוצתו על־ידי הגרמנים.

ביום כיפור נתפסו מספר יהודים חרדיים והובלו למגרש ריק לשם רוכזו תמונות של כנסיה נוצרית. הנאציים רצו להכריח את היהודים לכרוע ברך בפני התמונות הללו. ראשי הגיסטפו בראדום הצטיינו באכזריות איומה ומפלצתית שחרגה מכל גבול של דמיון. במסע־הדיכוי נגד יהודי העיר השתמשו באמצעים מקפיאי־דם ובלטו במיוחד בגל מעשי הרצח הנוראים שהציף את פולין כולה, השותת־דם.

קהלת ראדום שתתה את כוס־התרעלה עד תומה. סבלותיה וצרותיה נמשכו עד י' בחשוון תש"ד, יום בו חוסלו אחרוני היהודים של גיטו ראדום. העיר המעטירה והפורחת, שהוקמה בעמלם ובזיעתם של יהודים, נעשתה ל„יודענריין".

קהלה וקהלה, כיבושה וחורבנה

אובלאסי, ישוב יהודי קטן, בן 300 נפש מישראל, נכבש ביום שלישי, 5 בספטמבר. מיד עם הופעתם של הכובשים הנאציים, הטילו אימת־מוות על יהודי הכפר. 4 יהודים נהרגו ברחוב הכפר, ובעת ובעונה אחת נערך מסע של שוד הרכוש היהודי מבתיהם. יהודי הכפר נאספו בככר השוק, שם עונו בצורה אכזרית. חיי היהודים במקום נעשו מאז הפקר וסבלותיהם עד לסוף המר לא יתוארו.

מסע־העינויים נמשך עד ל' באב תש"ג, יום בו גורשו יהודי המקום לגיטו זוואלין ומשם הובלו למחנה השמדה.

אודרבונז, ישוב זעיר במחוז קילץ, בן 200 נפש שהתקיים למעלה משלוש מאות שנה. ביום שני, כ"ב אלול, הופיעו במקום חיילים גרמניים שערכו פרעות וטבח ביהודים בעזרת התושבים הפולניים, ששדדו את הרכוש היהודי, הרגו ופצעו יהודים גם אחרי שהחיילים הגרמניים הראשונים התקדמו מזרחה ועזבו את המקום.

למחרת שוב הופיעו הגרמנים ולא עזבו יותר את הישוב היהודי הקטן והעני. שלטון־אימים, מלווה רצח ומעשים איומים, הוטל על היהודים האומללים שסבלו יסורי־שאול עד ליום י"ט בתשרי תש"ג, יום בו גורשו כל יהודי המקום לגיטו גוברצב.

אולקוש, קהלה עתיקה בת 600 שנה ויותר, נכבשה על־ידי הקלגסים הנאציים ביום שני, כ"ט אלול. נוסף על 2407 יהודי העיר, פגשו הגרמנים במקום כאלפיים פליטים ומיד התנפלו עליהם הקלגסים בפראות ובחימה שפוכה. כל

טעלע איז זי געווארן די הויפט און קרייז שטאט אין צענ־טראל פוילן.

די פאלגענדע טאבעלע באווייזט די ענטוויקלונג פון דער שטאט :

יאר	צאל אידן	אלג. איינוואוינער	% אידן
1852	101	3,639	2,8
1873	974	7,410	13,0
1882	2,659	9,400	28,3
1897	6,399	18,210	35,15
1909	11,206	34,800	32,5
1921	15,530	47,700	32,6
1939	23,000	62,100	37,0

קיעלץ איז פארוואנדלט געווארן אין א אינדוסטריע־שטאט, נאר א דאנק די אידן וועלכע זיינען געווען די פיא־נערן פון האנדל און אינדוסטריע. אין יאר 1921 זיינען געווען אין שטאט 633 אינדוסטריע אונטערנעמונגען אין אידישע הענט. פאקטיש איז דאס געווען די איבערוויגענדיקע צאל פון די אינדוסטריע אונטערנעמונגען אין שטאט.

די קיעלצער קהלה האט זיך ענטוויקלט מיט ריזן־שריט. איז געווארן א צענטער פון תורה און חסידות, און אידיש־געזעלשאפטליכער טעטיקייט. רביים האבן דארט אויפגע־שטעלט זייערע בתי מדרשים און עס זיינען אויפגעשטעלט געווארן פרעכטיקע אינסטיטוציעס דורך דער אידישער בא־פעלקערונג. די קהלה איז געווען אין איר גרעסטן טייל — רעליגיעז און האט ענטוויקלט א מוסטערהאפטן אידישן לעבן.

קיעלץ האט ניט געליטן פיל פון די דייטשע באמבאר־דירונגען. ווען זי איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן האבן זיך דארט געפונען טויזנטער אידן פון דער נאענטער סביבה. דעם 4־טן סעפטעמבער (אין דעם טאג איז קיעלץ געפאלן) האבן זיך געפונען אין קיעלץ בערך 30 טויזנט אידן. צווישן זיי 23 טויזנט ארטיקע און די איבעריקע — פליטים.

פארהעלטניסמעסיק צו אנדערע קהלות האט קיעלץ ניט אזוי שווער געליטן אין די ערשטע טעג. מאסן מארדן זיינען ניט פארגעקומען. אבער גלייכצייטיק האבן די נאציס אנגע־ווארפן אויף די ארטיקע אידן אלע זייערע גרויזאמע געזעצן אין זייער גאנצער שארפקייט. און זיי האבן אכטונג געגעבן אז די אידן זאלן זיך ניט קענען ארויסדרייען פון די גזירות און רדיפות.

די נאציס האבן גענומען זייער אסאך ערב׳ניקעס, כדי צו נויטן די אידן אנצונעמען די גזירות. עס זיינען ארויפגע־לייגט געווארן קאלעקטיווע שטראפן וואס האבן באטראפן ריזיקע סומען — פאר יעדער קלענסטער בארעכטיקטן אדער ניט בארעכטיקטן־חשד אז די אידן דערפילן ניט גענוי די אפיציעלע באפעלן.

א סאך יונגע מענשן זיינען געכאפט געווארן אויף צוואנגס־ארבעט, אידישע וואינונגען מיט אלץ וואס אין זיי — זיינען קאנפיסקירט געווארן. אידן האבן ניט געטארט פירן קיין געשעפטן, ווארשטאטן אדער פאבריקן. עס זיינען נאמינירט געווארן קריסטליכע קאמיסארן אויף גרויסע אידישע היי־



יהודי פולין — בתמונה : צעירים לומדים בשקידה בבית החסידים דגור בווארשה, ברח׳ נאלבקי 19. / פוילישע אידן — אויפן בילד : יונגעלייט לערנען מיט התמדה אין גערער שטיבל אין ווארשה, נאלעווקי 19.

זער וועלכע האבן אויפגעמאנט דאס דירה־געלט, אבער עס ניט אוועקגעגעבן די אידישע בעלי־בתים. אלע עסנווארג ביי די אידן זיינען קאנפיסקירט געווארן און מען האט זיי גרויזאם געקריוודעט ביים פארטיילן עסנווארג, מען האט זיי גראב ארויסגעשטויסן פון די רייען צו די ברויט אדער אנדערע לעבנס־מיטל פארטיילונגען. דער הונגער האט גע־טריי באגלייט דעם אונטערדריקונגס־אקציע און אנגעווארפן זיין פחד אויף די קיעלצער אידן.

אין דעם ערשטן עטאפ פון דער אונטערדריקונגס־אקציע האבן בעיקר געליטן רעליגיעזע אידן, מיט בארד און פיאות, וועלכע האבן געהאט אויסצושטיין שרעקליכע עינויים פון די בעסטיעס פון ס״ס. וועלכע האבן זיי געפייניקט אויף א שרעקליכן אופן. די פוילישע ארטיקע יוגנט האט מיט גוואלדיקער פרייד אנטייל גענומען אין די ווילדע פאגראמען און האט צוגעהאלפן די נאציס ביים אונטערדריקן די ארטיקע אידן. אין עטליכע וואכן ארום האט מען אנגע־הויבן הרגענען איינצעלנע אידן. אין די ערשטע טעג פון די נאציס אין קיעלץ זיינען אומגעקומען 15 אומשולדיקע אידן.

און עס איז געקומען די שרעקליכע תקופה אויף דער קיעלצער קהלה. עס איז אויפגעשטעלט געווארן א געטא וועלכע האט זיך געהאלטן ביז דעם חורבן און נאכדעם איז אפגעווישט געווארן די בליענדע קהלה. נאר געציילטע אידן וואס האבן געארבעט צוואנגס־ארבעט אין לאגער — זיינען געבליבן.

אבער אויך אויף די איינצלנע וואס זיינען געבליבן נאכן אומגליק, האט זיך אויסגעגאסן דער ביטערער כוס. דער באוואוסטער פאגראם פון די פאליאקן אין קיעלץ וואס איז פארגעקומען שוין נאך דער נאצישער מפלה. אבער וועגן דעם — אין אנדערן טייל פון „מגילת פוילן״.

דאס פארניכטונג פון דער קהלה אין ראדאם

פון א קליינעם ישוב אין דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות״ איז די ראדאמער קהלה פארוואנדלט געווארן אין א עיר ואם בישראל, ערב דער מלחמה. זי איז געווען איינע פון די גרעסטע און חשוב׳סטע קהלות אין פוילן, א צענטער פון האנדל און אינדוסטריע און פול מיט געזעלשעפטליכער טעטיקייט און תורה׳דיק לעבן.

ראדאם, וועלכע איז אין די צארישע צייטן געווען א גו־בערניע, איז געווארן א קרייז־שטאט אין קיעלצער געגנט — פאר די פאליאקן. דאס איז געווען א צענטער פון חסידות און חסידים, מיט א תורה׳דיקן און געזעלשאפטליכן, גוט איינגעארדענטן לעבן. א דאנק די אידן האט זיך ענטוויקלט



יהודי פולין — בתמונה: תלמידות ליד בית הספר "בית יעקב" בלודז׳. / פוילישע אידן — אויפן בילד: א גרופע "בית יעקב" מיידלאך פערטיפט אין א שמועס ביי דער שולע.

מוסדות היהודים, בתי־הכנסת והמדרש, חצר אדמו"ר ובתי חינוך, נסגרו, הרכוש היהודי הוחרם וספרי־התורה חוללו.

יהודי אולקוש, רובם חרדים, שתו את כוס־התרעלה מהיום הראשון לכיבושה של העיר ע"י מרצחים נאציים. תוך מכות רצח ועינויים אכזריים אולצו היהודים לגזוז את זקניהם ופיאותיהם ועל הנשים נאסר לחבוש פיאות נכריות. כל אנשי המקום אולצו לצאת לעבודות־כפיה, מלוות עינויים קשים, ללא כל תמורה כספית. מזמן לזמן ירו הגרמנים ביהודים, סתם כדי לספק את תאוות הרצח שלהם והרגו ילדים וזקנים ללא כל אבחנה. גל של גזירות קשות ונוראות ניתך על ראשם של יהודי אולקוש.

למודת־סבל היתה קהלת אולקוש. כבר בשנת 1374 גורשו כל יהודי העיר כשרכושם הוחרם ואולצו לצאת את המקום בעירום ובחוסר כל. בשנת 1787 בדו הנוצרים עלילת־דם וחייט יהודי נשרף חי על קידוש־השם, ואז שוב גורשו יהודי אולקוש כשכל רכושם הוחרם. אולם סבל העבר חיוור היה למול עינויי־התופת שבשנות שלטונם של הנאצים.

בגבורה נפשית עילאית עמדו יהודי אולקוש בנסיון המר והקשה; שנות־האימים עברו עליהם תוך רעב ומחסור קשה. פחד מתמיד ועינויים מסמרי־שער, רציחות ושפך־דם היו מנת־חלקם עד ט"ו תמוז תש"ב, יום בו חוסל הגיטו שהוקם ע"י הנאצים ואחרוני יהודי אולקוש גורשו למחנה המוות.

אוסטרובצה, קהלה עתיקה, מכובדת וגדולה במחוז קילץ, נכבשה על־ידי הגרמנים ביום חמישי, כ"ה אלול. קהלה עתיקה זו מנתה כבר בשלהי המאה הי"ח 904 נפש מישראל, התפתחה במהירות ובשלהי המאה הי"ט מנתה 6146 נפשות. בשנת 1921 מנתה הקהלה 10095 נפשות ובפרוץ השואה — קרוב ל־13000 נפש מישראל.

קהלה זו ידעה חיי תורה וחסידות במשך מאות בשנים ויחד עם זה — עוני ומחסור, פרטים שצויינו אפילו על־ידי גורמים פולניים רשמיים. למרות עניותם ודלותם סבלו יהודי אוסטרובצה רבות מפרעות מצד הפולניים ומשנאה ארסית שפותחה על נגדם על־ידי שכניהם הנוצריים. כבר בשנת תרס"ד ערכו הפולנים באוסטרובצה פוגרום ביהודי העיר ופצעו קשות 20 איש ויותר. כשנכנסו הנאצים לאוסטרובצה והחלו למרר את חיי יהודי המקום, מצאו תמיכה וסעד נלהב מצד האוכלוסיה הפולנית המקומית, ללא הבדל של מעמד וזרם. הנוצרים בעיר השתתפו בהתלהבות במסע־הדמים במטרה להביא לחורבן קהלה מפוארת זו.

יהודי אוסטרובצה, כמו גולת פולין כולה, הוצאו מחוץ לכל חוק ודמם נעשה הפקר לכל עורב. שלטון־הדמים פרש את חסותו תוך רצח עשרות יהודים ומני־אז לא חדלו הרוצחים מלהקיז את דמם של המעונים הקדושים. למרות התנאים האיומים ונחשול־הדמים הבלתי־פוסק החזיקו יהודי אוסטרובצה מעמד, הסתדרו גם בתנאים המרים תוך תקווה לעמוד בנסיון עד יעבור זעם.

הם שמרו על הגחלת הקדושה בימים הקשים ביותר, אולם יד המרצחים לא פסחה על העיר. אקציה רדפה אקציה, וביום כ"ה אדר ב׳ תש"ג גורשו אחרוני היהודים למחנה השמדה, ואוסטרובצה „טוהרה" מיהודיה.

אופוצנו, עיר גלילית במחוז קילץ, שוכנת על אם הדרך בין קינסק לבין טומשוב. הקהלה העתיקה במקום, בת 500 שנה, מנתה עד 4000 נפשות ומספרה גדל עם בואם של פליטים למקום, ביום 5 בספטמבר, כאשר החיילים הנאציים כבשו את העיר בסערה, בטרם הצליחו החיילים הפולניים לעזוב את העיר.

בפראות חדרו הקלגסים הגרמניים למקום וירו לכל עבר. אותו יום נהרגו 35 נפשות מישראל. אולם היתה זו רק פתיחה למסע־הדמים האיום, שגבר והלך מיום ליום. יהודי אופוצנו דוכאו באכזריות ללא דוגמה ודמם נשפך כמים בלי הפוגות. במיוחד סבלו החרדיים מבין יהודי העיר, עליהם שפכו הרוצחים את כל חמתם. אולם הללו החזיקו מעמד ולמרות האיסורים הרשמיים שהוטלו על עריכת תפלות או לימוד תורה, שלוו באיומי־רצח, הוסיפו חרדי העיר לטוות את חוט־הזהב של המסורת המקודשת שלהם.

בשנת תש"א הוקל מעט מצבם של יהודי אופוצנו, אחרי שהוקם גיטו במקום ונוסדו בתי־מלאכה בהם עבדו יהודים בתנאי־רעב למען המשעבדים הרצחניים. אולם גם ימי־עוני אלה לא נמשכו הרבה. ביום כ"ו בטבת תש"ג חוסל הגיטו, אחרוני היהודים הועברו למחנות המוות והעינויים, שם סיימו את חייהם הקשים והמרים והלכו לעקידה הגדולה.

איוונִיסקה, עיירה בגליל אפטה במחוז קילץ שמנתה 800 נפשות מישראל ביום כ"ד אלול, עת בה נראו לראשונה הקלגסים הנאציים בתחומיה.

יהודי העיירה, היו עניים מרודים שהתפרנסו בקושי מרוכלות ועבודת־כפיה; הישוב היהודי הקטן הזה

אין שטאט און אינ׳ם געגנט א ברייט־פארצווייגטע שווער־אינדוסטריע, וועלכע איז געווען אינגאנצן אין אידישע הענט. צוליב דער אינדוסטריע, איז די שטאט געווען דער ציל פאר א אכט־טאגיקער דייטשער באמבארדירונג, אזוי אז ס׳רוב איינוואינער זיינען אנטלאפן פון שטאט אין די פארווארפענע דערפער.


כ״ו אלול תרצ״ט (8 סעפטעמבער 1939) האבן די נאציס איינגענומען דער שטאט און אנגעהויבן ארויסווייזן זייער ברענענדיקן בלוט־דורשט.

די רויב־אקציע פון אידישן האב און גוטס האט זיך אנגעהויבן שוין אינ׳ם ערשטן טאג. מיט א הארטער גרויזאמקייט האט זיך א גאס געטאן א גזירה־כוואליע אויף די ארטיקע אידן, וועמענס צאל, צוזאמען מיט די פליטים פון די מערב׳דיקע געביטן, איז דערגאנגען ביז 30 טויזנט.

פון איין זייט האבן די אידן ניט געטארט זיך באווייזן אין די הויפט־גאסן און פון צווייטן זייט האט מען זיי גענויט עפענען די געשעפטן שבת און יום־טוב. דער יודען־ראט וואס איז אויפגעשטעלט געווארן דורך די נאציס אנשטאט דער קהלה, האט געמוזט צושטעלן אומזיסט בעטן און מאטראצן פאר די דייטשן. אידישע ווארשטאטן האבן געמוזט ארבייטן פאר די נאציס אומזיסט און די גרויסע און קליינע פאבריקן און געשעפטן — זיינען קאנפיסקירט געווארן. „ארישע״ אויפזעער זיינען באשטימט געווארן אין יעדער אידישער אונטערנעמונג און דער אידישער בעל־הבית איז ארויסגעווארפן געווארן אן רחמנות.

שוין אין אנהויב פון דער אקופאציע האט זיך באוויזן דער הונגער ביי די ראדאמער אידן. אין די גאסן פון דער פארהעלטניסמעסיק רייכער און ווירטשאפטליך גוט סיטואירטער שטאט, האבן זיך ארומגעשלעפט געשוואלענע פון הונגער און די ליידן פון די ראדאמער אידן זיינען גרעסער געווארן פון טאג צו טאג. די געסטאפא וואס האט באהערשט דעם אידישן לעבן אין שטאט האט ארגאניזירט א ספעציעלע אקציע א.נ. „אויסראטונג פון קאמוניסטן אין ראדאם״ און א סאך אידיש בלוט האט זיך געגאסן אין דער א מערדערישער אקציע. דער נאענטער וואלד איז געווען דער פלאץ וואו עס האבן זיך אפגעשפילט די גרויזאמע בלוט־סצענעס, ווען די נאציס האבן ארויסגעשלעפט אידן אהין און זיי אויסגעהרגעט. אין א לאגער ניט ווייט פון ראדאם זיינען אויך אויסגעשאסן געווארן א גרויסע צאל אידישע געפאנגענע פון פוילישן מיליטער.

דער קהלה לעבן איז אינגאנצן צושטערט געווארן צוליב די כאפערייען צו צוואנגס־ארבעט וואס האבן זיך אנגעהויבן שוין פון ערשטן אקופאציע־טאג און זיינען געווארן שטארקער מיט יעדן טאג. אידן ביי וועמען מען האט אלץ צוגערויבט און זיי זיינען ארויס אין גאס צו זוכן א שטיקל ברויט פאר זייער משפחה, זיינען געכאפט געווארן דורך נאצי־סאלדאטן וועלכע פלעגן זיך א לאז טאן איבערן שטאט אין פולער אמוניציע, כאפן די אומגליקליכע און אוועקפירן זיי אין פארשיידענע קאנצענטראציע־פלעצער. דארט פלעגט מען זיי שלאגן אן רחמנות, פייניקן עטליכע טעג נאכאנאנד מיט כלערליי יסורים. די בלוטדורשטיקע חיות האבן געהאט א גוטע געלעגנהייט אויסצובושעווען זייער חיה׳שע יוכע. א טייל פון די אידן האבן געארבעט קאטארזשנע ארבעט אונטער מורא׳דיקע קלעפ, אנדערע זיינען פארפייניקט געווארן שאפענדיק דערביי א פארגעניגן די סאדיסטישע מערדער. די דאזיקע צוואנגס־ארבייטער האט מען ערשט באפרייט פארנאכט, זיי זיינען געקומען אהיים צושלאגן און צומזיקט, פארבלוטיקט און פארפייניקט, נאך א לאנגן שווערן תענית. אומזיסט האבן זייערע הונגעריקע קינדערלעך געווארט אז זייער טאטע וועט זיי ברענגען א שטיקל ברויט פון דער ארבעט...




יהודי פולין — בתמונה: רוכלים בשוק.
פוילישע אידן — אויפן בילד: הענדלער אין מארק.

ספעציעל האבן אין דער א תקופה געליטן רעליגיעזע אידן. אין זיי האבן די מערדער אממערסטן זיך נוקם געווען. ראש השנה האט מען איינגעארדענט א ספעציעלע יאגד אויף רעליגיעזע אידן און זיי גינויט צו טאנצן אין די גאסן אונטער א האגל פון מכות רצח, זיי האבן געטאנצט ארום א הורבע ספרי תורה וועלכע זיינען אונטערגעצונדן געווארן דורך די נאציס.

יום כפור האט מען געכאפט א צאל פרומע אידן, געבראכט זיי אויף א ליידיקן פלאץ, דארטן זיינען שוין געווען צונויפגעזאמלט קריסטליכע איקאנעס און די נאציס האבן געוואלט נויטן די אידן צו קניען פאר די איקאנעס.

די עלטסטע פון ראדאמער געסטאפא האבן זיך ספעציעל אויסגעצייכנט מיט זייער מורא׳דיקער גרויזאמקייט און חיה׳שקייט וואס איז איבערגעשטיגן יעדער פאנטאזיע... אין זייער אונטערדריקונגס־אקציע געגן די ארטיקע אידן האבן זיי זיך באנוצט מיט אזוינע גרויזאמע מיטלען וואס האבן ממש פארגליווערט די בלוט אין די אדערן. פון די אלע בלוטיקע מעשים וואס די נאציס זיינען באגאנגען איבער די אומגליקליכע אידן אין פוילן, זיינען די ראדאמער בלוטיקע אקציעס געווען אמגרויזאמסטן.

די ראדאמער קהלה האט אויסגעטרונקען דעם ביטערן כוס ביזן סוף. אירע ליידן און פיין האבן זיך געצויגן ביז י׳ חשון תש״ד. דעם טאג אין וועלכן עס זיינען פארטיליקט געווארן די לעצטע רעשטלעך פון ראדאמער געטא. די גרויסע, בליענדיקע שטאט, וואס איז אויפגעשטעלט געווארן מיט



יהודי פולין — בתמונה: פרוון זקן בעבודתו.
פוילישע אידן — אויפן בילד: א אלטער פוטער־ארבייטער, ביי דער ארבייט.

הצטמצם והלך בדורות האחרונים. בימי ועד ארבע הארצות ביקשו יהודי המקום לקבל מעמד של קהלה עצמאית. בשנת 1847 (תר"ז) מנתה הקהלה המקומית 2341 נפשות, 50 שנה אחרי כן, בשנת 1897, מנתה הקהלה רק 1343 נפשות ואילו בשנת 1921 (תרפ"א) — רק 945 נפשות. התמעטות האוכלוסיה היהודית המקומית נבעה מהתנאים הכלכליים הקשים ששררו במקום וכן מחמת אוירת השנאה והמשטמה העזה מצד הפולנים תושבי הסביבה.

אולם גם היהודים העניים הללו נאלצו לשתות את כוס התרעלה עד תומה. ביום הראשון לשלטון הנאצים נטבחו 4 יהודים ברחובה של העיירה ומאז לא פסק טירור־הדמים המלווה שוד אכזרי. היהודים האומללים אולצו למכור את כותונתם האחרונה כדי לעמוד בקנסות הגבוהים שהנאצים הטילו עליהם. הם הפכו לעבדי־כפיה ועונו באכזריות. חיי סבל אלה הגיעו לקיצם ביום ד' בחשון תש"ג, יום בו הקיפו חיילים נאציים ומשרתיהם האוקראיניים את העיירה הנצורה והמסוגרת והובילו את כל תושביה למחנה־המוות בטריבלנקה.

אילזה, עיירה קטנה במחוז קילץ, היתה מחוץ לתחום ליהודים עד לשנת 1862, אם כי למעשה, באורח בלתי רשמי, גרו בה כבר בשנת 1856 531 יהודים מתוך 2029 התושבים במקום.

מאז הותר ישובם של יהודים בעיירה, גדל מספרם בהתמדה ובפרוץ השואה מנה הישוב היהודי באילזה 1720 נפש. ביום 5 בספטמבר נראו החיילים הגרמניים הראשונים בתחום העיירה ועם הופעתם החלו בשוד רכוש יהודי מלווה במעשי רצח ופרעות. הפולניים המקומיים השלימו את מעשי הגרמנים והביאו להרס כלכלי מוחלט של יהודי העיירה, שהפכו לעובדי כפיה, עונו קשות ודמם הותר.

שלטונות הכיבוש הגרמניים במקום הנחיתו מיד על היהודים גל של גזירות ועל כל חשד קל של עקיפת חוק רצחו יהודים ללא מעצור. כך סבלו יהודי העיירה עד ליום י"א חשוון תש"ג. באותו יום הקיפו חיילים גרמניים ואוקראיניים את תחום המושב של היהודים ומבלי להשאיר אף נפש חיה במקום, הובלו היהודים בתנאים מחרידים למחנה המוות אשר בטריבלנקה ושם הומתו באכזריות.

אינובליץ, היה ישוב יהודי ותיק במחוז פוזנה בו גרו עד 300 יהודים בימי ועד ארבע הארצות. הישוב הקטן הזה הלך והצטמק, ובפרוץ השואה גרו במקום רק כמה עשרות משפחות יהודיות. עם התקרבות הכובשים הנאציים נמלטו מרבית התושבים היהודיים לערי הסביבה. היהודים הבודדים שנשארו נהרגו, לפי גירסה אחת, בידי הגרמנים ולפי עדויות אחרות — בידי שכניהם הפולניים, עוד בטרם הופיעו הגרמנים למקום וכל רכושם היה לבז.

אנדרעוו, ישוב קטן במחוז קילץ, שהתקיים 300 שנה ויותר. תושביו היו רוכלים וחוכרי אדמות. עם כיבוש הכפר על־ידי הגרמנים אולצו התושבים היהודיים לעזוב את המקום מבלי שיקחו עמהם את רכושם בכלל. בית־המדרש הוותיק במקום נשרף על ספרי־התורה שבו, בתי היהודים הוצתו באש וכך חוסל ישוב יהודי ותיק זה, אשר ידע חיים תוססים ופעילים במשך מאות בשנים.

אפט, עיר ראשית של הגליל אשר במחוז קילץ, נכבשה בסערה על־ידי הקלגסים הגרמניים, אור ליום ד', כ"ד אלול. מיד עם כניסתם ערכו הנאצים מרחץ־דמים ביהודי העיר.

הקהלה העתיקה לימים, אשר שימשה כקהלה ראשית עוד בימי ועד ארבע הארצות, ונחשבה לאחת הקהלות הוותיקות ביותר בפולין המרכזית, מנתה בפרוץ השואה 5100 נפש מישראל, בתוך 7800 תושבי העיר. מזה מאות בשנים נחשבה אפט לעיירה בעלת צביון יהודי מובהק, אשר בלט בעיקר במרכז העיר מאוכלס־היהודים לעומת הפרברים המרוחקים, אשר היו מיושבים על־ידי הפולנים. מיום כיבוש אפט בידי הנאצים נהפך הגלגל. היהודים נזרקו מהבתים היפים מבלי להרשות להם ליטול מאומה מרכושם, ובמקומם יושבו גרמנים ופולנים משתפי־פעולה עם הגרמנים. פעולות השוד המאורגן רוששו לחלוטין את יהודי העיר והפכו תוך תקופה קצרה לעדה עניה ומחוסרת־כל, עדה הגוועה ברעב. חוקי רשע אכזריים הופעלו נגד יהודי אפט, והם לוו במעשי־רצח והתעללויות בלתי־פוסקות.

אידישן שווייס און הארעוואניע, אין געווארן „יודענריין״.

פארשיידענע קהלות — אונטערדריקונג און אומקום

אובלאסי: א קליינער אידישער ישוב פון 300 נפשות. איינגענומען געווארן דורך די נאציס דער 5־טן סעפטעמבער. גלייך ביי זייער ארייננמארשירן האבן זיי אנגעווארפן טויט־שרעק אויף די אידן פון דארף. 4 אידן זיינען דערהרגעט געווארן אויפן גאס און אין דער זעלבער צייט האט מען געריבט אידישן פארמעגן. אלע אידן פון דארף זיינען צונויפ־געזאמלט געווארן אויפן דארפס־פלאץ און דארט האט מען זיי גרויזאם געפייניקט. פון דאן איז דאס לעבן פון די אידן געווארן הפקר און ביזן לעצטן טאג האבן זיי דורכגעמאכט אומבאשרייבליכע ליידן.


(זייער ליידנס־וועג האט זיך געצויגן ביז ל׳ באב תש״ג. אין דעם טאג האט מען אלע דארפישע אידן ארויסגעטריבן אין זוואלינער געטא און פון דארט — אין די פארניכטונגס־לאגערן.)

אדרעוואנז: א קליינער דערפל ביי קיעלץ מיט 200 נפשות. מיט א געשיכטע פון איבער 300 יאר. דעם 4־טן סעפטעמבער זיינען געקומען דייטשע סאלדאטן און האבן פאגראמירט און געהרגעט די אידן צוזאמען מיט דער פוי־לישער באפעלקערונג וועלכע האט געראבעוועט אידישן פאר־מעגן, געהרגעט און פארוואונדעט אידן אפילו נאכדעם ווי די דייטשע סאלדאטן האבן שוין פארלאזן דעם ארט אוועק־גייענדיק ווייטער קיין מזרח.

אויף מארגן זיינען ווידער געקומען די דייטשן און האבן שוין מער ניט פארלאזן דעם קליינעם, ארימן ישוב. עס האט זיך אנגעהויבן א גיהינום לעבן מיט גרויליכן טעראר און הריגות וועלכער האט זיך געצויגן ביז י״ט תשרי תש״ג, אין דעם טאג האט מען די אידן ארויסגעטריבן און זיי אוועק־געשיקט אין געטא גובערצאווו.

אולקוש: די אלטע, 600 יעריקע קהלה איז איינגענו־מען געווארן דורך די נאציס דעם 4־טן סעפטעמבער. דארט האבן זיך געפונען, אויסער די 2407 שטענדיקע איינוואוי־נער אויך ביי 2000 פליטים. די באנדיטן זיינען באפאלן די אידן מיט א מערדערישער ברוטאליטעט. אלע אידישע אינס־טיטוציעס, די שולן און בתי מדרשים, דער הויף פון רבי׳ן און די שולעס — זיינען פארמאכט געווארן. אידישער פאר־מעגן איז קאנפיסקירט געווארן, די ספרי תורה זיינען גע־שענדעט געווארן.

די אולקושער אידן, ס׳רוב רעליגיעזע, האבן מורא׳דיק געליטן פונ׳ם ערשטן טאג אן. מיט שלעק און גרויזאמע פייניקונגען האט מען געצוואונגען די אידן אפצושערן די בערד און די פרויען — אויסטאן די פארוקן. אלע אידן זיינען געצוואונגען געווען צו גיין אויף צוואנגס־ארבעט וועלכע איז געווען באגלייט מיט גרויזאמע פייניקונגען. פון צייט צו צייט האבן די דייטשן געשאסן אויף די אידן אן א פאר־וואס, נאר צו שטילן זייערע מערדערישן סאדיזם, מען האט געשאסן קינדער און אלטע, פרויען און קראנקע. א כוואליע פון שווערע און שרעקליכע גזירות האט זיך א גאס געטאן אויף די אולקושער אידן.



יהודי פולין — בתמונה: ילדי תלמוד תורה בקייטנה של ״אגודת ישראל״ בדלוגושודלה. / פוילישע אידן — אויפן בילד: חדר אינגלעך, זומער אין א ״אגודה״ קאלאניע אין דלוגאשאדלע.

אין איר לאנגער געשיכטע האט די אולקושער קהלה שוין ניט איינמאל איבערגעלעבט צרות. שוין אין יאר 1374, האט מען ארויסגעטריבן אלע אידן, זיי זיינען אוועק אין גלות בארוועס און נאקעט. אין יאר 1787 האבן די קריסטן אויס־געטראכט א עלילת דם און א אידישער שניידער איז דאן פארברענט געווארן אויף קידוש השם און ווידער זיינען די אידן ארויסגעטריבן געווארן און זייער פארמעגן — קאנ־פיסקירט. אבער יענע ליידן זיינען געווען א קינדער־שפיל געגן דעם גיהינום וואס די אידן האבן געהאט אויסצושטיין ביי די נאציס.

מיט העלדישן גייסט האבן די אולקושער אידן איבער־געטראגן דעם גרויסן ביטערן נסיון. די שרעקנס־יארן זיינען באגלייט געווען מיט הונגער און שווערער נויט, שטענדיקן פחד און אונאויפהערליכע יסורים, און פיין, מיט שטענ־דיקע רציחות און בלוט פארגיסונגען (ביז 15 טעג אין תמוז תש״ב, ווען דער געטא וואס איז אויפגעשטעלט געווארן אין אולקוש איז ליקווידירט געווארן און די לעצטע אולקושער אידן זיינען אוועק צום טויט).

אסטראווצע: א אלטע, גרויסע און בכבוד׳יקע קהלה אין קיעלצער געגנט, איז איינגענומען דורך די נאציס דעם 7־טן סעפטעמבער. שוין ענדע פון אכצענטן י.ה. האט די דאזיקע אלטע קהלה געציילט 904 אידן. זי האט זיך שנעל אנטוויקלט און שוין ענדע פון 19 י.ה. האבן דארט געוואינט 6146 אידן. אין יאר 1921 האט זי געציילט 10095 אידן און ביים אויסברוך פון קריג: כמעט 13.000 אידן.

די דאזיקע קהלה האט אין פארלויף פון הונדערטער יארן געלעבט א תורה און חסידות־לעבן, אבער זי איז געווען ארעם ווירטשאפטליך, א פאקט וואס איז אונטערגעשטראכן געווארן אפילו דורך אפיציעלע פוילישע פאקטארן. אבער אפילו די ארעמקייט פון די אסטראווצער אידן האט ניט געשטערט די פאליאקן צו ארגאניזירן פאגראמען און צו פירן ווילדע אנטיסעמיטישע העצעס. שוין אין יאר תרס״ד (1904) האבן די אסראווצער פאליאקן איינגעארדענט א פאגראם אויף די אידן און שווער פארוואונדעט מער פון צוואנציק מענשן. פארשטייט מען אז ווען די נאציס זיינען אריין אין אסטראווצע און אנגעהויבן פארביטערן דעם לעבן

עבר הכורת. ביום ג׳ בטבת נלקחו אומללים אלו בכוח למחנה־מוות ושם נטבחו עד אחד. הקהלה העתיקה והמפוארת חדלה להתקיים. בניה עלו על המוקד, בקדושה ובטהרה.

אושיעק, עיירה יהודית בגליל סאנדומיר, מחוז קילץ, אשר מנתה 400 נפש מישראל. נכבשה על־ידי הגרמנים ביום כ״ג אלול לפנות ערב. מיד החלו הקלגסים הנאציים להתעלל ביהודי המקום והרגו 10 יהודים ופצעו רבים אחרים, וכל זאת עוד ביום הראשון לשלטונם. כן חיללו את בית־הכנסת המקומי ועינו קשות את יהודי המקום, עד שהפכו לעדת־מעונים אשר נאלצה למלא אחר כל הפקודות האכזריות של השליטים הבסטיאליים ששפכו את דמם בלי הפוגות. ביום י״ד בחשוון תש״ג, לאחר 3 שנות עינויים וסבל, הובלו כל יהודי אושיעק לטריבלנקה ושם נטבחו.

אושרוב, גליל אפטה, מחוז קילץ, נכבשה על־ידי הנאצים ביום כ״ג אלול. עם הופעתם התעללו רבות בתושבי העיירה אשר מנתה קרוב לחמש מאות משפחות מישראל. הרגו 2 יהודים על שהתלוננו על שוד, שרפו את בית־המדרש והתנכלו בלי הרף לתושבי המקום אשר חיו בפחד מתמיד שגבר והלך מיום ליום. בקיץ שנת תש״ב הובלו רבים מיהודי אושרוב לטריבלנקה, ובחודש חשוון תש״ג הוצאו מהמקום אחרוני היהודים שהובלו למחנה המוות בטריבלנקה.

איוואניצאק, גליל ראדום, מחוז קילץ, נכבשה על־ידי הגרמנים בערב שבת, כ״ו אלול. מיד עם הופעת הכובשים נאסרו כל יהודי המקום, הוחזקו על מגרש תוך עינויים והתעללות קשה. אחרי שהוכו קשות ונשדד מהם כל דבר בעל־ערך, גורשו היהודים האומללים במגלבים ופוזרו לכל עבר ולא הורשו לחזור לבתיהם ההרוסים למחצה.

בוגוריה, ישוב יהודי קטן במחוז קילץ, שהתקיים מאות בשנים. תושביו, רוכלים עניים, סבלו קשות מידי הכובשים מיד עם הופעתם. הם נשדדו לחלוטין והוחזקו תחת משטר־אימים מלווה רציחות אכזריות ביותר. באמצע חודש חשוון שנת תש״ג הוקף הישוב על־ידי חיילים נאציים אשר הרגו את כל היהודים.

בודזנטין, עיירה יהודית קטנה במחוז קילץ שתושביה היו עובדי־כפיים, יהודים חרדיים. עם הופעת הנאצים לעיירה, ערכו הללו פרעות שנסתיימו ברציחת יהודים. במיוחד השתוללו המרצחים הנאציים נגד היהודים אשר שמרו במסירות־נפש על לבושם המסורתי ועל מצוות התורה, תוך הקרבה שלא תתואר. בתנאי רעב מחרידים ושעבוד איום החזיקו יהודי העיירה מעמד ולא נכנעו ברוחם לקלגסים הנאציים האיומים. בשלהי אלול תש״ב, גירשו את היהודים באכזריות מתוך הגיטו שהוקם בעיירה לסוכדניוב, וכעבור חודש, בחשוון תש״ג, הוצאו אחרוני היהודים מהמקום. הישוב היהודי בן מאות בשנים חדל להתקיים.

בוסק (זדרוי), ישוב יהודי תוסס שהתקיים מאות בשנים בעיירת הקיט והמרפא הבודדת במחוז קילץ. בעמל יהודים פותח המקום והפך למקור פרנסה לאלפי תושבי הסביבה. הגרמנים שהופיעו למקום ביום 5 בספטמבר, הפכו את בוסק למקום־ריכוז ונופש לכוחותיהם שבסביבה, ומכאן — סיבה



יהודי פולין — בתמונה: שני חסידים מלאסק הולכים לביתם אחרי תפילת שחרית, טלית ותפילין בידם. / פוילישע אידן — אויפן בילד: צוויי לאסקער אידן גייען אהיים נאכ׳ן דאווענען.

למרות זאת העמיסה קהלת אפט על שכמה את הנטל והדאגה לאלפי פליטים אשר התדפקו על שעריה והגיעו ממחוזות שונים בפולין. יחד עמהם התחלקו בסבל ובייסורים הקשים.

גזירות איומות הוצאו נגד יהודי העיר ומטרתן היתה אחת, לדכא אותם, להשפילם עד עפר ולעקור מהם כל רצון של חיים. אולם יהודי העיירה, רובם חרדים ונאמנים למסורת, שמרו במסירות־נפש ותוך הקרבה על צביונם הקדוש, פיתחו את מדת הרחמים מול שפע האכזריות שהפיצו הנאצים, שמרו תוך הקרבה על המצוות ועל המסורת המקודשת. בשנת 1941 הוקם באפט גיטו קטן אליו הוכנסו ונדחסו 6500 נפש בישראל, בתנאים קשים ומחרידים.

כעבור שנתיים ימים, ביום ט׳ בחשוון תש״ג, החלו הרוצחים הנאציים לחסל את הגיטו באפט. כשלוש מאות שנה אחרי הטבח האיום שביצעו הפולנים ביהודי העיר, בו נרצחו 200 משפחות מישראל על עולליהם וטפם, הובלו שוב מרבית יהודי אפט בקרונות־משא למחנה־המוות אשר בטריבלנקה ושם מצאו את מותם. מספר קטן של יהודים נשאר כחודשיים באפט, הם הועסקו בתנאי־רעב כעבדים בבתי־המלאכה שפעלו למען הצבא הגרמני, אולם גם עליהם

פון די ארטיקע אידן, האבן זיי געהאט אין די אלע אן אויסנאם ארטיקע קריסטן הייסע מיטהעלפער· די שטאטישע קריסטן האבן מיט פולער באגייסטערונג אנטייל גענומען אין דער בלוטיקער אקציע געגן די אידן כדי אפצווישן דער הערליכער קהלה·

אזוי ווי אלע אידן אין פוילן אזוי זיינען אויך די אסטראווצער אידן ארויסגענומען געווארן אויסערן געזעץ און זייער בלוט איז געווארן הפקר פאר אלעמען· די נאצישע הערשאפט האט זיך אנגעהויבן מיט בלוט־פארגיסונג און פונ׳ם ערשטן טאג האט זיך ניט אויפגעהערט צו גיסן דאס בלוט פון די הייליקע מערטירער· אבער טראץ די שרעקליכע באדינגונגען און דעם שטענדיקן בלוט־באד, האבן זיך די אסטראווצער אידן געהאלטן און זיך געוואוסט א עצה צו געבן אין די ביטערע צייטן האפענדיק אויסצוהאלטן דעם נסיון ביז ג־ט וועט העלפן·

(זיי האבן געהיט אויפן הייליגן פייער אין די שווערסטע טעג, אבער די מערדערישע האנט האט ניט אפגעלאזן דער שטאט· איין אקציע איז געקומען נאך דער אנדערער און דעם 25־טן אדר ב׳ תש״ג, זיינען ארויסגעטריבן געווארן די לעצטע אסטראווצער אידן אין די לאגערן· און אסטראווצע איז „אפגערייניקט״ געווארן פון אירע אידן·)

אפאטשנע: א קרייז שטאט אין קיעלצער געגנט אויפן וועג צווישן קינסק און טאמאשאוו· די אלטע 500 יעריקע קהלה האט געציילט ביי 4000 אידן, אבער דער שטראם פון די פליטים וואס זיינען געקומען צולויפן פון ארומיקע ישובים, האט שטארק פארגרעסערט די צאל אידישע איינוואינער·

די שטאט איז איינגענומען געווארן דעם 5־טן סעפטעמבער, נאך איידער די פוילישע סאלדאטן האבן צייט געהאט צו אנטלויפן· און באלד האבן זיך די נאציס געווארפן אויף די אומגליקליכע אידן שיסענדיק אויף אלע זייטן· אין זעלבן טאג זיינען געהרגעט געווארן 35 אידן· אבער דאס איז געווען נאר א ארייינפיר צו דער שרעקליכער בלוט־אקציע וואס איז געווארן גרויזאמער פון טאג צו טאג· די אפאטשנער אידן זיינען אונטערדריקט געווארן מיט א אומבאשרייבליכער אכזריות און זייער בלוט האט זיך געגאסן יעדן טאג· ספעציעל האבן די פרומע אידן געליטן, אויף זייערע קעפ האט זיך אויסגעגאסן דער גאנצער סאדיזם פון די נאצישע מערדער· אבער די רעליגיעזע אידן האבן אלץ אויסגעהאלטן און חאטש עס איז פארבאטן געווארן, אונטער טויט־שטראף צו דאווענען אדער לערנען, האבן די רעליגיעזע אידן פון אפאטשנע ווייטער געלערנט און געדאוונט ניט איבעררייסענדיק דעם גאלדענעם פאדעם פון דער הייליגער אידישער טראדיציע·

אין יאר תש״א, איז דער מצב פון די אידן א ביסל לייכטער געווארן נאכדעם ווי עס איז אויפגעשטעלט געווארן דער געטא און ווארשטאטן וואו אידן האבן, אין הונגער און נויט געארבעט פאר די מערדער־אונטערדריקער אבער די „בעסערע״ צייטן האבן זיך ניט געצויגן לאנג· (26 טעג אין טבת תש״ג איז דער געטא ליקווידירט געווארן· די איבערגעבליבענע עטליכע אידן האט מען אוועקגעפירט אין די



יהודי פולין — בתמונה: חדר מסורתי בדלוגושודלה· אבי המלמד, הישיש החולה יושב בפינה· / פוילישע אידן — אויפן בילד: א חדר אין דלוגאשאדלע· דער אלטער קראנקער פאטער פון מלמד זיצט אין א זייט פון שטוב·

טויט און פיין לאגערן· דארט האבן זיי געענדיקט זייער שווערן און ביטערן לאבן אין דער גרויסער עקידה·)

איוואניסקא: א שטעטל ארום אפטע, אין קיעלצער געגנט· דעם 6־טן סעפטעמבער, ווען די נאציס זיינען אריין אהין, האבן דארט געוואינט 800 אידן·

די ארטיקע אידן זיינען געווען ביטערע ארימעלייט וואס האבן געצויגן זייער חיונה פון קארבעלניקעריי און שווערע ארבייט· אין די לעצטע דורות האט זיך די צאל פון די איינוואינער זייער איינגעשרומפן· א פאקט איז אז אין דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות״ האבן די קהלה לייט פון איוואניסקא געפאדערט פאר זיך די פולע רעכט פון א זעלבסטשטענדיקער קהלה· אין יאר תר״ז (1847) זיינען געווען אין דער קהלה 2341 נפשות, אין 50 יאר ארום, ד·ה· אין יאר 1897, האט שוין די קהלה פארמאגט נאר 1343 נפשות און אין יאר תרפ״א (1921) האט זיך איינגעשרומפן די אידישע באפעלקערונג צו 945 נפשות· גורם געווען דערצו האבן די שווערע ווירטשאפטליכע באדינגונגען וואס האבן דארט געהערשט און די טיפע שנאה פון די ארטיקע פאליאקן צו די אידן·

אבער אויך די ארימע אידן האבן געמוזט טרינקען דעם פולן ביטערן כוס· שוין אין ערשטן טאג פון דער נאצי־הערשאפט זיינען אויסגעקוילעט געווארן 4 אידן אינמיטן שטעטל און פון דאן האט שוין דער טעראר ניט אויפגעהערט אויף קיין מינוט· א בלוטיקער טעראר באגלייט מיט גרויזאמן רויב· די ארימע אידן האבן געמוזט פארקויפן זייער לעצטע העמד, כדי צו קענען צאלן די אלע קאנטריבוציעס וואס די נאציס האבן אויף זיי ארויפגעלייגט· מען האט זיי פארוואנדלט אין אמת׳ע קנעכט און גרויזאם געפייניקט (זייער אומגליקליכער לעבן האט זיך געענדיקט 4 טעג אין חשון תש״ג, אין דעם טאג האבן די נאצישע סאלדאטן און זייער געטרייע מיטהעלפער, די אוקראינער, ארומגערינגלט דער שטעטל און אוועקגעפירט אלע אידן קיין טרעבלינקע)·

אילזא: א קליין שטעטלע אין קיעלצער געגנט· ביז 1862 איז זי געווען אויסער דעם תחום המושב, חאטש פאקטיש האבן דארט, ניט אפיציעל, געוואינט שוין אין יאר 1856 — 531 אידן צווישן דער אלגעמיינער צאל פון 2029 איינוואינער·



יהודי פולין — בתמונה: ילדי תלמוד תורה בקראקה.
פוילישע אידן — אויפן בילד: תלמוד תורה אינגלעך אין קראקה.

מכרעת להגברת סבלם של היהודים במקום, סבל אשר הגיע לממדים קשים ביותר. בתנאי־אימה אלה סבלו יהודי העיירה עד ליום כ׳ בתשרי תש״ג, עת הוצאו כל יהודיה לינדזשוב ומשם למחנה־המוות בטריבלנקה.

בז׳גי, עיירה קטנה בגליל ינדזשוב במחוז קילץ, ובה קרוב למאה משפחות מישראל. עם הופעת הגרמנים גורשו יהודי העיירה הקטנה, אולם כעבור ימים מספר הורשו לחזור, אחרי שכל רכושם הוחרם. בתנאי־עוני מחרידים המשיכו יהודי העיירה לסבול את חיי־הדיכוי האיומים עד ליום ט״ו באלול תש״ב, ואז גורשו לינדזשוב.

ביאלובזשג, עיירה יהודית במחוז קילץ בת 2700 נפש מישראל שהיוו את הרוב המכריע של תושבי המקום. הגרמנים שהופיעו לביאלובזשג ביום חמישי, 7 בספטמבר, ערכו מיד טבח ביהודי העיירה לאחר שהתעללו בהם קשות. קנסות הוטלו על תושבי העיירה העניים ומעשי־הדיכוי עברו כל גבול ידוע. יהודים שנתפסו בתפלה או בלימוד תורה עונו ללא־רחם. גזירות לאין־שיעור הוטלו על היהודים שסבלו בצורה מחרידה וחיו בפחד מתמיד. ביום כ׳ בתשרי תש״ב הוקף הגיטו שהוקם במקום על־ידי חיילים גרמניים בליווי כוחות־עזר אוקראיניים ובצורה אכזרית הובלו יהודי ביאלובזשג לטריבלנקה, שם הומתו.

בליז׳ין, עיירה קטנה במחוז קילץ ובה ישוב יהודי קטן ועתיק יומין. הישוב סבל רבות בימים הראשונים למלחמה וכן עם כניסת הגרמנים למקום. ביום י״ג באלול תש״ב גורשו יהודי העיירה לסוכדניוב ומאז חדל ישוב זה להתקיים.

בלטוב פנטקוביצה, ישוב יהודי במחוז קילץ, שנתקיים כמאתיים שנה. נכבש בידי הגרמנים ביום כ״ה אלול. היהודים הורשו להישאר במקום עד י״ג בתשרי תש״ג, ואז גורשו לטרלא הקרובה.

ברנוב סנדורמירסקי, עיירה קטנה שסבלה רבות עם הופעת הגרמנים במקום. ביום ט׳ באלול תש״ב גורשו יהודי המקום לגיטו דמביצה.

גוברצוב, עיירה במחוז קילץ בת 1100 נפש מישראל. תושביה היו בעלי־מלאכה ורוכלים עניים. העיירה נכבשה על־ידי הגרמנים ביום 5 בספטמבר. עם הופעתם של החיילים הנאציים במקום נאלצו יהודי העיירה להתאסף בככר השוק, רובם הוכו באכזריות ונשדד מהם הכל. בית־המדרש במקום נהרס ומבול של גזירות, מלווה מעשי־רצח והתעללות ניתך על ראשם של יהודי העיירה. באלול תש״ב הקיפו החיילים הנאציים את העיירה, הוציאו משם את כל היהודים והובילו אותם להשמדה בטריבלנקה.

גלובצוב, עיירה עתיקה במחוז קילץ ובה קרוב למאה משפחות מישראל. למרות שתושביה העניים סבלו קשות מידי הנאצים הצליחו להחזיק מעמד עד אשר הועברו בצורה אכזרית בשלהי אלול תש״ב לגיטו קוזניץ.

גניביטשוב, קהלה עתיקה במחוז קילץ שפעלה כבר בימי ועד ארבע הארצות. לעומת 1900 נפש מישראל במאה הי״ח, נמצאו שם בעת הכיבוש הנאצי, רק קרוב לאלף נפש מישראל, רובם עניים מרודים אשר הוציאו את פרוסת־לחמם בקושי בעמל כפיהם. בעיירה קטנה זו התבסס גם מרכז לחסידות.

רבות סבלו תושבי גניביטשוב בימי הכיבוש הנאצי, החל מהיום הראשון לכיבוש העיירה ועד ליום ו׳ בכסלו תש״ג, יום בו הובלו כל התושבים היהודיים של עיירה זו למחנה המוות בטריבלנקה.

דומברוב, עיירה עתיקה במחוז קילץ, גליל צויזמיר, שפעלה כקהלה עצמאית כבר בימי ועד ארבע הארצות. בפרוץ



יהודי פולין—בתמונה : ליד בית החסידים בלוקוב, חסידים שקועים בשיחה.
פוילישע אידן — אויפן בילד : א שטיבל אין לוקאוו, חסידים שמועסן צווישען זיך.

נאכדעם ווי די אידן איז ערלויבט געווארן אפיציעל צו וואינען אין שטעטל, איז די צאל פון אידן נאכאנאנד געשטיגן אוןביים אויסברוך פון קריג האט די קהילה געציילט : 1720 נפשות. דעם 5־טן סעפטעמבער האבן זיך באוויזן די נאציס און גלייך האבן זיי אנגעהויבן רויבן און הרגענען אידן. די ארטיקע פאליאקן האבן פארענדיקט די רויבערישע ארבעט פון די נאציס, אזוי אז דאס שטעטל איז באלד רואינירט געווארן און אלע אידן זיינען פארוואנדלט געווארן אין צוואנגס־ארבייטער וועמען מען מעג פייניקן און מארדן.

די נאצישע מאכט האט באלד א גאס געטאן אויף די אידן א מבול פון אוממענשליכע גזירות און פאר יעדן קלענסטן חשד אז וועלכער עס איז א איד האט ניט געהיט די פארארדענונגען ווי עס געהער צו זיין, האט מען געשאסן די אידן אן שום אפהאלט. אזוי האבן די אילזאער אידן געליטן ביז עלף טעג אין חשון תש״ג. אין דעם טאג האבן די נאציס און די אוקראאינער ארומגערינגלט דעם אידישן געביט און ניט איבערלאזענדיק קיין לעבעדיק נפש, אוועקגעטריבן אלעמען, אין די גרויזאמסטע באדינגונגען אין טויטן־לאגער טרעבלינקע.

אינוואליעץ : א אלטער אידישער ישוב ארום קיעלץ וואו עס האבן געוואינט ביי 300 אידן אין דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות״. אבער ער איז אין פארלויף פון די יארן זייער איינגעשרומפן, און ביים אויסברוך פון קריג האבן דארט געוואינט נאר עטליכע צענדליקע אידישע משפחות. ס׳רוב פון זיי זיינען אנטלאפן ביים דערנענטערן זיך פון די דייטשן. די עטליכע איבערגעבליבענע האט מען באלד געהרגעט. מען ווייס ניט גענוי, צו דורך די דייטשן אדער דורך די ארטיקע פאליאקן — נאך איידער די דייטשן זיינען געקומען. פארשטייט מען אז זייער האב און גוטס האבן די ארטיקע פאליאקן צוגערויבט פאר זיך.

אנדרייעוו : א קליינער ישוב ארום קיעלץ וועמענס געשיכטע האט זיך געצויגן ביי 300 יאר. די אידן האבן זיך מפרנס געווען פון גיין איבער די דערפער אדער פון פאכטעריי. ביים איינגעמען דעם ארט דורך די דייטשן האט מען ארויסגעטריבן די אידן ניט לאזענדיק מיטנעמען גארניט. דעם בית מדרש האט מען פארברענט צוזאמען מיט די ספרי תורה. אלע אידישע הייזער האט מען פארברענט און אזוי ארום איז אפגעווישט געווארן א אלטער ישוב, פול מיט לעבן און טעטיקייט אין משך פון הונדערטער יארן.

אפט : די קרייז הויפט־שטאט אין קיעלצער געגנט. איינגענומען געווארן אין א שטורעם־אפענסיווע מיטוואך פארנאכט, דעם 6־טן סעפטעמבער. גלייך ביים אריינמארשירן אין שטאט האבן די נאציס איינגעארדענט א בלוט־באד אויף די אידן.

די דאזיקע אלטע קהלה, וועלכע האט אין די צייטן פון „ועד ארבע הארצות״ געווען איינע פון די הויפט־קהלות, און האט זיך גערעכנט אלס איינע פון די עלטסטע קהלות אין פוילן בכלל, האט ביים מלחמה אויסברוך געציילט 5100 אידן פון דער אלגעמיינער צאל 7800 איינוואינער פון אפט. הונדערטער יארן לאנג האט זיך אפט גערעכנט פאר איינער פון די ספעציפישסטע קהלות אין פוילן, דער אידישער לעבן האט דארט געהאט די אויבערהאנד, די אידן האבן געוואינט אינמיטן שטאט און די פאליאקן — אין די הינטער־גאסן. אבער מיטן איינעמען אפט דורך די נאציס האט זיך דאס רעדל איבערגעדרייט. מען האט די אידן ארויסגעווארפן פון זייערע שיינע הייזער ניט ערלויבענדיק זיי מיטצונעמען גארניט און אויף זייער ארט זיינען געקומען דייטשן אדער פוילישע מיטלויפער. די ארגאניזירטע רויב אקציעס האבן די אידן אינגאנצן פאראָרעמט און אין א קורצער צייט פארוואנדלט אין א ארימער, בעטלער־קהלה וואס גייט אויס פון הונגער. גרויזאמע גזירות זיינען געפאלן אויף די קעפ פון די אפטער אידן, יעדן טאג א שרעקליכערע. און יעדער גזירה איז באגלייט געווארן מיט מארד און בלוט פארגיסונג אן אויפהער.

פונדעסטוועגן האט די אפטער קהלה גענומען אויף זיך דעם יאך פון דאגה׳ן פאר די טויזנטער פליטים וואס זיינען געקומען צולויפן אהין פון פארשידענע געביטן פון פוילן און געטיילט זיך מיט זיי מיטן שטיקל ברויט אזויווי מיט די ליידן פון פיין.

מורא׳דיקע גזירות האבן זיך א שאט געטאן אויף די אפטער אידן, מיטן איינציקן צוועק : דערדריקן די אידן ביז צו דער ערד און אויסרייסן דעם קלענסטן ווילן צום לעבן. אבער די אידן פון אפט, ס׳רוב פון זיי פרומע אידן, האבן מיט דער גרעסטער מסירת־נפש געבליבן טריי זייער טראדיציע און זייער אייגענארטיקייט, געבליבן די הייליקע קינדער פון הייליגן פאלק. און וואס מער עס האט זיך געגאסן אויף זיי גרויזאמקייט, אלץ מער האט געשטראלט פון זיי רחמנות און מיטגעפיל צו זייערע ברידער, האבן זיך מוסר־נפש געווען פאר יעדער מצווה און געהיט דעם צלם אלוקים. אינ׳ם יאר תש״א איז אויפגעשטעלט געווארן דער געטא אין אפט, ער איז געווען זייער קליין און דארט האט מען אריינגעפרעסט 600 אידן אין די גרויזאמסטע באדינגונגען.

(אין צוויי יאר ארום, ט׳ בחשון תש״ג, האבן די נאצימערדער אנגעהויבן צו ליקווידירן דעם געטא אין אפט. 300 יאר נאך דער גרויסער שחיטה וואס די פאליאקן האבן דורכגעפירט אין אפט, שעכטנדיק 200 אידישע משפחות מיט פרויען און קינדער, זיינען ווידער געפירט געווארן די



יהודי פולין — בתמונה: ליד בית הכנסת בפינטשוב לפני 2—3 דורות. / פוילישע אידן — אויפן בילד: ביי דער פינטשאווער שוהל מיט דורות צוריק.

השואה גרו בעיירה 80 משפחות יהודיות, רובם ככולם חרדים, ועם זאת עניים שעמלו קשות לפרנסת ביתם.

כבר בראשית שלטון הנאצים במקום, עברו על יהודי דומברוב יסורי־שאול קשים. מספר ראשי משפחה נרצחו באכזריות, הם נשדדו ונשארו רק עם כותונתם הקרועה לעורם. במיוחד התעללו הרוצחים הנאציים ביהודים בעלי הדרת־פנים, עטורי זקן ופיאות. הם הוכרחו לכרוע ברך עטורי טלית־ותפילין, אולצו לרקוד סביב מדורת־אש, לתוכה הטילו הקלגסים ספרי־תורה וספרי־קודש שחוללו בידיהם.

סבל רב נפל בחלקם של היהודים האומללים בתקופת הכיבוש הנאצי. הישוב היהודי בדומברוב היה קטן מדי מלהקים במקום בתי־מלאכה עבור הצבא הגרמני ולכן סבלו יהודי המקום מרעב מתמיד עד אשר נטבחו בידי הקלגסים הנאציים.

דזיאלושיץ, עיר בגליל ראדום, מחוז קילץ, ובה קהלה בת 2600 נפש מישראל, שנכבשה ע״י הגרמנים ביום כ״ה באלול.

מאות פליטים ומגורשים מהסביבה הקרובה והרחוקה הגיעו למקום וכך עלה מספר הנפשות היהודיות בדזיאלושיץ עד 6611 בשנת 1941. התושבים כמו הפליטים, סבלו ללא־שיעור מהקלגסים הנאציים שהתעללו בהם ללא־הרף.

בתקופה הראשונה הרבו הנאצים לסחוט מיהודי העיירה קנסות כספיים או חפצי־ערך, תוך איומים בהריגות וברציחות ובתליית ראשי המועצה היהודית במקום. בתקופה מאוחרת יותר, כשיהודי העיר נשדדו למעשה מכל, הרבו הרוצחים הנאציים לשפוך דם־נקיים ולעתים תכופות ביותר נתלו יהודים או נורו ברחוב ללא כל נימוק שהוא.

יהודים שנתפסו מתפללים במנין עונו עד מוות, יהודים אחרים שסירבו לציית לפקודות הקלגסים לחלל ספרי־תורה, נפצעו קשה. בשלהי שנת תש״ג הוציאו הגרמנים את אחרוני היהודים מדזיאלושיץ, אחרי שנערכו כבר מספר אקציות, והובילום לטבח. בראש־השנה תש״ד היתה כבר דזיאלושיץ „יודען־ריין״ לחלוטין. כל תושביה היהודיים הובלו לעקידה.

דרוגניה, קהלה קטנה באיזור קילץ, שנוסדה במאה הט״ו. נכבשה ע״י הגרמנים ביום כ״ה באלול ומיד עם הופעתם החלו להשתולל במקום. השוחט המקומי, שמילא את מקומו של הרב, נורה בטענה כי נמצא אצלו נשק בחיפוש שנערך בבתי היהודים אגב שדידת רכושם. אחרי שהגרמנים סחטו מיהודי המקום את כל אשר להם, הפכו אותם לעובדי־כפיה תוך התעללות בלתי־פוסקת בהם. ביום שמיני־עצרת שנת תש״ג, הועברו אחרוני יהודי דרוגניה לחמלניק ומשם — למחנות־השמדה.

דאנדובקה, ישוב יהודי קטן במחוז קילץ בן 60 משפחות, רובם עניים ורוכלים. מיד עם הופעת הנאצים במקום החלו להתעלל קשות ביהודים. ערכו מחזה אכזרי של גזיזת הזקנים והפיאות של היהודים, פצעו זקן ונער וחיללו את ספרי־התורה במקום. תוך סבל ועוני רב עברו שנות־השואה על יהודי הכפר־העיירה הזאת, ובראשית שנת תש״ג, החלו האקציות נגד יהודי המקום. הזקנים, הילדים והנשים, הועברו בעשרת ימי תשובה למחנה ההשמדה בטריבלנקה, ואילו הגברים הכשרים לעבודה הועברו לגיטו צויזמיר ושם לא ניתן להם לחיות זמן רב. אחרי עינויים רבים הובלו אף הם לעקידה הגדולה.

דאלשיצה, עיירה במחוז קילץ עתיקה לימים שסבלה כבר רבות בתקופה הראשונה לכיבושה ע״י הנאצים. מטר גזירות ניתך על יהודי העיירה, מלווה מעשי התעללות אכזריים ביותר, ובשבועות הראשונים לכיבוש הנאצי נרצחו 12 מיהודי העיירה על לא עוול בכפם, אך ורק על היותם יהודים. בשלהי תש״ב גורשו יהודי דאלשיצה באכזריות קשוחה למחנות ההשמדה.

וואדיסלאב, קהלה עתיקה לימים ששימשה כבר בימי ועד ארבע הארצות כקהלה ראשית אליה היו כפופים עשרות קהלות וישובים מהסביבה הקרובה והרחוקה. סבל רב ופרעות־דמים ידעו יהודי וואדיסלב במאות שנות קיומה של הקהלה. בפרוץ השואה מנתה קהלה זו, 3900 נפש מישראל, והיתה ידועה כמרכז של חיי תורה וחסידות ופעילות בכל שטחי־החיים.

ביום כ״ד באלול, יום רביעי בשבוע, הופיעו ראשוני הקלגסים הנאציים ברחובות העיר, החלו לירות ללא־אבחנה על יהודים והרגו כמה מהם. בחרדת־מוות נכנסה קהלה מפוארת זו לתקופת־הדמים הקשה והאיומה. במיוחד התעללו הרוצחים הנאציים ביהודים חרדיים, אסרו על תפילות בציבור ועל לימוד התורה וערכו מחזות שפלים תוך חירוף וגידוף.

תוך תקופה קצרה הצליחו הקלגסים הנאציים להפוך את בני הקהלה המשגשגת לעדת עניים מרודים מחוסרי־כל הרעבים ללחם ויודעי עוני ומחלה. רבות סבלו יהודי וואדיסלאב אחרי שהוקם גיטו במקום. גם סבל זה לא נמשך זמן רב מדי. מיד אחרי ראש־השנה תש״ג החלו הנאצים לחסל את הישוב היהודי במקום ובשלהי חשון תש״ג היתה כבר וואדיסלב, שידעה חיים יהודיים תוססים — „יודענריין״. מרבית בני־הקהלה נשלחו לטריבלנקה, מיעוטם הועבר לצויזמיר ונספו במחנות־השמדה אחרים.

וואיצכוב, ליד ראדום במחוז קילץ. קהלה בת 300 משפחות, רובם רוכלים, פועלים ובעלי־מלאכה. נכבשה על־

אפטער אידן צו דער שחיטה· אין משא־וואגאנעס האט מען געפירט די אפטער אידן קיין טרעבלינקע וואו זיי זיינען אומגעקומען·

א קליינע צאל אידן איז נאך געבליבן אין אפט בערך צוויי מאנאטן· זיי האבן געארבעט אין הונגער־באדינגונגען אין די ווארשטאטן וואס האבן געארבעט פארן דייטשן מיליטער· אבער אינגיכן איז אויך זייער גורל געקומען· ג׳ טבת תש״ג האט מען זיי אלעמען צוגענומען און אוועקגעפירט אין די טויט־לאגערן וואו זיי זיינען אלע אומגעקומען·

די אלטע פאטריאכאלישע קהלה פון אפט האט אויפגעהערט צו עקזיסטירן· אירע קינדער זיינען פארברענט געווארן אויפן ריזיקן מזבח פון פוילישן אידענטום·)


אשיעק : א קליינע שטעטעלע ביי סאנדאמיר אין קיעלצער געגנט מיט 400 אידישע נפשות· איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן דעם 5־טן סעפטעמבער פארנאכט· גלייך ביים אריינקומען האבן זיך די נאצי־מערדער גענומען איזדיעקעווען איבער די ארטיקע אידן, געהרגעט 10 און פארוואונדעט פיל אנדערע· נאך אין זעלבן טאג האבן זיי געשענדעט דער ארטיקער שול און שווער געפייניקט אלע אידן פון שטעטל אזוי, אז זיי האבן פארלוירן יעדן אייגענעם ווילן און האבן געטאן אלץ וואס די גרויזאמע פייניקער האבן זיי געהייסן· און די נאצי־מערדער האבן געפייניקט אן אויפהער, טאג טעגליך פארגאסן זייער בלוט ביז עס איז געקומען דער 14־טער טאג אין חשון תש״ג, ווען נאך דריי יאר אוממענשליכער פיין, האט מען אוועקגעפירט אלע אידן פון אשיעק קיין טרעבלינקע· דארט זיינען זיי אומגעקומען·

אשעראוו : אפטער קרייז, קיעלצער געגנט· איינגענומען דורך די נאציס דעם 5־טן סעפטעמבער· ווי אומעטום האבן זיי אויך אין אשעראוו גלייך ביים אריינמארשירן אנגעהויבן פייניקן די 500 אידישע משפחות פון שטעטל, באלד געהרגעט 2 אידן וואס האבן געהאט דעם מוט זיך צו באקלאגן פארוואס מען רויבט זיי, פערברענט דעם בית מדרש און געמאטערט די אידן נאכאנאנד· אזוי האבן זיי געלעבט אין שטענדיקער טויט־שרעק· אין זומער תש״ב האט מען א סאך אשעראווער אידן אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע און אין חשון תש״ג האט מען אויך די איבערגעבליבענע אוועקגעשיקט אויפן זעלבן וועג·

איוואניטשאק : ראדאמער קרייז, קיעלצער געגנט· איינגענומען געווארן דורך די נאציס ערב שבת, דעם 8־טן סעפטעמבער· גלייך ביים אריינמארשירן פון די נאציס האבן זיי ארעסטירט אלע אידן און זיי געהאלטן אויף א ליידיקן פלאץ פייניקענדיק זיי אוממענשליך· נאכדעם ווי מען האט אלע אידן געשלאגן מכות רצח און צוגענומען זייער האב און גוטס, האט מען זיי מיט בייטשן צוטריבן און ניט געלאזן מער צוריקקערן אין זייערע הייזער·

וואס מיט די מענשן איז געווארן קען מען פארשטיין· דאס שטעטעלע האט אויפגעהערט צו עקזיסטירן·

באגאראיא : א קליינער, א פאר הונדערט יאר אלטער אידישער ישוב אין קיעלצער געגנט· די נאציס זיינען דארט געקומען אויך ערב שבת דעם 8־טן סעפטעמבער· די אידן, ארימע דארפסגייער האבן גלייך אנגעהויבן ליידן שרעקליכע צרות פון די מערדער, זיי האבן גלייך אלץ צוגענומען,



יהודי פולין — בתמונה : ילדי תלמוד תורה בטומשוב עם מורם· / פוילישע אידן — אויפן בילד : די תלמוד תורה קינדער אין טאמאשוב מיט זייער מלמד·

געשלאגן, געהרגעט און ביזן לעצטן טאג געלעבט אין טויט־שרעק· אינמיטן פון חודש חשון תש״ג איז דאס שטעטלע ארומגערינגלט געווארן פון די נאצי־מערדער און אלע אידן זיינען אויסגעשאסן געווארן·

באדזשענטין : א קליינע שטעטעלע אין קיעלצער געגנט· די אידן האבן דארט געלעבט פון שווערער ארבייט· אזוי ווי ס׳רוב פון די אידן זיינען געווען רעליגיעז, האבן זיי מער געליטן און שרעקליכער, די מערדער האבן אויסגעטראכט כלערליי עינויים כדי זיי צו פייניקן, אבער די אידן האבן מיט מסירת נפש געהיט אויף זייער טראדיציאנעל לעבן, אויף זייערע ספעציפישע מלבושים און געהיט אלע מצוות אין די גרויזאמסטע באדינגונגען· אין שרעקליכן הונגער האבן זיך די אידן געהאלטן די גאנצע צייט און זיך ניט אונטערגעגעבן די נאצי־מערדער· סוף אלול תש״ב האט מען אלע אידן אכזריות׳דיק ארויסגעטריבן פונ׳ם געטא וואס איז אויפגעשטעלט געווארן פאר זיי אין דער נאענטסטער שטעטל סוכעדניאוו, און אין א חודש ארום, אין חשון תש״ג, האט מען די עטליכע איבערגעבליבענע אוועקגעפירט צום טויט·

נאך א אלטער, הונדערטער יאריקער אידישער ישוב איז אפגעווישט געווארן·

בוסק (זדרוי) : א קליינער קור־ארט אין קיעלצער געגנט וואו עס האט אין פארלויף פון הונדערטער יארן געברויזט א אידיש לעבן· מיט אידישן שווייס האט דער ארט זיך ענטוויקלט און פארוואנדלט געווארן אין א קוואל פון



יהודי פולין — בתמונה: ילדי כתה א׳ עם העוזר־למלמד. / פוילישע אידן — אויפן בילד: דאס ערשטע יאהר אין חדר. קינדער מיט דער ״בעלפער״.

ידי הגרמנים בשבת, 9 בספטמבר, אחרי שניזוקה קשות בקרבות. הרוצחים ערכו טבח במספר יהודים שנקלעו בדרכם. אחרי הטבח ברחו מרבית יהודי המקום בהשאירם אחריהם את כל רכושם. הנשארים סבלו קשות מנגישות הנאצים עד לחיסולה הסופי של קהלה זו, בשלהי שנת תש״ב.

וואלברום, קהלה עתיקה שנוסדה במאה הט״ו והתפתחה בהתמדה במשך מאות בשנים, למרות התנכלות הפולנים ביהודי העיר. בשנת תרפ״א מנו יהודי וואלברום 7276 נפש (41.2 אחוז מכלל תושבי המקום) ואילו בפרוץ השואה הגיע מספרם ל־8000 ויותר. בשנת 1940 נוספו עוד 3000 פליטים ומגורשים שקיבלו קורת־גג בגיטו וואלברום.

עם כיבוש העיר על־ידי הגרמנים גבר סבלם של היהודים יותר ויותר. לראשונה חוקקו הכובשים הנאציים שורה ארוכה של חוקים דראסטיים שנועדו לדכא את יהודי העיר. החוקים האיומים לוו במעשי שוד ורצח ועינויים בסטיאליים אשר הפכו את חיי יהודי העיר לגיהנום.

כשניגשו הרוצחים לחסל את קהלות ישראל במחוז קילץ, היו יהודי קהלת וואלברום הקרבנות הראשונים. בקיץ שנת תש״ב, הועברו מרבית יהודי וואלברום למחנה־ההשמדה בטריבלנקה. רק פועלים בעלי־מקצוע נשלחו למחנות־עבודה ושם מצאו את מותם. בראשית שנת תש״ג כבר היתה וואלברום „יודענריין״. הקהלה העתיקה ותוססת־החיים חדלה להתקיים.

ווידאמה, קהלה במחוז קילץ, בת 3400 יהודים. נכבשה על־ידי הגרמנים ביום כ״ב באלול ומיד החלו הנגישות האכזריות נגד יהודי המקום. 20 יהודים נרצחו בימים הראשונים לכיבוש תוך מטרה שקופה להטיל אימת־מוות על האוכלוסיה היהודית במקום. חוקים אכזריים הונהגו באורח ברוטאלי שמטרתם היחידה היתה להוציא את היהודים מחוץ לכל חוק, לנשלם מכל עמדה כלכלית ולהביאם לחרפת־רעב. כבר בחדשים הראשונים של שנת 1940 הוקם גיטו במקום ויהודי ווידאמה נכלאו מאחורי סוגר ובריח, כשהם נדונים למוות איטי, מופקרים למחלות, עוני וסבל. בראשית שנת תש״ג, בסוף חודש תשרי, חוסל הגיטו ויהודי העיר הובלו למחנה טריבלנקה, שם נהרגו באכזריות שאין לה דוגמה ומשל.

וואשינוב, ישוב קטן ובו כ־30 משפחות של רוכלים וחוכרים עניים שהתפרנסו בקושי מאיכרי הסביבה. הגרמנים ביקרו לעתים תכופות בישוב זה והתעללו קשות ביהודי המקום. ביום השני לחג השבועות תש״ב גורשו יהודי וואשינוב באכזריות מבתיהם ובית המדרש במקום הועלה באש.

ויילוגורה, עיירה בגליל ראדום מחוז קילץ, בת 300 שנה ויותר, שנתדלדלה מיושביה היהודיים. הגרמנים הופיעו בה ביום כ״ה באלול והתעללו קשות ביהודים, גזזו את זקניהם ופצעו קשות את מרבית התושבים היהודיים. חלק מהתושבים ברח מהמקום ויתרם נשארו בתנאים לא־אנושיים עד ליום י״ח אלול תש״ב, אז גורשו אחרוני יהודי ויילוגורה לגיטו ראדום.

וואנכאצק, עיירה עתיקה במחוז קילץ שמנתה 900 נפש מישראל. סבלה קשות מאז הופעת הגרמנים לתוכה. יהודי וואנכאצק גורשו ביום י״ג חשוון לוויירזשבניק ומשם הועברו למחנות עבודה והשמדה.

וויזשביצה, ישוב יהודי קטן במחוז קילץ. נכבש על־ידי הגרמנים ביום כ״ד אלול, אשר מיד עם הופעתם ערכו טבח ביהודי המקום, שדדו מכל הבא ליד והרסו את בית־הכנסת העתיק. אחרי הפרעות הראשונות נרגעו קצת הפורעים הנאציים ויהודי המקום התרגלו איכשהו לתנאים הקשים תחת שלטון הנאצים. אולם בשלהי אלול תש״ב גורשו לפתע יהודי וויזשביצה לקוזניץ כשרק כותנתם לעורם.

ווישליצה, עיירה־כפר בגליל ינדזשוב במחוז קילץ ובה 40 משפחות יהודיות שסבלו קשות בכל תקופת שלטונם של הגרמנים במקום. ביום כ״ב בתשרי תש״ג גורשו יהודי המקום לינדזשוב מבלי שהותר להם לקחת עמם מאומה. התושבים הפולניים בסביבה שדדו את בתי היהודים ורכוש שבווישליצה.

וולאשציבי, מחוז קילץ. בה קהלה יהודית בת 4000 נפש. מרכז חסידי־מסורתי וישוב שידע פעילות ציבורית ומסחרית מפותחת. הגרמנים שכבשו את וולאשציבי ביום כ״ד אלול, התנכלו קשות לקהלה היהודית מיום הופעתם. כדי להכניס את יהודי המקום לאוירה של פחד ובהלה הרגו 8 מיהודי המקום כבר ביום הראשון לשלטונם. כל הרכוש היהודי הוכרז רשמית כהפקר וחיי היהודים נעשו הפקר לתעלוליו של כל רוצח. במיוחד סבלו חרדי העיר, בעלי הלבוש המסורתי. מחזות מפלצתיים ומקפיאי־דם של גזיזת זקני היהודים, של עריכת תפילות תחת איומי רובים והנחתת מכות־רצח במתפללים, שיעשעו את השליטים הגרמניים לקול תשואות הפולנים, תושבי העיר או הסביבה. היהודים אולצו לבצע עבודות־כפיה קשות ללא כל תשלום ואיסורים לרוב הוטלו עליהם. העוני גבר עם הקמת גיטו יהודי במקום. בשנת תש״ב, כשהאוכלוסיה היהודית היתה כבר תשושה לגמרי, אכולת־רעב ומחלות החלו האקציות נגד יהודי המקום שהועברו למחנות־ההשמדה. אחרוני יהודי וולאשציבי הובלו

פרנסה פאר טויזנטער איינוואינער פון גאנצן געגנט. די נאציס וואס זיינען דארט אריין דעם 5־טן סעפטעמבער האבן דאס ארט פארוואנדלט אין א צענטראל־פלאץ און איין קור־ארט פאר דאס מיליטער פון דער געגנט. דאס איז געווען איינע פון די הויפט־סיבות פונ׳ם אידישן ליידן וואס איז איבערגעשטיגן דאס ליידן אין אנדערע שטעטלעך. אין די שוידערליכסטע באדינגונגען האבן די אידן געלעבט ביז כ׳ תשרי תש״ג דאן האט מען אלע אידן ארויסגעפירט קיין יענדזשעיאוו און פון דארט — קיין טרעבלינקע.

בשזעגי: קליין שטעטעלע אין יענדזשעיאווער קרייז, קיעלצער געגנט מיט קרוב צו 100 אידישע משפחות. גלייך ווי די נאציס זיינען אריין אין שטעטל האבן זיי ארויסגעטריבן אלע אידן. אבער אין א פאר טעג ארום האט מען זיי ערלויבט צוריקגיין, אבער דאס גאנצע פארמעגן האט מען ביי זיי צוגענומען. אין מורא׳דיקער ארעמקייט האבן די אידן געלעבט, צו דעם זיינען נאך צוגעקומען די אנאויפהערליכע פייניקונגען און בלוט־פארגיסונגען. דאס האט זיך געצויגן ביז ט״ו אלול תש״ב. דאן האט מען אלע אידן ארויסגטריבן קיין יענדזשעיאוו וואו זיי זיינען אומגעקומען צוזאמען מיט אנדערע.

ביאלאבזשעג: א אידיש שטעטל אין קיעלצער געגנט וואס האט געציילט 2700 אידן וועלכע זיינען געווען דער רוב פון שטעטל. דעם 7־טן סעפטעמבער, גלייך ווי די דייטשן זיינען אריינגעקומען, האבן זיי געמאכט א פאגראם אויף די אידן נאכדעם ווי מען האט זיי געפייניקט. גרויסע שטראפן זיינען ארויפגעלייגט געווארן אויף די ארימע אידן און דער טעראר איז איבערגעגאנגען אלע גרענעצן. אידן וועלכע מען האט געכאפט ביים דאווענען אדער ביים לערנען זיינען געפייניקט געווארן אן רחמנות. גזירות און טעראר האבן אויסגעפילט דעם גאנצן אומגליקליכן לעבן פון די אידן. דעם צוואנציקסטן טאג אין חשון תש״ב, האבן די נאציס און די אוקראינער ארומגערינגלט דאס שטעטל און שלאגענדיק אלעמען מכות רצח, האט מען זיי אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע.

בליזשין: א קליין, אור־אלט אידישע שטעטל אין קיעלצער געגנט. האט זייער פיל געליטן ביז די דייטשן זיינען אריין און נאך מער — מיט זייער אריינקומען. דער ישוב איז אפגעווישט געווארן י״ג אלול תש״ב ווען די נאציס האבן פארטריבן אלע ארטיקע אידן קיין סוכעדניעוו.

בלאטאוו־פענטקאוויצע: דער כמעט 200 יעריקער אידישער ישוב אין קיעלצער געגנט, איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן דעם 7־טן סעפטעמבער. אבער מען האט ערלויבט די אידן צו בלייבן ביז י״ג תשרי תש״ג. דאן האט מען זיי פארטריבן אין דער נאענטסטער שטעטל טארלע.

בארא‍נאוו סאנדאמירסקי: א קליינע שטעטעלע וואס האט, ווי אנדערע, זייער א סאך געליטן פון די נאציס, ביז מען האט פארטריבן אלע אידן אין דעמביצער געטא, דאס איז געווען ט׳ אלול תש״ב.

גווערצאוו: א שטעטעלע אין קיעלצער געגנט מיט 1100 אידישע נפשות. די אידן זיינען געווען ארימע־לייט וואס האבן געלעבט פון גיין איבער די דערפער און פון האנטווערקעריי. איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן דעם 5־טן סעפטעמבער. גלייך ביים אריינקומען האבן די דייטשן צוזאמענגעטריבן אלע אידן אויפן מארק, געשלאגן אלעמען מכות רצח און צוגערויבט אלץ וואס זיי האבן געהאט. דעם בית מדרש האבן זיי חרוב געמאכט און ביזן לעצטן טאג האט איין גזירה געיאגט דער צווייטער און עס איז ניט אדורך קיין טאג אן פארגאסענעם אידישן בלוט. אין אלול תש״ב האבן דייטשע סאלדאטן ארומגערינגלט דאס שטעטל און ארויסגעטריבן אלע אידן צום טויט אין טרעבלינקע.



יהודי פולין — בתמונה רוכלים יהודים בשווקיה של קוזמיר. / פוילישע אידן — אויפן בילד: אידישע מארק־הענדלער אויפן קאזמירער יריד.

גלאבאצאוו: א אלט שטעטעלע אין קיעלצער געגנט מיט כמעט 100 אידישע פאמיליעס. די ארטיקע אידן האבן דורכגעהאלטן אלע צרות, בלוט פארגיסונגען און טעראר־אקציעס, ביז דעם גרויזאמען טאג. אין סוף אלול תש״ב, ווען מען האט אלע אידן, שלאגענדיק מכות רצח, אוועקגעפירט אין געטא פון קאזשעניץ.

גניוועטשוב: א אלטע אידישע קהלה אין קיעלצער געגנט וועלכע ציט נאך איר יחוס און טעטיקייט פון דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות״. אין אכצנטן י״ה. האבן דארט געלעבט 1900 אידן, אבער ביים אויסברוך פון קריג זיינען דארט פארבליבן נאר ביי 1000 נפשות, ס׳רוב פון זיי ביטערע ארימעלייט וואס האבן מיט שווייס אויסגעהארעוועט זייער שטיקל ברויט.

דאס שטעטל איז אויך געווען א חסידישער צענטער.

א סאך צרות האבן דורכגעמאכט די ארימע גניוועטשאווער אידן אונטער דער נאצישער הערשאפט פונ׳ם ערשטן טאג ביז לעצטן טאג, זעקס טעג אין כסלו תש״ג. ווען מען האט אלע אידן אוועקגעפירט אין טרעבלינקע.

דאמבראוו: א אור אלטע אידישע קהלה אין צויזמירער קרייז, קיעלצער געגנט, וועלכע איז שוין געווען א זעלבסטשטענדיקע קהלה אין דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות״. ביים אויסברוך פון קריג האבן דארט געלעבט נאר 80 שטרענג רעליגיעזע אידישע משפחות, וועלכע האבן זיך זייער געמאטערט מיט דער פרנסה.

שוין צום אנהויב פונ׳ם נאצי־רעזשים האבן די אידן פון דאמבראוו דורכגעליטן יסורי גיהינום. א ביסל חשוב׳ע אידן, האט מען גלייך געהרגעט. ביי די איבעריקע האט מען אלץ צוגערויבט און זיי זיינען געבליבן בארוועס און נאקעט. אמערסטן האבן די נאציס געמאטערט אידן מיט בערד און פיאות, מען האט זיי געצוואונגען צו קניען, אין טלית און תפילין



יהודי פולין — בתמונה: ילדים עניים משחקים בשכונת באלוט, בלודז׳. / פוילישע אידן — אויפן בילד: ארימע קינדער שפילען זיך אין באלוט קווארטל, אין לאדז׳.

לטריבלנקה בחודש תשרי תש״ג, אז נלקח היהודי האחרון ממקום זה.

וואלאנוב, קהלה בת 1900 נפש מישראל בגליל ראדום, מחוז קילץ. יהודי המקום עונו קשות מיד עם הופעת הגרמנים ומאז לא ידעו מנוחה עד אשר חוסלה הקהלה באכזריות. היה זה במחצית השניה של חודש אב שנת תש״ב, עת בו הועברו יהודי המקום באכזריות למחנות עבודה והשמדה.

ווישמיעז׳יץ, קהלה קטנה במחוז ראדום שהגרמנים השתוללו בה בצורה מיוחדת אחרי שהופיעו במקום. יהודי ווישמיעז׳יץ גורשו בחודש אב תש״ב מבתיהם, הגברים הועברו למחנות עבודה ואילו הזקנים, הילדים והנשים החלשות הועברו למחנות־השמדה.

וויירזשבניק, קהלה חשובה במחוז קילץ ובה 5200 נפש מישראל. קהלה זו ידעה חיים דתיים, ציבוריים וכלכליים משגשגים עד ליום כ״ה אלול, יום בו ברחו אנשי השלטון הפולני מהעיר ומיד אחריהם הופיעו חיילי צבאות הכיבוש הנאצי. כבר ביום הראשון להופעתם הראו את כוחם בהפיכת חיי היהודים לגיהינום עלי־אדמות. רצחו עשרות יהודים שנקלעו בדרכם, התעללו ביהודים דתיים עטורי זקן ופיאות בצורה אכזרית ואסרו על קיומם של חיים ציבוריים־יהודיים. בתי־הכנסת נסגרו לפי פקודת הקלגסים ועונש מות הוטל על תפילה בציבור. בעוד וחיילי הכיבוש עסקו בהתעללויות ביהודים, לא שכחו יחד עם זאת לפעול בכיוון השני של תכניתם, והוא: גזילת ושוד הרכוש היהודי בעיר. לא השאירו בית יהודי שלא פקדוהו, אם לשם התעללות ביהודים ואם לשם מעשי שוד והרס. עברו רק ימים מספר ועדת יהודי וויירזשבניק, שהיתה בעבר פחות או יותר מבוססת מבחינה כלכלית, הפכה לעדה הרוסה, שדודה ועניה, רעבה לפרוסת־לחם וחייה תלויים לה מנגד. ההתעללות הבלתי־פוסקת של הנאצים ביהודי העיר הפכה לסיוט מתמיד, החיים שוב לא נחשבו. בבוקר אמרו מי יתן ערב ובערב אמרו מי יתן בוקר.

בתנאים האיומים הללו הוכנסו יהודי העיר לגיטו צר שהוקם במקום על־ידי הקלגסים הנאציים בקשיחות אכזרית. יסורי־שאול אלו נמשכו כשלוש שנים, עד ליום הושענא־רבה תש״ג, יום בו החלו הרוצחים הנאציים לחסל את הקהלה בצורה פראית. במשך ימים מספר הוקף הגיטו מכל עבר. יהודי וויירזשבניק הועברו במשך חודש ימים, שבורים ורצוצים, למחנה־ההשמדה בטריבלנקה. בשלהי חשוון תש״ג היתה כבר וויירזשבניק „יודענריין״.

זביירצה, מהקהלות הגדולות במחוז קילץ. ובה 7300 נפש מישראל. ישוב יהודי וותיק ומבוסס שידע חיים ערים ומשגשגים בכל שטחי־החיים. מהיום בו נכבשה קהלה זו בידי הגרמנים, שוב לא היה קץ וגבול לסבלם של יהודי העיר. נתונים היו לשרשרת בלתי־פוסקת של עינויי גוף ונפש וגמעו את כוס התרעלה והיסורים עד תומה. היהודים בעיר, כיהודי פולין כולה, שהועמדו מחוץ לכל הגנה חוקית ודמם נעשה הפקר לכל עורב, טעמו על בשרם וגופם גל של גזירות איומות שתכליתן היתה לחסל חיסול פיסי ורוחני את היהודים. החל מהגזירה הראשונה, שחייבה את גזיזת הזקן והפיאות וכלה בצו האחרון שחייב את יהודי זביירצה להופיע בככר העיר, ביום כ״ה באב תש״ג, יום בו הובלו אחרוני תושבי המקום למחנה ההשמדה וזביירצה נעשתה „יודענריין״.

סלאבקוב, עיירה יהודית קטנה במחוז קילץ, מיושבת בעיקר על־ידי חסידים ואנשי־עמל שהתפרנסו בקושי מרוכלות ועמל־כפיים ומחקלאות. הפולשים הגרמנים הופיעו בסלאבקוב ביום כ״ה באלול ומיד הועמדה כנופיה שלמה של רוצחים אשר עמלה במיוחד בהתעללויותיה ביהודי העיירה, עטורי זקן ופיאות, שומרי תורה ומצוות. באכזריות חיללו את בית־המדרש וספרי־התורה, אילצו את יהודי העיר להתאסף בככר השוק, ושם החזיקו אותם כשהם כורעים על ברכיהם וידיהם מורמות למעלה שעות ארוכות. תשושי־כוח שלא החזיקו מעמד נוכח מכות־הרצח שניתכו עליהם — נורו מיד. אשה צעירה שהתחננה על חיי אביה מחמת הקלגסים — נורתה עם תינוקה בידה.

באכזריות מיוחדת טיפלו הרוצחים בגזיזת זקניהם ופיאותיהם של יהודי העיירה. ומהם שנחתכו בבשרם אגב כך. כנגד יהודים אחרים התעללו בצורה קשה יותר, כאשר שרפו את זקניהם והסבו להם כוויות צורבות ולאחרים מרטו את שערות הזקן בכוח. שבורים ורצוצים שוחררו היהודים המעונים אחרי שהקלגסים התעייפו, והם התפנו לקבור את חללי היום הראשון לשואה. כך נכנסו יהודי סלאבקוב לתקופת השואה האיומה, אשר לוותה בסבל לא־יתואר ונסתיימה כעבור 3 שנים, בשלהי שנת תש״ג, עת הובלו אחרוני יהודי העיר למחנה־המוות.

סמסנוב, כפר במחוז קילץ מאוכלס למעלה ממאתיים שנה ביהודים. בפרוץ השואה בשנת תרצ״ט, גרו במקום 40 משפחות יהודיות, רובם בעלי־מלאכה שנוצלו על־ידי הנאצים מיד עם הופעתם. הם הועסקו על־ידם בעבודות־כפיה מלוות התעללות ושעבוד קשה. היהודים נשארו במקום עד ליום י״ח אלול תש״ב, עת גורשו לגיטו סוכדניוב ואולצו להשאיר בבתיהם את כל חפציהם ורכושם שהיה לבז.

סארנוב, עיירה קטנה במחוז קילץ ובה 300 נפשות יהודיות. נכבשה על־ידי הגרמנים ביום כ״ה באלול תרצ״ט. אחרי פרעות קשות ביהודי המקום בשבוע הראשון לכיבוש, כאשר פלוגות גרמניות פקדו את המקום יום־יום והתעללו ללא גבול ביהודים המעטים, ברחו מרבית יהודי המקום לערי הסביבה. המעטים שנשארו הורשו לחיות בסארנוב עד ליום ה׳ אלול תש״ב, עת בה חוסלו הישובים היהודיים הקטנים במחוז קילץ ויהודיהם הועברו לגיטאות הסביבה.

דער גערער דינאסטיע, דער „חידושי הרי״מ״ זצוק״ל· די שטעטלדיקע אידן האבן זיך מפרנס געווען פון האנטווערקעריי און קליינהאנדל און געווען גרויסע ארימעלייט· אין די לעצטע יארן פאר דער מלחמה איז זייער לאגע געווארן נאך ערגער צוליבן שטארקן אנטיסעמיטיזם וועלכער האט ניט דערלאזט די אידן צו קיין פרנסה·

די שנאה צו די אידן אין דעם געגנט האט זיך גלייך געלאזט מערקן ביים אויסברוך פון מלחמה, ווען די ארטיקע פאליאקן האבן מיטן גאנצן ענטוזיאזם זיך אנגעשלאסן דער פארניכטונגס אקציע פון די נאציס געגן די אידן פון מאגנעשאוו און אומגעגנט· די דייטשן האבן געמארדעט און ארויסגעגעבן דראסטישע געזעצן און די פאליאקן האבן גערויבט און אונטערגעשטופט די נאציס צו זייערע פארברעכן· ארומגערינגלט פון ווילדער שנאה, זיינען די אידן אריינגעשטויסן געווארן אין ענגן געטא, דארט זיינען זיי אויסגעגאנגען פון הונגער און קרענקען, אויסגעליפערט צו די נידעריקסטע אינסטינקטן פון די בלוטדורשטיקע חיות·

דעם ערשטן טאג ראש השנה תש״ג, האט מען אלע מאגנעשאווער אידן ארויסגעטריבן, נאקעט און בארוועס אין קאזשניצער געטא·

מיעכאוו : א אלטע, בליענדיקע אידישע קהלה, וועלכע האט זיך אין די לעצטע יארן ענטוויקלט א דאנק דעם פלייס און אונטערנעמונגס־גייסט פון די אידן וועלכע האבן פארוואנדלט דאס שטעטל אין א צענטער פון האנדל און הילפס־אינדוסטריע· אין יאר תרפ״א האבן געוואינט דארט 5283 אידן און ביים אויסברוך פון דער מלחמה — 6100 אידן·

אויך דא האבן די נאצי־מערדער גלייך ביים אריינמארשירן באפאלן די אידישע הייזער, גערויבט און געמארדעט· א סאך אידן זיינען ארעסטירט און בלוטיק געפייניקט געווארן· אנדערע האט מען סתם אזוי געשאסן, אנדערע האט מען געכאפט און אוועקגעשיקט אויף צוואנגס־ארבייט אבער זיי זיינען שוין צוריק ניט געקומען· דער גאנצער אידישער פארמעגן איז קאנפיסקירט געווארן, די בתי מדרשים זיינען געשענדעט געווארן און אלע רעליגיעזע און קהל׳שע אינסטיטוציעס זיינען פארמאכט געווארן· רעליגיעזע אידן וועלכע מען האט געכאפט אין גאס זיינען גרויזאם געפייניקט און דערשאסן געווארן· אזוי האבן געפונען זייערע מערטירער־טויט 94 אידן אין ערשטן טאג· דעם צווייטן טאג אונטער דער נאצי־הערשאפט איז שוין די מיעכאווער קהלה געווען אויסגעבלוטיקט און אויסגעראבעוועט·

אין די ווייטערדיקע וואכן איז געווארן א ביסל רואיקער· די אידן האבן זיך אנגעהויבן צוגעוואינען צו די גרויל־באדינגונגען און האבן מיט עכטער אידישער מסירת־נפש, געהיט זייער צלם אלוקים צוזאמען מיט די טויזנטער פליטים וואס זיינען געקומען צולויפן פון די ארומיקע שטעטלעך·

אבער דער דאזיקער ביטערער לעבן האט זיך אויך ניט געצויגן לאנג· י״ט תשרי, אינמיטן סוכות איז געקומען דער בלוטיקער טאג· די מיעכאווער אידן זיינען אלע אויסגעהרגעט געווארן אין איין טאג און אזוי איז אפגעווישט געווארן נאך א אלטע, בליענדיקע אידישע קהלה אין פוילן·



הוי יהודי בפולין· בתמונה : רח׳ פיוטרקובסקה, רחובה הראשי של לודז· דאס אידישע לעבן אין פולין· אויפן בילד : די הויפט גאס פון לודז· פיאטרקובסקה גאס·

מאלעניץ : א דארף ביי קינסק אין קיעלצער געגנט מיט 60 אידישע משפחות· ס׳רוב אידן זיינען אנטלאפן גלייך ביים אריינמארש פון די נאציס· די עטליכע איבערגעבליבענע זיינען אויסגעשאכטן געווארן דורך די ארטיקע פאליאקן וועלכע זיינען באפאלן די אידן מיט העק און מעסערס, אויסגעמארדעט זיי אויפן שרעקליכסטן אופן און צוגערויבט זייער פארמעגן· די אייזן־פאבריק וועלכע האט פון דורות לאנג געהערט דער פאמיליע לעווין (דעם זיידן און עלטער זיידן פון הרב יצחק מאיר לוין) און פון וועלכן עס האבן געצויגן זייער חיונה די ארטיקע אידן — איז קאנפיסקירט געווארן דורך די נאצים· און דער אידישער ישוב פון מאלעניץ, וועלכע איז געווען א סימבאל פון צדקה און חסד האט אויפגעהערט צו עקזיסטירן·

מאלאגאשטש : א דרייהונדערט יעריקער, קליינער אידישער ישוב מיט 150 משפחות· ביים אריינמארשירן פון די נאצים אין שטעטל האבן זיי צונויפגעטריבן אלע אידן אויפן מארק־פלאץ און אנגעהויבן גרויזאם פייניקן די אידן, ספעציעל האבן זיי געפייניקט אידן מיט בערד און פיאות, די מערדערס האבן געריסן די האר צוזאמען מיטן פלייש און אויסגעהרגעט א ביסל אידן, די איבעריקע האט מען אפגעלאזט צוהרגעטע און צובראכענע פול מיט טויט־שרעק·

זייער גיהינום־לעבן האט זיך געצויגן ביז כ״ט אלול תש״ב, ערב ראש השנה· דאן האט מען די אידן ארויסגעטריבן קיין לינדזשאוו און פון דארט — אין די קאנצענטראציע לאגערן·

מאריאמפאל : א קליינע קהלה אין קיעלצער געגנט מיט 400 אידן· איינגענומען געווארן דורך די דייטשן כ״ו אלול תרצ״ט· דאס איז געווען דער ערשטער בלוטיקער טאג פאר די מאריאמפאלער אידן· די נאציס האבן געבושעוועט אויף די גאסן פון שטעטל און אידיש בלוט האט זיך געגאסן ווי וואסער· העלפט פון די אידישע איינוואינער איז גלייך אנטלאפן און די איבעריקע האבן דורכגעמאכט אוממענשליכן סאדיזם און גרויל גאנצע 1000 טעג·

י״ט אלול תש״ב, דריי יאר נאכן אויסברוך פון דער מלחמה, האבן די דייטשן ארויסגעפירט די מאריאמפאלער אידן קיין קאזעניץ און פון דארט — צום טויט·

מיעדזשעזשא : א דארפישער ישוב אין קיעלצער געגנט וואו עס האבן געוואינט העכער 200 יאר 50 אידישע



הוי יהודי בפולין. בתמונה: הרחוב היהודי בסטריקוב.
דאס אידישע לעבן אין פולין. אויפן בילד: די אידישע גאס אין סטריקוב.

יהודי סארנוב הוגלו לזוואלין ושם חוסלו יחד עם יהודי עיר זו.

סוצ׳מין, ישוב־כפר שסבל קשות לפני הופעת הגרמנים מהפולנים תושבי הסביבה. הגרמנים הרבו בהגבלות רשמיות ובצעדים נגד יהודי המקום, אבל הרשו להם להמשיך בעבודתם ולהתקיים בקושי מיגיע כפיהם בשנות השואה.

(ביום י״ט אלול אולצו יהודי סוצ׳מין לעזוב את המקום ולהשאיר את כל רכושם בכפר. הם הועברו לגיטו וולאשציבי ומשם הועברו למחנה השמדה).

סנדזישוב, עיירה קטנה ועניה שסבלה קשות בימי הקרבות ונכבשה ע״י הגרמנים ביום כ״ה באלול תרצ״ט. גורל יהודי סנדזישוב לא היה שונה מגורל יהודי המחוז כולו. אף הם שתו מכוס התרעלה והיגון בתקופת השואה. בליל יום הכפורים, כשיהודי העיירה היו שרויים בצום, הוקף איזור המגורים המגודר שלהם על־ידי חיילים אוקראיניים תחת פיקוד גרמני, באכזריות הוצאו מבתיהם והובלו למחנה המוות בטריבלנקה.

סייצכוב, עיירה־כפר במחוז קילץ ובה 70 משפחות יהודיות. בליל כ״ה באלול נכבשה על־ידי הגרמנים, ומיד אילצו את כל היהודים, עד אחד, להתאסף בככר העיירה, שם עונו בצורה ברברית יממה שלמה, ובאותו זמן נשדד מהם כל רכושם. אחרי ששוחררו, שוב הופיעו הגרמנים בטענה כי יהודי המקום ממשיכים להתאסף לתפילות בניגוד ל„חוק״, ובהסתמך על „אשמה״ זו מצאו עילה להתעלל בהם שוב, וכתוצאה מכך עונו מספר יהודים עד מוות.

(כך נמשכו חיי העוני והסבל של יהודי הכפר עד ליום י״ז באלול שנת תש״ב, ואז הוגלו כל יהודי המקום ברגל לגיטו קוזניץ).

סקארישוב, ישוב יהודי קטן במחוז קילץ שמנה 100 משפחות. רוב היהודים היו חרדים וחסידים שחילקו את זמנם לפרנסת ביתם ולעבודת ה׳. הכובשים הגרמניים התעללו בסאדיזם מיוחד ביהודי המקום מיד עם הופעתם. מעשי ההתעללות נגד יהודי סקארישוב לא הופסקו בכל שנות הכיבוש הגרמני והגיעו לפעמים לממדים העולים על כל דמיון.

(ביום י״ח באלול תש״ב הוגלו היהודים שהפכו לשלדי־אדם. מסקארישוב לגיטו שידלוביץ ומשם הובלו להשמדה).

סלופיה־נובה, קהלה בת 600 נפשות שנכבשה ביום כ״ו באלול תרצ״ט על־ידי הגרמנים. למחרת הופעתם נאסרו כל יהודי אשר נקלע בדרכם של החיילים הגרמניים אשר התעכבו במקום. האסורים הובלו לשפת־הנהר וויסלה, שם נורו וגופותיהם הושלכו המימה.

אחרי מרחץ־הדמים הופיעה פלוגה גרמנית שערכה שוד כללי של הרכוש היהודי במקום והטילו קנסות כספיים „בגלל אי־ציות לפקודות״. (בני הקהלה הקטנה והעניה סבלו ללא גבול עד לשלהי אלול תש״ב. אותו חודש הוגלו לפתע. בעירום ובחוסר־כל, לגיטו טרלה).


סטמפורקוב, ישוב קטן במחוז קילץ ובו 40 משפחות יהודיות. הגרמנים הרשו ליהודים לחיות במקום עד לחודש ניסן תש״ב, בו גורשו לגיטו רדושיץ.

סטרומייץ, ישוב יהודי קטן ועתיק במחוז קילץ אשר מנה 100 נפשות. לפני הופעת הגרמנים במקום, ברחו יהודי הכפר, אולם הגרמנים הקדימום וכבשו את האיזור כולו. כאשר היהודים חזרו לבתיהם, נאסרו על־ידי הגרמנים אשר שדדו מהם את כל רכושם וגירשו אותם בעזרת מגלבים לכל עבר. חלק מבתיהם נחרבו ובחיפושים התכופים שנערכו בהם — עונו והוכו קשות על־ידי הקלגסים. (בשלהי אלול תש״ב הוגלו יהודי סטרומייץ לגיטו קוזניץ ומשם למחנה מוות).

סטריקוב, עיירה קטנה במחוז קילץ ובה 80 משפחות יהודיות, עליהם ניתוסף מספר של פליטים ומגורשים, אשר הסתדרו במקום בקושי רב ותוך תנאי רעב ומחסור. יהודי סטריקוב היו נתונים תמיד לעינויי הגרמנים, אשר הרבו להתעלל בהם, וכבר בתקופה הראשונה לשואה נאסר עליהם לנוע מהמקום. במרוצת הזמן רוכזו באיזור מגודר וצפוף, בתנאי רעב ומחלות. (בתשרי תש״ג ביצעו הרוצחים הנאציים את האקציה האחרונה נגד יהודי המקום. בתנאים איומים הובלו היהודים המעונים והאומללים למחנה השמדה).

פשיסחה, עיר עתיקה במחוז קילץ. למעלה מארבע מאות שנה התקיימה קהלה תוססת ופעילה במקום שהתבלטה בימי ועד ארבע הארצות והגיעה לשיאה בעת בה הפכה למרכז החסידות הפולנית. כאשר בתחומיה פעלו אבות החסידות הפולנית, הפך שמה של העיירה לסמל של חסידות צרופה והתעלות נפשית. עם פרוץ השואה מנתה קהלת פשיסחא 4000 נפשות והיתה פעילה בכל שטחי החיים הציבוריים, ועם זאת פעל בה קיבוץ של חסידים ששמר אימונים לעבר המפואר.

הגרמנים שכבשו את העיר ביום כ״ו אלול, הסתערו עם הופעתם בחמת־זעם על יהודי העיר, ובמיוחד על היהודים החרדיים ועל בתי המדרש המקודשים. בחימה שפוכה חיללו כל קודש ואסרו על עריכת תפילות או לימוד תורה, איסור אשר לווה באיומי־מוות. למרות האיומים ותנאי־השיעבוד



הוי יהודי בפולין. בתמונה: הלוית הג״ר אליהו חיים מייזל זצ״ל, רבה של לודז. / דאס אידישע לעבן אין פולין. אויפן בילד: די לוויה פון בערימטען לודזשער רב, רבי אליהו חיים מייזל זצ״ל.

משפחות. די ערשטע טעג האבן די דייטשן ווי זיך ניט געוויזן אין דארף און ווען זיי זיינען יא אריינגעקומען צופעליק, האבן זיי די אידן ספעציעל ניט געטשעפעט.

אבער אין א פאר וואכן ארום האבן די וואנדאלן אנגעהויבן באווייזן זייערע נעגל און א קייט פון גרויל און פיין האט ארומגענומען די דארפישע אידן. געלט שטראפן, וועלכע זיינען טיילוויז אויפגעמאכט געווארן דורך פייניקונגען — זיינען ארויפגעלייגט געווארן אויף די ארימע אידן אין בעסטיאלישע טאטן זיינען געווען א טאג טעגליכע דערשיינונג, ספעציעל אויף רעליגיעזע אידן.

אין אלול תש״ב האט מען ארויסגעטריבן די אידן קיין דזיאלאשיץ. מיעדזשעזשא האט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

מיעזשווין: א אלטער אידישער ישוב אין קיעלצער געגנט. ס׳רוב איינוואינער זיינען געווען ארימעלייט וואס האבן געצויגן זייער חיונה פון שווערע ארבעט. גלייך ביים אריינמארשירן אין דארף האבן די דייטשן צונויפגעזאמלט אלע אידן אויף א ליידיקן פלאץ, מען האט זיי געריסן די האר פון די בערד און פיאות און געשלאגן און געפייניקט גרויזאם, דערביי האבן זיי געשאסן אויף רעכטס און אויף לינקס הרגנדיק יונג און אלט, די פאליאקן האבן דער־וויל געראבעוועט דאס אידישע פארמעגן און דאן אונטערגע־צונדן אלע אידישע הייזער.

בארוועס און נאקעט זיינען געבליבן די ארימע אומגליק־ליכע אידן, זיי האבן געמוזט וואינען אין לעכער און חורבות אין אוממענשליכע באדינגונגען, עס איז שווער פארצושטעלן זייער גרויזאמן לעבן וואס האט זיך געצויגן ביז י״ט אלול תש״ב, ווען מען האט אלע אידן ארויסגעפירט קיין יענדזש־אוו.

מאנין: א ישוב מיט 70 ארימע אידישע משפחות. וואס האבן געצויגן זייער חיונה פון שווערע ארבעט און קליינ־האנדל. מיטן דערשיינען פון די נאצי־מערדער האט זיך באלד אנגעהויבן א אמתער גיהינום פאר די מאנינער אידן. א טייל פון זיי זיינען באלד גרויזאם אויסגעהרגעט געווארן.

ענדע אייר תש״ב, אנהויב פון דריטן מלחמה־פרילינג, זיינען די איבערגעבליבענע מאנינער אידן ארויסגעטריבן געווארן קיין ראדאשיץ.

נאווא־קארטאשין: א חשובה קהלה אין ראדאמער קרייז, קיעלצער געגנט. ביים אויסברוך פון קריג האבן דארט געוואינט 3400 אידן, צו וועלכע עס זיינען צוגעקומען מער ווי 300 פליטים פון ארומיקן געגנט. אין שטעטל האבן געוואינט 7000 פאליאקן, צווישן זיי א גרויסע צאל דייטש־ריידענדיקע וועלכע זיינען גלייך פארוואנדלט געווארן אין „דייטשן״ און האבן מיט ענטוזיאזם אנטייל גענומען אין רויבן אידיש פארמעגן.

במשך איין וואך זיינען די ארטיקע אידן געווארן ארים און צובראכן גייסטיק און פיזיש. פארשקלאפט און הפקר צו אלעמען אן א רעכט אויף לעבן.

כ״ד כסלו תש״ג, ערב חנוכה איז דער נאווא־קארטאשינער געטא ארומגערינגלט געווארן און ס׳רוב אידן זיינען אוועק־געפירט געווארן קיין טרעבלינקע. א קליין ביסל איז נאך געבליבן ביז ד׳ חשון תש״ד, דאן האט מען אויך די איבערגעבליבענע אוועקגעפירט צום טויט קיין בעלזיץ.

ניישטאט **(אויף דער פיליצע): א אלטע אידישע קהלה** אין קיעלצער געגנט וואס האט שוין פארנומען א ארט אין דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות״. איינגענומען געווארן דורך די נאציס אין דער נאכט פון כ״ד אלול תרצ״ט. ביים אריינמארשירן אין שטעטל האבן די נאציס גלייך ארעס־טירט עטליכע הונדערט אידן, זיי געפייניקט און א טייל גרויזאם אויסגעהרגעט. א מבול פון גזירות האט זיך א שאט געטאן אויף די קעפ פון די ניישטאטער אידן און די נאציס האבן שטרענג אכטונג געגעבן אז קיינער פון די אידן זאל זיך ניט קענען ארויסדרייען פון זיי. אזוי ארום זיינען די אידן אן אויסנאם ארויסגעשטעלט געווארן אויסערן געזעץ און זייער בלוט איז געווארן הפקר.

זומער תש״ג האט מען די ניישטאטער אידן אוועקגעפירט אין די פארניכטונגס־לאגערן.

נאגלאוויץ: א דארפישער ישוב ביי קיעלץ מיט 30 אידישע משפחות. אינ׳ם דארף זיינען די באנדעס אנגעקומען ערשט כ״ו אלול, נאכדעם ווי זיי האבן שוין פארנומען דעם גאנצן געגנט. גלייך ביים אריינקומען האבן זיי צונויפגע־זאמלט אלע ארטיקע אידן, זיי געשלאגן מכות רצח און צוגערויבט אלץ וואס זיי האבן געהאט. אידן מיט בערד און פיאות האט מען געריסן די האר פון קאפ און געזיכט מיט א ספעציעלער גרויזאמקייט.

צובראכענע און צעבלוטיקטע זיינען די אידן געקומען צוריק אין זייערע הייזער, אבער זיי זיינען שוין געווען הפקר פאר יעדן בלוטדורשטיקן נאצי און דער לעבן איז שוין מער קיין לעבן ניט געווען, קיין געזעץ האט זיי ניט געהיט, הונגער און פיין, נויט און ארימקייט האבן זיי באגלייט ביזן לעצטן טאג.

ט״ו אלול תש״ב האט מען אלע אידן ארויסגעטריבן ווי זיי שטייען און גייען — קיין יענדזשאוו און פון דארט — אין די פאניכטונגס־לאגערן.

נאוואזשיצע: א קליינער אידישער ישוב אין קיעלצער געגנט. די דייטשן זיינען דארט דעם ערשטן טאג ניט אריין, אבער די ארטיקע פאליאקן־מערדער האבן אפגעטאן די נא־צישע ארבעט, געשאכטן אידן און צוגערויבט זייער פארמעגן.

מיטן ערשיינען פון די נאציס האבן זיי גלייך אופגעהאנ־



הוי יהודי בפולין· בתמונה: מרכז יהודי בסטריקוב·
דאס אידישע לעבן אין פולין· אויפן בילד: דער אידישער צענטער אין סטריקוב

הקשים המשיכו חרדי פשיסחא במסורת המקודשת שלהם, ורבים מהם מתו מות־קדושים ומבלי לוותר לכובשים כמלוא הנימה·

גורל יהודי פשיסחא לא היה טוב יותר מגורל יהודי פולין הכבושה כולה· יסורי־תופת ניתכו עליהם· גם בימים המרים והקשים הללו לא פסקו יהודי פשיסחא מלהמשיך לטוות את חוט המסורת המפוארת של העבר· בסתר המשיכו ללמוד תורה עם ילדיהם· להתפלל בציבור ולשמור על מצווה קלה כבחמורה·

סבלם של יהודי פשיסחא גבר עם הקמת הגיטו היהודי במקום· כל היהודים נכלאו באיזור צפוף כשהם מנותקים לחלוטין מהעולם החיצוני· גיטו זה לא האריך ימים· (ביום ט״ז בחשון תש״ג הקיפו הגרמנים את גיטו פשיסחא והובילו את יהודי העיר למחנה המות טריבלנקה· ביום כ׳ בחשון תש״ג היתה כבר פשיסחא „יודענריין״)·

פיטקוביץ, עיירה קטנה בת 30 משפחות בסביבת חמלניק במחוז קילץ· לפני כניסת הגרמנים למקום, ברחו מרבית היהודים, בתיהם נשרפו על־ידי הכובשים ורכושם היה לבז· היהודים שרצו להישאר גורשו באכזריות· כך חוסל הישוב היהודי במקום זה·

פינטשוב, אחת הקהלות העתיקות בפולין שפעלה במשך כ־700 שנה· שימשה מרכז יהודי במשך מאות בשנים וכקהלה ראשית בימי ועד ארבע הארצות· בפרוץ השואה מנתה קהלת פינטשוב קרוב ל־4000 נפשות·

פינטשוב שימשה כמרכז מסחרי ודתי והיתה לסמל של קהלה מאורגנת ורבת־פעלים· מרבית תושביה היו יהודים חרדיים, שומרי תורה ומצוות, מהם חסידים ואנשי־מעשה ומהם תלמידי חכמים ולומדים מובהקים·

עם הופעתם של הגרמנים במקום, חוסלו כל מוסדות הקהלה והקיץ הקץ על חיי הציבור המאורגנים· בתי־הכנסת העתיקים בעיר נסגרו וחוללו, ספרי־תורה עתיקי־יומין נקרעו ונשרפו· התפילה בציבור נאסרה, ועמה יחד נאסר על חנוך ילדי ישראל וכל פעילות ציבורית שלא במסגרת מועצת הזקנים היהודית אשר בפיקוח הגרמנים·

יסורי־איוב לא פסחו גם על יהודי פינטשוב· שוביהם התאכזרו בהם ללא דוגמה ומשל·

(בחדשי אב־אלול תש״ב גורשו יהודי פינטשוב למחנות השמדה, והקהלה העתיקה הזו חוסלה)·

פילץ, קהלה עתיקה בת 400 שנה במחוז קילץ, אשר פעלה כעצמאית מאז הוקם ועד ארבע הארצות· בפרוץ השואה מנתה קהלת פילץ 3000 נפשות· העיר נכבשה ביום כ״ה אלול תרצ״ט· תושבי הקהלה, רובם סוחרים זעירים ובעלי מלאכה שלא הספיקו להימלט מחמת הקלגסים הנאציים, טעמו מיד עם הופעתם את טעם אכזריותם ומגפם הדורסני· מספר יהודי פילץ נהרגו מיד עם כניסתם של הנאצים לעיר· אחרים עונו קשות· הקהלה היפה והמסודרת חדלה לפעול ובמקומה צמחה פילץ של עינויים ועבודת כפיה, של רעב ושל מחסור, של מעשי רצח ושוד יומיומיים·

למרות הסבל והעינויים הצטיינו בני פילץ בכוח הקרבה ובכושר עמידת־גבורה· בחשאי ובסתר המשיכו חיי התורה והדת להתרקם, ומתוך רצון ורוחב־לב קלטו מאות פליטים ומגורשים שהגיעו לשערי העיר·

(ביום ה׳ אלול תש״ג חוסלה קהלת פילץ סופית, כשאחרוני בניה הובלו למחנה השמדה)·

פשדבוזש, קהלה וותיקה על נהר פיליצה שנפרדה מקהלת ווידאמה השכנה· בפרוץ השואה מנתה קהלת פשדבוזש למעלה מ־4000 נפשות· יהודי העיר פיתחו חיי־מסחר ואף הקימו תעשיה קטנה במקום שפירנסה בכבוד את התושבים· מרבית יהודי פשדבוזש היו דתיים והם הצטיינו במעשי צדקה וחסד· פעולה ענפה ומרובת־גוונים ניהלה קהלה זו, והיא חוסלה יחד עם מוסדותיה עם כיבושה על־ידי הגרמנים ביום כ״ד באלול תרצ״ט·

רבים מיהודי העיר ברחו יחד עם הצבא הפולני הנסוג מחמת הגרמנים· בעיר נשארו בעיקר עניים, זקנים, חולים, תשושים וילדים, בהם כילו הנאצים עם הופעתם את כל חמתם ולא השאירו יהודי מבלי לפגוע בו· מספר יהודים הומתו כדי להרתיע בכך את יתר יהודי העיר· שבורים ורצוצים חזרו פליטי פשדבוזש ברובם לבתיהם, אחרי שעונו קשות על־ידי הגרמנים בדרכים· כך נכנסה קהלה משגשגת זו לתקופת השואה האיומה כשגזירת כליה נחתמה על קהלה מפוארת זו·

(ביום א׳ בחשוון תש״ג חוסלה קהלת פשדבוזש סופית· באותו יום הוקף הגיטו לאחרונה ואחרוני יהודי העיר הובלו לטבח למחנה ההשמדה אשר בטריבלנקה)·

פשיטיק, קהלה עתיקה בת 600 שנה ויותר במחוז קילץ· בפרוץ השואה מנתה 4800 נפשות· קהלה זו סבלה במיוחד בשנים האחרונות שלפני מלחמת העולם מפרעות ומהתפרצויות אנטישמיות מצד הפולנים· בשנת תרצ״ו פרצו בעיר פרעות חמורות ובהן נטבחה משפחת מינקובסקי· היהודים גילו אז התנגדות רצינית לפורעים הפולניים·

ביום כ״ז באלול תרצ״ט נכנסו הגרמנים לעיר והטילו מיד משטר־אימים על היהודים שבתוכה· כעבור שבועות מספר נרגעו הקלגסים ורק גזירות קשות ועינויים שהיו כרוכים בעבודת־כפיה הטילו את מוראם על בני הקהלה· לפשיטיק הגיעו פליטים ומגורשים רבים שנקלטו במקום·

גען דריי אידן אלס פאראנטווארטליכע פאר די אומרועןוואס זיינען כלומר׳שט פארגעקומען געגן די פאליאקן· א איד וואס האט ניט אזוי גיך אראפגענומען דאס היטל פאר א דייטשן אפיצער — איז דערשאסן געווארן אויפן ארט·

די מאסן רציחות האבן ניט לאנג אנגעהאלטן, אבער דאס גרויזאמע פייניקן און דאס ברוטאלע אונטערדריקן האט זיך געצויגן די גאנצע צייט· פארשטייט מען אז פון די אידן איז געווארן א צובראכענע, אומגליקליכע, אויסשטאר־בענדיקע מענשן־מאסע·

ט״ו אלול תש״ב האט מען אויך די נאוואזשיצער אידן ארויסגעטריבן קיין יענדזשאוו·

נאיעבראוו : א קליינער אידישע ישוב אין קיעלצער געגנט, איז איינגענומען געווארן דורך די נאציס כ״ד אלול תרצ״ט·ביים אריינגיין אין דארף האבן גלייך די דייטשן באפאלן די אידן און זיי אנגעהויבן פייניקן, אבער די אידן האבן ארויסגעוויזן א געוויסן ווידערשטאנד, זיי האבן פאר דעם טייער באצאלט, א סאך פון זיי האט מען אויסגעשאכטן מיט א שרעקליכער אכזריות, קינדער און אלטע לייט, קראנקע און שוואכע האט מען ארויסגעפירט און אויס־געשאסן·

נאכדעם איז געווארן א ביסל רואיקער· דאס ביסל אידן וואס איז געבליבן לעבן זיינען איינגעשפאנט געווארן אין דער צוואנגס־ארבעט ביז זומער תש״ב· דאן זיינען די איבע־ריקע אידן ארויסגעטריבן געווארן קיין ראדאשיץ און דארט אומגעקומען·

סטאבניץ : א 500 יעריקע אידישע קהלה אין קיעלצער געגנט· וואס איז במשך הונדערטער יארן געווען א צענטער פון תורה און חסידות· דעם 25־טן אלול תרצ״ט האבן זיך דארט באוויזן די ערשטע דייטשן און דער ערשטער טאג איז פארוואנדלט געווארן אין איינעם פון די בלוטיקסטע טעג פאר די סטאבניצער אידן· ספעציעל האבן די וואנדאלן גע־פייניקט רעליגיעזע אידן און געשענדעט שולן און ספרי־תורה·

אין יאר תש״א איז אויפגעשטעלט געווארן א געטא, וואו מען האט אריינגעשטופט אין שוידערליכע באדינגונגען אלע סטאבניצער אידן ווי אויך א סאך אידישע פליטים פון געגנט·

אין די טעג כ״ה—כ״ו חשון איז דער געטא ארומגערינגלט געווארן דורך אוקראינישע און ס·ס· סאלדאטן און אלע אידן זיינען אונטער א האגל פון קלעפ ארויסגעטריבן גע־ווארן אויף א ליידיקן פלאץ און פון דארט — צום טויט אין טרעבלינקע·

סוכעדניאוו : א אלטע שטעטל אין קיעלצער געגנט מיט 2800 אידן· איינגענומען געווארן דורך די דייטשן אין דער נאכט פון כ״ד אלול תרצ״ט און אינמיטן נאכט זיך א לאז געטאן אויף די אידן·

די שיסערייען, הילפס־רופן און די ווילדע געשרייען פון די מערדער, האט פארוואנדלט דער נאכט אין א מורא׳דיקן קאשמאר, יעדער האט געזוכט א ארט וואו צו אנטלויפן פון די מערדער· אינדערפריה האט זיך ענטפלעקט א שוי־דערליך בילד : די גאסן פון שטעטל זיינען געווען פארפלייצט



הוי יהודי בפולין· בתמונה : הרחוב היהודי במאקוב·
דאס אידישע לעבן אין פולין· אויפן בילד : די אידישע גאס אין מאקוב·

מיט אידיש בלוט, די געשרייען און יללות פון די געהרגעטע און איבערגעבליבענע האט זיך נאך געטראגן אין דער לופט· אזוי זיינען די סוכעדניאווער אידן אריינגעאנגען אין דער בלוטיקער תקופה פון דער נאצי־הערשאפט וועלכע האט זיך געצויגן מער ווי 3 יאר·

יום כפור ביינאכט, תש״ג, ווען אלע שטעטלשע אידן זיינען געווען ביים דאווענען, איז דער געטא פלוצלונג ארומגערינגלט געווארן פון די מערדער וועלכע האבן אין א קורצער צייט גרויזאם פארניכטעט דער אידישע קהלה אין סוכעדניאוו·

סאוואקאוו : א קליינער ישוב מיט 60 אידישע משפחות אין קיעלצער געגנט· כמעט אלע חסידישע אידן און תלמידי חכמים· איז איינגענומען געווארן כ״ו אלול תרצ״ט·

ביים אריינקומען האבן די מערדער אויסגעלאזט זייער סאדיזם אויף די אלטע און קראנקע לייט און אויפן ארטיקן בית המדרש· אין משך פון איין טאג איז דער ישוב פאר־וואנדלט געווארן אין א גיהינום און עס איז ניטא קיין ווערטער איבערצוגעבן די ליידן וואס דער דאזיקער קליינער, שטילער אידישער ישוב האט דורכגעמאכט· די ארטיקע אידן און די פליטים האבן אזויפיל געליטן פון די נאציס אז ס׳רוב פון זיי האבן אנטלאפן אין די דערבייאיקע געטאס·

ט״ו אלול תש״ב האט מען די לעצטע סאוואקאווער אידן ארויסגעטריבן קיין יענדזשאוו און פון דארט — אין די טויט־לאגערן·

סטאשאוו : א 600 יעריקע אידישע קהלה אין קיעל־צער געגנט וועלכע האט אין איר לאנגער געשיכטע ענטוויקלט א ברייט פארצווייגטע טעטיקייט· נאך אין דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות״ איז סטאשאוו געווען פאררעכנט פאר איינעם פון די גוט סיטואירטע ישובים וועלכער האט זיך נאכאנאנד ענטוויקלט· אין יאר תרצ״ט, ביים מלחמה אויס־ברוך האבן דארט געלעבט 4800 אידן, אין דער נאצישער תקופה זיינען נאך צוגעקומען מער ווי טויזנט פליטים מיט וועלכע די ארימע קהלה האט זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן פון מויל·

פרייטיק, כ״ו אלול תרצ״ט האבן זיך באוויזן די ערשטע נאציס אין סטאשאוו· אין זעלבן טאג זיינען געהרגעט גע־ווארן 9 אידן, מאנכע פון זיי זיינען פארפייניקט געווארן צום טויט, און אנדערע — אויפגעהאנגען געווארן· דאס האבן זיי געוואלט אנווארפן א אימה אויף דער אידישער באפעל־קערונג און באווייזן וואס עס וועט ארויסקומען אז מען וועט זיך געגנשטעלן·



הוי יהודי בפולין. בתמונה: רוכלים יהודים בשוק בריקי.
דאס אידישע לעבן אין פולין. אויפן בילד: אידישע מארק האנדלער אין ריקי.

(בחדשי אדר־ניסן תש"א גורשו יהודי פשיטיק מעירם לגיטאות בסביבה וכך חוסלה קהלה זו).

פולאניץ, קהלה עתיקה לימים במחוז קילץ שפעלה כבר בימי ועד ארבע הארצות כקהלה עצמאית. בשנת תרצ"ט מנתה 1200 נפשות, אשר בחלקם ניסו להימלט מפני הכובשים האכזריים. אחרי כיבוש המקום חזרו לעירם ועונו קשות, חלק מהם נורה על־ידי הגרמנים.

יהודי פולאניץ סבלו במיוחד בתקופה הראשונה לכיבוש הנאצי וסבלם גבר עם הקמת גיטו צר וצפוף במקום.

(קהלת פולאניץ חוסלה סופית בחודש חשון תש"ג בעת בה גורשו יהודי העיר לטבח במחנה השמדה).

פרושאביץ, קהלה עתיקה בגליל ראדום, מחוז קילץ, שמנתה עם פרוץ השואה 2800 נפשות. רובם היו רוכלים ובעלי מלאכה עניים שהתפרנסו בקושי. בני הקהלה לא סבלו בצורה בולטת בתקופה הראשונה לכיבוש הנאצי, אם כי לא הופלו לטובה מקהלות אחרות במחוז קילץ. פליטים רבים הגיעו למקום ומצאו שם מחסה בתקופת השואה הקשה.

(בימים כ"א חשון — ב' כסלו תש"ג הוצאו כל יהודי פרושאביץ מבתיהם והובלו לטבח במחנה השמדה, ובכך חוסלה קהלה זו).

פצנוב, עיירה יהודית בעלת גוון חרדי־חסידי מובהק במחוז קילץ. בפרוץ השואה מנתה העיירה 1800 נפשות בקירוב. עם כיבוש העיירה בידי הגרמנים החלו יהודי המקום לסבול קשות מעינויים בסטיאליים כאשר הגרמנים ערכו בהם משחקי־דמים. במיוחד נהנו הגרמנים מחילול כל קודש, שריפת בתי־כנסת ומדרש וקריעת ספרי־תורה לגזרים. יהודים אשר השליכו נפשם מנגד להציל ספרי־תורה נורו ללא־רחם על־ידי הרוצחים הנאציים. יהודי שסירב לבזות בקומה זקופה את התפילין שלו — נתלה.

סבלם של יהודי פצנוב נמשך בכל שנות השואה וברובם המשיכו למסור נפשם לקיום התורה והמצוות.

(קהלת פצנוב חוסלה סופית בראשית שנת תש"ג, עת הובלו יהודי העיירה לטבח במחנה השמדה. ביום כ' חשון תש"ג גורשו אחרוני היהודים מהמקום).

פרדיז, ישוב יהודי קטן במחוז קילץ שמנה בשנת תרצ"ט 600 נפשות. רובם עניים מרודים שמצאו את מחייתם ופרנסתם מרוכלות בכפרי הסביבה, ובחלקם בעלי מלאכה. בראשית ימי הכיבוש הנאצי הגיעו לפרדיז מאות פליטים מהמחוזות המערביים בפולין ויהודי פרדיז עזרו רבות לאחיהם בקליטתם בישובם.

(הישוב היהודי בפרדיז חוסל ביום י' בחשון תש"ג, בו גורשו כל יהודי המקום לאופוצנו הסמוכה בעירום ובחוסר־כל).

פיונקי, עיירה קטנה באיזור ראדום, מחוז קילץ, ליד מפעל ענקי לייצור חמרי־נפץ. הקהלה היהודית הקטנה במקום מנתה 400 נפשות שמצאו את פרנסתם סביב לבית־החרושת הצבאי. בימי הקרבות בין הגרמנים והפולנים סבלה העיירה הרבה מהפצצות מרוכזות של חיל־האויר הגרמני וכל יהודי המקום ברחו לכפרי הסביבה. בשובם לבתיהם ההרוסים אחרי הכיבוש הגרמני, סבלו בלי הרף מנגישות ומעשי התעללות מהקלגסים הנאציים המרובים שהועסקו בשיקום המפעל הצבאי ובפיקוח על עבודתו.

יהודי העיירה היו נתונים למשטר של פיקוח חמור ביותר, מלווה מעשי־אימים.

(קהלת פיונקי חוסלה ביום ז' אלול תש"ב, יום בו הוגלו כל יהודי העיירה לגיטו זוואלין. כעבור זמן מה הובאו אלפי עובדי כפיה יהודיים למפעל הצבאי בפיונקי, שם הועבדו בתנאים איומים. רובם מתו שם ברעב או במכות־רצח ואחרים נורו. בתמוז תש"ד הוצאו הפועלים היהודיים האחרונים מהמפעל והועברו לאושויץ).

פוליצנה, ישוב יהודי קטן במחוז קילץ שמנה 300 נפשות בשנת תרצ"ט. עם הופעת הגרמנים במקום, אספו 20 יהודים לבית־המדרש המקומי והעלו אותם באש יחד עם בית־המדרש וספרי־תורה שבו. מעשי נגישות נגד היהודים החרדיים וגזירות אכזריות נגד כל יהודי המקום נמשכו בכל שנות הכיבוש הגרמני.

(הישוב היהודי בפוליצנה חוסל ביום כ"ז בתמוז תש"ב, בו גורשו יהודי המקום לגיטו זוואלין).

פז'ונסלב, כפר מאוכלס 40 משפחות יהודיות, רובן חקלאיות ובעלי מטעים של עצי־פרי. עם כיבוש הסביבה בידי הגרמנים לא הקדישו הגרמנים תשומת־לב מיוחדת ליהודי הכפר והסתפקו בביקורים במקום מזמן לזמן, אותם ניצלו כדי להתעלל ביהודים ולהטיל עליהם קנסות כבדים בכדי להרתיעם מעבירות על הגזירות והאיסורים שהוצאו נגדם.

(ביום ט"ו באלול תש"ב חוסל הישוב היהודי מפז'ונסלב, כאשר יהודי הכפר גורשו לגיטו ינדז'שוב).

פיארק, ישוב יהודי קטן במחוז קילץ ובו 30 משפחות יהודיות. מיד עם הופעת הגרמנים במקום גורשו היהודים ולא הורשו שוב לחזור לבתיהם.

פירליי, עיירה־כפר במחוז קילץ ובה 400 נפשות. הגרמנים הופיעו בה לראשונה ביום כ"ז באלול שנת תרצ"ט. כבר ביום הראשון לשלטונם במקום, הרבו הנאצים להתעלל

דער ארטיקער בית מדרש איז ברוטאל און נידערטרעכטיק געשענדעט געווארן און דאן אונטערגעצונדן געווארן· די אידן האבן געמוזט באצאלן „רייניקונגס־געלט״ פאר די בארבא־רישע טאטן פון די נאציס· עס איז כמעט ניט געבליבן קיין איין אידישע הויז אין סטאשאוו וואס איז ניט אויסגע־רויבט געווארן און די סחורות אין די אידישע געשעפטן זיינען „קאנפיסקירט געווארן״· פאר יעדן פרווו זיך געגענ־שטעלן אדער זיך צו באקלאגן — האט מען באצאלט מיטן לעבן·

דער גאנצער געזעלשאפטליכער לעבן איז איבערגעהאקט געווארן אין איין טאג· דער אידישער שול־וועזן האט אפי־ציעל אויפגעהערט צו עקזיסטירן· מורא׳דיקע גזירות האבן זיך א שאט געטאן אויף די אומגליקליכע קעפ פון די אידן וועלכע האבן נאך געדארפט צאלן גרויסע געלט־שטראפן פאר כלומר׳שטע „פרווון״ ניט אויסצופילן די גזירות און באפעלן·

אזוי האט זיך געצויגן דער אומגליקליכער לעבן די גאנצע צייט· ספעציעל איז געווארן די לאגע ניט אויסצוהאלטן מיטן אויפשטעלן דעם געטא, קרענק, הונגער און בלוט־פאר־גיסונגען איז געוועןן דאס טאג־טעגליכע ברויט פון די אידן· אזוי האט זיך געצויגן ביז כסלו תש״ג· אין דעם טאג איז דער געטא ארומגערינגלט געווארן פון שטארקע דייטשע פא־טרולן צוזאמען מיט אוקראינישע הילפס־פאליציי און די סטאשאווער אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן צו דער באן־סטאנציע און פון דארט — צום טויט אין טרעבלינקע·

סקאלא : א קליינע אידישע שטעטל אין קיעלצער געגנט מיט 400 אידן· נאך איידער די נאציס זיינען געקומען אין שטעטל האבן ס׳רוב אידן אנטלאפן אין די מזרח׳דיקע גע־ביטן פון פוילן· אבער די דייטשן האבן זיי נאכגעיאגט און אז די אידן האבן געזען אז זיי קענען ניט אנטלויפן, האבן זיי געוואלט צוריקגיין אין שטעטל, אבער יעדער איד וואס איז אריינגעקומען אין שטעטל, אלט און יונג, מענער און פרויען — איז אויפן ארט דערשאסן געווארן·

ס׳רוב אידישע הייזער זיינען פארברענט געווארן· דער אלטער בית מדרש איז ברוטאל געשענדעט געווארן· אזוי איז פארניכטעט געווארן דער אלטער אידישער ישוב אין סקאלא·

סקארזשיסק : אין סקארזשיסק האבן געלעבט 3000 אידן· די קהלה האט זיך אויסגעצייכנט אויף אלע געביטן· די אידן האבן ענטוויקלט א ברייט פארצווייגטן האנדל ווי אויך א שיינעם, גייסטיקן לעבן· די סקארזשיסקער אידן זיינען געווען ס׳רוב רעליגיעז· מיטן דערשיינען פון די נאציס איז גלייך דאס שטעטל פארוואנדלט געווארן אין א מאסע פון שקלאפן וועלכע זיינען אן אויפהער געפייניקט און גע־רויבט געווארן· אין די ווארשטאטן און ארבייטס־לאגערן וואס זיינען דארט אויפגעשטעלט געווארן האבן די אידן גרויזאם געליטן· דער גרויליכער לעבן האט זיך געצויגן ביז ראש השנה תש״ג· אין דעם טאג איז דורכגעפירט געווארן די ערשטע גרויסע אקציע און דאס רוב שטעטלדיקע אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן אין די פארניכטונגס־לאגערן· כ׳ חשון תש״ג, זיינען די לעצטע סקארזשיסקער אידן געפירט געווארן צום טויט· נאר א קליינע צאל פון צוואנגס־ארביי־טער פון די ארבייטס־לאגערן זיינען געבליבן אין סקארז־שיסק·



הוי יהודי בפולין· בתמונה : הרחוב היהודי בצכנוב·
דאס אידישע לעבן אין פולין· אויפן בילד : די אידישע גאס אין טשעכאנוב

און סקארזשיסק איז אפגעמעקט געווארן·

סלאמניק : א 400 יעריקע קהלה ביי ראדאם קיעלצער געגנט אין וועלכער עס האבן אין יאר תרצ״ט געלעבט 2600 אידן· אין אנהויב פון דער דייטשער אקופאציע האבן די דארטיקע אידן ניט געליטן אזויפיל, חאטש די דייטשן האבן זיי כמעט אלעמען בארויבט און עטליכע אידן געהרגעט· דארט האבן זיך אויך געפונען א סאך פליטים פון ארומיקן געגנט און די ארטיקע אידן האבן זיי באזארגט מיט וואס זיי האבן נאר געקענט· א ביסל שפעטער האבן אויך די סלאמניקער אידן אנגעהויבן שווער זיך מאטערן אונטער די נאצישע גזירות און גרויל־טאטן·

אנהויב תש״ג איז די סלאמניקער קהלה ליקווידירט גע־ווארן און אירע קינדער האט מען אוועקגעפירט אין טרעב־לינקע·

סטראכאוויצע : א קהלה פון 1800 אידישע איינוואי־נער וואס איז דורך דער פוילישער מאכט באשטימט געווארן פאר א געגנט פון שוועער־אינדוסטריע· שווערע קאמפן זיינען פארגעקומען צווישן דעם דייטשן און פוילישן מיליטער וועלכער האט געוואלט דעם געביט האלטן· ער איז אויך שווער באמבארדירט געווארן דורכן דייטשן לופט־פלאט·

אין פארלויף פון די קאמפן זיינען די מערסטע אידישע הייזער חרוב געווארן און זייער גאנצער פארמעגן איז פאר־ברענט געווארן· א געוויסע צאל אידן זיינען געהרגעט גע־ווארן בעת די קאמפן אדער בעת דער באמבארדירונג·ביים אריינגיין אין שטעטל האבן די דייטשן גלייך ארויפגעלייגט גרויסע געלט־שטראפן אויף די אידן מיט דער טענה, אז די אידן האבן געשאסן אויף דייטשע סאלדאטן וואס זיינען אריינגעפאלן אין געפאנגענשאפט· 12 אידן זיינען גענומען געווארן אלס ערב׳ניקעס און ווען די קהלה האט ניט געקענט צושטעלן די ריזיקע סומע, זיינען די 12 אידן פארפייניקט געווארן צום טויט· צוליב די גרויל־טאטן זיינען א סאך אידן אנטלאפן, די איבעריקע האבן געארבעט די שווערסטע אר־בעטן אונטער די שרעקליכסטע באדינגונגען במשך פון מער פון דריי יאר· אינמיטן יום־כפור תש״ג, איז דער ארומגע־צוימטער וואין־ארט פון די אידן ארומגערינגלט געווארן דורך דייטשע סאלדאטן און דאס ביסל איבערגעבליבענע סטראכאוויצער אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן צום טויט·

סלאוואקאוו : א קליין אידיש שטעטל אין קיעלצער



הוי יהודי בפולין. בתמונה: סימטה עתיקה ברובע היהודי בטרנוב.
דאס אידישע לעבן אין פולין. אויפן בילד:
א אלט־געסל אין אידישען געגענג אין טארנוב.

ביהודי המקום, שדדו את כל רכושם הדל והפכו אותם לעדת עבדים שהוצאה מחוץ לכל חוק.

(הישוב היהודי בפירליי חוסל בראשית חודש אב תש״ב, עת הוגלו היהודים לגיטו ראדום).

צויזמיר, אחת הקהלות העתיקות ביותר בפולין. יהודים נזכרים בתעודות העיר, עוד בתקופה קדומה ביותר של הימצאות יהודים על אדמת פולין. בתקופה מאוחרת יותר, שימשה צויזמיר כקהלה ראשית לאיזור ורבה היתה השפעתה בימי ועד ארבע הארצות. יהודי צויזמיר גורשו פעמיים מעירם ואף ידעו סבל רב בימי שבתם בה.

עם פרוץ השואה, בשנת תרצ״ט, מנתה קהלת צויזמיר למעלה מחמשת אלפים יהודים. העיר נכבשה על־ידי הגרמנים ביום כ״ז באלול ושעות ספורות לאחר הופעת הגרמנים הפכה לגיא־הריגה ליהודי צויזמיר. 34 יהודים קיפחו את חייהם בצורה אכזרית ואחרים עונו קשות. כל מוסדות הקהלה נסגרו, בתי־כנסת עתיקים חוללו וספרי־תורה נשרפו. סוחרים נשדדו ודם יהודים נעשה הפקר לכל צמא־דם.

שנות השואה הקשות עברו על יהודי צויזמיר בעוני, יסורים וכאב, ועליהם — עוד רבות יסופר.

(קהלת צויזמיר חוסלה סופית ביום כ׳ באלול תש״ג. יום בו גורשו אחרוני בני הקהלה מהמקום).

ציפלוב, עיירה בת 800 נפשות במחוז קילץ שנכבשה על־ידי הגרמנים ביום כ״ה באלול תרצ״ט. עם הופעתם נאסרו מיד רבים מתושבי העיירה ואולצו לכרוע ברך שעות ארוכות כשהם סופגים מכות־רצח. בצורה סדיסטית גזזו הקלגסים את זקניהם של יהודי העיר והוציאו ספרי־קודש לשריפה כשעשרות יהודים אולצו לרקוד סביב למדורה ולשיר. החנויות המעטות נשדדו ונחרבו וקנס כספי גדול הוטל על הקהלה העניה כדי להבטיח כי „ישמרו על החוק״, זה אשר הוציא אותם מחוץ לכל חוק.

(קהלת ציפלוב חוסלה ביום י״ג חשון תש״ג, בו הועברו יהודי העיירה לגיטו טרלה. משם הובלו למחנה־ההשמדה בטריבלנקה).

צנסטוציצה, ישוב יהודי קטן באיזור אוסטרובצה, מחוז קילץ, אשר מנה בפרוץ השואה 60 משפחות. בגלל הקרבות שנערכו בסביבת המקום, סבלו יהודים רבים וכמה מהם נהרגו. עם הופעתם של הגרמנים, אסרו עליהם לנוע מהמקום והפכו את עדת היהודים העניה — לעבדים.

(ביום י״ט תשרי תש״ג הוגלו יהודי העיירה לגיטו אוסטרובצה, וכך חוסל הישוב היהודי במקום).

צמיילוב, ישוב קטן במחוז קילץ שמנה 80 משפחות יהודיות. רובם — בעלי־מלאכה ועניים אשר שועבדו על־ידי הגרמנים, מיד עם הופעתם, לעבודת־כפיה מלווה התעללויות. למרות העינויים ויסורי־השאול המשיכו יהודי העיירה במסורתם, ובמסירות נפש, שעלתה להם בדמים, שמרו על תפילה בציבור ולימוד תורה לילדים.

(קהלת צמיילוב הקטנה חוסלה סופית בשלהי תשרי תש״ג, עת הוגלו יהודי העיירה לטריבלנקה).

קלימנטוב, קהלה עתיקה בת 500 שנה במחוז קילץ. בפרוץ השואה מנתה 2200 נפשות. נכבשה על־ידי הגרמנים אחרי קרבות בסביבה, ומאז חוסלו כל מוסדות הקהלה, כשרק מועצת יהודים ששרתה את הגרמנים — נשארה פעילה.

(קהלת קלימנטוב חוסלה בראשית שנת תש״ג, עת הועברו הזקנים, הנשים, הילדים והחלשים למחנה השמדה, ואילו המעטים שהיו מסוגלים לעבודה הועברו לגיטו צויזמיר).

קלבישוב, קהלה קטנה ועתיקה במחוז קילץ שמנתה בפרוץ השואה 50 משפחות. רבים מבני הקהלה ברחו לפני הופעת הגרמנים, ואלו שנשארו עונו קשות וגורשו מהמקום כבר בשבועות הראשונים לכיבוש הנאצי.

קוזיגלוב, עיירה קטנה במחוז קילץ שמנתה עד 1000 נפשות יהודיות. נכבשה על־ידי הגרמנים ביום כ״ג באלול תרצ״ט. עם הופעתם, אספו הגרמנים את יהודי המקום ופליטים רבים ממחוזות יותר מערביים שנתפסו במקום,

געגנט· אירע איינוואוינער, חסידישע אידן האבן שווער זיך מפרנס געווארן פון דארפס־גייערייי און שווערע ערד־ ארבייט· די נאציס זיינען געקומען אין שטעטל כ״ה אלול תרצ״ט און גלייך האט א באנדע וואנדאלן אנגעהויבן פייניקן די אידן, רייסן די בערד און פיאות צוזאמען מיטן פלייש און שענדן דעם בית מדרש און ספרי תורה· נאכדעם האבן זיי צונויפ־געטריבן אלע אידן אויפן שטעטלשן מארק און זיי געגויט לאנגע שעה׳ן צו קניען מיט אויפגעהויבענע הענט· די שוואַ־כערע וואס האבן ניט געקענט אויסהאלטן די קלעפ און דעם פיין, זיינען דערשאסן געווארן· א יונגע פרוי וואס האט געבעטן ביי די מערדער מען זאל איר פאטער ניט שיסן — איז דערשאסן געווארן צוזאמען מיט איר פּיצלֿ קינד·

ווי שוין אויבן דערמאנט האבן די מערדער געריסן די האר פון בארד און פיאות צוזאמען מיטן פלייש אבער אנדערע אידן האבן זיי פשוט פארברענט דעם געזיכט צוזאמען מיט די בארד· צובראכן און צובלוטיקט האבן די אומגליקליכע אידן זיך אומגעקערט פון „בלוטיקן ספעקטאקל״·

דאס איז געווען דער ארייגפיר צו דער בלוטיקער תקופה פון דער נאצי־הערשאפט במשך פון 3 יאר זי האט זיך ביטער געענדיקט ענדע תש״ג, ווען די לעצטע אידן זיינען ארויסגע־פירט געווארן אין די פארניכטונגס־לאגערן·

סאמסאנאוו: א דארף אין קיעלצער געגנט וואו עס האבן געוואוינט אידן העכער 200 יאר· איינגענומען געווארן דורך די דייטשן כ״ה אלול תרצ״ט· נאכדעם ווי במשך פון א גאנצער וואך האבן די דייטשן אן אויפהער פאגראמירט, געהרגעט און גערויבט די אידן — זיינען ס׳רוב פון דער אידישער באפעלקערונג אנטלאפן וואו די אויגן האבן גע־טראגן· די עטליכע וואס זיינען געבליבן האט מען געלאזן וואוינען אין סאמסאנאוו ביז ה׳ אלול תש״ב, ווען אלע קליינע אידישע ישובים אין קיעלצער געגנט זיינען ליקווידירט גע־ווארן, די סאמסאנאווער אידן זיינען ארויסגעפירט געווארן קיין זוואלין און דארט האט מען זיי אומגעבראכט צוזאמען מיט די זוואלינער אידן·

סאטשמין: א דארפישער ישוב וואס האט זייער שווער געליטן פון די פאליאקן נאך איידער די דייטשן זיינען גע־קומען· די דייטשן האבן נאך מער איינגעשרומפן די רעכט פון די אידן אבער האבן זיי ערלויבט צו ארבעטן ווי פריער און ווי עס איז דורכקומען פון דער שווערער ארבעט·

אבער י״ט אלול תש״ב האבן אויך די סאטשמינער אידן געמוזט פארלאזן זייער ארט און זיי זיינען ארויסגעפירט געווארן אין וולאשטשאווער געטא און פון דארטן — אין די פארניכטונג־לאגערן·

סענדזשישאוו: א קליינע ארימע שטעטל וואס האט שווער געליטן ביי די קאמפן און איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן כ״ה אלול תרצ״ט· די ארטיקע אידן האבן אויסגעטרונקען דעם זעלבן ביטערן כוס ביזן סוף, ווי זייערע ברידער אין גאנצן קיעלצער געגנט· יום־כפור ביינאכט, איז דער ארומגיצוימטער וואין־ארט פון די אידן ארומגערינגלט געווארן דורך אוקראינישע סאלדאטן אונטער דער אנפירונג פון די דייטשן, מען האט אלע אידן, אונטער גרויזאמע בא־דינגונגען ארויסגעפירט אין פארניכטונגס־לאגער טרעבלינקע·



הוי יהודי בפולין· רחוב בעיירה
דאס אידישע לעבן אין פולין· א גאס אין שטעטל·

סיעטשעכאוו: א דארפישער ישוב פון 70 אידישע משפחות אין קיעלצער געגנט· איינגענומען דורך די נאציס אין דער נאכט פון כ״ה אלול תרצ״ט· גלייך האט מען אלע אידן צונויפגעטריבן אויפן מארק־פלאץ און דארט זיי גע־פייניקט סאדיסטיש א גאנצן מעת־לעת, אין דער זעלבער צייט האט מען אויסגערויבט אלע אידישע הייזער· נאכדעם ווי מען האט זיי שוין אפגעלאזט, זיינען די דייטשן געקומען מיט א נייע טענה, אז די אידן קלויבן זיך צוזאמען צו דאווענען, און אזיוויי דאס איז געגן „געזעץ״, האט מען ווייטער געפייניקט די אידן און עטליכע פון זיי זיינען פאר־פייניקט געווארן צום טויט·

די פייניקונגען און בלוט פארגיסונגען האבן זיך געצויגן ביזן לעצטן טאג, י״ז אלול תש״ב, און דאן האט מען אלע אידן ארויסגעפירט אין קאזשניצער געטא·

סקארישאוו: 100 אידישע משפחות האבן געלעבט אין דעם קליינעם דארף, אין קיעלצער געגנט· דאס רוב זיינען זיי געווען חסידישע אידן וואס האבן צוטיילט זייער צייט צווישן שווערע הארעוואניע אויף פרנסה און עבודת ד׳· די דאזיקע פרומע אידן האבן, ווי אומעטום, ספעציעל מורא׳־דיק געליטן פון נאצישן סאדיזם· די גרויל־טאטן פון די מערדער האבן ניט אויפגעהערט די גאנצע צייט פון דער דייטשער אקופאציע, אזוי אז עס איז זיך פשוט שווער פאר־צושטעלן ווי די אומגליקליכע אידן האבן עס אויסגעהאלטן ביזן ביטערן טאג, י״ח אלול תש״ב, ווען מען האט אלע אידן, וואס האבן אויסגעזען ווי סקעלעטן, אוועקגעפירט אין שידלאווצער געטא און פון דארט — צום טויט·

סלאפיא־נאווא: דא האבן געוואוינט 600 אידן, דער ארט איז איינגענומען געווארן כ״ו אלול תרצ״ט· אויף מארגן זיינען ארעסטירט געווארן אלע אידן וואס האבן זיך גראד געפונען אין גאס· די ארעסטירטע האט מען געבראכט צום ברעג פון דער ווייסל, אויסגעשאסן אלעמען און זייערע קערפּערס אריינגעווארפן אין טייך·

נאך דער בלוט־באד איז געקומען א דייטשע קאמאנדא און אויסגערויבט דעם גאנצן אידישן פארמעגן צו דעם האבן זיי נאך ארויפגעלייגט ריזיקע געלט־שטראפן „פאר ניט פאלגן די באפעלן״· און אז מען האט ניט געקענט צאלן, האט מען געפייניקט צום טויט· אזוי האט זיך געצויגן דער „לעבן״



הוי יהודי בפולין· בתמונה: רחוב יהודי בלובלין·
דאס אידישע לעבן אין פולין· אויפן בילד: א אידישע גאס אין לובלין·

והתעללו בהם קשות· בחלקם הוכנסו לבית־המדרש המקומי אשר הועלה באש יחד עמם ועם ספרי־התורה· אלו אשר ניסו להימלט ממקדש־המעט הבוער — נורו במקום· מר היה גורלם של יהודי העיירה שסבלו יותר מאשר בני הקהלות הסמוכות·

קשפיץ, עיירה בת 1900 יהודים שנכבשה על־ידי הגרמנים בליל כ״ה באלול· ליל־הכיבוש היה ליל־טבח ליהודי העיירה· במיוחד התעללו הקלגסים ביהודים עטורי זקן ופיאות· לפנות־בוקר הציתו את בית־המדרש המקומי· יהודים שניסו, למרות איומים, להציל ספרי־תורה בוערים, נורו במקום· קנס כספי גדול הוטל על יהודי המקום העניים בגלל הפרעות בהשלטת הסדר ביום הכיבוש או נסיון להתקוממות· כשלא היה בידי בני המקום לשלם את הקנס, נאסרו מספר בני־ערובה אשר עונו באכזריות, ומתו תוך כדי העינויים·

(בחדש תמוז תש״ב, חוסלה קהלת קשפיץ סופית, עת הוגלו כל בניה למחנה השמדה)·

קשוינז, קהלה קטנה במחוז קילץ שמנתה בפרוץ השואה עד 1500 נפשות· עתיקה לימים היתה קהלת קשוינז ופעלה כקהלה עצמאית בימי ועד ארבע הארצות· העיירה נכבשה על־ידי הגרמנים ביום כ״ה באלול, ומיד ערכו טבח איום ביהודי המקום· כל יהודי נורה, ללא כל אבחנה· רבים מבני המקום ברחו בעירום ובחוסר־כל ובתיהם היו לבז·

קופז׳יבניצה, קהלה במחוז קילץ שמנתה בפרוץ השואה 1000 נפשות בקירוב· תושביה עניים, בעלי מלאכה ורוכלים, רובם ככולם חרדים, שומרי תורה ומצוות, מהם חסידים ותלמידי־חכמים מובהקים· העיירה נכבשה על־ידי הגרמנים ביום כ״ו באלול, ומאז הפכה למעשה למחנה אסירים, נדונים לכליה, לרעב, למחלות ולעינויים· בקושי רב החזיקו יהודי המקום מעמד בשנות השואה·

(קהלת קופז׳יבניצה חוסלה סופית ביום כ׳ בחשון תש״ג, יום בו הובלו בניה למחנה ההשמדה בטריבלנקה)·

קינסק, עיר ראשית לגליל שמנתה בפרוץ השואה, 6200 נפשות· תודות לחריצותם ועמלם של יהודי העיר, הוקמה במקום תעשיה רצינית, והאיזור הפך למרכז מסחרי משגשג· חיים ציבוריים, דתיים וכלליים ידעה קהלת קינסק בדור האחרון לפני השואה ומוסדות־פאר רבים פעלו במקום·

עם הופעתם של הגרמנים במקום, נהרסו ביום אחד כל מוסדות יהודי קינסק וכל החיים הציבוריים חוסלו· בתי־כנסת, בתי־מדרש ובתי־חסידים, ששקקו חיים ביום ובלילה, נסגרו וחוללו ויהודי העיר הוצאו מחוץ לכל חוק· הרכוש היהודי הרב נשדד במהירות, מפעלי תעשיה הוחרמו, בתי־מסחר נשדדו, בתי־מלאכה פורקו והעדה היהודית התרוששה תוך תקופה קצרה ביותר·

גזירות איומות ניתכו על יהודי קינסק, וכך נכנסו לתקופת השואה האיומה, שבורים ורצוצים, בעוד וסאת־היסורים הגדושה עודנה מצפה להם·

(ביום כ״ו בחשון תש״ג הוחל בחיסול גיטו קינסק, וביום כ״ט בטבת תש״ג הועברו היהודים האחרונים לגיטו שידלוביץ)·

קוזניץ, עיר עתיקה במחוז קילץ שפעלה כקהלה עצמאית כבר בימי ועד ארבע הארצות· בתקופה מאוחרת יותר הפכה קוזניץ למרכז של החסידות הפולנית ולסמל של קדושה וטהרה כשהמגיד, רבנו ישראל, קבע את מושבו בעיר שהפכה מיד לתל־תלפיות למאות אלפי יהודים פולניים· מאז, ובמשך שנים הרבה, שימשה קוזניץ כמרכז לחסידות·

בפרוץ השואה, מנתה קהלת קוזניץ 3400 נפשות· העיר נכבשה על־ידי הגרמנים ביום כ״ז באלול· הם הסתערו מיד על יהודי המקום, כאילו כל המלחמה לא נועדה אלא נגדם· 7 יהודים נורו מיד, אחרים נאסרו ומתו תוך עינויים· שוד כללי נערך בעיר אשר רושש את היהודים, ואחרי זה עוד הוטל עליהם קנס כספי גדול·

בתי־המדרש העתיקים חוללו ויהודי העיר הפכו לעדת עבדים מחוסרי־מגן·

(גיטו קוזניץ חוסל ביום ט״ז תשרי, ביום השני לחג הסוכות, עת הוקף חיילים אוקראיניים בפיקוד גרמני, ובני העיר הובלו לטבח במחנה ההשמדה אשר בטריבלנקה)·

קאזאנוב, עיירה קטנה במחוז קילץ שמנתה 700 נפשות בפרוץ השואה· כבר ביום הראשון לכיבוש הנאצי סבלו יהודי העיירה קשות מהקלגסים הנאציים שהתעמרו בהם בלי הרף בכל תקופת הכיבוש·

(יהודי קאזאנוב גורשו לשיעננה ביום ו׳ חשון תש״ג, ומשם הובלו למחנה השמדה)·

קינוב, עיירה בת 100 משפחות במחוז קילץ שנכבשה על־ידי הגרמנים ביום כ״ה באלול· עם הופעתם במקום החלו מיד להתעלל ביהודי העיירה, פקדו על הגברים לגזוז את זקניהם ולהסיר את הלבוש היהודי המסורתי ועל הנשים להשליך את הפיאות וכיסוי הראש· אלה שהתרשלו במילוי הפקודה נהרגו·

(קהלת קינוב חוסלה בחודש חשון תש״ג, עת בניה הובלו למחנה ההשמדה טריבלנקה)·

קלובוצק, קהלה חשובה במחוז קילץ, שמנתה עד 600 משפחות· מיום הופעת הגרמנים במקום, סבלה הקהלה קשות וידעה פרעות מדי יום ביומו·

ביז סוף אלול תש״ב· דאן האט מען אלע אידן ארויסגעפירט, בארוועס און נאקעט — אין טארלער געטא·


סטאמפארקאוו: א קליינער דארף מיט 40 אידישע משפחות אין קיעלצער געגנט· די דייטשן האבן ערלויבט די אידן צו בלייבן אויפן ארט ביז ניסן תש״ב, דאן האט מען זיי אלעמען ארויגעטריבן אין ראדאשיצער געטא·

סטראמיעץ: א אלטע קליינע קהלה אין קיעלצער געגנט מיט 100 אידן· נאך איידער די דייטשן זיינען אריין זיינען אלע אידן אנטלאפן, אבער די דייטשן זיינען געווען שנעלער פון זיי און האבן פארנומען דעם גאנצן געגנט איידער זיי האבן געקענט אנטלויפן פון אים· ווען די אידן האבן זיך צוריקגעקערט אין דארף, האט מען זיי אלעמען ארעסטירט, אויסגערויבט ביזן לעצטן פאדעם און מיט בייטשן זיי צוטריבן אין אלע זייטן· א טייל פון זייערע הייזער זיינען חרוב געווארן, אזוי אז די אידן וואס זיינען געבליבן האבן די גאנצע צייט זיך געפונען אין א מורא׳דיקער לאגע, אויסער די קלעפּ און פייניקונגען פון די נאציס, האבן זיי ניט געהאט קיין העמד אויפן לייב און קיין ביסן ברויט אין מויל· סוף אלול תש״ב האט מען אויך זיי ארויסגעטריבן אין קאזשעניצער געטא און פון דארט — צום טויט·

סטריקאוו: א קליינע שטעטל אין קיעלצער געגנט מיט 80 אידישע משפחות צו וועמען עס זיינען נאך צוגעקומען פליטים פון ארומיקן געגנט, וועלכע האבן זיך געטיילט מיט די ארטיקע איינוואוינער אין הונגער און נויט· די סטריקאווער אידן האבן גרויזאם געליטן פון די דייטשע סאדיסטישע גרויל־טאטן· פון ערשטן טאג האבן זיי ניט געטארט פארלאזן דעם דארף, מיט דער צייט האט מען זיי קאנצענטרירט אין א ארומגעצוימטן שטח, דארט האבן זיי געלעבט אין די אוממענשליכסטע באדינגונגען, הונגער און קרענקען· תשרי תש״ג האבן די דייטשן דורכגעפירט דער לעצטער גרויסער „אקציע״· אין שוידערליכע באדינגונגען זיינען די סטריקאווער אידן אוועקגעפירט געווארן אין פארניכטונגסלאגער·

פשיסכע: א אלטע שטאט אין קיעלצער געגנט· מער ווי 400 יאר האט זיך געהאלטן די ברויזענדיקע, אינטענסיווע אידישע קהלה פון פשיסכע, וועלכע האט זיך נאך ארויסגערוקט אין דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות״ און שפּעטער געווארן א צענטער פון פוילישן חסידות, ווען דארט האבן געווירקט די גרינדער פון פוילישן חסידות· פשיסכע איז אין די לעצטע העכער הונדערט יאר, פארוואנדלט געווארן אין א סימבאל פון געלייטערטער חסידות און גייסטיקער הויך· ביים מלחמה אויסברוך האט די קהלה געציילט 4000 נפשות און איז געווען זייער טעַטיק אויף אלע געביטן פון געזעלשאפטליכן לעבן, ניט אפּטרעטנדיק דערביי פון איר גרויסער, גייסטיקער חסידישער פארגאנגענהייט·

די נאציס, וועלכע האבן איינגענומען דער שטאט כ״ו אלול תרצ״ט, האבן זיך גלייך ווי ווילדע חיות אווארף געטאן אויף די אידן און ספּעציעל אויף די רעליגיעזע אידן און די בתי מדרשים און קלויזן, האבן געשענדעט אלדאס הייליקסטע, פארבאטן דאס דאווגען און לערנען — אונטער דראונג פון טויט־שטראף· אבער טראץ אלע דראונגען און



הוי יהודי בפולין· פינה בזליכוב·
דאס אידישע לעבן אין פולין· זשעליכוב

די שוידערליכע אומשטענדן אין וועלכן די פשיסכער אידן האבן געלעבט, האבן זיי ווייטער געפירט זייער חסידיש־תורה׳דיקן לעבן און א סאך פון זיי האבן זייער לעבן אוועקגעגעבן און ניט נאכגעגעבן די מערדער אויף קיין האר·

דער גורל פון די פשיסכער אידן איז ניט געווען בעסער פון די איבעריקע אידן אין אקופּירטן פוילן: א מבול פון גזירות און רדיפות, פּיין און הונגער, רויב און מארד און אין דאזיקן גיהינום האבן די פשיסכער אידן ווייטער געצויגן זייער הייליגער טראדיציע, געלערנט אליין און מיט די קינדער, געדאווענט בצבור און געהיט יעדער קלענסטע מצוה·

דאס ליידן פון די פשיסכער אידן איז נאך גרעסער געווארן מיטן אויפשטעלן דעם געטא· זיי זיינען איינגעשלאסן געווארן אין א ענגן געטא אין די שוידערליכסטע באדינגונגען, אפּגעריסן פון דער גאנצער וועלט· אבער אויך דער געטא האט לאנג ניט געהאלטן· ט״ז חשון תש״ג האבן די דייטשן ארומגערינגלט דעם געטא און אוועקגעפירט אלע פשיסכער אידן קיין טרעבלינקע· כ׳ חשון תש״ג איז שוין פון דער אלטער, הייליגער אידישער קהלה אין פשיסכע קיין זכר ניט געווען·

פיעטקאוויץ: א קליין שטעטל מיט 30 אידישע משפחות ארום חמיעלניק אין קיעלצער געגנט· נאך איידער די דייטשן זיינען אריין אין שטעטל זיינען אלע אידן אנטלאפן· זייערע הייזער זיינען פארברענט געווארן און זייער פארמעגן — אויסגערויבט געווארן ביזן לעצטן פאדים· עטליכע אידן וואס האבן געוואלט בלייבן, זיינען מיט א האגל פון קלעפּ אוועקגעטריבן געווארן·

דאס איז געווען די ענדע פון דעם קליינעם אידישן ישוב·

פינטשעוו: איינע פון די עלטסטע אידישע קהלות אין פוילן וועלכע האט עקזיסטירט במשך פון 700 יאר· איז געווען א אידישער צענטער במשך פון הונדערטער יארן און איינע פון די הויפּט־קהלות אין „ועד ארבע הארצות״· ביים אויסברוך פון מלחמה האבן דארט געוואוינט קרוב צו 4000 אידן·

פינטשעוו האט זיך גערעכנט פאר א רעליגיעזן און האנדלס־צענטער און האט געקענט דינען אלס ביישפּיל פון א גוט איינגעארדנעטער און אינטענסיווער קהלה· ס׳רוב איינוואוינער זיינען געווען פרומע אידן, א טייל פון זיי חסידישע אידן און א טייל גרויסע תלמידי חכמים·

די דייטשן האבן גלייך ביים אריינמארשירן אפּגעשטעלט דעם גאנצן געזעלשאפטליכן און קהלה־לעבן, די אלטע שולן



הוי יהודי בפולין. בתמונה: חסידים מחכים על אדמו״ר בסוכטשוב
דאס אידישע לעבן אין פוילן. אויפן בילד: חסידים ווארטן אויף א רבין אין סוכטשוב.

(קהלת קלובוצק חוסלה סופית בשנת תש״ב, כשזקניה, ילדיה ואמהותיה הובלו לטבח במחנה ההשמדה טריבלנקה. בניה שהיו מסוגלים לעבודה, הועברו למחנות עבודה (וריכוז).

ראדושיץ, קהלה חשובה במחוז קילץ שהפכה למרכז לחסידות. מנתה בפרוץ השואה 2200 נפשות.

(בחורף שנת תש״ב חוסלה קהלת ראדושיץ סופית, כאשר בני הקהלה הובלו לטריבלנקה).

ריציבול, קהלה עתיקה במחוז קילץ שפעלה כקהלה עצמאית עוד בימי ועד ארבע הארצות, ובתחומיה פעלו ראשוני החסידים בפולין. בפרוץ השואה מנתה קהלה זו 1100 נפשות.

(קהלת ריציבול חוסלה סופית בשלהי שנת תש״ב, כשחלק מתושביה הועברו לגיטו קוזניץ ויתרם — למחנה ההשמדה בסוביבור).

שידלוב, קהלה עתיקה במחוז קילץ שפעלה כקהלה ראשית רבת־השפעה כבר בימי ועד ארבע הארצות. מנתה בפרוץ השואה עד 700 משפחות.

(בראשית שנת תש״ג, חוסל הגיטו במקום, חלק מתושביו הועברו לגיטו חמלניק ואחרים — למחנה ההשמדה בטריבלנקה).

שידלובצה, קהלה עתיקה במחוז קילץ, שפעלה כקהלה עצמאית כבר בימי ועד ארבע הארצות. התפתחה בדורות האחרונים לפני החורבן ונעשתה למרכז של תורה וחסידות, מסחר ומלאכה. קהלת שידלובצה מנתה בפרוץ השואה 9000 נפשות, עליהם ניתוספו בתקופת המלחמה עוד 2000 פליטים שנקלטו במקום.

(קהלת שידלובצה חוסלה באכזריות ביום ז׳ בשבט תש״ג, כאשר כל תושביה הוגלו למחנה ההשמדה בטריבלנקה).

שטשעקצין, קהלה בת 2000 נפשות שנכבשה על־ידי הנא־צים ביום כ״ו באלול. הכובשים הנאציים התעללו ביהודי העיר בצורה אכזרית מיד עם הופעתם. עשרות יהודים הוחזקו כשהם כורעים על ברכיהם וידיהם מורמות, כשלמולם ניצבים קלגסים ונשק שלוף בידיהם. מי שלא החזיק מעמד — נורה במקום. כל הרכוש היהודי היה לבז ובית־הכנסת המקומי חולל בצורה זוועתית. יסורי־איוב עברו על בני הקהלה בתקופת הכיבוש הנאצי.

(בעצם יום הכיפורים, שנת תש״ג, הוקף גיטו שטשקצין על־ידי חיילים אוקראיניים בפיקוד גרמני, ובני המקום הובלו למחנה ההשמדה בטריבלנקה).

שיעננה, קהלה קטנה במחוז קילץ שמנתה 200 משפחות, רובם יהודים עניים אשר בקושי פירנסו את עצמם.

(קהלת שיעננה חוסלה בחורף שנת תש״ג, עת הובלו בניה למחנה ההשמדה בטריבלנקה).

חורבן קהלות ישראל במחוז קראקה

קהלות ישראל במחוז קראקה, או יהדות גליציה המערבית, היוו שבט מיוחד במינו ביהדות פולין המעטירה. יהדות זו שמרה על גוון מיוחד בקשת הרבגוונית של הגולה המפוארת. היהודי המערב־גליצאי נבדל היה ושונה באופיו, סגנון־דיבורו, לבושו ואורח־חייו מן היהודי הליטאי או מן היהודי הטיפוסי של פולין הקונגרסאית. חן מיוחד נסוך היה על יהדות זו, אשר המשיכה לטוות את חוט־הזהב של מסורת ישראל וטיפחה בנאמנות את זיקת־האמת לתורת־הנצח של ישראל.

190 אלף יהודים היו במחוז האדמיניסטראטיבי של קרא־קה בפרוץ השואה. למעלה מעשרים אחוז מהם — בקהלת המטרופולין המעטירה של קראקה ויתרם — במאה קהלות קטנות וגדולות, עיירות וישובים יהודיים, מהם עתיקים ומהם חדשים, אשר נבנו והתפתחו תודות למרץ ויזמה יהודית.

מחוז קראקה השתרע על־פני מרחבים ברוכי־טבע ועטורי־הוד וטבל בתוך שרשרות הרי־הקרפטים המערביים, אפופי־הסוד, ובתוך מישורים עשירי־מחצבים ואוצרות בלתי־נדלים. מחוז קראקה היה אחד המחוזות היפים ביותר באירופה המרכזית שידע חיים יהודיים תוססים ומשגשגים, חיי תורה וחסידות, ציבור וחברה. יהודי מחוז קראקה, בלבושם האפטריאכלי המיוחד במינו, באורח־החיים מעורר־הכבוד, הוסיפו הוד־קדומים למחוז־מגוריהם הנהדר.

יהודי גליציה המערבית, היוו 24.8 אחוז מכלל תושבי הערים במחוז קראקה, אולם הם הטביעו את חותמם על

און בתי מדרשים זיינען פארמאכט און געשענדעט געווארן, אלטע ספרי תורה זיינען געשענדעט און פארברענט געווארן. דאווענען מיט א מנין איז געווארן פארבאטן, מען האט אויך ניט געטארט לערנען מיט קינדער און יעדע געזעלשאפטליכע טעטיקייט אויסער אין די ראמען פון דעם יודן־ראט איז פארבאטן געווארן.

פארשטייט מען אז אויך די פינטשעווער אידן האבן דורכגעמאכט איוב׳ס יסורים, ביז עס זיינען געקומען די לעצטע גרויזאמע מאנאטן אב־אלול־תש״ב. אלע פינטשעווער אידן זיינען ארויסגעטריבן געווארן אין די פארניכטונגס לאגערן. און די אור־אלטע פינטשעווער קהלה — איז פארשוואונדן.


פיליץ: א אלטע, 400 יעריקע אידישע קהלה אין קיעלצער געגנט. וועלכע איז געווען טעטיק אלס זעלבסטשטענדיקע קהלה שוין ביים אנהויב פון „ועד ארבע הארצות". ביים אויסברוך פון קריג האבן דארט געוואינט 300 אידן. די שטעטל איז איינגענומען געווארן כ״ה אלול תרצ״ט, די איינוואוינער, קליינהענדלער און בעלי־מלאכה, וועלכע האבן ניט געקענט אנטלויפן פון די מערדער, האבן גלייך דערפילט אויף זיך דעם טרעטנדיקן שטיוול פון די מערדער. עטליכע אידן זיינען דערהרגעט געווארן אין ערשטן טאג, אנדערע זיינען גרויזאם געפייניקט געווארן. די אלטע, איינגעארדנטע קהלה האט גלייך אויפגעהערט צו עקזיסטירן געזעלשאפטליך. אלע אידן האט מען געפירט אויף שווערע צוואנגס־ארבעט, אונטער הונגער און קעלט, קרענקען און שלעק. הריגות איז געווען א טעגליכע דערשיינונג.

טראץ דעם שרעקליכן דאזיין, האבן די פיליצער אידן ארויסגעוויזן א גוואלדיקע דויערהאפטיקייט און באהאלטענערהייט אפגעהיט אלע מצוות און געפירט א שטרענגן רעליגיעזן לעבן. און פון אייגענעם ווילן און מיט אמתער אידישער ברייטהארציקייט האבן זיי אויפגענומען הונדערטער פליטים און פארטריבענע פון ארומיקן געגנט.

ה׳ אלול תש״ג איז די פיליצער קהלה ענטגילטיק ליקווידירט געווארן. די לעצטע אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן אין קאנצענטראציע לאגער צום טויט.

פשעדבוזש: א אלטע אידישע קהלה ביים טייך פיליצי, וועלכע האט זיך אפגעטיילט פון דער דערבאייקער ווידאמער קהלה. ביים אויסברוך פון דער מלחמה האט די קהלה געציילט מער ווי 4000 מענטשן. די ארטיקע אידן האבן ענטוויקלט דעם האנדל און אפילו אויפגעשטעלט קליינע אינדוסטריע אונטערנעמונגען וואס האט מפרנס געווען די אידן בכבוד. ס׳רוב פשעדבוזשער אידן זיינען געווען רעליגיעז און האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער צדקה געבן און וואילטעטיקייטס אנשטאלטן. אבער די ברייט פארצווייגטע טעטיקייט פון דער קהלה אויף אלע געביטן איז אפגעהאקט געווארן מיטאמאל, כ״ד אלול תרצ״ט, ביים ארייננמארשירן פון דייטשן מיליטער אין פשעדבוזש.

א סאך שטעטלדיקע אידן זיינען אנטלאפן צוזאמען מיטן פוילישן מיליטער און אין שטאט זיינען בעיקר געבליבן קראנקע, ארימעלייט, שוואכע און קינדער. און אויף זיי האבן די נאצי־מערדער אויסגעלאזן זייער גאנצן כעס, האבן



הוי יהודי בפולין. בתמונה: האדמו״ר מגור (בעיגול) מבקר בבנדין.
דאס אידישע לעבן אין פוילן. אויפן בילד: דער גערער רבי אין בענדין.

ניט דורכגעלאזט קיין איין אידן אים ניט צו שלאגן אדער צו פייניקן און שיסן. עטליכע אידן האט מען גלייך דערשאסן כדי אנצושרעקן די אנדערע. די פון די אנטלאפענע וואס האבן זיך אומגעקערט צוריק, צובראכן און אויסגעמאטערט, האבן די דייטשן ארעסטירט און גרויזאם געפייניקט און עטליכע פון זיי געשאסן. אזוי איז איינע פון די בליענדיקסטע אידישע קהלות איבערגעטרעטן דעם שוועל פון גיהינום און אים דורכגעגאנגען ביזן לעצטן טאג פון איר קיום.

דאס איז געווען א׳ חשון תש״ג, דער געטא איז געווארן ארומגערינגלט און די איבערגעבליבענע אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן אין פארניכטונגס־לאגער טרעבלינקע.

פשיטיק: א אלטע, 600 יעריקע קהלה אין קיעלצער געגנט. ביים מלחמה אויסברוך האבן דארט געלעבט 4800 אידן. פשיטיקער קהלה האט ספעציעל געליטן פון אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען נאך פאר דער פוילישער הערשאפט, ספעציעל אין די לעצטע יארן פאר דער מלחמה זיינען עטליכע מאל אויסגעבראכן פאגראמען. אין יאר 1936 איז אויסגעבראכן א שווערער פאגראם אין וועלכן עס איז געהרגעט געווארן די פאמיליע מינקאווסקי. אבער די אידן האבן געשטעלט א העפטיקן ווידערשטאנד די פוילישע פאגראמשטשיקעס.

כ״ז אלול תרצ״ט זיינען די דייטשן אריין אין פשיטיק. און האבן גלייך אנגעווארפן א פאניק אויף אלע אידישע איינוואוינער. אין עטליכע וואכן ארום האבן זיך די נאציס א ביסל בארואיקט און האבן געמאטערט די אידן נאר מיט שווערע גזירות און באפעלן און מיט צוואנגס־ארבעט באגלייט מיט קלעפ און הונגער. פשיטיק האט אויפגענומען א סאך פליטים פון ארומיקן געגנט.

אין די מאנאטן אדר־ניסן תש״א האט מען די פשיטיקער אידן ארויסגעשיקט אין די ארומיקע געטאס און אזוי איז ליקווידירט געווארן די פשיטיקער קהלה.

פאלאניץ: א אלטע קהלה ביי ראדאם קיעלצער געגנט וואו עס האבן געוואינט ביים אויסברוך פון דער מלחמה 1200 אידן. די קהלה איז שוין געווען טעטיק אין דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות".

א טייל אידן האט געוואלט אנטלויפן פון די מערדער, אבער נאכדעם ווי דאס שטעטל איז איינגענומען געווארן



הוי יהודי בפולין· בתמונה: ריישא·
דאס אידישע לעבן אין פוילן· אויפן בילד: ריישא·

חיי האיזור כולו והביאו לו ברכה ושגשוג· הם ניהלו חיים תרבותיים משלהם, היוו בחלקם הגדול — עולם סגור ומסוגר, אולם יחד עם זאת שימשו כחלוצי התעשיה והיצירה במחוז, חלוצי המסחר והמלאכה, בעוד והפולנים, שהיו רוב תושבי האיזור, עסקו בחקלאות ובפקידות, בשירותים ציבוריים ועבודות אחרות·

כבר בשבוע הראשון למלחמת השואה, חדרו הגרמנים למחוז קראקה ותוך ימים ספורים כבשו את האיזור כולו, כשפניהם להסתערות — מזרחה· ערים שלימות נפלו לידיהם כפרי־בשל, כמעט ללא קרבות· הצבא הפולני נסוג ממחוז זה במהירות, בטרם הצליח אפילו להרוס מתקנים צבאיים בפני הצבא הכובש· חרדת־מות נפלה על יהדות האיזור נוכח ההתפתחות המהירה הזו· רבים נמלטו על נפשם, אולם בחלקם הגדול לא הצליחו על־ידי כך לקדם את פני הרעה· הצבאות הגרמניים הכובשים הקדימו אותם וחסמו בפניהם את דרך־המנוסה· יהדות גליציה המערבית נשארה ברובה לכודה במלכודת־הדמים והוכנסה יחד עם גולת־פולין כולה לתקופת השואה האומללה שהשתרעה על אלף ימים של הרס וחורבן, יסורים וכאב; אלף ימים שנסתיימו עם עלות גולה זו בלהבות קידוש־השם השמימה·

קרוב למאה קהלות ישראל במחוז קראקה נפלו טרף לציפורני החיות הנאציות, עם כיבושה של פולין על ידם· כאלף ימים ולילות הן נאבקו קשות על קיומן תחת שלטונם של הרוצחים האיומים ביותר בתולדות האנושות· הן עמדו בגבורה והוכרעו· בשבוע הראשון לפרוץ מלחמת פולין–גרמניה, שהוא השבוע האחרון לשנת תרצ״ט, החל חורבן קהלות ישראל במחוז קראקה·

קהלת־קודש קראקה

מאות בשנים שימשה הקהלה הקדושה של קראקה כאם לקהלות פולין, כמטרופולין של המדינה כולה· מאות בשנים היו עיניהם של בני גולת פולין כולה נשואות לעברם של הקירות העבים של גיטו „קאזשימיזש״, הלא היא קראקה· מעיר זו יצאה הוראה לישראל, מעיר זו יצאה תורה· בבתיה העתיקים המקומרים פעלו הרמ״א ורבי נתן נטע, בעל „מגלה עמוקות״, הגאון רבי יהושע העשיל, הב״ח וה„תוספות יום טוב״· חיי הוד ותפארת נרקמו בשבילי מטרופולין עתיקה זו, במשך ימים רבים·

קהלת קראקה המשיכה במסורת הקדושה עד ליומה האחרון· לראשונה כמבצר תורה ויהדות, ובתקופה האחרונה — גם כמבצר לחסידות ולפעילות ציבורית· מאות בשנים העמיסו פרנסי קראקה על שכמם את הדאגה והנטל לשלום יהדות פולין כולה· הם היו השתדלנים, אנשי־היזמה־והמעש·

במשך שבע מאות שנות קיומה, ידעה עיר ואם זו — סבל רב ויגון· מנוחתה הוטרדה לעתים תכופות ע״י פרעות־דמים, גירושים אכזריים, נגישות ואפליות· שנות הסבל והצער, המעש והשגשוג כאחד — הטביעו את חותמם על קהלה מעטירה זו ויצרו את מסורת קראקה המפוארת ואת סמלה המקודש·

אולם גם אחרי שקראקה חדלה להיות בירת פולין, התפתחה קהלת קראקה כמטרופולין של גליציה המערבית, כמיבצר עוז ליהדות התורנית והכללית· ודוקא במאת השנים האחרונות גדלה קראקה במהירות מפליאה ובמקביל — הקהלה היהודית בעיר·

והרי לדוגמה, הטבלה דלהלן:

השנה	מספר התושבים	מספר היהודים
1860	50000	21000
1880	66000	24000
1900	85000	28000
1910	141000	35000
1921	164000	45000
1931	219000	56800
1939	259000	61000

האוכלוסיה הפולנית הלא־יהודית של קראקה, גדלה במיוחד בשנות קיומה של פולין העצמאית, על־ידי צירוף שכונות מאוכלסות לא־יהודים והכללת כפרים מהסביבה הקרובה בתחומה של קראקה העיר· אולם גם הפעולות הללו, שהיו מכוונות לתת צביון פולני לקראקה, לא יכלו להדביק את הגידול הפרופורציונאלי של הקהלה היהודית במקום·

מאות בתי־כנסת ובתי־מדרש פעלו בקראקה, מהם עתיקים ומהם חדשים· כל הזרמים החסידיים של יהדות פולין היו מיוצגים בקראקה· עשרות מוסדות־פאר פעלו בעיר זו· יהדות קראקה תפסה עמדה מכרעת בכלכלת העיר ובנינה· מבין 7029 רשיונות לבתי מסחר ותעשיה שהוצאו על־ידי שלטונות פולין בקראקה, בשנת 1938, היו 3740 — ליהודים· 3289 — היו לתושבים לא יהודיים, כלומר: 53·4 אחוז ליהודים ו־46·6 אחוז — ללא־יהודים·

קהלת קראקה במלכודת־המוות

ביום שלישי בצהרים, כ״ג אלול שנת תרצ״ט, נכבשה קראקה על־ידי הצבא הגרמני ללא קרבות· הצבא הפולני נמלט מהעיר ומהסביבה עוד בטרם הספיקו קלגסי הנאצים להגיע

האבן זיי זיך צוריקגעקערט און שרעקליך געפייניקט געווארן דורך די דייטשן, א טייל פון זיי איז אפילו דערשאסן געווארן אויפן ארט.

די פאלאניצער אידן האבן ספעציעל געליטן אין דער ערשטער תקופה פון נאצישער הערשאפט און דיליידן זיינען געווארן נאך שטארקער ווען דער געטא איז אויפגעשטעלט געווארן, וואו זיי האבן געלעבט אין שוידערליכע באדינגונגען.

די פאלאניצער קהלה איז אפגעווישט געווארן אין חשון תש״ג, ווען אלע אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן אין פארניכטונגס־לאגער טרעבלינקע.

פעטשענאוו: א עכטע חסידישע שטעטל אין קיעלצער געגנט. ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן דארט געוואינט 1800 אידן בערך. גלייך ביים אריינקומען האבן די דייטשן אנגעהויבן בעסטיאליש צו פייניקן די אידן, איינארדענדיק בלוטיקע ספעקטאקלען. די נאציס האבן ספעציעל געקליבן נחת ווען זיי האבן געשענדעט שולן און בתי מדרשים, פארברענט זיי און געריסן און געשענדעט ספרי תורה. יעדער איד וואס האט זיך געווארפן אין די פלאמען צו ראטעווען א ספר תורה איז באלד דערשאסן געווארן. א איד וואס האט ניט געוואלט שענדן זיינע תפילין — איז אויפגעהאנגען געווארן.

די ליידן פון די פעטשענאווער אידן האבן זיך געצויגן ביזן לעצטן טאג. און ניט איין איד האט זיך מוסר נפש געווען, ביים אפהיטן א מצוה.


די פעטשענאווער קהלה איז ליקווידירט געווארן ענדגילטיק אנהויב תש״ג ווען אלע אידן, חוץ איינצלנע זיינען אוועקגעפירט געווארן אין די פארניכטונגס־לאגערן. כ׳ חשון תש״ג האט מען ארויסגעטריבן די לעצטע אידן.

פאראדין: א קליינער אידישער ישוב אין קיעלצער געגנט וואס האט געציילט ביים אויסברוך פון דער מלחמה 600 אידן, ס׳רוב פון זיי ביטערע ארימעלייט וואס האבן זיך מפרנס געווען פון דארפסגייעריי און פון שווערער ארבעט. אנהויב פון נאצישער הערשאפט זיינען געקומען צולויפן אין שטעטל א סאך פליטים פון ארומיקן געגנט און די ארטיקע אידן האבן אלץ געטאן צו העלפן זייערע ברידער.

דער אידישער ישוב אין פאראדין איז ליקווידירט געווארן י׳ חשון תש״ג. אלע אידן זיינען ארויסגעטריבן געווארן אין דער דערבייאיקער אפאטשנע — בארוועס און נאקעט.

פיאנקי: קליינע שטעטעלע אין ראדאמער קרייז, קיעלצער געגנט, ביי א ריזיקער פאבריק פון שפרענג־שטאפן. די קהלה האט געציילט 400 אידן וועלכע האבן זיך מפרנס געווען ביי דער פאבריק. אין די קאמפן צווישן דאס פוילישע און דייטשע מיליטער, האט דאס שטעטעלע שווער געליטן פון די אפטע באמבארדירונגען און אלע אידן זיינען אנטלאפן אין די דערבייאיקע דערפער. אומקערנדיק זיך אין זייערע צושטערטע הייזער, זיינען זיי אריינגעפאלן גלייך אין די מערדערישע הענט פון די ווילדע נאצישע חיות און אויסגעשטאנען אוממענשליכע פייניקונגען במשך דער גאנצער צייט.

די קהלה אין ליקווידירט געווארן ז׳ אלול תש״ב, ווען מען האט אלע אידן אוועקגעפירט אין זוואלינער געטא. אין



הוי יהודי בפולין. בתמונה: ביתו של האדמו״ר הגדול בקוצק.
דאס אידישע לעבן אין פוילין. אויפן בילד: דאס הויז פון רבין אין קוצק.

א קורצער צייט ארום האט מען געבראכט קיין פיאנקי טויזנטער אידישע צוואנגס־ארבייטער און זיי האבן געארבעט אין די מיליטערישע אונטערנעמונגען פון פיאנקי אין די שוידערליכסטע באדינגונגען. ס׳רוב פון זיי זיינען אויסגעשטארבן פון הונגער אדער קלעפ און אנדערע זיינען אויסגעשאסן געווארן. תמוז תש״ד האט מען אלע אידישע ארבייטער פון פאבריק אוועקגעפירט קיין אוישוויץ.

פאליטשנא: א קליינער אידישער ישוב אין קיעלצער געגנט. אין יאר תרצ״ט האבן דארט געוואינט 300 נפשות. ווען די דייטשן זיינען אריינגעקומען אין שטעטל, האבן זיי געכאפט 20 אידן און זיי איינגעשפארט אין בית מדרש און פארברענט דעם בית מדרש צוזאמען מיט די אידן און די ספרי תורה.

גרויזאמע אינקוויזיציע־גזירות און בלוט פארגיסונגען האבן באגלייט די אידן ביזן לעצטן טאג פון זייער זיין אין פאליטשנא.

כ״ז תמוז תש״ב זיינען די אידן פארטריבן געווארן אין זוואלינער געטא.


פזשאנסלאוו: א דארף מיט 40 אידישע פאמיליעס, פויערן אדער גערטנער. ביים איינגעמען דעם געגנט דורך די דייטשן האבן זיי ניט געלייגט קיין ספעציעלן אכט אויף די דארפישע אידן און האבן זיך באנוגנט מיט באזוכן פון צייט צו צייט דעם דארף און גלייכצייטיק רויבן די אידן, פייניקן זיי און ארויפלייגן גרויסע געלט שטראפן, כדי זיי אפצושרעקן אז זיי זאלן אויספירן אלע נאצישע באפעלן.

ט״ו אלול תש״ב איז אויך דער דערפל ליקווידירט געווארן. אלע אידן זיינען ארויסגעפירט געווארן אין יענדזשאָווער געטא.

פיארעק: א קליינער אידישער ישוב אין קיעלצער געגנט מיט 30 משפחות. די דייטשן האבן ארויסגעטריבן די אידן אין די ערשטע טעג און זיי מערניט געלאזן צוריקומען אין זייערע הייזער.

פירעליי: א גרעסערער דארף אין קיעלצער געגנט מיט 400 אידן. די נאציס זיינען געקומען דארט כ״ז אלול תרצ״ט און אין זעלבן טאג האבן זיי אויסגערויבט אלע אידן, זיי געפייניקט שוידערליך און ארויסגעשטעלט זיי אויסערן געזעץ.

אנהויב אב תש״ב, איז דער ישוב ליקווידירט געווארן ווען מען האט אלע אידן אוועקגעפירט אין ראדאמער געטא.



הוי דתי בפולין. בתמונה: ארון הקדוש בקמפנו
דאס רעליגעזע לעבן אין פוילן. אויפן בילד: דער ארון הקודש אין קיעמפנא.

לשעריה. יחד עם הצבא הפולני, נמלטו הרבה יהודים, אבל הם לא הרחיקו לכת. קראקה על שירותיה, מפעליה וארמו־נותיה, נפלה כמעט שלימה ובלתי ניזוקה בידי הגרמנים. רק מספר מועט של פצצות נפלו בתחומי העיר.

מיד עם הופעתם בעיר, החלו הקלגסים הנאציים בעריכת פרעות נגד היהודים. חיילים גרמניים החלו לתור את הרחובות היהודיים, ובדרכם התעללו ביהודים במכות, בגזיזת זקנים, בשדידת שעונים וחפצי־ערך אחרים, בחמיסת סחורות מתוך החנויות. פלוגות קטנות של חיילים הגיעו לאיזורים מיושבים יהודים וחטפו צעירים וזקנים, נשים וחולים לעבודה של ניקוי מכונות או שטיפת רצפות, בסבלות ובהעברת רהיטים לבניינים בהם סידרו הנאצים את משרדיהם.

עשרות מבין הנחטפים לעבודה נעלמו ולא חזרו. בני שתי המשפחות, צוקר ושיקמן, נאסרו ולא חזרו יותר. הם הואשמו ביריות על גרמנים. כדי להקל על השוד הפראי והמאורגן של חנויות היהודים, הוצא יומיים אחרי כיבוש העיר, צו מיוחד לפיו חוייבו כל היהודים לסמן במגן דוד את כל החנויות, בתי העסק והמלאכה שלהם. בהתאם לצוים אחרים, נסגרו כל בתי־הכנסת והמדרש בקראקה; הוטל איסור על השחיטה היהודית, יהודים נצטוו לגלח את זקניהם ופיאותיהם, ובצו מאוחר יותר — נתחייבו יהודי העיר לפתוח את חנויותיהם ובתי־המלאכה שלהם בראש־השנה וביום־הכפורים ולא להעדר מעבודתם בימים אלו.

הגרמנים מינו מועצת זקנים יהודיים באורח זמני. כעבור יומיים ביקרו במשרדי המועצה־הקהלה ופגישת־ההיכרות הראשונה עם ראשי המועצה צויינה בסטירת־לחי מצלצלת לד״ר וילהלם גולדבלט שנתמנה כסגן יו״ר המועצה. קצין הס.ס. זיברט, הסביר אז ליהודים כי הנאצים באו לקראקה בתור מנצחים ולא בכדי לעזור ליהודים, הנתונים מרגע זה למרות בלעדית של הס.ד. ואסור להם אפילו להתלונן בפני כל גוף אחר. הס.ד. פתח מיד משרד מיוחד לעניני יהודים וזרוע ידועה לשמצה זו של הס.ס. גילתה מיד את יכולתה ליהודי קראקה.

בורות ושוחות נחפרו מסביב לעיר כולה על־ידי הפולנים כביצורי־הגנה מפני התקפות אויריות. בפקודה מיוחדת מטעם הנאצים, נצטוו היהודים לסתום את כל הבורות המרובים תוך 48 שעות, בערב יום כפור וביום כפור. בפקודה אחרת נצטוו היהודים למסור מיד את כל תשמישי־הקדושה העתיקים והיקרים שברשותם לידי השלטונות הנאציים. יהודי קראקה נצטוו לספק באורח מיידי לגרמנים, ללא טענות ומענות, מכונות־כתיבה, רהיטים, וילונות. גרמנים הופיעו יום־יום למשרדי הקהלה ותבעו חפצים שונים. מועצת היהודים רכשה בלית־ברירה את הרהיטים או לקחה אותם בכוח מבתי היהודים העשירים.

האנס פראנק, המושל הכללי הגרמני של פולין הכבושה, קבע את מושבו בקראקה, שהפכה לבירת השטחים הכבושים של פולין. בהכרזתו הראשונה, שהיתה מכוונת להרגיע את הפולנים, הצהיר: „למנצלים היהודיים לא יהיה מקום בשטח הנמצא תחת שלטון גרמני״. אחת הפקודות הראשו־נות שלו חייבה את יהודי פולין בעבודת כפיה בלתי מוגבלת.

ברישום כללי של האוכלוסיה היהודית בקראקה, שנערכה לפי פקודת הגרמנים, נמנו בעיר 68.482 יהודים. הם חוייבו לענוד סרט כחול־לבן עם סמל „מגן דוד״. נאסר על היהודים להחזיק יותר מאלפיים זהובים. יום־יום נאלצה הקהלה לספק אלפי עובדי־כפיה, פרט לאחרים שנתפסו ברחובות. חיפושים קפדניים נערכו בשכונות היהודיות, יהודים הופשטו עירומים ונשדד מהם הכל. רבים נורו על כל נסיון של התנגדות.

במיוחד התעללו הנאצים ברבנים. פקיד הקהלה, מר מאיר רדליך, נלקח על־ידי חיילים גרמניים לבית־הכנסת של רבי אייזיק רבי יעקליס, ונצטווה להצית את הבנין העתיק. הוא סירב ונורה מידי. כל בתי־הספר והישיבות נסגרו לפי צו מיוחד, ורק בחשאי הוסיפו ילדי ישראל ללמוד תורה בתנאים נוראים.

בשכונות רבות בעיר נזרקו היהודים מדירותיהם בלי שיורשה להם לקחת עמם מאומה. נאסר עליהם להופיע במקומות ציבוריים כל שהם ואף בשווקים. מפקחים גרמנים מונו לכל המפעלים היהודיים ועל רכוש דלא־ניידי יהודי.

החיפושים ועבודות־הכפיה היו תמיד מלווים בעינויים ומכות־רצח אכזריות. רבים לא חזרו לבתיהם אחרי ה„עבודה״. קנס קיבוצי הוטל על הקהלה בשיעור של 400 אלף זהובים. בתחילת דצמבר הקיפו אנשי הגיסטפו את

צויזמיר: איינע פון די עלטסטע אידישע קהלות אין פוילן· אין די שטאטישע דאקומענטן ווערן אידן דערמאנט נאך אין די סאמע אלטע תקופה פון זייער זיין אין פוילן· שפעטער א ביסל, איז צויזמיר געווען די עלטסטע קהלה פון געגנט און האט געהאט א גרויסע השפעה אין דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות״· אין פארלויף פון דער געשיכטע זיינען די צויזמירער אידן צוויי מאל ארויסגעטריבן געווארן פון שטאט און האבן דורכגעלעבט זייער שווערע צייטן·

ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן געוואינט אין צויזמיר העכער 5000 אידן· זי איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן כ״ז אלול תרצ״ט און שוין עטליכע שעה נאכן איינגעמען דער שטאט איז זי פארוואנדלט געווארן אין א שלאכט־הויז פאר די אידן· 34 אידן זיינען גרויזאם פארפייניקט געווארן צום טויט און אנדערע זיינען קוים מיטן לעבן ארויס· אלע קהלשע אינסטיטוציעס זיינען פארמאכט געווארן, די אלטע שולן זיינען געשענדט געווארן און די ספרי תורה פארברענט געווארן· ביי די סוחרים האט מען אויסגערויבט די געשעפטן און אידיש בלוט איז געווארן הפקר פאר יעדן מערדער·

די אומגליקס יארן האבן די צויזמירער אידן דורכגעלעבט אונטער הונגער, פיין, קרענקען און די בעסטיאלישסטע שיקאנעס, וועגן וועלכע עס וועט נאך אויסקומען א סאך צו דערציילן·


די אלטע, בכבודיקע צויזמירער קהלה, איינע פון די שענסטע אידישע קהלות אין פוילן — איז יארשניטן געווארן כ׳ אלול תש״ג, ווען די לעצטע אידן זיינען ארויסגעטריבן געווארן פון דארט·

ציעפלאוו: א שטעטל מיט 800 אידן אין קיעלצער געגנט, איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן כ״ה אלול תרצ״ט, גלייך ביים דערשיינען האבן די נאציס צונויפגעטריבן אלע אידישע איינוואינער און זיי גענויט צו שטיין אויף די קני לאנגע שעה׳ן, שלאגענדיק זיי דערביי מכות רצח· מיט חיה׳שן סאדיזם האבן זיי געשניטן די בערד און פיאות פון די פרומע אידן, ארויסגעטראגן ספרי תורה אין גאס און זיי פארברענט און גענויט די אידן צו טאנצן ארום די שייטערהויפנס און זינגען· די עטליכע קראמען האט מען צורויבט און מען האט נאך צו דעם ארויפגעלייגט שווערע געלט־שטראפן אויף דער ארימער קהלה, כדי די אידן זאלן „פאלגן די באפעלן״· די באפעלן וועלכע האבן געשטעלט די אידן אויסערן געזעץ·

י״ג חשון תש״ג, האט מען אלע אידן ארויסגעפירט אין טארלער געטא און פון דארט — מיט אלע זייערע ברידער אין פארניכטונגס־לאגער טרעבלינקע·

צ׳ענטאציצא: א קליינער אידישער ישוב אין אסטראווצער געגנט, קיעלצער קרייז וואו עס האבן געוואינט ביים אויסברוך פון דער מלחמה 60 אידישע משפחות· ביי די שלאכטן וואס זיינען פארגעקומען אין דעם געגנט האבן די אידן זייער געליטן און עטליכע זיינען דערהרגעט געווארן· די דייטשן האבן גלייך ארויסגעגעבן א בעפעל אז קיין איין איד טאר ניט פארלאזן דעם ארט און זיי אלעמען געשיקט אויף צוואנגס־ארבעט·

י״ט תשרי תש״ג האט מען אלע אידן ארויסגעטריבן אין אסטראווצער געטא·



הוי דתי בפולין· בתמונה: בית כנסת טיפוסי·
דאס רעליגעזע לעבן אין פולין· אויפן בילד: א טיפישע שוהל·

צעמיעלאוו: א קליינער אידישע ישוב אין קיעלצער געגנט מיט 80 אידישע משפחות, מערסטנטייל ארבעטער וואס האבן זיך קוים דורכגעשלאגן מיט דער פרנסה· די דייטשן האבן זיי גלייך געשיקט אויף די שווערסטע ארבעטן אונטער גרויזאמער פייניקונג· אבער טראץ די שוידערליכע באדינגונגען האבן די אידן זיך געהאלטן ביי זייער טראדיציאנעלן לעבן און באצאלענדיק מיט זייער בלוט האבן זיי ניט אויפגעהערט צו דאווענען בצבור און לערנען מיט די קינדער תורה·


סוף תשרי תש״ג איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן די צעמיעלאווער קהלה ווען מען האט אלע אידן אוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע·

קלימענטאוו: א אלטע, 500 יעריקע אידישע קהלה אין קיעלצער געגנט· ביים אויסברוך פון קריג האבן דארט געוואינט 2200 אידן, נאך שווערע קאמפן וואס זיינען פארגעקומען אין דעם געגנט איז זי איינגענומען געווארן דורך די דייטשן און גלייך איז אפגעשטעלט געווארן די טעטיקייט פון אלע קהלה׳שע אינסטיטוציעס און אלץ איז אריינגעגאנגען אין די הענט פון דעם יודנראט וואס האט געדינט די דייטשן·

די קלימענטאווער קהלה איז ליקווידירט געווארן אין אנהויב פון יאר תש״ג, ווען מען האט די פרויען, קינדער און אלטע לייט אוועקגעפירט צום טויט און די ביסל וואס די דייטשן האבן זיי געפונען אלס ארבייטספעאיק, האט מען אוועקגעשיקט אין געטא פון צויזמיר·

קאלבישאוו: א אלטע קליינע קהלה אין קיעלצער געגנט וואו עס האבן געוואינט אין תרצ״ט נאר 50 משפחות· א סאך איינוואינער זיינען אנטלאפן נאך איידער די דייטשן זיינען געקומען און די וואס זיינען געבליבן זיינען שווער געפייניקט געווארן און נאך אין די ערשטע וואכן ארויסגעטריבן געווארן פון שטעטל·

קאזיגלאוו: א קליינע שטעטעלע אין קיעלצער געגנט וואו עס האבן געוואינט ביי 1000 אידן· איינגענומען געווארן דורך די נאציס כ״ג אלול תרצ״ט· ביים אריינקומען האבן די נאציס צונויפגעזאמלט אלע ארטיקע אידן און אויך אלע פליטים וואס האבן זיך דארט געפונען און זיי שוידערליך געפייניקט· א טייל פון זיי האט מען אריינגעטריבן אין בית



הוי דתי בפולין. בתמונה: בית כנסת עתיק.
דאס אידישע לעבן אין פוילן. אויפן בילד: א אלטע שוהל.

הרובע היהודי בעיר, ערכו חיפושים מדוקדקים מלווים מעשי־רצח ועינויים והחרימו כל דבר ערך שמצאו. בחיפושים הללו נהרגו 80 יהודים.

בתקופה זו נראו בעיר קבוצות של שבויים יהודיים מועברים על־ידי חיילים גרמניים. מראיהם היה איום. הם הובלו למקום בלתי־נודע.

כך נכנסה קראקה היהודית לתקופת־הדמים האיומה, כשמצב יהודיה הולך ורע מיום ליום. על תולדות קראקה וימי־האימים שעברו עליה, נקדיש חלק מיוחד במגילת־יסורים זו, של יהדות־פולין.

חיסול הקהלות במחוז קראקה

בעוד וקהלת האם, קראקה, נכנסה לתקופת־השואה בצעדים מדודים, כשכל גזירה נגדה היתה מכוונת וקבועה מראש עד אשר בשנת תש״ד עלה עליה הכורת באורח סופי, הרי חורבנן של הקהלות הקטנות במחוז זה — היה מזורז יותר ולעתים — אף ברברי יותר.

על קהלות הקטנות בדרומה של קראקה, ניתכו הגזירות הקשות כבר בתקופה הראשונה לשלטון הכיבוש הנאצי, ואלפי יהודים גורשו מבתיהם בעירום ובחוסר־כל. בעת ובעונה אחת נהרו לקהלות רבות במחוז קראקה, רבבות יהודים שגורשו מכל איזורי־הכיבוש של פולין. הם שוב לא יכלו לחזור לבתיהם ונאלצו להסתדר בישובים שונים באיזור ולסבול יחד עם תושבי המקום.

אין כיום כל אפשרות לקבוע מה היה מספר ההרוגים היהודיים במחוז קראקה בתקופה הראשונה לשלטון הנאצי, אולם אין כל ספק כי מספרם הגיע לאלפים רבים. הרבה מתוכם נהרגו בעת הקרבות שהתחוללו בין הצבא הפולני לבין גייסות הצבא הגרמני, הרבה נהרגו כתוצאה מן ההפצצות הגרמניות ואילו הרוב המכריע נהרג על־ידי הגרמנים כבר בימים הראשונים לשלטונם.

קהלות ישראל במחוז קראקה היו מבוססות יותר מקהלות ישראל במחוזות אחרים בפולין. מכרות מלח ונפט נמצאו בתחומיה יחד עם בתי־זיקוק לנפט, וכן תעשיה מפותחת ומגוונת.

האוכלוסיה היהודית במחוז קראקה מנתה בשנת תרצ״ט, 191000 איש, 7.5 אחוז מן האוכלוסיה הכללית במחוז זה. האחוז היה קטן יחסית מן האחוז הממוצע של יהודי פולין במדינה כולה, שהגיע עם פרוץ השואה ל־9.8 אחוז. לעומת זאת עלה האחוז הממוצע של יהודים, תושבי הערים במחוז קראקה, על האחוז הממוצע של יהודים בסקטור העירוני של פולין כולה. רק 76.4 אחוז מיהודי פולין גרו בערים, ואילו במחוז קראקה גרו בערים — 82.7 מהיהודים ורק 17.3 אחוז גרו בעיירות קטנות ובכפרים שבאיזור זה.

נעבור, איפוא, ברפרוף על פני קהלות ישראל במחוז קראקה ועל הקורות אותן עם כיבושן בידי הגרמנים וראשית חורבנן.

אושפיצין, (אושוויץ): קהלה עתיקה שפעלה כבר בראשית ימי „ועד ארבע הארצות" כקהלה עצמאית. מנתה בפרוץ השואה למעלה מ־5700 נפשות. היהודים פיתחו תעשיה וחיי מסחר תוססים במקום ובחלקם הגדול המשיכו במסורת החסידות הצרופה ורבים היו הקלויזים ובתי החסידים בעיר.

אושפיצין הופצצה קשות על־ידי חיל־האויר הגרמני ולמעלה מארבעים נפשות מישראל מצאו את מותם בעת ההפצצה. רבים מיהודי העיר ברחו לכפרי־הסביבה ואחרים פנו למזרח, בברחם מחמת הקלגסים הנאציים. אלה שחזרו אחרי הכיבוש הנאצי מצאו את בתיהם שדודים והרוסים על־ידי הנאצים.

בשלושת השבועות הראשונים אחרי הכיבוש הנאצי, שרר במקום שקט יחסי. יהודי בשם שנקר, שהציל 2 טייסים גרמניים שמטוסם הופל על־ידי הפולנים ונתן להם מחסה בביתו, נתמנה לראש מועצת הזקנים של היהודים. אולם בפרוס חג הסוכות ת״ש, גילו הנאצים את זהותם. בית־הכנסת הגדול הוצת והקלגסים אסרו לכבות את הדליקה. היהודים נאלצו לפנות איזור־מגורים שלם תוך רגעים ספורים ולהשאיר בבתיהם את כל רכושם. מיד החלו חטיפות המוניות של יהודים לעבודות־כפיה, מלוות בעינויים סדיסטיים.

מצב יהודי אושפיצין, שהפכה בינתיים לעיר־מקלט לפליטי ומגורשי ביליץ וקשאנוב, ביאלה ודזיאלושיץ, הורע מאז יותר ויותר, הנאצים החלו להקים במקום את בית־הרצח הגדול ביותר עלי־אדמות ואילצו את יהודי העיר לעבוד בפרך בבניינו.

עם השלמת בניינו של מחנה־ההשמדה הענקי, אולצו יהודי העיר לעזוב את המקום. הם גורשו באכזריות בחלקם לגיטאות סוסנוביץ ובנדין ואחרים נשלחו מיד למחנה ההשמדה בחלמנו. בעוד וכבשני אושוויץ החלו לשרוף בלהבותיהם את קדושי ישראל, חדלה קהלת אושפיצין, עיר התורה והחסידות, עיר הצדקה והחסד, עיר המסחר והפעילות — להתקיים, אחרי למעלה מארבע מאות שנים של חיי שגשוג ופריחה.

(קהלת אושפיצין חוסלה סופית ביום כ״ח בניסן תש״א, יום בו גורשו אחרוני היהודים מהמקום).

מדרש און אים אונטערגעצונדן צוזאמען מיט די אידן און די ספרי תורה· די וואס האבן געפרווט זיך ראטעווען פון פייער, זיינען דערשאסן געווארן· בכלל האבן די קאזיגלאווער אידן געליטן פארהעלטניסמעסיק א סאך מער ווי די אידן פון די ארומיקע שטעטלעך·

קאשפיץ: אין דער שטעטל האבן געוואינט 1900 אידן, זי איז איינגענומען געווארן כ״ה אלול תרצ״ט ביינאכט· און די נאכט איז פארוואנדלט געווארן אין א בלוטיקן קאשמאר פאר די ארטיקע אידן· ווי אומעטום אזוי אויך דא האבן די דייטשן מיטן גרעסטן סאדיזם געפייניקט מערער די רעליגיעזע אידן, געריסן די בערד און די פיאות און געשלאגן מכות רצח, פארטאג האבן זיי אונטערגעצונדן דעם ארטיקן בית מדרש· די אידן וועלכע האבן געפרווט, טראָץ די דראונגען, ארויסצוראטעווען ספרי תורה פון פייער, זיינען גלייך דערשאסן געווארן· א ריזיקע געלט־שטראף איז ארויפגעלייגט געווארן אויף די ארימע אידן מיט דער טענה, אז די אידן האבן געשטערט דער ארדענונג אין ערשטן טאג פון דער אקופאציע און זיי האבן געוואלט ארויסרופן א אויפשטאנד· און אז די קהלה האט ניט געהאט מיט וואס צו באצאלן האט מען גענומען ערב׳ניקס און זיי געפייניקט אזוי לאנג ביז זיי זיינען אויסגעגאנגען אונטער די הענט פון זייערע פייניקער·


אין חודש תמוז תש״ב, איז די קהלה ענדגילטיק ליקווידירט געווארן, ווען מען האט אלע אידן ארויסגעטריבן אין די פארניכטונגס לאגערן·

קשאינז: א קליינע אידישע קהלה מיט 1500 אידן אין קיעלצער געגנט· זי האט געהאט הינטער זיך א לאנגן אידישן לעבן נאך פון די צייטן פון „ועד ארבע הארצות״, ווען זי איז געווען טעטיק אלס זעלבסשטענדיקע קהלה· איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן כ״ה אלול תרצ״ט און גלייך האבן די מערדער דורכגעפירט א שרעקליכן מאסן־מארד הרגענענדיק יעדן אידן אן אונטערשייד· א סאך פון די ארטיקע אידן זיינען אנטלאפן נאר מיטן העמד אויפן לייב און אלץ געלאזן הפקר·

קאפזשיווניצע: א קליינע קהלה אין קיעלצער געגנט וואו עס האבן געוואינט 1000 אידן בערך· אלע גרויסע ארימעלייט וואס האבן זיך מפרנס געווען פון דארפס־גייערייַ אדער פון שווערער ארבעט· דער גרעסטער טייל פון די איינוואינער זיינען געווען רעליגיעזע אידן, צווישן זיי — גרויסע חסידישע אידן און תלמידי חכמים· כ״ו אלול תרצ״ט איז זי איינגענומען געווארן דורך די דייטשן, און גלייך איז זי פארוואנדלט געווארן פאקטיש אין א טורמע וואו די ארעסטאנטן האבן געווארט אויף זייער טויט· הונגער, בלוט פארגיסונג, קרענק און שוידערליכע בעסטיאליטעט — איז געווען דאס טאג־טעגליכע ברויט פון די אומגליקליכע אידן· זיי האבן זיך געהאלטן נאר א דאנק דעם אידישן גייסט אין וועלכן זיי האבן זיך געקלאמערט·

די אידישע קהלה איז ליקווידירט געווארן כ׳ חשון תש״ג, ווען מען האט אלע אידן אוועקגעפירט אין טרעבלינקע·

קינסק: א קרייז שטאט מיט 6200 אידן· א דאנק דעם פלייס און ארבייטזאמקייט פון די ארטיקע אידן איז אויפגעשטעלט געווארן א אנזעעוודיקע אינדוסטריע און דער געגנט איז געווארן א צענטער פון בליענדיקן האנדל· דער געזעלשאפטליכער, רעליגיעזער אוןווירטשאפטליכער לעבן פון דער קינסקער קהלה איז געווען זייער ענטוויקלט אין דער לעצטער תקופה פארן אויסברוך פון דער מלחמה·




דאס אידישע לעבן אין פוילין· אויפן בילד: א פראנט פון א שוהל·
הוי דתי בפולין· בתמונה: חזית בית הכנסת·

אין איין טאג, גלייך ווי די נאציס זיינען געקומען, איז איבערגעהאקט געווארן דער גאנצער געזעלשאפטליכער און ווירטשאפטליכער לעבן פון קינסק, די שולן, בתי מדרשים, און חסידים שטיבלעך וואס האבן טאג און נאכט געווען פול מיט תורה און חסידות — זיינען פארמאכט און געשענדעט געווארן, די אידן זיינען געשטעלט געווארן אויסערן געזעץ· דער אידישער פארמעגן איז גלייך געווארן אויסגערויבט, אונטערנעמונגען — קאנפיסקירט, אידישע געשעפטן — אויסגערויבט, ווארשטאטן — רואינירט און די אידישע קהלה איז געבליבן ארים, בארוועס און נאקעט ביזן לעצטן טאג פון איר קיום, ראנגלענדיק זיך געגן די גזירות איינע שרעקליכער פון דער אנדערער, געגן די רדיפות און בלוט פארגיסונגען·

כ״ו חשון תש״ג האט זיך אנגעהויבן די ליקווידאציע פון קינסקער געטא· און כ״ט טבת תש״ג — זיינען די לעצטע אידן אוועקגעטריבן געווארן אין שידלאווצער געטא·

קאזניץ: א אלטע קהלה אין קיעלצער געגנט, וואס איז שוין געווען טעטיק אלס זעלבסטשטענדיקע קהלה נאך אין די צייטן פון „ועד ארבע הארצות״· אין א שפעטערדיקער תקופה, ווען דער וועלט־בארימטער „קאזשעניצער מגיד״ רבי ישראל, האט זיך דארט באזעצט און זיין ליכטיקע געשטאלט האט ארויסגעשטראלט איבער גאנץ פוילן — איז דאס שטעטל פארוואנדלט געווארן אין א צענטער פון פוילישן חסידות און אין א סימבאל פון קדושה וטהרה· און הונדערטער טויזנטער אידן האבן אנגעפילט אלע וועגן וואס האבן געפירט צו קאזשעניץ, כדי זיך צו ווארימען ביים פלאםפייער פון הייליקן קאזשעניצער מגיד· אזוי איז קאזשעניץ פארבליבן א לאנגע תקופה א צענטער פון חסידות·

ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן אין קאזשעניץ געוואינט 3400 אידן· זי איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן כ״ז אלול תרצ״ט און גלייך האבן די נאציס זיך א לאז געטאן אויף די אומגליקליכע אידן, ווי זיי וואלטן געפירט די גאנצע מלחמה נאר געגן זיי· 7 אידן האט מען



הוי דתי בפולין. בתמונה: בית הכנסת העתיק.
דאס רעליגעזע לעבן אין פולין. אויפן בילד: די אלטע שוהל.

אנדריכוב: עיירה קטנה בגליל ודוביצה, מחוז קראקה. האוכלוסיה היהודית מנתה 300 נפשות והיוותה רק 3 אחוזים מתושבי המקום, שהיו מורכבים מפולנים וגרמנים בעלי נטיות אנטישמיות מובהקות. בטרם הופעת הגרמנים במקום, ברחו מרבית היהודים. המעטים שנשארו, גורשו באכזריות כשכל רכושם היה לבז. כך חוסלה קהלה קטנה זו מיד עם הופעת הגרמנים.

אולאנוב: עיירה קטנה במחוז קראקה ובה 200 נפשות, אשר פעלה כקהלה עצמאית כבר בימי „ועד ארבע הארצות". תושביה היו רובם כולם חסידים ואנשי־מעשה, אשר שמרו באמונה על המסורת התורנית הנצחית. עם הופעת הגרמנים במקום, פתחו מיד במעשי־רצח והתעללות אכזריים ביותר, ותוך יום אחד הפכה עדה קדושה זו לעדת עבדים נרצעים, לשלדי־אדם אשר החיות הגרמניות הטורפות התעללו בהם ושפכו את דמם ללא הרף. לא עברו ימים רבים ויהודי המקום נמלטו מבתיהם והישוב הקטן חדל להתקיים.

ביאלה: עיירה בת 1500 יהודים במחוז קראקה על גבול שלזיה. נהר קטן הפריד בינה לבין ביליץ, העיר התעשייתית במחוז קטוביץ. ביאלה התפתחה בשנים האחרונות שלפני השואה תודות לשכנותה עם עיר התעשיה, ומספר מפעלים אף הוקמו בתחומיה.

תושביה היהודים שמרו על המסורת ועל הלבוש החסידי והמשיכו עד ליום האחרון של החורבן בקיום המסורת, תוך מסירות־נפש והקרבה. עם הופעת הגרמנים במקום, ברחו מרבית היהודים והמעטים שנשארו היו עדים למעשי־הזוועה שבוצעו על־ידי האוכלוסיה המקומית והקלגסים הפולשים. בתי־כנסת חוללו באכזריות, הרכוש היהודי היה לבז, הגרמנים המקומיים יחד עם התושבים הפולניים הוליכו את החיילים הגרמניים לכל בית יהודי אמיד. מר היה במיוחד גורלם של היהודים החרדיים, עטורי־זקן ופיאות. לא עברו ימים רבים ושארית־הפליטה של יהודי העיר נאלצה לעזוב את המקום מבלי לקחת עמהם מאומה, בהתאם לצו רשמי שפקד על גירוש יהודי הקהלות הדרומיות אשר במחוז קראקה.

בז'סקו: עיירה קטנה במחוז קראקה ובה 600 יהודים. מחזות־דמים נגלו במקום, מיד עם הופעת הגרמנים. עד 30 יהודים נהרגו כבר ביום הראשון לכיבוש הגרמני. אחרי תקופת דמים ושוד וחלול כל קודש שנתקיימה בימים הראשונים, השתררה ארגעה מסויימת, אבל גם זו לוותה בגל של גזירות אכזריות.

(קהלת בז'סקו חוסלה סופית ביום השני לראש־השנה שנת תש"ג, יום בו הובלו יהודי המקום למחנה־ההשמדה בבלזיץ).

בלוזוב. עיירה עתיקה בת 1000 יהודים ומעלה, שפעלה כקהלה עצמאית במשך מאות בשנים. תושבי המקום היו ברובם חסידים ושומרי מסורת היהדות. עם הופעת הגרמנים במקום, החלו מיד פרעות אכזריות נגד יהודי המקום, בליווי גזירות איומות. 22 יהודים נהרגו בתקופה הראשונה לשלטון הכיבוש הגרמני, לאחר שורה ארוכה של עינויים נוראים ומרים.

בייטש. עיירה בת 800 יהודים בגליל צאנז, מחוז קראקה, שפעלה כקהלה עצמאית עוד בימי ועד ארבע הארצות. בייטש היתה מאוכלסת בעיקר יהודים חרדיים, חסידים מובהקים ומסורים, ונכבשה על־ידי הקלגסים הנאציים כבר בשבוע הראשון לפרוץ המלחמה. רבים מבני המקום ברחו מחמת הרוצחים ואלה שנשארו סבלו ללא שיעור מידי הנאצים כבר בימים הראשונים לכיבוש הנאצי.

(קהלת בייטש חוסלה סופית עת הובלו בניה לקרסנה ושם נטבחו באכזריות בקיץ תש"ב).

בובוב. עיירה בת 1200 נפשות בגליל צאנז, מחוז קראקה. היא הפכה למרכז של חסידות צרופה, תודות לאדמורי"ם המפורסמים שקבעו בה את חצרם. תושביה היו רובם ככולם חסידים, עטורי זקן ופיאות, אשר ניהלו אורח־חיים תורתי מובהק. עם כיבוש המקום על־ידי הנאצים, אולצו היהודים לגזוז את זקניהם ופיאותיהם ולהפסיק את החיים היהודיים השרשיים. את רכושם הדל של יהודי המקום שדדו הנאצים בתאוותנות פראית ובחמת־זעם הרסו את כל הרכוש שלא ניתן לביזה. יהודים נלקחו לעבודות־כפיה שלוותה עינויים אכזריים, ורבים מהם מתו תחת עול הנגישות. במסירות־נפש המשיכו יהודי העיירה בחשאי את מסורתם עד לחורבנה הסופי של קהלת־קודש זו.

בורובה, קהלה קטנה בת 200 נפשות במחוז קראקה, רובם ככולם יהודים חרדיים בעלי לבוש מסורתי. עם הופעת הגרמנים בעיירה, החלו מיד בפרעות נגד יהודי המקום. בית המדרש המקומי הוצת באש וספרי התורה חוללו. היהודים אשר ניסו להציל את ספרי־התורה הבוערים — נורו במקום. באכזריות ללא דוגמה אספו את היהודים המבוהלים וערכו בהם התעללויות מחרידות, תוך גזיזת זקניהם ופיאותיהם. אף הנשים והילדים עונו קשות. האוכלוסיה הפולנית השתתפה בצורה פעילה בפרעות נגד יהודי המקום.

באלד דערשאסן, אנדערע האט מען ארעסטירט און געפייניקט ביז טויט. דאס גאנצע שטעטל איז אויסגערויבט געווארן בִיזן לעצטן פאדעם און נאך אלעמען האבן די מערדער ארויפגעלייגט א גרויסע געלט־שטראף אויף די אידן. די אלטע בתי מדרשים זיינען געשענדעט געווארן און אלע אידן זיינען פארוואנדלט געווארן אין א מחנה פון קנעכט אן שום מענשליכע רעכט.

דער קאזשעניצער געטא איז ליקווידירט געווארן ט״ז תשרי, דעם צווייטן טאג סוכות. ער איז ארומגערינגלט געווארן דורך אוקראינער אונטער די אנפירונג פון דייטשע סאלדאטן און אלע אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן צום ריזיקן טרעבלינקער מזבח.

קאזאנאוו: א קליין שטעטל אין קיעלצער געגנט מיט 700 אידן. שוין אין ערשטן טאג פון דער אקופאציע האבן די אידן ניט געהאט וואו זיך צו באהאלטן פון די קלעפ און פייניקונגען מצד די נאציס, דער דאזיקער פיין האט ניט אויפגעהערט די גאנצע צייט, ביז דער אידישער ישוב איז ליקווידירט געווארן.

דאס איז געווען ז׳ חשון תש״ג ווען אלע אידן האט מען ארויסגעטריבן קיין שיענאנא און פון דארט — אין די פארניכטונגס־לאגערן.

קינאוו: א שטעטל מיט הונדערט אידישע משפחות אין קיעלצער געגנט, איינגענומען געווארן דורך די דייטשן כ״ה אלול תרצ״ט. ביים אריינקומען האבן זיי גלייך באפאלן די אידן, מערדעריש געשלאגן, גענויט די אידן אפשערן די בערד און פיאות, אויסטאן דעם אידישן לבוש און די פרויען — אראָפּוואַרפן די שייטלען און גיין מיט אפגעדעקטע האר. די וואס האבן ניט אזוי גיך אויסגעפירט דעם באפעל — האט מען געשאסן.


די קהלה איז ליקווידירט געווארן אין חשון תש״ג ווען מען האט אלע אידן אוועקגעפירט אין טרעבלינקע.

קלאבאצק: א חשוב׳ע קהלה אין קיעלצער געגנט מיט 600 אידישע משפחות. ווי אומעטום האבן די דייטשן געפייניקט גרויזאם די אידן פון ערשטן ביזן לעצטן טאג, ביז מען האט אין סוף פון יאר תש״ב אוועקגעפירט אלע אלטע לייט, פרויען און קינדער קיין טרעבלינקע. און די ארבעטספעאיקע — אין קאנצענטראציע און ארבעטס לאגערן.

ראדאשיץ: א חשובע קהלה אין קיעלצער געגנט וואס איז געווען א חסידישער צענטער. דארט האט געלעבט און פארשפרייט זיין ליכט דער „סבא״ פון ראדאשיץ. ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן דארט געלעבט 2200 אידן. ווינטער תש״ב האט מען אלע אידן אוועקגעפירט אין טרעבלינקע — צום טויט.

ריטשעוואל: א אלטע קהלה אין קיעלצער געגנט וואס האט געפירט א זעלבסשטענדיקע טעטיקייט נאך פאר די צייטן פון „ועד ארבע הארצות״ און דארט האבן געווירקט די ערשטע חסידישע גדולים. ביים אויסברוך פון קריג האבן דארט געלעבט 1100 אידן.

ענדע תש״ב האט ריטשעוואל אויפגעהערט צו עקזיסטירן, א טייל פון די אידן האט מען אוועקגעפירט אין קאזשעניצער געטא און די איבעריקע — אין פארניכטונגס לאגער: סאביבאר.



הוי יהודי בפולין. בתמונה: בימת ביה״כ מהרש״ל / דאס אידישע לעבן אין פולין. אויפן בילד: די מהרש״ל שוהל.

שידלאוו: א אלטע קהלה אין קיעלצער געגנט וואס איז שוין געווען טעטיק אלס הויפט־קהלה נאך אין די צייטן פון „ועד ארבע הארצות״. דארט האבן געלעבט 700 אידישע משפחות.

אנהויב תש״ג איז דער שידלאווער געטא ליקווידירט געווארן, א טייל אידן זיינען אריבערגעפירט געווארן אין כמעלניקער געטא, און דער אנדערער טייל — קיין טרעבלינקע.

שידלאווצע: אלטע קהלה אין זעלבן געגנט וואס איז שוין געווען א אויטאנאמע קהלה אין די צייטן פון „ועד ארבע הארצות״. אין די לעצטע דורות פארן חורבן האט זי זיך ענטוויקלט און געווארן א צענטער פון תורה און חסידות, האנדל און האנטווערקעריי. ביים אויסברוך פון מלחמה האבן דאָרט געוואוינט 9000 אידן, צו זיי זיינען צוגעקומען אין דער צייט פון קריג ביי 2000 פליטים.


די שידלאווצער קהלה איז פארניכטעט געווארן גרויזאם, ז׳ שבט תש״ג. אין איין טאג האט מען אלע אידן ארויסגעפירט קיין טרעבלינקע.

שטעקאצין: 2000 אידן האבן געוואוינט אין שטעקאצין וועלכע איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן כ״ו אלול תרצ״ט. די וואנדאלן זיינען גלייך באפאלן די אידן און אויסגעטראכט די בלוטדורשטיקסטע שיקאנעס כדי זיי צו פייניקן. צענדליקער אידן האט מען גענויט צו שטיין לאנגע שעה׳ן אויף די קני מיט געהויבענע הענט אונטערן אויפזיכט פון ס.ס. לייט מיט געלאדענע געווער. ווער עס האט ניט אויסגעהאלטן — איז דערשאסן געווארן. דעם גאנצן אידישן פארמעגן האט מען אויסגערויבט, דער ארטיקער בית מדרש איז שוידערליך געשענדעט געווארן. במשך די עטליכע יאר פון דער דייטשער הערשאפט האבן די אידן דורכגעגאנגען דעם גרויזאמסטן גיהינום וואס מען קען זיך נאר פארשטעלן.

אין סאמע יום־כפור תש״ג איז דער שטעקאצינער געטא ארומגערינגלט געווארן דורך אוקראינער אונטער דער פירונג פון דייטשע זעלנער און אלע אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן קיין טרעבלינקע.

שיענאנא: א קליינע קהלה מיט 200 אידישע משפחות אין קיעלצער געגנט. דאס רוב פון זיי — גרויסע ארימעלייט וואס האבן זיך קוים דורכגעשלאגן מיט דער פרנסה.

די דאזיקע קליינע קהלה איז ליקווידירט געווארן אין



הוי יהודי בפולין. בתמונה: פנים בית הכנסת מהרש״ל בלובלין.
דאס אידישע לעבן אין פוילין. אויפן בילד: מהרש״ל שוהל אין לובלין.

בוכניה, קהלה משגשגת במחוז קראקה שמנתה בפרוץ השואה קרוב ל־4000 נפשות. יהודי העיר, בני כל השכבות והזרמים, ניהלו פעילות דתית וכללית תוססת וערה בכל שטחי־החיים ותרמו חלק מכריע לפיתוחו של המקום ושגשוגו הכלכלי. יסורים קשים ונוראים עברו על בני קהלת בוכניה בתקופת השואה.

(קהלת בוכניה חוסלה סופית בראשית שנת תש״ד, כאשר אחרוני היהודים במקום הובלו לטבח).

ברונביצה מאלה, קהלה קטנה באיזור קראקה בת 300 יהודים. סבלה קשות החל מהימים הראשונים לכיבוש הנאצי, אם מהנאצים הכובשים עצמם ואם מהפולנים תושבי הסביבה, אשר בחלקם ידעו את השפה הגרמנית ועם הכיבוש הגרמני הפכו בן־יום לגרמניים מקומיים שהתחרו ביניהם ב„נאמנות לאומית״ לקלגסים הכובשים.

בית־המדרש במקום חולל ומוסד החינוך היהודי נהרס. הישוב הקטן כרע תחת עומס הנגישות של הגרמנים שגברו והלכו עד לגירושם הסופי של היהודים מן המקום.

בורק פאלעצקי, ישוב יהודי קטן באיזור קראקה, שהיה עד למחזות התעללות של הגרמנים ביהודי המקום, תוך עינויים ונגישות — מן היום הראשון להופעתם.

שבועות מספר אחרי הכיבוש הגרמני, נאלצו יהודי המקום לנטוש את מקום מגוריהם ולהשאיר בבתיהם את כל רכושם. העדה הקטנה והלא־עשירה, הפכה לעדת פליטים מחוסרוּ־כל.

גרבוב. קהלה עתיקה במחוז קראקה שמנתה 1600 יהודים. עם הופעת הגרמנים במקום, התחילו העינויים הבסטיאליים נגד התושבים האומללים שנשדדו מכל רכושם. יהודי אשר התלונן על מעשי־שוד אכזריים, נתלה בגלל ״חטאו״ זה. כל יהודי שהתנגד או לא עזר לביצוע מעשי השוד — נורה ללא־רחם. תוך ימים ספורים נתדלדלה הקהלה הקטנה ויהודי המקום הפכו לעדה רעבה מחוסרת־כל, נתונה לחסדי הפראים שלא ידעו רוויה בצמאונם הלוהט לדם יהודים.

(קהלת גראבוב חוסלה סופית ביום א׳ אב תש״ב, עת גורשו יהודי המקום באכזריות לגיטו צאנז).

גדאוו. ישוב יהודי קטן במחוז קראקא שמנה עד 200 יהודים. רבים מיהודי המקום נטבחו על־ידי הגרמנים מיד עם הופעתם. אלה שנשארו סבלו יסורי־איוב כבר בימים הראשונים לכיבוש. תוך תקופה קצרה גורשו אף הם מהמקום, בעירום וחוסר־כל, לאחר שאולצו להשאיר בבתיהם את כל רכושם.

גורליץ. קהלה עתיקה ומשגשגת במחוז קראקא, שמנתה בפרוץ השואה 4200 יהודים. קהלה זו ידעה גם סבל וגם שנות־פריחה במאתיים השנים בהן נתקיימה. בשנים תרל״ו ותרנ״ו עברו על הקהלה פרעות קשות ורציניות שאורגנו ונעשו על־ידי התושבים הפולניים. יהודי גורליץ התנגדו אף בכוח ובגבורה לפורעים. יהודי העיר פיתחו את כלכלתה, הפכו את העיר והסביבה לאיזור פורח ומשגשג מבחינה כלכלית ותרבותית.

רבים מבני המקום ברחו לפני כיבוש העיר על־ידי הגרמנים, אולם מרביתם נשארו בגורליץ ושתו את כוס־התרעלה עד תומה. רבות סבלו יהודי העיר, ובפרט היהודים החרדיים בהם התעללו הנוגשים באופן מיוחד.

(קהלת גורליץ חוסלה סופית ביום כ״ג בטבת תש״ג, עת גורשו בני הגיטו לעיירות בסביבה, שם נטבחו באכזריות נוראה).

דוברומיל. קהלה עתיקה במחוז קראקה, שפעלה כבר בימי ועד ארבע הארצות. חוסלה בקיץ תש״ב, יחד עם חיסול יתר הקהלות במחוז קראקה.

דמביץ. קהלה בת קרוב ל־3000 נפשות במחוז קראקה, ברובה מאוכלסת סוחרים ובעלי־מלאכה. החלק הגדול של יהודי דמביץ היה חסידי וחרדי והיה פעיל בכל שטחי־החיים. עם כיבוש המקום על־ידי הגרמנים חוסלו כל מוסדות הקהלה וחיי היהודים הפכו לעוני, יסורים וסבל.

(קהלת דמביץ חוסלה סופית ביום כ״ו אייר תש״ג, עת הובלו אחרוני יהודי הגיטו לטבח).

דזיקוב. קהלה קטנה בת 150 משפחות, רובם סוחרים ורוכלים זעירים. החלק המכריע היו יהודים חרדיים, שומרי

ווינטער תש״ג· ווען מען האט אלע אידן אוועקגעפירט צום טויט אין טרעבלינקע·

דער חורבן פון די אידישע קהלות אין קראקאווער קרייז


די אידישע קהלות אין קראקאווער קרייז, ד· ה· פון מערב־גאליציע, זיינען געווען א ספעציפישער טייל פונ׳ם גלאר־רייכן פוילישן אידנטום, וואס האט געהיט אויף איר אייגנארטיקייט אין דעם אלגעמיינעם פילפארביקן קאלאריט אינערהאלב דעם הערליכן פוילישן אידענטום· דער איד פון מערב־גאליציע איז געווען אנדערש אין זיין אייגענארט, נאטור, אויסשפראך, קליידונג און לעבנס־ארט — פון דעם ליטווישן אדער טיפישן אידן פון קאנגרעס פוילן· א ספעציעלער חן איז געווען אויסגעגאסן אויף דעם דאזיקן אידענטום, וועלכער האט ניט אויפגעהערט צו שפינען דעם גאלדענעם פאדעם פון דער אידישער טראדיציע און האט טריי אויסגעפורעמט די עכטע צוגעבונדענקייט צו דער אידישער תורה·

ביים אויסברוך פון קריג האבן אינערהאלב דעם אדמיניסטראטיוון שטח פון קראקע געלעבט 190 טויזנט אידן· און מער פון 20% פון זיי — אין דער בארימטער רעזידענץ־קראקע· די איבעריקע — אין הונדערט קליינע און גרויסע קהלות, אין דערפער און שטעטלעך, צווישן זיי אור אלטע אידישע ישובים און גאנץ נייע, וועלכע זיינען אויסגעבויט געווארן און זיך ענטוויקלט א דאנק דעם פלייס און אונטערנעמונגס גייסט פון די אידישע איינוואינער·

קראקאווער קרייז האט זיך געצויגן איבער נאטור־געבענטשטע געגנטן, ארומגערינגלט מיט ערהאבענער שיינקייט און זיך געטונקט אין א קייט פון די קארפאטן בערג אין מערב און פון צווייטן זייט — ריזיקע פליינען רייך אין כמעט אונאויסשעפליכע נאטור־רייכטימער· ניט אומזיסט האט זיך דער קראקאווער געגנט גערעכנט פאר איינעם פון די שענסטע געגנטן אין צענטראל־אייראפא, וועלכער האט געבליט מיט רייכן פילפארביקן אידישן לעבן, פול מיט תורה און חסידות, געזעלשאפטליכע און קולטורעלע ארבעט· מיט זייער אייגענארטיקן פאטריארכאלישן לבוש און זייער בכבודיקן לעבנס־ארט — האבן די אידן פון קראקאווער קרייז צוגעגעבן דעם גאנצן געגנט א הערליכער אלטערטימליכער גלאריע·

חאטש די אידן פון מערב־גאליציע זיינען געווען נאר 24,8% פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג, האבן זיי אבער ארויפגעלייגט זייער סטעמפל אויפן לעבנס־ארט פונ׳ם גאנצן קרייז ברענגענדיק שוואונג און אויפבליאונג· זיי האבן געפירט א אייגענעם קולטורעלן לעבן און דער גרעסטער טייל פון זיי האבן געשאפן א געשלאסענע וועלט פאר זיך· אבער גלייכצייטיק זיינען זיי געווען די פארקעמפער פון דער אינדוסטריע און האנטווערקעריי אינם געגנט, די ערשטע אינם האנדל אוןווירטשאפטליכן לעבן, און די פאליאקן, וועלכע זיינען געווען דער גרעסערער טייל פון די איינוואינער, זיינען געווען פוירערן און רעגירונגס אדער מוניציפאל אנגעשטעלטע·

שוין אין דער ערשטער וואך פון דער מלחמה איז דער גאנצער קראקאווער געגנט איינגענומען געווארן דורך די



הוי יהודי בפולין· בתמונה בית הכנסת העתיק בעיר חדש·
דאס אידישע לעבן אין פוילין· אויפן בילד: די אלטע שוהל אין נײשטאט·

דייטשן אין עטליכע טעג, וועלכע האבן געשטורעמט צו מזרח· גאנצע שטעט זיינען געפאלן אין דייטשע הענט כמעט אינגאנצן און ווידערשטאנד, דאס פוילישע מיליטער איז אפגעטרעטען פון דעם געגנט אזוי גיך, אז זיי האבן קיין צייט ניט געהאט אויפצורייסן די מיליטערישע איינריכטונגען איידער דער פיינט איז געקומען· א טויט שרעק איז באפאלן דער אידישער באפעלקערונג צוזעענדיק דער דאזיקער אזוי שרעקליך שנעלער ענטוויקלונג· א סאך פון זיי זיינען אנטלאפן געווארן, אדער דעם גרעסטן טייל האט זיך ניט איינגעגעבן זיך ארויסצודרייען פון דער סכנה· די שטורםטרופן פון דייטשן מיליטער האבן זיי איבערגעיאגט און פארצוימט אלע וועגן צום אנטלויפן· די מערב־גאליצישע אידן זיינען, אזוי ארום געבליבן אין דער בלוטיקער פאסטקע און צוזאמען מיטן גאנצן פוילישן אידענטום, אריינגעאנגען אין דער גרויזאמער, אומגליקליכער חורבן תקופה וועלכע האט זיך געצויגן גאנצע טויזנט טעג· טויזנט טעג פון יסורים און חורבן, פארניכטונג און ווייטאק· טויזנט טעג וואס האבן זיך געענדיקט מיטן ארויפגיין פון גאנצן פוילישן אידענטום — אין די עקידה פלאמען — אין די הימלען·

מיטן איינגעמען פוילן דורך די נאצישע בעסטיעס, זיינען אריינגעפאלן אין זייערע הענט כמעט 100 אידישע קהלות פון קראקאווער קרייז· טויזנט טעג און נעכט האבן די קהלות געקעמפט ביטער פאר זייער עקזיסטענץ אונטער דער הערשאפט פון די גרויזאמסטע סאטראפן וואס די געשיכטע האט ווען עס איז געקענט· העלדיש האבן זיי געקעמפט און געפאלן·

אין דער ערשטער וואך פון דער מלחמה צווישן פוילן און דייטשלאנד, דאס איז די לעצטע וואך פון יאר תרצ״ט — האט זיך אנגעהויבן די פארניכטונג פון די אידישע קהלות אין קראקאווער קרייז·

די קראקאווער אידישע קהלה

אין פארלויף פון הונדערטער יארן איז די קראקאווער קהלה געווען פאררעכנט אלס די מאמע פון די פוילשע קהלות, דיענענדיק אלס הויפט שטאט פון גאנצן לאנד· אין פארלויף פון הונדערטער יארן האבן די אויגן פון די פוילישע אידן געווען געווענדעט צו די דיקע ווענט פון קאזימיעזשער געטא,

הובלו לקרוסנו ולמקומות השמדה אחרים ונטבחו באכזריות).

דוקלה, **קהלה בת 2000 יהודים במחוז קראקה, מאוכלסת ברובה יהודים חרדיים שהצטיינו במסירותם לתורה ולמצוות. עם כיבוש העיר על־ידי הגרמניים, חוסלו כל המוסדות היהודיים באכזריות ובחימה שפוכה. ההתעללויות ביהודים חרדיים חרגה מכל דמיון. בצורה זועתית חיללו הנאצים כל קודש. יהודים מסרו נפשם למנוע חילול זה. הם קפצו להציל ספרי־תורה בוערים ושילמו עבור זה בחייהם.**

(קהלת דוקלה חוסלה סופית בקיץ תש״ב, עת נטבחו בניה באכזריות ללא דוגמה).

הוסקוב, ישוב יהודי קטן שפעל עוד בימי ועד ארבע הארצות והצטיין בנאמנותו ופעילותו. יהודי הוסקוב, רובם בני תורה וחרדים למצוות, ידעו סבל רב כבר בימים הראשונים להופעתם של הנאצים. כמה עשרות יהודים מבני המקום נטבחו בימים הראשונים לכיבוש, ואילו אחרים עונו בצורה נוראה. בית־המדרש המקומי היה למאכולת־אש וספרי־תורה נשרפו, בעוד הנאצים אוסרים על הצלתם משריפה.

(הישוב היהודי בהוסקוב חוסל סופית בקיץ תש״א, עת הובלו יהודיה לגיטאות הסמוכים, בלי שיורשו ליטול עמהם דבר מרכושם).

וואלה דוכאצקה, ישוב יהודי קטן בן 150 משפחות בסביבת קראקה. ישוב זה ידע פעילות יהודית פוריה ותוססת עד לפרוץ השואה. עם כיבוש המקום על־ידי הגרמנים, החל מיד סבלם של היהודים. מיד התחיל השוד המאורגן של כל הרכוש היהודי וכל יהודי אשר לא גילה נכונות לעזור בביצוע השוד המלא — נורה במקום. יהודי המקום המעטים נאלצו לבצע את כל העבודות הקשות עבור הכובשים תוך כדי עינויים אכזריים. כעבור חדשים מספר, הפכה העדה הקטנה לקבוצה של שלדים חיים, ולאחר מכן גורשו יהודי הישוב בעירום ובחוסר־כל.

וויליצקה, קהלה חשובה במחוז קראקה בה למעלה מ־3000 יהודים. קהלה זו ידעה חיים יהודיים ציבורים ודתיים תוססים קרוב למאתיים שנה. יהודי העיר פיתחו את המסחר והתעשיה והביאו לידי שגשוג ופריחה כללית לאיזור כולו. מיד עם כיבוש המקום על־ידי הנאצים, החלה תקופת העינויים של יהודי המקום. 8 יהודים נורו ונהרגו מיד עם כניסתם של הקלגסים למקום. סבלם של עדת יהודי וויליצקה עלה על סבלם של יהודי הסביבה כולה.

(גיטו וויליצקה חוסל סופית ביום ט״ו אלול תש״ב, יום בו הובלו כל יהודי המקום לטבח).

וואדוביצה, קהלה בת 250 משפחות במחוז קראקה, מאוכלסת בעיקר חסידים נלהבים, סוחרים ורוכלים שהתפרנסו בכבוד מיגיע־כפיהם. עם כיבוש העיר על־ידי הגרמנים, החלו חיי־גיהינום ליהודי המקום. הפולנים, התושבים המקומיים, הצטרפו בהתלהבות למסע־הדיכוי־ והדמים שנערך ביהודים. בתי־הכנסת חוללו בפומבי לקול



הוי יהודי בפולין. בתמונה: חצר בית הכנסת.
דאס אידישע לעבן אין פוילין. אויפן בילד: דער שוהל הויף.

תורה ומצוות. עם כיבוש העיירה על ידי הגרמנים נפתחה תקופת־הסבל הנוראה ליהודי המקום. רבים נהרגו באכזריות עם הופעת הנאצים והאחרים שתו מקובעת־היגון בכל ימי הכיבוש הנאצי, עד ליום האחרון בו הובלו אחרוני יהודי המקום להשמדה.

דומברובה. קהלה עתיקה באיזור טרנוב, מחוז קראקה, שהצטיינה כבר בימי ועד ארבע הארצות. בפרוץ השואה מנתה קהלה זו 3000 נפשות. קהלת דומרובה ידעה חיים ציבוריים ודתיים מסודרים במשך מאות בשנים והצטיינה במוסדותיה ומפעליה וברבנים שכיהנו פאר בתוכה.

חלק מתושבי המקום ברחו מן העיר לפני הופעת הנאצים. אלה שנשארו סבלו בצורה נוראה כבר בתקופה הראשונה לכיבוש והיו נתונים ללחץ איום ולנגישות־דמים.

(קהלת דומברובה חוסלה סופית בקיץ תש״ב, עת בניה הובלו לטבח, בחלקם בסביבה, ובחלקם למחנות־ההשמדה).

דוברה, **עיירה באיזור טרנוב במחוז קראקה, בת 100 משפחות, ברובן חרדיות וחסידיות מובהקות. חלק מבני קהלת דוברה ברחו למחוזות מזרחיים לפני כיבוש המקום על־ידי הגרמנים. אלה שנשארו במקום, סבלו קשות מן היום הראשון לכיבוש, ונפל בחלקם סבל גדול וגזירות איומות.**

(קהלת דוברה חוסלה סופית בקיץ תש״ב, עת בניה

דאס הייסט — קראקא· פון דער שטאט איז ארויס תורה און הלכה פארן גאנצן אידישן פאלק· אין אירע אלטע, געבויגענע הייזער האבן געלעבט און געווירקט דער רמ״א און ר׳ נתן נטע, בעל „מגלה עמוקות״, דער גאון ר׳ יהושע העשיל, דער ב״ח און דער „תוספות יום־טוב״· איר געשיכטע איז געווען דורכגעוועבט מיט גלאנץ און הערליכקייט אין משך פון הונדערטער יארן·

און די קראקאווער קהלה האט אנגעהאלטן איר הייליגער טראדיציע ביז איר לעצטן טאג· פריער אלס אידישע תורה־פעסטונג און אין דער לעצטער תקופה, אויך אלס פעסטונג פון חסידות און געזעלשאפטליכער טעטיקייט· במשך הונדערטער יארן האבן די קראקאווער פרנסים געטראגן אויף זייער פלייצעס דעם יאך און די דאגות פארן וואיל פון גאנצן פוילישן אידענטום· זיי זיינען געווען די שתדלנים, די מענשן פון איניציאטיוו און טעטיקייט·

אין פארלויף פון איר זיבנהונדערט יעריקער עקזיסטענץ האט די דאזיקע גרויסע אידישע קהלה איבערגעלעבט א סאך צרות· ניט איינמאל האבן איר אויפגעטרייסלט גרויזאמע גירושים, אונטערדריקונגען און דיסקרימינאציעס· יארן פון פיין און ליידן, ווי אויך די יארן פון אויפבליה און טעטיקייט — דאס אלץ האט ארויפגעלייגט דעם סטעמפל אויף דער גלארייכער אידישער קהלה און אזוי ארום געשאפן דער הערליכער קראקאווער טראדיציע און הייליקן סימבאל·


אבער אויך ווען קראקע איז שוין ניט געווען די הויפט־שטאט פון פוילן, האט זיך די קראקאווער קהלה ענטוויקלט, אלס הויפט־שטאט פון מערב־גאליציע, אלס א פעסטונג פארן אלגעמיינעם תורה־אידענטום· און דוקא אין די לעצטע הונדערט יאר איז זיך קראקע צוואקסן אין א גוואלדיק שנעלן טעמפא און גלייכצייטיק — אויך די אידישע קהלה·

די פאלגענדע טאבעלע קען דינען אלס ביישפיל ווי שנעל די אידישע קהלה, ווי קראקע אליין, האט זיך פונאנדערגעוואקסן:

יאר	צאל איינוואוינער	צאל אידן
1860	50,000	21,000
1880	66,000	24,000
1900	85,000	28,000
1910	141,000	35,000
1921	164,000	45,000
1931	219,000	56,800
1939	259,000	61,000

די פולישע, ניט אידישע באפעלקערונג פון קראקע האט געוואקסן ספעציעל אין די יארן פון דער פוילישער אומא־פהענגיקייט, דורכן צוקאאפטירן ניט אידישע קווארטאלן און איינשליסונג פון נאענטע דערפער — צו דער שטאט קראקע· אבער אפילו די דאזיקע אקציעס וועלכע האבן געדארפט געבן קראקע א פוילישן אויסזען, האבן ניט געקענט אניאגן דעם פראפארציאנעלן צוואקס פון דער ארטיקער אידישע קהלה·

הונדערטער שולן און בתי מדרשים זיינען געווען אין קראקע, צווישן זיי אור אלטע און אנדערע גאנץ נייע· די



הוי יהודי בפולין· בתמונה: פנים בית הכנסת בקמפנו·
דאס אידישע לעבן אין פוילן· אויפן בילד: די שוהל אין קעמפנא


פארשיידענסטע חסידישע שאטירונגען זיינען געווען פארטראטן אין דער שטאט· צענדליקער אנשטאלטן האבן געפירט א געבענטשטע טעטיקייט· די אידן אין קראקע האבן געשפילט די וויכטיקסטע ראליע אין דער ווירטשאפט און אויסבוי פון דער שטאט· צווישן די 7029 ליצענצן פאר האנדל און אינדוסטריע אונטערנעמונגען וואס זיינען ארויסגעגעבן געווארן אין יאר 1938 דורך דער אדמיניסטראטיווער מאכט אין קראקע — זיינען געווען 3740 — פאר אידן און 3289 — פאר ניט אידן· ד·ה· 53,4% פאר אידן און נאר 46,6% פאר ניט אידן·

די קראקאווער קהלה אין נעץ פון טויט

דינסטיק בייטאג, כ״ג אלול תרצ״ט, איז די שטאט איינגענומען געווארן דורכן מיליטער אן קאמף· דאס פוילישע מיליטער איז אנטלאפן פון שטאט נאך איידער די נאצישע הארדעס האבן צייט געהאט אריינצוקומען אין איר· צוזאמען מיטן פוילישן מיליטער זיינען אנטלאפן געווארן ניט ווייניק אידן, אבער זיי איז אויסגעקומען ניט ווייט צו לויפן· די שטאט, מיט אירע אונטערנעמונגען און פאלאצן, איר אדמיניסטראטיווער נעץ און געשעפטן — איז אריינגעפאלן אין די הענט פון די דייטשן כמעט אינגאנצן ניט גערירט· נאר געציילטע באמבעס זיינען געפאלן אינערהאלב דער שטאט·

גלייך ביים אריינקומען אין שטאט האבן די וואנדאלן אנגעהויבן פאגראמירן די אידן· דייטשע סאלדאטן האבן שפאצירט איבער די גאסן און אויפן וועג געפייניקט און געשלאגן אידן, געשארן בערד און פיאות, אראפגעריסן זייגערס און אנדערע צירונג, געראבעוועט סחורות פון אידישע געשעפטן א·א·וו· קליינע גרופעס האבן זיך אריינגעריסן אין די אידישע גאסן, געכאפט אלט און יונג, פרויען און קראנקע און זיי געשלעפט רייניקן מאשינען אדער וואשן פאדלאגעס, ארבייטן אלס טרעגער ביים איבערפירן מעבל אין די בנינים וואו די נאציס האבן איינגעארדענט זייערע ביוראען·

צענדליקער פון די געכאפטע אידן זיינען שוין מער ניט צוריקגעקומען· מען האט זיי באשולדיקט אז זיי האבן געשאסן אויף דייטשן· כדי צו פארלייכטערן דעם באוואפנטן רויב און אראגאניזירטן פאגראם אויף אידישע געשעפטן, איז צוויי טעג נאכן איינעמען דער שטאט, ארויסגעגעבן



הוי יהודי בפולין. בתמונה: בית כנסת בטרנוב.
דאס אידישע לעבן אין פוילין. אויפן בילד: א שוהל אין טרנוב.

תרועות־גיל של הפולנים. יהודי המקום נשדדו, ומהם היו כאלה שאף אולצו לשלם קנס כספי כבד. יהודי וואדוביצה הפכו לעדת עובדי־כפיה. פסקי־דין מוות הוצאו נגד יהודים אשר נמצאו „אשמים" בעריכת תפלות או לימוד תורה. חוקים מיוחדים נחקקו נגד שמירת מצוות, נגד אי־גזיזת הזקן והפיאות או חבישת פיאה נכרית על־ידי נשים.

(קהלת וואדוביצה חוסלה סופית ביום ט' באב, יום החורבן, שנת תש"ג, עת הובלו יהודי המקום, אנשים, נשים וטף, למחנה ההשמדה באושוויץ).

ווייליפולי, קהלה בת 300 משפחות שפעלה למעלה ממאתיים שנה. עם הכיבוש ערכו הגרמנים טבח אכזרי ביהודי העיר שנשארו במקום. אחרי הפרעות הראשונות שהיו מלוות במעשי שוד אכזריים, חלה ארגעה במצב. יהודי העיר הפכו להיות עבדי־כפיה, מרוששים ועשוקים מכל, רעבים ללחם ולמזון.

(קהלת ווייליפולי חוסלה ביום ה' בתמוז תש"ב, יום בו נערכה האקציה האחרונה ביהודי המקום ואחרוני יהודי העיר הובלו לטבח).

זשמיגרוד, קהלה בת 1800 יהודים במחוז קראקה, שפעלה כקהלה עצמאית כבר בימי ועד ארבע הארצות. תושביה היו ברובם יהודים חרדים, סוחרים ורוכלים שפיתחו חיי רוח ודת מסועפים. עם כיבוש העיר בידי הנאצים, הקיץ הקץ על חיי הקהלה, הציבור והכלכלה במקום. למרות תנאי־העוני והאימים, המשיכו יהודי זשמיגרוד לטוות את חוט המורשת היהודית במסירות־נפש ותוך הקרבה.

(קהלת זשמיגרוד חוסלה סופית בקיץ תש"ב, עת הובלו בניה לטבח).

ז'פיניק, ישוב יהודי קטן במחוז צאנז שפעל מאות בשנים, תושביו היו רוכלים וסוחרים זעירים שהתפרנסו בקושי עד לפרוץ השואה. עם כיבוש המקום על־ידי הגרמנים, החלו רדיפות אכזריות נגד יהודי הישוב. רבים ברחו לאיזורים המזרחיים ולקהלות הגדולות ואלה שנשארו במקום ידעו סבל רב.

(קהלת ז'פיניק חוסלה בקיץ תש"א, עת הוצאו בניה לטבח בסביבה).

זאגוז'אן, ישוב יהודי בן 200 נפשות במחוז קראקא, מאוכלס בעיקר רוכלים שהתפרנסו בקושי וניהלו אורח־חיים יהודי חרדי־מסורתי. עם כיבוש המקום על־ידי הגרמנים, אולצו יהודי המקום לעזוב את בתיהם ולהשאיר את רכושם המעט במקום לבז. בעירום ובחוסר־כל עזבו יהודי המקום את בתיהם, אחרי שהישוב התקיים במשך מאות בשנים.

זבירזשוב, ישוב יהודי קטן בסביבת קראקה שמנה עד 40 משפחות. עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים החלו פרעות מאורגנות נגד יהודי זבירזשוב המעטים, מספר יהודים שנתפסו על ידי חיילים נאציים ובהם פליטים מקהלות אחרות נורו ונקברו בבור. לפנות ערב התפשטו החיילים הגרמנים על פני בתי היהודים, שדדו כל דבר ערך ופצעו יהודים רבים. מרבית יהודי המקום ברחו כל עוד נפשם בם, יתרם נשארו במקום זמן מה, סבלו יום יום מתעלולי הקלגסים הנאציים וכעבור חדשים מספר גורשו באכזריות.

זקופאנה, היפה בערי הקיט הפולניים שהוקמה על רכסי הרי הקרפטים המערביים, שהפכה בשנים האחרונות לפני השואה למרכז לנופש ולהבראה. עם התפתחות העיר התבססה בזקופאנה קהלה מסודרת שמנתה בפרוץ השואה כאלף נפש. הקהלה הצעירה פיתחה פעילות ענפה בכל שטחי החיים ובעיקר בתחום הדתי והסוציאלי. רב היה חלקם של יהודי העיר בפיתוח המקום והסביבה.

עם כיבוש האיזור על ידי הגרמנים ברחו חלק מיהודי זקופאנה למחוזות המזרחיים של פולין. אלה שנשארו שועבדו על ידי הכובשים האכזריים ללא רחם אחרי שעונו ורצחו עשרות מיהודי המקום. חיילים גרמניים רבים הגיעו לזקופאנה כבר בימים הראשונים לכיבוש לנופש ולבילויים והם התעללו ללא הרף ביהודים האומללים. לא עברו ימים רבים והרוצחים הנאציים החליטו לחסל את הקהלה היהודית במקום. כל יהודי העיר הוצאו מבתיהם, נטבחו ללא רחם עד אחד וגופותיהם הושלכו לבורות במורדות שהקיפו את זקופאנה.

זילונקי ישוב יהודי קטן בסביבת קראקה שמנה כמה עשרות משפחות. מאוכלס בעיקר רוכלים שעמלו קשות לפרנסתם המצומצמת ובעלי מלאכה, רובם ככולם חסידים ושומרי מסורת יהודית צרופה. מיד עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים הוצאו כל היהודים מבתיהם, עונו קשות ללא רחם ומהם נהרגו בטענה כי התנגדו לכובשים. כעבור זמן מה גורשו שארית יהודי המקום כשכתונתם לעורם.

טרנוב, הקהלה השניה בגדלה במחוז קראקה, עתיקת יומין ובעלת עבר מפואר. כבר במאה הט"ז פעלה בטרנוב קהלה פעילה ומכובדת. בשנת 1631 מנתה קהלת טרנוב 1455 נפשות, בשנת 1765 — 2325 נפשות. הישוב היהודי במקום התפתח בהתמדה ובפרוץ השואה מנתה קהלת טרנוב 23 אלף נפשות ויותר ונחשבה לאחת הקהלות הגדולות והמבוססות בפולין.

רבות תרמו יהודי טרנוב לפיתוחה של העיר וסביבתה והפיכתה למרכז מסחרי ותעשיתי משגשג. טרנוב הפכה למרכז של תורה וחסידות ובה ישיבות ומוסדות חנוך תורניים, בתי כנסת ובתי תפלה של חסידים ומספר


געווארן א ספעציעלער באפעל, לויט וועלכן אלע אידישע געשעפטן זיינען פארפליכטעט געווארן ארויסצוהענגען א מגן־דוד, דער באפעל האט אויך ארומגענומען אלע אידישע אונטערנעמונגען, ווארשטאטן א·א· אין איינקלאנג מיט אנדערע באפעלן זיינען פארמאכט געווארן אלע שולן און בתי מדרשים פון קראקע· די אידישע שחיטה איז פארבאטן געווארן· די אידן האבן געמוזט אפשערן די בארד און פיאות· און אין א שפעטערדיקן באפעל — האבן אלע אידן געמוזט עפענען די געשעפטן ראש· השנה און יום־כפור און יעדער איד האט געמוזט קומען צו דער ארבעט אין די טעג·

די דייטשן האבן נאמינירט א צייטווייליקן יודנראט· אין א פאר טעג ארום האבן דייטשע אפיצערן באזוכט די ביוראען פון דער אידישער קהלה און די ערשטע באגעגענונג מיט די עלטסטע פון יודנראט, איז באצייכנט געווארן דורך א קלינגענדיקן פאטש דעם ד״ר ווילהעלם גולדבלאט, וועלכער איז נאמינירט געווארן אלס וויצע פארזיצער פון יודנראט· דער ס·ס· אפיצער זיבערט האט געגעבן צו פארשטיין די אידן אז די נאציס זיינען געקומען קיין קראקע ווי זיגער און ניט כדי צו העלפן די אידן, וועלכע געפינען זיך יעצט אונטער דער אלייניקער הערשאפט פון דער ס·ד· און זיי טארן ניט אפילו זיך באקלאגן פאר א אנדערער קערפערשאפט· די ס·ד· האט באלד געעפנט א ספעציעלע ביורא פאר אידישע אנגעלעגנהייטן, און די טרויעריק בארימטע אפטיילונג פון ס·ס· האט גלייך גענומען ארויסווייזן איר שטארקער האנט אויף די קראקאווער אידן·

ארום דער גאנצער שטאט האבן די פאליאקן אויסגעגראבן אקאפעס געגן לופט־אנגריפן· יעצט האבן די דייטשן ארויסגעגעבן א ספעציעלן באפעל אז די אידן דארפן פארשיטן אלע אקאפעס אין פארלויף פון 48 שעה אין ערב יום־כפור און יום־כפור· א אנדער באפעל האט געהייסן אלע אידן אפגעבן אלע אלטע און טייערע תשמישי קדושה די נאציס· די קראקאווער אידן האבן באקומען א באפעל אן שום טענות און מענות צוצושטעלן גלייך דער דייטשער מאכט, שרייב מאשינען, מעבל, פארהאנגען א· א· די דייטשן זיינען געקומען טאג טעגליך אין ביורא פון דער אידישער קהלה און געפאדערט פארשיידענע זאכן· דער יודענראט האט בלית ברירה געמוזט קויפן די געפאדערטע זאכן אדער נעמען מיט גוואלד פון אידישע הייזער·

האנס פראנק, דער דייטשער גאווערנער פון פוילן, האט זיך באזעצט אין קראקע, וואס איז פארוואנדלט געווארן אין דער מעטראפאליע פון די איינגענומענע פוילישע געגנטן· אין זיין ערשטן אויפרוף, וועמענס ציל איז געווען צו בארואיקן די פאליאקן האט ער ערקלערט: „פאר די אידישע אויסנוצער וועט ניט זיין קיין ארט אין דעם שטח וואס געפינט זיך אונטער דייטשער הערשאפט״· איינער פון זיינע באפעלן האט גענויט די אידן צו ארבעטן צוואנגס־ארבייטן אומבאגרענעצט·

ביי דער אלגעמיינער רעגיסטראציע וואס איז דורכגעפירט געווארן לויטן באפעל פון די נאציס, זיינען רעגעסטרירט געווארן 68,482 אידן· זיי האבן געמוזט אנטאן א בלוי־



הוי יהודי בפולין· בתמונה: בית הכנסת העתיק ברופין·
דאס אידישע לעבן אין פוילין· אויפן בילד: די אלטע שוהל אין רופין·


וייסן פאס מיט א מגן־דוד· אידן האבן ניט געטארט האבן ביי זיך מער ווי 2,000 זלאטעס· טאג טעגליך האט די קהלה געמוזט צושטעלן צוואנגס ארבייטער, אויסער די וואס מען האט געכאפט אין די גאסן· גענויע הויז־זוכונגען זיינען דורכגעפירט געווארן אין די אידישע קווארטאלן, אידן זיינען אויסגעטאן געווארן נאקעט און מען האט ביי זיי צוגערויבט אלץ וואס זיי האבן געהאט· פאר דעם קלענסטן ווידערשטאנד — איז מען דערשאסן געווארן אויפן ארט·

די נאציס האבן ספעציעל געפייניקט רבנים· דעם אנגעשטעלטען פון דער קהלה, מאיר רעדליך, האבן די דייטשן געכאפט, געבראכט אים אין דער שול פון ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלעס, און געהייסן אונטערצינדן דער אלטער שול· ער האט אפגעזאגט און מען האט אים גלייך דערשאסן· אלע שולעס און ישיבות זיינען לויט א ספעציעלן באפעל פארמאכט געווארן· און אידישע קינדער האבן געלערנט תורה באהאלטענערהייט און אין מורא׳דיקע באדינגונגען·

אין א סאך שטאטישע קווארטאלן האט מען די אידן ארויסגעווארפן פון זייערע וואינונגען, ניט ערלויבענדיק זיי מיטנעמען גארניט· די אידן האבן ניט געטארט זיך באווייזן אויף עפענטליכע פלעצער ווי אויך ניט אויף די מערק· אויף אלע אידישע אונטערנעמונגען און אומבאוועגליכע גיטער זיינען נאמינירט געווארן דייטשע קאמיסארן·

די „ראציעס״ און צוואנגס־ארבייטן זיינען שטענדיק געווען באגלייט מיט עינויים, און גרויזאמע קלעפ· א סאך זיינען שוין ניט צוריקגעקומען נאך דער „ארבעט״· א אלגעמיינע קאנטריבוציע אין דער הויך פון 400 טויזנט זלאטעס איז ארויפגעלייגט געווארן אויף דער קהלה· אנהויב דעצעמבער האבן די געסטאפא לייט ארומגערינגלט דעם אידישן קווארטאל, דורכגענישטערט אלע אידישע הייזער, הרגענענדיק און פייניקענדיק וועמען עס האט זיך געמאכט און האבן קאנפיסקירט אלע ווערט זאכן וועלכע זיי האבן געפונען· ביי די זוכונגען זיינען געהרגעט געווארן 80 אידן·

אין דער זעלבער צייט האבן זיך געזען אין שטאט גרופעס אידישע געפאנגענע געפירט פון דייטשע סאלדאטן· זיי האבן



הוי יהודי בפולין, בתמונה: בית הכנסת העתיק בזבלטוב
דאס אידישע לעבן אין פוילין· אויפן בילד: די אלטע שוהל אין זבלטוב·

אדמו״רים הקימו בעיר את חצרותיהם· יהודי טרנוב היו פעילים בכל שטחי החיים הציבוריים והתרבותיים, סניפים מאורגנים של כל המפלגות היהודיות פעלו בעיר·

עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים החל חורבן קהלת טרנוב בהדרגה מתמדת· בימים הראשונים לכיבוש לא סבלו יהודי העיר באורח מיוחד, בהשוואה לסבל שהיה מנת חלקן של קהלות אחרות באיזור זה בימים הללו· אולם במהירות ובעקביות הורע מצבם של יהודי העיר, אנשים עד גיל 50 נצטוו לגזוז זקניהם, נאסר עליהם להחזיק יותר מאלפיים זהובים, נאסר להם להופיע ברחובות אחרי 8 בערב ולקנות מה בשוק לפני שעה 10 לפני הצהרים· נאסר עליהם לצאת את העיר בלי רשיון, להופיע במקומות ציבוריים, לנהל מפעלים וכדומה·

11 בתי כנסת אשר בטרנוב הועלו באש והרוצחים לא הרשו לכבות את הדליקה או להציל ספרי תורה מבתי כנסת הבוערים· נאסר על היהודים להתפלל במנין, להחזיק מוסדות חנוך או כל מוסדות שהם· חיילים נאציים החלו במעשי שוד בלתי מאורגנים, פרצו לבתי יהודים ושדדו כל דבר בעל ערך, חטפו יהודים ברחובות, היכו אותם באכזריות· אחד העסקנים היהודים במקום אולץ לעבור ברחובות העיר, כשידיו מורמות למעלה, הכוהו מכות רצח ואילצו אותו לצעוק „רק היהודים אשמים במלחמה״· קנסות כבדים הוטלו על יהודי טרנוב ועל מועצת היהודים שפעלה בפיקוח הגרמנים הוטל לאסוף את הכסף הרב·

חל קלקול במערכת הביוב העירונית, מיד אסרו הנאצים עשרות יהודים וכן כמה פולנים והאשימו אותם בביצוע מעשה חבלה מתוכנן, אחרי עינויים קשים שנמשכו חדשים מספר בבית סוהר מקומי, הובלו האסירים, למקום השמדה ממנו לא שבו· בני משפחותיהם קבלו הודעות שתמורת 10 זהובים יקבלו קופסת האפר של בן משפחתם·

למרות השוד הגדול והעינויים האכזריים קלטו יהודי טרנוב אלפי פליטים שזרמו לשם מהסביבה הקרובה והרחוקה וכן רבים שהגרמנים העבירו לטרנוב· הרעב והמחסור גברו מיום ליום ויהודי העיר עשו הכל לעזרת אחיהם מחוסרי לחם· (קהלת טרנוב חוסלה סופית בחודש אלול תש״ג, עת נורו היהודים האחרונים אחרי טבח איום שערכו הרוצחים הנאציים ביהודי גיטו טרנוב)·

טשיבין, מרכז תעשיתי במחוז קראקה שם פעלה קהלה בת 600 משפחות· מרכז למסחר, לתורה ולחסידות הצרופה· מיד עם הופעת הגרמנים במקום ניתכו יסורי איוב על הקהלה הקטנה, אשר רבים מתושביה ברחו עוד לפני כיבוש העיר· מצבם של יהודי טשיבין הלך והחמיר עם הקמת מחנות עבודה ליהודים במפעלי התעשיה אשר בעיר ובסביבתה הקרובה· הקהלה חוסלה עד מהרה אבל עובדי כפיה יהודים המשיכו לעמל בזיעת אפם תחת משטר אימים במקום עד להתמוטטותה הסופית של מלכות הרשע הנאצית·

טשכויב, עיירה קטנה בת 400 נפשות במחוז קראקה, מאוכלסת בעיקר יהודים חרדים, חסידים נלהבים שהתפרנסו בקושי מרוכלות, מסחר זעיר ומלאכה· הכובשים הגרמניים התאכזרו במיוחד מיום הופעתם בבני הקהלה החרדים· כבר ביום הראשון לכיבוש שרפו את בית המדרש המקומי, ערכו מחזות מקפיאות דם של גזיזת זקן ופיאות ומעשי התעללות אכזריים, מספר יהודים מצאו את מותם כתוצאה מעינויים קשים· הרכוש היהודי הדל נשדד ושורה ארוכה של גזירות ניתכו על יהודי טשכויב· (קהלת טשכויב חוסלה סופית בקיץ תש״ב עת הובלו יהודי העיירה ליער סמוך ושם נורו עד אחד)·

יאבוזשנה, קהלה חשובה במחוז קראקה שמנתה 2400 נפשות בפרוץ השואה· רק חלק מיהודי העיר הצליחו לברוח למחוזות המזרחיים של פולין לפני כיבוש המקום על ידי הגרמנים, יתרם הוכנסו על ידי הגרמנים לחיי שיעבוד קשים כבר מהיום הראשון להופעתם· (קהלת יאבוזשנה חוסלה סופית בקיץ תש״ב עת נטבחו מרבית בניה בגיא ההריגה אשר בסביבתה, מעטים נשלחו למחנות עבודה והשמדה ומהם רק בודדים נשארו בחיים)·

יאסלו, קהלה בת 3400 נפשות במחוז קראקה, שפעלה מאות בשנים וידעה חיים דתיים וכלכליים תוססים ופעילים· בימים הראשונים לכיבוש הגרמני לא סבלו יהודי יאסלו בצורה מיוחדת, אם כי כל מוסדות הקהלה נסגרו או הוחרמו וגזירות רבות העיקו על יהודי המקום· קהלת יאסלו אף קלטה פליטים רבים ממחוזות המערביים של פולין ומהאיזורים שסופחו רשמית לרייך הגרמני השלישי· יהודי העיר הצטיינו במיוחד במתן עזרה וסעד לפליטים מחוסרי כל, הקימו מטבחים ציבוריים ודאגו לשיכונם· עד מהרה הורע מצבם ונגישות אכזריות הפכו את חיי היהודים במקום לגיהינום· (קהלת יאסלו חוסלה סופית בחדשי חשון—כסלו תש״ג עת הוצאו כל תושבי הגיטו היהודי מבתיהם והובלו לטבח אימים)·

יורדנוב, קהלה בת 300 משפחות בהרי הקרפטים המערביים מאוכלסת בעיקר יהודים חרדים, שומרי מסורת צרופה· עם הופעתם של הגרמנים במקום נאסרו עשרות יהודים ועונו ללא רחם, בחלקם שוב לא חזרו לבתיהם· בית המדרש המקומי הוצת על ידי הגרמנים על ספרי תורה שבו כשחיילים נאציים מנעו את כיבוי הדליקה וירו ביהודים שרצו להציל ספרי תורה· רבים מתושבי המקום שלא מלאו

אויסגעזען שרעקליך. קיינער ווייס ניט עד היום וואו מען האט זיי געפירט.

אזוי איז קראקא ארייגעגאנגען אין דער גרויזאמער תקופה. די לאגע פון די אידן איז געווארן ערגער פון טאג צו טאג.

דער געשיכטע פון קראקע און די גרויל־טעג וואס זי האט דורכגעמאכט — וועלן מיר ווידמען א ספעציעלן קאפיטל אין דער יסורים־מגילה פון פוילישן אידענטום.

דער חורבן פון די אידישע קהלות אין קראקאווער קרייז


אויב די „מאמע קהלה" קראקע, איז אריין אין דער שרעקנס־עפאכע מיט געמאסטענע טריט, און יעדער גזירה געגן איר איז געווען אויסגערעכנט און אויסגעשטעלט פון פאראויס, ביז איר ענטגילטיקן אונטערגאנג אין יאר תש"ד — איז דער חורבן פון די קלענערע קהלות אין קראקאווער קרייז, געקומען פיל גיכער און צייטנווייז אויך מיט מער בארבאריזם.

אויף די קלענערע קהלות דרום זייט פון קראקע האבן זיך די שווערע גזירות א שאט געטאן שוין אין אנהויב פון דער נאצישער הערשאפט און טויזנטער אידן זיינען ארויסגעטריבן געווארן פון זייערע היימען בארוועס און נאקעט. אין דער זעלבער צייט, זיינען צענדליקער טויזנטער אידן געלאפן פון אנדערע אקופירטע געגנטן פון פוילן — אין קראקאווער געגנט. צוריק אהיים האבן זיי שוין ניט געקענט גיין און האבן געמוזט ווי עס איז זיך איינארדענען אין פארשיידענע אידישע ישובים אינ'ם געגנט און איבערטראגן בשותפות די יסורים.

עס איז היינט אוממעגליך פעסטצושטעלן וויפיל געהרגעטע אידן זיינען געווען אין קראקאווער קרייז אין דער ערשטער צייט פון דער נאצישער הערשאפט. אבער עס איז קיין ספק ניט אז זייער צאל איז דערגאנגען אין א סאך טויזנטער. א סאך פון זיי זיינען געהרגעט געווארן אין די קאמפן צווישן פוילישן און דייטשן מיליטער, א סאך זיינען געהרגעט געווארן פון די באמבארדירונגען, אבער מערסטנטייל זיינען אומגעקומען פון דייטשע הענט שוין אין די ערשטע טעג פון דער נאצי־הערשאפט.

די אידישע קהלות אין קראקאווער קרייז זיינען געווען בעסער סיטואירט פון די קהלות אין אנדערע געגנטן. ווייל דארט זיינען געווען זאלץ און נאפט גרובן ווי אויך ריזיקע ראפינעריעס. דארט איז אויך געווען א גוט ענטוויקלטע אינדוסטריע.

די אידישע באפעלקערונג אין קראקאווער קרייז האט געציילט אין יאר תרצ"ט — 191,000 נפשות. און זיינען געווען 7,5% פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג פונ"ם קרייז. פארהעלטניסמעסיק איז עס געווען א קליינער פראצענט אין פארגלייך מיטן פראצענטזאץ פון אידן אין גאנץ פוילן, וועלכע איז דערגאנגען ביים אויסברוך פון דער מלחמה ביז 8, 9 פראצענט. דאגעגן איז דער פראצענטזאץ פון די אידן אין די שטעט פון קראקאווער געגנט געווען גרעסער אויפן דורכשניטליכן פראצענטזאץ פון די אידן אין פוילן. נאר 76,4% פון די פוילישע אידן האבן געוואוינט אין די שטעט, דאגעגן



הוי יהודי בפולין. פנים בית הכנסת מצנסטכוב / דאס אידישע לעבן אין פוילין. אויפן בילד: די שוהל אין צנסטכוב.

האבן אין קראקאווער קרייז געוואוינט 82,7% אידן אין די שטעט אנטקעגן 17,3% וואס האבן געוואוינט אין די שטעטלעך און דערפער פון קראקאווער קרייז.

לאמיר יעצט א בלעטער טאן איבער דער יסורים־געשיכטע פון די אידישע קהלות אין קראקאווער קרייז, דערציילן אין קורצן זייער געשיכטע און וואס זיי האבן דורכגעמאכט אונטער דער הערשאפט פון די נאציס ביז זייער חורבן.


אושפיציו (אוישוויץ):

א אלטע קהלה וואס האט שוין געפירט א זעלבסשטענדיקע טעטיקייט נאך אין די צייטן פון „ועד ארבע הארצות". ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן דארט געוואוינט 5700 אידן. די אידן האבן דארט ענטוויקלט האנדלס און אינדוסטריע אונטערנעמונגען. דער גרעסטער טייל איינוואוינער האבן געפירט א חסידיש־טראדיציאנעל לעבן און די שטעטל איז געווען פול מיט קלויזן און בתי מדרשים.

אושפיצין איז שווער באמבארדירט געווארן דורך די דייטשן און מער פון פערציק אידן זיינען דערביי געהרגעט געווארן. א סאך אידן זיינען אנטלאפן געווארן אין דערבייאיקע דערפער און אנדערע — אין די מזרח געביטן. די וועלכע זיינען צוריקגעקומען נאך די מלחמה — האבן געפונען אלץ חרוב און וויסט.

אין די ערשטע דריי וואכן פון דער נאצי־הערשאפט איז געווען פארהעלטנימעסיק רואיק אין אושפיצין. א געוויסער איד שענקער, וועלכער האט גערעטעוועט צוויי דייטשע פליער פון א פאלענדיקן עראפלאן און האט זיי אויסבאהאלטן ביי זיך, איז נאמינירט געארן אלס יודן עלטסטער. אבער גלייך נאך סוכות ת"ש האבן די נאציס אנגעהויבן ארויסווייזן זייער אמת'ן פרצוף. די גרויסע שול איז אונטערגעצונדן געווארן און זיי האבן ניט געלאזט פארלעשן די שריפה. מען האט די אידן גענויט צו פארלאזן א גאנצן קווארטאל אין פארלויף פון עטליכע מינוט איבערלאזענדיק דארט זייער גאנצן האב און גוטס. באלד האבן זיך אנגעהויבן מאסענהאפטע כאפענישן אויף צוואנגס־ארבעט, באגלייט מיט אכזריות'דיקע קלעפ און סאדיסטישע פייניקונגען.

די לאגע פון די אידן אין אושפיצין, וואס האט אינצווישן אויפגענומען פליטים און ארויסגעטריבענע אידן פון ביליץ, קשאנאוו ביאלע און דזיאלאשיץ — איז געווארן ערגער פון טאג צו טאג. די נאציס האבן אנגעהויבן אויפשטעלן דארט



הוי יהודי בפולין. בתמונה: בית הכנסת ברדזין.
דאס אידישע לעבן אין פוילין. אויפן בילד: די שוהל אין ראדזין.

אחרי פקודת השלטונות ולא הסירו את זקניהם ופיאותיהם נפצעו באכזריות ויהודי המקום אולצו לשלם קנס גבוה „בגלל התעלמות מהחוק". על נשים נאסר לחבוש פיאות נכריות ושוד מאורגן בוצע בבתי היהודים בדייקנות ובמערך צבאי מלא. יהודים שהסתירו דבר בעל ערך מהשודדים נורו או נפצעו. (קהלת יורדנוב חוסלה סופית בקיץ תש"א עת הוצאו בניה לגיא ההריגה בסביבה ושם נטבחו באכזריות ללא תקדים).

יודלבה, קהלה קטנה בת 50 משפחות בקירוב במחוז קראקה, מאוכלסת בעיקר רוכלים ובעלי מלאכה רובם ככולם חרדים ושומרי מסורת ומהם חסידים נלהבים ובני תורה. מיום הופעת הגרמנים במקום הפכה הקהלה הקטנה למחנה של עובדי כפיה אחרי שנשדד מהם כל רכושם ודמם הופקר לכל עורב. בתנאי רעב ועינויים מחרידים המשיכו יהודי יודלבה את חיי העוני שלהם והפכו במרוצת הזמן לשלדים חיים. (קהלת יודלבה חוסלה סופית ביום כ"ט אב תש"ב, יום בו הוצאו כל יהודי המקום ליער הסמוך ושם נטבחו, זקנים וצעירים, נשים וטף באכזריות ללא דוגמא).

לושא, קהלה קטנה באיזור צאנז, במחוז קראקה בת 40 משפחות חרדיות בעיקר, שהתפרנסו בקושי מחכירת אדמות וממלאכה. עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים הוגלו בחלקם ואחרים נלקחו לעבודות כפיה. בקיץ תש"א גורשו אחרוני יהודי העיירה לקהלות הגדולות בסביבה.

ליצקי, קהלה קטנה בסביבת קראקה בת 200 נפשות, מאוכלסת בעיקר רוכלים ובעלי מלאכה, שניהלו אורח חיים חסידי ומסורתי. בחדשים הראשונים לכיבוש הנאצי המשיכו יהודי המקום באורח חייהם המקובל אם כי סבלו רבות מהחוקים הדראסטיים שהופעלו נגדם. כעבור חדשים מספר גורשו יהודי הישוב לפתע מבתיהם כשכתונתם לעורם, מבלי להרשות להם לקחת מאומה.

לימינוב, קהלה עתיקה במחוז קראקא בת 300 משפחות, רובן סוחרים ובעלי מלאכה שניהלו אורח חיים חרדי־חסידי. יהודי העיר שמרו על לבושם המסורתי, בחלקם הגדול מעוטרי זקן ופיאות ושוחרי תורה.

עם הופעתם של הגרמנים במקום ניתכו יסורי איוב על יהודי העיר, החיילים הנאציים ערכו פרעות דמים. מספר יהודים נהרגו על ידי עינויים, אחרים נפצעו. בתי מדרש חוללו ואף הועלו באש ובצורה רצחנית גזזו את זקניהם ופיאותיהם של יהודים קשישים וצעירים. נשים יהודיות נענשו קשות בעד כיסוי ראשן בפאה נכרית או בכל כיסוי אחר.

לא עבר זמן רב ולימינוב הפכה לגיא הריגה, ליהודי המקום ופליטים שנקלעו לשם, בכוח הוצאו בני הקהלה מבתיהם ונאספו לככר השוק, שם ערכו בהם הרוצחים הנאציים טבח איום, שחטו באכזריות זקנים ויירו בנשים כשתינוקיהן על זרועותיהן, כך חוסלה סופית קהלת קודש זו.

מעליץ, קהלה עתיקה במחוז קראקא שפעלה כבר בימי ועד ארבע הארצות, בת 2800 נפשות. עם כיבוש העיר על ידי הגרמנים החלו הקלגסים לחטוף יהודים מכל עבר, דחפו אותם לבית הכנסת ולבית המרחץ הסמוך, סגרו את הבניינים על מסגר ובריח והציתו אותם מבלי להרשות ליהודים האומללים שקולותיהם בקעו רקיעים להציל את נפשם. כך, בשריפת מאה יהודים ויותר פתחו הרוצחים הנאציים את דפי הדמים של שלטון הרשע. לפנות ערב שלחו באש את רחובות המגורים של היהודים וערכו פשיטות, לצרכי שוד בבתי יהודים. אחד השוחטים המקומיים אשר בביתו נמצא חלף נאסר באשמת החזקת נשק, הובילוהו לבית המפקדה הצבאית שם כפתוהו בחבלים ושחטו אותו בחלפו.

יחד עם מעשי הרצח וההתעללות ניתך על ראשם של יהודי מעליץ גל של גזירות קשות ואכזריות. נאסר עליהם להתפלל, לסחור, להחזיק כספים, להגיש כל תלונה שהיא לשלטונות, לנוע מחוץ לעיר, להשתמש בכל אמצעי תחבורה שהיא, כולל עגלה וכך, בעוני ובמצוק הוכנסו יהודי העיר לחיי שיעבוד אכזריים ששימשו פרוזדור לטבח הגדול אשר חיסל סופית קהלה מפוארת זו.

משאנה־דולנה, קהלה בת 250 משפחות במחוז קראקה מאוכלסת בעיקר יהודים חרדים, מיד עם הופעתם של הגרמנים במקום הפכו חיי יהודי העיירה לגיהנום עלי אדמות. בית המדרש חולל ויהודים שניסו להציל את ספרי תורה מאש ששלחו הגרמנים נהרגו. בצורה בסטיאלית ערכו הקלגסים הנאציים מחזות דמים של גזיזת זקניהם ופיאותיהם של יהודי העיירה. סבל שלא יתואר עבר על יהודי משאנה־דולנה בימי הכיבוש הנאצי ובשלהי אב תש"ב הוציאו הרוצחים את יהודי העיירה מבתיהם וערכו בהם טבח אימים, כך חוסלה סופית קהלה קדושה זו.

מאקוב, קהלה קטנה בת 200 משפחות במחוז קראקה, בסביבת ראבקה שעל הרי הקרפטים המערביים. תושביה בחלקם הגדול חרדים שניהלו אורח חיים חסידי מובהק והתפרנסו ברווחה ממסחר ומלאכה. הופעת הגרמנים במקום בישרה את חורבנה של קהלה קדושה זו. כבר בימים הראשונים לשלטון הנאצי־גרמני נשפך דם יהודי רב ועינויי תופת נפלו בחלקם של בני הקהלה כשהקלגסים עורכים בהם פרעות דמים.

כעבור זמן חיסלו הגרמנים סופית את קהלה זו, כשערכו טבח אימים בבני המקום ורק מעטים מבני מאקוב ניצלו.

מילובקה, ישוב יהודי קטן במחוז המערבי של קראקה ובו עד 50 משפחות. בחלקם ברחו יהודי מילובקה בטרם

די גרעסטע פאבריק פון טויט אין דער וועלט און זיי האבן גענויט די אידן צו ארבעטן שווער ביים בויען.

ווען דער ריזיקער פארניכטונגס לאגער איז געווען פארטיק, האט מען אלע אידן ארויסגעטריבן פון אושפיצין. מיט זייער ספעציפישער גרויזאמקייט האבן די נאציס פארטריבן די אושפיצינער אידן אין די סאסנאוויצער און בענדינער געטאס און אנדערע זיינען גלייך געשיקט געווארן אין פארניכטונגס־לאגער חלעמנא. ווען די אויוונס פון אושוויץ האבן אנגעהויבן פארברענען די אידישע קדושים, האט די אידישע קהלה אין אושפיצין אויפגעהערט צו עקזיסטירן, נאך 400 יעריקן בליענדיקן לעבן.

די קהלה פון אושפיצין איז אנטגילטיק ליקווידירט געווארן כ״ח ניסן תש״א. דאן זיינען די לעצטע אידן ארויסגעטריבן געווארן.


אנדריכאוו: א קליינע שטעטל אין וואדאוויצער געגנט, קראקאווער קרייז מיט 300 אידן וועלכע זיינען געווען נאר 3 פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג, וועלכע איז באשטאנען פון פאליאקן און אנטיסעמיטיש געשטימטע דייטשן. נאך איידער די דייטשן זיינען געקומען, איז דער רוב אידן אנטלאפן געווארן. די ביסל איבערגעבליבענע זיינען גרויזאם פארטריבן געווארן און זייער גאנצער פארמעגן איז צורויבט געווארן.

אזוי איז די קליינע קהלה ליקווידירט געווארן גלייך מיטן אנקומען פון די דייטשן.

אולנאוו: דארט האבן געוואינט 200 אידן. דאס איז געווען א אלטע קהלה, וואס האט געפירט א זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט נאך אין דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות״. ס׳רוב איינוואינער זיינען געווען גרויסע חסידישע אידן, וואס האבן געפירט א עכט חסידיש־טראדיציאנעלען תורה לעבן. ביים אריינקומען האבן די דייטשן גלייך אנגעהויבן הרגענען און רויבן די אידן מיט די גרויזאמסטע מיטלען. און אין פארלויף פון איין טאג זיינען די אידן פארוואנדלט געווארן אין א מאסע צובראכענע, פארקנעכטעטע שקלעטן, אויסגעליפערט דעם גרויליקן סאדיזם פון די נאציס. אין א גאר קורצער צייט זיינען אלע אידן אנטלאפן און אזוי איז ליקווידירט געווארן דער אידישער ישוב אין אולאנאוו.

ביאלע: א שטעטל אין קראקאווער קרייז אויפן גרעניץ פון שלעזיען מיט 1500 אידן. א קליין טייכל האט אפגעטיילט איר פון ביליץ, די בארימטע אינדוסטריע שטאט אין קאטאוויצער קרייז. דאס שטעטל האט זיך אין די לעצטע יארן פאר דער מלחמה ענטוויקלט א דאנק דער שכנות׳דיקער אינדוסטריע שטאט און עטליכע אונטערנעמונגען זיינען געגרינדעט געווארן אין ביאלע גופא.

די ביאלער אידן זיינען געווען טיף רעליגיעז און האבן געהיט אויפן טראדיציאנעלען לבוש. זיי האבן זיך געהאלטן ביי דער טראדיציע ביזן לעצטן טאג מיט אמת׳ער מסירת נפש. מיטן דערשיינען פון די דייטשן האבן ס׳רוב אידן אנטלאפן געווארן און דאס ביסל איבערגעבליבענע האבן געפילט אויף זיך די גרויל־טאטן פון דער ארטיקער באפעלקערונג און די דייטשע וואנדאלן צוזאמען. די שולן זיינען גרויזאם געשענדעט געווארן, אידישער פארמעגן איז צורויבט געווארן. די ארטיקע דייטשן און פאליאקן האבן געפירט די דייטשע סאלדאטן אין אלע הייזער פון די רייכערע אידן. ביטערער איז געווען דער גורל פון די פרומע אידן מיט בארד און פיאות. אין א קורצער צייט ארום האט דאס ביסל אידן וואס איז נאך געבליבן אויך געמוזט פארלאזן דער שטאט ניט טארענדיק מיטנעמען מיט זיך גארניט, לויט א ספעציעלן באפעל וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורך דער דייטשער מאכט וועגן אויסוואנדערונג פון די אידן פון קהלות אין דרום זייט פון קראקאווער קרייז.




הוי יהודי בפולין. בתמונה: פנים בית כנסת הרמ״א בקראקא. / דאס אידישע לעבן אין פוילן. אויפן בילד: די רמ״א שוהל אין קראקא.

בזשעסקא: א קליינע שטעטל אין קראקאווער קרייז מיט 600 אידן. בלוטיקע סצענעס האבן זיך אפגעשפילט אין שטעטל גלייך מיטן דערשיינען פון די נאציס. שוין אין ערשטן טאג האבן די דייטשן אויסגעשאסן ביי 30 אידן. נאך א געוויסער תקופה פון מארד און רויב, פון יסורים און שענדונג פון אלע אידישע הייליגטימער אין דער ערשטער צייט, האט זיך די לאגע א ביסל בארואיקט. אבער אפילו אין די „רואיקע״ צייטן איז ניט דורך קיין טאג אן פייניקונגען.

די בזשעסקער קהלה איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן דעם צווייטן טאג ראש השנה תש״ג. אלע אידן זיינען אין דעם טאג אוועקגעפירט געווארן אין פארניכטונגס־לאגער בעלזיעץ.

בלאזאוו: א אלטע שטעטל מיט 1000 אידן, וואס האט אין משך פון הונדערטער יארן געפירט א זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט. די איינוואינער זיינען כמעט אלע געווען חסידישע אידן שטרענג רעליגיעזע. ביים אריינקומען האבן די דייטשן גלייך אנגעהויבן מיט רויב און פאגראם וואס זיינען געווען באגלייט דורך שרעקליכע גזירות. שוין אין די ערשטע טעג, האבן די דייטשן פארפייניקט צום טויט 22 אידן, נאכדעם ווי מען האט זיי געפייניקט אויף א גרויזאמסטן אופן א לאנגע צייט.

באיטש: א שטעטל מיט 800 אידן אין צאנזער געגנט, קראקאווער קרייז, וואס האט געפירט א זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט נאך אין די צייטן פון „ועד ארבע הארצות״. דא האבן געוואינט בעיקר רעליגיעזע אידן, שארפע חסידים און בני תורה. דאס שטעטל איז איינגענומען געווארן גלייך אין דער ערשטער וואך פון דער מלחמה. א סאך באיטשער אידן זיינען אנטלאפן פון די מערדער און די איבערגעבליבענע האבן געהאט אויסצושטיין שרעקליכע יסורים פון ערשטן ביזן לעצטן טאג.



הוי יהודי בפולין. בתמונה: ישיבת חכמי לובלין
דאס אידישע לעבן אין פוילן. אויפן בילד: די ישיבת חכמי לובלין.

הופיעו הגרמנים במקום, אלה שנשארו גורשו באכזריות מבתיהם מבלי שהותר להם לקחת דבר מה מרכושם.

נוביטרג, קהלה מסודרת ופעילה במחוז קראקה בת 600 משפחות, שסבלו קשות מתושבי המקום הפולנים והגרמנים שהצטיינו באנטישמיותם ובשנאה ליהודים. בתרועות גיל קדמו תושבי המקום את הכובשים הגרמניים ומיד עם הופעתם הם הודרכו לשוד ולפרעות ביהודי המקום, שסבלו יותר מיהודי הקהלות השכנות. בצורה בסטיאלית ואכזרית ביותר עונו יהודים על ידי הגרמנים המקומיים שעלו בצמאונם לדם על החיילים הגרמניים. תוך ימים ספורים נשדדו יהודי נוביטרג ורבים מהם נהרגו ונפצעו. חלק מיהודי המקום ברחו כשכתונתם לעורם לקהלות הקרובות, אחרים נשארו בגיהנום זה עד לחיסולה הסופי של קהלה זו. (גיטו נוביטרג חוסל סופית בראשית שנת תש״ג).

ניפלומיצה, קהלה קטנה בסביבת בוכניה במחוז קראקה שמנתה קרוב למאה משפחות, שניהלו אורח חיים חרדי־מסורתי. עם הופעת הגרמנים במקום אסרו את מרבית יהודי המקום יחד עם מספר רב של פליטים שנקלעו לניפלומיצה. היהודים האומללים הוכו מכות רצח, נפצעו קשות בעת גזיזת זקניהם ופיאותיהם. הקלגסים הנאציים התעללו בזקן ובנער, ואחרי סבל בל יתואר העלו הכובשים באש את בתי היהודים וחללו את בית הכנסת המקומי.

(בתנאי עוני וסבל קשים המשיכו יהודי ניפלומיצה הנותרים את חיי היגון עד אשר ערכו בהם הנאצים טבח אימים בקיץ תש״ב, כך חסלו קהלה זו).

סוכה, קהלה בת 500 משפחות במחוז קראקה שפעלה מאות בשנים וידעה מסורת רבת תהלה. בני המקום התפרנסו ברווחה ממסחר ומלאכה, ניהלו אורח חיים חרדי־מסורתי מובהק ופיתחו פעילות ענפה בכל שטחי החיים.

עם כיבוש סוכה על ידי הגרמנים חוסלו ביום אחד כל מוסדות הקהלה, בית המדרש הוצת כשהגרמנים אסרו על יהודי המקום לכבות את הדליקה, יהודים שניסו להציל את ספרי התורה עונו באכזריות ונהרגו אחרי כן בידי הרוצחים. מחזות מסמרות שער ערכו הקלגסים ביהודי המקום שנסתיימו בטבח יהודים ופציעתם. חוקים דראסטיים העמידו את יהודי העיירה מחוץ לכל חוק. (קהלת סוכה חוסלה סופית בקיץ תש״ב עת הובלו בניה לטבח אימים בסביבה).

סטרוזשה, ישוב יהודי קטן של 30 משפחות ליד תחנת רכבת מסועפת, שפעל כקהלה עצמאית עם שירותים דתיים ומוסדות חנוך. עם הופעתם של הגרמנים במקום ערכו מיד טבח ביהודי הישוב הקטן, הרגו באכזריות זקן ונער, הנשארים ברחו כשכתונתם לעורם, כך חוסל סופית ישוב יהודי שפעל למעלה ממאה שנה.

סקאבינה, עיירה בסביבת קראקה ובה כ־100 משפחות. עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים הגיע סבל יהודי העיירה לממדים לא נודעים. באכזריות קשותה ללא דוגמא עונו יהודי המקום יום יום לפי תכנית ערוכה מראש. המפקד הגרמני של סקאבינה, התבלט בנטיותיו הברבריות וצמאונו לדם שלא ידע שבעה. (קהלת סקאבינה חוסלה סופית בקיץ תש״א עת גורשו יהודי המקום לפתע לקהלות הסמוכות).

פיאסקי־ווײלקי, ישוב יהודי קטן במחוז קראקה ובו 40 משפחות. מרבית יהודי המקום ברחו לפני הופעתם של הכובשים הנאציים, אלה שנשארו נאסרו על ידי הקלגסים בחלקם שוחררו כשהם פצועים קשה, אחרים לא חזרו כבר מבלי לדעת מה עלה בגורלם. היהודים המעטים שנשארו במקום גורשו כעבור שבועות מספר כשכתונתם לעורם.

צארנה־דונייץ, קהלה בת 300 משפחות מאוכלסת יהודים חרדים, יראים ושלימים אשר עד לפרוץ השואה יצאה לה שם כקהלה קדושה. יהודי העיירה התפרנסו בקושי ממסחר ורוכלות וניהלו אורח חיים מסורתי חסידי מובהק. קול תורה ותפלה בקע תמיד מבתי מדרש במקום וילדי העירה קבלו חנוך תורני טהור.

את זעמם הפראי שפכו הקלגסים הגרמניים מיום הופעתם בחרדי המקום. בתי מדרש נשרפו על ספרי תורה, כל מוסדות הקהלה חוסלו באכזריות ומחזות אימים נערכו נגד יהודים שנחטפו, עונש מות הוטל על נשיאת זקן או פיאות, ועל נשים יהודיות אשר תלכנה בכיסוי ראש. קנס כספי כבד הוטל על יהודי המקום „בגלל עריכת תפילות האסורות לפי החוק״. עינויי תופת היו מנות חלקם של יהודי צארנה דונייץ.

למרות משטר הדמים האיום המשיכו יהודי המקום במסורת הקדושה. תוך מסירות נפש החזיקו בתי תפלה והמשיכו לחנך את ילדיהם ברוח התורה. הקלגסים הנאציים שידעו כי יהודי העירה ממשיכים בחשאי למרות הכל באורח חייהם הגבירו את שלטון הטרור, הפילו קרבנות לרוב אבל לא הצליחו לשבור את רוחם של יהודי העירה החרדים. (קהלת צארנה דונייץ חוסלה סופית בחודש תמוז תש״ב עת הובלו כל בניה לגיא הריגה ליד קרוסנו ושם נטבחו עד אחד).

זי איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן ווען מען האט אלע אידן ארויסגעפירט קיין קראסנע און דארט זיינען זיי אלע אומגעקומען אין זומער פון יאר תש״ב·

באבאוו: א שטעטל מיט 1200 אידן ביי צאנז, קראקאווער געגנט· זי איז געווען א בארימטער צענטער פון אויסדערוויילטער חסידות, נאכדעם ווי דארט האבן זיך באזעצט די רביים פון באבאווער דינאסטיע· די באבאווער אידן זיינען ס׳רוב געווען חסידישע אידן מיט בארד און פיאות, וועלכע האבן געפירט א שטרענג רעליגיעזן לעבן· ווען די נאציס האבן באהערשט דאס שטעטל האבן אלע אידן געמוזט אפשערן די בערד און איבערהאקן מיט זייער פארוואָרצלט־רעליגיעזן לעבן· מיט חיה׳שער רציחה האבן די נאציס באפאלן די אידן, צוגערויבט אלץ וואס זיי האבן געהאט און דאס וואס זיי האבן ניט געקענט נעמען — פארניכטעט· מען האט אידן געכאפט אויף צוואנגס ארבייטן, וועלכע זיינען געווען באגלייט מיט גרויזאמע קלעפ און בלוט פארגיסונגען און א סאך אידן זיינען געפאלן אונטער די הענט פון זייערע פייניקער·

עדות דערציילן אז די באבאווער אידן האבן, ניט קוקענדיק אויף אלע גזירות, פארטגעזעצט זייער תורה׳דיקן לעבן — ביזן ביטערן סוף·


באראווא: א קליינע שטעטלע מיט 200 אידן אין קראקאווער קרייז· מערסטנטייל — פרומע אידן אנגעטאן אין טראדיציאנאלע קליידער· אויך דא האבן די דייטשן גלייך אנגעהויבן פאגראמירן די אידן· דער ארטיקער בית מדרש איז אונטערגעצונדן געווארן און די ספרי תורה — געשענדעט געווארן· אידן וואס האבן געפרווט ראטעווען א ספר תורה — זיינען אויפן ארט דערשאסן געווארן· מיט א אונערהערטער גרויזאמקייט האבן זיי צונויפגעטריבן די צום טויט דערשראקענע, אומבאהאלפענע אידן, און איינגעארדענט די גרויזאמסטע בלוט־סצענעס, רייסענדיק די בערד און פיאות און פייניקענדיק דערביי אפילו פרויען און קינדער· די פוילישע באפעלקערונג האט א טעטיקן אנטייל גענומען אין די פאגראמען געגן די אידן·

באכניע: א בליענדיקע קהלה אין קראקאווער קרייז, וואו עס האבן געלעבט פאר דער מלחמה קרוב צו 4000 אידן· דארט זיינען געווען אידן פון אלע שטרעמונגען, און יעדער שטרעמונג האט געפירט א לעבהאפטיקע טעטיקייט אויף אלע לעבנס־געביטן און האבן געגעבן א איבערוויגענדיקע ביישטייערונג צו דעם אלגעמיינעם וואילשטאנד פון דער באפעלקערונג·

עס איז איבעריק צו צוגעבן אז אויך באכניע האט דורכגעמאכט א תקופה פון די גרויזאמסטע יסורים און פיין ביזן לעצטן טאג·

אנפאנג תש״ד, זיינען די לעצטע באכניער אידן געפירט געווארן צום טויט·

בראנוויצא מאלא: א קליינע קהלה ביי קראקא מיט 300 אידן· האט זייער שווער געליטן אין די ערשטע טעג פון דער נאצי־הערשאפט, סיי פון די נאציס אליין און סיי פון די ארומיקע פאליאקן, וועלכע האבן טיילווייז געקענט די דייטשע שפראך און ביים דערשיינען פון די דייטשן האבן



הוי יהודי בפולין· בתמונה: בית כנסת העתיק בזולין / דאס אידישע לעבן אין פוילן· אויפן בילד: די אלטע שוהל אין זולין·

זיי זיך פארגעשטעלט אלס ארטיקע דייטשן וועלכע האבן זיך באמיט איינער איבעריאגן דעם צווייטן מיט זייער „נאציאנאלער איבערגעבנקייט״ צו די דייטשע וואנדאלן·

דער ארטיקער בית מדרש איז געשענדעט געווארן, די שולע — חרוב געמאכט· די אידישע באפעלקערונג האט אלץ מער און מער זיך איינגעשרומפן אונטער דעם מבול פון גזירות און אונטערדריקונגען, ביז מען האט זיי, א מאסע פון סקעלעטן, ארויסגעטריבן פון שטעטל·

בארעק פאלעצקי: א קליינער אידישער ישוב אין קראקאווער קרייז, וועלכע האט זייער שווער געליטן פון די נאציס· גזירות און סאדיסטישע שיקאנעס איז געווען דאס טאג־טעגליכע ברויט פון די הפקר־געווארענע אידן·


א פאר וואכן נאכן איינגעמען דאס שטעטל דורך די דייטשן האט מען אלע אידן ארויסגעטריבן פון זייערע היימען, זיי זיינען אוועק אוואו די אויגן האבן זיי געטראגן, בארוועס און נאקעט·

גראבאוו: א אלטע קהלה מיט 1600 אידן· די נאציס האבן שוין אין ערשטן טאג בעסטיאליש געפייניקט יעדן אידן וואס האט זיך געפונען אין זייערע הענט· אלע אידן זיינען געווארן אויסגערויבט ביזן לעצטן פאדים· ווער עס האט געהאט די „חוצפה״ זיך צו באקלאגן אויף די בעסטיאלישע רויבערייען, איז גלייך געהאנגען געווארן· יעדער וואס האט זיך געגנגעשטעלט אדער אפילו ניט געוואלט העלפן צו ראבעווען — איז דערשאסן געווארן· אין א פאר טעג ארום איז דאס שוין געווען א קבצנישע קהלה, פול מיט הונגעריקע און נאקעטע מענשן, אויסגעליפערט אויף לעבן און טויט אין די הענט פון בעסטיעס וועלכע האבן ארויסגעוויזן זייער גאנצע בעסטיאלישע בלוטדורשטיקייט אויף די דערשלאגענע, אומבאהאלפענע אידן·

די גראבאווער קהלה איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן א׳ אב תש״ב, ווען מען האט אלע אידן אויפן גרויזאמסטן אופן ארויסגעטריבן אין צאנזער געטא·

גידאאן: א קליינער אידישער ישוב אין קראקאווער קרייז מיט 200 אידישע נפשות· א סאך אידן זיינען דערהרגעט געווארן פון די נאציס גלייך ווי זיי זיינען אריין אין שטעטל· די איבערגעבליבענע האבן דורכגעמאכט אלע יסורי גיהינום· אין א קורצער צייט ארום האט מען זיי אלע ארויסגעטריבן צונעמענדיק פון זיי ביזן לעצטן פאדים·

גארליץ: א אלטע, בליענדיקע קהלה אין קראקאווער



הוי־יהודי בפולין. בתמונה: בית הכנסת העתיק בפשדבוזש.
דאס אידישע לעבן אין פוילן. אויפן בילד: די אלטע שוהל אין פשדבוזש.

צאנז, מהגדולות והמפוארות בקהלות ישראל במחוז קראקה, שפעלה קרוב לארבע מאות שנה והתבלטה בפעילתה כבר בימי ועד ארבע הארצות. צאנז הפכה במרוצת הימים למרכז ראשי לתנועה החסידית כבשתחומיה קבע את בית מדרשו אבי החסידות בגאליציה המערבית האדמו״ר רבי חיים מצאנז. בפרוץ השואה מנתה קהלת צאנז קרוב ל־11000 נפשות בין 30000 תושבי העיר.

יהודי צאנז עשו רבות לפיתוח העיר והסביבה. תודותם התפתח המסחר באיזור ואף הקימו תעשיה רצינית. מרבית עמדות המפתח של הכלכלה בסביבת צאנז היו בידי יהודים. אולם הדבר לא מנע תנועה אנטישמית ניכרת בגליל זה של מחוז קראקה.

חלפו רק ימים ספורים מאז פרצה מלחמת עולם האחרונה וצבאות גרמניה הנאצית כבשו את צאנז. ביום שני, כ״ב באלול הופיעו הגדודים הנאציים הראשונים ברחובות העיר, כששלטונות הפולניים נסו בבהלה ורק מעטים מיהודי העיר הצליחו לברוח. מיד החלו יסורי תופת ניתכים על בני קהלת צאנז, ורבים מפליטי הסביבה שמצאו להם מקום בעיר הגדולה. המפקדים הנאציים של צאנז נתגלו כסאדיסטים שואפי דם וטרף. חוקים אנטי יהודים הונהגו במהירות שהוציאו אותם מחוץ לכל חוק. פרעות רציניות והחרמות בלתי פוסקות עברו על יהודי העיר, השוד המאורגן רשש עד מהרה את בני הקהלה, כשכל מוסדות הציבוריים, הדתיים והכלכליים הוחרמו וחוסלו.

חטיפות לעבודה מלוות עינויים אכזריים נערכו מדי יום ביומו, אנשים שנחטפו לעינויים הועמדו שעות רבות ליד הקיר, כשידיהם מורמות למעלה, כאילו הם מוציאים להורג ואכן, רבים מיהודי המקום מצאו את מותם בימים הללו. במיוחד עונו נשים. מחזות מסמרות שער נערכו על ידי הקלגסים הסאדיסטיים ברחובות העיר, יהודים חרדים שנחטפו אולצו תחת מכות רצח להופיע עטופי טליתים ותפילין בשוק ולרקוד לקצב מהלומות קשות שניתכו על ראשם. כך, הוכנסו יהודי צאנז לתקופת הדמים האיומה שנמשכה בכל ימי שלטונם של הנאצים. (קהלת צאנז חוסלה סופית בימים כ״ב־כ״ג כסלו תש״ג עת הוצאו בניה לטבח).

קשאנוב, הקהלה השלישית בגדלה בין קהלות ישראל במחוז קראקה בפרוץ השואה, שמנתה בימים הללו 13000 נפש. מאות בשנים פעלה קהלת קשאנוב, הצטיינה בפעילותה כבר בימי ועד ארבע הארצות ולפניו. יהודי העיר תרמו רבות לפיתוח המקום שהפך למרכז תעשיתי ומסחרי ועשו רבות לשגשוגה של העיר.

קשאנוב נכבשה על ידי הקלגסים הנאציים כבר בימים הראשונים להסתערות הגרמנית על פולין, חלק מבני הקהלה הצליחו לברוח לאיזורים המזרחיים של פולין ומהם ועברו לשטח הכיבוש הרוסי. אולם מרבית בני המקום נשארו בקשאנוב ושתו את כוס התרעלה עד תומו. האוכלוסיה היהודית בעיר המשגשגת טעמה את טעמם של יסורי תופת כבר מהיום הראשון לכיבוש הגרמני ומאז לא פסקו היסורים אף ליום אחד.

עם הופעתם של הרוצחים הנאציים נאסרו רבים מיהודי העיר, ובעיקר יהודים חרדים שאולצו להתעטף בטליתים ולעטור בתפילין, ואחרי שהגרמנים ערכו מחזות אימים נגדם הם הושכבו על הקרקע ונורו עד אחד. השוד המאורגן נגד יהודי העיר בוצע בקפדנות ולא נשאר כמעט בית יהודי שלם. מעשי השוד היו מלוים במעשי רצח והרס, תוך פציעת אנשים לשם הנאה. קנס כספי כבד הוטל על הקהלה לשם הבטחת „השמירה על הסדר וביצוע החוקים״. כל מפעלי היהודים ומוסדותיהם הוחרמו. תוך ימים ספורים הפכו בני קהלת קשאנוב לעדת מעונים, לשלדי אדם מחוסרי כל. (קהלת קשאנוב חוסלה סופית בחודש אדר תש״ג, עת הוצאו אחרוני בניה לטבח).

קרעניץ, עיר קיט בהרי הקרפטים המערביים לשם נהרו רבבות נופשים יהודים מכל רחבי פולין. קהלת קרעניץ מנתה 300 משפחות ויותר, שהתפרנסו בעיקר ממפעלי הקיט. עם הופעתם של הגרמנים במקום ברחו רבים מיהודי העיר, אלה שנשארו הוצאו ברובם מבתיהם והפכו תוך ימים ספורים לעדת עבדים נטולי כל זכויות. כעבור זמן מה גורשו אף הם מקרעניץ שנשארה „יודענריין״ לחלוטין.

קרוסנו, קהלה בת 700 משפחות ויותר ממחוז קראקה שהפכה לגיא הריגה בשביל רבבות יהודי גאליציה המערבית בכלל ומחוז קראקה בפרט. הכובשים הנאציים הפכו את קרוסנו למקום רכוז לשם הובלו יהודי העיירות והגיטאות מהסביבה הקרובה והרחוקה ובמבואות העירה נטבחו באכזריות. בני קהלת קרוסנו עצמם אף הם מצאו את מותם, מות קדושים ליד העירה, כשמדרונות הסביבה הפכו לקבר אחים ענקי לרבבות יהודים קדושים וטהורים שמצאו שם את מותם על קדוש השם.

קושיצה, קהלה קטנה במחוז קראקה המאוכלסת סוחרים זעירים ובעלי מלאכה, שנכבשה על ידי הגרמנים בימים הראשונים להסתערות הנאצית על פולין. הסבל שעבר על קהלות ישראל במחוז קראקה ובפולין כולה לא פסח על בני קהלת קושיצה שסבלו עם אחיהם. (קהלת קושיצה חוסלה ביום כ״ו בחשון תש״ג עת גורשו כל בניה לטבח).

קרושצינקו־שטשווניץ, קהלה קטנה ליד עיירת הקיט שטשווניץ שמנתה 50 משפחות שסבלה רבות מיום הראשון

קרייז האט געציילט ביים אויסברוך פון מלחמה 4200 אידן· די קהלה האט א סאך דורכגעליטן אין איר צוויי הונדערט יעריקער עקזיסטענץ· אין די יארן תרל״א און תרנ״ו האבן זיי דורכגעלעבט שווערע פאגראמען וועלכע זיינען דורכגעפירט געווארן דורך די ארטיקע פאליאקן און די גארליצער אידן האבן דוקא ארגאניזירט א ווידערשטאנד די פאגראמשטשיקעס· די אידן האבן ענטוויקלט די ווירטשאפט פון שטאט און פארוואנדלט דער שטאט אין א בליענדיקער געגנט פון ווירטשאפטליכן און קולטורעלן זין·

א סאך אידן זיינען אנטלאפן נאך איידער די דייטשן האבן אקופירט דער שטאט אבער מערסטנטייל זיינען געבליבן און אויסגעטרונקען דעם ביטערן כוס ביזן סוף· די ליידן פון די גארליצער אידן און ספעציעל פון די רעליגיעזע קען מען מיט ווערטער ניט איבערגעבן·

כ״ג טבת תש״ג איז געווען דער לעצטער טאג פון איר עקזיסטענץ· מען האט אלע אידן ארויסגעטריבן אין די ארומיקע געטאס וואו זיי זיינען גרויזאם אומגעקומען·

דאבראמיל: א אלטע קהלה אין קראקאווער קרייז, וואס איז שוין געווען טעטיק אין דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות״· איז אונטערגעגאנגען, ביים ליקווידירן די איבעריקע אידישע קהלות אין קראקאווער קרייז, זומער תש״ב·

דעמביץ: א קהלה מיט קרוב צו 3000 אידן אין קראקאווער קרייז· די אידישע איינוואינער האבן זיך בעיקר פארנומען מיט האנדל און האנטווערקעריי און זיינען געווען, אין דער איבערוויגענדיקער מערהייט, חסידישע אידן וועלכע זיינען געווען זייער טעטיק אין אלע צווייגן פון לעבן·


מיטן איינגעמען דער שטאט האבן די דייטשן גלייך ליקווידירט אלע אידישע אינסטיטוציעס און פארוואנדלט די אידן אין א מאסע בעטלער, הונגעריקע, קראנקע און אפגעריסענע וועלכע זיינען יעדן טאג אויסגעשטאנען א באזונדער גיהינום·

די דעמביצער קהלה איז ליקווידירט געווארן ענטגילטיק כ״ו אייר תש״ג, ווען די לעצטע אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן צום טויט·

דזיקאוו: א קליינע אידישע קהלה מיט 150 משפחות, ס׳רוב פון זיי סוחרים און קליינהענדלער און כמעט אלעשטרענג רעליגיעזע אידן· מיטן אנקומען פון די נאציס האט זיך אנגעהויבן דער יסורים וועג פון די אידן· א סאך אידן זיינען באלד אויסגעהרגעט געווארן מיט אויסערגעווייןליכע יסורים און די איבעריקע זיינען דורכגעגאנגען דעם גיהינום ביזן לעצטן טאג ווען מען האט זיי אלעמען אוועקגעפירט צום טויט·

דאמבראווע: א אלטע קהלה אין טארנאווער געגנט, קראקאווער קרייז, וועלכע האט זיך שוין אויסגעצייכנט נאך אין דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות״· ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן דארט געלעבט 3000 אידן·

די דאמבראווער קהלה האט געפירט א לעבהאפטע געזעלשאפטליכע און רעליגיעזע טעטיקייט און האט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע אנשטאלטן און אונטערנעמונגען· ווי אויך מיט אירע בארימטע רבנים·



הוי יהודי בפולין· בתמונה: ארון הקודש בבית כנסת עתיק בלובלין· דאס אידישע לעבן אין פוילן· אויפן בילד: א ארון הקודש אין א לובלינער שוהל·

א טייל דאמבראווער אידן זיינען אנטלאפן נאך איידער די נאציס זיינען געקומען· די געבליבענע האט מוראדיק געליטן פון נאצישן מערדערישן סאדיזם ביזן לעצטן טאג·

זומער תש״ב, איז די קהלה ליקווידירט געווארן· א טייל האבן די נאציס אויסגעהרגעט אויפן ארט און א טייל זיינען אוועקגעפירט געווארן אין פארניכטונגס לאגער·

דאברע: א שטעטל ביי טארנאוו, קראקאווער געגנט מיט 100 אידישע משפחות, ס׳רוב פון זיי שטרענג רעליגיעזע חסידישע אידן· א טייל פון די אידן זיינען אנטלאפן אין די מזרח־געגנטן פון פוילן נאך איידער די נאציס זיינען געקומען, די איבערגעליבענע זיינען, ווי אלע זייערע ברידער, אויסגעשטאנען שבעה מדורי גיהינום יעדן טאג·

זומער תש״ב, האט מען די דאברער אידן אוועקגעפירט אין געטא פון קראסנא און אין אנדערע פארניכטונגסלאגערן·

דוקלע: א אידישע קהלה מיט 2000 אידן אין קראקאווער קרייז· ס׳רוב — שטרענג רעליגיעזע אידן וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער תורה׳דיק לעבן· די דייטשן האבן גלייך, ביים דערשיינען אין שטעטל, פארמאכט אלע אידישע אינסטיטוציעס און שרעקליך געפייניקט און שיקאנירט ספעציעל רעליגיעזע אידן· מיט שוידערהאפטן סאדיזם האבן די נאציס פארשוועכט אלע אידישע הייליגטימער, אידן האבן זיך מוסר נפש געווען צו ראטעווען וואס עס האט זיך געלאזט און מאנכע האבן זיך געווארפן אין פייער צו ראטעווען ספרי תורה — און באצאלט פאר דעם מיט זייער לעבן·

זומער תש״ב האט דוקלע אויפגעהערט צו עקזיסטירן· אלע אידן זיינען אויפן גרויזאמסטן אופן אויסגעהרגעט געווארן·

הוסקאוו: א קליינער אידישער ישוב, וואס איז נאך געווען טעטיק אין די צייטן פון „ועד ארבע הארצות״· די הוסקאווער אידן, דער גרעסטער טייל שטרענג רעליגיעזע, האבן שוין אין די ערשטע טעג פון דער נאצי הערשאפט געהאט אויסצושטיין געברענטע צרות· עטליכע צענדליק אידן זיינען אויסגעהרגעט געווארן און די אנדערע האט מען גרויזאם געפייניקט· דעם בית מדרש האבן די וואנדאלן פארברענט מיט די ספרי תורה און די נאציס האבן געהיט אז עס זאל פון אים גארניט געראטעוועט ווערן·

דער ישוב איז אונטערגעגאנגען ענטגילטיק אין זומער תש״א, ווען מען האט אלע אידן ארויסגעפירט אין די ארומיקע געטאס, ניט ערלויבענדיק מיטצונעמען גארניט·



הוי יהודי בפולין. בתמונה: פנים בית כנסת בקראקא. / דאס אידישע לעבן אין פוילן. אויפן בילד: אין א קראקווער שוהל.

לכיבוש המקום על ידי הגרמנים. במיוחד שפכו הרוצחים הנאציים את זעמם על החרדים וער־כו נגדם מחזות אימים. (קהלה קטנה זו חוסלה סופית בקיץ תש״ב עת ערכו הרוצחים טבח אי־מים בבני הקהלה).

ראבקה, עיר קיט בהרי הקרפאטים המע־רביים ובה קהלה מסו־דרת בת 200 משפחות. עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים ביום ג׳, כ״ג באלול נערך מיד מבצע החרמה כללי של רכוש יהודי ראבקה. כל יהודי שנאשם על ידי הגרמנים כאילו הוא מתנגד לשוד, נורה מיד. קנס כספי גדול הוטל על בני הקהלה בגלל „הנסיון להתנגד למבצעי החוק״.

חיילים נאציים רבים שנהרו למקום התעללו קשות בכל יהודי שנתקל בדרכם, ויהודים רבים מצאו את מותם אחרי עינויים קשים מידי שוביהם. חטיפות לעבודה של יהודי ראבקה, מלוות עינויים אכזריים ואף מעשי רצח בוצעו יום יום. כמעט ולא נשאר יהודי בראבקה, כבר בימים הראשונים לכיבוש שלא נפגע קשה בגופו על ידי הרוצחים.

כעבור חדשים מספר גורשו היהודים האומללים מהמקום ורק מתי מספר, עובדי כפיה נשארו ואף הם חוסלו בטבח אכזרי בתקופה מאוחרת יותר.

ראדזישוב, עיירה קטנה במחוז קראקא שמנתה עד 60 משפחות. עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים נערך טבח אכזרי ביהודי המקום ואלה שנשארו בחיים גורשו כשכתונתם לעורם.

רידניק, קהלה עתיקה במחוז קראקה שמנתה בפרוץ השואה 200 משפחות, מאוכלסת בעיקר יהודים חרדים. כבני קהלות אחרות במחוז קראקה עברה קהלת רידניק את נתיב היסורים והיגון בימי הכיבוש הנאצי עד תומו. (קהלת רידניק חוסלה סופית בקיץ תש״ב עת הועברו בני הקהלה לטבח לקרוסנו).

ראדומישל־ווילקי, קהלה מכובדת באיזור טרנוב, במחוז קראקה שמנתה בפרוץ השואה 1900 נפשות וניהלה חיי ציבור פעילים וערים בכל שטחי החיים. עם כיבוש פולין על ידי הגרמנים הפכה קהלת ראדומישל לעיר מקלט למגורשים רבים, ולמרות התנאים הקשים ויסורי איוב שהיו מנת חלקם של בני המקום, קלטו יהודים רבים ודאגו להם.

עינויים אכזריים וסבל קשה ידעו יהודי ראדומישל, כל מוסדות היהודים חוסלו או הוחרמו בכל זאת, תוך עוני וצער המשיכו יהודי המקום את חייהם תוך תקוה לעתיד. אולם משאלתם לא עלה בידם. (קהלת ראדומישל חוסלו; סופית ביום ה׳ באב תש״ב עת גורשו כל בני המקום והובלו להשמדה).

שטשווניץ, עיירת קיט ומרפא במחוז קראקה בה פעלה קהלה בת 100 משפחות בערך. (הקהלה חוסלה סופית בשלהי תמוז תש״ב עת גורשו יהודי המקום לגיטו נוביטרג ומשם הועברו לגיא הריגה ונהרגו עד אחד).

קהלות ישראל במחוז לודז

בלב לבה של פולניה הקונגרסאית השתרע המחוז האדמי־ניסטראטיבי של לודז, שהוקם עם כנונה של מדינת פולין העצמאית. קהלות ישראל במחוז זה ובראשן קהלת לודז שגשגו והתפתחו בדורות האחרונים תודות להתפתחות התעשיה באיזור. בעוד וקהלות עתיקות בפולין שמרו בקושי על מעמדן ומהן הצטמצמו והלכו, התפתחו עשרות קהלות באיזור לודז בצעדי ענק, הגירה מתמדת של יהודים מאיזורים רבים בפולין למחוז לודז נמשכה והלכה בדורות האחרונים עד לפרוץ השואה ולחורבנה של יהדות פולין.

בשנת 1939 הגיע מספר היהודים במחוז לודז קרוב ל־400,000 נפש, כולל גליל קאליש, קונין וקאלא, אשר השתייכו תקופה מסוימת למחוז פוזנה או פומרניה, אבל היוו למעשה חלק בלתי נפרד של קהלות ישראל במחוז לודז. הגרמנים, תושבי המחוז היו אמנם הראשונים אשר הקימו מפעלי תעשיה במקום, אבל בממדים די מצומצמים. אחריהם באו יהודים שפיתחו את התעשיה והמסחר במחוז כולו. בשנת תרנ״א היגרו לאיזור לודז בעלי הון וסוחרים יהודים שגורשו ממוסקבה ויחד עם היהודים הפולניים הפכו את לודז ואת מחוזה למרכז של מסחר משגשג ושל תעשיה מפותחת.

בהתמדה, תוך עמל רב הקימו יהודי מחוז לודז את התעשיה הפולנית. מתוך 29,964 מפעלי תעשיה ובתי מלאכה שבמחוז (בשנת 1939) השתייכו 13,728 מפעלים ליהודים. הגרמנים לא הסתירו את העובדא כי במחוז לודז שדדו מיהודים רכוש שערכו נאמד במיליארדי זהובים. נתונים חצי רשמיים של שלטונות הכיבוש הנאציים מסרו כי במחוז לודז הוחרמו מידי יהודים המפעלים דלהלן: 70 בנקים ומוסדות כספיים, 3500 בתי חרושת ומפעלים לטקסטיל, 800 מפעלים תעשיתיים אחרים, 500 בתי מסחר סיטונאיים, 8500 בתי מסחר קמעוניים, 8200 בתי מלאכה. למעלה מ־3000 „קומיסארים״ אריים קבלו את הרכוש העצום הזה לידיהם בשם הרייך השלישי.

70—80 אחוז מתעשית הטקסטיל ותעשית העזר היתה בידי יהודים בפרוץ השואה. תוך תקופה קצרה ביותר נשדד מהם הכל. מר היה גורלם של מאות אלפי יהודים במחוז זה, ממשלת גרמניה הנאצית גמרה אומר להפוך את מחוז לודז וכמה איזורים ממחוז ווארשה למחוז גרמני טהור. החליטה ליישב במקום אלפי גרמנים מליטה ולטלנד שהיו צריכים לצאת את איזור ההשפעה הרוסי מיד אחרי תום הקרבות בפולין לפי הסכם מיוחד בין גרמניה ורוסיה הסובייטית. שלטונות הכיבוש הנאציים החליטו על גירוש

וואלא דוכאצקא: א קליינער אידישער ישוב מיט 150 משפחות אין קראקאווער קרייז, וואס האט געפירט א אינ־טענסיווע טעטיקייט אויף אלע אידישע געביטן ביזן ארייג־מארש פון די דייטשן. דאן האט זיך אנגעהויבן דער גיהינום. א ארגאניזירטער רויב־צוג איז דורכגעפירט געווארן און יע־דער איד וואס האט זיך געגענגעשטעלט אדער ניט געוואלט מיטהעלפן ביים רויב, איז דערשאסן געווארן אויפן ארט. די ארטיקע אידן האט מען גענויט אויסצופירן די שווערסטע ארבייטן פאר די מערדער ווערנדיק דערביי גרויזאם געפיי־ניקט. פארשטייט מען אז אין אזוינע באדינגונגען איז די קליינע קהלה אין א גאר קורצער צייט פארוואנדלט געווארן אין א מאסע הונגעריקע, צום־טויט פארמשפטע מענשן. נאכדעם ווי מען האט זיי אויסגעליידיקט און אויסגעפיי־ניקט האט מען אלע אידן ארויסגעטריבן בארוועס און נאקעט.


וויעליטשקא: א חשובע קהלה אין קראקאווער קרייז מיט מער ווי 3000 אידן, וואס האט אין פארלויף פון כמעט 200 יאר, געפירט א ארגאניזירטן, זייער טעטיקן קהל׳שן און רעליגיעזן לעבן. די שטאטישע אידן האבן ענטוויקלט דעם שטאטישן האנדל און אינדוסטריע און פארוואנדלט דער שטאט און דעם גאנצן געגנט אין א בליענדיקן ווינקל פוןווירטשאפטליכן שטאנדפונקט.

ווי אומעטום אזוי אויך אין וויליטשקע האט זיך אנגע־הויבן דער גיהינום שוין דעם ערשטן טאג פון דער נאצי־הערשאפט. 8 אידן האבן די דייטשן דערשאסן גלייך ביים ארייינקומען. ווי עדות גיבן איבער איז דאס ליידן פון די וויעליטשקער אידן איבערגעשטיגן דאס ליידן פון די אידן אין די ארומיקע שטעטלעך.

דער וויעליטשקער געטא איז ליקווידירט געווארן ט״ו אלול תש״ב, ווען אלע אידן זיינען ארויסגעפירט געווארן צום טויט.

וואדאוויצא: 250 אידישע משפחות האבן געלעבט אין דער שטעטל אין קראקאווער קרייז. דער גרעסטער טייל פלאם־פייערדיקע חסידישע אידן. זיי זענען געווען סוחרים און קליינהענדלער וואס האבן געהאט שיין פרנסה. מיטן ערשיינען פון די דייטשן האט זיך אנגעהויבן פאר די אידן א גרויליקער לעבן. די ארטיקע פאליאקן האבן מיט גרעסטן אייפער מיטגעהאלפן די נאציס אין זייער מערדערישער ארבעט. די שולן זיינען געשענדעט געווארן עפענטליך אונ־טערן יובל־געשריי פון די פאליאקן. אלע אידן זיינען אויס־געריבט געווארן און אנדערע האבן נאך באקומען גרויסע געלט שטראפן. אלע אידן זיינען פארוואנדלט געווארן אין די נידעריקסטע צוואנגס־ארבייטער. דעם וואס מען האט געכאפט ביי דאווגען אדער לערנען, איז פארמשפט געווארן צום טויט. ספעציעלע געזעצן זיינען ארויסגעגעבן געווארן ניט דערלאזן אידן מקיים זיין די מצוות, אז אידן דארפן אפשערן בארד און פיאות און אז פרויען טארן ניט אנטאן קיין פארוקן.

די וואדאוויצער קהלה איז ענטגילטיק אונטערגעגאנגען, תשעה באב, דעם טאג פון אלגעמיינעם חורבן, תש״ג. ווען מען האט אלעמען אוועק־געפירט אין פארניכטונגס־לאגער אוישוויץ.



הוי יהודי בפולין. בתמונה: ארון הקודש בבית כנסת בקאליש / דאס אידישע לעבן אין פוילן. אויפן בילד: דער ארון הקודש אין קאלישער שוהל.

וויעלאפאלי: א הע־כער 200 יעריקע קהלה מיט 300 אידישע משפחות. ביים ארייינמארשירן אין ש־טעטל האבן די דייטשן איינגעארדענט א בלוטיקן פאגראם אויף די איבער־געבליבענע אידן וואס זיי־נען ניט אנטלאפן. נאך די ערשטע פאגראמען, האט זיך די לאגע א ביסל פאר־בעסערט. קיין בלוטיקע פאגראמען זיינען ניט גע־ווען, אבער די אידן זיינען געווארן צוואנגס־ארביי־טער, אויסגערויבט און הונגעריקע און אויסגעליפערט צום פאמעליכן טויט.

ה׳ תמוז תש״ב איז דורכגעפירט געווארן די לעצטע „אקציע״ און די לעצטע אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן צום טויט.

די וויעלאפאליער קהלה איז מערניט געווען.


זשמיגאראד: א אלטע קהלה, מיט 1800 אידן אין קראקאווער קרייז, וואס האט שוין געפירט א זעלבסט־שטענדיקע טעטיקייט נאך אין די צייטן פון „ועד ארבע הארצות״. דער גרעסטער טייל אידן זיינען געווען שטרענג רעליגיעז, זיך מפרנס געווען פון האנדל און דארפסגייער. אבער האבן ענטוויקלט א ברייט פארצווייגטע גייסטיקע טעטיקייט. גלייך מיטן ערשיינען פון די נאצים איז דאס אידישע לעבן — אפגעהאקט געווארן, דאס גייסטיקע ווי דאס געזעלשאפטליכע. אבער טראץ די שוידערליכע אומ־שטענדן, האבן די זשמיגאראדער אידן פארטגעזעצט זייער טראדיציאנעלן לעבן און אפגעהיט מיט אמת׳ע־מסירות נפש אלע מצוות פון דער תורה.

אין זומער תש״ב, זיינען אלע זשמיגאראדער אידן אוועק־געפירט געווארן צום טויט.

זשעפיניעק: א קליינער אידישער ישוב ניט ווייט פון צאנז וואס איז שוין געווען טעטיק הונדערטער יארן. די אידן האבן געצויגן זייער ארימע חיונה פון דארפסגייעריי און קליינהאנדל. די דייטשן האבן געפייניקט די אידן ניט ווייניקער ווי זייערע ברידער אין אנדערע ערטער. א טייל פון די אידן זיינען אנטלאפן אין די מזרח געביטן פון פוילן, און די איבעריקע האבן דורכגעמאכט דעם גאנצן גרויל פון דער נאצישער הערשאפט ביזן סוף.

אלע אידן פון שטעטל זיינען אויסגעהרגעט געווארן אין זומער תש״א.

זאגאזשאן: א אידישער ישוב מיט 200 משפחות אין קראקאווער קרייז. וואס האבן געלעבט פון דארפסגייעריי און זיך געמאטערט מיט פרנסה. אבער געפירט א שיינעם,



הוי יהודי בפולין. בתמונה: חזית בית הכנסת בפשדבוזש.
דאס אידישע לעבן אין פוילן. אויפן בילד: די שוהל אין פשדבוזש.

טוטאלי של האוכלוסיה היהודית במחוז לודז מיד עם כיבוש האיזור. הגירושים אמנם לא בוצעו במועד שנקבע בשלימות בגלל קשיים טכניים ומסיבות אחרות, אולם הם הוצאו לפועל במדה כזאת, שהספיקה להרוס לחלוטין את קהלות ישראל באיזור.

לפני השואה גרו במחוז לודז 130 אלף גרמנים בערך, כ־6 אחוז מכלל התושבים, אליהם נתוספו כל הפולנים דוברי גרמנית, אלה באלה התחרו ביניהם בהפגנת „אדיקות לנאציזם", בגלוי רגשי שנאה ליהודים, בהשתתפות פעילה בפרעות נגד יהודים, במעשי שוד ורצח. לקלגסים הנאציים, שהשתלטו במהירות על המחוז נתוספו עוזרים לרוב בדמות התושבים המקומיים, שעמלו קשות להרוס את קהלות ישראל.

חורבן קהלת לודז

צעירה לימים היתה קהלת לודז, השניה בגדלה בין קהלות ישראל בפולין בפרוץ השואה. ראשוני היהודים התיישבו בלודז בשנת תק"פ, בימים ההם כפר קטן בן 800 תושבים, ששכן בין קהלות לאסק ופיטרקוב העתיקות, לא הרחק מליטומירסק העיר. בתקופה זו החלו מספר גרמנים להקים במקום תעשיה של צמר ומוצרי טקסטיל.

תוך שנים מספר צצו בלודז מספר רב של מפעלי תעשיה, בעלי הון יהודים הלכו בעקבות בעלי התעשיה הראשונים, אורגים ופועלים יהודים התיישבו בעיר ובסביבתה, המרכז התעשיתי החל להתפתח בצעדים מהירים. בשנת תקפ"ג פעלה בלודז קהלה בת 300 יהודים וכרבה הראשון של הקהלה כיהן הג"ר הלל, כעבור חמשים שנה, בשנת תרל"ג כבר מנתה קהלת לודז חמשים אלף נפש, וכעבור מאה שנה, בשנת תרפ"ג למעלה ממאה וחמשים אלף נפש.

קהלת לודז במספרים

השנה	מספר התושבים	מספר היהודים	אחוזים
1821	800	200	25·0
1872	55,000	11,000	20·0
1876	79,000	16,000	19·8
1904	290,000	74,000	24·0
1911	407,000	99,000	24·7
1921	521,000	141,000	27·1
1931	614,000	186,000	30·4
1939	650,000	225,000	34·4

היהודים לקחו חלק מכריע בהתפתחות לודז. מרבית מפעלי התעשיה והמסחר הוקמו על ידם, בשנת תרצ"א היה 80 אחוז מהמסחר הסיטונאי בידי יהודים, 73·6 אחוז מהמסחר הקמעוני וכן 81·8 ממוסדות הכספיים והבנקים שפעלו במקום. מתוך 8414 מפעלי תעשיה ומלאכה בלודז היו 5500 בידי יהודים. 55 אחוז מהתעשיה הגדולה, 77·6 אחוז מהתעשיה הבינונית וכן 82·2 אחוז מהתעשיה הזעירה היה בידי יהודים.

יחד עם ההתפתחות הכלכלית ידעה קהלת לודז פעילות למופת בכל שטחי החיים. מוסדות פאר הוקמו על ידי יהודי לודז, בתי חולים ומפעלים סוציאליים. קהלת לודז הצטיינה בפעילותה המסודרת ורבת הגוונים. למפעלי הסעד והעזרה של יהודי לודז יצאו מוניטין בכל רחבי פולין ומחוצה לה. רבנים מפורסמים כהנו פאר בקהלה משגשגת זו, דוגמת הג"ר יחזקאל נומברג, הג"ר אליהו חיים מייזל והגר"י טריסטמן.

מרבית יהודי לודז היו חרדים ושומרי מסורת, השלטון בקהלה הגדולה היה בידי „אגודת ישראל", ומוסדות תורה ורשת חנוך ענפה פעלו בתחומי העיר. למרות העובדא שיהודי לודז ברובם המכריע באו מקהלות שונות ומאיזורים שונים מפולין ומחוצה לה, התגבשה יהדות לודז לחטיבה אחת, מלוכדת פחות או יותר ויצרה במרוצת הזמן את הטיפוס המיוחד במינו של היהודי הלודזאי, יהודי בעל לב חם ורגש לזולת.

קהלת לודז הפכה גם למרכז לחסידות ולפעילות ציבורית ותרבותית. מאות בתי כנסת ובתי תפלה פעלו בעיר, מלאה חיים תוססים ופעילות בכל שטחי החיים.

בפרוץ מלחמת העולם האחרונה אמרו שלטונות פולין להגן על בירת התעשיה הפולנית ועל העיר השניה בגדלה במדינה. יהודי לודז התגייסו בהמוניהם להקמת חפירות מסביב למבואות העיר, אבל הצבא הגרמני עבר על העיר בתנועת מלקחיים אדירה, לודז כמעט ולא הורעשה מהאויר,

חסידיש־אידישן לעבן· ביים אריינקומען פון די דייטשן האט מען אלע אידן ארויסגעטריבן ניט ערלויבענדיק זיי מיט־צונעמען דאס נויטיקסטע·

בארוועס און נאקעט האבן די אידן פארלאזן זייער שטעטל — נאך הונדערטער יארן פון אידישער עקזיסטענץ·

זביערשאוו : א קליינער אידישער ישוב אין קראקאווער געגנט מיט 40 משפחות· מיטן אריינקומען אין שטעטל האבן די דייטשן גלייך אנגעהויבן איינארדענען פאגראמען, א פאר אידן און צווישן זיי עטליכע פליטים וואס זיינען אריינגעפאלן אין די הענט פון די נאצישע סאלדאטן, זיינען אויפן ארט דערשאסן געווארן און אריינגעווארפן געווארן אין א גרוב· אין זעלבן טאג פארנאכט, האבן די נאציס זיך א לאז געטאן אויף די אידישע הייזער, גערויבט אלע ווערט־פולע זאכן און דערביי פארוואונדעט א סאך אידן· דער גרעס־טער טייל אידן זיינען אנטלאפן קוים מיטן לעבן, דאס ביסל איבערגעבליבענע האבן געהאט אויסצושטיין דעם גיהינום אליין און עטליכע מאנאטן ארום האט מען זיי גרויזאם אויסגעהרגעט·

זאקאפאנע : דאס שענסטע פון די פוילישע דאטשע־שטעט אין די מערב׳דיקע קארפאטן־בערג, וועלכע איז אין די לעצטע יארן געווארן די צענטראלע דאטשע־שטאט אין פוילן· צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער שטאט האט זיך אויך איינגעפונדעוועט א אידישע קהלה וועלכע האט אין די לעצטע יארן פאר דער מלחמה געציילט 1000 אידישע נפשות· די יונגע קהלה האט ענטוויקלט א ברייט פארצווייג־טע טעטיקייט אויף אלע געביטן און ספעציעל אויפן רעלי־גיעזן און סאציאלן געביט· די אידן האבן געהאט א גרויסן חלק אין דער ענטוויקלונג פון דער שטאט·

ביים פאלן פון זאקאפאנע אין דייטשע הענט, האבן א טייל פון די אידן אנטלאפן אין מזרח־געביטן, די געבלי־בענע זיינען באלד פארשקלאפט געווארן אונטער די נאציס און געפייניקט געווארן ביי די גרויזאמסטע באדינגונגען פון צוואנגס־ארבעט· צענדליקער אידן זיינען באלד אויסגעהרגעט געווארן, און די איבעריקע זיינען געפייניקט געווארן דורך די טויזנטער נאצישע סאלדאטן וועלכע זיינען געקומען קיין זאקאפאנע צום אפרוה און פארברענגען· אין א קורצער צייט ארום האבן די מערדער באשלאסן צו ליקווידירן דער אידישער קהלה· מען האט ארויסגעטריבן אלע אידן פון זייערע הייזער, אויסגעשאסן אלעמען און די טויטע קער־פערס אריינגעווארפן אין גריבער צווישן די בערג פון זאקא־פאנע·

זיעלאנקי : נאר עטליכע צענדליק משפחות האבן גע־וואינט אין דער קליינער שטעטל וועלכע האבן זיך מפרנס געווען מיט גרויסע שוועריקייטן פון דארפסגייעריי און האנט־ווערקעריי· אלע טיף רעליגיעזע, חסידישע אידן· ביים אריינ־קומען אין שטעטל האבן די נאציס ארויסגעטריבן אלע אידן פון די הייזער, שוידערליך געפייניקט הרגענדיק דערביי עטליכע אונטערן אויסרייד אז זיי האבן געשטעלט א ווידער־שטאנד די דייטשן· אין א קורצער צייט ארום האט מען די לעצטע אידן ארויסגעטריבן נאקעט און בארוועס·

טארנאוו : די צווייט־גרעסטע אידישע קהלה אין קרא־קאווער קרייז מיט א אור אלטער, הערליכער היסטאריע הינטער זיך· שוין אין 16־טן י·ה· איז אין טארנאוו געווען טעטיק א בכבוד־דיקע אידישע קהלה· אין יאר 1631 האט די טארנאווער קהלה געציילט 1455 אידן· אין יאר 1765, זיינען שוין דארט געווען 2325 אידן· און דער אידישער ישוב האט זיך נאכאנאנד ענטוויקלט אזוי, אז ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן דארט געלעבט מער ווי 23 טויזנט אידן און זי האט זיך גערעכנט אלס איינע פון די גרעסטע און איינגעפונדעוועט־סטע אידישע קהלות אין פוילן·




הוי יהודי בפולין· בתמונה : הקיר המערבי של בית הכנסת בווישיגראד· / דאס אידישע לעבן אין פוילן· אויפן בילד : די מערב זייט פון דער שוהל אין ווישיגראד·

זייער פיל האבן די אידן בייגעשטייערט צו דער ענטוויק־לונג פון דער שטאט, וואס איז פארוואנדלט געווארן אין א האנדלס און אינדוסטריע צענטער· גלייכצייטיק איז זי אויך געווען א צענטער פון תורה און חסידות מיט עטליכע ישיבות און אנדערע תורה אנשטאלטן, שולן און בתי מדרשים און חסידישע שטיבלעך און עטליכע רביים האבן דארט געפירט זייערע „הויפן“· די אידן אין טארנאוו האבן ענטוויקלט א ברייט פארצווייגטע טעטיקייט אויפן געזעלשאפט־יכן און קולטורעלן געביט און דארט זיינען געווען גוט געפירטע אפטיילונגען פון אלע אידישע ארגאניזאציעס·

מיטן איינגעמען דער שטאט דורך די דייטשן האט זיך אנגע־הויבן דער חורבן פון דער אידישער קהלה אין טארנאוו· אין די ערשטע טעג פון דער אקופאציע האבן די טארנאווער אידן ניט געליטן ספעציעל אין פארגלייך צו די ליידן פון די איבעריקע אידישע קהלות אין פוילן אין יענע טעג· אבער באלד האבן זיך אנגעהויבן אויך אויף זיי שיטן די צרות נאכאנאנד און סיסטעמאטיש· אידן ביז 50 יאר האבן געמוזט אפשערן בארד און פיאות, אידן האבן ניט געטארט האבן ביי זיך מער ווי 2000 זלאטעס, ניט געטארט זיך באווייזן אין גאס נאך 8 א זייגער אין אוונט און ניט געטארט עפעס קויפן אויפן מארק נאך צען א זייגער אינדערפריה· זיי האבן ניט געטארט ארויספארן פון שטאט אן א ספע־ציעלער ערלויבעניש, זיך באווייזן אויף עפענטליכע פלעצער, פירן אונטערנעמונגען א·א·וו·

11 טארנאווער שולן האט מען פארברענט ניט לאזענדיק פארלעשן דאס פייער און ראטעווען די ספרי תורה פון די ברענענדיקע שולן· אידן האבן ניט געטארט דאווענען מיט א מנין, אויסהאלטן ערציאונגס אנשטאלטן אדער וועלכע עס איז אנדערע אנשטאלטן· נאצישע סאלדאטן האבן אנגע־הויבן ראבירן אידן, זיך אריינגעריסן אין אידישע הייזער און צוגערויבט אלע ווערטפולע זאכן· מען האט געכאפט אידן אויף די גאסן, געשלאגן מכות רצח סתם אזוי· א געוויסער אידישער עסקן האט געמוזט שפרייזן איבער די גאסן מיט אויפגעהויבענע הענט, מען האט אים מוראדיק געשלאגן און ער האט געמוזט שרייען : „נאר די אידן זיינען



הוי יהודי בפולין. בתמונה: הפולש מצד אולם בית כנסת. / דאס אידישע לעבן אין פולין. אויפן בילד: דער פוילש פון א שוהל

ונפלה ביום ששי, כ״ו אלול בידי הכובשים הנאציים. התושבים ממוצא גרמני ופולנים דוברי גרמנית החלו לקשט את פניה בדגלים נאציים, הצלב הקרס נראה על כל בית ובכל פינה עוד בטרם השתלטו הקלגסים הנאציים על המקום.

יסורי איוב ניתכו על ראשם של יהודי לודז מהרגע הראשון לשלטון הנאצי בעיר, חיילים גרמניים החלו לשדוד את החנויות, התנפלו על יהודים עוברים ושבים, ההופעות הראשונות של המנהיגים הנאציים בפני המוני תושבים מריעים בעיר בישרו רעות „ליהודים שוב לא יהיה צורך במים, אנו נדאג כי יטבלו בדמם הם" הכריז באלדור פון שיראך, מנהיג הנוער הנאצי שהגיע למקום. „את הזוהמא היהודית המתהלכת על שתיים נטאטא מכאן ללא רחם", הכריז גרייזר, הגאולייטר הנאצי ללודז בישיבה הראשונה של מועצת העיריה.

הורגש מחסור חמור במצרכי אוכל חיוניים. תורים ארוכים הזדנבו ליד המאפיות וחנויות מכלת. לעתים תכופות הוציאו גרמנים את היהודים שעמדו בתור וכיבדו אותם במכות אכזריות. היציאה לרחוב היתה מסוכנת ליהודים, גברים כנשים. חיילים גרמנים או גרמנים מקומיים ארבו בכל פינה ליהודים, חטפו אותם לעבודת כפיה מלוה עינויים אכזריים. הצטיינו באכזריות אנשי הס״ס. שחטפו יהודים רק לשם עינויים. רק מעטים מהנחטפים הועסקו בעבודה, רובם נחטפו כדי להשביע את צמאונם של הנאצים לדם יהודי, לספק את יצריהם הסאדיסטיים להתעללות ביהודים אומללים.

מועצת הקהלה, שנתמנתה על ידי שלטונות הגרמנים הציעה להעמיד לרשות שלטונות הנאציים 1500 עובדי כפיה יום־יום ולמנוע חטיפת אנשים ונשים ברחובות, שלטונות הכיבוש קבלו את ההצעה והקפידו על הוצאתה לפועל אולם הדבר לא מנע מהם מלהמשיך במשחק האכזרי של חטיפת יהודים ברחובות. נשים שנחטפו אולצו לנקות את דירות הגרמנים ולשטוף בלבניהן את הרצפות.

הגרמנים המקומיים הצטיינו בסאדיזם וצמאון לדם יהודי. מהם שעמדו בקשרי מסחר וידידות עשרות בשנים עם יהודים, לפתע העמידו פנים כאילו אין הם מכירים את היהודים כלל, במקרים לא מעטים הופיעו „הידידים" הללו בבתי יהודים מכיריהם לשעבר, ותוך מכות רצח, עינויים ואיומים הכריחו את היהודים „למכור" להם את עסקיהם או מפעליהם.

מקרי רצח רבים ליוו את הפרעות נגד היהודים. מתוך 40 אנשי מסחר יהודים שהוצאו מבית קפה בלודז נורו 15 איש לעיני חבריהם אחרי שאולצו לפתוח בעצמם את קבריהם, הגרמנים לא הטריחו לבדוק אם הקרבנות כבר מתו, זרקו את אלה שנורו לקברים כשהם מפרפרים עדיין בין חיים ומות וכיסו אותם בעפר. רבים מהיהודים „שהעיזו" להופיע ברחוב הראשי של העיר, רחוב פיוטרקובסקה שילמו בחייהם בעד „עוון" זה.

25 יהודים נכבדים מכל שכבות הישוב בלודז הוצאו בלילה מבתיהם ועקבותיהם נעלמו, כעבור זמן מה הודו שלטונות הנאציים כי האנשים הוצאו להורג. יהודים רבים נאסרו ולא שבו יותר לבתיהם „באשמת" השתמטות ממלוי פקודות רשמיות. היו אלה בעיקר בעלי הון ותעשיינים. המסחר היהודי פסק לחלוטין. הקלגסים הנאציים החרימו בשיטתיות את הרכוש היהודי וסוחרים אולצו להטעין בידיהם את הסחורות הנשדדות ממחסניהם. היהודים נצטוו לתלות שלטים ליד הכניסה לחנויות ולמפעלים שלהם, בגרמנית ובפולנית בהם הודעה כי החנות או המפעל שייך ליהודים, כעבור זמן מה חויבו לתלות שלט עם מגן דוד ובתוכו מלה אחת „יהודי". על יהודים נאסר לקנות בחנויות של יהודים או גרמנים, והם נאלצו לכתת רגליהם לחנויות המעטות של פולנים, חנויות בודדות בלודז. על היהודים נאסר לעבוד בתעשית הטקסטיל והעור ללא רשיונות תוך גל של איסורים אחרים.

התפלה בצבור נאסרה, בתי כנסת ובתי תפלה נסגרו. האדמו״ר מסוכטשוב רבי דוד בורנשטיין עונה קשות כשנתפס בעת תפילתו. את הגאון רבי משה מנחם סגל, זקן רבני לודז סחבו הקלגסים הנאציים ברחובות העיר כשהוא עטוף בטלית ועטור בתפילין, הכניסוהו לבית הכנסת „ווילקי" ואילצו אותו בכוח הזרוע לחלל ספר תורה. תחנוניו של הרב הזקן כי יהרגוהו לא הועילו. מאות יהודים הוצאו מבתיהם ותחת מטר של מכות רצח נאלצו להרוס את האנדרטה לזכרו של הגבור הפולני טאדעאוש קושצושקו אשר בככר החרות. למחרת נשרפו 11 בתי כנסת ברחבי העיר, וההודעה הגרמנית הרשמית אמרה שזוהי נקמת התושבים הפולניים בגלל הריסת האנדרטה הפולנית בידי היהודים. שלטונות הנאציים אף הטילו קנס כספי גדול על מועצת הקהלה כעונש על הריסת האנדרטה.

רע ומר היה גורלם של חברי מועצת הקהלה שנתמנו על ידי הגרמנים. הקלגסים התעללו בהם, אסרו אותם והוציאו להורג את מרבית החברים, מנכבדי הקהלה, רק היו״ר, חיים רומקובסקי וחברים בודדים נשארו בחיים. רומקובסקי הפך מאז לכלי שרת בידי הנאצים, ולשליט כל יכול במועצת הזקנים.

כך רוששה קהלת לודז הגדולה תוך ימים ספורים. יהודים רבים נושלו מדירותיהם, חיי יום יום הפכו לגיהנום עלי אדמות. שמועות בלתי פוסקות התהלכו בעיר שאמרו, כי אחרי סיפוח לודז לרייך הגרמני יאלצו כל היהודים לעזוב את העיר ולנוד מזרחה, לאיזור לובלין, יום יום גורשו יהודים לאיזורים בלתי נודעים, מהם לאיזור הגבול החדש עם רוסיה ומהם למחוזות קראקה, לובלין או קעלץ. רבבות

שולדיק אין דער מלחמה״. שווערע שטראפן זיינען ארויפ־געלייגט געווארן אויף די טארנאווער אידן און דער „יודענ־ראט״ וואס האט געארבעט אונטער דייטשער אויפזיכט, האט געמוזט די געלטער אויפמאנען.

די שטאטישע קאנאליזאציע איז פלוצלונג קאליע געווארן, האבן די נאציס גלייך ארעסטירט צענדליקער אידן און עט־ליכע פאליאקן, באשולדיקט זיי אין דיווערסאציע און נאך עטליכע חדשים פייניקונגען אין דער ארטיקער טורמע האט מען די ארעסטאנטן ארויסגעפירט ערגיץ וואו און מער האט מען זיי ניט געזען. זייערע פאמיליעס האבן באקומען מעל־דונגען, אז ביים איינצאלן 10 זלאטעס קענען זיי באקומען די פושקעס מיט די אש פון זייערע אייגענע.


חאטש די טארנאווער אידן זיינען נאכאנאנד און סיס־טעמאטיש אויסגערויבט און געפלינדערט געווארן, האבן זיי פונדעסטוועגן אויפגענומען טויזנטער פליטים וואס האבן געשטראמט אין שטאט פונ׳ם גאנצן געגנט ; ווי אויך זייער פיל וועמען די דייטשן האבן פארטריבן פון זייערע היימען. די ארעמקייט און דער הונגער זיינען שטארקער געווארן יעדן טאג און די ארטיקע אידן האבן אלץ געטאן לטובת זייערע הונגעריקע ברידער.

די טארנאווער קהלה איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארען אין אלול תש״ג נאכדעם ווי די לעצטע אידן זיינען אויסגעשא־סן געווארן — נאך א בלוטיקער אקציע אין טארנאווער געטא.

טשיבין : א אינדוסטריע צענטער אין קראקאווער געגנט מיט א אידישער קהלה פון 600 משפחות. טשיבין איז געווען א צענטער פון אידישן האנדל, תורה און געלייטערטער חסידות. א סאך אידן זיינען אנטלאפן פון שטאט נאך איידער די נאציס זיינען געקומען, אויף די איבעריקע האט זיך באלד א שאט געטאן א מבול פון גזירות און יסורים. מיטן אויפשטעלן פון ארבייטס לאגערן פאר אידן אין די אינדוסטריע אונטערנעמונגען אין שטאט און אינ׳ם געגענט, איז דער מצב פון די אידן געווארן אלץ ערגער און ערגער. די אידישע קהלה האט באלד אויפגעהערט צו עקזיסטירן, אבער די צוואנגס־ארבייטער האבן ווייטער פארגאסן זייער שווייס און בלוט אונטער דער גרויל־הערשאפט פון די נאציס, ביזן ענדע פון דער מלחמה.

טשעכאיעוו : א קליינע שטעטעלע מיט 400 אידן, דער גרעסטער טייל פון זיי פלאם פייערדיקע חסידים וועלכע האבן זיך געמאטערט מיט זייער ארימער פרנסה פון קליינ־האנדל און האנטווערקעריי. די נאציס האבן זיך ספעציעל אפגעגעבן צו פייניקן די רעליגיעזע אידן. שוין אין ערשטן טאג האבן זיי פארברענט דעם ארטיקן בית מדרש און האבן איינגעארדענט שוידערליכע ארגיעס ביים שערן און אויס־רייסן מיטן פלייש די בארד און פיאות פון די רעליגיעזע אידן, א געוויסע צאל אידן זיינען אומגעקומען אונטער די הענט פון זייערע פייניקער. דאס ביסל ארימקייט פון די אידן איז אויך אויסגערויבט געווארן און א לאנגע רייה פון גזירות האט זיך א שאט געטאן אויף זייערע קעפ.

די קהלה איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן זומער תש״ב מען האט אלע אידן ארויסגעפירט אין דערבייאיקן וואלד און זיי אויסגעשאסן.



הוי יהודי בפולין. ב־תמונה : בית כנסת הרוס באמסטוב./דאס אידישע לעבן אין פוי־לן. אויפן בילד : די צושטערטע שוהל אין אמסטוב.


יאוואזשנע : א חשובע קהלה אין קראקאווער קרייז מיט 2400 אידן. נאר א טייל פון דער אידישער באפעלקע־רונג האט זיך איינגעגעבן צו אנטלויפן אין די מזרח געביטן פון פוילן נאך איידער די דייטשן זיינען אריין אין שטאט און די איבעריקע זיינען גלייך פארקנעכטעט געווארן אונטערן נאצישן יאך און געפייניקט געווארן גרויזאם פון ערשטן ביזן לעצטן טאג.

זומער תש״ב איז די קהלה ענטגילטיק ליקווידירט גע־ווארן. דעם גרעסטן טייל איינוואינער האט מען ארויסגע־פירט הינטערן שטאט און אלעמען אויסגעשאסן. א געוויסע צאל אידן האט מען ארויסגעשיקט אין ארבייטס און קאנ־צענטראציע לאגערן און דארט זיינען זיי אומגעקומען. נאר געציילטע זיינען געבליבן לעבן.

יאסלא : א אידישע קהלה מיט 3400 אידן, וועלכע האט אין פארלויף פון הונדערטער יארן געפירט א זעלבסטשטענ־דיקע טעטיקייט אויף אלע געביטן פון געזעלשאפטליכן און רעליגיעזן לעבן. צום אנהויב האבן די יאסלער אידן ניט אזוי שווער געליטן ווי אנדערע אידן. חאטש אפילו אלע קהל׳שע אינסטיטוציעס זיינען פארמאכט געווארן און ניט ווייניק גזירות האבן זיך געשאטן אויף זייערע קעפ. די יאסלער קהלה האט אויך אויפגענומען ניט ווייניק פליטים פון די מערב׳דיקע געביטן פון פוילן און פון די געביטן וואס זיינען צוקאאפטירט געווארן צום דריטן רייך. אין דעם האבן זיך די יאסלער אידן ספעציעל אויסגעצייכנט. אלץ וואס זיי האבן געהאט האבן זיי אוועקגעגעבן די פליטים, אויפגע־שטעלט אלגעמיינע קיכן און געזארגט פאר דער לאקאציע פון די פליטים. אבער באלד האט זיך די לאגע פארערגערט און אויך זייער לעבן איז פארוואנדלט געווארן אין א גיהינום.

אין די מאנאטן חשון־כסלו תש״ג איז די יאסלער קהלה גרויזאם ליקווידירט געווארן. מען האט אלע אידן פון געטא ארויסגעטריבן צום טויט.

יארדאנאוו : א קליינע אידישע קהלה מיט 300 משפ־חות אין די מערב׳דיקע קארפאטן־בערג. דער גרעסטער טייל פון זיי שטרענג רעליגיעזע אידן. גלייך ביים אריינקומען אין שטעטל האבן די נאציס ארעסטירט צענדליקער אידן און זיי גרויזאם געפייניקט. א טייל פון זיי איז שוין מער ניט צוריקגיקומען. דער ארטיקער בית מדרש איז פארברענט געווארן דורך די נאציס צוזאמען מיט די ספרי תורה, די נאצישע סאלדאטן זיינען געשטאנען דערביי און ניט צוגע־לאזן פארלעשן די שריפה אדער ראטעווען א ספר תורה און געשאסן אויף יעדן אידן וואס האט געפרווט דאס טאן. א סאך פון די איינוואינער וואס האבן ניט געפאלגט און ניט אפגעשארן די בערד און פיאות — האט מען שרעקליך



הוי יהודי בפולין. בתמונה: פנים בית כנסת בלובלין.
דאס אידישע לעבן אין פוילן. אויפן בילד: די שוהל אין לובלין.

יהודים נחטפו מבתיהם וגורשו במהירות מבלי שיורשו לקחת עמם מאומה. משפחות נתחלקו, ההורים גורשו לפתע והילדים נשארו בעיר ללא דואג. מחזות אימים הפכו למציאות יום יומית. קהלת לודז נתדלדלה והלכה, מתוך למעלה מ־220 אלף יהודי העיר נשארו פחות ממאה וחמשים אלף נפש ובהם רבבות פליטי ומגורשי קהלות אחרות ביום בו הוקם הגיטו בעיר.

הקהלה הגדולה והמשגשגת, על מוסדותיה הרבים ומפעליה רבי הגוונים, לודז היהודית על המוני פועליה, לודז החרדית על מאות בתי הכנסת ובתי התפלה, לודז על זרמיה ומפלגותיה הפכה לאי חרבות. לשלד הרוס הנדון לכליה. הגירוש הכללי של יהודי לודז לא בוצע בתקופה הראשונה לשלטון הנאצים, אם בגלל קשיים טכניים ואם מתוך חישובים אחרים. גיטו לודז שהוקם על שטח צר, על חורבות הקהלה המפוארת, הפך למחנה עבודה ענקי, מאה וחמשים אלף כלואי הגיטו עמלו עד כלות כוחותיהם בתנאי רעב ומחסור ודיכוי קשים למען מכונת המלחמה הגרמנית. 150 אלף עובדי הכפיה הפכו לגורם רציני בכלכלה המלחמתית הגרמנית.

אולם, גם קרבן זה של לודז היהודית לא סיפק את הצמאון לדם של הרוצחים הנאציים. יחד עם יהדות פולין כולה הובלה יהדות זו לעקידה הגדולה ורק שרידים בודדים מקהלת לודז נשארו בחיים. (על קהלת לודז, על קורותיה ועל חורבנה נקדיש כרך מיוחד ממגילת פולין השטוחה לפנינו).

חורבן קהלות ישראל במחוז לודז

אנדזשיוב, ישוב בן 400 נפש ומקום קיט לרבים מיהודי לודז. ביום רביעי, כ״ד באלול נטשה המשטרה הפולנית את המקום, גרמנים תושבי הסביבה החלו להשתולל ולפרוע פרעות ביהודים ושדדו מכל הבא ליד. אחרי ששני יהודים נהרגו ואחרים נפצעו קשות ברחו יהודי אנדזשיוב מהמקום בלקחם רק מעט מרכושם. עם כיבוש אנדזשיוב על ידי הגרמנים נאסר על היהודים לשוב לבתיהם, כך חוסל ישוב יהודי זה.

אוזרקוב, קהלה חשובה ועתיקה בגליל לינטשיץ, מחוז לודז שמנתה 4950 נפש. מרכז תעשיתי ומסחרי. למעלה ממאה שנה גרו יהודי אוזרקוב בשלוה יחסית בין 4000 פולנים ו־3000 גרמנים, תושבי העיר.

בערב שבת, כ״ו באלול כבשו הנאצים את העיר, פתאום מצאו עצמם יהודי העיר באוירה שוטמת ומליאת שנאה. הפולנים, בחלקם הגדול דוברי גרמנית הצטרפו לגרמנים המקומיים, הפכו בין לילה לנאצים נאמנים שצהלו מרוב גיל על הכיבוש הגרמני. בהדרכת התושבים המקומיים, שעלו לרוב באכזריותם של החיילים הגרמניים הוחל שוד מאורגן של הרכוש היהודי מלוה פרעות דמים. מאות יהודים נלקחו לעבודת כפיה תוך מכות רצח ועינויים קשים. בחזרם חיכו עליהם גרמנים מקומיים ובאיומים ומעשי רצח אילצו אותם „למכור" להם את עסקיהם ומפעליהם. בבתי החרושת הגדולים אשר בבעלות של יהודים הוכנסו קומיסארים נאציים שהפכו „למנהלים חוקיים".

מסע הדמים והדיכוי נגד יהודי המקום גבר והלך מיום ליום, רבים מיהודי העיר גורשו באכזריות, רק עובדי כפיה במשכורת רעב שהועסקו במפעלים גרמניים קבלו תעודות חסות והותר להם להשאר באוזרקוב. הקהלה היהודית, על מוסדותיה חוסלה. הגיעו ימי החורבן וההרס. (קהלת אוזרקוב חוסלה סופית במחצית חודש אלול תש״ב עת גורשו אחרוני היהודים מהעיר).

אלקסנדר, קהלה סמוכה ללודז בת 3650 נפש. מרכז לחסידות, מושבם של האדמורי״ם המפורסמים לבית אלקסנדר. רבים מתושבי המקום היו ממוצא גרמני, בעלי נטיות נאציות וחדורי שנאת ישראל. ביום השבת, כ״ז באלול תרצ״ט הגיעו לעיר החוליות הראשונות של הצבא הגרמני שנתקבלו בתרועות נצחון וגיל על ידי התושבים הלא יהודים. מיד התפשטו הללו על פני העיר, פרעו ביהודים ושדדו את רכושם וכלו זעמם בחרדי המקום. יהודי מעוטר זקן ופיאות שנתפס על ידם לא יצא מהם בלי פצעים רציניים, תלשו באכזריות את שערותיו והתעללו בו ללא רחם.

בבית הכנסת העירוני שלחו המרצחים אש ואת בית המדרש של האדמו״ר פרקו לעצי הסקה. 60 יהודים, מנכבדי העיר נאסרו, 25 מהם הובלו לבית העיריה כשהם כבולים בחבלים עבים, הועמדו על ככר בית העיריה והוכו מכות רצח לעיני המון מריע. כשהם פצועים קשה ודמם הרטיב את הכביש נסחבו לבית הקברות היהודי ושם נורו עד אחד. הנימוק הרשמי: „יהודי אלקסנדר הרגו מרגל גרמני". שאר האסירים הובאו אף הם לבית הקברות, ותחת מטר של מכות אכזריות אולצו לקבור את ההרוגים. 16 מהם מצאו את מותם במקום ממכות הרצח. בין האסירים השו״ב המקומי ר' ישראל וינברג ושני בניו. דרשו ממנו הרוצחים

צומזיק׳ט און די ארטיקע אידן האבן געמוזט באצאלן גרויסע געלט שטראפן פאר „ניט אויספירן דעם געזעץ״· פרויען האבן ניט געטארט אנטאן קיין שייטלען, אידישער האב און גוטס איז סיסטעמאטיש אויסגערויבט געווארן אראגאניזירט און מיט מיליטערישער גענויקייט· אידן וואס האבן געפרווט באהאלטן א ווערטפולע זאך זיינען דערשאסן אדער פארוואונדעט געווארן·

די יארדאנאווער קהלה איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן אין זומער תש״א ווען מען האט אלעמען ארויסגעפירט הינטערן שטאט און אויסגעשאסן מיט אונערהערטער גרויזאמקייט·

יודעלעווא: 50 אידישע משפחות בערך, האבן געלעבט אין דאס שטעטל· ארימע קארבעלניקעס און האנטווערקער· דער גרעסטער טייל פון זיי — טיף רעליגיעזע אידן מיט א רייכער תורה און חסידות טראדיציע· די דייטשן האבן גלייך פארוואנדלט אלע אידן אין צוואנגס ארבייטער· דאס ביסל ארימקייט זייערס איז צוגערויבט געווארן· זייער לעבן איז געווארן הפקר· אין די גרויליקסטע באדינגונגען פון הונגער, קרענק און בלוט פארגיסונגען האבן די אידן געלעבט אונטער די דייטשן· ארומגייענדיקע סקעלעטן אן א ציל ווארטענדיק אויפן טויט·

דער טויט איז געקומען צוזאמען מיט דער ענטגילטיקער ליקווידאציע פון דער קהלה· דאס איז געווען כ״ט אב תש״ב· די מערדער האבן ארויסגעפירט דאס גאנצע שטעטל אין דערבייאיקן וואלד און אלע, קינדער און פרויען, אלט און יונג זיינען גרויזאם אויסגעהרגעט געווארן·

לושא: א קליינע קהלה ארום צאנז מיט 40 משפחות, אלע רעליגיעזע וואס האבן שווער און ביטער ארויסגעארבייט זייער ארימן ברויט אלס ארענדארן און האנטווערקער· די דייטשן האבן א טייל פון די אידן פארטריבן און די איבעריקע גענומען אויף צוואנגס־ארבעט· אין זומער תש״א האט מען ארויסגעטריבן די לעצטע אידן אין די גרעסערע אידישע קהלות פונ׳ם געגענט·

ליצקי: א קליינע קהלה אין קראקאווער געגנט מיט 200 אידן· ס׳רוב דארפסגייער און בעלי מלאכות וואס האבן געפירט א חסידיש תורה׳דיק לעבן· אין די ערשטע מאנאטן פון דער דייטשער אקופאציע האבן די אידן געקענט ווייטער פירן זייער ארימן לעבן, חאטש אפילו קיין גזירות און צרות האבן ניט געפעלט· אבער נאך עטליכע מאנאטן האט מען פלוצלונג אלע אידן ארויסגעטריבן בארוועס און נאקעט ניט לאזענדיק זיי מיטנעמען אפילו דאס נויטיקסטע·

לימינאוו: א אלטע קהלה אין קראקאווער געגנט מיט 300 אידישע משפחות, סוחרים און בעלי־מלאכות וואס האבן געפירט א שטרענג רעליגיעז־חסידישן לעבן· האבן געטראגן טראדיציאנעלע קליידער און זיינען געגאנגען מיט בארד און פיאות·

די דייטשן האבן שוין אין ערשטן טאג אנגעהויבן פייניקן די אידן, יעדן טאג כמעט איז איינגעארדענט געווארן א פאגראם און א געוויסע צאל אידן איז דערביי אומגעקומען· די בתי מדרשים זיינען געשענדעט און שפעטער פארברענט געווארן, בעסטיאליש האט מען געריסן די בערד און פיאות



הוי יהודי בפולין· בתמונה: לובלין, הגיטו·
דאס אידישע לעבן אין פוילן· אויפן בילד: דער גיטו אין לובלין·

פון אלט און יונג· אידישע פרויען זיינען שווער באשטראפט געווארן פאר טראגן שייטלען אדער פאר וועלכן עס איז אנדערן קאפ־צודעק·

אין א קורצער צייט ארום איז לימינאוו פארוואנדלט געווארן אין איין גרויסן בית עלמין· די מערדער האבן ארויסגעטריבן פון די הייזער אלע ארטיקע אידן ווי אויך די פליטים פון אנדערע שטעטלעך; צונויפגעטריבן זיי אויפן שטאטישן מארק־פלאץ און דארט איז דורכגעפירט געווארן איינע פון די גרויזאמסטע שחיטות·

אזוי איז ליקווידירט געווארן די קהלה אין לימינאוו·

מעליץ: א אלטע קהלה אין קראקאווער קרייז וואס האט געפירט א זעלבסשטענדיקע טעטיקייט נאך אין די צייטן פון „ועד ארבע הארצות״· דארט האבן געלעבט ביים אויסברוך פון דער מלחמה 2800 אידן· נאכן איינגעמען די שטאט האבן די נאצי־מערדער זיך א לאז געטאן איבער די גאסן; געכאפט אידן און זיי אריינגעטריבן אין דער שטאטישער שול און אין באד· פארשלאסן די טירן און פענסטער און אונטערגעצונדן, ניט לאזענדיק די אומגליקליכע קרבנות, וועמענס געשרייען האבן די הימלען געריסן—זיך צו ראטעווען· מיטן פארברענען פון מער ווי הונדערט אידן — האט זיך אנגעהויבן דער מערדערישער דייטשער רעזשים אין מעליץ· פארנאכט האבן זיי אונטערגעצונדן די אידישע גאסן און איינגעארדענט ארגאניזירטע אנפאלן צו רויבן אידיש פארמעגן אונטערן אויסרייד פון הויז־זוכונגען· ביי איינעם א שוחט האט מען געפונען א חלף מען האט אים ארעסטירט אונטער דער באשולדיקונג פון האלטן געווער געבראכט אים אין דער קאמענדאנטור, דארט האט מען אים געבונדן מיט שטריק און געשאכטן מיט זיין אייגענעם חלף·

צוזאמען מיט דער כוואליע פון מארד האט זיך א שאט געטאן אויף די מעליצער אידן א מבול פון גרויזאמע גזירות איינער נאך דער צווייטער· מען האט ניט געטארט דאווענען, האנדלען, האלטן געלטער, זיך באקלאגן פאר וועמען עס איז פון דער אקופאציע מאכט, ארויסצוגיין אויסערן שטאט, זיך באנוצן מיט וועלכע עס איז קאמוניקאציע מיטלען א וואגן איינגערעכנט· אזוי האבן די אידן געפירט א גיהינום לעבן וואס איז געווען דער אריינפיר צו דער גרויזאמער



הוי יהודי בפולין· בתמונה: בית הכנסת בריקי·
דאס אידישע לעבן אין פוילן· אויפן בילד: די שוהל אין ריקי·

כי יחתום על הצהרה לפיה מתו הקרבנות ממיתה טבעית, ר׳ ישראל סירב כשהקלגסים מגבירים את מכותיהם פצוע ושותת דם צעק לעברם „לא אחתום, אינני מפחד לא מכם ולא מהמות״·

שוד בתי היהודים גבר והלך· הרכוש היהודי חוסל· הקהלה המשגשגת שנוסדה בשנת תקע״ח כישוב כפוף לקהלת ליטומירסק וקבלה סטטוס של קהלה רשמית בשנת תק״צ חדלה להתקיים· כעבור חדשים מספר גורשו אחרוני יהודי העיר, וביום ט״ו בטבת ת״ש הפכה אלקסנדר ל„יודנריין״·

אונייוב, קהלה קטנה באיזור טורק, מחוז לודז בת 800 נפש· מרבית התושבים רוכלים עניים ובעלי מלאכה, בחלקם הגדול חרדים, שומרי תורה ומצות·

בליל ג׳, כ״ג אלול הופיעו החיילים הגרמנים הראשונים בעיירה ובסביבתה· רבים מתושבי המקום ברחו מערבה, ואלה שנשארו שתו את כוס התרעלה כבר מהשעות הראשונות לכיבוש הנאצי· עשרות יהודים נפלו שדוד כשהקלגסים יורים לתוך בתי היהודים· בית המדרש הוצת באש אחרי שמספר יהודים נדחפו לתוכו, ונשרפו חיים יחד עם ספרי התורה· שלטון אימים מלווה מעשי רצח הוטל על יהודי המקום· אולם גם חיי גיהנום הללו לא ארכו ימים הרבה, בשלהי קיץ ת״ש גורשו יהודי אונייוב לכפר טאכולץ ליד קובאלה פיינסקה, משם לכפרי הסביבה אחרי שכל רכושם נשדד מהם· רבים נורו בעת הגירושים ויתרם גורשו עד מהרה מהכפרים לגיטאות·

אויאזד, עיירה עתיקה ובה 1600 נפש בפרוץ השואה· תושביה בחלקם הגדול חרדים ושומרי מסורת, מהם חסידים נלהבים· כתוצאה מהקרבות בסביבה והפצצת העיירה על ידי חיל האויר הגרמני נשרפו כל הבתים עשוים עץ במקום וכל רכושם וכלי ביתם של יהודי אויאזד עלה באש· ביום השבת, הופסקה הפצצת המקום וטורי חיילים נאציים נראו עוברים את העיירה השרופה, כיבדו מפעם לפעם בצרור כדורים את היהודים האומללים שישבו על חורבות בתיהם, רעבים ללחם ומחוסרי כל·

מרבית התושבים היהודים התפזרו לכל עבר, כשכתונתם לעורם, הלכו לאן שעיניהם נושאות לחפש קורת גג בפולין הטובלת בדמה ומעטים נשארו במקום, ניסו לשקם את בתיהם ולחדש שוב את חייהם בעיירת מוצאם אשר לה עבר מפואר של פעילות במשך 400 שנה ויותר· אולם גם בחורבות אויזאד לא נתנו הקלגסים הנאציים מנוח ליהודי המקום· פקדו אותם לעתים תכופות ופרעו בהם פרעות· אסרו עליהם לנוע מחוץ לתחום חורבותיהם ודיכו אותם באכזריות· (שרידי קהלת אויאזד חוסלו סופית ביום כ״ט טבת תש״ג, עת הקיפו משמרות נאציים את העיירה החרבה, הוציאו משם את כל היהודים והובילו אותם למחנה המות בטריבלינקה)·

איזביצה קויבסק, עיירה קטנה שנכבשה על ידי הגרמנים בשבוע הראשון להסתערות הנאצית על פולין· כמאתיים שנה ויותר פעלה קהלת איזביצה קויבסק, עת נוסדה מנו יהודי העיירה כ־300 נפש, כעבור מאה שנה קרוב לאלף נפשות· בפרוץ השואה — קרוב ל־1400 נפשות בין 3000 תושבי המקום, רובם פולנים ומיעוטם גרמנים שהפכו כבר ביום הראשון לכיבוש הגרמני לנאצים נלהבים והצטיינו באכזריותם נגד יהודי המקום· (קהלת איזביצה קויבסק חוסלה סופית ביום כ״ו בניסן תש״ג)·

אינובלודז, ישוב יהודי עתיק במחוז לודז שמנה בפרוץ השואה קרוב ל־600 נפשות, רובם רוכלים עניים ובעלי מלאכה· ביום ו׳, כ״ו אלול לפנות בוקר הפיעו בעיירה החוליות הראשונות של הצבא הגרמני שהתנפלו בחמת זעם על יהודי העיירה· 9 יהודים נהרגו בשעה שהנאצים העלו באש את בית המדרש המקומי· 4 יהודים שהנאצים מצאום מחוץ לעירה, פליטים שברחו מחמת הנאצים נתלו בטענה כי באו לרגל למען הצבא הפולני· יסורי איוב היו מנות חלקם של בני המקום בכל ימי שלטון הכיבוש הנאצי· (קהלת אינובלודז חוסלה סופית ביום י״ח אלול תש״ב עת בו גורשו כל יהודי המקום לגיטו טומשוב מאזוביצק)·

אמסטוב, עיירה בת 800 נפש באיזור רדומסק, מחוז לודז, מאוכלסת ברובה חרדים, שומרי מסורת שהתפרנסו בקושי מסחר זעיר וממלאכה· קהלת אמסטוב פעלה מאות שנה למעשה כקהלה עצמאית ופיתחה מסורת מקודשת של מנהגים וחיי דת סדירים· עם כיבוש המקום על ידי הקלגסים הנאציים, פקדו ימי עוני וצער, יסורים וסבל את יהודי המקום, אולם למרות התנאים הקשים הצטיינו בני המקום במסירות נפש לעזרת פליטים ועמידת גבורה מול פני הנוגש האכזרי· גם בצוק העתים המשיכו בסתר במסורת הדורות תוך הקרבה· (בשלהי תש״ב גורשו יהודי אמסטוב לגיטו רדומסק ומשם למחנות ההשמדה)·

בלכטוב, קהלה בת 5200 נפש שפעלה למעלה ממאתיים שנה· מרכז מסחרי ותעשיתי· בני הקהלה, רובם פועלי טקסטיל או אורגים ומיעוטם סוחרים ובעלי הון· העיר נכבשה על ידי הגרמנים ביום השבת, כ״ז באלול· עשרות יהודים נרצחו ביום הראשון לכיבוש הגרמני, רבים נאסרו ועונו קשות· בתי כנסת חוללו ותוך ימים ספורים נשדדו מרבית יהודי המקום· מפעלי התעשיה במקום הועברו לידי

שחיטה וואס האט ענטגילטיק אפגעמעקט דער אלטער אי־דישער קהלה אין מעליץ·

מעשאנא-דאלנא : 250 אידישע משפחות האבן געלעבט אין דער שטעטל· דער גרעסטער טייל פון זיי — שטרענג רעליגיעז· דער גיהינום האט זיך אנגעהויבן שוין אין ערשטן טאג פון דער נאצי־הערשאפט· דער בית מדרש איז געשענ־דעט און פארברענט געווארן און א איד וואס האט געפרוווט ראטעווען א ספר תורה — איז דערשאסן געווארן· אויך דא האבן די נאציס איינגעארדנט בלוטיקע סצענעס ביים שניידן בארד און פיאות· דער גרויזאמער לעבן האט זיך געצויגן ביז סוף אב תש״ב· דאן האבן די נאציס ארויסגעטריבן אלע אידן פון די הייזער און איינגעארדענט א בלוטיקע שחיטה· אלע אידן זיינען דאן אומגעקומען·

מאקאוו : א קליינע קהלה מיט 200 משפחות ארום ראבקע וואס אין די מערב׳דיקע קארפאטן דאס איז געווען ניט קיין ארימע קהלה, דער גרעסטער טייל פון זיי שטרענג רעליגיעזע אידן·

די נאציס האבן ניט דורכגעלאזט קיין טאג אן בלוט פאר־גיסונגען, און יעדער פאגראם איז געווען גרויזאמער און בעסטיאלישער ווי דער פריערדיקער·

אין א קורצער צייט ארום איז די קהלה אין מאקאוו ענטגילטיק ליקווידירט געווארן ווען די נאציס האבן אויס־געהרגעט אלע ארטיקע אידן און נאר איינצלנע האט זיך איינגעגעבן זיך צו ראטעווען·

מילאווקא : א קליינער אידישער ישוב מערב־זייט פון קראקא מיט 50 משפחות· דער גרעסטער טייל פון די אידן איז אנטלאפן נאך איידער די מערדער האבן זיך באוויזן· די עטליכע איבערגעבליבענע האט מען גלייך ארויסגעטריבן, ניט לאזענדיק מיטנעמען גארניט·

נאוויטארג : א איינגעארדענטע טעטיקע קהלה אין קראקאווער געגנט מיט 600 אידישע משפחות, וועלכע האבן שוין פריער שטארק געליטן פון די פוילישע און דייטשע איינוואוינער, וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער האס געגן אידן· מיט יובל געשריי האבן די ארטיקע איינוואוינער אויפגענומען די נאציס און גלייך ביים דערשיינען, האבן די דייטשן באקומען זייער פיל הילף פון די ארטיקע פאליאקן און דייטשן ביים רויבן און פאגראמירן די אידן· דעריבער האבן די נאוויטארגער אידן געליטן מער פון די ארומיקע· אבער דער גרויזאמסטער בעסטיאלישקייט לגבי די אידן האבן ארויסגעוויזן די ארטיקע דייטשן וועלכע האבן איבער־געשטיגן מיט זייער בלוטדורשטיקייט אפילו די נאציס· אין פארלויף פון געציילטע טעג איז דער גאנצער אידישער פאר־מעגן צוראבירט געווארן און א סאך אידן זיינען געהרגעט אדער פארוואונדעט געווארן· א טייל פון די אידן זיינען אנטלאפן קוים מיטן לעבן נאקעט און בארוועס און א טייל איז געבליבן לעבן אין גיהינום ביז דער ענטגילטיקער ליק־ווידירונג פון דער קהלה·

דער נאוויטארגער געטא איז ענטגילטיק ליקווידירט גע־ווארן אנהויב יאר תש״ג·

ניעפלאמיצא : א קליינע קהלה ארום באכניע אין קרא־קאווער קרייז מיט קרוב צו 100 אידישע משפחות, וואס



הוי יהודי בפולין· בתמונה : רחוב בית הכנסת בזליכוב·
ס אידישע לעבן אין פוילן· אויפן בילד : די שוהל גאס אין זעליכוב·

האבן געפירט א שטרענג רעליגיעזן לעבן· גלייך ביים ארייג־מארשירן אין שטעטל האבן די דייטשן ארעסטירט דעם גרעסטן טייל פון די אידישע איינוואוינער און פליטים וואס האבן זיך דארט גראד געפונען, מען האט זיי גרויזאם גע־שלאגן און זייער בלוט געגאסן ביים אפשניידן די בערד און פיאות פון זייערע אומגליקליכע קרבנות· נאכדעם האבן זיי אונטערגעצונדן אלע אידישע הייזער און געשענדעט דעם ארטיקן בית מדרש·

א גיהינום־לעבן האבן די אידן געפירט ביז עס איז געקו־מען דער גרויזאמער טאג און אין זומער תש״ב, האבן די נאציס אויסגעהרגעט אלע אידן און אזוי ארום א סוף גע־מאכט צו זייער ביטערן לעבן און דעם לעבן פון דער קליינער אידישער קהלה·

סוכא : א קהלה מיט 500 אידישע משפחות אין קרא־קאווער קרייז מיט א עטליכע הונדערט יעריקע הערליכע טראדיציע· די זיינען געווען מאטעריעל גוט סיטואירט ; זיך מפרנס געווען פון האנדל און האנטווערקעריי און געפירט א שטרענג רעליגיעזן לעבן און א ברייט פארצווייגטער טע־טיקייט אויף אלע געזעלשאפטליכע און רעליגיעזע געביטן·

נאך אין זעלבן טאג ווען די נאציס זיינען אריין אין שטעטל האבן זיי געשלאסן אלע קהל׳שע אינסטיטוציעס, דער בית מדרש איז אונטערגעצונדן געווארן און די נאציס האבן ניט צוגעלאזט צו ראטעווען די ספרי תורה, די וואס האבן דאך געפרוווט ראטעווען ספרי תורה פון די פלאמען האט מען געהרגעט נאך לאנגע פייניקונגען· שוידערליכע סצענעס האבן זיך אפגעשפילט ווען די מערדער האבן געפייניקט די אידן, די גרויל־סצענעס האבן זיך געענדיקט מיט שרעקליכע שחיטות דערביי זיינען אומגעקומען אדער פארוואונדעט גע־ארן צענדליקער אידן· דראסטישע געזעצן האבן געשטעלט די אידן אויסערן געזעץ·

ענדע זומער תש״ב איז די קהלה ענטגילטיק ליקווידירט געווארן· אלע אידן זיינען געפירט געווארן צום טויט·

סטרוזשא : א קליינער אידישער ישוב מיט 30 משפחות וואס האט זיך געפונען אין א צענטראלן באן־קנופ, וואס האט געפירט א זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט מיט אייגענע חינוך אנשטאלטן און אנדערע קהל׳שע אינסטיטוציעס· גלייך ביים אריינמארשירן אין שטעטל האבן די נאציס גע־מאכט א שרעקליכן פאגראם הרגענענדיק יונג און אלט· די איבערגעבליבענע זיינען אנטלאפן בארוועס און נאקעט·

אזוי איז אפגעמעקט געווארן א קליינער, איינגעפונדע־



הוי יהודי בפולין. בתמונה: שואב מים ברחוב ביה"כ בלובלין. / דאס אידישע לעבן אין פוילן. אויפן בילד: א וואסער טרעגער אויף דער שוהל גאס אין לובלין.

הגרמנים ויהודים רבים הועסקו בתנאי רעב. בגלל הפועלים שעבדו במפעלים שונים לא הוקם גיטו מסוגר בעיר, נצולם של הפועלים היהודים בעלי מקצוע, לא עמד ליהודי בלכטוב להנצל מגירוש והשמדה. בראשית אלול תש"ב גורשו נשים, ילדים וזקנים וכן יהודים שלא הועסקו בעבודת כפיה למחנה השמדה בכלמנו. יתר בני המקום, גורשו כעבור חדשיים לגיטו לודז. (קהלת בלכטוב חוסלה סופית ביום כ' חשון תש"ג).

בז'ז'ין, קהלה בת 5500 נפשות במחוז לודז, שהתפרסמה כמרכז לחייטים ולמלאכה, שפעלה למעלה משלש מאות שנה. עם פרוץ ההסתערות הגרמנית על פולין עברו דרך בז'ז'ין רבבות פליטים ממחוזות המערביים של פולין. חיל האויר הגרמני בחר לו לכן את העיר כמטרה להפצצותיו ובז'ז'ין ניזוקה קשות וסבלה אבידות בנפש. ביום השבת, כ"ז באלול לפנות בוקר נכבשה העיר אחרי קרבות עזים בין צבאות פולין וגרמניה, שגרמו להרס נוסף של העיר והסביבה. מאות גוויות היו פזורות ברחובות העיר ובסביבתה. שלטונות הכיבוש הנאציים, בחשש ממגיפות לא פגעו עם הופעתם ביהודי המקום, אלא דרשו מהקהלה היהודית לעשות הכל כדי לקבור את המתים במהירות מקסימלית. רבני העיר ורבנים פליטים שנקלעו לבז'ז'ין בברחם מהכובשים הגרמניים ניצחו על העבודה הטראגית, תוך מאמץ לזהות כל הרוג יהודי ולמנוע עיגון נשותיהם. כך הובאו מאות יהודים, בני בז'ז'ין ויוצאי קהלות ממערב פולין לקבר ישראל באפלת ליל מוצאי שבת קודש.

כעבור ימים מספר, כשוך הקרבות בסביבה, החלו הקלגסים הנאציים במסע הדיכוי נגד יהודי העיר. בית הכנסת הוצת ורבה של הקהלה נאסר באשמת „הצתת בית הכנסת". הרב הישיש, בן 73 עונה בבית הכלא עד מות. אשתו הרבנית, שהלכה להתענין בגורלו נדרשה לשלם „שכר דירה" עבור ימי שהותו של הרב בבית הכלא. עינויים סאדיסטיים וקשים פקדו את יהודי בז'ז'ין שרוששו תוך זמן קצר והפכו לעדת עובדי כפיה. (קהלת בז'ז'ין חוסלה סופית בסוף סיון תש"ב).

ביאלה ראווסקה, קהלה עתיקה בת 1200 נפשות במחוז לודז, מאוכלסת סוחרים זעירים ובעלי מלאכה שניזוקה קשות מהפצצות חיל האויר הגרמני בעת הפלישה הנאצית לפולין. עם הופעתם של הגרמנים במקום ערכו החיילים הכובשים טבח ביהודי העיירה, אסרו מאות פליטים שנתקלו לביאלה יחד עם עשרות מיהודי המקום וירו בכל יהודי עשירי. ליד הדרכים שהובילו לעיירה וממנה היו מוטלות מאות גוויות של יהודים שנהרגו מהפצצות או נרצחו על ידי הגרמנים. כשוך הקרבות, חלה ארגעה קלה במצבם של יהודי ביאלה, חוקי הדכוי אמנם הופעלו נגדם, הם הוצאו יחד עם כל יהודי פולין מחוץ לחוק, אבל הם קבלו עליהם את היסורים באהבה, אמרו להמשיך בחיי עוני וסבל עד יעבור זעם. אולם משאלתם לא עלה בידם.


קהלת ביאלה הקטנה, שלא סופחה לרייך הגרמני וצורפה לאיזור הכיבוש לא ידעה גירושים המוניים בשנים הראשונות לכיבוש הנאצי. יהודי ביאלה קלטו גם 1200 פליטים מקהלות אחרות במחוז לודז, והתחלקו עמם בפת לחמם החרבה. (יהדות ביאלה חוסלה ביום י"ז חשון תש"ג, יום בו הוצאו כל בני הקהלה מבתיהם, הובלו למחנה ההשמדה בטריבלינקה).

בלאשקי, קהלה בת 500 שנה ויותר שמנתה 4500 נפשות בפרוץ השואה. מסורת של פעילות מפוארת היה לקהלת בלאשקי והיא התבלטה כבר בראשית ימי ועד ארבע הארצות. בתקופה מאוחרת יותר התפרסמה קהלת בלאשקי כמרכז תורני ובתחומה פעלו חסידים מפורסמים.

בלאשקי נכבשה ביום ג', כ"ג אלול לפנות ערב וחוליות הראשונות של צבאות הכובשים החלו מיד במעשי טבח ושוד של הרכוש היהודי. רבים מיהודי העיר מצאו את מותם בערב דמים זה. היהודים הנשדדים נפצעו ברובם קשות וכעבור זמן מה גורשו באכזריות מבתיהם. לא עברו ימים רבים וקהלת בלאשקי נהרסה לחלוטין, בניה גורשו באכזריות ומצאו את מותם על העקידה הגדולה.

גוסטינין, קהלה עתיקה שפעלה כקהלה עצמאית כבר בימי ועד ארבע הארצות, וסביבה ישובים רבים מאוכלסים יהודים. בפרוץ השואה מנתה קהלת גוסטינין 1800 נפשות ובישובים הסמוכים לה למעלה מ־3000 נפשות. כבר בימים הראשונים להסתערות הנאצית על פולין נכבש האיזור על ידי הגרמנים. בתי הכנסת בעיר ובסביבה נשרפו על ספרי תורה, יהודים רבים נהרגו, נשדדו ונפצעו ועונו.

למרות תנאי הדכוי הקשים של יהודי גוסטינין קלטה קהלה זו מאות פליטים וכשהוקם הגיטו במקום, נכלאו



הוי יהודי בפולין. ב־תמונה: בית הכנסת ה־עתיק במאקוב. / דאס אידישע לעבן אין פוי־לן. אויפן בילד: די אלטע שוהל אין מא־קוב.

וועטער אידישער ישוב וואס איז געווען טעטיק מער ווי 100 יאר.

סקאווינא: א קליינע שטעטל אין קראקאווער קרייז מיט קרוב צו 100 אידישע משפחות. מיטן ערשיינען פון די נאצי־מערדער האט זיך אנגעהויבן א שוידערליכער גיהינום פאר די אידן. מיט דער הארטסטער גרויזאמקייט האבן די נאציס געפייניקט די אידן טאג טעגליך, לויט א גוט אויס־געארבעטן טייוולאנישן פלאן. דער דייטשער קאמענדאנט פון סקאווינא האט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט מיט זיין בארבאריזם און בלוטדורשטיקייט.

אין זומער תש״א איז די קהלה ענטגילטיק ליקווידירט געווארן ווען אלע אידן זיינען פלוצלונג ארויסגעטריבן גע־ווארן אין די נאענטסטע קהלות.

פיאסקי וויעלקי: א קליינער אידישער ישוב ארום קראקע מיט 40 משפחות. ס׳רוב אידן זיינען אנטלאפן נאך איידער די נאציס זיינען געקומען. די איבערגעבליבענע זיינען גלייך ארעסטירט געווארן. א טייל פון זיי זיינען שפּעטער באפרייט געווארן צוהרגעט און צושלאגן. די איבעריקע זיינען מערניט צוריקגעקומען. אין א פּאר וואכן ארום האבן די דייטשן פארטריבן אויך די עטליכע געבליבענע אידן נאקעט און בארוועס.

צארנא דונאיעץ: 300 משפחות, שטרענג רעליגיעזע חסידישע אידן האבן דא געוואוינט און געשמ׳ט אלס הייליגע אידישע קהלה אין גאנצן געגנט. זיי האבן שווער אויסגע־מאטערט זייער ארימער פרנסה פון האנדל און דארפסגיי־עריי אבער געפירט א רייכן גייסטיק־רעליגיעזן חסידישן לעבן. די שולן און בתי מדרשים זיינען געווען פול מיט לער־נערס און אלע אידישע קינדער זיינען דערצויגן געווארן אין דער אלטער אידישער טראדיציע.

אין זייער מערדערישער יוכע, האבן די נאציס גלייך ביים אריינקומען פארברענט די בתי מדרשים מיט די ספרי תורה, געשלאסן אלע קהל׳שע אינסטיטוציעס און כאפּענדיק אידן איינגעארדענט גרויליקע בלוט־ארגיעס. טויט שטראף האט געדראט יעדן אידן וואס האט געטראגן א בארד מיט פיאות אדער א פרוי וואס איז געגאנגען מיט א צוגעדעקטן קאפּ. א שווערע געלט־שטראף איז ארויפגעלייגט געווארן אויף די אידן „פארן דאווגען וואס איז געזעצליך פארבאטן״. גיהינומ׳־דיקע יסורים איז געווען דאס טאג־טעגליכע ברויט פון די ארטיקע אידן.

אבער אויף צו להכעיס די מערדער און דעם טויט, האבן די צ׳ארנא דונאיעצער אידן ווייטער געפירט באהאלטענ־ערהייט א רעליגיעזן לעבן, ווייטער געלערנט מיט זייערע קינדערלעך תורה און חסידות און די נאצי־מערדער, וויסענ־דיק פון דעם האבן נאך מער פארשטארקט דעם טעראר, געהרגעט און געשלאגן, אבער עס האט זיך דאך זיי ניט איינגעגעבן צו צוברעכן דעם שטארקן אידישן גייסט פון די רעליגיעזע אידן. די צ׳ארנא־דונאיעצער קהלה איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן אין חודש תמוז תש״ב, ווען מען האט אלע אידן ארויסגעפירט נעבן קראסנע און דארט אלעמען אויסגעהרגעט.

צאנז: איינע פון די שענסטע און הערליכסטע אידישע קהלות אין קראקאווער קרייז מיט א פירהונדערט יעריקע געשיכטע, וואס האט זיך ארויסגערוקט מיט איר אינ־טענסיווער טעטיקייט שוין אין דער תקופה פון „ועד ארבע הארצות״. זי איז געווארן א צענטער פון חסידות, נאכדעם ווי דער בארימטער גאון און צדיק רבי חיים צאנזער, דער פאטער פון חסידות אין גאליציע — האט זיך דארט באזעצט. ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן אין צאנז געוואוינט ביי 11,000 אידן צווישן די העכער 30,000 איינוואוינער פון שטאט.

די צאנזער אידן האבן א סאך בייגעשטייערט צו דער ענטוויקלונג פון שטאט און אומגעגנט. א דאנק זיי האט זיך ענטוויקלט דער האנדל און עס האבן זיך שוין אויך געוויזן די ערשטע שפּראצן פון אינדוסטריע. מאנטיק, כ״ב אלול האבן זיך באוויזן די ערשטע נאצישע סאלדאטן אויף די גאסן פון צאנז נאכדעם ווי די ארטיקע פוילישע מאכט איז אנטלאפן אין בהלה. נאר ווייניק אידן האט זיך איינ־געגעבן צו אנטלויפן איידער די נאציס זיינען געקומען און באלד האט זיך א שאט געטאן א מבול פון יסורים אויף די קעפּ פון די צאנזער אידן און פון די פיל פליטים וואס האבן זיך דארט געפונען פון גאנצן געגנט. די נאצישע קאמענ־דאנטן פון צאנז האבן זיך ארויסגעוויזן אלס בלוטדורש־טיקע סאדיסטן. אנטי אידישע געזעצן זיינען גלייך איינגע־פירט געווארן און ארויסגעשטעלט אלע אידן אויסערן געזעץ. יעדן טאג זיינען פארגעקומען ערנסטע פּאגראמען און רויב איבערפאלן. דער ארגאניזירטער רויב־מארש האט באלד פאראדימט די צאנזער אידן און אלע געזעלשאפטליכע, רעליגיעזע און ווירטשאפטליכע אינסטיטוציעס זיינען גע־שלאסן געווארן.

טאג טעגליך זיינען איינגעארדענט געווארן כאפּ־אקציעס אין די גאסן. א סאך פון די געכאפּטע זיינען געשטאנען לאנגע שעה׳ן ביי דער וואנט מיט אויפגעהויבענע הענט גרייט דערשאסן צו ווערן און א סאך זיינען טאקע אין יענע טעג אומגעקומען. ספּעציעל האט מען געפייניקט פרומע. שוי־דערליכע בלוט־ארגיעס האבן זיך אנגעשפּילט אין די גאסן פון צאנז, רעליגיעזע אידן וועלכע מען האט געכאפּט אין גאס האט מען אונטער א האגל פון קלעפּ געצווינגען צו טאנצן אין מארק איינגעוויקלט אין טלית און תפילין ווערנדיק דערביי אכזריות׳דיק געשלאגן.

דאס איז געווען דער אריינפיר צו דער גרויל־תקופה פון דער נאצי הערשאפט וואס האט זיך געצויגן ביז כ״ב—כ״ג כסלו תש״ג. אין די טעג איז דורכגעפירט געווארן די גרוי־זאמע אקציע און אלע אידן זיינען אויסגעהרגעט געווארן.

קשאנאוו: די דריט גרעסטע קהלה אין קראקאווער



הוי יהודי בפולין. בתמונה: בתוך בית המדרש.
דאס אידישע לעבן אין פוילן. אויפן בילד: אין בית המדרש.

מאחורי גדרי תיל שלו 2250 נפשות, ביניהם 650 פליטים שנקלטו לגוסטינין. (קהלת גוסטינין העתיקה חוסלה סופית בקיץ תש״ב, עת גורשו בניה למחנות השמדה.)

גראבוב, קהלה שמנתה 900 נפשות בעת פרוץ השואה. עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים ניתכו יסורי איוב על בני המקום. הכובשים הנאציים חטפו עשרות יהודים, הכניסו אותם לבית המדרש המקומי והעלו אותו באש יחד עם ספרי התורה. בני משפחותיהם, שהתחננו בפני הרוצחים על נפשות האומללים שזעקותיהם פלחו רקיעים נורו ללא רחם. כך הוכנסה קהלת גראבוב למערת הדמים האיומה של השואה. (קהלת גראבוב חוסלה סופית ביום י״ג אייר תש״ב, עת הובלו יהודי המקום למחנה השמדה בכלמנו.)

גלובנו, קהלה שמנתה 1200 נפשות בפרוץ השואה שנוסדה בשנת ת״ס כישוב כפרי והתפתחה במרוצת השנים. המקום שימש לקייט ולנופש לאלפי יהודים מלודז וסביבתה. עם כיבוש גלובנו על ידי הגרמנים הוחל במסע דיכוי נגד יהודי המקום. איזור זה לא סופח לרייך הגרמני ושכנה על גבול הגנרל גוברנמנט. ועל כן לא עמדה בראשית ימי הכיבוש שאלת גרוש יהודי העיר לאיזורים מזרחיים. אלפי יהודים, מקהלות וישובים במחוז לודז גורשו לגלובנו, אולם, המפקדה הגרמנית במקום סירבה להתיר למגורשים להתישב במקום, מהם והוגלו מיד מזרחה ומהם הוחזקו בתנאים קשים במקומות נפרדים זמן מה, עד לגירושם מגלובנו. בכל זאת קלטה הקהלה המקומית, שנאבקה קשות על קיומה המינימאלי תחת מטר של גזירות ונגישות אכזריות קרוב לאלפיים פליטים שהסתדרו בין יהודי המקום. (קהלת גלובנו חוסלה סופית בשנת תש״א, יום בו גורשו כל יהודי המקום לגיטו ווארשה.)

גוז׳קוביץ, קהלה קטנה שמנתה 300 נפשות במחוז לודז. מאוכלסת בעיקר רוכלים ובעלי מלאכה עניים שהתפרנסו בקושי. ביום השבת, כ״ז אלול נבכשה העיירה על ידי הצבא הגרמני, בימים הראשונים לכיבוש הנאצי לא טיפלו הכובשים במיוחד ביהודי העיירה המעטים, פרט לכמה מעשי שוד והתפרעויות דמים. ביום הראשון לראש השנה, עת כונן בעיירה שלטון נאצי נאסרו מרבית יהודי גוז׳קוביץ והובלו למגרש ריק, שם ערכו בהם הגרמנים טבח דמים. שעות רבות עונו זקן ונער כשחיילים אחרים פושטים בבתי היהודים העניים, שודדים והורסים כל הבא ליד והציתו באש את בית המדרש המקומי על ספרי תורה שבו, כשהשמש הישיש נתלה בפתח הכניסה למקום.

כעבור ימי זעם ודמים הראשונים נרגעו הקלגסים הנאציים מעט, יהודי גוז׳קוביץ האומללים התרגלו לחיי עוני ודיכוי וקיוו לעבור את ימי הזעם בכוחותיהם האחרונות. אולם מבוקשם לא ניתן להם. (יהודי גוז׳קוביץ נאסרו כולם ביום ב׳ בחשון תש״ג והובלו למחנה ההשמדה בטרבלינקה.)

גרודזיצה, ישוב יהודי קטן במחוז לודז, שמנה 200 נפשות וסבל קשות מיום הראשון לכיבוש המקום על ידי הגרמנים. עשרות מיהודי המקום ופליטים שעברו את הישוב הקטן מתו אחרי עינויים אכזריים. יהודי שתיקן את גג ביתו הרעוע נורה למוות באשמת פעולה הפגנתית שסימלה את הרצון „להשאר במקום שאינו מיועד ליהודים״ ואילו יהודי אחר נורה באשמת נסיון לברוח מהמקום. (יהודי גרודזיצה חוסלו סופית בשלהי חודש חשון תש״ב עת הוצאו מבתיהם ליער סמוך ליישובם ושם נורו עד אחד.)

דוברה, קהלה עתיקה במחוז לודז, באיזור טורעק, שמנתה בפרוץ השואה עד 1000 נפשות ויותר. קהלת דוברה פעלה כבר בימי ועד ארבע הארצות וניהלה פעילות ענפה במשך מאות בשנים. בני המקום, רובם חרדים, חסידים ומהם לומדים מובהקים, התפרנסו בקושי מרוכלות ומסחר זעיר ומהם בעלי מלאכה. מהיום הראשון לכיבוש המקום על ידי הגרמנים לא ידעו יהודי דוברה מנוח, סבלו נוראות מהקלגסים וכן מהגרמנים תושבי המקום והסביבה. רבים מיהודי העיירה ברחו לנפשם, אחרים נשארו בתנאים איומים. כשטח שנספח לרייך הגרמני ונועד לגרמנים ול„ארים״ פעלו הרוצחים הנאציים תוך מגמה גלויה לטהר את דוברה מיהודים במהירות האפשרית. תוך תקופה קצרה גורשו יהודי המקום לכפר טוכולץ שליד קובלה פיינסקה, משם לכפרי הסביבה אולם כעבור זמן מה שוב רוכזו למקום אחד והובלו לטבח במחנה כלמנו.

דזיאלושין, קהלה עתיקה בת 400 שנה ויותר שהתבלטה כבר בימי ועד ארבע הארצות, בעלת מסורת של חיי ציבור ופרט. כבר בימים הראשונים להסתערות הנאצית על פולין נכבשה העיירה על ידי הצבא הגרמני שעשה שמות ביהודי העיר מיד עם הופעתו. משוד מאורגן ופרעות אכזריות עברו הקלגסים הנאציים למעשי טבח אכזריים ופעולות דיכוי ללא דוגמא. מרבית יהודי העיר גורשו כבר בחדשים הראשונים לשלטון הדמים כשכתונתם לעורם. המעטים שנשארו בדזיאלושין נהפכו לעובדי כפיה שרעבו ללחם. נגדם הופעלו אמצעי דיכוי והשפלה אכזריים כשהם מופקרים לכל רוצח טורף דם. (קהלת דזיאלושין חוסלה סופית בשלהי חודש אב תש״ב עת גורשו יהודי המקום למחנה ההשמדה בכלמנו.)

דווארט, קהלה חשובה ועתיקה במחוז לודז שמנתה בפרוץ השואה למעלה מארבעת אלפים נפשות. עם כיבוש העיר על ידי הגרמנים נפסקה שירת החיים של הקהלה העתיקה בעלת העבר המפואר. בחמת זעם התנפלו הקלגסים הנאציים על יהודי העיר האומללים, מעשי רצח אכזריים בוצעו בימים הראשונים לכיבוש הגרמני תוך אכזריות

געגנט, וועלכע האט געציילט ביים מלחמה אויסברוך 13,000 אידן. דאס איז א אלטע הונדערטעריעריקע קהלה, וואס אין שוין געווען טעטיק זעלבסטשטענדיק נאך אין די צייטן פון „ועד ארבע הארצות״. און נאך פאר אים. די אידן האבן זייער פיל בייגעשטייערט צו דער ענטוויקלונג פון שטאט וועלכע איז פארוואנדלט געווארן אין א האנדלס און אינדוסטריע צענטער און צו איר פונאנדערבליאונג.

קשאנאוו איז איינגענומען געווארן דורך די נאצישע הארדן שוין אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער אינוואזיע אויף פוילן. א טייל קשאנאווער אידן האט זיך איינגעגעבן צו אנטלויפן אין די מזרח׳דיקע געביטן פון פוילן, אנדערע זיינען אריבער אויף דער רוסישער זייט, אבער דער גרעסטער טייל אידישע איינוואינער איז געבליבן אין שטאט און האבן אויסגעטרונקען דעם ביטערן כוס ביזן סוף. די אידישע באפעלקערונג פון דער בליענדיקער שטאט האט אנגעהויבן איר יסורימדיקן וועג שוין דעם ערשטן טאג פון דער נאציאקופאציע און די ליידן האבן פון דאן אן שוין ניט אויפגעהערט אפילו קיין איין טאג.


גלייך ביים דערשיינען אין שטאט האבן די נאציס ארעסטירט א סאך אידן און דער עיקר — רעליגיעזע, מען האט זיי געניויט אנטאן טלית און תפילין און נאכדעם ווי די נאציס האבן זיי בעסטיאליש געפייניקט, אויסגעלייגט זיי אויף דער ערד און איינציקווייז אויסגעשאסן. דער ארגאניזירטער רויב איבערפאל איז דורכגעפירט געווארן שטרענג און עס איז כמעט ניט געבליבן קיין איין אידישע שטוב וואס איז ניט געפלינדערט און בארויבט געווארן. די רויב איבערפאלן זיינען שטענדיק געווען באגלייט מיט קלעפ און בלוט פארגיסונגען, פארוואונדעניק מענשן סתם אזוי, פון הנאה וועגן. א שווערע געלט שטראף איז ארויפגעלייגט געווארן אויף דער קהלה „כדי צו היטן דער ארדענונג און דאס אפהיטן די געזעצן״. אלע אידישע אונטערנעמונגען און אינסטיטוציעס זיינען פארמאכט אדער קאנפיסקירט געווארן, במשך פון געציילטע טעג זיינען די קשאנאווער אידן פארוואנדלט געווארן אין א געפייניקטער, הונגעריקער, צושלאגענער מאסע, מער טויט ווי לעבעדיק.

די קשאנאווער קהלה איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן אין חודש אדר תש״ג, ווען מען האט די לעצטע אידן ארויסגעפירט צום טויט.

קרעניץ: א דאטשע ארט אין די מערב־קארפאטן וואוהין עס פלעגן זיך צונויפקומען צענדליקער טויזנטער אידישע דאטשניקעס פון גאנץ פוילן. די אידישע קהלה אין קרעניץ האט געציילט 300 משפחות וועלכע האבן געלעבט פון די דאטשניקעס. ביים דערשיינען פון די נאציס האבן א סאך אידן אנטלאפן פון שטאט, די איבערגעבליבענע האט מען ארויסגעווארפן פון די הייזער און במשך עטליכע טעג זיינען זיי געווארן צובראכענע, ארימע קנעכט אן א רעכט צום ארבעטן און צום לעבן.

אין א קורצער צייט ארום האט מען זיי אויך ארויסגעטריבן. און קרעניץ איז געבליבן אינגאנצן „יודענריין״.

קראסנא: א קהלה מיט מער ווי 700 אידישע משפחות אין קראקאווער קרייז, וועלכע איז פארוואנדלט געווארן אין



החורבן. בתמונה: בית הכנסת במאקוב בחורבנו. / דער חורבן. אויפן בילד: די צושטערטע שוהל אין מאקוב.

א בית־עלמין פאר צענדליקער טויזנטער אידן פון מערב גאליציע און בפרט פון קראקאווער קרייז. די נאצישע אקופאנטן האבן פארוואנדלט קראסנע אין א קאנצענטראציע לאגער וואוהין מען האט געבראכט אלע אידן פון די ארומיקע געטאס און ישובים און אין די פארשטעטלעך פון קראסנע האט מען זיי אויסגעהרגעט. אויך די קראסנער אידן האבן געפונען זייער טויט פון קדושים ניט ווייט פון זייער שטאט. די טאלן פון קראסנע זיינען פארוואנדלט געווארן אין ריזיקע ברידער־קברים פאר די צענדליקער טויזנטער קדושים וטהורים וועלכע זיינען דארט געשטארבן אויף קדוש השם.

קאשיצע: א קליינע קהלה אין קראקאווער קרייז וואס האט געלעבט פון קליינהאנדל און האנטווערקעריי. דאס שטעטל איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער אינוואזיע אויף פוילן. די ליידן וואס האבן ארומגענומען אנדערע אידישע קהלות אין דעם געגנט, האבן ניט אדורכגעלאזט די קאשיצער אידן און אויך זיי האבן מיטגעמאכט דעם נאצי־גיהינום אזוויווי זייערע אומגליקליכע ברידער.


די קאשיצער קהלה איז ליקווידירט געווארן כ״ו חשון תש״ג, ווען אלע אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן צו דער עקידה.

קראשטשענקא־שטשאוויניץ: א קליינע קהלה ביי דער דאטשע שטאט שטשאווניץ מיט 50 אידישע משפחות, וועלכע האט זייער שווער געליטן שוין פון ערשטן טאג אן. ספעציעל האבן די נאציס געפייניקט די רעליגיעזע אידן איינארדענענדיק בלוטיקע ארגיעס איבער זיי.

די דאזיקע קליינע קהלה איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן אין זומער תש״ב ווען אלע אידן זיינען אויסגעהרגעט געווארן דורך די נאצי־מערדער.

ראבקא: א דאטשע ארט אין די מערב־קארפאטן. דארט איז געווען א איינגעארדענטע אידישע קהלה מיט 200 משפחות. דינסטיק כ״ג אלול איז זי איינגענומען געווארן דורך די דייטשן און גלייך איז דער גאנצער אידישער פארמעגן קאנפיסקירט געווארן. יעדער איד אויף וועמען עס איז געפאלן א חשד אז ער וויל זיך געגנשטעלן דעם רויב, איז דערשאסן געווארן אויפן ארט. א גרויסע געלט שטראף איז ארויפגעלייגט געווארן אויף די אידן אונטערן אויסרייד אז די אידן האבן „געשטעלט א ווידערשטאנד די אויספירער פון געזעץ״.

די פיל נאצישע סאלדאטן וואס זיינען געקומען אינ׳ם דאטשע ארט האבן זיך גרויזאם איזדיעקעוועט אויף יעדן אידן וועלכן זיי האבן געטראפן. און פיל אידן האבן אזוי ארום געפונען א גרויזאמן טויט ארייגפאלענדיק צו די בעס־



בימי החורבן. בתמונה: פנים בית הכנסת בפביאניץ אחרי ההרס.
דער חורבן. אויפן בילד: די שוהל אין פאביאניץ.

ותאוות דם ללא תקדים. בתי הכנסת בעיר חוללו ונשרפו ומחזות ברבריות נערכו נגד יהודים במקומות פומביים במשך הימים הראשונים לכיבוש הנאצי.

רבים מיהודי העיר ברחו לנפשם, אחרים נהרגו במקום ואלה שנשארו בדווארט נכלאו מאחורי סורג ובריח בתנאים איומים. (אחרוני יהודי דווארט חוסלו סופית בחודש אלול תש״ב, עת הובלו למחנה ההשמדה בכלמנו).

דומביה, ישוב יהודי קטן במחוז לודז שמנה בפרוץ השואה עד 800 נפשות. כשלושים יהודים ויותר נטבחו על ידי הכובשים הנאציים מיד עם הופעתם בעיר. יהודים רבים נאסרו ולא שבו יותר לבתיהם. עינויי תופת היו מנת חלקם של יהודי המקום בתקופת הכיבוש הנאצי (קהלת דומביה חוסלה סופית ביום כ״ו כסלו תש״ב, עת הובלו יהודי העיירה לטבח במחנה ההשמדה בכלמנו).

וואלבראזש, עיירה קטנה במחוז לודז, באיזור פיטרקוב, מאוכלסת 1400 נפשות רובם רוכלים וסוחרים זעירים ומיעוטם בעלי מלאכה.

עם הופעתם של החיילים הנאציים במקום החלו פרעות דמים נגד יהודי העיירה, שנמשכו ימים מספר. עשרות יהודים מצאו את מותם בידי מעניהם ואחרים נורו סתם ככה. בית הכנסת ובית המדרש המקומי הועלו באש על ספרי תורה. יהודים שניסו לכבות את האש נורו באשמת „מעשי חבלה״. יהודים שנמצאו מתפללים עונו באכזריות. בהדרכת תושבים מקומיים ערכו הכובשים האכזריים שוד מאורגן בבתי היהודים מלוה התעלליות ומעשי רצח. (קהלת וואלבראזש חוסלה סופית ביום כ׳ בתשרי תש״ב עת הועברו בני המקום לגיטו פיטרקוב).

ויילון, קהלה בת 5800 נפשות במחוז לודז, קרובה לגבול הגרמני שהופצצה מהאויר ביום ששי לפנות בוקר, מיד עם ההתנפלות הגרמנית על פולין. עשרות יהודים מצאו את מותם כבר בשעות המוקדמות הללו, ואלפי יהודי העיר, אנשים, נשים וטף ברחו בבהלה מערבה, נסים מחמת הקלגסים המתקדמים. רבים יהודי העיר מצאו את מותם בדרכים ובשבילים מהתקפות בלתי פוסקות של חיל האויר הנאצי על המוני הפליטים שנעו בכבישי פולין מזרחה. שבורים ורצוצים חזרו המוני הבורחים לעירם אחרי שנכבשה כבר על ידי הגרמנים ביום השבת, כ׳ באלול בשעות הבוקר המוקדמות.

עם הופעתם החלו הנאצים לשפוך את דמם של יהודי העיר כמים. 37 יהודים מצאו את מותם כבר בשעות הראשונות לשלטון הכיבוש הנאצי, רבים נאסרו מבלי לשוב לבתיהם, מאות נפלו קרבנות להתעללות אכזרית של הקלגסים, תאבי דם. מצבם של יהודי ויילון לא שופר בכל ימי שלטון הנאצים, חיי סבל ועינויים נפלו בגורלם גם אחרי הקמת גיטו צר במקום. (4000 יהודים שנכלאו מאחורי גדרות התיל של הגיטו הוצאו שלבים שלבים מהעיר להשמדה עד ליום ט׳ באלול תש״ב, יום בו הוצאו אחרוני היהודים מהעיר והקהלה המשגשגת חוסלה סופית).

וויירשוב, קהלה משגשגת בת 2800 נפשות במחוז לודז, מרוחקת 12 קילומטר מהגבול הגרמני. למחרת פרוץ המלחמה כבשו הנאצים את העיירה בטרם הצליחו יהודי המקום לברוח מערבה. עם הופעתם של החיילים הגרמנים אספו 18 יהודים שנקלעו בדרכם לככר השוק והרגו אותם אחד אחרי השני ביריות. בתו, בת ה־18 של השוחט המקומי, שהתקרבה בבכי אל אביה המוצא להורג נתפסה אף היא על ידי הרוצחים, שפתחו בכוח את פיה וירו לתוכה צרור כדורים. אחרי שנפלה מתבוססת בדמה תחבו הקלגסים לידה רימון וצלמו אותה, כהוכחה על נסיונות חבלה של יהודי וויירשוב.

כעבור שעה התפשטו הגרמנים על פני רחובות העיירה, תפסו 80 יהודים והובילו אותם תוך התעלליות ומכות רצח לתחנת המשטרה, בראשם, הרב המקומי ר׳ משה קליגר. דחוסים במכונת משא, פצועים ושותתי דם הם הובלו לקמפנו ומשם הועברו למחנה על יד נירנברג, כעבור חדשיים שוחררו והוחזרו כשלדי אדם לוויירשוב. על מכונת משא שהובילה אותם ועברה על פני ערי וכפרי גרמניה התנוססה כתובת ענקית „היהודים הללו ירו על חיילים גרמנים״.

נשדדים מכל, נשארו מרבית יהודי וויירשוב במקום, באין להם לאן לפנות. שתו את כוס התרעלה עד תומו, ובשלהי קיץ תש״ב, בימים האחרונים לחודש אב הועברו קבוצות קבוצות למחנה השמדה בכלמנו, (ביום ט״ז באלול הוצאו אחרוני יהודי העיירה מבתיהם והובלו להשמדה בכלמנו. קהלת וויירשוב חוסלה סופית).

וישניאבה גורה, ישוב קייט במחוז לודז שאיכלס בחדשי הקיץ רבבות יהודים ומושב קבע למאה משפחות שלא הגיעו לסטטוס של קהלה. ביום רביעי, כ״ד אלול נטשה תחנת המשטרה הפולנית את המקום, הגרמנים המקומיים החלו להשתולל נגד יהודי הישוב והרגו בגרזנים את השוחט המקומי, אימת מות נפלה על יהודי המקום ואלפי קייטנים שברחו מבתיהם וכתונתם לעורם. המעטים שנשארו נפלו קרבנות בידי גרמנים משתוללים וחיילים נאציים שהתעללו קשות ביהודים המעטים. סבלם של יהודי וישניאבה לא ארך זמן רב, ביום כ״ח בחשון ת״ש נצטוו היהודים לצאת את המקום תוך רגעים ספורים מבלי לקחת עמם מאומה, מלווים מכות רצח מידי הגרמנים המקומיים. אלה שלא הצליחו לצאת מיד נורו באכזריות.

זעלוב, עיירת מלאכה ותעשיה זעירה במחוז לודז ובה קהלה שמנתה 2800 נפשות. מרבית תושבי המקום היו גרמנים או צ׳כים דוברי גרמנית, עם הופעתם של הקלגסים הנאציים הפכו ברובם הגדול לנאצים נלהבים והתחרו

טיעס אין די הענט· יעדן טאג האט מען געכאפט מענער און פרויען אויף צוואנגס־ארבייט דערביי זיינען אויך אומגעקומען אידן· עס איז אין גאנץ ראבקע ניט געבליבן קיין איין איד וואס איז ניט געווען פארוואונדעט דורך די נאצי־מערדער·

אין א פאר מאנאטן ארום האט מען די אומגליקליכע אידן ארויסגעטריבן פון זייערע היימען, און נאר א פאר געציילטע צוואנגס ארבייטער זיינען געבליבן· אבער זיי זיינען אויך אכזריות׳דיק געהרגעט געווארן אין א שוידערליכער אקציע וואס איז פארגעקומען א ביסל שפעטער·

ראדזישאוו : א קליין שטעטעלע אין קראקאווער קרייז מיט 60 אידישע משפחות· גלייך ביים ארייננמארש אין שטעטל האבן די נאציס איינגעארדענט א שרעקליכן פאגראם און די עטליכע אידן וואס זיינען געבליבן לעבן זיינען ארויסגעטריבן געווארן נאקעט און בארוועס·

רידניק : א אלטע אידישע קהלה אין קראקאווער קרייז· ביים אויסברוך פון קריג האבן דארט געלעבט 200 אידישע משפחות, ס׳רוב פון זיי רעליגיעזע אידן· ווי אנדערע אידישע קהלות אין קראקאווער קרייז האט אויך רידניק דורכגעגאנגען דעם גרויליקן יסורים־וועג פון דער נאצישער הערשאפט — ביזן סוף·

די רידניקער קהלה איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן אין זומער תש״ב, ווען מען האט אלע אידן פון דארט ארויסגעפירט צום טויט אין קראסנע·

ראדאמישל־וויעלקי : א בכבודיקע קהלה אין טארנאווער געגנט, קראקאווער קרייז וואו עס האבן געלעבט ביים אויסברוך פון קריג 1900 אידן און האט געפירט א אינטענסיוון געזעלשאפטליכן און רעליגיעזן לעבן· ביים איינעמען פוילן דורך די דייטשן איז ראדאמישל געווארן א עיר מקלט פאר זייער אסאך ארויסגעטריבענע אדער אנטלאפענע אידן· און טראץ די זייער שווערע באדינגונגען און די גרויזאמע יסורים וואס זיי האבן אליין געהאט אויסצושטיין, האבן זיי אויפגענומען א סאך אידן און גע׳דאגה׳ט פאר זיי·

שרעקליכן פיין און נויט האבן דורכגעלעבט די ראדאמישלער אידן· אלע אידישע אינסטיטוציעס זיינען פארמאכט אדער קאנפיסקירט געווארן· אבער דער פיין און די ליידן האבן ניט צוברא̈כן דעם אידישן גייסט און זייער האפענונג אויף א בעסערע צוקונפט· ליידער איז זייער האפענונג צורונען אויפן גרויזאמסטן אופן·


די ראדאמישלער קהלה איז ליקווידירט געווארן ה׳ אב תש״ב, מען האט אלע אידן ארויסגעטריבן און אוועקגעפירט צום טויט·

שטשאווניץ : א דאטשע און קור ארט אין קראקאווער קרייז· מיט א קהלה פון 100 משפחות בערך·

די קהלה איז אפגעמעקט געווארן סוף זומער תש״ב· אלע אידן האט מען ארויסגעפירט אין געטא פון נאוויטארג און פון דארט האט מען זיי ארויסגעפירט צום טויט·

אידישע קהלות אין לאדזער קרייז

אין סאמע מיטן פון קאנגרעס פוילן, האט זיך אויסגעשפרייט דער אדמיניסטראטיווער קרייז פון לאדז, וועלכער



החורבן· בתמונה: פנים בית הכנסת ההרוס ב־ריפין· / דער חורבן· אויפן בילד : די צו־שטערטע שוהל אין ריפין·

איז אויפגעשטעלט געווארן צוזאמען מיט דער אומאפהענגיקער פוילן· צענדליקער קהלות מיט לאדז אין דער שפיץ האבן זיך ענטוויקלט און צובליט אין די לעצטע דורות, א דאנק דער אידוסטריעלער ענטוויקלונג אין דעם קרייז· און אין דער צייט ווען אלטע אידישע קהלות פון פוילן האבן מיט שוועריקייטן איינגעהאלטן זייער שטעלונג און מאנכע פון זיי האבן זיך זייער איינגעשרומפן, האבן צענדליקער קהלות אין לאדזער קרייז זיך ענטוויקלט מיט ריזן שריט· אין די לעצטע דורות האבן אן אויפהער געשטראמט אידן פון אלע אנדערע געביטן פון פוילן — אין לאדזער געגנט, און דער שטראם איז געפלאסן ביז דער מלחמה און דעם חורבן פון פוילישן אידענטום·

אין יאר 1939 איז די צאל פון די אידן אין לאדז געווען כמעט 400,000, איינגערעכנט קאלישער קרייז, קאנין און קאלא, וועלכע האבן, אין א געוויסער תקופה, געהערט צו פויזן און פאמערן, אבער די אידישע קהלות אין יענע געגנטן, האבן זיך גערעכנט פאר א אונצוטרענבארן טייל פון די אידישע קהלות אין לאדזער קרייז· די דייטשן פון יענעם געגנט, זיינען טאקע געווען די ערשטע וואס האבן אויפגעשטעלט די אינדוסטריע אונטערנעמונגען, אבער אין בעשרענקטע פארמען· נאך זיי זיינען געקומען די אידן וועלכע האבן ענטוויקלט דער אינדוסטריע און האנדל אין גאנצן קרייז· אין יאר תרנ״א, האבן צוגעוואנדערט אין לאדזער קרייז אידישע קאפיטאליסטן וואס זיינען פארטריבן געווארן פון מאסקווע און זיי, צוזאמען מיט פוילישע אידן האבן פארוואנדלט לאדז און איר קרייז אין א צענטער פון בליענדיקן האנדל און גוט ענטוויקלטער אינדוסטריע·

מיט אייפער און שווערע ארבעט האבן די אידן פון לאדזער קרייז אויפגעשטעלט דער פוילישער אינדוסטריע· פון די 29,964 אינדוסטריע אונטערנעמונגען און ווארשטאטן אין לאדזער קרייז (אין יאר 1939), האבן 13,728 געהערט צו אידן· די דייטשן האבן גארניט באהאלטן דעם פאקט אז נאר אין לאדזער קרייז האבן זיי צוגערויבט פון אידן א פארמעגן אין ווערט פון מיליארדן זלאטס· האלב אפיציעלע ציפערן מצד דער דייטשער אקופאציע־מאכט גיבן איבער, אז אין לאדזער קרייז זיינען קאנפיסקירט געווארן ביי די אידן פאלגענדע אונטערנעמונגען : 70 באנקן און פינאנס־אינסטיטוציעס· 3500 פאבריקן און אונטערנעמונגען פון טעקסטיל· 800 אנדערע אונטערנעמונגען· 500 הורט געשעפטן· 8500 דעטאיל געשעפטן, 8200 ווארשטאטן· העכער 3000 ארישע קאמיסארן האבן איבערגענומען דעם דאזיקן ריזיקן פארמעגן אין נאמען פון דריטן רייך·

70—80% פון דער טעקסטיל אינדוסטריע און די צווייג־אונטערנעמונגען, האבן ביי דער מלחמה אויסברוך — געהערט



בימי החורבן. בתמונה: בית הכנסת בצנסטכוב שנשרף.
דער חורבן. אויפן בילד: די פארברענטע שוהל אין צענסטכוב.

ביניהם על גילויי איבה לוהטת ליהודים. יהודי העיירה נשדדו מכל רכושם, עשרות יהודים מצאו את מותם תוך עינויים אכזריים ומעשי התעללות איומים. כל חיי הציבור חוסלו ובתי כנסת חוללו, חיי היהודים נעשו הפקר לכל עורב צמא דם. מיהודי זעלוב כמו מיהודי פולין כולה נשללו כל הזכויות. הפועלים היהודים ובעלי מלאכה נאלצו לעבוד עבודת פרך עבור הגרמנים המקומיים שלא שילמו להם גם את שכר הרעב שהובטח ועבור תלונה כל שהיא של יהודי נגד גרמני קבל היהודי המתלונן עונש מות מבלי לבדוק את תלונתו.

נפוחי רעב, כשלדים חיים נדחקו יהודי זעלוב לגיטו הצר שהוקם במקום. אולם גם חיי עוני הללו לא נמשכו זמן רב, בחדשי הקיץ תש״ב הוצאו מרבית יהודי המקום למחנה ההשמדה בכלמנו. במקום נשארו רק פועלים מומחים, שהמשיכו בעבודת הכפיה למען הגרמנים אחרי שבני משפחותיהם הוצאו להורג. אולם גם להם לא הרשו הגרמנים לחיות זמן רב עלי אדמות. בשלהי אב תש״ב הוצאו אחרוני היהודים מזעלוב להריגה.

זדונסקה וואלה, קהלה חשובה במחוז לודז, מרכז לתעשיה ומסחר בטקסטיל שנוסדה בסוף המאה הי״ח. בפרוץ השואה מנתה קהלת זדונסקה וואלה 8000 נפשות, בחלקם הגדול חסידים נלהבים וחרדים שומרי מסורת. יהודי זדונסקה וואלה פיתחו חיי מסורת ותודותם שגשגה העיר בהתמדה. בליל כ״ד באלול נראו החוליות הראשונות של הצבא הגרמני בשערי העיר, למחרת נכבשה העיר ומיד החלו חיילים גרמנים ותושבים מקומיים במעשי שוד והתעללות נגד יהודי המקום. 40 יהודים קשישים, מעוטרי זקן ופיאות נתפסו כבר בשעות הראשונות לכיבוש הנאצי, הובלו למרכז העיר ולעיני אלפי פולנים מריעים הועמדו בשתי שורות, שורה מול שורה וכל אחד אולץ להכות את רעהו. מי שפיגר או השתמט ספג מכות רצח מקצינים גרמניים שניצחו על המחזה האכזרי. פצועים ושותתי דם הועמדו שוב היהודים הקשישים בעיגול כשפניהם מול המוני פולנים מריעים, המפקדים הגרמנים עברו מיהודי ליהודי, תלשו את זקנו יחד עם הבשר כשדמם של הזקנים ניגר כמים ושטף את הככר, בתום המחזה אולצו הזקנים תחת מטר של מכות שוט לרוץ על פני רחובות העיר ואחריהם המון פולני צוהל.

7 יהודים נתלו ללא מתן כל נימוק, עשרות נאסרו ולא שבו יותר לבתיהם, אימת מות נפלה על בני הקהלה הגדולה, תוך ימים ספורים לא נשאר אף יהודי בעיר שלא נפגע מידי הקלגסים. השמועות הבלתי פוסקות שהתהלכו במקום לפיהן יאלצו היהודים לעזוב את העיר תוך 3 ימים ולא יורשו לקחת עמם מאומה הניעו את היהודים למכור את אשר נשאר להם בעד פרוטות לפולנים המקומיים. הגירוש המידי אמנם בוצע חלקית והיהודים נשארו במקום מחוסרי כל ומשוללי אפשרות לקיום. את הפרוטות האחרונות נאלצו למסור לגרמנים לתשלום דמי הקנסות הכבדים שהוטלו על ידי שלטונות הרצח על בני הקהלה.

סבל ועוני שלא יתואר ליוו את בני זדונסקה וואלה בכל ימי הכיבוש הנאצי, עד לקיץ שנת תש״ב, עת הוצאו קבוצות קבוצות מגיטו המקומי והובלו למחנה השמדה בכלמנו. ביום י״ב באלול תש״ב נסתיים מצעד המות האכזרי, אחרון יהודי העיר הובל אז להשמדה לכלמנו.

ז׳ארקי, קהלה בת 1000 נפשות במחוז לודז שפעלה מאות בשנים כקהלה עצמאית. מיד עם פרוץ מלחמת עולם האחרונה הופצצה העיירה קשות על ידי חיל האויר הגרמני ורבים מתושבי העיירה נהרגו ביניהם כמאה יהודים, אלה שנשארו בחיים ברחו לכפרי הסביבה, עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים חזרו היהודים לבתיהם ההרוסים אולם לא כולם זכו להגיע לכך, רבים נורו בדרך על ידי חיילים נאציים, שהרגו את מרבית היהודים שפגשו בדרכם בתואנה כי היהודים יורים על הצבא הגרמני.

לפנות ערב אסרו הגרמנים 30 יהודים, תחת מטר של מכות רצח הועמסו על מכונית משא עליה התנוססה הכתובת „החזירים הללו רצו במלחמה וקבלו אותה״. האסירים הובלו עד לנירנבורג וכעבור שבועות מספר הוחזרו לפולין אחרי עינויים קשים ואכזריים.

יסורי איוב עברו מאז על בני הקהלה הקטנה עד ליום חיסולה. (ביום כ״ה בתשרי תש״ג הוצאו כל יהודי העיירה מתחום מושבם הקטן והמגודר והובלו למחנה השמדה בטריבלינקה).

זיכלין, עיירה קטנה במחוז לודז שמנתה בפרוץ השואה 2100 נפשות. בימים הראשונים להסתערות הגרמנית על פולין סבלה קהלה זו קשות מהפצצות גרמניות. עם הופעתם של הקלגסים הנאציים במקום ערכו אלה פרעות ביהודי העיירה ועשרות יהודים מצאו את מותם מידי מעניהם ספרי תורה נורו וגופותיהם נשרפו. יהודים שנמצאו מתפללים האכזריים. בתי כנסת הוצתו באש ויהודים שניסו להציל בבתיהם הוצאו לשוק העיירה עטופי טלית ותפילין ואולצו לכרוע ברך בפני הקצינים הנאציים שהמטירו עליהם מכות רצח. אלה שנפלו מחוסרי אונים נורו במקום. על הקהלה הקטנה, שנשדדה מכל הטילו הגרמנים קנס כספי לכסוי הוצאות שריפת „קני טרוריסטים״.

זיכלין לא סופחה לשטח הרייך ונשארה בשטח גנרל גוברנמנט. יהודי העיירה לא עמדו לכן בפני סכנות גירוש

צו אידן· און אין א גאר קורצער תקופה איז ביי זיי אלץ צוגערויבט געווארן· ביטער איז געווען דער גורל פון הונדערטער טויזנטער אידן אין דעם געגנט· די דייטשע רעגירונג האט באשלאסן צו פארוואנדלען לאדזער געגנט און עטליכע געגנטן אין ווארשאווער קרייז — אין איין ריינעם דייטשן געגנט· זי האט באשלאסן צו באזעצן דארט טויזנטער דייטשן פון ליטע, לעטלאנד און אנדערע געביטן, וועלכע האבן געדארפט פארלאזן די געביטן פון רוסישער השפעה, גלייך נאכדעם ווי עס וועלן זיך ענדיקן די קאמפן אין פוילן — לויט א ספעציעלן אפמאך צווישן דייטשלאנד און רוסלאנד· די דייטשע אקופאציע מאכט האט באשלאסן ארויסצוטרייבן מיט אמאל אלע אידן פון לאדזער קרייז גלייך נאכן אקופירן דעם געגנט· דער גירוש זאל דורכגעפירט ווערן אן שום רחמנות· די גירושים זיינען טאקע ניט דורכגעפירט געווארן אין דער באשטימטער צייט אינגאנצן צוליב טעכנישע שוועריקייטן און אנדערע סיבות· אבער זיי זיינען דורכגעפירט געווארן אין אזא מאס, אז זיי האבן אונטערגעגראבן אינגאנצן די עקזיסטענץ פון די אידישע קהלות אין לאדזער קרייז·

פארן קריג האבן אין לאדזער קרייז געלעבט 130 טויזנט דייטשן בערך, ד·ה· ביי 6% פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג· צו זיי זיינען צוגעקומען אלע דייטש־ריידענדיקע פאליאקן· און אלע האבן קאנקורירט איינער מיטן צווייטן, מיט זער איבערגעגעבנקייט צום נאציזם, דורך ארויסווייזן זייער אידן־האס, נעמען אנטייל אין פאגראמירן אידן, אין רויבן און מארדן — צוזאמען מיט די נאצי־מערדער וועלכע האבן שנעל באהערשט לאדזער קרייז, האבן א סאך ארטיקע איינוואינער, געגעבן זייער האנט און זיך שטארק באמיט חרוב צו מאכן די אידישע קהלות פון לאדזער קרייז·

דער חורבן פון דער לאדזער קהלה

ביים אויסברוך פון דער מלחמה, איז לאדז, די צווייטגרעסטע קהלה פון פוילן, נאך געווען גאנץ יונג· די ערשטע אידן האבן זיך באזעצט אין לאדז אין יאר תק״פ· דאמאלסט איז עס געווען א קליין דערפל מיט 800 איינוואינער וועלכער האט זיך געפונען צווישן די צוויי חשובע אלטע קהלות לאסק און פיעטרקוב, ניט ווייט פון דער שטאט ליטאמירסק· אין דער צייט האבן עטליכע דייטשן אנגעהויבן אויפשטעלן דארט פאבריקן פון וואל אויסארבייטונג און טעקסטיל·

במשך עטליכע יאר זיינען ארויסגעוואקסן איז לאדז א סאך אינדוסטריע אונטערנעמונגען· אויך אידישע קאפיטאליסטן זיינען געגאנגען אין די שריט פון די ערשטע אינדוסטריעלער· אידישע שפינער און וועבער האבן זיך באזעצט אין שטאט און אומגעגנט· דער אינדוסטריע צענטער האט זיך אנגעהויבן ענטוויקלען מיט שנעלע טריט·

אין יאר תקפ״ג איז שוין אין לאדז געווען טעטיק א אידישע קהלה מיט 300 מיטגלידער און אלס ערשטער רב איז אויפגענומען געווארן הג״ר הלל· אין פופציק יאר ארום, אין יאר תרל״ג, האט שוין די לאדזער קהלה געציילט 50,000 אידן און אין הונדערט יאר ארום, אין יאר תרפ״ג — מער ווי 150,000 אידן·



בימי החורבן· בתמונה: יהודי ווארשה מובלים לעבודת כפיה·
דער חורבן· אויפן בילד: ווארשאווער אידן געפירט צו צוואנגס ארבייט·

לאדזער קהלה אין ציפערן

יאר	צאל איינוואינער	צאל אידן	אין %
1821	800	200	25,0
1872	55,000	11,000	20,0
1876	79,000	16,000	19,8
1904	290,000	74,000	24,0
1911	407,000	99,000	24,0
1921	521,000	141,000	27,1
1931	614,000	186,000	30,4
1939	650,000	225,000	34,4

דער אנטייל פון אידן אין דער ענטוויקלונג פון לאדז איז געווען איבערוויגענד· דער גרעסטער טייל פון די האנדל און אינדוסטריע אונטערנעמונגען זיינען אויפגעשטעלט געווארן דורך אידן· אין יאר תרצ״א איז 80% פון דעם הורט האנדל געווען אין אידישע הענט; 73% פון דעטאיל האנדל און 81,8% פון די בענק און פינאנס־אינסטיטוציעס פון שטאט· פון 8414 אינדוסטריע אונטערנעמונגען און ווארשטאטן פון לאדז, זיינען 5500 געווען אין אידישע הענט· 55% פון דער גרויס אינדוסטריע, 77,6% פון דער מיטל אינדוסטריע און 82,2% פון דער קליין אינדוסטריע איז געווען אין אידישע הענט·

צוזאמען מיט דערווירטשאפטליכער ענטוויקלונג האט די לאדזער קהלה ענטוויקלט א ברייט פארצווייגטע טעטיקייט אויף אלע געביטן פון לעבן· עס זיינען אויפגעשטעלט געווארן פרעכטיקע אינסטיטוציעס, שפיטאלן און סאציאלע אונטערנעמונגען· די לאדזער קהלה האט זיך אויסגעצייכנט מיט איר טעטיקייט און אלזייטיקייט· די הילפס און צדקה אינסטיטוציעס פון לאדז האבן געהאט א שם אין גאנצן פוילן און אויך אין אויסלאנד· די בארימטסטע רבנים זיינען דארט געווען, ווי צ·ב·ש· הג״ר יחזקאל נאמבערג, הג״ר אליהו חיים מייזל און הגר״י טרייסטמאן·

דאס רוב פון לאדזער אידן זיינען געווען שטרענג רעליגיעז· אין קהלה האט געהערשט די „אגודת ישראל״ און א סאך תורה און חינוך אינסטיטוציעס זיינען געווען טעטיק אין לאדז· טראץ דעם פאקט וואס די לאדזער אידן האבן געשטאמט פון פארשיידענע קהלות און פארשיידענע געגנטן פון פוילן און אויסלאנד, האט זיך דאס לאדזער אידענטום אויסגעפורעמט אין א איינהייטליכן געשטאלט, מער ווייניקער פאראייניקט און אין פארלויף פון דער צייט געשאפן דעם


בתי הכנסת הוצתו באש ובני הקהלה אולצו לשלם 250 מארק עבור חמרי דלק להצתה. על היהודים נאסר להתפלל בכלל, לעיין בספרים או לבצע כל פעולה שהיא, אפילו בבתיהם בלי אישורם של שלטונות הנאצים. רב העיר נאסר ועונה ללא רחם, שוד מאורגן בוצע לפי תכנית ערוכה מראש. הקלגסים לא השאירו אף בית יהודי, עני או עשיר מבלי לפקדו ולהוציא ממנו כל דבר בעל ערך. חיפושים מדוקדקים נערכו אצל כל יהודי, כנער וכזקן, כל המפעלים, בתי מסחר ובתי מלאכה של היהודים הוחרמו. בגמר מסע השוד הטילו הנאצים על בני הקהלה קנס כספי בגובה של 200 אלף מארק בגלל „אשמת היהודים במלחמה״, אחרי תחנונים מרובים הסכימו הגרמנים להסתפק במאה אלף מארקים במזומנים ולכסות את היתרה מכספי היהודים שהוחרמו. מרבית יהודי העיר ברחו כשכתונתם לעורם, אלה שנשארו גורשו לעתים מזומנות לגיטו לודז או לשטחי הכיבוש במזרח, רק פועלים מקצועיים, שהועסקו כעובדי כפיה במפעלים שהוחרמו הורשו להשאר בלי בני משפחותיהם בעיר עד לקיץ תש״ב, עת גורשו אף הם מזגירזש.

ז׳גוב, ישוב יהודי קטן במחוז לודז שמנה 300 נפשות. יהודי המקום, אם כי הוצאו מכלל החוק וגזירות דראסטיות הופעלו נגדם, לא ידעו שפיכת דמים בתקופה הראשונה לשלטון הנאצי, והצליחו בקושי להחזיק מעמד למרות התנאים המרים. בעוני וסבל המשיכו לטוות את חוט חייהם המסורתי, תוך תקוה להחזיק מעמד עד אשר יעבור הזעם. אולם ביום כפור תש״ב, כשכל יהודי המקום כולל ילדים התענו והתפללו הוקף תחום המושב היהודי ע״י חיילים נאציים שהוציאו את כל היהודים ליער לא רחוק, ליד קאזימיזש ביסקופי שם נורו עד אחד וגופותיהם הושלכו לבורות.

זגורובה, קהלה קטנה במחוז לודז, באיזור קונין שמנתה כ־700 נפשות בפרוץ השואה, מאוכלסת ברובה רוכלים זעירים ובעלי מלאכה. למרות הסבל הרב שנפל בחלקה של הקהלה הקטנה שנשדדה מכל וסכנת גירוש טוטאלי ריחפה עליה מהיום הראשון לכיבוש הנאצי, קלטה הקהלה זו קרוב ל־1600 פליטים שהתחלקו עם בני זגורובה בפת לחמם החרבה והאחרונה. (בני קהלת זגורובה נטבחו יחד עם אנשי ז׳גוב ביער ליד קאזימיזש ביסקופי ביום כפורים שנת תש״ב לשם הובלו בערוב היום).

טומשוב מאזובייצקי, אחת הקהלות הגדולות והחשובות במחוז לודז שהתפתחה במיוחד בדור האחרון לפני השואה, ומנתה בפרוץ המלחמה קרוב ל־10 אלף נפשות. יסורי תופת היו מנות חלקם של בני הקהלה בימים הראשונים לכיבוש הנאצי. המפקדים הגרמנים המקומיים הצטיינו במיוחד באכזריותם ובמעשי התעללות נגד יהודי המקום. תוך תקופה קצרה ביותר פקדו הקלגסים כל בית יהודי בעיר ולא השאירו אף יהודי שלא סבל אישית מפגיעות אכזריות. כל הרכוש היהודי הוחרם ונשדד, מוסדות הקהלה חוסלו, ומחזות אימים נערכו נגד יהודי העיר מדי יום ביומו. רבים מצאו את מותם בימים הטרופים הללו.

עם הפעלתם המחודשת של מפעלי התעשיה המקומיים והעסקת יהודים רבים כפועלים מקצועיים במפעלים שעברו



בימי החורבן. בתמונה: הכניסה לבית הקברות העתיק בקראקה שחולל.
דער חורבן. אויפן בילד: דער טויער פון אלטען קראקאווער בית החיים דורך די נאציס פארשווענדערט.

מתמידות ואף קלטו למרות מצבם האומלל 700 פליטים ודאגו לצרכיהם המינימאליים. (יהדות זיכלין חוסלה סופית בשלהי תש״ב, עת הובלו בניה למחנה ההשמדה בטריבלינקה).

זגירזש, קהלה חשובה במחוז לודז שפעלה כמאה שנה ויותר ומנתה בפרוץ השואה קרוב ל־6000 נפשות. עיר תעשיה ומלאכה ורבות תרמו יהודי זגירזש לפיתוחו של המקום. 61 מפעלי תעשיה ו־128 בתי מלאכה לטקסטיל היו בבעלותם של יהודי העיר, מבין 208 סוחרים סיטונאים היו 163 יהודים, מצב דומה שרר בכל ענפי המסחר, התעשיה והמלאכה בעיר זו.

עם כיבוש זגירזש על ידי הקלגסים הנאציים החלו פרעות מאורגנות נגד יהודי המקום כשהגרמנים המקומיים המרובים, שעמדו בקשרי מסחר וידידות עם היהודים במשך דורות חשפו את זהותם האמיתית והתיצבו בראש המסע האכזרי. הם עלו בשטח זה על החיילים הנאציים. 500 יהודים נאסרו על ידי המיליציה של הגרמנים המקומיים והובלו לכנסיה נוצרית תוך מכות רצח והתעללויות איומות. 8 יהודים נורו או נהרגו תוך פעולה זו. הרוצחים גזזו את זקניהם של היהודים החרדים ואילצו אותם לאכול את השערות. אחרים נקשרו בשרשרות לעמודים והוכו באכזריות תוך צווחות „לכו הביתה״. את הזקנים הלבישו כובעי נשים או פיאות נכריות ואילצום לעבור את רחובות העיר, כשגרמנים צעירים רודפים אחריהם בשוטים. מספר יהודים התאבדו כשלא יכלו לעמוד בעינויים המרים, אחרים מתו תחת יד מעניהם, סבלם של יהודי העיר הגיע לממדים שלא יתוארו.

ספעציפישן אייגענארטיקן טיפ פון א לאדזער אידן, דער איד מיט דער ווארימער הארץ און געפיל פארן אנדערן.

די לאדזער קהלה איז אויך געווארן א צענטער פון חסידות און פון געזעלשאפטליכער און קולטורעלער טעטיקייט. הונדערטער שולן זיינען געווען אין שטאט. זי איז געווען פול מיט ברויזענדיקן אידישן לעבן און טעטיקייט אויף אלע געביטן פון לעבן.

ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן, האט די פוילישע רעגירונג געוואלט פארטיידיקן דער פוילישער אינדוסטריע שטאט און דער צווייט גרעסטער שטאט פון לאנד. די אידן פון לאדז האבן זיך מאסענווייז מאבליזירט צו גראבן אקאפעס ארום דער שטאט. אבער דאס דייטשע מיליטער האט ארומגערינגלט דער שטאט אין א ריזיקער צאנגענבאוועגונג, די שטאט איז כמעט ניט באמבארדירט געווארן פון דער לופט און איז געפאלן פרייטיק, כ״ו אדר אין די נאצישע הענט. די לאדזער איינוואינער פון דייטשער אפשטאמונג ווי אויך די דייטש ריידענדיקע פאליאקן האבן גלייך אנגעהויבן צו באצירן דער שטאט מיט נאצישע פלאגן, און דער האקענקרייץ האט זיך באוויזן אויף יעדן הויז און אין יעדן ווינקל נאך איידער די נאצי־הארדן האבן באוועלטיקט דער שטאט.

איוב׳ס יסורים האבן זיך א גאס געטאן אויף די קעפ פון די לאדזער אידן פון דער ערשטער מינוט פון דער נאצי־הערשאפט. דייטשע סאלדאטן האבן אנגעהויבן רויבן אידישע געשעפטן, באפאלן יידישע פארבייגייער. שוין די ערשטע ארויסטרעטונגען פון די נאצישע פירער אויף עפענטליכע פלעצער אין שטאט, האט אנגעזאגט ניט קיין גוטע בשורות: „די אידן וועלן מער ניט דארפן קיין וואסער, מיר וועלן זארגן דערפאר אז זיי זאלן זיך טובלען אין זייער אייגענעם בלוט״, האט אויסגערופן באלדור פאן שיראך, דער גאולייטער פון דער נאצי־יוגנט וועלכער איז געקומען קיין לאדז. „מיר וועלן אויסקערן אן רחמנות דעם צוויי פיסיקן אידישן שמוץ״, האט ערקלערט גרייזער, דער נאצישער גאולייטער פון לאדז, אויף דער ערשטער זיצונג פון דער לאדזער שטאט־פארוואלטונג.

עס האט אנגעהויבן הערשן א שווערער מאנגל אין לעבנסוויכטיקע שפייז ארטיקלען. לאנגע רייען האבן זיך געשלענגעלט ביי די בעקערייען און קאלאניאל געשעפטן. זייער אפט האבן די דייטשן ארויסגעווארפן אידן פון די רייען שלאגענדיק זיי מכות רצח. דאס ארויסגיין אין גאס איז געווען פארבונדן מיט סכנות נפשות פאר מענער ווי פאר פרויען. דייטשע סאלדאטן אדער ארטיקע דייטשן האבן געלויערט אין יעדן ווינקל און געכאפט אידן אויף צוואנגס־ארבעט וואס איז געווען באגלייט מיט פייניקונגען און גרויזאמע קלעפ. ספעציעל האבן זיך אויסגעצייכנט די ס.ס. לייט וועלכע האבן געכאפט אידן נאר כדי זיי צו פייניקן. נאר א קליינע צאל פון די געכאפטע האט מען געשיקט ארבייטן. דער גרעסטער טייל איז געכאפט געווארן נאר כדי צו שטילן דעם דורשט פון די נאציס צו אידיש בלוט און פארשאפן די נאציס דעם סאדיסטישן פארגעניגן פון פייניקן אידן.



בימי חורבן. בתמונה: 2 יהודי לודז ביגונם.
דער חורבן. אויפן בילד: צוויי ליידענדע לאדזשער אידן.

דער יודנראט, וועלכער איז נאמינירט געווארן דורך דער דייטשער מאכט, האט פארגעלייגט די נאציס צוצושטעלן טעגליך 700 צוואנגס־ארבייטער כדי צו פארמיידן דאס כאפן פון מענער און פרויען אין די גאסן, די אקופאציע מאכט האט אנגענומען דעם פארשלאג און אכטונג געגעבן ער זאל אויסגעפירט ווערן פינקטליך, אבער דאס האט ניט אַפּגעהאלטן די נאצי־מערדער פארטזעצן דעם גרויזאמן שפיל פון כאפן אידן אין די גאסן. געכאפטע אידישע פרויען האט מען גענויט צו רייניקן דייטשע וואינונגען און מיט זייערע וועש וואשן די פאדלאגעס.

די ארטיקע דייטשן האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער סאדיזם און דורשט נאך אידיש בלוט. אפילו אזוינע וואס האבן אין פארלויף פון צענדליקער יארן געשטאנען אין פריינטשאפט און האנדלס באציאונגען מיט אידן, האבן מיטאמאל געמאכט א אנשטעל ווי זיי וואלטן זייערע אידישע פריינט קיינמאל ניט געקענט, אין א סאך פאלן זיינען די דאזיקע „גוטע פריינט״ אליין דערשינען אין די וואינונגען פון זייערע אמאליקע פריינט און מיט מכות רצח, פייניקונגען און דראונגען, גענויט די אידן צו „פארקויפן״ זיי זייערע געשעפטן און אונטערנעמונגען.

די פאגראמען אויף אידן זיינען באגלייט געווען מיט זייער פיל טויטע. פון די 40 אידישע סוחרים וואס מען האט ארויסגעשלעפט פון א לאדזער קאפע, זיינען 15 דערשאסן געווארן אין די אויגן פון זייערע פריינט, נאכדעם ווי מען האט זיי גענויט אליין צו גראבן פאר זיך קברים. די דייטשן האבן אפילו זיך ניט מטריח געווען נאכצוקוקן צו זייערע קרבנות זיינען שוין טויט. נאכן דערשיסן האט מען זיי גלייך ארייגעווארפן אין די גריבער און פארשאטן. א סאך אידן וואס האבן „געוואגט״ זיך באווייזן אויף דער לאדזער הויפטגאס, פיאטרקאווסקא, האבן באצאלט פאר דעם מיט זייער לעבן.

15 חשובע אידן, פון אלע שיכטן פון אידישן ישוב אין לאדז, האט מען ארויסגעשלעפט ביינאכט פון זייערע הייזער און מער האט מען זיי ניט געזען. אין א קורצער צייט ארום האבן די נאציס מודה געווען אז מען האט זיי דערשאסן. א סאך אידן זיינען ארעסטירט געווארן און מער ניט צוריק־



בימי החורבן. בתמונה: גרוש יהודים. / דער חורבן. אויפן בילד: אידען פאר א גירוש.

לידי הגרמנים, השתפר במדת מה מצבם של יהודי העיר. תוך דאגה להגדלת התפוקה התעשיתית נמנעו הקלגסים מהפרעות רציניות בחיי העיר, ממשכורת הרעב של הפועלים היהודים המרובים המשיכו מרבית המשפחות היהודיות בעיר להחזיק מעמד. אף פליטים ומגורשים שהסתננו לגיטו היהודי שהוקם מצאו שם מחסה לתקופה מסוימת. (בחורף שנת תש״ג החלו הגרמנים לחסל בהדרגה את גיטו טומשוב. קבוצות קבוצות נשלחו יהודי העיר למחנות ההשמדה. החיסול ההדרגתי נמשך עד ליום כ״ד אייר תש״ג, עת הוצאו אחרוני היהודים מטומשוב למחנה עבודה בבליזין, העיר היהודית המשגשגת הפכה ל„יודנריין״).

טורעק, קהלה עתיקה במחוז לודז שמנתה בפרוץ השואה למעלה מ־3000 נפשות. עם כיבוש העיר המאוכלסת סוחרים ובעלי מלאכה, חרדים וחסידים החלו הכובשים בהכנות קדחתניות לגירוש יהודי המקום. צווי הגירוש התכופים, המלוים מעשי רצח והתעללויות אכזריות ומעשי שוד מרטו את עצביהם של היהודים האומללים והפכום לעדת שלדים חיים, מיואשים, שבורים ורצוצים. צווי הגירוש בוטלו וחודשו לעתים תכופות וגרמו לבהלה מתמדת. בשלהי שנת ת״ש גורשו מרבית יהודי העיר לכפרי וישובי הסביבה, בטורעק נשארו רק מספר קטן של פועלים מקצועיים ובעלי מלאכה שהועסקו על ידי הגרמנים. (אחרוני יהודי טורעק גורשו לקובלה פיינסקה ביום כ״ט תשרי תש״ב).

טושין, קהלה קטנה באיזור לודז שמנתה בפרוץ השואה 1300 נפשות. עם כיבוש המקום על ידי הנאצים אולצו מרבית יהודי טושין לנטוש את דירותיהם מבלי לקחת עמם מאומה ולמסור אותן לגרמנים שהגיעו לטושין מאיזורים מרוחקים. יהודים רבים חויבו לתקן כלים ורהיטים ולמסור אותם שלימים לידי השודדים, שהצטיינו במעשי אכזריות. מחזות אימים נערכו לעתים תכופות נגד יהודי העיירה שידעו יסורי תופת בימי הכיבוש הנאצי.

כשנה אחרי הכיבוש, בעיצומו של החורף, בליל שבת עוררו הקלגסים הנאציים את יהודי המקום, אספו אותם לככר השוק, יהודי שנשאר בבית נורה מיד. ותחת מטר מכות איומות אולצו היהודים לרוץ רגלי לעבר לודז מבלי להרשות להם לקחת עמם מאומה, כך חוסלה קהלת טושין.

ירוטשוב, ישוב יהודי קטן ועתיק שפעל כבר בראשית ימי ועד ארבע ה־ארצות. בפרוץ השואה מנתה הקהלה הקטנה למעלה מ־200 נפשות, רובן רוכלים ובעלי מלאכה, יראים וחרדים ומהם חסידים נלהבים. עם כיבוש הישוב על ידי הגרמנים נאסרו כל יהודי המקוֹם. הם הובלו למגרש ריק שם נערך אצלם חיפוש יסודי מלוה מכות אכזריות, כשהיהודים אולצו לכרוע ברך ולהחזיק את ידיהם מורמות למעלה. אשה הרה, כמה זקנים וילדים שהורידו את ידיהם בגלל עייפות נורו במקום. בגמר החיפוש מרטו הקלגסים את זקניהם של היהודים החרדים, ואחרי כן גורשו תוך מטר של מכות שוטים לכבישים שהובילו מזרחה. אלה שלֵא עצרו כוח לרוץ נורו. כך חוסלה קהלה עתיקה זו.

לאסק, קהלה עתיקה בת 500 שנה במחוז לודז שמנתה בפרוץ השואה כ־3000 נפשות. עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים פקדו הנאצים על יהודי המקום להתאסף לפנות בוקר בבית הכנסת המקומי. באמצע הלילה ניגשו כמה יהודים צעירים לבית הכנסת כדי להוציא משם את ספרי התורה, חייל גרמני שפגשם בדרך אמר לערוך אצלם חיפוש, אחד הצעירים בעט בו והפילו ויתרם נמלטו על נפשם לבית סמוך, שם התבצרו יחד עם כמה חיילים יהודים מהצבא הפולני המובס שהחזיקו את נשקם. הבית הוקף חיילים גרמנים והוחל קרב שנמשך 20 שעות ויותר. כשאזל נשקם של היהודים הנצורים אז הציתו בעצמם את הבית ונשרפו בלהבות.

כתגובה על מעשה הגבורה של היהודים הציתו הגרמנים את בית הכנסת המקומי והאיצו ביהודי המקום לכבות את הדליקה, היהודים שבאו למקום נתפסו על ידי הקלגסים והושלכו ללהבות הבוערות, כך מצאו את מותם למעלה ממאה יהודים. אחרי הרצח האכזרי החלו הכובשים האכזריים לגרש את יהודי המקום ולשדוד את הנותרים תוך התעללות ומעשי רצח. קהלת לאסק העתיקה נהרסה לחלוטין, יהודים מעטים נשארו במקום, בעירום ובחוסר כל, מופקרים לצמאי דם ונכלאו בגיטו מקומי צר. (גיטו לאסק חוסל סופית ביום ט״ו אלול תש״ב יום בו הוגלו אחרוני יהודי העיר למחנה השמדה).

לינטשיץ, קהלה עתיקה בת 500 שנה ויותר שהתבלטה במשך מאות בשנים כקהלה רבת פעלים וידעה סבל רב במשך שנות קיומה הארוכים. אלפי יהודי לינטשיץ, שנרצחו על ידי פורעים פולניים הרוו את אדמתה בדמם. קהלת לינטשיץ התפרסמה בעטיה של עלילת דם בשנת 1633 שהסעירה את פולין בימים ההם. בפרוץ השואה מנתה הקהלה קרוב ל־

געקומען מיט דער באשולדיקונג אז זיי האבן נישט אויסגעפילט אפיציעלע באפעלן, דאס זיינען געווען בעיקר קאפיטאליסטן און פאבריקאנטן. דער אידישער האנדל האט אינגאנצן אויפגעהערט. די נאצישע הארדן האבן פלאנמעסיק קאנפיסקירט דעם אידישן פארמעגן און די סוחרים האבן אליין געמוזט אנלאדן די סחורות פון זייערע אייגענע לאגערן. די אידן האבן געמוזט אויפהענגען אויף זייערע געשעפטן און אונטערנעמונגען, שילדן אויף פויליש און דייטש, אז דער געשעפט אדער די אונטערנעמונג געהערט צו אידן, אין א צייט ארום האבן זיי געמוזט אויפהענגען א שילד מיט א מגן־דוד און אינמיטן נאר איין ווארט „יודע". אידן האבן גארניט געטארט קויפן אין אידישע אדער ניט אידישע געשעפטן און האבן געמוזט זיך שלעפן נאר צו די געציילטע פוילישע געשעפטן אין לאדז. אידן האבן ניט געטארט ארבייטן אין דער טעקסטיל און לעדער אינדוסטריע אן א ספעציעלער ערלויבעניש. און נאך און נאך גזירות און רדיפות.

תפלה בצבור איז געווארן פארבאטן. די שולן און בתי מדרשים זיינען פארמאכט געווארן. דער סאכאטשאווער רבי, רבי דוד בורשטיין איז שווער געפייניקט געווארן ווייל מען האט אים געכאפט דאווענדיק. דעם גאון רבי משה מנחם סגל, דעם עלטסטן רב פון לאדז האבן די וואנדאלן ארומגעשלעפט איבער די גאסן אנגעטאן אין טלית און תפילין, נאכדעם האט מען אים געבראכט אין דער „ווילקי" שול און אים גענויט מיט קלעפ און פיין צו שענדן א ספר תורה. אומזיסט האט דער גרייזגראער רב זיך געבעטן רחמים מען זאל אים דערשיסן. עס האט ניט געהאלפן. הונדערטער אידן האט מען ארויסגעשלעפט פון די הייזער און אונטער א האגל פון קלעפ, זיי גענויט צו צוברעכן די סטאטוע פון טאדעאוש קאשציושקא, דעם פוילישן פאלקס־העלד, וואס איז געשטאנען אויפן פרייהייטס פלאץ. אויף מארגן זיינען פארברענט געווארן אין שטאט 11 שולן, די אפיציעלע דייטשע מעלדונג איז געווען, אז דאס איז א נקמה מצד די פוילישע איינוואוינער פארן צוברעכן קאשציושקאס סטאטוע. די דייטשע מאכט האט אפילו ארויפגעלייגט א שווערע געלטשטראף אויף דעם יודנראט אלס שטראף פארן פארניכטן דעם סטאטוע.

ביטער און פינסטער איז געווען דער גורל פון די מיטגלידער פון יודענראט וועלכע זיינען נאמינירט געווארן דורך די דייטשן. די וואנדאלן האבן זיך איזדיעקעוועט איבער זיי, ארעסטירט און אויסגעשאסן דעם גרעסטן טייל מיטגלידער די חשובסטע פון דער קהלה. נאר דער פארזיצענדער, חיים רומקאווסקי און געציילטע מיטגלידער זיינען געבליבן לעבן. פון דאן אן איז רומקאווסקי געווארן א שפיל צייג אין די הענט פון די נאציס און א אליינהערשער אין יודענראט.

אזוי, איז אין א גאר קורצער צייט פאראקימט געווארן די גרויסע לאדזער קהלה. א סאך אידן האט מען ארויסגעווארפן פון זייערע דירות. דער טאג טעגליכער לאבן איז פארוואנדלט געווארן אין א גיהינום אויף דער וועלט. עס זיינען ארומגעגאנגען עקשנות׳דיקע קלאנגען, אז נאכדעם



רוצח נאצי במדים הורג אשה המחפה בגופה על ילדה... / א נאצישער מערדער אין פולן מונדיר שיסט א פרוי וואס פרוווט פערשטעלן איהר קינד...

ווי לאדז וועט צוקאאפטירט ווערן צום דריטן רייך וועלן אלע אידן מוזן פארלאזן דער שטאט און וואנדערן צו מזרח אין לובלינער געגנט. יעדן טאג האט מען אידן פארטריבן אין אומבאוואוסטע געגנטן, אנדערע האט מען פארשיקט צו די געביטן פון דעם נייעם גרעניץ מיט רוסלאנד און אנדערע — אין קראקאווער לובלינער אדער קיעלצער געגנטן. עס זיינען געווען פאלן ווען מען האט פלוצלונג אריינגעריסן זיך אין אידישע הייזער, געכאפט די משפחות און ניט לאזענדיק מיטנעמען א פאדים — ארויסגעטריבן פון שטאט. אין א סאך פאלן זיינען אזוי ארום צוריסן געווארן משפחות, עלטערן זיינען פלוצלונג פארטריבן געווארן און די קינדער זיינען געבליבן אליין ניט האבענדיק ווער עס זאל אויף זיי אכטונג געבן. אזוינע גרויליקע סצענעס זיינען געווארן א טאג־טעגליכע דערשיינונג. די לאדזער קהלה איז געווארן אלץ מער און מער איינגעשרומפן. פון די העכער 220.000 לאדזער אידן זיינען געבליבן נאר קנאפע 150.000 אין טאג ווען מען האט געמאכט דעם געטא אין לאדז.

די גרויסע בליענדיקע קהלה מיט אירע פארשיידענע אנשטאלטן און אונטערנעמונגען, לאדז מיט איר גרויסע מאסע ארבייטער, דאס רעליגיעזע לאדז מיט אירע הונדערטער שולן און שטיבלעך, לאדז מיט אירע פארטייען און פארשיידענע גרופן און שאטירונגען — איז פארוואנדלט געווארן אין א הויפן שטיינער. א צובראכענעם סקעלעט וואס איז פארמשפט צו אונטערגאנג. דער אלגעמיינער גירוש פון די לאדזער אידן איז ניט אויסגעפירט געווארן אין דער ערשטער תקופה פון דער נאצי־הערשאפט אָדער צוליב טעכנישע שוועריגקייטן אדער צוליב אנדערע אויסרעכענונגען. דער לאדזער געטא וואס איז אויפגעשטעלט געווארן אויף זייער א ענגן שטח אויף די חורבות פון דער הערליכער קהלה — איז פארוואנדלט געווארן אין א ריזיקן ארבייטס לאגער. די 150 טויזנט געטא־ארעסטאנטן האבן זיך געמאטערט מיט זייערע לעצטע כוחות, אין הונגער און קעלט אין אינטערדריקונג און פיין — פאר דער מלחמה מאשין פון די דייטשן. די 150 טויזנט צוואנגס־ארבייטער, זיינען געווארן א ערנסטער פאקטאר אין דער דייטשער מלחמה־ווירטשאפט.

אבער אויך דער קרבן פון אידישן לאדז, האט ניט איינגעשטילט דעם בלוטדורשט פון די נאצי־מערדער. צוזאמען מיטן גאנצן פוילישן אידענטום, איז אויך דאס לאדזער אידענטום געפירט געווארן צו דער עקידה. נאר קליינע



בימי חורבן. בתמונה: יהודים בבנדין מובלים לעבודת כפיה.
דער חורבן. אויפן בילד: בענדינער אידן געפירט צו צוואנגס ארבייט.

5000 נפשות, והצטיינה בפעילותה רבת הגוונים בכל שטחי החיים ובמוסדותיה המסודרים.

עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים חוסלו כל מוסדות הקהלה, החלה תקופת הדמים הקשה והמרה ליהודי העיר. הם נשדדו מכל, הועמדו מחוץ לחוק ודמם נשפך כמים ללא הפוגות. יהודי לינטשיץ נתנסו בכל יסורי התופת שניתכו על ראשם של יהודי פולין בימי השואה הקשים. (יהדות לינטשיץ חוסלה סופית בשלהי שנת תש״ב ובראשית שנת תש״ג).

ליטומירסק, קהלה עתיקה במחוז לודז שפעלה כבר בימי ועד ארבע הארצות כקהלה עצמאית. בפרוץ השואה מנתה הקהלה למעלה מאלפיים נפשות, מרביתם פועלים ובעלי מלאכה. ביום השבת, כ״ז באלול נכבשה העיר בסערה על ידי הצבא הגרמני שעשה שמות ביהודי העיר מיד עם הופעתו. יהודי נתלה במבואות העיר ויהודי אחר נשרף אחרי שנתפס על ידי חיילים גרמנים. עשרות יהודים נאסרו ועונו כבני ערובה. עינויים ומעשי התעללות היו מנות חלקם של בני המקום יום יום. (קהלת ליטומירסק חוסלה סופית ביום ט״ו אב תש״ב, יום בו הועברו אחרוני היהודים למחנה ההשמדה בכלמנו).

ליטיטוב, קהלה בת 2800 נפשות במחוז לודז שידעה פעילות בכל שטחי החיים במשך מאות בשנים. עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים הפכו יהודי העיר לעדת שלדים חיים שהוצאו מחוץ לכל חוק והופקרו לרוצחים נטולי רגש הצמאים לדם. כבר בימים הראשונים לכיבוש הנאצי מצאו למעלה מארבעים יהודים את מותם מידי הרוצחים הנאציים. בני הקהלה החלו לסבול חרפת רעב ומחסור אחרי שנשדדו מכל רכושם. בקושי החזיקו מעמד במכרם את חפצי ביתם או בחרפם את נפשם במסחר לא חוקי כדי להחיות את נפשות בני ביתם. (קהלת ליטיטוב חוסלה סופית ביום י״ב אלול תש״ב עת הוצאו יהודי העיר להריגה).

סטריקוב, קהלה עתיקה במחוז לודז שמנתה בפרוץ השואה למעלה מאלפיים נפשות. בימי ההסתערות הגרמנית על פולין סבלה סטריקוב קשות מהפצצות חיל האויר הגרמני ועם כיבוש המקום על ידי הגרמנים גורשו היהודים מהאיזור המערבי של העיירה, שהוכרז מיד כאיזור סגור ליהודים, כעבור חדשיים גורשו מרבית יהודי סטריקוב לגלובנו מבלי שיורשו לקחת עמם מאומה. מפקדי הצבא הגרמני בגלובנו החזירו את היהודים האומללים לסטריקוב ושוב נשלחו חזרה לגלובנו ושם שוכנו בבית חרושת נטוש בתנאים איומים ורק כעבור חדשים מספר הוגלו כולם לווארשה. מעשי רצח אכזריים והתעללויות קשות הפכו למנות יומם הקבוע של יהודי סטריקוב המעטים שנשארו במקום. רק 400 נפשות נשארו בשטח הקטן שהוקצב לגיטו מקומי. (אחרוני יהודי סטריקוב הוצאו להורג בשלהי תשרי תש״ג עת חוסל הגיטו הקטן).

סרוצק, קהלה עתיקה שמנתה בפרוץ השואה למעלה מ־3000 נפשות. נכבשה על ידי הגרמנים ביום הראשון לפנות בוקר, כ״ח באלול. למחרת, בערב ראש השנה אספו הכובשים תוך איומים את כל יהודי העיר לככר השוק, הנשים והילדים שוחררו כעבור שעות מספר ואילו הגברים נדחקו לבית הכנסת המקומי, הזקנים שוחררו למחרת ואילו הצעירים הובלו בנחשתים לפולטוסק, תחת מטר של מכות ומהלומות. מפולטוסק המשיכו במסע הרגלי האומלל עד לצכנוב, אלה שכוחם לא עמד להם נורו וגופותיהם הוטלו לתעלות ליד הדרכים. מצכנוב הועברו יהודי סרוצק לעבודת כפיה בפרוסיה המזרחית ושוחררו כעבור חדשים מספר, שבורים ורצוצים.

הנאצים התעללו קשות ביהודים שנשארו או חזרו לסרוצק, קנס כספי כבד הוטל על הקהלה כתשלום בעד בית שנהרס על ידי הפצצה גרמנית וגרם אז למותם של 40 יהודים. כל הרכוש היהודי הדל נשדד והיהודים נאלצו לשלם עבור הוצאות פיקוח בעת בצוע מעשה השוד. כשמצאו הקלגסים ספר תורה שהוסתר הוציאו אותה לשריפה בככר השוק, הכריחו את יהודי העיר תוך עינויים איומים לרקוד סביב למדורת האש. העינויים לא פסקו גם אחרי הקמת גיטו קטן במקום. (קהלת סרוצק חוסלה סופית בחודש תשרי תש״ג, עת גורשו כל יהודי העיר לגיטו פיטרקוב).

סומפולנו, עיירה במחוז לודז שמנתה בפרוץ השואה 1300 נפשות. הקהלה הקטנה במקום הצטיינה בסדוריה ומוסדותיה, בניה רובם רוכלים וסוחרים זעירים ובעלי מלאכה. מיד עם כבוש סומפולנו על ידי הגרמנים החלו רדיפות אכזריות נגד יהודי המקום, שנכלאו מהיום הראשון לכיבוש הנאצי. רבים מתושבי המקום ברחו מחמת הקלגסים ואלה לא הורשו לחזור לבתיהם. היהודים בסומפולנו הפכו לעדת עובדי כפיה מחוסרי כל שרעבו ללחם. בגלל התמותה הגבוהה ומעשי הרצח נתמעטו והלכו יהודי המקום. רק חלק קטן מיהודי העיירה החזיקו מעמד עד ליום החיסול של הקהלה המקומית. (ביום כ״ב כסלו תש״ג הועברו אחרוני יהודי סומפולנו למחנה ההשמדה בכלמנו).

פארנצב, קהלה קטנה ועתיקה במחוז לודז שפעלה כבר בימי ועד ארבע הארצות, שמנתה בפרוץ השואה עד אלף נפשות. מאוכלסת בעיקרה יהודים חרדים שהתפרנסו בקושי מרוכלות ומסחר זעיר. בגלל אופיה הדתי של העיירה הקטנה לבש מסע הדכוי של הנאצים אופי מובהק של התעללות ברגשות הדתיים של יהודי המקום. כבר ביום הראשון לכיבוש העיירה הוצת בית המדרש העתיק באש, ספרי תורה

רעשטלעך, איינצלנע אידן פון לאדזער קהלה זיינען געבליבןביים לעבן.

וועגן לאדזער קהלה, איר געשיכטע און איר אונטערגאנג, וועלן מיר ווידמען א ספעציעלן קאפיטל אין דער „מגילת פולין״ וועלכער מיר שפרייטן אויס פֿאר אונז.

דער חורבן פון די אידישע קהלות אין לאדזער קרייז


אנדזשעיאוו : א קליינער ישוב מיט 400 אידישע נפשות, וואו־אהין די לאדזער אידן פלעגן פארן אויף זומער וואינונג־מיטוואך, כ״ד אלול האט די פוילישע פאליציי פארלאזן דאס שטעטל. גלייך האבן די ארטיקע און ארומיקע איינוואינער אנגעהויבן צו בושעווען און פאגראמירן די אידן, רויבענדיק אלץ וואס עס האט זיך געלאזט. נאכדעם ווי צוויי אידן זיינען געהרגעט געווארן און אנדערע זיינען שווער פארוואונדערט געווארן, זיינען די אנדזשעיאווער אידן אנטלאפן געווארן מיטנעמענדיק מיט זיך נאר קלייניקייטן. ווען די דייטשן האבן איינגענומען דאס שטעטל, האבן זיי פארבאטן די אידן צוריקקערן זיך אין זייער היים.

אזוי איז דער אידישער ישוב אין אנדזשעיאוו ליקווידירט געווארן.

אזשערקאוו : א אלטע, חשובע קהלה אין לינטשיצער געגנט, לאדזער קרייז מיט 4950 אידן, וואס איז געווען א האנדלס און אינדוסטריע צענטער. העכער הונדערט יאר האבן די אזשערקאווער אידן געלעבט, פארהעלטניסמעסיק רואיק צווישן די 4000 פאליאקן און 3000 דייטשן פון שטעטל.

פרייטיק, כ״ו אלול האבן די נאציס איינגענומען די שטאט. און פלוצלונג האבן זיך די אידן געפונען אין א אטמאספערע פון האס און צארן. די פאליאקן, מערסטנטייל דייטש ריידענדיקע, האבן זיך גלייך אנגעשלאסן צו די ארטיקע דייטשן, פארוואנדלענדיק זיך איבערנאכט אין איבערגעבענע נאציס וועלכע האבן געיובלט אין פרייד אויף דעם נאצישן נצחון. אונטער דער פירונג פון ארטיקע איינוואינער, וועלכע האבן נאך איבערגעשטיגן מיט זייער גרויזאמקייט די דייטשע סאלדאטן, האט זיך אנגעהויבן א ארגאניזירטער רויב פון אידישן פארמעגן וואס איז געווען באגלייט מיט בלוטיקע פאגראמען. הונדערטער אידן זיינען געכאפט געווארן אויף צוואנגס־ארבייט באגלייט מיט מכות רצח און שווערע פיין. קומענדיק צוריק פון דער ארבייט, האבן שוין אויף זיי געווארט די ארטיקע דייטשן און אונטער דראונגען און טויט־שלעק, זיי גענויט צו „פארקויפן״ זייערע געשעפטן און אונטערנעמונגען. אין די גרויסע אידישע פאבריקן האט מען ארייגעזעצט נאצישע קאמיסארן, וועלכע זיינען פארוואנדלט געווארן אין די „געזעצליכע פארוואלטער״.

פאביאניץ: איינע פון די גרעסטע אידישע קהלות אין לאדזשער קרייז מיט העכער 10.000 אידן. א צענטער פון האנדל און טעקסטיל אינדוסטריע. צוזאמען מיט דער בליענ־דיקער ווירטשאפט האט זיך אין פאביאניץ ענטוויקלט א תורה׳דיק און חסידיש לעבן און אויך א פאליטישע און פארטייאישע טעטיקייט. די ברויזענדיק־טעטיקע קהלה האט דורכגעמאכט בליענדיקע צייטן וואס האט זיך געצויגן ביז דער דייטשער אקופאציע, שבת כ״ז אלול תרצ״ט. און פון דעם טאג און ווייטער האבן שוין די אידן ניט געהאט קיין איין גוטע מינוט. די ארטיקע דייטשן און פאליאקן האבן מיט באגייסטערונג און יובל געשריי זיך אנגעשלאסן אן דער אויסראטונגס אקציע פון די דייטשן געגן די אידן פון פאביאניץ. ארויספארן פון שטאט איז געווען פארבונדן מיט סכנת נפשות, דייטשן און ארטיקע פאליאקן האבן גע־לויערט אויף אידן, און אונטערשייד פון עלטער און זיי גע־כאפט אויף צוואנגס־ארבעט אדער סתם צו פייניקונגען וואס האבן זיך געצויגן לאנגע טעג. טויט שטראף אן אפעלאציע האט געדראט יעדן אידן וואס האט געפרואווט זיך ארויס־דרייען פון דעם „דינסט״. אונטער דער פירונג פון ארטיקע פאליאקן האבן די דייטשע סאלדאטן געגאנגען אין אלע רייכערע אידישע הייזער און שפעטער א ביסל אויך אין די ארימע — און צוגענומען יעדער ווערטפולע זאך שלאגענדיק דערביי אלעמען מכות רצח. אלע אידישע אינסטיטוציעס, די שולן, שולעס און בתי מדרשים — זיינען פארמאכט גע־ווארן. די קהלה האט אויפגעהערט צו עקזיסטירן און איז פארוואנדלט געווארן אין א אנשטאלט וואס האט געהאט נאר אויסצופירן די באפעלן פון די נאצי־מערדער.

דער קליינער טראמוואי וואס איז געפארן צווישן לאדז און פאביאניץ איז פארוואנדלט געווארן אין א טויט־פאסטקע פאר די אידן וועלכע האבן געפרוווט צו פארן מיט איר. די בליענדיקע פאביאניצער קהלה איז אין פארלויף פון געציילטע טעג פארוואנדלט געווארן אין א מאסע שאטנס וואס האבן געלעבט שטענדיק אונטער טויט־שרעק. דעם גרעסטן טייל פון די אידן האט מען ארויסגעטריבן פון שטאט בארוועס און נאקעט און נאר פאכלייט האט מען ערלויבט צו בלייבן און די האבן געארבעט אין אונטערנע־מונגען וואס די דייטשן האבן איבערגענומען — פאר הונגער לוין. פאר זיי איז באשטימט געווארן א קליינער וואין־געביט וועלכער איז מיט דער צייט פארוואנדלט געווארן אין א געטא. דאס לעבן פון צער און פיין האט זיך אזוי גע־צויגן ביז א׳ סיון תש״ב, דאן האט מען די פרויען און קינדער פון די אר־בייטנדיקע אידן אוועק־געפירט אין פארניכטונ־גס־לאגער כעלמנא און די פאכלייט אליין האט מען איבערגעפירט אין לאדזער געטא.

אזוי איז פאביאניץ געווארן „יודענריין״.



השפלה עצמית. לפי פקודת הנאצים.
זעלבסט דערנידערונג. געצוואונגען דורך די נאציס.

פיעטרקאוו טרי־בונאלסק: א חשוב׳ע קהלה אין לאדזער קרייז און איינע פון די עלסטע קהלות אין פוילן וואו עס האבן געוואוינט ביים מלחמה אויסברוך קרוב צו 12.000 אידן. ביים אריינקומען אין שטאט האט זיך גלייך אנגעהויבן א ארגאניזירטע רויב־אקציע. דייטשע סאלדאטן זיינען געגאנגען איבער אידישע געשעפטן און אלץ געראבירט וואס עס איז דארט געווען. אידישע אונטערנעמונגען זיינען קאנפיסקירט געווארן, אלע אידישע אינסטיטוציעס זיינען פארמאכט געווארן און יעדן טאג האבן די נאציס איינגע־ארדענט געיעגן אויף אידן אין די גאסן, די וואס מען האט געכאפט זיינען גלייך אוועקגעפירט געווארן, אין די גרוי־זאמסטע באדינגונגען — אויף צוואנגס ארבייט. שוידערליכע גזירות האבן זיך א שאט געטאן אויף אידישע קעפ כמעט טאג־טעגליך.

מען האט ניט געטארט דאווענען און לערנען. ראש השנה האט מען געכאפט 40 אידן דאווענענדיק, האט מען זיי ארעסטירט און שווער געפייניקט און איינער פון זיי איז געשטארבן פון די עינויים. די איבעריקע האט מען אוועק־געפירט קיין ברעסלאו און דארט האט מען זיי געהאלטן אין שוידערליכע באדינגונגען גאנצע פיר וואכן. די צוואנגס־ארבעט איז געמאכט געווארן אונטער מכות רצח און סאדיס־טישער פייניקונג. די נאצי־מאכט האט ארויפגעלייגט זייער א סאך און אפטע געלט־שטראפן אויף די אידן. צום אנהויב האבן זיי געמוזט באצאלן 20 טויזנט מארק. און באלד זיינען זיי, אונטער שווערע דראונגען, באפוילן געווארן צוצושטעלן 500 זעק מעל, 100 זעק צוקער, 12.000 אייער און 300 קילא פוטער. נאכדעם ווי די קהלה פארוואלטונג האט איבערגעגעבן די לעבנסמיטלען האט מען ווידער ארויפגע־לייגט א געלט־שטראף פון 25.000 זלאטעס אונטער דער דראונג אז אויב די קהלה וועט ניט געבן דאס געלט, וועט מען די חשובסטע קהלה־אידן אויסהרגענען. אין א קורצער



בדרך לגיטו / אין געטא אריין·

כעבור כמה ימים וכתגובה על כך הוציאו הנאצים להורג 200 פולנים והגבירו את מסע הדיכוי נגד יהודי יאבלונה· ביום י״ד בחשון גורשו מרבית יהודי המקום לגיטו לודווישין השכן ונשארו בעיירה רק כמה מאות פועלים ובעלי מלאכה שהועסקו על ידי הגרמנים· ביום כ׳ בתשרי תש״ג הוצאו אחרוני היהודים מיאבלונה והובלו למחנה ההשמדה בטריבלינקה·

ליסקוביץ, עיירה קטנה באיזור לוביץ, במחוז ווארשה שמנתה בפרוץ השואה 700 נפשות, הקהלה הקטנה במקום התקיימה קרוב לחמש מאות שנה, נכבשה על ידי הגרמנים ביום חמשי, כ״ו באלול תרצ״ט ועברה למחרת שוב לידי הצבא הפולני, רק בשבת נכבשה סופית על ידי הגרמנים· רבות סבלו יהודי העיירה ופליטים שנקלעו למקום בעת הקרבות ועשרות יהודים נהרגו מהפצצות ופגזי תותחים· כשכבשו הגרמנים לראשונה את העיירה חטפו 10 יהודים והעמידו אותם כקיר מגן, שיסתירו חולית חבלנים מעיני החיילים הפולניים· כל היהודים, מרביתם פליטים נהרגו תוך שעה קלה· עם הכיבוש הסופי של המקום אולצה קבוצת יהודים לנקות שדה מוקשים ולהעביר חומר נפץ לגיזרה מסוכנת· 4 יהודים מצאו את מותם בפעולה זו·

עם כינונו של שלטון נאצי במקום הורע מצבם של יהודי העיירה, שאולצו לבצע עבודות קשות תמורת תשלום אפסי או בלי תשלום במפעלי התעשיה שבסביבה שעברו לידי הגרמנים· מצבם החמיר מיום ליום ורק מעטים נשארו בחיים בחודש אדר תש״א, עת גורשו אחרוני יהודי המקום לגיטו ווארשה·

לוביץ, קהלה עתיקה שפעלה כבר בראשית ימי ועד ארבע הארצות, שמנתה בפרוץ השואה 4339 נפשות· ביום הששי, כ״ז אלול נכבשה אחרי קרבות על ידי הגרמנים, שהוציאו מיד מאות יהודים מבתיהם והעמידו אותם בשורה כמחסום בפני הצבא הפולני שניסה להדוף חזרה את הגרמנים מהמקום· 73 יהודים נהרגו בפעולה זו·

אלפי פליטים יהודים שנקלעו למקום נאסרו יחד עם מאות יהודים מתושבי העיר והוכנסו לבתי הכנסת המקומיים, שם הוחזקו בלי אוכל ובלי מים ימים מספר· מפעם לפעם הוציאו הקלגסים מספר אסירים ועינו אותם בצורה מחרידה· 14 יהודים מצאו את מותם מידי מעניהם· אותה שעה ערכו הקלגסים שוד כללי של הרכוש היהודי וחמסו מכל הבא ליד, יהודים רבים נפצעו· מסע הדכוי ופרעות הדמים גברו והלכו עם כינונו של שלטון גרמני קבוע במקום· יהודי לוביץ הופקרו לצמאי דם שלא הרפו מקרבנותיהם יום יום ומררו את חייהם בצורה אכזרית· (גיטו לוביץ חוסל ביום ג׳ בניסן תש״א, יום בו גורשו כל יהודי העיר לגיטו ווארשה)·

ליפנה, קהלה שמנתה 1300 נפשות במחוז ווארשה שפעלה מאות בשנים והצטיינה כקהלה רבת הגוונים והמעש· עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים ברחו מרבית יהודי העיירה מפחד הגרמנים תושבי המקום שהצטיינו בשנאתם הארסית ואכזריותם כלפי היהודים· היהודים המעטים שנשארו במקום סבלו עינויים מחרידים מידי הקלגסים והתושבים· סבלם לא נמשך זמן רב ובחודש כסלו ת״ש ברחו אִו גורשו אחרוני היהודים מהמקום· הקהלה הקטנה והיפה חוסלה סופית· ליפנה הפכה ל„יודענריין״·

מינסק מאזוביצק, קהלה בת 4900 נפשות במחוז ווארשה שסבלה קשות בימי הקרבות בראשית ימי מלחמת עולם האחרונה· בתים רבים נהרסו ועשרות יהודים נהרגו· עם כיבוש העיר על ידי הגרמנים החלו פרעות דמים נגד יהודי העיירה· רבים נהרגו בתקופה הראשונה לשלטון הדמים וכל הרכוש היהודי נשדד· מחזות אימים נערכו על ידי הקלגסים הנאציים נגד יהודי המקום· בתי הכנסת בעיר ובסביבה נחרבו, את בית הכנסת אשר בצמברובה הסמוכה הפכו הקלגסים לאורוות סוסים· החיים הדתיים נאסרו לחלוטין, השו״ב ר׳ נחמיה ווישקובסקי מצגלוב הסמוכה למינסק נאסר עם בנו באשמת שחיטה כשרה, האב הזקן מת מידי מעניו ואילו הבן נתלה כשהוא פצוע קשה· למרות העינויים האכזריים ומעשי הרצח המרובים גדלה האוכלוסיה היהודית במקום תודות לזרם בלתי פוסק של פליטים ומגורשים· ובשנת תש״ב, השנה האחרונה לקיומה של קהלה זו נמצאו בתחומי הגיטו למעלה מ־6000 נפשות· בשלהי תש״ב חוסלה הקהלה כשמרבית בניה הובלו למחנה השמדה· רק כמה מאות יהודים, שהועסקו בבית חרושת שבבעלות גרמנית הורשו להשאר במקום, אולם כעבור תקופה מסוימת הם הוצאו להורג·

מאקוב מאזוביצק, קהלה עתיקה שמנתה בפרוץ השואה 3160 נפשות· שהתבלטה כבר בראשית ימי ועד ארבע הארצות· עם כיבוש העיר על ידי הגרמנים החלו פרעות דמים ומסע דיכוי אכזרי נגד יהודי העיר· בתי הכנסת חוללו וספרי התורה הוצאו לשריפה, 3 יהודים שניסו להציל ספרי תורה נורו ונהרגו· בית הכנסת הגדול הפך לאורווה לסוסים, עד מאה יהודים מצאו את מותם בתקופה הראשונה לכיבוש הדמים·

בתקופה מאוחרת יותר הוציאו הנאצים להורג את כל החולים, האינבלידים וחולי רוח היהודים במקום· הוקם גיטו בתחום מצומצם בו שרר רעב ומחלות שהפילו חללים רבים· קהלת מאקוב החזיקה מעמד עד לקיץ תש״ב, עת

צייט ארום האט מען ווידער ארויפגעלייגט א געלט־שטראף פון 35.000 טויזנט זלאטעס.

באלד איז אויפגעשטעלט געווארן דער געטא, די באגרע־נעצונגען אויף פרייער באוועגונג פאר אידן זיינען געווארן אלץ שארפער און שארפער און דאס לעבן פון די אידן אין געטא איז פארוואנדלט געווארן אין א גיהינום. אבער טראץ די אלע צרות און ליידן האט פונדעסטוועגן די פיעטרא־קאווער קהלה אויפגענומען באלד 4000 פליטים און האט פאר זיי געדאגה׳ט.

ניסן תש״ג האט מען אנגעהויבן ליקווידירן דעם געטא און איבערפירן די אידן אין די פארניכטונגס לאגערן. דאס האט זיך געצויגן ביז כ״ו אייר תש״ג. די גאנצע שטאט איז ארויף אויף דער ריזיגער עקידה און נאר געציילטע זיינען געבליבן לעבן. די רומרייכע פיעטרקאווער קהלה האט אויפ־געהערט צו עקזיסטירן.

פיאנטקי: א אלטע, קליינע קהלה אין לאדזער קרייז וואס האט שוין געפירט א אייגענע טעטיקייט נאך אין די צייטן פון „ועד ארבע הארצות״. מיט 1100 אידן. ביים איינגעמען דאס שטעטל האבן די באנדיטן איינגעאורדענט א בלוט באד אויף די אידן. צענדליקער אידן זיינען געפאלן פון מערדערישע קוילן און געשטארבן אונטער די הענט פון די פייניקער. ערשט אין א וואך ארום האבן זיך די נאצי־מערדער בארואיקט און האבן ערלויבט די אומגליקליכע אידן, וועלכע זיינען בארויבט געווארן פון אלץ וואס זיי האבן געהאט, ווייטער צו לעבן אין שווידערליכע באדינגונגען אין א אפגעזונדערטער קליינער זאנע אין א טייל פון דער חרוב׳ער שטעטל. פון צייט צו צייט האבן די רוצחים איינ־געאורדענט בלוטיקע ספעקטאקלען מיט די אומגליקליכע אידן.

די פיאנטקער אידן זיינען ליקווידירט געווארן אין די ערשטע טעג פון חודש תמוז תש״ב, מען האט זיי אלעמען אוועקגעפירט אין פארניכטונגס־לאגער כעלמנא.

פאדעמביץ: א אלטע קהלה אין לאדזער קרייז מיט 2300 אידן וועלכע האבן זיך מפרנס געווען בעיקר פון דארפסגייעריי און דינגען סעדער. ביים אריינקומען פון די נאציס, האבן זיך גלייך אפגעהאקט אלע פרנסה קוואלן פון די אידן און זייער ארים האב־און־גוטס איז צוגערויבט גע־ווארן דורך די דייטשן. צו דעם שרעקליכן הונגער און ארימ־קייט וואס איז געקומען אויף די אידן, האבן זיי נאך געהאט אויסצושטיין געברענטע צרות, פייניקונגען און שטענדיקע שיקאנעס מצד די נאציס. אבער אפילו אין די ערגסטע טעג האבן די פאדעמביצער אידן, פייערדיקע חסידים, ניט פאר־לאזן זייער הייליגער טראדיציע און באהאלטענערהייט ווייטער געפירט א לעבן פון תורה און אמונה, געהאלטן פליטים וועלכע זיינען געקומען פון געגנט און זיך געטיילט מיט זיי מיטן לעצטן ביסן. אין יאר תש״א האבן געוואוינט דארט העכער 600 פליטים און קיין איין פאדעמביצער איד האט ניט געזאגט צר לי המקום.

דער געטא אין פאדעמביץ אין ענטגילטיק ליקווידירט געווארן ענדע ניסן תש״ב, ווען מען האט אלע אידן אוועק־געפירט אין פארניכטונגס־לאגער כעלמנא.



חורבן בתי יהודים בבנדין. / חרובע אידישע הייזער אין בענדין.

פזשעגלוב־וולאדזימיעזשאוו: א קליינער אידישער ישוב אין לאדזער קרייז מיט 600 אידן און האט זיך טרא־גיש ענטוויקלט אין דער שווידערליכער תקופה דורך דעם וואס אידן פון נאענט און ווייט זיינען פארוואגלט געווארן אהין. אין פארמאכטן געטא וואס איז דארט אויפגעשטעלט געווארן זיינען איינגעשלאסן געווארן העכער 2000 אידן, וועלכע זיינען אויסגעגאנגען פון הונגער און קרענקען.

דער פזשעגלאווער געטא איז ליקווידירט געווארן כ׳ חשון תש״ג, מען האט אלע אידן ארויסגעפירט קיין טרעבלינקע אין די גאז־קאמערן.

קאלושקי: א באן־קנופ אין לאדזער קרייז וואס איז באמבארדירט געווארן דורכן דייטשן לופט־פלאט אנהויב פון מלחמה. דערביי זיינען פיל אידן אויסגעהרגעט געווארן און ס׳רוב איינוואוינער זיינען אנטלאפן אין די נאענטע דערפער. נאכן איינעמען דאס שטעטל דורך די נאציס, האבן נאר א טייל אידן געקענט זיך אומקערן אין זייערע חרובע היימען, די אנדערע האט מען גרויזאם ארויסגעטריבן און א סאך פון זיי האבן געפונען זייער טויט דורך מערדערישע קוילן. דאס קליינע ביסל קאלושקער אידן זיינען פאקטיש איינגעשלאסן געווארן אין א ענגער, ארומגעצוימטער זאנע און דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געווען צוואנגס־ארביי־טער ביי דייטשן, וועלכע האבן זיי גרויזאם אויסגעניצט מיט הונגער און נויט.

דעם ערשטן טאג סוכות תש״ב, האבן די נאציס ארויס־גענומען אלע אידן פון זייערע הייזער און האבן זיי אוועק־געשיקט קיין טרעבלינקע.

קאמינסק: א אלטע קהלה אין לאדזער קרייז וועלכע איז אויך געווען א דאטשע ארט פאר די ארומיקע אידן. צום אנהויב האבן די אידן ניט געליטן ספעציעל אויסער עטליכע גזירות און דראסטישע געזעצן געגן זיי. אבער מיט דער צייט האט זיך זייער לאגע פארערגערט, די פעטליע האט זיך פארשטייפט ארום זייער האלדז, מען האט זיי איינגע־שלאסן אין א קליינער זאנע, צוגענומען זייער פרנסה און אנגעמאכט ביטערע צרות.

דער געטא קאמינסק איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן כ׳ חשון תש״ג, ווען מען האט אלע אידן ארויסגעטריבן קיין טרעבלינקע.



התעללות סאדיסטית ביהודי מינסק מאזוויעצק.
מ׳פייניקט אכזריותדיק אידן אין מינסק מאזוויעצק.

הוצאו היהודים מתחום הגיטו והובלו למחנה השמדה בטריבלינקה.

מלאבה, מהגדולות והחשובות בקהלות ישראל במחוז ווארשה שמנתה בפרוץ השואה כ־9000 נפשות, וסבלה קשות בימי הקרבות בין פולין וגרמניה הנאצית. מרבית בתי העיר היו למאכולת אש ומאות יהודים נקברו תחת חורבות הבתים. עם כיבוש המקום החלו מיד פרעות דמים. יהודים נחטפו לעבודת כפיה ולעינויים אכזריים. חרדים אולצו להופיע בבית הכנסת המקומי ותחת מטר של מהלומות ומכות רצח נערכו תפילות בהדרכת הרוצחים האכזריים. שוד הרכוש היהודי מלווה מעשי רצח בוצע בקפדנות ולא עברו ימים רבים ויהודי מלאבה רוששו מכל. ביום השני לחג הסוכות פקדו שלטונות הנאצים על גירוש כל יהודי העיר. המונים נאספו בככר מרכזי והקבוצות הראשונות כבר עזבו את תחומי העיר, דחוסות בתוך מכוניות גדולות וסגורות. לפתע בוטלה הגזירה ויתר היהודים נצטוו לחזור לבתיהם.

מצבם של היהודים שנשארו בעיר הורע בהתמדה. הוקם גיטו על שטח מצומצם ומחוסרי כל הוכנסו היהודים לאיזור המסוגר, נדונים למות ברעב ומחלות מאחורי סורג ובריח. גם בתחומי הגיטו האפל לא נתנו הגרמנים מנוח ליהודים האומללים אף ליום אחד, היהודים אולצו לעבוד בפרך וללא תמורה כמעט עבור הגרמנים וגזירות לרוב ניתכו עליהם, מזמן לזמן נערכו שחיטות או גירושים המוניים למחנות השמדה. תהליך החיסול נמשך עד ליום כ״ג בכסלו תש״ג עת ניגשו הרוצחים לחסל סופית את גיטו מלאבה. אחרוני היהודים הוצאו מהמקום לטבח, וביום ב׳ בטבת תש״ג כבר היתה מלאבה „יודענריין״.

מוגלניצה, קהלה קטנה במחוז ווארשה שמנתה בפרוץ השואה קרוב ל־1000 נפשות ושימשה מרכז לחסידות בפולין בימיו של האדמו״ר רבי חיים מאיר יחיאל עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים ערכו הפולנים המקומיים ואיכרי הסביבה פרעות דמים מלווה מעשי שוד נגד יהודי העיירה, שהוצאו מהשעה הראשונה לכיבוש מכל חוק. בפקודת הנאצים שלחו פולנים אש בבית המדרש המקומי והוציאו את ספרי התורה וחיללו אותם ברחבת השוק, תוך עינויים סאדיסטיים ביהודי העיירה.

סבלם של יהודי מוגלניצה נמשך עד לגירוש יהודי המקום, בשבט תש״א לגיטו ווארשה.

נובומינסק, קהלה חשובה במחוז ווארשה שסבלה רבות מפרעות אנטישמיות בימי שלטון הפולנים. התושבים הפולניים בעיר ובסביבה הצטיינו בשנאתם הארסית ליהודים ושאיפתם עזה למרר את חיי היהודים. עם כיבוש נובומינסק על ידי הקלגסים הנאציים הפכה העיר לשדה דמים עבור בני הקהלה המקומית, אשר בחלקם ברחו מאימת המרצחים. 800 יהודי העיר והסביבה שילמו בחייהם כבר בימים הראשונים לכיבוש, כשכל רכושם היה לבז. תוך תקופה קצרה גורשו יתר יהודי העיר בעירום ובחוסר כל.

נאשלסק, קהלה שמנתה 8500 נפשות שהתקיימה כ־500 שנה ויותר ועם כיבושה על ידי הנאצים החלו מיד פרעות דמים נגד יהודי העיר. מרבית היהודים הצעירים נאסרו ונכלאו בבית הכנסת המקומי, הוחזקו שם בצפיפות איומה למעלה מ־20 שעה תוך כדי התעללות קשה. באמצעות מכות רצח אולצו הצעירים לגרד את הטיח מכתלי בית הכנסת במו ידיהם. מבית הכנסת הובלו לתחנת הרכבת, לשם אספו הנאצים אלפי יהודי העיר, אנשים ונשים וטף, הכריחום להתפשט ערומים ולמסור את כל אשר להם לידי הרוצחים־השודדים. בהיותם ערומים הריצום הקלגסים דרך ביצות עמוקות וירו בכל אדם שפיגר בריצתו. 45 יהודים מצאו את מותם במשחק אכזרי זה. אותה שעה שדדו חיילים אחרים את כל הרכוש היהודי בעיר, הרסו דירות ובתים והחריבו את אשר בנו היהודים במשך דורות. אלפי הנאסרים לא הורשו לחזור לבתיהם. הם הועמסו על קרונות משא, הובלו מספר תחנות וגורשו בעזרת שוטים לכל עבר כשהם מחוסרי כל.

היהודים המעטים שנשארו בנאשלסק גורשו אף הם כעבור חדשיים למזריטש, קהלת נאשלסק חוסלה סופית.

ניישטאט, קהלה עתיקה במחוז ווארשה שפעלה כבר כקהלה עצמאית בראשית ימי ועד ארבע הארצות. ומנתה בפרוץ השואה 1800 נפשות. עם כיבוש העיירה על ידי הנאצים החלו פרעות דמים נגד יהודי המקום. את בית המדרש העתיק הפכו הקלגסים לבית הוללות, הוציאו את ספרי התורה וחטפו 7 מזקני העיר, עטפו אותם בטליתים ומסרו את ספרי התורה לידיהם, קשרו את הזקנים בחבל אחד, שפכו עליהם בנזין והעלו אותם באש, חבורת הזקנים וספרי התורה הפכו ללהבה בוערת ומלווים זעקות אימים של יהודי העיירה עלו הקדושים השמימה.

האוכלוסיה הפולנית המקומית שיתפה פעולה עם הרוצחים הנאציים נגד היהודים, וכעבור שבועות מספר אף קיבלו הסכמה מעשית מהגרמנים לערוך פרעות דמים נגד היהודים, ביום ראשון לשבוע אחד התאספו בשוק כאלף פולנים, מזוינים בגרזנים ובשקים, פרצו בצעקות לבתי היהודים, 10 יהודים נהרגו, 50 אחרים נפצעו ברובם פצועים קשה, מרבית בתי היהודים נהרסו והרכוש הדל נשדד. היהודים אולצו אחרי כן לנקות את הרחובות ולטהרן משברי זכוכיות וכלים שונים שהשאירו המתפרעים במקום.


את הקמת גיטו קטן במקום ראו כבר יהודי העיירה

קאנין: א אלטע, איינגעארדענטע קהלה מיט 3000 אידן צווישן 13·000 איינוואינער· גלייך ביים איבערנעמען די מאכט דורך די נאציס, האבן זיי גלייך פארמאכט אלע אידישע אינסטיטוציעס און געזעלשאפטליכע אונטערנעמונגען· עס האט זיך אנגעהויבן גלייך בלוט פארגיסונגען און שוידערליכע שיקאנעס און די אונטערדריקונג איז געווארן יעדן טאג אלץ שווערער און גרויזאמער און זייער לעבן איז געווארן אונערטרעגליך, אזוי אז דער גרעסטער טייל אידן זיינען אנטלאפן וואו די אויגן האבן געטראגן· די קליינע ביסל וואס איז דאך געבליבן, האבן די נאציס גרויזאם פארטריבן·

קוזמינקי: א קליינע, אלטע קהלה אין לאדזער קרייז וואס האט במשך פון דורות זיך אויסגעצייכנט מיט איר פרומען לעבנס־שטייגער און איז שוין געווען טעטיק אין דער תקופה פון ועד ארבע הארצות· גלייך ביים ארייננגיין אין שטעטל האבן די נאציס איינגעארדנט א בלוט־באד אויף די אידן· צענדליקער אידן זיינען ארעסטירט געווארן, מען האט זיי געבראכט אויף א ליידיקן פלאץ, גרויזאם געפייניקט און ארויסגעפירט הינטערן שטאט· זיי זיינען שוין ניט צוריקגעקומען· פון צייט צו צייט זיינען דייטשע מיליטער־אויטאס אדורכגעפארן די אידישע געסלעך און געשאסן אויף אלע זייטן הרגענענדיק עטליכע אידן· די עטליכע ארימע אידישע געשעפטן זיינען אויסגערויבט געווארן און אלע כלים פון די האנטווערקער האט מען קאנפיסקירט· דער טעראר און בלוט־רעזשים האט זיך געצויגן ביז דער פארניכטונג פון די אידן· דאס איז געווען אין די מאנאטן טבת—ניסן תש״ב, ווען מען האט זיי גרופּענווייז ארויסגעפירט אין כעלמנער פארניכטונגס־לאגער·

קלאדאווע: א קליינע קהלה מיט 1300 אידן· האט ספעציעל געליטן צום אנהויב· ניט ווייט פון שטעטל האבן די נאצי־מערדער אויפגעשטעלט דעם ערשטן פארניכטונגס־לאגער אין פוילן: כעלמנא ארום קאיל· אין די טעג כ׳—כ״ג טבת תש״ב האט מען די קלאדאווער אידן ארויסגעפירט קיין כעלמנא און דארט זיינען זיי אומגעקומען·

קאליש: איינע פון די עלטסטע און שענסטע קהלות פון פוילן· שוין אין יאר 1264 האט דער פוילישער קעניג באלעסלאוו ארויסגעגעבן א ספעציעלע ערלויבעניש פאר די אידן פון שטאט און די קומענדיקע פוילישע קעניגן האבן שטענדיק ארויסגעהאלפן די אידן פון דער ווילדער שנאה מצד דעם פוילישן המון· די קאלישער אידן האבן געליטן א לאנגע צייט נאכדעם ווי די פוילישע מאסע האט זיי באשולדיקט אין פארסמען די ברינימער פון שטאט כדי צו טויטן די קריסטן· אין יאר 1666 האט א פוילישער פולק סאלדאטן אונטער דער פירונג פון שונא ישראל טשעניצקי, באפאלן די קאלישער אידן און 600 אידן זיינען דאן געהרגעט געווארן דורך די מערדער· אין שפּעטערדיקע תקופות האט די קאלישער קהלה אויך ניט ווייניק געליטן פון פאגראמען· אין 18־טן י· ה· ווען מען האט די אידן באשולדיקט אז זיי האבן ארויסגעגנבעט א הייליג בילד און אין יאר תרל״ה האט א אנגערייצטע פוילישע מאסע איינגעארדנט א בלוטיקן פאגראם אויף די קאלישער אידן ווייל זיי האבן



חולים ליד בית החולים היהודי בקוטנו·
שלאפע ביי דעם אידישען שפיטאל אין קוטנא·

געוואגט צו מאכן א עירוב אין שטאט· זיי האבן דאן פארניכטעט דער שול און דעם בית הרב, חרוב געמאכט דעם אידישן שפּיטאל, געהרגעט דריי קינדער און פארוואונדעט א סאך אידן·

די קאלישער קהלה האט פארנומען א בכבודיקן פלאץ אין דער אידישער וועלט און במשך 700 יאר איז זי געווען א צענטער פון תורה און אידישקייט· גרויסע גאונים זיינען געווען אירע רבנים צווישן זיי דער בארימטער גאון רבי אברהם אבא גאמבינער, דער „מגן אברהם״, איינער פון די זיילן פון די פוסקים· א דאנק די אידן האט זיך קאליש ענטוויקלט און געווארן א צענטער פון האנדל און אינדוסטריע אין פוילן· אין די יארן פאר דער מלחמה איז קאליש געווען א בליענדיקע שטאט און ביזן אויפשטעלן דאס זעלבסשטענדיקע פוילן איז געווען די הויפט שטאט פון דער גובערניע·

די ענטוויקלונג פון די אידן אין קאליש — אין ציפערן

דאס יאר	צאל איינוואינער	צאל אידן
1779	13,140	5,285
1847	17,049	7,288
1897	21,680	8,026
1911	32,174	10,409
1921	45,394	13,293
1939	71,303	21,394

ביים אנהויב פון דער דייטשער אפענסיווע אויף פוילן, האבן די קאלישער אידן פול געווארן מיט שרעק פאר דער צוקונפט, זיי האבן שוין געהאט א ביטערער ערפארונג פון א דייטשער אקופאציע· אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האבן אקופירט קאליש, האבן זיי אויסגעהרגעט 25 איינוואינער אן א שום סיבה· שבת, דעם צווייטן טאג פון דער דייטשער אפענסיווע אויף פוילן, האבן זיך פארשפרייט קלאנגען אז די דייטשן דערנענטערן זיך צו קאליש, אז זיי האבן שוין איינגענומען א דערבייאיקע שטעטל און געמאכט א שחיטה אויף אידן· און מאסענווייז האבן די קאלישער אידן אנגעהויבן לויפן צופוס קיין מערב, אויפן וועג קיין לאדז· דייטשע עראפלאנען וואס האבן געקרייזט



בלודז׳ 7 יהודים שנתלו בלי עוון בכפם·
אין לודז׳ 7 אומשולדיקע אידן, געהאנגענע·

כישועה וכתריס נגד נגישות הפולנים, ברעב ובמחסור, המשיכו את חיי העוני מאחורי גדרות הגיטו הסגור עד ליום ז׳ בחשון תש״ג, עת הובלו להריגה לטריבלינקה·

סקרנביץ, קהלה חשובה במחוז ווארשה שהפכה למרכז לחסידות ולפעילות ציבורית· מנתה בפרוץ השואה 4300 נפשות· רבות סבלו יהודי המקום עם כיבוש העיר על ידי הנאצים, הם נשדדו מכל רכושם, הוצאו מחוץ לכל חוק אולם למרות תנאי החיים המרים בתקופה זו, קלטה קהלת סקרנביץ אלפי פליטים ומגורשים ודאגה לכל מחסורם· בשנת ת״ש הוכפל מספר היהודים בעיר והגיע עד ל־7000 נפשות· אולם שלטונות הרשע גמרו אומר לחסל את הקהלה המפוארת ובחודש שבט החלו גירושי יהודים מסקרנביץ לגיטו ווארשה, קבוצות־קבוצות הועברו יהודי העיר לווארשה עד ליום ב׳ באדר תש״א, יום בו גורשו אחרוני היהודים מסקרנביץ·

סוכטשוב, קהלה עתיקה ורבת פעלים במחוז ווארשה, שמנתה בפרוץ השואה עד 4000 נפשות· העיר התפרסמה ברבניה הגדולים, בישיבתה ובחצרו של האדמו״ר רבי אברהם בעל „אגלי טל״· סבל איום נפל בחלקם של יהודי סוכטשוב מהיום הראשון לכיבוש הנאצי ועד לחורבנה הסופי של קהלה מפוארת זו, בחודש שבט תש״א עת הוגלו בניה, בעירום ובחוסר כל לגיטו ווארשה·

סרוצק, קהלה קטנה במחוז ווארשה שמנתה 2200 נפשות בפרוץ השואה· עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים הוציאו הקלגסים את יהודי העיר לככר השוק, הציתו באש את בית המדרש המקומי ובתי היהודים אשר סביבו, בשעה שלהבות בקעו מהאש הגדולה, חג מטוס צלילה גרמני מעל לעדת היהודים האומללים ושלח לעברם צרורות של מכונת יריה· 40 יהודים נהרגו מיד· שעות רבות עמדו היהודים על רגליהם, חיכו לקלגסים הנאציים שהופיעו לפנות ערב והחלו בעינויים אכזריים, מרטו את זקני החרדים ותלשו בכוח את שערותיהם· מרבית הגברים הצעירים גורשו ברגל לפרוסיה המזרחית, למחנה עבודה· נער בן 16 שיצא לרגע מהשורה כדי להרוות את צמאונו הוצא מיד להורג·

יהודים מעטים נשארו במקום, שנכלאו בתנאים איומים בגיטו קטן וצר, עד לקיץ תש״ב עת גורשו לגיטו פוריסוב·

פרושניץ, קהלה עתיקה שפעלה כ־500 שנה ויותר שמנתה בפרוץ השואה 1200 נפשות וסבלה קשות בימי הקרבות בין צבאות פולין המובסים לבין הצבא הגרמני· מיד עם כיבוש העיירה על ידי הגרמנים נצטוו היהודים להופיע במגרש ריק, במבואות העיירה, אלה שלא התיצבו נורו מיד· היהודים הנאספים שוב לא הורשו לחזור לבתיהם או לקחת עמם מאומה, הם הוטענו על מכוניות משא סגורות והובלו לסביבת אוסטרולנקה, שם הורצו בכוח לעבר הגבול הסובייטי, כל אדם שניסה לחזור, נורה·

פיאסצנו, קהלה בת 4000 נפשות מרוחקת 17 קילומטר מווארשה שסבלה קשות כבר בימים הראשונים לכיבוש הנאצי· עשרות יהודים נחטפו לעבודה בסביבה ולא חזרו לבתיהם, שוד הרכוש היהודי בוצע באורח טוטאלי, כל מוסדות הקהלה חוסלו וגל של גזירות אכזריות פקדו את הקהלה שלא פסקו עד לחיסולה הסופי, ביום כ״ח בטבת תש״א עת גורשו כל יהודי פיאסצנו לגיטו ווארשה·

פאלעניץ, עיירת קיט צעירה לימים ובה קהלה בת 5300 נפשות, מאוכלסת ברובה רוכלים ופועלים עניים· עם כיבוש האיזור על ידי הגרמנים הוקם במקום מחנה אסירים ואלפי יהודים, ברובם פליטים הובאו למקום· רובם שוחררו כעבור ימים מספר אולם כמה מאות איש נשלחו למקומות עבודה בלתי ידועים ועקבותיהם לא נודעו· קהלת פאלעניץ אולצה לשלם יחד עם קהלת אוטבוצק קנס כספי בשיעור של 150 אלף זהובים כי על כן נמצאו בסביבה גופות הקונסול הגרמני בקראקה ואשתו·

במקום הוקם גיטו סגור בתנאים מחרידים· רבות סבלו יהודי העיירה אם כי קלטו למעלה מ־1200 פליטים ובספירה שנערכה בשנת תש״א הגיע מספר היהודים בפאלעניץ ל־6509 נפשות· ביום ז׳ באלול תש״ב, אחרי חיסולן של הגיטאות בסביבה הוצאו כל יהודי פאלעניץ מהגיטו למחנה המות בטריבלינקה, מאות יהודים שהסתתרו נתגלו אחרי חיפושים שארגנו הגרמנים בעזרת הפולנים תושבי הסביבה· אלה הוצאו להורג במקום ונקברו ברובם בקבר אחים גדול·

פלוצק, מהגדולות והעתיקות בקהלות ישראל במחוז ווארשה שחגגה את יובל 700 שנה להיווסדה לפני פרוץ השואה· קהלת פלוצק התפתחה בעיקר בדורות האחרונים ותפסה מעמד מכובד ביותר בין קהלות ישראל בפולין כולה·

השנה	מס׳ התושבים הכללי	מס׳ היהודים
1802	3,714	1,065
1822	6,466	2,247
1883	20,634	7,633
1897	26,195	10,058
1921	29,744	11,711
1931	35,285	12,096
1939	42,522	11,400
1959	44,776	3

עבר מפואר היה לקהלת פלוצק· היסטוריה ארוכה של ימי שגשוג ופריחה, של סבל ויסורים, עד ליום כיבושה על ידי הנאצים, יום שבישר את חורבנה הסופי· מהשעה

איבער די שאסעען האבן אנגעמאכט א חורבן צווישן די אנטלויפענדיקע אידן הרגענענדיק זייער פיל פון זיי. ס׳רוב פון די אנטלויפענדיקע האבן ווייט ניט געלאפן, די דייטשע סאלדאטן האבן זיי אנגעיאגט און געפייניקט גרויזאם הרגע־נענדיק דערביי א סאך אידן.

מיטן איינגעמען קאליש האבן די נאציס אנגעהויבן א ארגאניזירטע פארטיליקונגס־אקציע געגן די ארטיקע אידן און פאליאקן כדי צו פארדייטשען די שטאט וואס גיכער. מאסן פאליאקן זיינען געהרגעט געווארן און די אידן האבן זיי געמוזט באגראבן, אבער אויך די לאגע פון די אידן איז ניט געווען א סאך בעסער. א גרויסע גרופע אידן איז ארעס־טירט געווארן און נאך לאנגע פייניקונגען, האט מען זיי, צוהרגעטע און פארוואונדעטע, ארייגעשטופט אין לאסט־אויטאס אויף וועלכע עס האט געהאנגען א טראנספאראנט „די דאזיקע חזירים האבן געשאסן אויף דייטשן״, און אזוי האט מען זיי געפירט קיין דייטשלאנד, פארבייפארענדיק א סאך שטעט און דערפער, פון צייט צו צייט פלעגט מען זיי אראפלאזן אויף א עפענטליכן פלאץ, כדי זיי צו פייניקן אונטערן יובל פון דער בלוטדורשטיקער דייטשער מאסע. נאך עטליכע וואכן האט מען זיי אפגעשיקט צוריק.

די באנדיטן האבן זיך ספעציעל איזדיעקעוועט אויף אידן מיט בערד און פיאות. די צענטראלע שול איז פארשוועכט געווארן. דאס גאנצע אידישע פארמעגן איז צוגערויבט גע־ווארן. אידן האבן ניט געטארט ארויסגיין אויפן גאס פון 5 א זייגער פארנאכט ביז 8 אינדערפריה. אידן האבן אויך ניט געטארט קויפן סחורה אדער וועלכע עס איז אנדערע ארטיקלען אין די ניט אידישע געשעפטן, און די אידישע געשעפטן זיינען דאך געווען אלע אויסגעראבירט. לויט א ספעציעלן באפעל האבן אידן געמוזט אנידערקניען טרעפענ־דיק א דייטשן אפיצער, דער דאזיקער באפעל איז חל געווען אויך אויף פאליאקן.

אין א קורצער צייט ארום האבן די דייטשן אנגעהויבן ארויספירן די אידן פון שטאט און זיי ניט ערלויבט מיט־נעמען דאס מינדעסטע. 2000 אידן זיינען פארטריבן געווארן אין לובלינער קרייז און א סאך אנדערע — אין לאדזער געטא. די קאלישער קהלה איז געווארן אלץ קלענער און קלענער און נאר בעלי מלאכה און ספעציאליסטן האט מען ערלויבט נאך צו בלייבן און ארבעטן אין הונגער־באדינגונגען אין דייטשע אונטערנעמונגען. אין יאר תש״ב האט מען ארויס־געפירט טויזנטער קאלישער אידן אין פארניכטונגס־לאגער כעלמנא און עס איז געבליבן נאר א זייער קליינע צאל אידן וועלכע זיינען געווען באשעפטיקט ביי דייטשן — ביז אדר תש״ד. דאן האט מען אויך זיי, די לעצטע ארויסגעפירט פון קאליש. א ביסל האט מען אוועקגעפירט אין כעלמנא וועל־כער איז ווידער געווען טעטיק און אנדערע האט מען געשיקט אין לאדזער געטא.

און די אלטע, גלארייכע קאלישער קהלה — האט אויפ־געהערט צו עקזיסטירן.

קויל: א אלטע קהלה מיט א זייער רייכער, שיינער פארגאנגענהייט, זי איז געווארן דערמאנט נאך אין יאר 1362. פאר דער מלחמה האבן דארט געלעבט 5200 אידן,



הקלגסים מתעללים ביהודי אומלל שנפל לידיהם
די סאדיסטען פייניקען א איד.

וואס איז געווען כמעט א העלפט פון דער אלגעמיינער צאל איינוואינער פון שטאט. זי האט געפירט א לעבהאפטיקע און ברייטפארצווייגטע טעטיקייט און זיך אויסגעצייכנט אויף אלע געביטן פון לעבן.

באלד נאכן איינגעמען דאס שטעטל דורך די נאציס זיינען חרוב געווארן אלע אידישע אינסטיטוציעס אין דער שיינער שטאט. מיט ווילדן כעס האבן די באנדיטן אנגעהויבן זייערע בלוטיקע אקציע געגן די קאילער אידן, זיי זיינען גלייך ארויסגעשטעלט געווארן אויסערן געזעץ, אויסגערא־בירט געווארן ביזן לעצטן העמד און פארוואנדלט געווארן אין אומבאהאלפענע שאטנס.

די קוילער קהלה איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן י״ט כסלו תש״ב. ווען מען האט אלע אידן ארויסגעפירט קיין כעלמנא.

קאנסטאנטין: א אלטע קהלה אין לאדזער קרייז מיט 3400 אידן. ביים איינגעמען דאס שטעטל האבן די נאציס גלייך ארויסגעגעבן א באפעל אז אלע אידן מוזן גלייך פאר־לאזן דעם ארט ניט מיטנעמענדיק מיט זיך גארניט. מער פון 3000 אידן, אלטע לייט און פיצלעך קינדער, האבן אנגעהויבן וואנדערן צופוס אין דער ריכטונג פון „גענעראל גאווערנעמענט״. אבער קומענדיק צום גרענעץ, גלאבנע, האט מען ניט ערלויבט די אידן צו בלייבן דארט, און אין דריי שעה ארום האבן זיי געמוזט וואנדערן ווייטער. א סאך זיינען געפאלן אין וועג און די איבעריקע האבן זיך צושפרייט איבער דער בלוטענדיקער פוילן, אין הונגער און נויט.

ראדאמסק: א אלטע קהלה אין לאדזער קרייז וואס איז געווען מער ווי הונדערט יאר א צענטער פון חסידות אין פוילן. דארט האבן געלעבט העכער 6000 אידן. ראדאמסק איז אויך געווען א האנדלס־צענטער. די נאציס האבן גלייך פארמאכט אלע אידישע אינסטיטוציעס, פארשוועכט די שולן און בארויבט אלע אידן. דראסטישע געזעצן געגן די אידן האבן פארוואנדלט די ראדאמסקער אידן אין א מאסע צום טויט־פארמשפטע אן א אויסוועג. די אפיציעלע אקציעס זיינען תמיד געווען באגלייט מיט בלוט־פארגיסונגען און פאגראמען. די לאגע איז געווארן נאך ערגער ווען עס איז אויפגעשטעלט געווארן דער ענגער געטא, ווייל אלע אידן



מתעללים בזקן ובצעירים, ללא רחם...
מ׳פייניקט יונג און אלט, אהן רחמנות...

הראשונה לכיבוש העיר ידעו היהודים סבל שלא יתואר. הם גורשו ממרבית איזורי פלוצק ונאלצו להצטופף בכמה רחובות. שעה־שעה נחטפו יהודים לעבודת כפיה שעיקרה עינויים אכזריים. 10 יהודים הוכנסו לארגז גדול, שנסגר במסמרים, יהודים אחרים הובלו תחת מטר של מכות רצח לכנסיה הקאטולית ושם אולצו על ידי הקלגסים לנשק את תמונות פולחן של הנוצרים. קבוצת יהודים נאסרו אחרי שנפצעו קשה ממכות רצח. בבית ברחוב סנקביצה, באיזור היהודי פרצה שריפה, יהודי שניסה לכבות את הדליקה הוכה עד מות.

לפי צו רשמי נצטוו היהודים לגלח את זקניהם, החרדים שלא התחשבו בגזירה זו נאסרו על ידי הקלגסים ונפצעו קשה. קבוצת יהודים הובלה לכפר ראדזשיבה הקרוב ושם קברו אותם הרוצחים עד לצוואריהם, אחרי שהנאצים הסתלקו הצילו אותם איכרי הכפר. חרדים רבים תפרו טלית מאחורי מעילם, תוך שאיפה להקבר כיהודים במקרה וימצאו את מותם מידי הגרמנים.

לפי פקודת שלטונות הנאצים חולל בית הקברות היהודי העתיק בעיר, המצבות נועדו בהתאם לצו הרשמי לסלילת מדרכות ומקום הקברים — לגן עירוני. כמה מחרדי העיר, ובראשם הרב לייב גליבטר ובני הרב מיכל רובינשטיין חירפו נפשם מנגד ובחשכת הלילה עשו דרכם לבית הקברות הישן, הוציאו את עצמותיו של האדמו״ר רבי אלקסנדר זושא הכהן, מגדולי רבני פלוצק ואבות החסידות בפולין והעבירו אותן לבית הקברות החדש. בלילה זו נקברו גם גווילי ספרי התורה שחוללו על ידי הנאצים בפלוצק.

פרעות הדמים ומעשי השוד לא נפסקו אף ליום אחד. הגרמנים הפיצו שמועה כי 2 חיילים נאצים נהרגו על ידי יהודים, קבוצת חיילים התפרצו לגיטו, חטפו 10 יהודים והובילו אותם למגרש ריק ליד העיר, אילצו את הקרבנות לפתוח קברים לעצמם וטבחו אותם עד אחד, התפלה בצבור היתה אסורה בהחלט. כמה עשרות מחסידי גור, שנתפסו בעמדם בתפלתם בביתו של הרב מאיר כהן הוצאו לרחוב עטופים טליתים ותפילין, ובידם ספר תורה וכך הובלו בכל רחובות העיר, מחזות אימים נגד יהודים חרדים, שנאלצו להתעטף בטלית ותפילין ולכרוע ברך נערכו לעתים תכופות. אלפים סבלו מעינויים מרים מלווים מעשי שוד. ימי הסיוט הקשים נמשכו עד ליום ד׳ אדר תש״א, אז, הוציאו הגרמנים פקודה שעל כל יהודי העיר בלי יוצא מן הכלל להתאסף ברחוב הרחב. מי שפיגר או לא הופיע בזמן קיבל מכות רצח. בליל קר ואפל התיצבו האלפים, נבהלים ומחוסרי ישע. אסור היה למגורשים לקחת עמם מרכושם הדל שנשאר להם לפליטה. רבי בר טויב, מנכבדי החרדים ניסה לקחת עמו ספר תורה והחביאה מאחורי מעילו, קלגס נאצי הבחין בדבר ניגש אליו והוציא בכוח את ספר התורה והפילה לארץ. רבי בר ניסה להרימה חזרה אבל מכת ראש אכזרית הפילו חסר אונים. הנאצים שמחו על „המציאה״ וחיללו את הספר תוך צהלת גיל.

באכזריות גורשו אותו יום יהודי פלוצק לאלפיהם. מהם ומתו בדרך ומהם והוצאו להורג לשם „שעשוע״, אחרים הגיעו בעירום ובחוסר כל לסביבת קלץ, משם הועברו כעבור זמן מה למחנות המות וההשמדה.

פולטוסק, עיר עתיקה שכונתה בעבר בשם טוסק, ואחרי שעלתה חציה באש שונה שמה לפולטוסק והתפתחה בהתמדה. בפרוץ המלחמה מנתה העיר כ־30,000 תושבים וביניהם למעלה מ־10,000 יהודים שתרמו רבות לפיתוח העיר והסביבה. בימי המלחמה סבלה העיר קשות מהפצצות בלתי פוסקות של חיל האויר הגרמני. עשרות יהודים נהרגו או נקברו חיים מתחת לבתים ההרוסים. רבים ברחו ושוב לא זכו לשוב אליה.

עם כיבוש פולטוסק על ידי הנאצים החלו מיד פרעות דמים נגד יהודי העיר. יהודים שנתפסו על ידי החיילים הגרמניים ברחובות נורו וגופותיהם הושלכו לנהר. אותה שעה פשטו חיילים נאצים על פני בתי היהודים, שדדו ורמסו מכל הבא לידם. 10 איש, מנכבדי הקהלה נאסרו כבני ערובה לתשלום 180 אלף זהובים על ידי הקהלה, קנס בעד „נזקי הגרמנים״ באיזור. כשהובא סכום זה דרש המפקד הגרמני עוד 60 אלף זהובים „אחרת ייתלו 10 הנכבדים לפנות בוקר״, כששילמו היהודים את התוספת הכספית תבע שוב המפקד הגרמני את כל חפצי הערך של יהודי פולטוסק, „אחרת יטבחו כולם״.

מעשי הרצח והשוד התרבו והלכו, מיום ליום, כעבור שבועיים ביום י״ג בתשרי, ערב חג הסוכות, נצטוו כל יהודי העיר להופיע בככר מרכזי, מבלי להשאיר אף נפש בבתים.

זיינען פארמשפט געווארן אויסצוגיין פון הונגער און טויזנטער האבן זיך געוואלגערט אויסגייענדיק פון הונגער און קראנקהייטן. אין ווינטער תש״ג האבן די נאצי־מערדער אנגעהויבן ליקווידירן דעם ראדאמסקער געטא. עס זיינען דורכגעפירט געווארן אקציעס איינער נאך דער צווייטער, אזוי האט זיך געצויגן ביז ה׳ שבט, ווען מען האט די לעצטע אידן ארויסגעפירט קיין טרעבלינקע.

ראווא מאזאוויעצק: דאס שטעטל, מיט 2200 אידן האט א סאך געליטן פון די לופט אנגריפן פון דער דייטשער אוויאציע און ס׳רוב אידישע איינוואינער זיינען אנטלאפן און זיינען צוריקגעקומען נאכדעם ווי דאס שטעטל איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן. די נאצים האבן זיי מקבל פנים געווען מיט בלוטיקע הענט, ביים ארינגיין אין שטעטל האבן זיי געכאפט א גרופע פון 200 אידן, מען האט זיי אויסגעשטעלט איינעם הינטערן צווייטן און געשאסן יעדן צענטן. די בלוטיקע פאגראמען האבן ניט אויפגעהערט ביז עס איז אויפגעשטעלט געווארן דער געטאָ, אבער דארט זיינען די אידן אויסגעשטארבן פון הונגער.

די ראווער אידן זיינען אומגעקומען אין די טעג ט״ז—כ׳ חשון תש״ג ווען מען האט זיי אוועקגעפירט אלעמען קיין טרעבלינקע.

ראווא־פאביאניצקא: א בליענדיקע קהלה אין לאדזער קרייז מיט קרוב צו 2000 אידן. ביים אקופירן דאס שטעטל האט יעדער איד גלייך באקומען א אפיציעלע מעלדונג פון דער נאצי־מאכט אז ער מוז פארלאזן דעם ארט אין א געוויסן טאג און שעה און ווער עס וועט ניט אויספירן דעם באפעל דראט אים טויט־שטראף. אין דער מעלדונג איז געזאגט געווארן אז יעדער איד מוז אפגעבן די שליסל פון זיין וואינונג דעם דייטשן זעלנער אין א ריינעם און איינגעארדענטן צושטאנד, אים איז ערלויבט מיטצונעמען נאר 50 זלאטעס און עטליכע קלייניקייטן.

אזוי איז די קהלה געווארן ליקווידירט.

שעראדז: א קהלה מיט 2500 אידן אין לאדזער קרייז וועלכע האט זיך אויסגעצייכנט מיט איר פרומען לעבנסשטייגער און טעטיקייט אויף אלע געביטן פון לעבן. ביים ארייננגיין אין שטעטל האט זיך גלייך אנגעהויבן א בלוטיקער טעראר געגן די אידן. 35 אידן האט מען גלייך דערשאסן מיטן אויסרייד אז מען האט געפונען אין דעם געגנט א געהרגעטן דייטשן סאלדאט. א סאך אידן האט מען פלוצלונג ארויסגעטריבן קיין ווארשע און זיי ניט געלאזט גארניט מיטנעמען. אין געציילטע טעג האט זיך די נאצים איינגעגעבן צו ליקווידירן דער א שיינער אידישער קהלה און איר פאוואנדלען אין לעבדיקע סקעלעטן וואס האבן געווארט אויפן טויט.

די שעראדזער קהלה איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן אין די מאנאטן אב—אלול תש״ב. אלע אידן האט מען אוועקגעפירט אין פארניכטונגס־לאגער כעלמנא.

שאדעק: אין דאס שטעטל האבן געלעבט 1400 אידן. זי האט ספעציעל געליטן פון ערשטן טאג פון דער מלחמה. זי איז געווארן באמבארדירט פון דער דייטשער אוויאציע און צענדליקער אידן זיינען דערביי געהרגט געווארן. ביים



קבוצת קצינים גרמניים נהנים הנאה מלאה מהתעללות ביהודי בטרם הוצאתו להורג. / א גרופע דייטשע אפיצירן קוועלן פון פייניקען א איד, פארן דערשיסן.

איינגעמען דאס שטעטל דורך די דייטשן האבן זיי גלייך איינגעארדנט בלוטיקע פאגראמען. צענדליקער אידן זיינען ארעסטירט געווארן און אנדערע זיינען גענומען געווארן אלס ערב׳ניקעס, די שולן האט מען פארברענט און יעדער וואס האט געפרווט לעשן, איז ארייננגעווארפן געווארן אין די פלאמען. דיליידן פון די שאדאקער אידן זיינען געווארן שוידערליכער פון טאג צו טאג און ס׳רוב אידן זיינען אויסגעשטארבן אדער אויסגעהרגעט געווארן דורך די דייטשן אין דער אקופאציע צייט.

די לעצטע אידן פון שאדאק האט מען אוועקגעפירט אין פארניכטונגס־לאגער כעלמנא א׳ אלול תש״ב.

דער חורבן פון אידישע קהלות אין ווארשאווער קרייז

העכער 20% פון דער אידישער באפעלקערונג אין פוילן איז געווען קאנצענטרירט אין ווארשע און אומגעגנט. דאס איז געווען דער קערן און דאס הארץ פון גאנצן פוילישן אידענטום. ארום איר זיינען געווען הונדערטער קהלות און ישובים, וועלכע האבן געפירט א אינטענסיוון פרוכטבארן לעבן. צווישן זיי אלטע קהלות מיט א רייכער פארגאנגענהייט און אנדערע־יונגע, וועלכע האבן זיך ענטוויקלט ערשט אין די לעצטע דורות.

אדמיניסטראטיוו איז ווארשע געווען א באזונדערע איינהייט. דער קרייז ווארשע, אבער פאקטיש איז די קהלה פון דער פוילישער הויפט־שטאט געווען פארבונדן מיט טויזנטער פעדים מיט די הונדערטער קהלות און ישובים אין געגנט. ווארשע האט זייער שווער געליטן בעת דער דייטשער אינוואזיע אויף פוילן, א סאך האבן אויך די ארומיקע קהלות



גוזזים את הזקן עם רבשר, והקרבן האומלל (משמאל) מתכווץ מכאב. מ׳שנייט די בערד מיט׳ן פלייש (לינקס).

בשעה המיועדת התפשטו הנאצים בבתי היהודים, חפשו אחרי מסתתרים, 48 יהודים, כולל חולים שנמצאו בבתיהם נהרגו מיד. בככר הועמדו היהודים האומללים שורות שורות, נאלצו להתפשט ערומים כביום הולדם, מי שפיגר — נורה ונהרג מיד. אחרי חיפוש מדוקדק מלווה מכות רצח הורשו הנשדדים לעבור לצד השני של המגרש ולחכות. בגמר החיפושים החלו הקלגסים לגרש את ההמון הגדול לעבר הגבול הרוסי, תוך צעקות „לכו לאחיכם הרוסים״. אלה שלא מיהרו ללכת נורו. בעירום ובחוסר כל עזבו יהודי פולטוסק את עירם ויצאו לגולה, קהלת פולטוסק המפוארת חדלה להתקיים.

פרושקוב, קהלה קטנה שמנתה 1600 נפשות בעיר תעשיתית בת 30,000 תושבים ויותר שסבלה קשות מאנטי־שמיות ונגישות מאוכלוסיה הפולנית. עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים החלו פרעות דמים נגד יהודי המקום שאורגנו על ידי הפולנים בהסכמתם של הנאצים. כל הרכוש היהודי נשדד והעדה היהודית האומללה הפכה לעדת עובדי כפיה שנדונה לרעב כשהיא משוללת כל זכויות. ימי האימים במקום נמשכו עד ליום ח׳ בטבת תש״א עת גורשו כל יהודי העיירה לגיטו ווארשה.

פוריסוב, קהלה קטנה במחוז ווארשה שמנתה בפרוץ השואה 1700 נפשות והתפרסמה במשך דורות כמרכז לחסידות כשבתחומיה פעלו האדמו״רים לבית פוריסוב. למרות הסבל הרב שנפל בחלקם של בני העיירה הפכו יהודי פוריסוב למכניסי אורחים וקלטו 1500 פליטים ומגורשים. בתנאי הדכוי הקשים המשיכו יהודי העיירה לשאת את סבלם ולטוות את חוטי חייהם המסורתיים עד י״ז בתשרי תש״ג, ביום הראשון לחול המועד סוכות כשהגיטו הקטן הוקף חיילים אוקריינים בפיקוד גרמני. כל יהודי העיירה הוצאו לתחנת הרכבת המרוחקת ונשלחו לטבח במחנה ההשמדה בטריבלינקה.

פלינסק, קהלה עתיקה במחוז ווארשה שפעלה כ־400 שנה ומנתה בפרוץ השואה 6000 נפשות ויותר. מיד עם כיבוש העיר על ידי הגרמנים החל מסע הדיכוי מלווה מעשי רצח ושוד נגד יהודי העיר. החרדים הוצאו מבתיהם וזקניהם נתלשו באכזריות, מספר יהודים שגילו התנגדות מה הושכבו על הארץ בכוח והרוצחים חרטו על גביהם את צלב הקרס. בתי כנסת חוללו ונסגרו ונאסר להתפלל בציבור או ביחידות. בראש השנה נצטוו יהודי העיר להופיע בככר השוק, ולעיני אלפי יהודים הוציאו הנאצים ספרי תורה הציתו אותם באש וקצין נאצי יִרה לתוך הגווילין תוך השמעת דברי חירוף וגידוף. מעשי השוד בוצעו בסדר צבאי, ולמרות זאת דרשו הגרמנים מהקהלה לשלם 100 אלף זהובים דמי כופר, אחרת יגרשו מהעיר את כל היהודי העשירי. דמי הכופר שולמו ולמרות זאת חטפו הנאצים 600 יהודים מאיזור מגורים שלם וגרשו אותם באכזריות ובתנאים מחרידים, 8 ילדים מתו בדרך. ההתעללות ביהודים נמשכה גם אחרי הקמת גיטו במקום בשטח מוגבל וצר, עד ליום ט׳ בטבת תש״ג יום בו חוסל הגיטו סופית וכל יהודי פלינסק הובלו לטבח.

צכוצינק, עיר מרפא ובה קהלה בת 900 נפשות שפעלה עד לשנת תרס״ו כקהלה מאוחדת עם עיירות אלקסנדרוב קויבסק וסלוזייבה. עם כיבוש המקום על ידי הנאצים החלו פרעות דמים נגד יהודי העיר המעטים. בני הקהלה סבלו קשות ומהם נהרגו מידי מעניהם. הם נשדדו מכל רכושם ואף אולצו לשלם כופר נפש סכומים די רציניים, ימי האימים נמשכו עד למחרת יום כפור, אז גורשו באכזריות מהמקום בלי שיורשה להם לקחת עמם מאומה.

צכנוב, קהלת עתיקה במחוז ווארשה שפעלה כבר בראשית ימי ועד ארבע הארצות ומנתה בפרוץ השואה 1500 נפשות. מיד עם כיבוש המקום על ידי הנאצים בוצעו מעשי רצח מרובים. המפקד הגרמני במקום הטיל דמי כופר בשיעור של 50 אלף זהובים על הקהלה, אחרת יוצאו מספר יהודים להורג, כששולם הקנס אז הוצאו מספר יהודים להורג בתליה ובירִיות. העיירה שהתפרסמה תודות להאדמו״ר רבי אברהם לנדאו שקבע את חצרו במקום סבלה הרבה מהתעללות הנאצים בחרדי העיר ובבתי הכנסת שנהפכו על ידם לבתי כסא ציבוריים. גם אחרי שהוקם גיטו במקום לא ידעו יהודי העיירה מנוחה אף ליום אחד. (גיטו צכנוב חוסל סופית ביום כ״ה חשון תש״ג עת הובלו יהודי העיר למחנה המות בטריבלינקה).

קאלושין, קהלה עתיקה במחוז ווארשה שפעלה כבר בימי ועד ארבע הארצות כקהלה עצמאית ומנתה בפרוץ השואה 6500 נפשות. קאלושין סבלה קשות בימי המלחמה. למעלה ממאה בתים של יהודי העיר נשרפו בהפצצות, 32 יהודים נהרגו בעומדם בתור ליד מאפיה מיריות מטוס צלילה גרמני שהמטיר עליהם לפתע אש. כמחצית מתושבי המקום ברחו על נפשם לאיזורים מזרחיים של פולין.

געליטן, אדער פון די גרויזאמע לופט־באמבארדירונגען אדער דירעקט פון די בלוטיקע קאמפן וואס זיינען פארגעקומען צווישן דאס צושלאגענע פוילישע מיליטער און די נאצישע ארמעען. צענדליקער קהלות זיינען פאקטיש חרוב געווארן. דאס אידישע ווארשע האט זיך געבאדן אין איר בלוט נאך איידער די נאצים האבן באוועלטיקט דעם געגנט.

ווארשעווער קרייז איז צושניטן געווארן דורך דער אקו־פאציע מאכט באלד צום אנהויב פון דער אקופאציע. די קרייזן פלאצק, פלונסק, שעפס און מלאווע זיינען פאר־וואנדלט געווארן אין „דיסטריקט ציעכאנאוו״ וועלכער איז אפיציעל צוקאאפטירט געווארן צו מזרח־פרייסן. די קרייזן פון וולאצלאוועק און ציעכאצינעק זיינען צוקאאפטירט גע־ווארן צום דייטשן רייך און די מזרח׳דיקע געביטן פון ווארשא, די נאענטע צו דער סאוויעטיש־דייטש אקופאציע גרענעץ, זיינען באצייכנט געווארן אלס קרייז פון מיליטערישער שפאנונג. איידער די נאציס האבן באשלאסן דער טאטאלער אויסראטונג אין די ראמען פון דער „ענטגילטיקער לעזונג״ גלייךביים פארנעמען פוילן האבן זיי באשלאסן „אפצוריי־ניקן״ די אלע געביטן פון אידן.


אין דער צייט ווען די צפונ׳דיקע און מערב׳דיקע געביטן פון ווארשאווער קרייז האבן שוין אין די ערשטע צייטן געליטן פון מאסן־גירושים וועלכע זיינען געווען באגלייט מיט גרויל־טאטן זיינען ס׳־רוב אידישע קהלות אין די מזרח געביטן פון ווארשאווער קרייז פארטיליקט געווארן דורך מאסן־שחיטות און גי־רושים איבער דער סאוויעטישער גרענעץ. און נאר די גאנץ נאענטע קהלות צו ווארשע האבן זיך געטיילט מיטן ביטערן גורל פון דער ווארשאווער קהלה, אריינגייענדיק אין דער תקופה פון דעם גרויזאמן אומגליק דורך א גרויזאמער אונ־טערדריקונגס אקציע.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה, האבן אנגעהויבן ש־טראמען אויף ווארשע מאסן פליטים פון די מערב־געביטן פון פוילן. אין די ערשטע וואכן פון דער גרויסער טראגעדיע זיינען מאסן מענשן געטריבן געווארן אין דעם געגנט חאטש די ארטיקע דייטשע פירערשאפט האט זיך געגנגעשטעלט דער איבערטריבענער קאנצענטרירונג פון אידן אין דעם קרייז — איז די צאל אידן אין ווארשע און אומגעגנט אין דער תקופה פון מלחמה — א סאך געוואקסן.

די נאצישע הערשער פון פוילן האבן איבערגעפירט זייער הויפט־שטאט פון ווארשע קיין קראקע, די אלטע הויפט־שטאט פון די פוילישע קעניגן. אבער דאס אידישע ווארשע איז ווייטער געבליבן דער צענטער פון פוילישן אידענטום ביז איר חורבן.

ווארשע – די הויפט פון די אידישע קהלות אין אייראפא

שוין אין 13־טן י. ה. איז אין ווארשע געווען טעטיק א קליינער אידישער ישוב וועלכע איז טעארעטיש ליקווי־דירט געווארן לויט די ספעציעלע געזעצן וואס געוויסע פוי־לישע קעניגן האבן ארויסגעגעבן. לויט די געזעצן האבן אידן ניט געטארט וואינען אין ווארשע און אין איר נאענטסטן



וליד הגבול — מחריבים את העיירות.
ביי דער קרעניץ צושטערט מען די שטעטלעך.

קרייז. א ביסל שפעטער האבן זיך אידן דאך באזעצט פון צייט צו צייט אין דער שטאט ווארשע. אבער על פי רוב האט מען זיי ארויסגעטריבן אויף דער ביטע פון די פוילישע סו־חרים. אבער טראץ דעם אפיציעלן פארבאט פאר אידן צו וואינען אין שטאט, האט זיך דאך געשאפן א ערנסטער אי־דישער ישוב וועלכער האט דורך כאבאר זיך איינגעקויפט וואינונגס־רעכט. אין אנהויב פון 18־טן י. ה. האט זיך שוין באפעסטיקט א גרויסער אידישער ישוב אין ווארשע דער פוי־לישער הויפט־שטאט, חאטש דער פחד פארן גירוש האט שטענדיק געשוועבט איבער זייערע קעפ. אזוי האט זיך גע־צויגן ביז ווארשע איז איינגענומען געווארן דורך פרייסן. ערשט דאן איז די קהלה אין ווארשע אנערקענט געווארן אפיציעל נאכדעם ווי די ווארשאווער אידן האבן זיך מתחייב געען צו צאלן א גאלדענעם דוקאט אלס קאפ־שטייער. ענדע פון 18־טן י. ה. האבן נאך די ווארשאווער אידן ניט געהאט קיין אייגענער שול, א רב אדער א ארגאניזירטער קהלה פארוואלטונג. זיי האבן נאר געהאט א קליינעם בית קברות אין א פריוואטן גוט און א תלמוד־תורה אין א געדונגענער דירה וואו עס האבן געלערנט ביי 100 קינדער. ערשט אין יאר 1806 האבן די ווארשאווער אידן באקומען די ערלוי־בעניש צו עפענען א אייגענעם בית עלמין אין שטאט.

אויך אין דער קורצער תקופה פון איר עקזיסטענץ האט די ווארשאווער קהלה געהאט אויסצושטיין ניט איין בלוטי־קן פאגראם. אין יאר תקצ״א, איז א אנגערייצטע פוילישע מא־סע באפאלן די אידן געהרגעט 16 און פארוואונדעט 14 אידן. אין יאר תרמ״א האט א פוילישער המון זיך צובושעוועט איבער די גאסן פון שטאט, געהרגעט 2 און פארוואונדעט



בעירום ובחוסר כל...
הונגעריק, אפגעריסן...

כשכבשו הנאצים את העיר עדיין היתה אחוזה להבות, אולם הקלגסים התפנו מיד למסע התעללות נגד יהודי העיר הנשרפים. בהמוניהם נאספו על ידי הגרמנים ונדחקו לאולם הכנסיה הקאתולית במקום. שם נערכו אצלם חיפושים יסודיים כשחיילים גרמנים פשטו על פני העיר ושדדו כל בתי היהודים. למחרת שוחררו הנשים והילדים ואילו הגברים נלקחו לעבודת כפיה. למעלה ממאה יהודים נהרגו או מתו מעינויים בימי הכיבוש הראשונים.

שבורים ורצוצים, נשדדים מכל ורבעים ללחם, פצועים ושותתי דם נכנסו יהודי קאלושין שנשארו בעירם לתקופת השואה האיומה, כששלשת אלפים פליטים הגיעו לפתע לעיר השרופה ואוכסנו בבית המדרש העירוני. סבלם של יהודי העיר גבר עם הקמת גיטו קטן במקום. ביום א׳ אדר תש״א הועברו רבים מתושבי הגיטו לווארשה, אלה שנשארו בקאלושין הובלו ביום ד׳ תשרי תש״ב לטריבלינקה.

קרסנושילץ, עיירה קטנה במחוז ווארשה שהצטיינה בסבלה על פני קהלות אחרות בפולין שטבלה בדמה בימים הראשונים לכיבוש הגרמני. העיירה הופצצה קשות בימי הקרבות ורבים מיהודי העיירה ברחו מהמקום. עם כיבוש קרסנושילץ אספו הגרמנים כשלושים יהודים, מעוטרי זקן ופיאות והכריחו אותם להתעטף בטליתים ולהתעטר בתפילין וכך הועמדו בשורה עורפית ונורו. למראה המחזה החלו יהודי העיירה לברוח אבל משמרות נאציים מנעו זאת מבעדם. תפסו את הנמלטים והחזירום העירה וביניהם את בתו של הרב המקומי, כלה שיומיים לפני הכיבוש נכנסה לחופה וחתנה, הרב הצעיר ישראל גליקסון מווארשה. ניגשו הקלגסים לגזוז את זקני היהודים והתחילו בחתן הצעיר שאמר למנוע זאת בכוח. אסרוהו הרוצחים בחבלים וקשרו אותו לקטנוע צבאי שהחל לדהור על פני שדות בסחבו את גופת הקדוש. כעבור רבע שעה חזר הקטנוע עם הגופה. הכלה אולצה תחת מטר של מכות לכרות קבר לחתנה ולקברו במו ידיה. 40 יהודים אחרים הוצאו בלילה מבתיהם והוכנסו לבית הכנסת המקומי ושם עונו עד מות, גופותיהם שוסעו בצורה מחרידה ודמם שטף את רצפת בית מקדש המעט. יהודים אחרים בעיירה נלקחו בכוח לעבודת כפיה, בדם בניה וביסורי תופת חוסלה קהלה קדושה זו.

קוטנו, קהלה עתיקה בעלת עבר מפואר במחוז ווארשה שמנתה בפרוץ השואה 5139 נפשות. עם כיבוש העיר על ידי הגרמנים החלו פרעות דמים נגד יהודי העיר מלווים מעשי שוד ונגישות אכזריות. מוסדות הקהלה המרובים פרט לבית החולים חוסלו ובתי הכנסת חוללו, החלה תקופת החורבן והחיסול. למרות תנאי הקיום האכזריים קלטה קהלת קוטנה פליטים רבים ובגיטו שהוקם במקום נמנו 6600 נפשות, בתוכם 1365 פליטים מ־75 מקומות. (גיטו קוטנו חוסל סופית, בין י״ב אדר — י״ג אייר הובלו יהודי קוטנו למחנה ההשמדה בכלמנו).

ראדזמין, קהלה שמנתה בפרוץ השואה 3867 נפשות מרוחקת 29 קילומטרים מווארשה, שהתפרסמה תודות להאדמו״רים לבית רדזמין שקבעו את חצרם במקום. עם כיבוש העיר על ידי הגרמנים נהרגו 7 יהודים מתושבי המקום מיריות הנאצים לתוך בתי היהודים. עשרות יהודים נאסרו בגלל התנגדותם לשדידת חנויותיהם ועקבותיהם נעלמו. מרבית יהודי העיירה נאלצו לצאת את בתיהם ולהצטופף בשטח צר שהוקצב לגיטו. (גיטו רדזמין חוסל ביום כ״ב תשרי תש״ג כשכל יהודי העיירה הובלו למחנה ההשמדה בטריבלינקה).

ריפין, קהלה בת 2200 נפשות במחוז ווארשה שסבלה ממעשי התעללות ונגישות אכזריות בכל ימי הכיבוש הנאצי. יהודי העיירה סומנו במספרים מיוחדים, ולכל פקודה להתאסף נצטוו לעמוד לפי המספר הסדורי. אם חסר מספר, הוציאו הגרמנים 10 היהודים הראשונים שנפלו לידיהם והוציאו אותם להורג. הקלגסים הנאציים הרבו להתעלל ביהודי העיירה על ידי הנהגת תִרגילים צבאיים של חובה. החיילים שפקדו עַל התרגילים הנחיתו מכות רצח על כל יהודי שתרגיליו לא מצאו חן בעיניהם. אחרי תרגיל היה המגרש מלא דם. כל הרכוש היהודי נשדד ובתי כנסת חוללו. לפנות ערב יצאו חיילים גרמנים למסע ציוד נגד יהודים והתאמנו בקליעה למטרה בגופות של יהודים חיים. סבלם של יהודי ריפין נמשך עד ליום א׳ בכסלו ת״ש, יום בו גורשו באכזריות כל יהודי העיירה, רק כ־100 איש נשארו במקום לזמן מה.

ראצוינז, קהלה קטנה ועתיקה במחוז ווארשה שמנתה בפרוץ השואה 1300 נפשות. עם כיבוש העיירה נפתח מסע דמים נגד יהודי המקום. יהודים נחטפו לעבודת כפיה ולא נודעו עקבותיהם. בפקודת הקלגסים נאלצו כל יהודי העיירה להידחק לבית הכנסת המקומי, ואחרי עינויים סאדיסטיים הוציאו הנאצים את ספרי התורה ותוך חירופים וגידופים מלווים מכות רצח וחללו כל קודש. נערכו חיפושים מדוקדקים אצל יהודי המקום שנתחייבו להחזיק את ידיהם מורמות למעלה. עבור כל תנועה קלה או גילוי סימני עייפות נידון היהודי למות במקום. 2 מאנשי החברה קדישא שהגרמנים תפסום כשקברו יהודי לפי מנהגי ישראל הוכנסו על ידי הקלגסים לקבר במקום המת וקברו אותם חיים. אחרי שבועות מספר של עינויים אכזריים גורשו כל יהודי העיירה מבלי שיורשה להם לקחת עמם מאומה.

דומה היה גורלן של קהלות ישראל בסביבת זאמושטש. באותה תקופה חוסלו הגיטאות במיעכוב (1800 נפשות וכ־500 פליטים), ליסאבק (500 נפשות וכ־1600 פליטים) מרקישוב (1250 נפשות ו־200 פליטים), וואנוואליצה (900 נפשות ו־900 פליטים), טישביץ (3800 נפשות), וויסאקיע (700 נפשות) ועוד.

חעלם, אחת הקהלות העתיקות ביותר בפולין שפעלה כבר במאה הי"ב ושימשה כקהלה ראשית במשך דורות הרבה, בפרוץ השואה מנתה קהלת חעלם כ־15000 נפשות ויותר.

עם כיבוש העיר על ידי הגרמנים החלו פרעות דמים ביהודי העיר, 1800 יהודים נאספו על ידי הקלגסים והוצעדו מצעד המות לעבר הגבול הרוסי, מעטים נשארו בחיים ממצעד אימים זה. קשים ומרים היו פרפורי הגסיסה של הקהלה הגדולה המפוארת שנמשכו עד ליום כ"ו בחשון תש"ג עת הוצאו המוני תושבי העיר למחנה ההשמדה בסוביבור ושם נפלו על קדוש השם.

פאלן, אויפן שטאטישן מארק־פלאץ. די פאליאקן האט מען אוועקגעשטעלט אין דער רעכטער זייט און די אידן — אויף לינקס. נאכדעם ווי עטליכע פאליאקן האט מען ארעסטירט און אנדערע האט מען געשמיסן, ווארענענדיק זיי זאלן וויסן ווייטער ווי זיך צו פירן, האבן זיך די מערדער גענומען צו די אידן וועלכע האבן געמוזט ליגן אין בלאטע ניט רירענדיק זיך. א גענויער אונטערזוכונג איז דורכגעפירט געווארן אין אלע טאשן פון יונג און אלט ניט דורכלאזענדיק קיינעם און נאכ־דעם ווי מען האט אלץ ביי זיי צוגענומען האבן די אידן געמוזט אדורכשפרייזן א לאנגער רייה פון סאלדאטן וועלכע האבן געשלאגן די אומגליקליכע אידן מיט גראבע שטעקנס און מיט קאלבעס פון די ביקסן. צובלוטיקט און שווער פאר־וואונדעט האבן זיך די אידן אומגעקערט אין זייערע הייזער אונטערן פארבאט ארויסצוגיין פון שטוב אן א ספעציעלער ערלויבעניש. אויף מארגן אינדערפריה האט זיך אנגעהויבן א ארגאניזירטע רויב־אקציע אויף אלע אידישע געשעפטן אין שטאט. ספרי תורה וואס מען האט געפונען אין שטאטישן בית מדרש, האט מען ארויסגענומען אויפן גאס און אין אנוועזנהייט פון אלע נכבדים פון שטעטל, זיי פארברענט, דערביי האט מען אלע אידן געפייניקט כל זמן די ספרי תורה האבן געברענט.

יום כפור האט מען ווידער ארויסגעשלעפט אלע אידן פון זייערע הייזער און די ארטיקע דייטשן האבן נאך איבערגע־שטיגן זייערע פארברעכער־ברידער פון דייטשלאנד מיט זייער גרויזאמקייט און סאדיזם. אלע אידן האט מען איינגע־שלאסן אין דער ארטיקער קאטוילישער קירכע, אלס שטראף וואס זיי האבן אפגעריכט תפלות „געגן געזעץ״—אין די טעג פאר יום־כפור. דריי טעג נאכאנאנד האט מען געהאלטן די אידן אין קלויסטער אין שוידערליכע באדינגונגען. דעם שטאט־רב האט מען ארויסגעשלעפט פון קלויסטער און, זייענדיק באגלייט פון א דייטש גזינדל, האט ער געמוזט קלייבן מיסט אין זיין שטריימל וועלכער ער האט געמוזט האלטן מיטביידע הענט אויסגעשטרעקט אינדערהויך און לויפן איבער די גאסן און די באנדיטן יאגן אים נאך, זיי האבן אים אויך אויסגעריסן די האר פון קאפ און בארד, אריינ־געלייגט אויך אין שטריימל און מיט דעם האט ער געמוזט לויפן איבער די גאסן. א טייל פון די אידן זיינען נאכדעם באפרייט געווארן, אנדערע האט מען געבראכט צום אלטן, הילצערנעם בית־מדרש און דארט האט מען זיי אונטער א האגל פון קלעפ, גענויט צו צונעמען דעם היסטארישן בנין, צוהאקן די האלץ אין שיינע פעקלעך און אוועקשלעפן עס אין דייטשע הייזער פאר די אויוונס. מיט אמתער מסירת נפש האט זיך איינגעגעבן די אידן ארויסצוראטעווען פון דעם בית מדרש די אלטע ספרי תורה און זיי באהאלטן אין דער אידישער באד. אויף מארגן האבן די דייטשן געהייסן צו צונעמען דער ארטיקער אידישער באד, אבער די אידן האט זיך איינגעגעבן ארויסצוכאפן די ספרי תורה אויך פון דארט ממש מיט א נס און כדי די וואנדאלן זאלן זיי ניט פאר־שווענכן, האט מען זיי אריינגעלייגט אין קאסטנס און זיי באגראבן.

אזוי האבן זיך געצויגן די גיהינום־יסורים פון די גאס־טינינער אידן ביז י״א אלול תש״ב. אין דעם טאג האט מען



בבית שורר רעב, פרוסת לחם יבשה — הטובה במעדנים. בתמונה: ילדים רעבים במטבח עממי בלודז. / דער הונגער בושעוועט. א טרוקען שטיקל ברויט — דער בעסטער חלום. אויפן בילד: הונגעריקע קינדער אין פאלקס קוך אין לאדז.


500 יונגע ארבעטספעאיקע מענשן, ארויסגעפירט אין לאדזער געטא און די איבעריקע אידן האט מען אוועקגעפירט אין פארניכטונגס לאגער. אזוי איז אפגעווישט געווארן די דאזיקע הערליכע קהלה.

ווארקע: א קהלה מיט 2274 נפשות, אין ווארשאווער קרייז, 47 קילאמעטער פון דער הויפט־שטאט וועלכע איז געווארן א צענטער פון חסידות מיטן אויפשטעלן דעם בית מדרש פון רבי׳ן, ר׳ יצחק ווארקער, דער פאטער פון דער ווארקער און אלעקסאנדערער דינאסטיעס און דער מנהיג פון רעליגיעזן פוילישן אידענטום. אינ׳ם טאג ווען דאס שטעטל איז איינגענומען געווארן האבן גלייך די נאציס איינגעאר־דענט א בלוטיקן פאגראם אויף די אידן. מער ווי צוואנציק אידן זיינען אומגעקומען אונטער די הענט פון זייערע פייני־קער. דראסטישע גזירות זיינען ארויסגעגעבן געווארן געגן די אידן דורך די נאצישע אפיצערן וועלכע האבן זיך ספעציעל אויסגעצייכנט מיט זייער גרויזאמקייט און בלוטדורשטי־קייט. ביי אנדערטהאלבן יאר האבן זיך די ווארקער אידן געפייניקט אין זייער שטעטל און פאר דער צייט געווארן אויסגעהונגערט און אויסגעדארט ווי סקעלעטן.

כ״ד שבט תש״א האט מען זיי אלעמען פלוצלונג ארויס־געטריבן אין ווארשאווער געטא, ניט ערלויבענדיק זיי מיט־צונעמען דאס מינדעסטע.

וולאצלאוועק: איינע פון די גרעסטע און חשוב׳סטע קהלות אין ווארשאווער קרייז. מיט קרוב צו 14,000 אידן. א בליענדיקער אידישער ישוב, וואס האט געפירט א ברייט פארצווייגטע טעטיקייט און האט זיך אינטענסיוו ענטוויקלט במשך פון דורות. מיטן אריינגיין פון די נאציס האט זיך א שאט געטאן אויף די וולאצלאווקער אידן יסורי איוב. כאפן צו צוואנגס ארבעט באגלייט מיט יסורים און פיין, אויס־רויבונג פון גאנצן אידישן פארמעגן, עס זיינען ליקווידירט געווארן אלע אידישע אינסטיטוציעס און דאס גאנצע גע־זעלשאפטליכע טעטיקייט איז אפגעשטארבן מיטאמאל. דאס רעליגיעזע לעבן איז אראפ אין אונטערגרונד און מיט מסירת נפש האבן רעליגיעזע אידן אפגעהיט די מצוות.

עטליכע טעג נאכן איינגעמען דער שטאט, יום־כפור ביי־



ובחוץ שכלה חרב — תליות בכל מקום. / אין דרויסן הערשט די שווערט. תליות איבראל.

טומשוב לובלסקי, קהלה עתיקה שפעלה כבר בראשית ימי ועד הארבע הארצות ומנתה בפרוץ השואה 1450 נפשות. בימי הקרבות על פולין עלתה העיר כולה באש ומאות יהודים נהרגו מהפצצות והרעשות. תושבי המקום התפזרו לכל עבר וכך חוסלה קהלה עתיקה זו.

טורבין, קהלה שנוסדה בראשית המאה הי״ד ומנתה בפרוץ השואה 1400 נפשות. עם כיבוש המקום על ידי הקלגסים הנאציים החלו פרעות דמים נגד יהודי העיר, שמש בית הכנסת בן ה־70 שסירב להעלות באש את בית הכנסת נתלה בשוק במעמד בני העיר וגופתו נשרפה. בעוני וסבל רב עברו על הקהלה ימי השואה המרים, כש־1800 פליטים ומגורשים נתוספו לתושבי המקום. ביום כ׳ חשון תש״ג חוסלה קהלה העתיקה, בניה הובלו לאיזביצה הסמוכה ומשם הובלו לטבח.

לוקוב, אחת הקהלות החשובות במחוז לובלין שמנתה בפרוץ השואה 6840 נפשות ונכבשה על ידי הגרמנים בערב ראש השנה ת״ש. אותו יום נצטוו כל יהודי העיר להתאסף בככר החופש במקום ובעזרת מכונות יריה מכוונים אולצו יהודי לוקוב לשכב על האדמה ולא לזוז שעות ארוכות. אותה שעה התפשטו הקלגסים על פני בתי היהודים בעיר, שדדו מכל הבא ליד, הרסו את הניתן להרס והעלו באש מספר בתים של היהודים.

לפנות ערב שוחררו הנשים והילדים שהורשו לחזור לבתים השדודים וההרוסים, ואילו כאלף גברים הובלו על ידי הרוצחים מחוץ לתחומי העיר והחלו להריץ אותם לעבר שדליץ, הקלגסים ליוו את המגורשים בקטנועים ואלה שפיגרו בריצה נורו. משדליץ הובלו האומללים לוונגרוב ושם שחררו הנותרים בחיים. כעבור ימים מספר יצאו הגרמנים את לוקוב ובמקומם נכנסו ובאו הרוסים, אבל אלה עזבו את העיר כעבור זמן מה ואתם יצאו מרבית צעירי המקום, אלה שנשארו שתו את כוס התרעלה עם הופעתם חזרה של הגרמנים. במקום אלפי התושבים שעזבו את לוקוב הגיעו לעיר אלפי פליטים ומגורשים ומלאו את הגיטו הצפוף. בשנת תש״ב מנתה קהלת לוקוב למעלה מ־8000 נפשות. בראשית שנת תש״ג החלו הנאצים לחסל את הגיטו וקבוצות קבוצות הוצאו יהודים מהגיטו והובלו למחנות השמדה ולגיטאות בסביבה. תהליך הטבח של יהודי לוקוב נמשך עד ליום כ״ז ניסן תש״ג עת הוצאו אחרוני יהודי העיר להורג. הקהלה העתיקה ורבת המעש, שפעלה כארבע מאות שנה חדלה להתקיים.

לומאז, קהלה עתיקה שפעלה כבר בראשית ימי ועד ארבע הארצות ומנתה בפרוץ השואה 2500 נפשות. עם כיבוש העיירה על ידי הגרמנים החלו ימי דמים וחורבן שלא פסקו בכל שנות הכיבוש הנאצי. יהודי המקום נשדדו מכל, הוצאו מכלל החוק ועונו ללא רחם יום יום על ידי הרוצחים הנאציים צמאי הדם. בשלהי שנת תש״ב, כשהגרמנים החלו לחסל את יהדות מחוז לובלין הוצאה קהלת לומאז בין הראשונות להריגה. יהודי העיירה לא הובלו למחנה ההשמדה אלא במקום מגוריהם נטבחו עד אחד ונקברו בבור־קבר ענק ליד העיירה. ביום ו׳ אלול תש״ב נערך הטבח האיום, למחרת שוב לא היה אף נפש יהודי בעיר.

לנטשנה, אחת העיירות העתיקות במחוז לובלין שהתבלטה הרבה בידי ועד ארבע הארצות ובניה הצטיינו בתורה ובמעשים במשך מאות בשנים. בפרוץ השואה מנתה קהלה זו 2300 נפשות ועם כיבושה על ידי הגרמנים החלו הקלגסים מיד במסע דמים נגד יהודי העיירה האומללים. רבים מתו מעינויים ואחרים נהרגו ללא כל סיבה, רבים ברחו את תחומי עירם מחמת המציק, ולמרות זרם הפליטים שנהר למקום לא מנתה קהלה זו אחרי הקמת הגיטו בשנת תש״א אלא קרוב לאלפיים נפש ומצבם מחריד ואיום גם לעומת מצבן הנואש של קהלות אחרות במחוז לובלין. חיי הסבל המחרידים נמשכו עד ליום ב׳ בכסלו תש״ג עת הוצאו כל יהודי גיטו לנטשנה לטבח.

לברטוב, עיירה מרוחקת 24 קילומטר מלובלין בה היוו יהודים כ־50 אחוז מכלל תושבי המקום ומנתה בפרוץ השואה בערך 3418 נפשות. מאוכלסת בעיקר סוחרים זעירים ובעלי מלאכה שסבלו קשה מנגישות אנטישמיות מצד שלטונות פולין העצמאית שהקימו במקום בתי מסחר וקוא־פרטיבים פולניים כדי להתחרות עם הסוחרים היהודים ולשלול מהם פרנסתם. מסים כבדים הוטלו על יהודי לברטוב

נאכט, האבן זיך די דייטשן אריינגעריסן אין א הויז וואו מען האט געדאווענט (נאכדעם ווי אלע שולן און בתי מדרשים זיינען פארמאכט געווארן). די מתפללים האט מען ארויסגעשלעפט אויף דרויסן און געהייסן אלעמען לויפן. ווען זיי האבן אנגעהויבן לויפן האבן די נאציס זיי געהייסן זיך אפשטעלן, עטליכע האבן ניט געהערט אז מען האט זיי געהייסן אפשטעלן זיך, האבן די נאציס 5 אידן געשאסן. די צוויי גרעסטע שולן פון שטאט האבן די נאציס אונטערגעצונדן און דער פייער האט אנגעכאפט די ארומיקע אידישע הייזער, די איינוואוינער האבן אנגעהויבןווארפן זייערע זאכן אויפן גאס דורך די פענסטער און דאס פוילישע געזינדל וואס איז געשטאנען אין גאס האט געכאפט דעם אידישן פארמעגן. ווען מען האט פארלאשן דער שריפה, האבן די נאציס גענויט איינעם פון די איינוואוינער אונטערשרייבן אויף א דעקלאראציע אז דאס האבן די אידן אליין אונטערגעצונדן די שולן און דעריבער קומט די אידן טויט־שטראף, און די דייטשע מאכט האט מסכים געווען, מיט א טובה, אומצובייטן דעם טויט־שטראף אויף א געלט שטראף פון 250 טויזנט זלאטעס. 50 אידן האט מען געכאפט אויף צוואנגס־ארבעט און זיי האבן ניט געטארט ארויסגיין פון זייער ארבעטס־פלאץ נאר אין זייער זעלטענע פאלן.

די וולאצלאווקער אידן זיינען געווען די ערשטע וועלכע האבן געמוזט אנטאן א געלער לאטע. זיי האבן ניט געטארט גיין אויפן טראטואר, וועלכער איז געווען באשטימט נאר פאר דייטשן, און האבן געמוזט גיין נאר אינמיטן גאס. כדי צו פארזיכערן אז דער סאדיזם זאל אויסגעפירט ווערן, איז ארויפגעלייגט געווארן א געלט־שטראף פון 350 טויזנט זלאטעס. אלע אידישע געשעפטן זיינען קאנפיסקירט געווארן און אידן האבן ניט געטארט האבן ביי זיך מער ווי 200 זלאטעס. אידן האבן ניט געטארט ארויסגיין פון שטאט אן א ספעציעלער ערלויבעניש וואס האט געקאסט 10 זלאטעס. איינמאל ביינאכט זיינען פלוצלונג ארעסטירט געווארן אן א שום סיבה הונדערטער אידן. מען האט זיי געבראכט אויפן הויף פון טורמע וואס איז געווען פול מיט שטיקלעך גלאז, מען האט זיי גענויט זיך אויסצולייגן אויף דער ערד און געשלאגן מכות רצח דערביי האבן די מערדער געטראטן אויף זיי. איין איד איז געשטארבן פון די עינויים. אויף מארגן האט מען די אלטע לייט באפרייט און די יונגעלייט האט מען אין די שוידערליכסטע באדינגונגען געהאלטן 8 וואכן נאכאנאנד, ערשט נאכדעם האט מען זיי באפרייט אונטערן באדינג אז זיי זאלן גלייך פארלאזן דעם ארט.

וולאצלאוועק און איר קרייז זיינען צוקאאפטירט געווארן צום קרייז „ווארטעגאו" וואס איז געווארן א טייל פון דריטן רייך. די אפיציעלע דייטשע פאליטיק איז אייגענטליך געווען אפצורייניקן דעם גאנצן שטח צוזאמען מיט די איבעריקע שטחים פון דריטן רייך — פון אידן און פארוואנדלען אים אין א ריין דייטשן געגנט. די אידן האבן זיך דעריבער געפונען אין שטענדיקער שרעק פארן גירוש. און טאקע זעקס וואכן נאכן איינגעמען דער שטאט און דעם געגנט איז אפיציעל געמעלדעט געווארן אז אלע אידן ווערן ארויסגעטריבן פון שטאט. צום אנהויב האבן די איינוואוינער פון די רייכע קווארטאלן באקומען א באפעל גלייך צו פארלאזן זייערע



מגרשים יהודים לגיטאות. בינתיים הורסים כל הריהוט וחפצי בית.
מ'טרייבט אין געטא אריין אויפן וועג צוברעכט מען אלץ...

הייזער און איבערלאזן אלץ וואס דארטן געפינט זיך. די דייטשן האבן אבער אויסגעגלייכט דער גירוש־אקציע, זיי האבן גענומען פון דער קהלה א רשימה פון עטליכע הונדערט ארימעלייט און זיי ארויסגעטריבן קיין לובלינער געגנט, מיטן אויסרייד אז זיי ווילן א ביסל פארלייכטערן דער אידישער קהלה אין איר שווערער לאגע.

אין צוויי וואכן ארום האט זיך אנגעהויבן דער גירוש פון די וולאצלאווקער אידן לויט א באשטימטן פלאן. מען האט ארויסגענומען אידן פון באשטימטע קווארטאלן, זיי האבן געמעגט מיטנעמען נאר ניט קיין גרויסער וואליזע, און מען האט זיי אוועקגעשיקט אין פארחתמעטע וואגאנעס אין לובלינער קרייז. די רייזע האט געדויערט עטליכע טעג ווייל די וואגאנעס זיינען געשטאנען לאנגע שעה'ן אויף יעדער סטאנציע. דער גרעסטער טייל עוואקואציעס זיינען פארגעקומען פרייטאג צו נאכטס און אידן האבן מורא געהאט זיך אויסצוטאן ביינאכט טאמער וועט מען ארויסטרייבן נאקעטערהייט, אזוי זיינען ארויסגעטריבן געווארן 90% פון די וולאצלאווקער אידן און עס זיינען געבליבן נאר 1500 אידן. א טייל פון די פארשיקטע זיינען אנגעקומען ביז שערשאוו, וולאשטשאווע און זאמאשטש — אין לובלינער קרייז און אנדערע האט מען געשיקט קיין טארנאוו — אין קראקאווער קרייז. עס זיינען געווען פאמיליעס וואס זיינען אפגעטיילט געווארן, די עלטערן אין איין געגנט און די קינדער אין א צווייטן. א סאך זיינען אויפן וועג אויסגעשטארבן ניט קענענדיק איבערטראגן די צרות. א ביסל אידן זיינען צוריקגעקומען אדער מען האט זיי צוריקגעטריבן קיין וולאצלאוועק. אין געטא וואס איז שפעטער אויפגעשטעלט געווארן האבן אין יאר 1941 געלעבט ביי 3000 נפשות. צוזאמען מיט די וולאצלאווקער אידן האט מען אויך ארויסגעטריבן די אידן פון חאדעש, דאמביע, קאוועל, לוביען, א.א. דעם זעלבן ביטערן גורל האבן געהאט אלע אידן. אונטערדריקונג ביטערע יסורים, אויסרויבונג ביזן העמד און נאכדעם — ארויסגעטריבן.

דער וולאצלאווקער געטא האט אנגעהאלטן ביז ט"ו אייר תש"ב — דאן האט מען אים ענטגילטיק ליקווידירט.

ווישקאוו: א אלטע קהלה אין ווארשאווער קרייז ביים טייך בוג צווישן ווארשע און ביאליסטאק. מיט א באלד 700 יעריקער פארגאנגענהייט, וועלכע איז שוין דערמאנט



רוכל עני בגיטו המוקם. / א אידישער מילך הענדלער אין דעם געטא.

במטרה לאלצם לסגור את מפעליהם ולפנות את מקומם לפולנים שהתישבו במקום.

בערב ראש השנה ת"ש כבשו הגרמנים את העיר ומיד ערכו פרעות דמים נגד יהודי העיר בעזרתם הפעילה של התושבים הפולנים. נערך שוד מאורגן מלוה עינויים אכזריים. 4 יהודים מצאו את מותם במסע שוד זה, שלא פסח על אף בית יהודי.

חיי הסבל והעוני בלברטוב לא נמשכו זמן רב, עד מהרה החליטו המפקדים הנאצים במקום לגרש את יהודי העיר. אחרי 500 שנות חיים תוססים אולצו היהודים לקחת את מקל הנדודים לידיהם, יצאו את ביתם ואת עירם בעירום ובחוסר כל, רק מספר זעום של בעלי מלאכה ופועלים מומחים נצטוו על ידי הקלגסים להשאר בעיר. בחלקם יצאו יהודי לברטוב לאוסטרובה הקרובה ושם מצאו את מותם, אחרים עשו דרכם לוולאדאבה או לפרצבה. מהם והסתננו לעבר שטחי הכיבוש הסובייטיים.

עד מהרה הובאו על ידי הנאצים ללברטוב יהודים שגורשו ממלאבה ומריפין וממקומות אחרים, במקום הוקם גיטו שחוסל סופית ביום ל' תשרי תש"ג.

לסקרוב, קהלה קטנה במחוז לובלין שמנתה בפרוץ השואה 1712 נפשות. נוסדה בראשית המאה הט"ו ונכבשה על ידי הגרמנים ביום הראשון דראש השנה ת"ש. לפנות בוקר נראו החוליות הראשונות של הצבא הנאצי במבואות לסקרוב שחזרו על עקבותיהם ונעלמו. שמחו יהודי העיירה והאמינו כי הרוצחים ברחו, כעבור שעות מספר שוב הופיעו החיילים הנאצים, תפסו 37 יהודים והרגו כולם במהירות. 17 יהודים אחרים נתפסו ליד השוק, הועמסו על מכונית והובלו מחוץ לעיר והרגו אותם שם אחרי עינויים סאדיסטיים. רק נער בן 16 ניצל בנס. מעשי הרצח מלוים שוד ודיכוי אכזרי לא נפסקו מאז עד ליום י"ט בתשרי תש"ג עת הוצאו כל יהודי גיטו לסקרוב מחוץ לעיר, הובלו למחנה ההשמדה בטריבלינקה ושם נהרגו.

לושיץ, קהלה עתיקה במחוז לובלין שנוסדה במאה הט"ו ומנתה בפרוץ השואה 2900 נפשות. עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים החלו פרעות דמים נגד יהודי העיירה. עשרות יהודים הוצאו להורג, בית המדרש העירוני הוצת אש ויהודים שניסו להציל ספרי תורה הושלכו על ידי הקלגסים ללהבות ונשרפו עם ספרי תורה בידיהם. קנסות כספיים כבדים הוטלו על בני הקהלה העניים שנשדדו מכל. למרות תנאי החיים המחרידים בימי הכיבוש הנאצי קלטה הקהלה בשטח הגיטו הצר המוני פליטים ומגורשים ובשנת תש"ב הגיע מספר היהודים במקום עד 4000 ויותר. בחודש אלול תש"ב הוצאו כל יהודי העיר לתחנת הרכבת המרוחקת והובלו למחנה ההשמדה בטריבלינקה.

מזריטש, קהלה עתיקה באיזור פודלאסק, מחוז לובלין, שנוסדה במאה הי"ד ופעלה מאות בשנים כקהלה ראשית ועצמאית. במשך דורות התבלטה מזריטש כקהילה רבת פעלים ושימשה ערש לחסידות ומרכז לתורה ולתעודה. בפרוץ השואה מנתה קהלת מזריטש כ־12000 נפשות, העיר נכבשה לראשונה על ידי הנאצים ותוך ימים ספורים לשלטונם הספיקולשפוך דם רב מישראל ולהטיל במקום משטר אימים. הגרמנים יצאו והרוסים נכנסו לעיר לימים מספר ב־9 לאוקטובר עזבו הרוסים את מזריטש במקומם שוב הופיעו הנאצים. רבים מבני המקום ברחו מבתיהם והלכו בעקבות הצבא האדום אבל מזריטש היהודית שטבלה מאז בדמה נתמלאה בהמוני פליטים שנהרו לעיר, ממגורשי סובאלק וריפין ונאשלסק ועוד. בתקופה מאוחרת יותר הגיעו לעיר מגורשים מקראקא, ממעליץ וממלאבה וכן יהודים מסלו־בקיה וממקומות אחרים, כך מנתה קהלת מזריטש בשנת תש"ב למעלה מ־16000 נפשות, וזאת למרות השחיטות והגירושים.

עם כינונו של שלטון אימים נאצי בעיר ובמחוז החלו יסורי איוב פוקדים בהתמדה את יהודי העיר האומללים. נוסף לחטיפות לעבודת כפיה, למעשי התעללות אכזריים, לשוד וגזירות דראסטיות נתנו השליטים הנאציים במקום פורקן מלא לתאוות הדם ולצמאונם הבסטיאלי. קנס כספי גדול הוטל על הקהלה וכל הגברים הצעירים המסוגלים לעבודה הוצאו בחורף ת"ש למחנות עבודה ועינויים. אנשי ס. ס. ערכו שחיטות ביהודי מזריטש, ראשי הגיסטפו במחוז לא אמרו די עד אשר הטילו קנס בשיעור של 9 קילו זהב טהור על יהודי מזריטש שנשדדו מכל ותחת איומים אמרו בכוח לסחוט את הזהב.

געווארן אין יאר 1283· מיט 7000 אידן· די שטאט איז שווער באשעדיקט געווארן פון דער דייטשער אוויאציע און ס׳רוב הייזער זיינען פארברענט געווארן· נאר דער גרויסער בית מדרש איז בנס געבליבן שטיין חאטש די ארומיקע הייזער זיינען אלע פארברענט געווארן· אבער ווי די דייטשן זיינען אריין האבן זיי גלייך אונטערגעצונדן דעם בית מדרש און ווען די אידן זיינען געלאפן ראטעווען די ספרי תורה, האבן די נאציס אויפגעפנט אויף זיי א פייער, זיינען די אידן געפאלן אונטער די קוילן מיט די ספרי תורה׳ס אין די הענט·

א באנדע נאציס האט זיך א לאז געטאן איבער די גאסן, געכאפט גרופעס אידן און אוועקגעפירט זיי אין דארף לעסצידארף און דארט זיי אויסגעשאכטן· א צווייטע באנדע האט געכאפט א גרופע אידן און זיי גענויט אפצוקראצן דעם טינק פון די הייזער מיט די הענט שלאגענדיק זיי דערביי מכות רצח מיט קולאקעס און מיט בייטשן· פארנאכט איז די מהומה געווארן נאך גרעסער, די נאציס האבן געשאסן אויף יעדן אידן וועמען זיי האבן געטראפן אין וועג, אריינגעריסן זיך אין הייזער און געשאסן אלעמען· 460 אידן זיינען דאן אויסגעהרגעט געווארן און זייערע קערפערס האבן זיך געוואלגערט אין די ווישקאווער גאסן· די איבעריקע זיינען אנטלאפן קוים מיט לעבן, א סאך פון זיי זיינען געפאלן אויף די וועגן פון די קוילן פון די נאצי־מערדער און די איבעריקע זיינען זיך צולאפן וואו די אויגן האבן געטראגן· אזוי איז ליקווידירט געווארן די דאזיקע אלטע, הערליכע אידישע קהלה· א שטאט פון חסידים און לומדים, רייכע און ארימע הארעפאשניקעס· א אידישע שטאט איז אפגעמעקט גאוורן·

וואלאמין: א אלטע, 300 יעריקע קהלה מיט 2700 אידן וועלכע האט שווער געליטן אין די ערשטע וואכן פון דער נאצי־אקופאציע· נאכדעם ווי מען האט די אידן בארויבט פון אלץ און נאכדעם ווי זיי האבן מיט זייער בלוט באצאלט פארן ארימן, אומגליקליכן לעבן — איז געווארן א ביסל שטילער· אבער דער הונגער און די נויט, די גזירות און מאטערניש האבן ניט אויפגעהערט ביזן לעצטן טאג· ארויסגעזעצט פון יעדן מענשליכע רעכט, האבן די אידן זיך געמאטערט די גאנצע צייט און האט אפילו אריינגענומען מער ווי 500 פליטים אינ׳ם געטא·

די וואלאמינער אידן האבן מיט זייער בלוט אנגעזאפט דאס ערד פון זייער שטאט· אנהויב יאר תש״ג האבן די דייטשן באשלאסן אפצומעקן דער קהלה· שמחת תורה ביינאכט האבן זיי ארומגערינגלט דעם קליינעם געטא און האבן געהרגעט די אידן וואס האבן ניט געוואלט פארלאזן דעם ארט, וויסענדיק וואוהין מען פירט זיי· 620 אידן זיינען דערביי געהרגעט געווארן· אין צוויי טעג ארום, אסרו חג סוכות תש״ג האבן די נאציס זיך באוועלטיקט איבער די איבעריקע אידן און זיי אלעמען אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע·

זשיראדאוו: א אינדוסטריע שטאט מיט 3200 אידן· מיטן איינגעמען די שטאט דורך די דייטשן האבן זיך אנגעהויבן ערנסטע פאגראמען אויף די אידן· מיט דער אינטענסיווער באטייליקונג פון דאס פוילישע געזינדל, איז




בגיטו לודז מצטופפים בחדר דל· החולה במטתו והבריאים מצטופפים ליד התנור· / דער לאדזער געטא· אין א קליין שטיבל א פאר משפחות· דער קראנקער אין בעט, די אנדערע ביי דער אויוון·

דורכגעפירט געווארן א שחיטה אויף די אידן צורויבענדיק דערביי זייער גאנץ פארמעגן· די ארטיקע נאצישע אפיצערן האבן געדאגהט אז יעדן טאג זאלן ארויסגעגעבן געווארן נייע דראסטישע גזירות· א אידן וועלכן מען האט באשולדיקט אין קויפן צוקער אין א פוילישן געשעפט, איז שוידערליך פארפייניקט געווארן צום טויט· א אידישע צאנדאקטערין וועלכע איז בשולדיקט געווארן אין געבן מעדעצינישע הילף א פאליאק, איז פארפייניקט געווארן צום טויט אינמיטן מארק פאר די אויגן פון א יובל־דיקער פוילישער מאסע· א סאך אידן זיינען אנטלאפן וואו די אויגן האבן געטראגן און די איבעריקע זיינען דורגעגאנגען דעם גאנצן יסורים־וועג ביז שבט תש״א, ווען מען האט אלע אידן ארויסגעטריבן אין די גרויזאמסטע באדינגונגען, בארוועס און נאקעט — אין ווארשאווער געטא·

זאקראצים: א קליינע שטעטל מיט 400 אידן ביי דער מאדלינער פעסטונג אויפן וועג צווישן ווארשע און פלאצק· זייענדיק נאענט צו דער גרויסער פעסטונג וועלכע האט העלדיש געקעמפט געגן די דייטשן, האט דאס שטעטל זייער שווער געליטן פון דייטשע באמבארדירונגען פון הארמאטן און פון דער לופט, אזוי אז דאס שטעטל איז פארוואנדלט געווארן אין א הויפן שטיינער· א סאך אידן זיינען געהרגעט געווארן בעת די באמבארדירונגען, די איבעריקע זיינען זיך צולאפן און שוין מער ניט צוריקגעקומען·

יאדאוו: א אלטע קהלה אין ווארשאווער קרייז מיט 2100 אידן· ס׳רוב ארימעלייט וואס האבן געצויגן זייער ארימע חיונה פון די ארומיקע פויערן· נאכן איינגעמען דאס שטעטל דורך די נאציס האט מען צוגענומען ביי די אידן זייער ביסל ארימקייט און פארבאטן ארויסצוגיין פון ארט· אזוי אז זיי זיינען גלייך געבליבן אן א שטיקל ברויט און זיי איז אויסגעקומען צו שטארבן פון הונגער· דאס פארהונגערן די אידן איז געקומען צוזאמען מיט א גרויזאמער אונטעדריקונגס אקציע· אלע שולן זיינען פארברענט געווארן, אידן וועלכע מען האט געכאפט ראש השנה דאוונענדיק בצבור אין א פריוואטן מנין, זיינען ארעסטירט און אוועקגעשיקט געווארן אין א אומבאקאנטן ארבייטסלאגער פון וועלכן זיי זיינען שוין ניט געקומען צוריק· די ספרי תורה וואס מען האט געפונען האט מען פארברענט



בגיטו הסגור הולך יהודי, לאן ?
אין פארמאכטענע געטא גייט א איד, וואו אהין ?

אחרי חג הפסח תש״ב החלו הרוצחים בפעולות מאורגנות המכוונות לחסל את הגיטו הגדול. אנשי ס. ס. שהופיעו בגיטו ערכו טבח דמים וכעבור זמן מה החלו הגירושים הראשונים ממזריטש למחנות ההשמדה. בחורף תש״ג גברו פעולות הדמים, 10 שוטרים יהודים נתלו כסימן לבאות ושוב נערך טבח דמים ביום 1 לינואר 1943, מיד אחרי חג הפסח תש״ג החלו הגירושים ההמוניים מהגיטו למחנות ההשמדה במיידנק ובטריבלינקה שנמשכו מיום כ״ו ניסן ועד כ״ו אייר תש״ג. יהודים מעטים נשארו בעיר שהוצאו לטבח ביום י״ד תמוז תש״ג. מאז הפכה מזריטש ל„יודענריין״.

גורל דומה פקד את קהלות ישראל בסביבת מזריטש. קהלת ווישניץ העתיקה לימים, חוסלה אחרי טבח אכזרי (בשנת תש״ב היו במקום 1025 יהודים), קהלת רישאש העתיקה (433 נפשות), יאנוב פודלאסק (1882 נפשות) קונסטנטין ישן (1150 נפשות, קהלה עתיקה מאד) ראדזק (שנטבחו יהודי המקום ביום ט״ז תמוז תש״ב), טרספול (284 נפשות) ינושבקה (410 נפשות) ועוד.

מורדי, קהלה שמנתה כאלפיים נפשות וסבלה בצורה איומה מהיום הראשון לכיבוש הנאצי. יהודים מעשרות ישובים וכפרים בסביבתה גורשו לגיטו מורדי הקטן, עונו בצורה אכזרית ביותר יום יום על ידי הקלגסים הנאציים. לא עבר יום ללא צרות וגזירות חדשות, מחזות מקפיאות דם ועינויי תופת. למרות היסורים המרים המשיכו יהודי מורדי בחשאי במסורת חייהם, החזיקו בית תלמוד תורה והתפללו 3 פעמים ביום בציבור. גאוות יהודי מורדי על העדר כל משתף פעולה או מלשין ביניהם. ביום י׳ אלול תש״א הוצאו כל יהודי הגיטו להורג.

סלאוויטש, קהלה שמנתה 100 נפשות בפרוץ השואה, הקרובה לקו הגבול בין שטחי הכיבוש הגרמני והרוסי בפולין. עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים החל במסע הדיכוי נגד יהודי העיירה, 10 יהודים נורו ושוד כללי נערך בכל בתי היהודים בעיירה. בגלל הגבול שליד המקום הפכה סלאוויטש לנתיב קבוע לבריחת אלפים לשטח הכיבוש הרוסי. כדי להטיל אימת מות על הבורחים אספו הגרמנים ביום אחד 40 יהודים, מתושבי המקום וזרים והוציאו אותם להורג בככר השוק. גיטו יהודי קטן הוקם במקום לשם גורשו יהודי דאלהאבריטש, האלישוב ואננע. למרות מעשי הרצח המרובים והדיכוי האכזרי החזיקו יהודי סלאוויטש מעמד עד ליום ז׳ בתשרי תש״ג עת הוגלו לגיטו מזריטש ומשם למחנות ההשמדה.

סוקולוב פודלאסק, קהלה עתיקה במחוז לובלין שפעלה כבר בימי ועד ארבע הארצות ושימשה בשנים האחרונות לפני השואה כמרכז לתורה ולחסידות, בהנהגתו של האדמו״ר רבי יצחק זליג מורגנשטרן. בפרוץ השואה מנתה קהלת סוקולוב קרוב ל־5000 נפשות. בימי הקרבות על פולין סבלה הקהלה קשות וידעה נגישות אכזריות ושפך דם רב בתקופה הראשונה לכיבוש הנאצי. תוך ימים ספורים נשדדו בני הקהלה מכל והפכו לעדת עניים מרודים, שהועמדו מחוץ לחוק נתונים לחסדי פראי אדם צמאי דם. בעיר הוקם גיטו ומצב היהודים הורע מיום ליום. ימי החורבן וההרס של קהלת סוקולוב נמשכו עד ליום י״א תשרי תש״ג, עת הובלו כל תושבי הגיטו למחנה ההשמדה בטריבלינקה.

פרצבה, קהלה עתיקה במחוז לובלין שפעלה כבר בראשית ימי ועד ארבע הארצות ומנתה בפרוץ השואה כ־5000 נפשות. עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים החלו ימי החורבן וההרס לקהלה הותיקה. מרבית יהודים נושלו מדירותיהם ובתיהם ונאלצו לעבור לגיטו צפוף שהוקם במקום לשם הובלו גם כאלפים פליטים ומגורשים מכל מחוזות פולין ומחוצה לה. הרעב והמחלות הפילו חללים רבים מתושבי העיר אבל הגיטו המקומי ידע צפיפות גוברת והולכת בגלל זרם המגורשים הבלתי פוסק שנהר למקום עד לשנת תש״ב. לפרצבה הובאו גם יהודים מישובים סמוכים, רובם ככולם באו בעירום ובחוסר כל כשבני הקהלה העניים והרעבים ללחם נאלצו גם לדאוג להם.

בראשית שנת תש״ג החלו הגרמנים לחסל את הגיטו, ביום כ״א בתשרי נערך טבח ביהודי המקום, 108 יהודים מצאו את מותם תוך שעה קלה. רבים גורשו אז למחנה ההשמדה בסוביבור, בחודש כסלו תש״ג נסתיים תהליך הרצח של יהודי פרצבה, אחרוני היהודים הובלו אז לטבח.

פראנאפול, קהלה עתיקה שנוסדה במאה הי״ד שמנתה בפרוץ השואה 900 נפשות. בימי הקרבות על פולין עלתה

אינמיטן מארק· טאג טעגליך האט מען געכאפט אידן אויף צוואנגס־ארבייט און סתם כדי צו פייניקן· יעדן שבת האבן די אידן געמוזט ארויסגיין אויף „פארוויילונגס־ארבייטן״· די נאצי־מערדער האבן פונאנדערגעשאטן שטיקלעך גלאז איבער א געוויסן פלאץ און די אידן האבן געמוזט אלע שטיקלעך צונויפקלייבן וואס גיכער· נאכן צוזאמענקלייבן האבן די נאציס ווידער אויסגעשאטן שטיקלעך גלאז און די אומגליקליכע אידן האבן עס ווידער געמוזט צונויפ־קלייבן· נאך אזא מין „פארוויילונג״ זיינען די אידן געקומען א היים צובלוטיקט און פארוואונדעט·

טראץ זייער קריטישער לאגע האבן פונדעסטוועגן די יאדאווער אידן אויפגענומען קרוב צו 800 פליטים און ארויסגעטריבענע און האבן זיך געטיילט מיט זיי מיט זייער לעצטע שטיקל ברויט· אזוי האט זיך געצויגן דער ביטערער לעבן ביז י״א תשרי תש״ג, אויף מארגן נאך יום־כפור, ווען מען האט אלע אידן ארויסגעטריבן פון ארטיקן געטא און זיי אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע·

יאבלאננע (לעגיאנאווא) : א קליינע קהלה אין ווארשאווער קרייז מיט 850 אידן, וועלכע האט געהאט הינטער זיך אהיסטאריע פון קרוב צו 200 יאר· די לעצטע יארן פארן קריג איז זי געווען אויך א דאטשע ארט· ווי אומעטום אזוי אויך אין יאבלאננע האבן די די נאציס גלייך ביים אריינגיין אין שטעטעל צוגענומען ביי די אידן זייער גאנצן פארמעגן· אלע אידן האבן געמוזט קומען אין דער פאליציי קאמענדאנטור· 30 אידן וואס האבן זיך באהאלטן און מען האט זיי געכאפט, האט מען אוועקגעפירט אין א אומבאקאנטן ארט פון וואנען זיי זיינען שוין מער ניט צוריקגעקומען· די דייטשע מאכט האט נאמינירט א ארטיקן דייטש אלס בירגערמייסטער וועלכן מען האט, אין א פאר טעג ארום, געפונען א גע־הרגעטן· אלס ענטפער אויף דעם האבן די דייטשן געהרגעט 200 פאליאקן און פארשטארקט דער אונטערדריקונגס אקציע געגן די אידן· י״ד חשון האט מען אלע יאבלאננער אידן ארויסגעטריבן אין נאענטן לודווישינער געטא און אין שטעטל זיינען געבליבן נאר עטליכע הונדערט ארבייטער און האנטווערקער וועלכע האבן געארבעט ביי די דייטשן· כ׳ תשרי תש״ג, האט מען די לעצטע אידן אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע·

לויוויטש : א אלטע קהלה וואס האט שוין געפירט א זעלבסשטענדיקע טעטיקייט נאך אין אנהויב פון ועד ארבע הארצות און איז שוין דערמאנט געווארן אין 15־טן י״ה· דארט האבן געוואינט ביים מלחמה אויסברוך 4339 אידן· נאך שווערע קאמפן איז פרייטיק, כ״ו אלול געפאלן דאס שטעטל· גלייך ביים אריינגיין האבן די דייטשן געכאפט הונדערטער אידן און האבן זיי אויסגעשטעלט אלס שוץ־וואנט געגן דעם פוילישן מיליטער וואס האט געפרווט אפשטויסן די דייטשן· 73 אידן זיינען דערביי געהרגעט גע־ווארן·

טויזנטער פליטים וועלכע האבן זיך געפונען אין לויוויטש, זיינען ארעסטירט געווארן צוזאמען מיט הונדערטער ארטיקע אידן און מען האט זיי אלעמען אריינגעווארפן אין דער ארטיקער שול, דארט האט מען זיי געהאלטן אן עסן און



בתוך המהומה והמבוכה מנסה אם אומללה למכור מה כדי להביא אוכל לפעוטיה· / אין דער גרויסער מהומה פראוווט א אומגליקליכע מאמע עטוואס פארקויפן, פארמיידען הונגער פון איהרע קינדער·

טרינקען במשך עטליכע טעג און פון צייט צו צייט האבן די נאצי־מערדער ארויסגענומען עטליכע ארעסטירטע און זיי שוידערליך געפייניקט· 14 אידן האבן געפונען זייער טויט אונטער די הענט פון זייערע פייניקער· אין דער זעל־בער צייט האבן די וואנדאלן זיך א לאז געטאן איבער אידישע הייזער און צוגערויבט אלץ וואס עס האט זיך געלאזט, א סאך אידן זיינען דערביי פארוואונדעט געווארן· די אונטערדריקונגס אקציע און די בלוטיקע פאגראמען זיינען שטארקער געווארן פון טאג צו טאג מיטן פארפעס־טיקן זיך פון דער דייטשער מאכט· אזוי אז דאס לעבן פון די לויוויטשער אידן איז געווען הפקר און ווער עס האט געוואלט האט געקענט זיי הרגענען·

דער געטא אין לויוויטש איז ליקווידירט געווארן ג׳ ניסן תש״א, ווען מען האט אלע אידן ארויסגעטריבן אין ווארשאווער געטא·

ליפנע : א אלטע, הונדערטער יעריקע קהלה אין ווארשאווער קרייז מיט 1300 אידן וועלכע האט זיך אויסגע־צייכנט מיט איר פילזייטיקער טעטיקייט· ס׳רוב אידן זיינען אנטלאפן פון שטעטל ווען די דייטשן זיינען אריין· די ארטיקע אייניאינער האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גיפ־טיגקן האס צו אידן און אין זייער גרויזאמקייט· דאס ביסל אידן וואס איז געבליבן אין שטעטל האט שוידערליך געליטן פון די נאצי־בארבארן· אבער זייערע ליידן האבן זיך לאנג ניט געצויגן· אין כסלו ת״ש זיינען א ביסל אנטלאפן און די איבעריקע האט מען ארויסגעטריבן· די קליינע און שיינע ליפנער קהלה איז געווארן „יודענריין״·

מינסק־מאזאוויעצק : דא האבן געוואינט 4900 אידן· דאס שטעטל האט זייער שווער געליטן ביי די קאמפן אין אנהויב פון קריג· א סאך הייזער זיינען חרוב געווארן און צענדליקער אידן זיינען געהרגעט געווארן· גלייך ביים אריינ־גיין אין שטעטל האבן די נאציס איינגעארדענט בלוטיקע פאגראמען אויף די אידן און אין דער תקופה זיינען א סאך אידן אומגעקומען און דאס גאנצע אידישע פארמעגן איז בארויבט געווארן· גרויל־סצענעס זיינען איינגעארדענט גע־ווארן דורך די נאציס געגן די אידן· אלע שולן פון שטאט



שני רוכלים צעירים מוכי רעב בגיטו. / צוויי יונגע הענדלער אין געטא.

העיירה כולה באש ולא נשאר בה אף בית שלם. במאמצים עילאים עלה בידי יהודי המקום להקים איכשהוא את חורבות בתיהם למרות ההתעללות הבלתי פוסקת ומסע הדיכוי של שלטונות הכיבוש הנאציים. גיטו קטן הוקם בעיירה שם התגוררו יהודי המקום בתנאים קשים ביותר, עד ליום כ״ב חשון תש״ג עת הוצאו להורג.

פיאסק, קהלה חשובה במחוז לובלין שמנתה בפרוץ השואה 4165 נפשות. ביום בו נכבשה על ידי הנאצים החלו פרעות דמים נגד יהודי המקום, מספר יהודים נאסרו והובלו לבית הכנסת העתיק ושם נקברו חיים. קנסות כבדים הוטלו על בני הקהלה העניה בד בבד עם שוד מאורגן נגד יהודי המקום, נגדם הופעלו חוקים דרסטיים לרוב. בג׳טו המקומי הקטן הורע יותר מצבם של בני העיירה עליהם נתוספו אלפי פליטים ומגורשים. קהלת פיאסק חוסלה סופית ביום כ״ד אדר תש״ג עת נשלחו רבים מתושבי העיירה למחנה טרווניקי להשמדה ואילו יתרם הוצאו להורג בתוככי הגיטו.

פולאבה, קהלה עתיקה במחוז לובלין שמנתה בפרוץ השואה 3600 נפשות. בימי הקרבות על פולין סבלה העיר הרבה מהפצצות והרעשות, אולם סבלם של היהודים גבר מיד עם גמר המלחמה וכיבוש העיר. בצורה דראסטית ביותר הופעלו כל חוקי הדיכוי נגד יהודי המקום, מלווים התעללויות דמים ופרעות ומעשי רצח. יום יום נערכו מחזות אימים נגד היהודים בעידודם של התושבים הפולניים. פולאבה היתה אחת הערים הראשונות בה הוקם גיטו סגור על שטח צפוף ושם נכלאו קרוב ל־4000 יהודי העיר והסביבה. מאחורי חומת הגיטו הורע מצבם של יהודי העיר, שידעו רעב וסבל רב, ביום כ׳ בתשרי תש״א גורשו לפתע יהודי פולאבה גם מהגיטו הקטן לפוריסוב ולסובינגה־יזורי, כשנאסר עליהם לקחת עמם מאומה.

קונסקיוואליע, קהלה קטנה ועתיקה במחוז לובלין שהתבלטה באישיה הדגולים ובהוי התורני־חסידי שלה במשך דורות עד אשר הפכה לסמל של קדושה וחיי טהרה. עם פרוץ השואה מנתה הקהלה 1100 נפשות, מאוכלסת ברובה רוכלים עניים ובעלי מלאכה, רֻובם המכריע שומרי תורה ומצות שהמשיכו לטוות את חוט הזהב של חיי תורה צרופים. יסורי תופת נפלו בחלקה של הקהלה הקטנה מיד עם כיבושה על ידי הגרמנים. במיוחד סבלו זקני העיר, שהפכו מטרה לחיצים הסאדיסטיים של הקלגסים הנאציים. למרות התנאים המחרידים קלטו בני הקהלה העניים 1250 מגורשים שהובאו למקום ברצון ועזרו להם את סידורם בעיירה. בראשית שנת תש״ג החלו הנאצים בפעולות טיהור העיירה מיהודים. הרצח ההמוני נסתיים ביום כ׳ חשון תש״ג יום בו הוצאו אחרוני יהודי קונסקיוואליע להריגה.

קראשניק, אחת הקהלות העתיקות ביותר במחוז לובלין שנוסדה בראשית המאה הט״ו ומנתה בפרוץ השואה 5400 נפשות. למחרת ראש השנה ת״ש השתלטו הנאצים על העיר ומיד החלו במסע שוד ודמים נגד יהודי העיר. מספר יהודים חרדים אולצו להתעטף בטליתים, לצעוד תחת מטר של מכות רצח לעבר בתי הכסא הציבוריים שהוזנחו בימי הקרבות ואחרי כן לנקות את בתי השמוש עם הטליתים. קצב יהודי שנתפס בעמדו בתפילתו מעוטר בטלית ותפילין נאסר והובא אף הוא למקום, הקצין הגרמני פקד עליו להשליך את התפילין לבור השופכין, היהודי הגאה סירב, קרע כותנתו ואמר : רצונך ירה בי, את פקודתך זו לא אמלא. הרוצח לא היסס והרגו במקום.

מחזות אימים נערכו בעיר יום יום, בד בבד עם מסע שוד מאורגן והפעלת שרשרת חנק של חוקים אנטי יהודיים. עם הקמת גיטו במקום הופסקו לזמן מה מעשי ההתעללויות ומאידך גבר הרעב, המחלות והעוני שהפילו חללים רבים. 3 שנים פרפרה קהלה זו יחד עם קהלות אחרות בפולין את פרפורי הגסיסה וביום כ״ח חשון הוקף הגיטו, כל יהודי המקום הובלו להריגה במחנה ההשמדה.

קרסנוברוד, קהלה קטנה ועתיקה במחוז לובלין שהתבלטה בסבלה ויסוריה בשנות השואה על פני קהלות אחרות במחוז לובלין. ביום בו נכבשה העיירה על ידי הגרמנים מנתה הקהלה 1750 נפשות, שנאסרו כולם והוכרחו לעמוד שעות רבות וידיהם מורמות למעלה. אחרי זמן מה הודיעו הקלגסים כי מרוב „רחמנות״ הם מרשים ליהודים האומללים לכרוע ברך וידיהם למעלה בגלל

און דעם געגנט זיינען חרוב געווארן, די צעמבראווער שול (א דערבייאיקע שטעטעלע) האט מען פארוואנדלט אין א שטאל· דאס גאנצע רעליגיעזע לעבן איז אפגעשטעלט געווארן· דעם צעגלאווער שוחט (א דערבייאיקע שטעטל) מיטן זון האט מען ארעסטירט פארן שעכטן כשר· דער אלטער פאטער איז געשטארבן אונטער די הענט פון זיינע פייניקער און דעם זון האט מען אויפגעהאנגען שווער פארוואונדעט· אבער טראץ דעם פיין און די הריגות איז די צאל פון דער אידישער באפעלקערונג געשטיגן, צוליב דעם שטענדיקן שטראם פון פליטים און ארויסגעטריבענע וואס זיינען נאכאנאנד אנגעקומען, אזוי אז אין יאר תש״ב, דעם לעצטן יאר פון איר עקזיסטענץ, האבן אין געטא געלעבט העכער 6000 אידן· סוף תש״ב איז די קהלה ליקווידירט געווארן ווען מען האט דעם גרעסטן טייל אידן אוועקגעפירט אין א פארניכטונגס־לאגער· עס זיינען געבליבן נאר געציילטע אידן וועלכע האבן געארבעט אין א דייטשן קאנפיסקירטער פאבריק· אבער אין א קורצער צייט ארום האט מען זיי אויך אויסגעהרגעט·

מאקאוו־מאזאוויעצק : א אלטע קהלה מיט 3360 אידן, וועלכע איז שוין געווען באוואוסט אין די צייטן פון ועד ארבע הארצות· איינגעמענדיק דער שטאט האבן די דייטשן גלייך איינגעארדענט פאגראמען איינס נאכן צווייטן און אויסגעזוכט די ערגסטע שיקאנעס קעגן די אידן· פארשוועכט די שולן און פארברענט די ספרי תורה· 3 אידן וואס האבן געפרווט ראטעווען ספרי תורה — האט מען דערשאסן· פון דער גרויסער שול האבן זיי געמאכט א שטאל· ביי 100 אידן זיינען אומגעקומען אין דער ערשטער תקופה פון דער נאצי־הערשאפט·

א ביסל שפעטער האבן די נאציס אויסגעהרגעט אלע קראנקע, אינוואלידן און משוגעים פון שטעטל· עס איז אויפגעשטעלט געווארן א ענגער געטא און דארטן האט זיך גלייך צובושעוועט דער הונגער־טויט און קרענקען וועלכע האבן געפאדערט א סאך קרבנות· פונדעסטוועגן האט די מאקאווער קהלה זיך געהאלטן ביז זומער תש״ב· דאן האט מען אלע אידן ארויסגענומען פון געטא און זיי אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע·

מלאווע : איינע פון די גרעסטע און חשובסטע קהלות אין ווארשאווער קרייז מיט בערך 9000 אידן· די שטאט האט שווער געליטן בעת די קאמפן צווישן דאס פוילישע און דייטשע מיליטער· דער גרעסטער טייל הייזער זיינען פארברענט געווארן און הונדערטער אידן האבן געפונען זייער טויט אונטער די חורבות· ביים אריינגיין אין שטאט האבן די נאציס גלייך אנגעהויבן פאגראמירן די אידן· מען האט געכאפט אידן אויף צוואנגס־ארבעט און דערביי זיי שווידערליך געפייניקט· פרומע אידן האבן געמוזט קומען אין שול און אונטער א האגל פון קלעפ האבן זיי געמוזט דאווענען אונטער דער לייטונג פון די גרויזאמע מערדער· דאס אויסרויבן די אידן איז דורכגעפירט געווארן געגוי און פינקטליך, דערביי זיינען די אידן געשלאגן און געהרגעט געווארן אין געציילטע טעג זיינען די אידן געבליבן נאקעט און בארוועס· דעם צווייטן טאג סוכות האבן די נאציס



גירוש במכונות משא להשמדה / מיט לאסט אוטוס אויפן וועג צו דער שחיטה·

באפוילן אלע אידן צו פארלאזן דער שטאט· מאסן אידן האבן זיך צוזאמענגעקליבן אויף א געוויסן פלאץ און די ערשטע גרופן האבן שוין געהאט פארלאזן דער שטאט אנגעשטאפט אויף פארמאכטע לאסט־אויטאס· פלוצלונג איז די גזירה בטל געווארן און מען האט געהייסן די איבעריקע אידן זיך אומקערן·

די לאגע פון די מלאווער אידן איז געווארן יעדן טאג אלץ ערגער· עס איז אויפגעשטעלט געווארן א געטא אויף א ענגן שטח, מען האט דארט אריינגעשטופט די אידן בארוועס און נאקעט און זיי פארשלאסן, אזוי ארום פארמשפט צום טויט פון הונגער און קראנקהייטן· אבער אפילו אינערהאלב דעם פינסטערן געטא האבן די נאצי־מערדער ניט אפגעלאזן די אומגליקליכע אידן אויף איין טאג, זיי האבן געמוזט ארבייטן די שווערסטע ארבעטן אן געלט פאר די דייטשן, א מבול פון גזירות האט זיך נאכאנאנד געגאסן אויף זייערע קעפ, פון צייט צו צייט זיינען פארגעקומען עוואקואציעס און מאסן פארשיקונגען אין די פארניכטונגס־לאגערן· די ליקווידירונגס־אקציע האט זיך געצויגן ביז כ״ז כסלו תש״ג, ווען די מערדער האבן אנגעהויבן צו ליקווידירן אינגאנצן דעם געטא· די לעצטע אידן זיינען פון דארט ארויסגענומען געווארן צום טויט, ב׳ בטבת תש״ג· פון דעם טאג איז מלאווע געווארן „יודענריין״·

מאגעלניצע : א קליינע קהלה אין ווארשאווער קרייז מיט קרוב צו 1000 אידן, וועלכע האט אין פארלויף פון דורות גידינט אלס צענטער פון חסידות אין פוילן און דאס וואין ארט פון מאגעלניצער רבי׳ן רבי חיים מאיר יחיאל זצ״ל· נאכן איינעמען דאס שטעטל דורך די דייטשן האבן די ארטיקע פאליאקן און די ארומיקע פויערן איינגעארדנט א בלוטיקן פאגראם אויף די אידן, רויבענדיק דערביי אידיש פארמעגן, און אזיווי די אידן זיינען דאך גלייך געשטעלט געווארן אויסערן געזעץ, איז זייער לעבן און פארמעגן געווען הפקר· לויט א באפעל פון די נאציס האבן די פאליאקן אונטערגעצונדן דעם ארטיקן בית מדרש, ארויסגענומען די



ילדים בדרכם האחרונה / קינדער אויף זייער לעצטען וועג...

עייפותם. הרוצחים עברו מיהודי ליהודי ולא פסחו אפילו על ילדים, ערכו חיפושים יסודיים מלוים מכות רצח רבים אולצו לשכב והקלגסים דורכים עליהם באכזריות. אלה שנעו קצת נורו במקום.

למחרת הציתו הנאצים את בית המדרש המקומי, יהודים נצטוו להופיע במקום ולכבות את הדליקה ואלה שניסו לעשות זאת הושלכו לתוך הלהבות. המפקדים הגרמנים הצטיינו בסאדיזום והמציאו יום יום מחזות של התעללות ורצח. כך הוכנסו בני העדה האומללה למערכת הדמים המחרידה שנמשכה בכל שנות השואה עד ליום י׳ בחשון תש״ג, עת אמרו הקלגסים לשלוח את יהודי העיירה למחנה השמדה. בני המקום התנגדו וסירבו לצאת מרצון, פלוגות רוצחים הקיפו אז את הגיטו הקטן והרגו באכזריות את כל יהודי המקום.

קאזמיר, אחת הקהלות העתיקות ביותר בפולין שפעלה כ־800 שנה ומנתה בפרוץ השואה 2800 נפשות, אחרי שהקהלה במקום הצטמצמה והלכה בדור האחרון שלפני השואה. מיד עם כיבוש המקום על ידי הגרמנים החל מסע הדיכוי האכזרי נגד יהודי העיר, נערך שוד מאורגן של רכוש היהודים בעזרת האוכלוסיה הפולנית וחוסלו כל מוסדות הקהלה העתיקים. גיטו רשמי לא הוקם במקום אבל היהודים אולצו לגור בכמה סימטאות בצורה צפופה למדי, תוך הגבלות אכזריות ושלילת כל אפשרות של יציאה מהעיר. ביום י״ב ניסן תש״ב, ערב חג הפסח גורשו לפתע כל יהודי קוזמיר לבלזיץ, מבלי שיורשו לקחת עמם מאומה.

קוצק, קהלה עתיקה שפעלה כבר בימי ועד ארבע הארצות והתפרסמה כמרכז לתנועת החסידות הצרופה ועיר מגוריו של האדמו״ר רבי מנחם מענדיל, מאבות החסידות. בפרוץ השואה מנתה קהלת קוצק 2400 נפשות עליהם נתוספו קרוב לאלף פליטים ומגורשים שהובאו למקום על ידי הגרמנים. חיי הסבל והיסורים של בני הקהלה נמשכו עד ליום הראשון לחג הסוכות, ט״ו תשרי תש״ג. יום בו ערכו הגרמנים טבח דמים ביהודי גיטו קוצק, הנשארים בחיים הובלו למחנה ההשמדה בסוביבור ושם נטבחו עד האחרון בהם.

קרסנוסטב, קהלה קטנה במחוז לובלין שנוסדה במאה הט״ו ומנתה בפרוץ השואה 2100 נפשות. עם כיבוש העיירה על ידי הגרמנים החלו ימי החורבן וההרס ליהודי המקום. מוסדות הקהלה חוסלו, יהודי העיירה נשדדו מכל רכושם ונדונו לרעב ולמחלות, להתעללויות ופרעות דמים מדי יום ביומו. סבלם המר נמשך עד ליום כ׳ חשון תש״ג, עת בו נסתיים גירוש יהודי העיירה לגיטו איזביצה ולמחנות עבודה בסביבה.

יחד עם חורבן קהלת קרסנוסטב עלה הכורת על קהלות ישראל באיזורה. אותה תקופה חוסלו הקהלות בגזשקוב (1000 תושבים ועוד 800 מגורשים), טורבין (1400 תושבים ועוד 1800 מגורשים שנשלחו למקום), ביסקוביץ (580 נפשות), ברנוב (1000 תושבים ועוד 900 פליטים ומגורשים שהובאו למקום), קורוב (2751 נפשות) ועוד.

רדזין, קהלה עתיקה במחוז לובלין שמנתה בפרוץ השואה כ־3000 נפשות. מיד אחרי כיבוש העיר על ידי הגרמנים גורשו חלק מיהודי המקום לעיירות הסמוכות אולם במקומם הובאו לרדזין פליטים ומגורשים ממחוזות המערביים בפולין. מצבם של יהודי העיר, ששימשה בעבר מרכז לתורה ולחסידות ומקום מושבו של האדמו״ר רבי גרשון חנוך ליינר, הורע בגלל קביעת משרדי הגיסטפו והס״ס לאיזורים הצפוניים של מחוז לובלין במקום. קלגסי ס״ס. ורוצחי הגיסטפו המרובים שהסתובבו בעיר עינו ללא רחם את יהודי רדזין האומללים לעתים תכופות ביותר, ושפכו דם רב מישראל. הסבל המר נמשך עד ליום ה׳ חשון תש״ג, יום בו גורשו כל יהודי רדזין לגיטו מזריטש ולמחנות עבודה.

ריקי, עיירה קטנה במחוז לובלין מאוכלסת בעיקר יהודים (2895 נפשות לעומת 300 פולנים) ועם כיבושה על ידי הגרמנים גדל מספר היהודים במקום. כחמש מאות יהודים מצכיה הובאו למקום וכן מאות יהודים ממחוזות לודז ווארשה.

העיירה הפכה כבר בתקופה הראשונה לכיבוש לבית כלא ליהודים, עליהם נאסר לצאת את המקום ונגדם הופעלו חוקים דראסטיים ביותר. מזמן לזמן פקדו את העיירה קלגסי הס״ס. שהרבו להתעלל ביהודי המקום בערכם מחזות מקפיאות דם מלוות מעשי רצח אכזריים. גיטו ריקי חוסל סופית ביום כ׳ חשון תש״ג עת הובלו כל בני העיר למחנה ההשמדה ושם נהרגו באותו יום.

שברשין, קהלה עתיקה במחוז לובלין שהצטיינה בפעולותיה כבר בימי ועד ארבע הארצות, ומנתה בפרוץ

ספרי תורה און זיי פארברענט אויפן שטאטישן מארק, פייניקענדיק דערביי סאדיסטיש די אידן·

דיליידן פון די מאגעלניצער אידן האט זיך געצויגן ביז זייער טאטאלער עוואקואציע, אין שבט תש״א ווען מען האט זיי אלעמען ארויסגעטריבן אין ווארשאווער געטא·

נאוואמינסק : א חשובע קהלה אין ווארשאווער קרייז וואס האט, אונטער דער פוילישער רעגירונג, שטארק געליטן פון אנטיסעמיטישע פאגראמען· די ארטיקע און ארומיקע פאליאקן האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גיפטיקן האס געגן די אידן און האבן אלץ געטאן כדי צו פארביטערן זיי דאס לעבן· נאכן איינגעמען די שטאט דורך די נאציס, איז זי גלייך פארוואנדלט געווארן אין א שחיטה־פלאץ פאר די ארטיקע אידן· א טייל פון זיי זיינען אנטלאפן אין אימה, אבער 800 אידן פון נאוואמינסק און פון געגנט זיינען אומגעקומען שוין אין די ערשטע טעג פון דער נאצי־אקופאציע און זייער פארמעגן איז געווארן צורויבט· אין א קורצער צייט האט מען ארויסגעטריבן אלע אידן ניט ערלויבענדיק זיי מיטצונעמען דאס מינדעסטע·

נאשעלסק : א קהלה מיט 8500 אידן מיט א העכער 500 יעריקער פארגאנגנהייט· די נאצי־אקופאנטן האבן ביים אריינקומען גלייך געמאכט א בלוטיקן פאגראם אויף די אידן· ס׳רוב אינגערע אידן זיינען ארעסטירט געווארן און איינגעשלאסן געווארן אין דער ארטיקער שול, מען האט זיי דארט געהאלטן העכער 20 שעה אין מורא׳דיקער ענגשאפט און זיי גרויזאם געפייניקט· מיט מכות רצח האט מען זיי געצוויט אפצוקראצן דעם טינק פון די ווענט פון שול מיט די בלויזע הענט· פון שול האט מען זיי געבראכט צו דער באן־סטאנציע, וואוהין די נאציס האבן דערווייל געבראכט טויזנטער אנדערע אידן, מענער פרויען און קינדער· מען האט זיי געצוויט זיך אויסטאן נאקעט און אוועקגעבן אלץ וואס זיי האבן ביי זיך די נאצי־רוצחים· איינגאנצן נאקעט האט מען זיי געטריבן דורך טיפע זומפן און געשאסן אויף יעדן אפגעשטאנענעם· 45 אידן האבן געפונען זייער טויט ביי דעם גרויזאמען שפיל· אין דער זעלבער צייט האבן דייטשע סאלדאטן אויסגערויבט אלע אידישע הייזער און חרוב געמאכט וואס אידן האבן אויפגעבויט במשך פון דורות· די צונויפגעטריבענע אידן האט מען שוין ניט ערלויבט צוריקקערן זיך אין זייערע הייזער, מען האט זיי אלעמען אויפגעלאדן אויף לאסט־וואגאנעס, אפגעפירט עטליכע סטאנציעס און מיט בייטשן זיי צוטריבן אויף אלע זייטן·

די איינצלנע אידן וועלכע זיינען געבליבן אין נאשעלסק, האט מען אויך, אין עטליכע מאנאטן ארום ארויסגעטריבן קיין מעזריטש· אזוי איז די נאשעלסקער קהלה אפגעווישט געווארן·

ניישטאט : א אלטע קהלה אין ווארשאווער קרייז וועלכע איז שוין געווען טעטיק זעלבסטשטענדיק נאך אין אנהויב פון דער תקופה פון ועד ארבע הארצות· דארט האבן געוואינט 1800 אידן· די בלוטיקע פאגראמען אויף די אידן האבן זיך אנגעהויבן גלייך ביים אריינקומען פון די נאציס אין שטעטל· דעם אלטן בית מדרש האבן די בארבארן פארוואנדלט אין א פרייליך הייזל, האבן ארויסגענומען די ספרי תורה, געכאפט 7 אלטע לייט, איינגעוויקלט זיי אין טליתים



יהודי נתפס··· / געכאפט א איד···

און געגעבן זיי די ספרי תורה אין די הענט, דאן האט מען אלע זיבן זקנים צונויפגעבונדן מיט איין שטריק, איבערגעגאסן זיי מיט בענזין און זיי אונטערגעצונדן· און אזוי האט זיך דאס בינטל מיט זיבן אלטע לייט צופלאקערט און באגלייט מיט די אימה געשרייען פון די שטעטלדיקע אידן, זיינען די זיבן פארפייניקטע נשמות ארויפגעגאנגען אויפן הימל·

די ארטיקע פוילישע באפעלקערונג האט מיטגעארבעט מיט די נאצי־רוצחים געגן די אידן און אין א פאר וואכן ארום האבן זיי באקומען א פאקטישע צושטימונג מצד די דייטשן צו פאגראמירן· אין א זונטיק האבן זיך צוזאמענגעקליבן אויפן מארק ביי טויזנט פאליאקן באוואפנט מיט העק און זעק צום רויבן· מיט א ריטשעריי האבן זיי באפאלן די אידן, אויסגעהרגעט 10 און שווער פארוואונדעט 50, דעם גרעסטן טייל הייזער האבן זיי אויסגערויבט און די אידן האבן שפעטער נאך געמוזט אפרייניקן די גאסן פון די שטיקלעך גלאז און פארשיידענע כלים וואס די פאגראמשטשיקעס האבן געלאזן·

עס איז געווען אזוי ביטער די אידן, אז זיי האבן אין אויפשטעלן דעם געטא געזען א שטיקל ישועה זיך צו ראטעווען פון די פאליאקן־מערדער· אין הונגער און נויט האבן זיי געלעבט הינטער די דראטן פון דעם געטא ביז ז׳ חשון תש״ג, ווען מען האט זיי אלעמען ארויסגעפירט קיין טרעבלינקע·

סקערניעוויץ : א חשובע קהלה וואס איז געווארן א צענטער פון חסידות און געזעלשאפטליכער טעטיקייט· דארט האבן געוואינט 4300 אידן· די נאציס האבן זיי אויסגערויבט ביזן לעצטן פאד״ם און געשטעלט אויסערן געזעץ, אבער טראץ די ביטערע באדינגונגען אין דער תקופה, האט די סקערניעוויצער קהלה אויפגענומען טויזנטער פליטים און פארטריבענע און געזארגט פאר זיי, אזוי אז אין יאר ת״ש איז פארדאפלט געווארן די צאל פון די אידן און דערגאנגען ביז 7000 מענשן· אבער די מלכות הרשעה האט באשלאסן צו ליקווידירן דער שיינער קהלה און אין שבט האבן זיך אנגעהויבן די עוואקואציעס פון די אידן קיין ווארשע· גרופענווייז זיינען די אידן אריבערגעפירט געווארן קיין ווארשע, דאס האט זיך געצויגן ביז ב׳ אדר תש״א· דאן זיינען ארויס־



הוצאה להורג / מ׳דערשיסט א איד...

השואה 3200 נפשות. עם כיבושה על ידי הגרמנים החלו פרעות דמים נגד יהודי העיירה. מאות יהודים נאסרו והופשטו חצי ערומים וכך הובלו תחת מטר של מכות שוטים לככר העיירה. לשם הובאו ספרי התורה שהוצאו על ידי הגרמנים מבתי הכנסת בעיר. תחנוני הכמרים הפולניים במקום להפסיק את מחזה האימים לא הועילו, היהודים האומללים הועמדו בעיגול, אחרי שספקו מכות רצח אולצו לכרוע ברך, כשראשם מורד, אז נתכבדה פלוגה נבחרת בהצתת ספרי התורה לקול הצפלות היהודים ומנגינת תזמורת צבאית.

בתנאים מחרידים הללו הוכנסו יהודי העיר לתקופת הדמים האיומה שנמשכה עד ליום י׳ חשון תש״ג, בו גורשו כל יהודי העיר למחנה ההשמדה בבלזיץ.

שדליץ, אחת הקהלות הגדולות והחשובות ביותר בפולין, שמנתה בפרוץ השואה 15283 נפשות. בימי הקרבות על פולין סבלה קהלת שדליץ רבות מהפצצות מתמידות של חיל האויר הגרמני. רבים מיהודי העיר מצאו אז את מותם מתחת לעיי החרבות. עם כיבושה על ידי הגרמנים החלו הקלגסים בשוד חנויות ובתים של יהודים בהדרכת הפולנים המקומיים וחטיפת המוני יהודים לעבודת פרך. רבים מהנחטפים נשלחו לעבודה לוונגרוב ולא שבו יותר, אחרים עונו קשות ומהם נהרגו על ידי שוביהם. אחרי יום כפור ת״ש יצאו הגרמנים את העיר והצבא הרוסי בא במקומם. היהודים נשמו לרווחה אולם כעבור זמן קצר יצאו הרוסים חזרה את שדליץ. רבים מתושבי העיר הלכו בעקבותיהם אולם אלפי יהודים נשארו במקום. עם שובם של הגרמנים החל שוב מסע הדיכוי האכזרי במשנה שאת. היהודים הוצאו מכל חוק, הופעלו נגדם חוקים דראסטיים ביותר, הם נשדדו מכל רכושם ואת פרוטותיהם האחרונות נאלצו למסור לגרמנים „דמי כופר״ או סתם קנסות. לא היה דוגמא ומשל לסבלם של יהודי העיר, שנמשך בכל שנות הכיבוש הנאצי. ביום הראשון לחג הסוכות תש״ג הוקף הגיטו חיילים אוקראיניים ופלוגות של אנשי ס. ס., מרבית יהודי שדליץ הוצאו מהגיטו והובלו לטבח למחנה ההשמדה בטריבלינקה. מעטים שנשארו במקום הוכנסו לגיטו קטן, שחוסל אף הוא ביום ט״ז כסלו תש״ג.

בגבול איזור הכיבוש הנאצי

אלפי בחורים ואברכים צעירים, חסידים נלהבים למדו בבתי מדרש ובבתי החסידים· מרבית חובשי בית המדרש הללו מצאו להם מיד מקומות אחרים לתורה ולתפלה· בלשי הגיס־טפו תפסו קבוצה של בחורים, חסידי גור, יושבים ולומדים בדירתו הפרטית של רבי משה פודמביצר בלודז, ברחוב פולודניובה 7, שהפך את אחת מחדרי דירתו לבית חסידים, אחרי שכל בתי החסידים ובתי המדרש בלודז נסגרו בפקודת שלטונות הכיבוש· בעל הדירה והבחורים עונו באכזריות· שוביהם לא האמינו כי אכן השליכו הצעירים הללו את נפשם מנגד· סיכנו עצמם כדי להמשיך בלמודיהם· בחלקם שוחררו הבחורים כעבור ימים מספר, מיד מצאו להם מחבוא אחר והמשיכו בלמודיהם·

רבים מהצעירים הללו שמרו על לבושם המסורתי, לא מלאו אחרי פקודות שלטונות הכיבוש לגלח את הזקן והפיאות· רבים מהם לא התפקדו במפקדים שנערכו על ידי

געווארן, ספעציעל נאכדעם ווי די פוילישע רעגירונג האט געוואלט מאכן לובלין אלס איר רעזידענץ, ווען ווארשע איז שוין באשטורעמט געווארן פון די דייטשן. ביטערע קאמפן זיינען פארגעקומען ארום איר און ערשט ו׳ תשרי ת״ש איז די שטאט געפאלן.

און באלד האבן זיך אנגעהויבן די ליידן פון די אידן. הונדערטער האט מען געכאפט אויף צוואנגס־ארבעט און פון זיי האט מען אויך אוועקגעשיקט אין ארבייטס־לאגערן. די בלוטיקע אונטערדריקונגס־אקציע האט זיך פארשטארקט מיט יעדן טאג. די דייטשן האבן אויסגערויבט די אידן אויף זייער א פשוטן אופן: אלע פאבריקאנטן, סוחרים און בעלי מלאכה זיינען באפוילן געווארן אפצוגעבן די שליסלען פון זייערע געשעפטן, שפייכלערס און פאבריקן צו די דייטשן. אזוי האבן די אידן, במשך פון איין טאג, פארלארן זייער גאנצן פארמעגן.

דעם גרויסן בנין פון די ישיבת חכמי לובלין האט מען קאנפיסקירט, די וואנדאלן האבן צובראכן אלע כלי־קודש און אפגעווישט יעדן זכר וואס זאל דערמאנען וואס דער בנין איז געווען פריער. גאנצע קווארטאלן זיינען אפגערייניקט געווארן פון אידן, וועלכע זיינען ארויסגעשיקט געווארן ניט טארענדיק מיטנעמען דאס מינדעסטע מיט זיך. שווערע געלט־שטראפן זיינען ארויפגעלייגט געווארן אויף דער קהלה און יעדן טאג איז ארויסגעגעבן געווארן א נייער גרויזאמער געזעץ. די שיקאנען און בלוט פארגיסונגען זיינען שטארקער און מערער געווארן מיט יעדן טאג און דאס לעבן פון די אידן איז פארוואנדלט געווארן אין א גיהינום אויף דער וועלט. מאסן ארויסגעטריבענע זיינען אנגעקומען קיין לובלין פון פארשיידענע געביטן פון פוילן, זיי זיינען געקומען נאר מיטן העמד אויפן לייב, און די לובלינער אידן האבן ניט געהאט קיינע מעגליכקייטן זיי צו העלפן. די ליידן פון די אידן אין לובלין זיינען דערגאנגען צו א אומגעהויערע מאס אין דער לאנגער גרויל־תקופה וועלכע האט זיך געצויגן ביז דעם ענטגילטיקן חורבן פון דער קהלה. כ״ח אדר תש״ב האבן די דייטשן אנגעהויבן אויסצוראטן די לובלינער אידן און עס האבן אנגעהויבן אפגיין נאכאנאנד עשאלאנען מיט קרבנות צום טויט. די דאזיקע אקציע האט זיך געצויגן ביז ה׳ חשון תש״ד ווען די לעצטע 18,000 לובלינער אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן אין פארניכטונגס־לאגער מאידאנעק.

דער חורבן פון די אידישע קהלות אין לובלינער קרייז

אופאלע: א אלטע קהלה אין לובלינער קרייז, צווישן יוזעפאוו און קוזמיר, וואס האט במשך פון 500 יאר געפירט א אינטענסיוון, ברויזענדיקן קהלה און געזעלשאפטליכן לעבן. נאך די גזירות פון ת״ח ות״ט, איז אין אפאלע געווען דער זיץ־ארט פון ועד ארבע הארצות און די אפאלער אידן האבן דאן זייער פיל געהאלפן אויפצושטעלן די קהלות וואס זיינען חרוב געווארן דורך כמעלניצקעס באנדעס.

אין אופאלע האבן געלעבט ביי 4000 אידן, קליינהענדלער און ארימע האנטווערקער. ביים איינעמען דאס שטעטל דורך די דייטשן האבן זיי גלייך פארלארן זייערע פרנסות.



גרוש יהודים מוולאצלאוועק. רהיטים מתגוללים ברחובות
דער גירוש פון אידן פון וולאצלאוועק. דאס מעבל וואלגערט זיך אין די גאסן

א כוואליע פון גזירות און רויבערייען האט פארפלייצט די אפאלער אידן. דער גרויל און אומגליק האט זיך געצויגן אן אויפהער ביז דער ליקווידירונג פון דער קהלה, וועלכע האט אין דער תקופה כמעט פארדאפלט איר צאל, א דאנק די ארויסגעטריבענע וועלכע זיינען געקומען אהין פון פארשיידענע געביטן פון פוילן און אפילו פון אויסער די גרענעצן. אנהויב תש״ג האבן די נאצי־מערדער אנגעהויבן ליקווידירן דעם געטא. גרופענווייז האט מען די אומגליקליכע קרבנות אוועקגעפירט אין פארניכטונגס־לאגער בעלזעץ, דארט זיינען זיי ארויף מיטן פייער פון דער עקידה — אויפן הימל.

איזשביצע: א קהלה מיט 3960 אידן, וועלכע איז געווען בארימט מיט אירע פערזענליכקייטן און איז געווארן א צענטער פון חסידות א דאנק דעם איזשביצער רבי׳ן רבי מרדכי יוסף ליינער. ה׳ תשרי ת״ש איז די שטאט איינגענומען געווארן אין שטורעם דורך די דייטשן, וועלכע האבן גלייך א תל געמאכט פון די ארטיקע אידן, שווערע גזירות, מערדערייען, רויב און סאדיסטישע אקציעס זיינען געווען א טאג־טעגליכע דערשיינונג. עס האבן געליטן די איזביצער אידן צוזאמען מיט זייערע ברידער, די פליטים וועלכע זיינען געקומען אין די טויזנטער צולויפן אזוי אז די אידישע באפעלקערונג אינ׳ם געטא האט געציילט 6200 נפשות. דער ליידנס־וועג פון די אידן האט זיך געצויגן ביז פסח תש״ג, דאן האט מען זיי אלעמען אוועקגעפירט צום טויט.

אננאפאל (ראכאוו): א אלטע קהלה מיט 1622 אידן, איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן צוויי טעג נאך ראש השנה. שוין אין ערשטן טאג פון זייער הערשאפט האבן די נאציס אויסגעהרגעט צענדליקער אידן. דעם בית מדרש האבן זיי פארברענט און דאס שטעטל, וועמענס גרעסטער טייל איינוואינער זיינען געווען אידן — איז פאקטיש פארוואנדלט געווארן אין איין גרויסער טורמע. הונדערטער אידן זיינען געשטארבן פאר דער צייט פון דער נאצי־הערשאפט פון פיין, הונגער אדער דערשיסונגען. ד׳ חשון תש״ג האט מען אלע אידן אוועקגעפירט אין פארניכטונגס־לאגער סאביבור.

אירענא: דאס איז מאדזיץ אדער דעמבלין. א אלטע קהלה מיט 3300 אידן. די בלוטיקע פאגראמען האבן זיך אנגעהויבן גלייך ביים אריינקומען פון די נאציס, דער גרויל און



יהודים מגורשים על קרונות משא
מ׳פירט פערטריבענע אידן אויף לאסט וואגאנען·

מועצות היהודים שבפקודות הנאצים· הם לא יצאו לעבודת כפיה ולא דאגו ואף סירבו לקבל כל משרה או עבודה במפעלי מלאכה שהוקמו אחרי כן בגיטאות, לעובדים הללו הובטחו תנאי קיום מינימאליים ובטחון אישי מסוים· עד לימי השואה האחרונים, בימים האחרונים למרד גיטו ווארשה עוד התקיימו קבוצות בחורים כאלה, בעיקר חסידי גור· במשך שנים רעבו הללו ללחם צר, בילו את ימיהם בבונקרים ושם ישבו ולמדו יומם ולילה· הם התהלכו כצללים, ורוחם איתנה כצור וכחלמיש· כל כולם בוז ולעג לקלגסים הנאציים, משוטטים בעולמות העליונים כאילו יסורי השאול אשר בעולם השפל אינם נוגעים להם כלל ועיקר·

כשנתפס הגאון רבי אברהם ווינברג, מרבני ווארשה וגדולי גאוני פולין והוצא להריגה בווארשה, בימי הגירושים וטבח דמים, נתפסו עמו עשרות צעירים שישבו סביב לשלחנו הגדול ושמעו את שיעורו הקבוע· הגמרות של הגאון ושל תלמידיו נשארו פתוחות, הלומדים יצאו לעקידה הגדולה ועלו לשמי רום· כמוהם, יהדות פולין התורתית כולה, יהדות זו השאירה את הגמרות ואת הספרים פתוחות, עמלה על התורה ועל העבודה עד לימי השואה והחורבן האחרונים, וישר מהגמרא, מהספר, מתורה ועבודה הם עלו לשמי רום·

למען קדושת השבת

יהדות פולין ברובה המכריע ביותר שמרה על השבת· רק בודדים, אחד בעיר ושנים במשפחה פרצו את הגבולות ופתחו חנויות או בתי מלאכה בשבת· במאות עיירות וקהלות קטנות לא היה אף מחלל שבת אחד· היו קהלות גדולות שסערו ורעשו לשמע חלול שבת של יהודי יחיד ובודד, לשמע פתיחת חנות בודדת בשבת קודש או בחג·

שמירת השבת והחגים על ידי יהודי פולין היתה כרוכה במסירות ובהקרבה· כי היה עליהם לסגור את מפעליהם וחנויותיהם בכל ימי הפגרא והאיד של הנוצרים וימי השבתון הלאומיים· כך היו בתי המסחר של היהודים סגורים עד 140 ימים בשנה, בה בשעה היו בתי המסחר והתעשיה של הפולנים סגורים רק 70 ימים בשנה, מבלי לדבר כבר על ערבי שבת בימי החורף הקצרים·

הכובשים הנאציים דאגו עם הופעתם לשוד כללי של הרכוש היהודי, להלאמת בתי המסחר והמלאכה, ויחד עם זה, לפתיחת כל החנויות והמפעלים בשבתות· אפילו בעל חנות עלובה ביותר באיזור יהודי טהור אולץ לפתוח את חנותו בשבת אחרת היה צפוי לעונש חמור ביותר· הגרמנים החרימו מיד עם הופעתם את הסחורות בבתי המסחר לטקסטיל ולמוצרי ברזל, אסור היה לבעל העסק למכור דבר, הכל היה מיועד לשוד רשמי· אבל גם בתי מסחר אלה חויבו להיות פתוחים בשבתות, עד אשר הוציאו הנאצים את כל הסחורה מהמקום· במפעלי תעשיה רבים פוטרו הפועלים היהודים מיד עם הלאמת המפעלים ומסירתם לידי מפקח גרמני, אסור היה לפועלים יהודים להופיע לעבודה בימות החול אבל, הם נצטוו להופיע בשבתות· במטרה אחת ויחידה: לאלצם לחלל את השבת·

כל הפקידים ממוצא יהודי פוטרו מעבודתם ללא פצויים וללא כל הנמקה מהיום הראשון לכיבוש הנאצי· אסור היה להם להופיע יותר במקום העבודה או לדרוש את השכר עד לפטוריהם· הפקידים הללו נצטוו ברובם להופיע ולמסור פרטים שונים לאלה שבאו במקומם, הם נדרשו להופיע באיומי עונשים כבדים אך ורק בשבתות·

אמנם בתקופה מאוחרת יותר, התירו ואף פקדו מפקדים נאציים מקומיים על סגירת בתי מסחר יהודים דוקא בשב־תות ובחגים יהודיים· פקודה כזאת הוציא המפקד הגרמני של גיטו קראקה וכן מפקדים במקומות אחרים· וזאת, לתקופת מעבר קצרה ביותר· יהודי פולין שמסרו את נפשם למען השבת אולצו על ידי אויביהם בנפש לחלל את השבת, וזאת כדי להכאיב עד לדכדוכה של נפש את יהודות פולין·

גירושים רבים בוצעו על ידי שלטונות הכיבוש הנאציים דוקא בלילות שבת ובשבתות, יהודי וולאצלאוועק גורשו קבוצות־קבוצות דוקא בלילות שבת וכך התרגלו היהודים האומללים הללו לא להתפשט בלילות שבת, ללכת לישון עם מלבושיהם בל יגורשו חצי ערומים· בסביבות קאליש נצטוו יהודים בעיירות שונות לצאת את ביתם דוקא בשבתות, יהודים שחזותם העידה כי חרדים הם, שנחטפו לעבודה בשבת הוסעו באורח מיוחד במכוניות אם כי בימי החול הובלו לעבודה ולעינויים ברגל, תוך שאיפה ברורה להכאיב



תליות בכל מקום "למען ישמעו ויביטו" / תליות אויף יעדן פלאץ

די ליידן פון די ארטיקע אידן האט איבערגעשטיגן דעם גרויל פון אנדערע קהלות אין לובלינער קרייז· צענדליקער אידן זיינען געהרגעט געווארן אין די ערשטע טעג, א סאך האט מען ארעסטירט און שווער פארפייניקט· דעם גאנצן פארמעגן האט מען צוגערויבט און א כוואליע פון גזירות האט זיך א גאס געטאן אויף די קעפ פון די אומגליקליכע אידן·

אבער טראץ די אונערטרעגליכע באדינגונגען האבן די אידן אויפגענומען 2500 פליטים און ארויסגעטריבענע וועלכע האבן ווי עס איז זיך איינגעארדנט· י״ג אייר תש״ב האבן די נאציס אנגעהויבן ליקווידירן דעם געטא און עס איז דורכגעפירט געווארן א גרויזאמע אקציע· דאס ביסל איבערגעבליבענע זיינען אויסגעהרגעט געווארן ד׳ חשון תש״ג·


אסטראוו־לובעלסקי : א קליינע אלטע קהלה מיט 1270 אידן· נאך איידער די נאצי־אקופאנטן זיינען ארונטערגעגאנגען פון די אויטאס האבן זיי שוין נאס געמאכט דעם שטאטישן פלאץ מיט אידיש בלוט· א גרופע אלטע לייט, מענער און פרויען און קינדער וועלכע זיינען געשטאנען און אנגעקוקט נייגעריק די סאלדאטן זיינען אויסגעשאסן געווארן ביז איינעם· דערשיטערט און צום טויט דערשראקן זיינען די אסטראווער אידן אריינגעטרעטן אין דער גרויל־תקופה· מען האט זיי אויסגערויבט ביזן לעצטן פאדעם, געשטעלט אויסערן געזעץ און פארוואנדלט אין א מאסע אויסגעהונגערטע, צושלאגענע, קראנקע צוואנגס־ארבייטער· דאס שטעטל וואס איז שוין פון יאר 1564 געוועזן א זעלבסשטענדיקע קהלה און במשך פון דורות געפירט א בליענדיקן קהלה לעבן, איז פארוואנדלט געווארן אין א שחיטה־פלאץ· די 1321 אידן וועלכע זיינען אריינגעשטופט געווארן אין א ענגן, שמוציקן געטא, האבן דורכגעלעבט א אימה׳דיקע תקופה ביז זייער גרויזאמער ענדע· אנהויב תש״ג האט מען דעם גרעסטן טייל אידן ארויסגעפירט אין פארניכטונגס־לאגער בעלזיץ און נאר עטלעכע הונדערט בעלי מלאכה האט מען אוועקגעפירט אין א ארבייטס־לאגער, אין א קורצער צייט ארום האט מען זיי אויך אויסגעהרגעט·

בילגאריי : א אלטע, 600 יעריקע קהלה· מיט א באפעלקערונג פון 5100 אידן, אין לעצטן דור פאר דעם חורבן האט זי פארדאפלט די צאל פון אירע אידישע איינוואוינער· בעת די קאמפן איז דער גרעסטער טייל הייזער פארברענט געווארן און הונדערטער אידן האבן געפונען זייער טויט אונטער די חורבות, און צענדליקער זיינען געהרגעט געווארן פון פארבלאנדזשעטע קוילן· ווען זי איז אריינגעפאלן אין די נאצישע הענט איז זי געווען מער ווי העלפט חרוב, אבער דאס האט ניט געשטערט די נאציס איינצופירן גלייך א רעזשים פון גרויזאמער אונטערדריקונג און בלוט פארגיסונגען· און א דאך איבערן קאפ האט מען זיי נאך געשלעפט אויף צוואנגס־ארבעט, אויסגערויבט דאס לעצטע ביסל פארמעגן און שווערע געלט־שטראפן זיינען ארויפגעלייגט געווארן אויף דער קהלה ניט רעכענענדיק זיך מיט איר שווערער לאגע· עס איז אויפגעשטעלט געווארן א געטא דוקא אויפן חרוב׳סטן טייל פון שטאט, עס איז שטרענג פארבאטן געווארן אויפצובויען וועלכן עס איז בנין פונדאסניי· אין שוידערליכע באדינגונגען זיינען די בילגארייער אידן אריינגעטרעטן אין דער גרויל־תקופה וועלכע האט זיך געצויגן ביי טויזנט טעג און נעכט אנגעשטאפט מיט יסורים און פיין·

דער בילגארייער געטא איז ליקווידירט געווארן כ״ב חשון תש״ג, ווען מען האט אלע אידן ארויסגעפירט און פארניכטונגס־לאגער סאביבאר·

בעלזיץ : א אלטע קהלה אין לובלינער קרייז וועלכע איז שוין דערמאנט אין יאר 1390 און במשך פון 600 יאר געווען א חשובער פאקטאר אינערהאלב דאס פוילישע אידענטום· ביים איינגעמען דאס שטעטל דורך די דייטשן האבן דארט געלעבט 2100 אידן, די צאל פון די אידן איז שטענדיק געווארן קלענער צוליב פרנסה שוועריקייטן אין די לעצטע הונדערט יאר· טויזנטער פארטריבענע זיינען געשיקט געווארן קיין בעלזיץ וואס האט אליין אויסגעגאנגען פון הונגער אונטערן נאצי־רעזשים· אין יאר תש״ב זיינען שוין אין בעלזעץ געווען 4854 אידן, די צאל פון די פליטים האט איבערגעשטיגן די צאל פון די ארטיקע איינוואוינער· די ליידנסצייט האט זיך געצויגן ביז ט״ו תשרי תש״ג, דעם ערשטן טאג סוכות, האט מען ארויסגעפירט אלע אידן אינ׳ם פארניכטונגס לאגער וואס איז אויפגעשטעלט געווארן אויפן ארט·

ביאלא־פאדלאסק : א אלטע קהלה אין פאדלאסקער געגנט לובלינער קרייז וועלכע איז שוין געווען טעטיק אלס זעלבסשטענדיקע קהלה אין די צייטן פון ועד ארבע הארצות און האט זיך אויסגעצייכנט אלס שטאט פון תורה, וויסן און געזעלשאפטליכער טעטיקייט במשך א סאך דורות· בעת די קאמפן איז די שטאט צוויי מאל באמבארדירט געווארן און עטליכע אידן זיינען געהרגעט געווארן· אין שטאט זיינען אריין די סאוויעטן, וואס האט ארויסגערופן א שטארקן גערודער און צוטומלטקייט· אין צוויי וואכן ארום, נאך סוכות האבן די רוסן פלוצלונג פארלאזן דער שטאט און אויף זייער ארט זיינען אריינגעלאפן די דייטשן, אין איינקלאנג מיטן שטילן אפמאך צווישן רוסלאנד און נאצי־דייטשלאנד· אט אזוי האבן, אין א ליכטיקן פרימארגן, זיך געפונען די אידן אונטער דער נאצי־הערשאפט· וועלכע האבן גלייך ביים אריינגיין ארויפגעלייגט א שטראף פון 30 טויזנט זלאטעס אויף דער קהלה· עטליכע אידן זיינען ארעסטירט געווארן אלס ערב׳ניקעס אז די שטראף זאל באצאלט ווערן· מען האט זיי באפרייט נאכדעם ווי דאס



בדרך האחרונה . . . / דער לעצטער וועג . . .

את היהודים האומללים הללו בכל ההזדמנות, ללחום בדת ישראל בכל הדרכים.

חיסול רכוש הקהלות

אומדן משוער של רכוש הקהלות היהודיות בפולין היה 250 מיליון זהובים ויותר, לכל קהלה בתים ומגרשים משלה ורכוש אחר. עם הופעת הנאצים הוחרם רכוש זה באורח טוטאלי, גם קופות הקהלות נשדדו בלי כל התחשבות ובלי כל נימוק שהוא, וזאת למרות העובדא ששטחי הפעולות של הקהלות גדלו מהיום הראשון לשואה לאין ערך ביחס לפעולות שלפני המלחמה.

לשאלות ראשי הקהלות למראה השוד האכזרי של כספי הציבור היהודי: מהיכן יתקיימו מעתה הקהלות, מוסדות הציבור היחידים שהנאצים הרשו לפעול ומובן תחת פיקוחם המלא, ענו ראשי הקלגסים תשובות ציניות ביותר. בווארשה הצביעו ראשי הגיסטפו על מחלקת בית הקברות ״זהו מעתה מקור ההכנסה לקהלה היהודית״, בלודז הסביר מפקד גרמני ״שפושעים הנדונים למות אינם צריכים לקופות מליאות כסף״, בקראקא טען קצין גיסטפו כי „הכסף היהודי הלא נשדד מנוצרים עניים, עתה הגיע הזמן להשיב את הגזילה לבעליה״. כשהתחננו נציגי קהלת לודז לשחרר כספים מוחרמים של בית חולים היהודי דחו קציני הגיסטפו את הדרישה בגסות ובזלזול ״חולים יהודים זקוקים למות גואל ולא לכספים לתרופות ולרופאים״.

ויותר משמשו הקלגסים הנאציים את הדגש למלאות את כיסיהם מכספי היהודים הנשדדים, הם דאגו לרוקן את כיסי היהודים מכל. בחמת זעם נשדדו הקהלות הגדולות והעשירות, אולם לא הרפו גם מהקהלות העניות ביותר. לא היה כל הבדל בדבר אם המדובר הוא בהרס בית רב מדות ורב ערך של קהלה גדולה ועשירה או בקתה עלובה של קהלה קטנה ודלה, העיקר, זה מרושש את היהודים, מכאיב להם ומכביד על חייהם הציבוריים או הפרטיים. העיקר, שזה מצעיד קדימה את תהליך החורבן של גולת פולין.

בכל קהלה וקהלה פעלו מוסדות כספיים וסוציאליים ציבוריים קרוב לאלף בנקים קאופרטיביים, בבעלות ציבורית הקימו יהודי פולין במאות קהלות וישובים. למעלה מאלף קופות לגמילות חסדים רשומים פעלו באיזורים שסופחו ל־רייך הגרמני בראשית השואה, ומספר כפול של קופות גמילות חסדים שפעלו באורח לא רשמי. כל המוסדות הללו, בלי יוצא מן הכלל חוסלו כבר בימים הראשונים לכיבוש הנאצי. כספי המפעלים הללו הוחרמו ונאסר על היהודים לפעול בשטח זה. כי מתן סעד ליהודים על ידי יהודים עצמם נוגד היה את עקרונות המדיניות הגרמנית הרשמית והמוצהרת ששאפה לחיסול יהדות פולין.

למערכת החנוך של יהודי פולין היו אלפי בנינים שהוקמו במיוחד למטרה זו. קרוב לשבעים אחוז מכל מוסדות החנוך של יהודי פולין פעלו בבנינים שהוקמו על ידי הקהלות או עסקנים יהודיים במקום. מהם בניני פאר מרווחים. מיד עם כיבוש פולין על ידי הקלגסים הנאציים הוחרמו כל הבנינים הללו. כל מוסדות החנוך של היהודים נסגרו. מערכת החנוך הענפה ורבת הגוונים, שחנכה דורות לתורה ולתעודה חוסלה באכזריות קשוחה.

יהדות פולין לא היתה עשירה ביותר. בכל זאת השקיעו יהודי פולין ממיטב כספם ולמעלה מכוחותיהם בבניני הציבור, בבתי החנוך העממי והגבוה. בניני ישיבות עטרו עשרות קהלות גדולות וקטנות, מבלי לדבר על בניני בתי כנסת ומדרש שפעלו בכל ישוב יהודי, כקטן וכגדול. לפי אומדן בלתי רשמי היו בפולין 12000 בנינים ששימשו כבתי כנסת ומדרש, מהם בניני פאר ומהם שהצטיינו באמנות הארכיטקטונית שלהם. גם לקהלות קטנות ועניות היו היכלי תפלה ובתי מקדש מעט שהצטיינו ביופיים ובקישוטיהם הפנימיים, מהם בנינים עתיקים לימים שנחשבו גם על ידי ממשלת פולין לאתרים היסטוריים רבי החשיבות.

כבר בימים הראשונים לכיבוש הנאצי נשרפו מאות בתי כנסת ומדרש והיתר חוללו, מהם נהפכו על ידי הקלגסים האכזריים לאורוות לסוסים או למחסנים או לכל שימוש אחר. עשרות קהלות, שהשקיעו ממיטב כספם ועמלם בהקמת, החזקת וטיפוח בתי הכנסת אולצו על ידי השודדים האיומים אף לשלם דמי שריפת או פירוק בתי הכנסת. איש לא אמד מעולם את הערך הכספי של הרכוש הציבורי העצום הזה, שנחרב, נהרס עד היסוד תוך ימים ספורים.

חיסול הרכוש היהודי

לפי הנתונים הרשמיים של הלשכה הסטטיסטית של ממשלת פולין משנת תרצ״א, שהתבססו על הספירה הכללית שנערכה בפולין העצמאית בשנה זו התפרנסו יהודי פולין בעיקר ממסחר, מלאכה ותעשיה. והרי הטבלה הרשמית באחוזים:

מכל ענפי התעשיה והמלאכה	42.2
ממסחר סיטונאי וקמעוני	36.6
הובלה	4.5
חקלאות	4.3
חנוך	2.3
רפואה	2.1
שרותים ציבוריים	1.8
משק בית וחצרנות	0.7
שונות	5.5


געלט איז אריינגעטראגן געווארן — צוהרגעטע און פארבלוטיקטע.

אלע קהלשע אינסטיטוציעס זיינען גלייך פונאנדערגעלאזן געווארן. די קהלה פארוואלטונג האט מען צוטריבן און אויף איר ארט האט מען נאמינירט א „אידנראט" וועלכער איז פון ערשטן טאג אן געווען א שפיל־צייג ביי די וואנדאלן. בלוטיקע פאגראמען זיינען פארגעקומען אפילו פאר די אויגן פון דער געמישטער רוסיש־דייטשער גרענעץ־קאמיסיע וועלכע איז געזעסן אין ביאלע. די ארטיקע נאצי־אפ׳צערן האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גרויזאמקייט און ערפינדערישקייט אויסצוזויגן ביי די אומגליקליכע אידן זייער לעצטן טראפן בלוט. און די פוילישע אנגעשטעלטע, בלוטדורשטיקע חיות, האבן זיי צוגעהאלפן.

די אידן האבן געמוזט טראגן א געלן מגן־דוד, זיי האבן ניט געטארט ארויסגיין פון שטאט און אלע האבן געמוזט ארבייטן צוואנגס־ארבעט. זיי האבן ניט געטארט עפענען קיין שולע; דאווגען; זיך צוזאמענקומען. זייער א סאך פארטריבענע זיינען געקומען אין שטאט, בארוועס און נאקעט איינגאנצן אומגעריכט אין שוידערליכע באדינגונגען און די ארטיקע אידן האבן געמוזט זארגן פאר זיי. א סאך אידן פון ביאלע האט מען אוועקגעשיקט אין ארבעטס־לאגערן און אויף זייער ארט זיינען געקומען ארויסגעטריבענע פון אלע עקן פון אקופירטן פוילן. די גזירות זיינען הארבער געווארן מיט יעדן טאג, זיי האבן געהאט איין ציל: פארניכטן די אידן און אלץ מער פארציען די שטריק ארום זייער האלדז. אנהויב תש״ג האבן די נאצי־מערדער אנגעהויבן ליקווידירן די ביאלער אידן. פריער האבן זיך אנגעהויבן שחיטות. די ארבייטער פון די ארבייטס־לאגערן האט מען אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע. אויף מארגן נאך שמיני־עצרת איז ארוימגערינגלט געווארן דער געטא און טויזנטער אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן צום טויט. י״ח טבת האבן די מערדער פארענדיקט זייער מערדערישע ארבייט אין ביאלע, די לעצטע אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן קיין טרעבלינקע.

גראבאוויץ: איינע פון די עלטסטע קהלות אין לובלינער קרייז מיט 2400 אידן. מיט א ווילדער רציחה האבן די נאצי־מערדער אנגעהויבן זייער בלוטיקן אקציע געגן די אידן. 34 אידן זיינען געהרגעט געווארן שוין אין דער ערשטער וואך פון זייער בלוטיקער הערשאפט און די פייניקונגען און רציחות זיינען געווארן אלץ מער און מער. א איד האט ניט געטארט פארלאזן דאס שטעטל, ווען א איד האט געפרווט אנטלויפן האט מען 3 אידן דערשאסן. די ליידנסצייט האט זיך געצויגן ביז תשרי תש״ג, ווען די מערדער האבן אנגעהויבן ארויספירן די אידן צום טויט — אין בעלזעץ. די לעצטע פארטיע פון די ארויסגעפירטע אידן האט געשטעלט א העפטיקן ווידערשטאנד און ניט געוואלט גיין אין פארניכטונגס־לאגער, האט מען די לעצטע אידן אויסגעהרגעט אויפן ארט און אזוי ארום פארחתמעט דער לעצטער שורה פון דער געשיכטע פון דער אלטער קהלה אין גראבאוויעץ.

גארוואלין: א קהלה מיט 5500 אידן און האט שטארק געליטן בעת די קאמפן. די פאגראמען אויף אידן האבן זיך



גיטו לודז — השער. / דער לודזשער געטא. אריינגאנג.

אנגעהויבן גלייך ווי די נאציס זיינען אריין אין שטעטל. די שולן און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס זיינען פארמאכט געווארן און ביי די אידן האט מען צוגענ מען אלץ וואס זיי האבן געהאט. דער אומגליקליכער לעבן פון די גארוואלינער אידן האט זיך ניט געצויגן לאנג, חשון תש״ב האט מען די אידן צוטריבן אין אלע זייטן ניט ערלויבענדיק זיי מיטצונעמען עפעס, חאטש אין דער זעלבער צייט האבן נאך די געטאס אין אכט דערבייאיקע שטעטלעך — מיט 35 טויזנט אידן — זיך געהאַלטן.

הורביעשאוו: איינע פון די גרעסטע און חשוב׳סטע קהלות אין לובלינער קרייז וועלכע האט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע פערזענליכקייטן און איר טעטיקייט במשך פון הונדערטער יארן. שוין אין יאר 1576 האבן די הורביעשאווער אידן באקומען א ספעציעלע פריווילגיע פון די פוילישע קעניגן, אבער א ביסל שפעטער האבן שוין די אידן געהאט אויסצושטיין צרות און פאגראמען פון ארטיקע און ארומיקע פאליאקן שונאי ישראל.

הורביעשאוו האט זיך אונאויפהערליך ענטוויקלט. אין יאר 1765, האבן דארט געוואינט 1023 אידן; אין יאר 1897 — 5352; אין יאר 1921 — 5679; און אין יאר 1939 — ביי 7000 אידן. דאס וואס די שטאט איז געווען נאענט צו דער רוסיש־דייטשער אקופאציע־זאנע, האט געבראכט אויף די אידן אונגעהוירע ליידן. אין דער ערשטער תקופה פון דער נאצי־הערשאפט זיינען הונדערטער אידן געהרגעט אדער גרויזאם פארטריבן געווארן. אבער די וואס זיינען געבליבן לעבן האבן אויך געהאט איוסצושטיין א גיהינום אויף דער וועלט סיי פאר און סיי נאכן אויפשטעלן דעם געטא. אנהויב תש״ג האט מען אנגעהויבן ליקווידירן דעם געטא וועלכער האט צוזאמען מיט די פליטים געציילט דאן 7500 אידן. טויזנטער אידן זיינען אויסגעהרגעט געווארן אין א גרויזאמער שחיטה וואס איז ארגאניזירט געווארן אויפן ארט כ׳ תשרי תש״ג. דאס ביסל איבערגעבליבענע האט מען אוועקגעפירט אין די טעג ז׳־ט׳ כסלו — אין פארניכטונגס־לאגער.

וולאדאווע: איינע פון די עלטסטע און חשוב׳סטע קהלות אין לובלינער קרייז מיט 5650 אידן. די דייטשן האבן גלייך, ביים אריינקומען אין דער האלב חרוב׳ער שטאט אויפגעשטעלט א קאנצענטראציע לאגער וואוהין מען האט



בדרך למחנה ההשמדה בכלמנו
אויפ׳ן וועג צום פערניכטונגס לאגער אין כעלמנא

את המקום הראשון בכלכלת יהודי פולין תפסה התעשיה והמלאכה· מתוך 118·415 מפעלי התעשיה והמלאכה בפולין בשנת תרצ״א (1931) היו 45·044 בבעלות של יהודים· (38·9 אחוז)· בתעשיה הכבדה לא התבלטו יהודי פולין במיוחד (רק 19·8 אחוז) ואילו בתעשיה הקלה התבלטו במיוחד היהודים, בתעשית העור וסנדלרות למשל הגיע אחוז היהודים עד 31 ויותר (38·400 מתוך 112·300)· ענף הרצענות היה בעיקרו בידי היהודים, מתוך 15000 עובדים בענף זה, כ־11000 היו יהודים, (73·3 אחוז)· מצב דומה שרר בענף החייטות והפרוונות· כארבעים אחוז מכל בעלי מלאכה הזעירים בפולין היו יהודים·

המסחר לכל ענפיו היה בחלקו הגדול בידי היהודים· 47·2 אחוז מכל רשיונות המסחר שהוציאו שלטונות פולין בשנת תרצ״ח (1938) היו בידי היהודים· והרי מספרים רשמיים משנת תרצ״א (1931) באחוזים:

הענף	יהודים	נוצרים
טקסטיל	65·4	34·6
צרכי צלום, וספרים	53·1	46·9
עור וצרכי תעשית עור	38·4	61·6
מזון ותעשית מזון	33·8	66·2
חמרי בנין	29·7	70·3
פלדה וברזל	29·9	70·1
עץ ולבדים	23·4	76·6
רהיטים וכלי בית	61·8	38·2
זכוכית ומראות	60·1	39·9
צבעים וכימיקאלים	45·3	54·7
קונפקציה וצרכי חיטות	80·0	20·0
צרכי סנדלרות	85·0	15·0
ניר וצרכי משרד	55·5	44·5

המסחר והתעשיה והמלאכה של היהודים חוסלו במהירות· תוך תקופה קצרה ביותר הוחרמו כל מפעלי התעשיה שבידי היהודים, מסע טוטאלי, אכזרי ויסודי נערך נגד הכלכלה היהודית בפולין, לפי דו״ח חצי רשמי שפורסם ב״דייטשה אלגמיינה צייטונג״ הועברו בשנה הראשונה לשלטון הנאצים בפולין לידי ״האופטרוי האנדלסשטלה אסט״ (מוסד רשמי לשוד רכוש היהודים בפולין) מידי היהודים המפעלים דלהלן: 294 בתי חרושת גדולים, 9000 בתי חרושת בינונים, 76000 מפעלי תעשיה ומלאכה קטנים, 9120 בתי מסחר גדולים ועוד 112000 בתי מסחר קטנים, מתוך 206·414 המפעלים המוחרמים הללו היו 109 בבעלות ממשלת פולין העצמאית, 3794 של לא יהודים ואילו 202,511 מפעלים היו עד לפרוץ המלחמה בידי יהודים·

כ־140·000 יהודים בפולין התפרנסו עד לפרוץ המלחמה האחרונה מענפי הובלה שונים, בעיקר היו אלה עגלונים וסבלים עניים, הרוב המכריע של מפעלי התובלה הגדולים ושירותים המוטוריים היו בידי לא יהודים· מיד עם הכיבוש הנאצי נאסר על היהודים לנוע בדרכי הארץ, להשתמש במכוניות בלי רשיון מיוחד מטעם הגיסטפו· אלה ברובם המכריע נשארו ללא פת לחם חרבה· גם הסבלים היהודים המרובים, שמצאו פרנסתם במפעלים אשר בבעלות יהודית נושלו עד מהרה ממקור מחיתם·

בשנת תרצ״א (1931) התפרנסו 134·065 יהודי פולין מחקלאות· בידם, 22·103 משקים מהם 8233 משקים אשר פחות מ־2 הקטור אדמה להם, היינו 37·3 אחוז בעלי משקים זעירים ביותר· 27·6 אחוז (6094 במספר) משקים ולהם מ־2 עד 5 הקטור אדמה, 7006 משקים בינונים ועוד 770 גדולים (35·1 אחוז)· רק 4·355 משקים (19·6 אחוז) אשר בידי היהודים העסיקו פועלים שכירים, קבועים או זמניים בעונות היבול העקריות ואילו למעלה מ־80 אחוז מהמשקים שבידי היהודים עובדו בידי הבעלים עצמם·

הקלגסים הנאציים, שכה הרבו להסית נגד המסחר היהודי והתעשיה שבידי היהודים, התעמולנים הנאציים שדברו השכם והערב על היהודי שאינו רוצה לעבוד אלא אומר לחיות כפארזיט על חשבון הזולת לא פסחו במסע ההרס שלהם על האיכר היהודי העני, האומר להתקיים על זיעת אפו ועמל כפיו, כשם שלא פסחו על הפועלים היהודים שעמלו קשות להרוויח את פת לחמם החרבה· המסע נגד החקלאות היהודית בפולין לא נפל באכזריותו מהמסע האיום נגד המסחר היהודי· על היהודים נאסר לקנות צרכי חקלאות, מספוא או זרעים, על הלא יהודים נאסר למכור ליהודים צרכי חקלאות כל שהם·

ואם במסחר, בתעשיה ובמלאכה תפסו יהודי פולין עמדה בולטת, הרי שבחקלאות הגיעו יהודי פולין לאחוז נמוך ביותר, שעלה בקושי על אחוז אחד של החקלאות במדינה זו· ערכם הכללי של כל המשקים שבידי היהודים באיזורים שנכבשו לראשונה על ידי הקלגסים הנאציים לא הגיע לסכום רציני· בכל זאת לא ויתרו הגרמנים על מסע שוד ודיכוי טוטאלי נגד החקלאים היהודים, חוקקו חוקים והוצאו פקודות לרוב, שכל מטרתם היתה לנשל את היהודים מענף החקלאות, להרוס את המשקים אשר בידי היהודים ולהחרים את הניתן להחרים מהרכוש הזה·

דומה היה מצבם של כשבעים אלף יהודים שהתפרנסו

אריינגעשטופט ביי 2.000 אידן. ארטיקע איינוואינער ווי אויך פליטים פון לאמזשע, נאוואגראד, קנישין, סטוטשין א.א. אין א פאר וואכן ארום האט מען דעם לאגער ליקווידירט, אבער די באדינגונגען זיינען דארט געווען אזוינע גרויזאמע, אז נאר עטליכע הונדערט אידן זיינען געבליבן לעבן, דער גרעסטער טייל פון זיי — שווער פארוואונדעט, זיי זיינען אויך אין א קורצער צייט ארום געשטארבן.

די אונטערדריקונגס אקציע געגן די אידן האט דא אויך אנגענומען שוידערליכע פארמען. מען האט ביי זיי אלץ צוגענומען און די בלוטדורשטיקע נאציס, וויסענדיק אז אידיש בלוט איז הפקר, האבן געזויגן דאס בלוט ביזן לעצטן טראפן, און עס איז שווער אין ווערטער איבערצוגעבן וואס די וולאדאווער אידן האבן געהאט אויסצושטיין. דער וולאדאווער געטא איז ליקווידירט געווארן סוף ניסן תש״ג, ווען מען האט אלע אידן אוועקגעפירט אין פארניכטונגס־לאגער סאביבאר.

דער זעלבער גורל האט געווארט אויך אויף די אידן פון וולאדאווער געגנט. אימה׳דיקע סצענעס וואס פארגליווערן דאס בלוט אין די אדערן זיינען אויסגעפירט געווארן אויף זיי. אין דער דערבייאיקער שטעטעלע וולאדאווקע האט מען אויפגעהאנגען צענדליקער אידן און אנדערע זיינען געפייניקט געווארן צום טויט מיטביישפיללאזער גרויזאמקייט. אזוי איז אויך געווען מיט די אידן פון יוזעפאוו (1421 אידן) ; גאריי (860 אידן) ; טארנאגראד, די אלטע בכבודיקע קהלה (2515 אידן) ; וואסלאוויץ (1260 אידן) ; רייעוויץ (2600 אידן) א.א.

ווענגראוו : א אלטע קהלה וואס איז שוין געווען טעטיק אין די צייטן פון ועד ארבע הארצות. דארט האבן געוואינט פאר דער מלחמה 5600 אידן. די שטאט איז איינגענומען געווארן אויף מארגן נאך ראש השנה און די ארטיקע ווי אויך די טויזנטער פליטים וואס זיינען געקומען צולויפן אהין פון דער נאענטער און ווייטערער סביבה — זיינען אריינגעפאלן צו די נאציס אין די הענט. די נאציס האבן זיך גלייך גענומען צו זייער בלוטיקער ארבייט. טויזנטער אידן האט מען אונטער א האגל פון גרויזאמע קלעפ אריינגעשטופט אין דער ארטיקער גרויסער שול, אין א גוואלדיקער ענגשאפט און אין שוידערליכע באדינונגען האט מען זיי דארטן געהאלטן 5 טעג. די שוואכע זיינען אויסגעשטארבן און זייערע טויטע קערפערס זיינען געבליבן ליגן צווישן די לעבעדיקע. נאך 5 טעג האט מען זיי ארויסגעלאזט, אויסגעמאטערט און צובראכן. אין דער זעלבער צייט האבן די נאציס אויסגערויבט אלע אידישע הייזער.

ערב יום כפור האבן די מערדער געכאפט דעם שטאט־רב, הרב מנחם מענדל מארגענשטערן, דער זון פון סאקאלאווער רבי׳ן, האבן אויסגעריסן די האר פון בארד, אויסגעטאן האלב־נאקעט און אזוי ארומגעפירט איבער די גאסן פון שטאט. אויפן מארק האט אים א דייטשער זעלנער געשטאכן מיט א שפיז און אז דער רב איז געפאלן באגיסענדיק זיך מיט בלוט, האבן אים די מערדער אפגעלאזן. אלע באמיאונגען מצד די אידן אים צו ראטעווען, האבן זיך ניט איינגעגעבן און אויף צו מארגנס יום־כפור איז ער נפטר געווארן.



היהודים גורשו. הרכוש — לבז.
די אידן פארטריבן. זייער האב און גוטס צו רויב.

פון דאן האט זיך אנגעהויבן שיטן א מבול פון גזירות אויף די קעפ פון די ווענגראווער אידן און פון די טויזנטער פליטים וועלכע האבן זיך ארומגעדרייט בארוועס און נאקעט. אזוי האט זיך געצויגן דער גיהינום ביז יום כפור תש״ג. אין דעם הייליגן טאג האבן די מערדער ארומגערינגלט **דעם געטא** פון אלע זייטן, מען האט מיט גוואלד ארויסגעשלעפט אלע אידן און אוועקגעפירט זיי אין טרעבלינקע. א גאנצן טאג האבן די נאציס געארבייט ביי דער מארד־מלאכה, און אויף מארגן נאך יום כפור איז שוין אין ווענגראוו ניט געווען קיין איין איד.

זאקליקאוו : א קהלה מיט 1900 אידן, ביטערע ארימעלייט וועלכע האבן קוים אויסגעשלאגן זייער פרנסה פון קליינהאנדל און שווערע ארבעט. אבער די ארימקייט האט זיי ניט אפגעהאלטן פון פירן א ברייט פארצווייגטע טעטיקייט אויף אלע געביטן פון אידישקייט און אויסהאלטן ארגאניזירטע אנשטאלטן. אלע קהלשע אינסטיטוציעס זיינען גלייך פארמאכט געווארן ביים אריינקומען פון די דייטשן. דער אלטער בית מדרש איז פארברענט געווארן און אידן וואס האבן געפרווט ראטעווען ספרי תורה, האט מען ארעסטירט אין דער באשולדיקונג פון „א פרווו צו שטערן די דייטשן אין אפרייניקן דעם פלאץ״. די אידן האבן דורכגעמאכט גרויזאמע ליידן פון די נאציס וועלכע האבן געוואלט ביי זיי צונעמען רייכטימער וועגן וועלכע די אידן האבן אפילו ניט געחלומט. דער הילפס־פאנד וואס איז געשיקט געווארן די אידן כדי צו ערמעגליכן אויפצונעמען 500 פליטים און ארויסגעטריבענע — איז צוגערויבט געווארן דורך די וואנדאלן. די יסורים האבן זיך געצויגן ביז כ״ג חשון תש״ג, ווען מען האט אלע זאקליקאווער אידן אוועקגעפירט אין פארניכטונגס־לאגער סאביבאר.

זשעליכאוו : איינע פון די עלטסטע קהלות אין לובלינער קרייז. ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן דארט געוואינט 5250 אידן וועלכע האבן אויסגעמאכט העכער 70% פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. ס׳רוב אידן זיינען געווען בעלי מלאכה און דער עיקר — שוסטערס און זיי האבן ווייטער געארבעט אויך אונטער דער נאצי־הערשאפט אין זייער שווערע באדינגונגען — ביי זייערע פאכן. אונטערנעמונגען ווי אויך איינצלנע דייטשן האבן אויסגענוצט דער ספעציאליטעט פון די זשעליכאווער ארבייטער און זיי



כך עובדים בגיטו... / אזוי ארבייט מען אין געטא...

מחנוך והוראה. המורים והפקידים ממוצא יהודי שהועסקו על ידי משרד החנוך של ממשלת פולין העצמאית פוטרו מיד עם כיבוש פולין על ידי הגרמנים. המורים היהודים נדרשו על ידי הממונים לא להופיע יותר לעבודה וזאת ללא כל תשלום פצויים או גימלאות. המורים והפקידים הללו אף לא קבלו את המשכורת בעד חודש ספטמבר, שלפני פלישת הגרמנים אבל נדרשו בכל חומר הדין לשלם כל חוב שהוא, לקופת הפנסיה וכדומה למרות העובדא שכל הזכויות נשללו מהם.

כל מוסדות החנוך של היהודים בלי יוצא מן הכלל נסגרו. המורים והמורות, המנהלים והפקידים נשארו ללא כל פרנסה. גם בתי הספר הפרטיים שבידי היהודים לא הורשו לפעול בימי הכיבוש הנאצי. גורל דומה פקד את הרופאים היהודים ועובדי השירותים הרפואיים בפולין. הרופאים היהודים שהועסקו בבתי החולים הממשלתיים והלא יהודיים פוטרו מיד מעבודתם. נאסר על רופאים יהודים לטפל בחולים לא יהודיים כשם שנאסר על רופאים לא יהודים להגיש עזרה רפואית ליהודים. למרות תנאי התחלואה האיומים והתפשטות המסוכנת של מחלות מדבקות בצבור היהודי ובעיקר ברכוזים יהודיים נעשה מצבם של הרופאים היהודים חמור ביותר. הורגש מחסור חמור בתרופות, שהלך והחמיר מיום ליום. שלטונות הכיבוש הנאציים סירבו רשמית להגיש תרופות או אפילו למכור חמרים רפואיים חיוניים ליהודים. המוני היהודים הרעבים לא יכלו להרשות לעצמם לשלם לרופא בעד טיפולו ומהם ראו את עבודת הרופאים כמעט כמיותרת בהעדר תרופות. נאמנים למגמתם ולחתירתם להביא כליה וחיסול לישוב היהודי בפולין שמו שלטונות הנאציים מכשולים בדרכיהם של הרופאים היהודים. רבים מהם נאסרו והוצאו להורג בנימוק כי כאנשי האינטלגנציה ובעלי השכלה אקדמאית עלולים הם לדרבן את המוני היהודים למרד.

גרוע עוד יותר היה מצבם של הפקידים היהודים המעטים בשירותי הממשלה והעיריות ושל עורכי הדין והמהנדסים היהודים. על היהודים נאסר לחלוטין לבנות בתים ואף לשקם מחדש את הריסותיהם וזאת, אפילו בשטחי הגיטו הצפופים. נאסר למהנדסים יהודים לעבוד למען חברות לא יהודיות וכן נאסר לעורכי דין ממוצא יהודי להופיע בפני בתי המשפט או ליצג אנשים כל שהם. המועצה המשפטית הפולנית נכנעה עד מהרה ללחצם של שלטונות הכיבוש האכזריים והצטרפה למסע נגד יהודי פולין. פרט לכמה משפטנים בודדים ששמרו על צלמם האנושי וגילו התנגדות כל שהיא למסע הדמים הנאצי נגד חבריהם למקצוע, ממוצא יהודי.

הפקידים היהודים המעטים בשירותי הממשלה והעיריות פוטרו ללא מתן כל נימוק ונאסר עליהם להופיע במקומות העבודה שלהם. כך נושלו יהודי פולין כולם ממקורות הפרנסה שלהם, רובם ככולם נשארו ללא משענת כלכלית כל שהיא בתנאים מחרידים, מול מסע דיכוי אכזרי ומול גל של גזירות איומות, מלוה פעולות שוד מאורגנות שלא פסחו כמעט על בית יהודי אחד. צל הרעב כיסה את העננים הקודרים שהתפשטו על פני שמי יהדות פולין. ימי השואה הטראגיים נתגלו בכל חומרתן.

שוב לא היה ליהודים כל אפשרות להשיג הלואה קטנה או גדולה, הרעב חדר לכל בית ולכל פינה. החלה מכירה כללית של רהיטים וחפצי בית או תכשיטים שנשארו לפליטה אחרי מעשי השוד המרובים, בפרוטות דלות נמכרו חפצים יקרי ערך לתושבים הפולנים, כשהתמורה שימשה למעשה לרכישת לחם יבש, שחור וגס, שהפך למעדן המבוקש ביותר על ידי מיליוני יהודי פולין האומללים.

כל הקאופרטיבים לאשראי חוסלו, כל קופות לגמילות חסדים נהרסו, מוסדות הסעד המעטים והמחלקות לעזרה שליד הקהלות שוב לא היה בכוחן לעמוד מול גלי הסער. נציגות הג'וינט בפולין שפעלה למעלה מכוחותיה והצטיינה בהקרבה ומסירות נפש תרמה מעט בים היסורים הקשה להקל על יסוריהם של המוני יהודי פולין.

מה נשאר אפוא ליהודים לעשות פרט לפניה לסחר בלתי חוקי ומצוי כל אפשרויות הבלתי חוקיות כדי להחזיק מעמד וזאת, למרות סכנת המות שארבה לכל פעולה שחרגה ממסגרת החוקים הבסטיאליים של הנאצים. יהודים רבים שילמו בחייהם בעד נסיונם לצאת לכפרים, לרכוש מצרכי אוכל באורח לא ליגאלי ולמכור את המצרכים הללו, אחרי הסתננות מסוכנת חזרה לערים. שלטונות הכיבוש הנאציים אמנם עשו הכל כדי למנוע סחר „בלתי חוקי", העסיקו מודיעין פולני ואף אילצו את מועצות הקהלות לשתף עמם פעולה בשטח זה. קהלת לובלין הודיעה כי כל יהודי זר שיתפס בתחומי הקהלה יענש. מועצת הקהלה בווארשה הודיעה כי כל נוטש את תחומי הגיטו יענש בקנס של 10 אלף זהובים, ואילו מושל המחוז פושע המלחמה פישר איים במות בעד „פשעים" כאלה.

שלטונות הרשע הנאציים הפעילו אמצעי לחץ אחרים כדי לחסל את הסחר הלא ליגאלי. קנסות בשיעור של מיליוני זהובים הוטלו על קהלות רבות בעוון סחר לא חוקי, העתון „גאזעטה זשידובסקה" שיצא לאור בפיקוח נאצי הודיע כי בחודש אחד בלבד הוטלו קנסות בשיעור של חצי מיליון זהובים בגלל סחר לא ליגאלי, אבל, כל האמצעים הדראסטיים הללו לא מנעו מהמוני היהודים שנדונו למות ברעב בטרם יפלו בחרב לעקף כל „חוק" ולנסות להחזיק מעמד בכל אמצעים שהם.

אולם, רק אחוז קטן מיהודי פולין הצליח למצוא מזמן לזמן הכנסות כל שהן ממסחר וכדומה בתקופה הראשונה לכיבוש הנאצי, רובם המכריע של יהודי פולין, מאות אלפי

באשעפטיקט אין זייערע אונטערנעמונגען. אבער די נאצי מאכט האט שוין געזארגט דערפאר אז יעדער פארדינטער גראשן זאל צוגענומען ווערן צוריק פון די אידן דורך גרויסע געלט שטראפן און האבן דערביי פאגראמירט און געמאטערט די אידן. אפילו דעם „יודענראט״ וואס איז נאמינירט געווארן דורך די דייטשן האט ניט זעלטן באקומען שווער געשלאגן און זיינען געווען דער ציל פאר גרויל־סצענעס.

דער ארטיקער געטא האט אויפגענומען מאסן פליטים און פארטריבענע וועלכע האבן געארבעט אין די ווארשטאטן אין יאר תש״א האבן דארט געלעבט קרוב צו 12.000 אידן ווען די נאצי־מערדער האבן אנגעהויבן צו ליקווידירן די אידישע קהלות אין לובלינער קרייז האבן זיי ניט אדורכגע־לאזט זשעליכאוו. חול המועד סוכות איז דער געטא ארומגערינגלט געווארן דורך קאמפאניעס אוקראינישע סאלדאטן אונטער דער לייטונג פון ס.ס. לייט, מען האט ארויסגענומען מיט גוואלד אלע אידן און זיי אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע.

זאמושטש: א אלטע פעסטונג וואו אידן האבן זיך אויסבאהאלטן אין די צייטן פון גזירות ת״ח ות״ט. במשך איר הונדערטער יעריקער עקזיסטענץ האט די זאמאשטשער קהלה שטענדיק געשטיגן און אויפגעבליט, ספעציעל אין דער לעצטער תקופה פארן חורבן. אין יאר 1765 האבן דארט געוואינט ביי 2000 אידן, אין יאר 1897—7234 אידן; ביי א העלפט פון דער אלגעמיינער צאל איינוואינער. אין יאר 1931 האט די קהלה געציילט 10265 אידן און ביים מלחמה אויסברוך איז זייער צאל דערגאנגען ביז 12.000 אידן.

מיט איינמאל איז געקומען דער חורבן אויף אלץ וואס די דאזיקע אלטע בליענדיקע קהלה האט אויפגעבויט במשך פון הונדערטער יארן. זזלע פרעכטיקע אינסטיטוציעס זיינען פארמאכט געווארן און די קהלה איז פארוואנדלט געווארן אין א ווערקצייג אין די הענט פון די בלוטדורשטיקע וואנדאלן. דאס אויסרויבן פון אידיש פארמעגן איז דורכגעפירט געווארן אין פלאנמעסיקער גרויזאמקייט. די שרעק דער פיין און דאס שטענדיקע בלוטפארגיסן האט פארוואנדלט די אידן אין א מאסע פון שאטנס, אומבאהאלפן און ארעם וואס ווארט אויפן טויט אלס דערלייזער. אבער זייער לאגע איז געווארן נאך ערגער, נאכדעם ווי מען האט זיי איינגעשלאסן אין א ענגן געטא. אנהויבענדיק פון די ערשטע זומער מאנאטן פון יאר תש״ב האבן די נאצי־מערדער אנגעהויבן רעגלמעסיק אויסהרגענען די זאמאשטשער אידן. פריער האט מען אוועקגעשיקט 400 אידן אין פארניכטונגס־לאגער בעלזיץ. פון צייט צו צייט האט מען איינגעארדענט בלוט׳קע שחיטות, טויזנטער זיינען אויסגעשאסן געווארן ז׳ חשון תש״ב. און כ״ט תמוז תש״ג האבן זיך ווידער אנגעהויבן די טראנספארטן קיין בעלזיץ. ל׳ אב תש״ג האט זיך די בלוטיקע אקציע געענדיקט. די לעצטע אידן זיינען אוועקגעפירט געווארן צום טויט.

דעם זעלבן גורל האבן אויך געהאט די אידן פון זאמאשטשער געגנט. אין דער זעלבער צייט זיינען ליקווי־דירט געווארן די געטאס פון מיעכוב (1800 ארטיקע און ביי 500 פליטים־אידן); ליסאבעק (500 ארטיקע און 1600



הצעירים מגרשים למחנות עבודה ועינויים.
די יוגענט ווערט געטריבען אין ארבייט׳ס לאגערן.

אנטלאפענע אידן): מארקישאוו (1250 ארטיקע און 200 פליטים); וואנוואליצע (900 ארטיקע אידן און ביי 900 פליטים); טישעוויץ (3800 אידן); וויסאקיע (700 אידן) און אנדערע קהלות.

טאמאשאוו־לובעלסקי: א אלטע קהלה וואס איז שוין געווען טעטיק אין די צייטן פון ועד ארבע הארצות, מיט 1450 אידן. ביי די קאמפן איז זי אינגאנצן פארברענט געווארן און הונדערטער אידן זיינען אומגעקומען פון די באמבארדירונגען און לופט אנגריפן. די אידן זיינען זיך צולאפן אויף אלע זייטן און די קהלה האט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

טורבין: א קהלה מיט 1400 אידן וואס איז געגרינדעט געווארן אין אנהויב פון 14־טן י. ה. גלייך ביים אריינקומען אין שטעטל האבן די נאציס איינגעארדענט א בלוטיקן פאגראם אויף די אידן. דער אלטער 70 יעריקער שמש פון שול וואס האט ניט געוואלט אליין אונטערצינדן דער שול איז אויפגעהאנגען געווארן פאר די אויגן פון דער גאנצער שטעטל אויפן מארק און זיין קערפער האט מען פארברענט. די קליי:ע קהלה האט פונדעסטוועגן אויפגענומען 1800 פליטים און צוזאמען זיינען זיי דורכגעגאנגען דעם בלוטיקן וו:ג ביזן סוף. כ׳ חשון תש״ג איז די אלטע קהלה אפגעווישט געווארן. מען האט אלע אידן ארויסגעפירט קיין איזשביצע און פון דארט — צו דער גרויסער עקידה.

כעלם: איינע פון די עלטסטע קהלות אין פוילן וועלכע האט שוין געפירט א זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט אלס הויפט־קהלה נאך אין 12־טן י. ה. און במשך פון לאנגע דורות. ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן דארט געוואינט מער ווי 15.000 אידן.

דער גיהינום האט זיך אנגעהויבן אין ערשטן טאג פון דער נאצי־הערשאפט. 1800 אידן האט מען געכאפט און געפירט אין א טויטן־מארש צו דער רוסישער גרענעץ. נאר איינצלנע זיינען געבליבן לעבן פון דער גרויל־מארש. שווער און ביטער זיינען געווען די גסיסה צאפלענישן פון דער גרויסער הערליכער קהלה וועלכע האבן זיך געצויגן ביז כ״ו חשון תש״ג, ווען מען האט אלע אידן ארויסגעפירט אין פארניכטונגס־לאגער סאביבאר וואו זיי זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם.



הורסים את בית הכנסת בביאלה פודלסק
מ׳צלייגט די שוהל אין ביאלה פודלאסק·

המגורשים והמוני הפליטים, קשישים וחולים התהלכו כבר אז נפוחי רעב ומליאי יאוש מר כלענה, וכך נסגרו עליהם חומות הגיטאות האפלים והקודרים· בחוץ שכלה חרב ובבית הרעב והמחסור והפחד ליום יבוא·

מופקרים לכל עורב צמא לדם, כשהם הוצאו מכל חוק ונגדם הופעלו חוקים דראסטיים ואכזריים ביותר, כשדמם נשפך יותר ממים בלי הפוגות הוכנסו יהודי פולין למערת הדמים של השואה האיומה, כשהרעב והמחלות מלוות אותן בדרכם האחרונה, זרועה יסורי תופת ועינויים איומים·

בכל זאת, יותר משנפגעו קהלות ישראל בתקופה הראשונה לכיבוש הנאצי מרעב ומחלות, משפיכת דמים ומסע דיכוי אכזרי, פגעו בקהלות רבות הגירושים הטוטאליים והחלקיים·

חיסול קהלות על ידי גירושים טוטאליים

כבר בתקופה הראשונה לכיבוש הנאצי בפולין גורשו או נעקרו כ־900 אלף יהודים ממקומות מגוריהם· הראשונים בתור לגירושים היו התושבים היהודים של הקהלות באיזורים שסופחו רשמית לרייך הגרמני השלישי שהוקם על ידי הנאצים· המטרה הראשונה במעלה של ש ט ות הכיבוש הגרמנים באיזורים הללו היתה לגרמן את השטחים, אם על ידי גירוש התושבים היהודים וכן הפולנים ואם על ידי התישבות גרמנית במקום·

לפי ההסכם הגרמני־סובייטי עברו אלפי גרמנים, תושבי ליטה, לטביה והאיזורים המערביים של פולין שנכבשו על ידי הרוסים לשטח הכיבוש הגרמני בפולין· הגרמנים הללו יצאו את בתיהם ועמם כל רכושם דנייד, בכל זאת „הכינו" להם שלטונות הנאציים בתים מרוהטים עם כלי בית, שטיחים, מפות וכל הציוד הדרוש, היו אלה דירות של יהודים אמידים שנצטוו לצאת את בתיהם מבלי לקחת עמם דבר, מהם ואף אולצו לתקן כלי בית שונים בל יצטרכו הדיירים החדשים, הגרמנים תושבי המזרח לעמול עליהם·

בחמת זעם גורשו היהודים מבתיהם, מערים שנבנו על ידם, ממקומות שם גרו מאות בשנים כשכתונתם לעורם· בצהלה קדמו שלטונות הכיבוש את פני המתישבים החדשים, תזמורות צבאיות ניגנו לכבודם ובטכסים חגיגיים נמסר לידיהם מפתחות הדירות „עם כל טוב, שהוכנו עבורם על ידי משלת גרמניה הנאצית"· בני העם האציל הזה, „האריים הטהורים" הללו לא בחלו להשתמש בשוד המוכתם שבידם·

הגירושים ההמוניים הקיפו גם את קהלות ישראל באיזורי הגבול, שם נטבחו קהלות שלימות באכזריות ללא דוגמא כדי לטהר את האיזור מיהודים· נוסף לכך גורשו רבבות יהודי קראקה בנימוק „שאין להרשות כי בירת הגנרל גוברנמנט תשרוץ יהודים לרוב", וכן גירושים ללא נימוקים מעשרות קהלות·

הגירושים ההמוניים הופסקו בתקופה מאוחרת יותר, כשנה אחרי כינונם של שלטונות הכיבוש הנאציים· בישיבה שנערכה בארמונו של הרמן גרינג בקארינהאל השתתפו לצדו של רב הרוצחים המארח גם ראש שירותי הבטחון הימלר, הברון פון קרוסיק, מושל הגרנל גוברנמנט בפולין פראנק, גרייזר — מושל מחוז לודז, קאך — מושל איזור המזרחי, וואגנר — מושל מחוז שלזיה ואחרים· גרינג הדגיש בראשית דבריו שיש להתיחס ברצינות באפשרות של ניצול הפוטנציונל הכלכלי למלחמה· לדבריו, אפשר גם לנצל כוח עבודה רציני בשטח הכיבוש בפולין למען מכונת המלחמה הגרמנית וזאת בתנאים מצוינים· לעומתו הדגישו הגאולייטרים הנאציים את החשיבות של טיהור האיזורים הנתונים לשלטונם מיהודים, גרייזר התלונן כי 400 אלף יהודים נמצאים עדיין במחוז שלו, וואגנר דרש לעזור לו לטהר את איזורו מ־120 אלף יהודים הנמצאים עדיין בתחומו· הימלר, לא שלל את גישתו של גרינג והדגיש אף הוא את הצורך בניצול כל גורם שהוא למטרות המלחמה בכל זאת תמך בדרישת הגאולייטרים לטיהור האיזורים שסופחו לרייך הגרמני מיהודים· אחרי ויכוח הוחלט לקבל עקרונית את עמדתו של גרינג ולראות בראש ובראשונה את חיזוק המשק המלחמתי כמטרת ביניים במדיניות כלפי היהודים, וניצול יהודים לטובת המשק המלחמתי עדיפה על פני גירושים מידיים, הימלר הוסיף והדגיש כי 300 אלף יהודים כבר גורשו מהאיזורים שסופחו לרייך הגרמני משום כך אין לראות את המאמצים בשטח זה כנטולי ערך, פראנק טען כי אין להרשות לגורמי השלטון המקומיים לנהל מדיניות גירושים עצמאית· הוחלט כי פראנק יקבע את מקום הקליטה למגורשים במקרה ויבוצעו בעתיד ושלא יפגעו במאמץ המלחמתי·

כתוצאה מועידה זו הפכו גיטאות פולין ברובן המכריע לבתי מלאכה ענקיים שפעלו למען המשק המלחמתי של הנאצים בתנאי רעב ותמורת משכורת מגוחכת שהתבטאה ברובה במעט אוכל או בפרוטות שחוקות·

מחנה עבדים הגדול בפולין

חטיפת יהודים לעבודת כפיה מלוה עינויים והתעללות החלה מיד עם כיבוש פולין על ידי הקלגסים הנאציים· כחדשיים אחרי ביסוס שלטון הכיבוש בפולין הוציא שלטון האכזרי פקודה רשמית לפיה חייבו כל התושבים היהודים

לוקאוו : איינע פון די חשובסטע קהלות אין לובלינער קרייז. מיט 6840 אידן. איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן ערב ראש השנה ת״ש. אין זעלבן טאג האט מען באפוילן אלע אידן צו קומען אויפן פרייהייטס־פלאץ און אונטער דער דראונג פון א מאשין־געוועהר האבן די לוקאווער אידן געמוזט ליגן אויף דער ערד און זיך ניט געטארט רירן, אין דער זעלבער צייט האבן די וואנדלאן זיך א לאז געטאן איבער אידישע הייזער, גערויבט אלץ וואס זיי האבן געפונען, צובראכן אלץ וואס עס האט זיך געלאזן און עטליכע הייזער אונטערגעצונדן.

פארנאכט האט מען די פרויען און קינדער ערלויבט צוריקקערן זיך אין די ליידיקע, צושטערטע הייזער און ביי טויזנט מענער האבן די נאציס ארויסגעפירט הינטערן שטאט און מען האט זיי אנגעהויבן טרייבן קיין שעדלעץ, די רוצחים האבן באגלייט די ארויסגעטריבענע מיט מאטאציקלען די וואס זיינען אפגעשטאנען, זיינען גלייך דערשאסן געווארן. פון שעדלעץ האט מען די אומגליקליכע אידן געפירט קיין ווענגראוו און דארט האט מען די איבערגעבליבענע ביים לעבן — באפרייט. אין א פאר טעג ארום זיינען די דייטשן אוועק פון לוקאוו און עס זיינען אריין די רוסן, אבער די רוסן האבן אין א קורצער צייט ארום פארלאזן די שטאט און מיט זיי ס׳רוב יונגע פון שטאט. די איבערגעבליבענע האבן געטרונקען דעם ביטערן כוס גלייך מיטן צוריקקומען פון די נאצי־באנדיטן. אויפן ארט פון די טויזנטער וואס זיינען אנטלאפן פון לוקאוו, זיינען געקומען טויזנטער פליטים און ארויסגעטריבענע און אנגעפילט דעם ענגן געטא. אין יאר תש״ב האבן אין לוקאווער געטא געלעבט העכער 8000 אידן. אנהויב תש״ג האבן די נאציס אנגעהויבן ליקווידירן דעם געטא. גרופענווייז האט מען ארויסגעפירט די אידן אין די פארניכטונגס לאגערן און אין די ארומיקע געטאס. דער אויסראטונגס פראצעס פון די לוקאווער אידן האט זיך געצויגן ביז כ״ז ניסן תש״ג ווען מען האט ארויס־געפירט די לעצטע אידן צום טויט. און די אלטע, ארבייטס־רייכע, קהלה מיט א געשיכטע פון 400 יאר — איז אפגע־ווישט געווארן.

לומאז : א אלטע קהלה וואס איז שוין געווען טעטיק אין די צייטן פון ועד ארבע הארצות און האט געציילט ביים מלחמה אויסברוך 2500 אידן. אריינפאלענדיק אין די הענט פון די נאצי־מערדער האט זיך אנגעהויבן אין שטעטל בלוטיקע פאגראמען וועלכע האבן ניט אויפגעהערט פאר דער גאנצער צייט פון דער מערדערישער הערשאפט. מען האט אלץ ביי זיי אויסגערויבט, געשטעלט אויסערן געזעץ און יעדן טאג זיינען אידן פארפייניקט געווארן דורך די בלוטדורשטיקע נאצי־חיות. ענדע תש״ב, ווען די דייטשן האבן אנגעהויבן צו ליקווידירן די אידן פון לובלינער קרייז, איז די לאמאזער קהלה די ערשטע געגאנגען צום טויט. מען האט זיי גארניט געפירט אין קיין פארניכטונגס־לאגער נאר מען האט זיי אויסגעהרגעט אין זייער שטעטל און באגראבן אין א ריזיקן ברודער־קבר. די גרויסע שחיטה איז פארגע־קומען ו׳ אלול תש״ב. זיי זיינען אלע אומגעקומען אין איין טאג.



מהומה ומבוכה בין כל. ״לאן מגרשים אותנו״ ?
א מהומה ביי אלעמען. וואוהין טרייבט מען ?

לענטשנע : איינע פון די עלטסטע שטעטלעך אין לובלינער קרייז וועלכע האט זיך ספעציעל ארויסגערוקט אין די צייטן פון ועד ארבע הארצות און די איינוואוינער האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער תורה און גוטע מעשים במשך פון הונדערטער יארן. ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן דארט געוואינט 2300 אידן. די נאציס האבן אנגעהויבן זייער בלוטיקער אקציע געגן די אידן גלייך ביים דערשיינען אין שטעטל, א סאך זיינען געשטארבן אונטער די הענט פון זייערע פייניקער און אנדערע זיינען געהרגעט געווארן אן א שום סיבה. א סאך זיינען אנטלאפן געווארן וואו די אויגן האבן געטראגן. און טראץ דעם גרויסן שטראם פליטים וואס איז נאכאנאנד געפלאסן אהער, איז אין יאר תש״א ניט געווען אין געטא מער ווי קרוב צו 2000 אידן און זייער לאגע איז געווען נאך שוידערליכער ווי פון אידן אין אנדערע געטאס אין לובלינער קרייז. דער גרויזאמער לעבן האט זיך געצויגן ביז ב׳ כסלו תש״ג, דאן האט מען אלע אידן ארויסגענומען אויף זייער לעצטער וועג.

לעווערטאוו : דאס שטעטל איז געווען נאר 24 קילאמעטער ווייט פון לובלין און די אידן זיינען געווען א העלפט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. בערך 3418 נפשות, וועלכע זיינען געווען בעיקר קליינע סוחרים און בעלי מלאכה וועלכע האבן די גאנצע צייט שטארק געליטן אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען מצד דער פוילישער מאכט, וואס האט אויפגעשטעלט געשעפטן און קאאפעראטיוון פאר פאליאקן כדי צו קאנקורירן מיט די אידישע סוחרים און צונעמען ביי זיי זייער פרנסה. שווערע שטייערן זיינען ארויפגעלייגט געווארן אויף די לעווערטאווער אידן מיטן ציל זיי צו נויטן פארמאכן זייערע אונטערנעמונגען און פריי מאכן דעם ארט פאר פאליאקן וואס זיינען געקומען אהין זיך באזעצן.

ערב ראש השנה ת״ש האבן די דייטשן איינגענומען דער שטאט און גלייך געמאכט א בלוטיקן פאגראם אויף די אידן מיט דער שטארקער מיטהילף פון די ארטיקע פאליאקן. עס איז איינגעארדענט געווארן א ארגאניזירטע רויב אקציע באגלייט מיט גרויזאמע פייניקונגען געגן אידן. 4 אידן זיינען ביי דער דאזיקער מארד און רויב אקציע — אומגעקומען.



עבודת כפיה. תעודת עבודה של ילד.
צוואנגס ארבייט. א ארבייטס קארטע פון א קינד.

בשטח הגנרל גוברנמנט, זכרים מגיל 12 ונקבות מגיל 14 עד לגיל 60 בעבודה כפיה רשמית ללא כל תמורה שהיא. תקופת עבודת הכפיה היתה לראשונה „לשנתיים ימים אולם היא עשויה להיארך אם בתום התקופה היא לא תשיג את המטרה החנוכית המוצהרת״.

לדעת הדוברים הנאציים הרי שהעם היהודי הוא עם של „פרזיטים״ החותר להתקיים על חשבון מציצת דמם של העמים אחרים. הנאצים — אמרו אלה — החליטו לקבל על עצמם את המשימה הגדולה „לחנך״ את היהודים לחיי עבודה ועמל. לתעמולן הראשי של הנאצים, יוזף גבלס היו גם נימוקים אחרים להפיכת יהודי פולין לעבדים נרצעים „היהודים מועסקים בעבודות הבזויות ביותר כדי להוכיח להם שדירותיהם הבזויות בעיירות הם סמל לנבזות וזאת — בהדרכת אנשי ס. ס.״ — כותב הצורר בעתונו „אנגרף״ מיום 24.10.1939 והבטאון הרשמי של המפלגה הנאצית „פלקישר באובכטר״ מוסר מפי סופרו בפולין הכבושה על חטיפת יהודים לעבודה „...יצאנו לרחוב, פשוט לאסוף את היהודי לעבודה, למרות הבקשות המנומסות אם אחד התעצל מיד הוטב דרכו ובעת המלחמה אסור לאבד זמן ותודה לא־ל ישנם דרכים הרבה להתגבר על היהודי הממרה...״

באורח רשמי לא דברו הנאצים על עבודת הכפיה של יהודי פולין. אולם דרך־אגב פורסמו לא פעם תיאורים מחרידים על ניצול אכזרי של יהודי פולין האומללים. סופרו של „אוסטדויטשע צייטונג״ מתאר את העברת מכונות של מפעל גדול מפולין לגרמניה ומספר „...עמדנו תוהים ומשתאים לדעת, מי יעמוס את המכונות הכבדות על קרונות הרכבת באין כאן מנופים ואמצעים מוטוריים אחרים. האחראי על המבצע, גרמני טוב ונאמן מווינה צחק בכל פיו לשמע חששותינו. הצביע לעבר פרגל עבה שבידו וטען „הנה הטוב שבמנופים״..., כעבור רגעים מספר הופיעה קבוצה גדולה של יהודים, מכל הגילים, נערים צעירים וגם זקנים, אחרי שקבלו תדריך לדוגמא בעזרת „המנוף״ שבידי האחראי למבצע, הם בצעו את המלאכה במהירות. כלבו הגדול והיפה של אחד מקציני הס. ס. דירבנם לסיים את העבודה במהירות ולא להתעצל. אכן, בהדרכת השלטון הארי יכולים גם היהודים לעבוד. ולא רק להתעסק בריגול ובחבלה״...

בתקופה מאוחרת יותר הפכו „עבדים ממוצא יהודי״ לסחורה מבוקשת במשק הגרמני. נצלו אותם בצורה אכזרית ביותר ובתנאים מחרידים ללא כל תמורה. העובדא ששלדי אדם האומללים הללו נפלו כזבובים תוך כדי עבודת פרך זו לא הטרידה את מנוחת אילי התעשיה הגרמנים, שהקימו מאות מפעלים סביב למחנות הריכוז הגדולים וקבלו כל אחד אלפי עבדים חנם אין כסף.

עזרת אחים

טיפות העזרה המעטות לא יבשו את ים היסורים והסבל. המאמצים העילאים שעשו רבים כדי לעזור לאח האומלל והזקוק לעזרה חיונית לא ענו על הצרכים שגדלו מיום ליום ומשעה לשעה. לא היה מחסור ברצון טוב וכנה מצד הרחמנים בני רחמנים. אבל העזרה המועטת שהוגשה באמצעות ידים רועדות ורוטטות לא עמדה מול סערת האימים ששטפה הכל.

בראש מפעלי העזרה שהגישו סעד חיוני בתקופת אימים הראשונה לשואה היתה נציגות הג׳וינט בפולין, אשר שלטונות הכיבוש הנאציים הרשו לה לפעול עד לכניסת ארצות הברית למלחמה נגד גרמניה הנאצית. בשנה הראשונה לכיבוש פולין הגיש הג׳וינט עזרה חיונית ל־630 אלף יהודים ונעזר בפעולה זו על ידי 2046 ועדים יהודיים ב־408 ערים ועיירות שנכבשו על ידי הקלגסים הנאציים. מהם 505.000 יהודים בשטח ה„גנרל גוברנמנט״ ועוד 125.000 יהודים בשטחים שסופחו לרייך הגרמני.

180.000 פליטים ומגורשים קבלו סיוע מהג׳וינט כדי להשיג קורת גג לראשם. מאות אלפי יהודים, ילדים וזקנים קבלו מעט אוכל יום יום ממטבחים עממיים שמומנו על ידי הג׳וינט. מפעל עזרה זה, שהיה אמנם עצום בממדיו כשלעצמו, נאבד כאמור בים הסבל ששטף את יהדות פולין האומללה בתקופה זו.

מפעלי „עזרה עצמית״ של יהודים, להגשת עזרה גם בתנאים הקשים והמחרידים התפתחו בתקופה מאוחרת יותר, והצטיינו בכוונות להקרבה ומסירות נפש. יהודים רעבים התחלקו עם אחיהם במנת לחמם האחרונה, הכניסו פליטים אומללים לחדרי מגוריהם הצפופים עד לאימה. יהודים נענו ברצון לקריאה להזמין אח רעב כשותף לצלחת המרק הדלה ולעזור לו במה שניתן לעזור.

יהודי פולין הצטיינו מאז ומעולם במידת הכנסת אורחים שלהם. עניים נודדים, מחזרים על הפתחים, לא חסרו מעולם במדינה זו, בדרך כלל. בימים כתקונם לא נשאר מעולם אורח בשבת או בימי החג בלי אוכל. גם העניים בחלקם שהתפרנסו בקושי ועמלו בזיעת אפם על פרנסתם המצומצמת קישטו את שולחנם לשבת ולחג באורח עובר דרך, ועשו הכל כדי להנעים לו את שבתו וחגו.


בכל שנות קיומו של הישוב היהודי בפולין פיתחו מפעלי סעד ועזרה בכל קהלה וקהלה. רגש הרחמנות והנכונות לעזור לזולת בכל התנאים פעם בלבו של היהודי הפולני והוא נתגלה בכל הדרו והקיפו בימי השואה האיומים.

די רויבער האבן ניט דורכגעלאזט קיין איין הויז אן רויבן אדער פייניקן·

אבער אפילו דער דאזיקער לעבן פון ליידן און פיין האט זיך לאנג ניט געצויגן· די ארטיקע אפיצערן האבן גלייך באשלאסן ארויסצוטרייבן די אידן פון שטאט· און נאך 500 יאר ארבייטזאמען, ברויזענדיקן לעבן, האבן די לעווערטאווער אידן געמוזט נעמען דעם וואנדער־שטאק אין האנט, אוועק פון זייערע הייזער מיטן העמד אויפן לייב· נאר א גאר קליינע צאל בעלי מלאכה און ספעציאליסטן, האט מען באפוילן צו בלייבן· א טייל פון די ארויסגעטריבענע זיינען אוועק אין דער נאענטער שטאט אסטראוו און דארטן אויסגעהרגעט געווארן, אנדערע זיינען געגאנגען קיין וולאדאווע אדער פארצעווע· און אנדערע האבן זיך דורכגעשמוגעלט צו די אקופירטע געביטן פון די רוסן·

לאסקראוו : א קליינע קהלה אין לובלינער קרייז מיט 1712 אידן· איז געגרינדעט געווארן אין אנהויב פון 15־טן י· ה· און איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן דעם ערשטן טאג ראש השנה ת״ש· פארטאג האבן זיך באוויזן די ערשטע דייטשע קאלאנעס וועלכע זיינען באלד פארשוואונדן· האבן זיך שוין די אידן געפרייט מיינענדיק אז די מערדער זיינען אנטלאפן, אבער אין א פאר שעה ארום זיינען זיי ווידער געקומען, געכאפט 37 אידן און זיי שנעל אויסגעשאסן· אנדערע 17 אידן האט מען געכאפט נעבן מארק, האט מען זיי אויפגעלאדן אויף א לאסט־וואגן, ארויסגעפירט הינטערן שטאט און זיי אויסגעשאסן נאך שוידערליכע פייניקונגען נאר א 16 יעריקע אינגל איז בנס ניצול געווארן· פון דאן אן האבן די גרויזאטע מערדערייען און אונטערדריקונגען ניט אויפגעהערט קיין איין טאג, ביז י״ט תשרי תש״ג, ווען מען האט אלע לאסקראווער אידן ארויסגעפירט הינטערן שטאט, פון דארט האט מען זיי אוועקגעפירט אין טרעבלינקע·

מעזריטש : א אלטע קהלה אין פאדלאסקער געגנט, לובלינער קרייז וועלכע איז געגרינדעט געווארן אין 14־טן י·ה· אין פארלויף פון הונדערטער יארן איז זי געווען טעטיק אלס זעלבסטשטענדיקע הויפט־קהלה· במשך פון דורות האט זיך מעזריטש ארויסגערוקט אין פאדערגרונט מיט איר פרוכטבארער ארבייט און איז געווען די וויג פון חסידות און א צענטער פון תורה און אידישקייט· ביים מלחמה אויסברוך האבן אין מעזריטש געלעבט 12·000 אידן· די שטאט איז קודם געפאלן אין נאצישע הענט און במשך פון עטליכע טעג פון זייער הערשאפט האבן זיי פארגאסן א סאך אידיש בלוט און אנגעווארפן א טויט־שרעק אויף אלע אידן· דאן זיינען די נאציס אוועק און די רוסן זיינען אריין אויף עטליכע טעג· דעם 9־טן אקטאבער האבן די רוסן פארלאזן די שטאט און די נאציס זיינען ווידער געקומען· א סאך מעזריטשער אידן האבן פארלאזן זייערע הייזער און מיטגעגאנגען מיט דער רויטער ארמעע אבער דאס אידישע מעזריטש, וואס האט שוין א סאך מאל זיך געבאדן אין איר אייגן בלוט, איז פול געווארן מיט מאסן פליטים וועלכע האבן געשטראמט אהין· ארויסגעטריבענע פון סובאלק, ריפין און נאשעלסק און א ביסל שפעטער זיינען אויך געקומען ארויסגעטריבענע פון קראקע, מעליעץ, מלאווע און



מחזה רגיל· עוברים לגיטו / א אפט בילד ״אויפן וועג צום געטא״·

אנדערע ערטער· אזוי, אז אין יאר תש״ב זיינען אין מעזריטש שוין געווען העכער 16·000 אידן· חאטש עס זיינען פארגעקומען פאר דער צייט מאסן־שחיטות, און עוואקואציעס·

מיטן דער באפעסטיקונג פון דעם נאצי־רעזשים אין שטאט און קרייז, האבן זיך אנגעהויבן שיטן איוב׳ס יסורים אויף די אידישע קעפ, אויסער דאס כאפעניש אויף צוואנגס ארבעט, סאדיסטישע פייניקונגען, רויב און גרויזאמע גזירות, האבן די באנדיטן געבושעוועט מיט זייער גאנצער שוידערליכער בלוטדורשטיקייט און חיה׳שער בעסטיאליש־קייט· א געלט שטראף איז ארויפגעלייגט געווארן אויף דער קהלה און אלע יונגע ארבייטספעאיקע מענשן האט מען ארויסגענומען ווינטער אין ארבעטס־לאגערן און סתם צו פייניקן· די ס·ס· לייט האבן געמאכט גרויזאמע שחיטות אויף אידן, און די געסטאפא עלטסטע פון קרייז האבן זיך מיט דעם ניט באנוגענט, נאר ארויפגעלייגט א שטראף פון זיבן קילא ריינעם גאלד אויף די אידן, וועלכע מען האט שוין פריער אויסגערויבט ביזן העמד· אונטער דראונגען האבן זיי געפרווט אויסצופרעסן דאס גאלד·

נאך פסח אין יאר תש״ב האבן די מערדער אנגעהויבן מיט ארגאניזירטע אקציעס מיטן ציל צו ליקווידירן דעם גרויסן מעזריטשער געטא· א אפטיילונג פון ס·ס· לייט איז פלוצלונג דערשינען אין געטא און איינגעארדענט א שחיטה דערביי זיינען הונדערטער אידן געהרגעט אדער שווער פארוואונדעט געווארן· אין א געוויסער צייט ארום האבן זיך אנגעהויבן די טראנספארטן אין די פארניכטונגס־לאגערן· אין ווינטער תש״ג זיינען די אקציעס פארשטארקט געווארן· 10 אידישע פאליציאנטן זיינען אויפגעהאנגען געווארן אלס אנזאג אויף דאס וואס שטייט פאר די אידן און ווידער איז פארגעקומען א בלוטיקע שחיטה דעם 1־טן יאנואר 1943· גלייך נאך פסח אין יאר תש״ג האבן זיך אנגעהויבן מאסן גירושים פון געטא קיין מאידאנעק און טרעבלינקע וועלכע האבן זיך געצויגן פון כ״ו ניסן ביז כ״ו אייר תש״ג· נאר א קליינע צאל אידן זיינען געבליבן ביז י״ד תמוז תש״ג· דאן האט מען אויך זיי אוועקגעפירט צום טויט· און די אלטע, מיט אידן און אידישקייט אנגעשטאפטע מעזריטשער קהלה — איז פארשוואונדן·



עינויים מחרידים. יהודים שעל ראשם חרטו מגן דוד באכזריות.
די שרעקליכע ליידן. אידן מיט אויסגעקריצטע "מגן דוד" צייכנס אויף די קעפ.

בחמלה ורחמים נתקבלו המוני פליטים בקהלות ההרוסות למחצה, שנאבקו קשות על קיומן והתבוססו בדמן. בצורה מיוחדת בלטה הנכונות להגשת עזרה וסעד אצל חרדי פולין.

מעמד הרבנים שחוסל

הראשונים לחיסול, לעינויים, לשמש כבני ערובה, להוצאה להורג היו רבני ישראל בפולין. הקהלות הנבחרות חדלו להתקיים, במקומן קמו מועצות שמונו על ידי הקלגסים הנאציים, לרוב, מורכבות מאנשים שמצאו חן בעיני הרוצחים או אנשים שעמלו למצוא חן בעיני הסדיסטים. כתנאי הראשון ולעתים ההכרחי לקבלת מינוי זה מידי שלטונות הכיבוש היה שיתוף פעולה עם שלטונות הרשע וציות עיוור לפקודות האכזריות. רבני ישראל בפולין, רובם ככולם לא שיתפו פעולה עם הנאצים, לא נתנו יד לביצוע משימותיהם הרצחניות והתנגדו בשארית כוחותיהם „למוסר של הג'ונגול" שהונהג על ידי הנאצים.

מועצות היהודים שנתמנו על ידי שלטונות הכיבוש הנאציים לא שיקפו את יחס הכוחות ברחוב היהודי. הן לא הורכבו על בסיס מפלגתי או כל חישוב יצוגי אחר. אם היה לרבני פולין השפעה רצינית על הנציגות החרדית בקהלות הנבחרות הרי שהמספר האפסי של החרדים שנתמנו כחברי המועצות היהודיות שוב לא היוו כל גורם משפיע. הרבנים והרבנות בכלל הוצאה מכלל פעולה רשמית בתקופת השואה, כבר מימיה הראשונים.

מרבית המועצות חדלו לשלם כל משכורת לרבנים, במספר ערים התערבה הגיסטפו ודרשה את הפסקת תשלום זה, הרבנים, אשר ברובם המכריע לא היו בעלי הון ובחלקם הגדול עניים רעבו ללחם מהיום הראשון לכיבוש. רבים מהם, שאולצו לברוח מבתיהם הסתובבו כפליטים מחוסרי כל וידעו סבל שלא יתואר.

סביב לרבנים נתרוקמו אפוא פעולות המחתרתיות הראשונות. כל הפעולות הדתיות היו אסורות בהחלט בכל זאת לא ניתקו יהודי פולין את קשריהם הנצחיים עם אמונת האמת והנצח. בחשאי קיימו אלפי מניינים בכל רחבי פולין. מאסרים מרובים ופעולות דיכוי אכזריות לא הועילו. יהודי פולין המשיכו לטוות את חוט הזהב של נאמנות לתורה ולדת.

השחיטה הכשרה נאסרה לחלוטין. והבשר, בימים הטרופים הללו, כל עוד ניתן היה להשיגו, מצרך חיוני היה. המשיכו רבנים רבים לדאוג לשחיטה כשרה עם כל ההידורים שבוצעה בתנאי מחתרת קשים ביותר. ליד וולאצלאוועק נתלה יהודי באשמת שחיטה כשרה, במחוז לובלין קיפחו עשרות יהודים את חייהם באשמת שחיטה כשרה, בקשאנוב נאסרו מספר יהודים באשמת סיפוק בשר כשר, אבל פעולות הדראסטיות הללו לא הצליחו להימנע מרבנים ועסקנים חרדיים להמשיך ולדאוג לסיפוק אוכל כשר אפילו בימים הקשים והמרים ביותר.

בקהלות רבות אסרו שלטונות הכיבוש הנאציים לערוך טבילה למתים, להביא את חללי חרב ורעב לקבר ישראל לפי דיני ישראל, רבני פולין בחלקם הגדול ועסקנים חרדיים נאמנים עשו הכל כדי לעקף את החוק, האיומים לא עזרו, ההפחדות לא קלעו למטרה, תוך הקרבה ומסירות נפש שלא תתואר המשיכו חרדי פולין לשמור על גחלת הקודש.

כל הסמכויות שהיו בידי רבני פולין לפני הכיבוש בוטלו. נאסר על הרבנים לסדר קדושין ולמלאות כל פעולה שהיא הקשורה עם הדת, אבל שום רב לא קבל את דין הרשע והפשע, ולמרות סכנת המות האורבת המשיכו הרבנים ללא שכר למלאות את משימתם הקדושה, ושימשו לעתים רבות קרן אור להמונים.

רק בשטח אחד לא גילו שלטונות הנאציים כל התנגדות לביצוע הלכה דתית, והוא, המילה. להיפך הקלגסים הגרמנים ראו בעין יפה את קביעת סימן ליהדותו של כל ילד. מתוך נקודת ראות זו חדלו הורים רבים למול את ילדיהם שנולדו בחדשים הראשונים לכיבוש, אם כי מרביתם תוך תקוה, כי מיד אחרי התמוטטותו של המשטר הנאצי יכניסו את ילדיהם בבריתו של אברהם אבינו ע"ה.

אולם המוני חרדים בפולין נשארו נאמנים למצות התורה, אם כי תוך ידיעה ברורה כי אות זה עלול לסכן את חייו של הילד. כי ראו חרדי פולין את יעודם בחיים, את עצם חייהם כערך כל שהוא כל עוד הם חיים כיהודים, כל עוד הם ממלאים יעוד יהודי עלי אדמות, כל עוד הם סובלים כיהודים, הם לא ברחו מיהדותם, לא אמרו להחליף את מטרת חייהם תמורת חיים ללא תוכן ויעוד. החרדים הללו נשארו נאמנים למצפונם הדתי העליון עד ליומם האחרון, גם בתקופת הדמים הקשה ביותר שפקדה אותם בימי הטבח הגדול של יהדות פולין, מהם ודחו הצעות למסור את ילדיהם או בנותיהם לידי נוצרים למען יתחבאו שם עד יעבור זעם, מחשש, אולי לא יחזרו ליהדות כשהוריהם שוב לא יהיו בחיים.

הסיכום הטראגי של התקופה הראשונה

את ימי השואה המרים יתכן לחלק לשלש תקופות. התקופה הראשונה, עם כיבוש פולין על ידי הנאצים ועד להקמת הגיטאות במדינה זו. התקופה השניה, זו תקופת

דעם זעלבן שיקזאל האבן געהאט די קהלות פון מעזריטשער געגנט· די אלטע ווישניצער קהלה איז פארניכטעט געווארן נאך א בלוטיקער שחיטה (אין יאר תש״ב זיינען דארט געווען 1025 אידן), די אלטע רישאשער קהלה (מיט 433 אידן), יאנאוו־פאדלאסק (מיט 1882 אידן), אלט־קאנסטאנטין, א זייער אלטע און באוואוסטע קהלה (מיט 1150 אידן), ראדזעק (דארט האט מען די אידן אויסגעהרגעט ט״ז תמוז תש״ב), טעראספאל (מיט 284 אידן) און אנדערע·

סלאוויטש : א קלייניקע קהלה מיט 1000 אידן אויפן גרעניץ צווישן די אקופאציע געביטן פון דייטשלאנד און רוסלאנד· אריינקומענדיק אין שטעטל האט זיך גלייך אנגעהויבן די בלוטיקע אקציע געגן די אידן· 10 אידן זיינען דערשאסן געווארן און א אלגעמיינע רויב־אקציע איז דורכגעפירט געווארן אין יעדן אידישן הויז· צוליב דעם נאענטן גרענעץ, איז סלאוויטש געווארן דער הויפט־וועג פאר די אלע וואס זיינען געלאפן צום רוסישן געביט· כדי אנצווארפן א אימה אויף די לויפענדיקע, האבן די דייטשן אין א געוויסן טאג צונויפגעזאמלט 40 אידן ארטיקע און פרעמדע און זיי אויסגעשאסן אינמיטן מארק· א קליינער אידישער געטא איז אויפגעשטעלט געווארן וואוהין מען האט אריינגעשטופט אויך די אידן פון דאלהאבריטש, האלישאוו, און אנגע· אבער טראץ די מערדערייען און דער גרויזאמער אונטערדריקונג, האבן די סלאוויטשער אידן אויסגעהאלטן מוטיק און אידיש ביז ז׳ תשרי תש״ג, ווען מען האט זיי ארויסגעטריבן אין מעזריטשער געטא און פון דארט — אין די פארניכטונגס־לאגערן·

סאקאלאוו־פאדלאסק : א אלטע קהלה אין לובלינער קרייז וואס איז שוין געווען טעטיק נאך אין די צייטן פון ועד ארבע הארצות און אין די לעצטע יארן פארן חורבן איז זי געווען א צענטער פון חסידות און תורה אונטער דער הנהגה פון סאקאלאווער רבי׳ן רבי יצחק זעליג מארגענשטערן· דארט האבן געוואינט 5000 אידן בערך· בעת די קאמפן אויף פוילן האט די קהלה שווער געליטן און בעת דער נאצי־אקופאציע איז א סאך אידיש בלוט פארגאסן געווארן· אין פארלויף פון עטליכע טעג זיינען די אידן בארויבט געווארן פון זייער גאנצן פארמעגן און געווארן ביטערע ארימעלייט, געשטעלט אויסער יעדן געזעץ און אויסגעליפערט א באנדע בלוטדורשטיקע חיות· עס איז אויפגעשטעלט געווארן א געטא און די לאגע פון די אידן איז ערגער געווארן פון טאג צו טאג· דער אונטערגאנג פון דער סאקאלאווער קהלה האט זיך געצויגן ביז י״א תשרי תש״ג, דאן האט זיך געענדיקט איר לעבן, מיטן ארויספירן אלע אידן אין פארניכטונגס־לאגער טרעבלינקע·

פארצעווע : א קהלה מיט 5000 אידן בערך, וועלכע איז שוין געווען טעטיק נאך אין די ערשטע צייטן פון ועד ארבע הארצות· מיטן אנקומען פון די נאציס האט זיך אנגעהויבן דער חורבן און פארוויסטונג פון דער אידישער קהלה· דעם גרעסטן טייל אידן האט מען ארויסגעווארפן פון זייערע וואינונגען און זיי האבן געמוזט זיך צונויפדריקן אין א ענגן געטא, וואוהין מען האט געבראכט נאך 2000 פליטים און ארויסגעטריבענע פון אלע פוילישע געביטן און אויך פון




בבנדין· בדרך לגיטו· / בענדין· אין געטא אריין·

אויסער פוילן· הונגער און קרענקען האבן געפאדערט הונדערטער טויטע אבער דער ארטיקער געטא איז געווארן אלץ ענגער און ענגער צוליב דעם אונאויפהערליכן שטראם פון פליטים וועלכער האט זיך געצויגן אהין ביזן יאר תש״ב· קיין פארצעווע זיינען געבראכט געווארן אידן אויך פון די נאענטע ישובים און אלע זיינען געקומען נאר מיטן העמד אויפן לייב, און די ארטיקע הונגעריקע און ארימע אידן האבן געמוזט דאגה׳ן אויך פאר די אנגעקומענע·

אנהויב תש״ג האבן די דייטשן אנגעהויבן ליקווידירן דעם געטא· כ״א תשרי האבן די מערדער געמאכט א גרויזאמע שחיטה, 108 אידן זיינען אויסגעהרגעט געווארן במשך עטליכע שעה און א סאך האט מען אוועקגעפירט קיין סאביבאר· אין כסלו תש״ג איז פארענדיקט געווארן דער פארניכטונגס־פראצעס פון די פארצאווער אידן· די לעצטע אידן האט מען אוועקגעפירט צום טויט·

פיאסק : א חשובע קהלה אין לובלינער קרייז מיט 4165 אידן· אין זעלבן טאג ווען די נאציס זיינען אריין אין שטעטל האבן זיך אנגעהויבן פאגראמען געגען די אידן· עטליכע אידן האט מען געכאפט, געבראכט אין אלטן בית מדרש און דארט זיי פארברענט לעבעדיקערהייט צוזאמען מיטן בית מדרש· שווערע געלט שטראפן זיינען ארויפגעלייגט געווארן אויף די ארימע אידן, גלייכצייטיק איז דורכגעפירט געווארן א ארגאניזירטער רויב איבערפאל אויף יעדער אידישער שטוב און דראסטישע געזעצן זיינען ארויסגעגעבן געווארן געגן די אידן· אין קליינעם געטא זיינען די לעבנס באדינגונגען נאך ערגער געווארן פאר די ארטיקע ווי אויך פאר די טויזנטער פליטים און פארטריבענע· די פיאסקער קהלה איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן כ״ד אדר ב׳ תש״ג ווייל א סאך אידן זיינען אוועקגשיקט געווארן אין פארניכטונגס־לאגער טראווניקי און די איבעריקע האט מען אויסגעהרגעט אויפן ארט·

פולאווע : א אלטע קהלה אין לובלינער קרייז מיט 3600 אידן· בעת די קאמפן אויף פוילן האט די שטאט שווער געליטן פון באמבארדירונגען און לופט־אטאקעס, אבער די ליידן פון די אידן האבן זיך ערשט אנגעהויבן נאך דער



״פעולה״· רוצחים יהודים באכזריות·
״אקציע״· מ׳טויט אידן אכזריותדיק·

הגיטאות, והשלישית והאחרונה, זו תקופת החיסול והטבח ההמוני, ימי ביצוע „הפתרון הסופי״, אם התקופה הראשונה שקדמה להקמת הגיטאות ארכה 3 עד 10 חדשים, והתקופה השניה של החיים האפלים מאחורי סורג ובריח נמשכה בדרך כלל קרוב לשנתיים ובמחוזות מסוימים אף יותר מזה, הרי שהתקופה השלישית, האחרונה, היתה הקצרה ביותר והעקובה מדם יותר משני התקופות שקדמו לה·

קהלות ישראל בפולין חוסלו סופית בשנת תש״ב—תש״ג ומספר קהלות וישובים אף התקיימו עד לחדשי החורף בשנת תש״ד· אבל, בחיסולן הטוטאלי של קהלות הוחל כבר בימים הראשונים לכיבוש הגרמני בפולין·

המדיניות הרשמית של שלטונות הכיבוש הנאציים שאפה לגרמן את האיזורים המערביים בפולין ולטהר את השטחים הללו מיהודים לפני שהוחלט לבצע למעשה את הטבח ההמוני במסגרת תכנית „הפתרון הסופי״· כאמור, הרי שנימוקים כלכליים טהורים הכריעו בתקופה הראשונה לכיבוש ושלטונות הרצח החליטו להשאיר את היהודים במספר ערים בשטח שסופח לרייך, בווארטגאו ובשלזיה לתקופת מה· הדבר לא מנע את גירושי היהודים מישובים וקהלות מספר לערים הגדולות ולגיטאות שונות· כבר בשנת תש״א חוסלו בצורה זו כמה מאות קהלות קטנות וישובים במחוזות לודז, ווארשה וקראקה·

ואם בשנה הראשונה לכיבוש הנאצי חוסלו למעלה ממאה קהלות באורח טוטאלי וכאלף ישובים קטנים „טוהרו״ מיהודים, הרי שגדל מספר זה בשנה השניה לכיבוש, בתקופת הגיטאות אשר כפי שהתברר אחרי כן, שִׁמשה פעולה זו כהכנה לביצוע הטבח הגדול· ריכוז היהודים במספר מוגבל של מקומות מוגדרים וסגורים הקל על הרוצחים הגרמניים את מלאכת הטבח·

מדיניות הגירושים של שלטונות הנאציים בפולין בוצעו לפי תכנית ערוכה מראש ותואמת בסופו של דבר לביצוע תכנית הפתרון הסופי· כך, ובעת הטבח הגדול, עת חוסלה יהדות פולין באורח סופי רוכזו כל יהודי פולין בכמה מאות קהלות־גיטאות סגורות שאיפשרו השמדה מהירה של יהדות זו, מובן פרט לקהלות ישראל באיזורים המזרחיים, שנכבשו על ידי הגרמנים אחרי פרוץ מלחמת גרמניה־רוסיה הסובייטית·

אולם אם החורבן הפיסי של הקהלות, ההרס הסופי בא עם ביצוע הטבח הגדול והסופי, הרי שההרס המוסרי, המעשי של הקהלות בתור שכאלה בא מיד עם כיבוש פולין על ידי הקלגסִים הַנאציים· הקהלות בפולין, שפעלו בתקופה האחרונה כמוסדות דימוקראטיים נבחרים, ויצגו רובן ככולם את יהודי פולין לכל גווניהם וזרמיהם, הקהלות הנבחרות אשר פעלו כתאים יהודיים עצמאיים בגולה זו וריכזו למעשה ולהלכה את הפעילות הציבורית המקומית בכל מקום ומקום, אם זה היה בשטח הדתי או בשטחים אחרים, חוסלו בתור שכאלה מיד עם הופעת הנאצים·

„מועצת היהודים״ או „זקני היהודים״, מוסדות הביצוע של הקהלות שנתמנו על ידי הגרמנים בכל מקום ומקום שלטו למעשה על כל החיים היהודיים· במקומות מספר, הקיפו המועצות הללֵו את כל שטחי החיים, את הכלכלה ואת כל השירותים החיוניים· בלודז למשל החליט ראש הגיטו, רומקובסקי כי מתפקידו גם לערוך את החופות של זוגות צעירים ולא מתפקידם של הרבנים· אבל, רובן המכריע של המועצות הללו שימשו להלכה ולמעשה ככלי שרת בידי שלטונות הרצח, מרצון או מאונס מלאו מספר מועצות תפקידים עגומים למדי· יהודי פולין לא ראו במועצות הללו ובחבריהן את נציגיהם כלפי השלטון האכזרי אלא את נציגות השלטון ברחוב היהודי·

ראשי המועצות לא נחשבו על ידי היהודים כראשי הקהלות הנבחרות והחוקיות· קהלות ישראל בפולין הדוויה חוסלו לדעתם עם הופעתם של הקלגסים האכזריים בפולין· תנאי הכיבוש הקשים, מסע הדיכוי וההרס לא איפשרו את הקמתם של תאים קהילתיים מחתרתיים, אולם ברור ובמקרה הקלות כל שהן מצד שלטונות הדיכוי הנאציים היו קמות בחזרה מוסדות הקהלות·

אי שיתוף פעולה

שנות השואה הקשות, הרעב והמחסור, המחלות והיאוש אמנם פגעו קשות ביהודי פולין וזעזעו עד היסוד את גולה זו, לא חסרו מקרים יוצאי דופן של אנשים אשר אבדו את צלמם האנושי בכור היסורים הטראגי· חלשי אופי ומוכי יאוש לא הצליחו לעמוד במבחן הקשה והמר, אבל, מקרים אלה נשארו יוצאי דופן, מעטים ולא שיקפו כלל את חוט השדרה של יהדות פולין, את המוניה בחלקם הגדול, אלה, ברובם המכריע עמדו במערכה הקשה ואף יכלו לה, שמרו על צלמם האנושי ועל יחודם היהודי·

כמעט בכל מקום, בכל עיר וקהלה נמצאו משתפי פעולה עם שלטונות הנאציים, מהם בצורה מסויגת, מוגבלת, תוך שמירה על נאמנות יהודית לאחים הנתונים בצרה, ומהם מקרים חמורים יותר של מלוי תפקידי הלשנה ומתן עזרה לקלגסים הנאציים במסעם נגד יהודי פולין תמורת קבלת טובת הנאה אישית ולרוב פעוטה ביותר· אבל מקרים יוצאי דופן אלה נשארו מוגבלים בהיקפם למרות הפתוי הרב· יהדות פולין ברובה המכריע ביותר התיחסה בשאט נפש לשמע כל נסיון של שיתוף פעולה עם שלטונות הרצח· גולה זו שטבלה בדמה וטבעה בדם יסוריה דאגה תמיד בכל הזדמנות ראשונה לחסל את המלשינים או משתפי הפעולה·

ואם יהדות פולין לא התמרדה בתקופת הדמים הראשונה של הכיבוש הנאצי, הרי שהדבר נבע מתוך אחריות קיבוצית

מלחמה, ווען די שטאט איז געפאלן צו די דייטשן אין די הענט· אויפן דראסטישסטן אופן זיינען איינגעפירט געווארן די אונטערדריקונגס געזעצן געגן אידן וועלכע זיינען געווען באגלייט מיט בלוטיקע ארויסטרעטונגען און טאג טעגליכע מערדערייען· טאג טעגליך זיינען איינגעארדענט געווארן גרויל סצענעס געגן די אידן מיט דעם מיטהילף פון די ארטיקע פאליאקן· פולאווע איז געווען איינע פון די ערשטע שטעט וואו מען האט אויפגעשטעלט א געטא אויף א ענגן פלאץ, דארטן זיינען איינגעשלאסן געווארן ביי 4000 אידן פון שטאט און דעם אומגעגנט· הינטער די געטא מויערן איז די לאגע פון די אידן געווארן נאך ערגער, אויסגייענדיק פון הונגער און קראנקהייטן· כ׳ תשרי תש״א זיינען פלוצלונג אלע פולאווער אידן ארויסגעטריבן געווארן, אויך פון קליינעם געטא, קיין פאריסאוו און קיין סאביעננא־יעזארי, ניט ערלויבענדיק זיי מיטצונעמען דאס מינדעסטע·

קאנסקיעוואליע : א אלטע קליינע קהלה אין לובלינער קרייז וועלכע האט זיך בארימט געמאכט מיט אירע גרויסע פערזענליכקייטן און איר תורה׳דיק־חסידישן לעבנס־ארט במשך פון לאנגע דורות, אזוי אז זי איז געווען א סימבאל פון הייליגן, אויסגעלייטערטן לעבן· ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן דארט געלעבט 1100 אידן, קליינהענדלער און ארימע בעלי מלאכה, דער גרעסטער טייל ־ון זיי — שטרענג רעליגיעזע אידן וועלכע האבן ווייטער געשפינט דעם גאלדע־נעם פאדעם פון געלייטערטן, טראדיציאנעלן לעבן· א אמת׳ער גיהינום האט זיך געעפנט פאר די אידן גלייך מיטן דערשיינען פון די דייטשן· בעיקר האבן געליטן די אלטע לייט פון שטאט וועלכע זיינען געווארן דער ציל פאר די סאדיסטישע מערדערייען פון די נאציס· טראץ די שווערסטע באדינגונגען האבן די קאנסקיעוואליער אידן אויפגענומען 1250 ארויסגעטריבענע מיט אלער הארציקייט און זיי גע־האלפן מיט זייער גאנצער ארימקייט זיך ווי עס איז איינצו־ארדענען· אנהויב תש״ג האבן די נאציס אנגעהויבן אפצוריי־ניקן דאס שטעטל פון אידן· די מאסן־שחיטה האט זיך גע־ענדיקט כ׳ חשון תש״ג, ווען די לעצטע אידן זיינען ארויס־געפירט געווארן צום טויט·

קראשניק : איינע פון די עלטסטע אידישע קהלות אין לובלינער קרייז וועלכע איז געגרינדעט געווארן נאך אין אנהויב פון 15־טן י׳ ה׳ פאר דער מלחמה האבן דארט געוואינט 5400 אידן· אויף מארגן נאך ראש השנה האבן די דייטשן איינגענומען דאס שטעטל און גלייך אנגעהויבן זייער בלוטיקע אקציע געגן די אידן· עטליכע רעליגיעזע אידן האבן זיך געמוזט אנטאן אין טליתים און אונטער א האגל פון קלעפ זיינען זיי אין די טליתים געטריבן געווארן צו די שטאטישע קלאזעטן, וועלכע זיינען שטארק פארלאזט געווארן בעת די קאמפן, און מיט די טליתים זיי אויס־רייניקן· א אידישער קצב וועמען מען האט געכאפט דאוונע־דיק האט מען אויך געבראכט אהין און דער דייטשער אפיצער האט אים באפוילן ארייננצווארפן די תפילין אין אפגוס, דער שטאלצער איד האט אויפגעריסן די העמד און א געשריי געטאן צום נאצי : קענסט מיר שיסן און דעם באפעל וועל איך ניט אויספירן· ניט טראכטענדיק האט דער מערדער אים דערשאסן אויפן ארט·




...ובמחנה כלמנו עוסקים כבר במיון בגדי הקרבנות
אין דעם פערניכטונגס לאגער אין כעלמנא סארטירט מען שוין מלבושים פון די קרבנות...

גרויל סצענעס זיינען איינגעארדענט געווארן טאג־טעגליך, גלייכצייטיק איז אויך ארגאניזירט געווארן א רויב־אקציע און א קייט פון אוממענשליכע געזעצן האט אינגאנצן דער־שטיקט דעם אידישן לעבן· נאכן אויפשטעלן דעם געטא, האבן די מערדערייען אויף א קורצער צייט אויפגעהערט, אבער פון דער צווייטער זייט האט זיך צובושעוועט דער הונגער און די קראנקהייטן וועלכע האבן געפאדערט א סאך קרבנות· 3 יאר האט זיך די ארימע אומגליקליכע קהלה געווארפן אין אירע גסיסה צאנקענישן· כ״ח חשון תש״ג איז דער געטא ארומגערינגלט געווארן און אלע אידן זיינען ארויסגעפירט געווארן אין די פארניכטונגס־לאגערן·

קראסנאבראד : א אלטע קליינע קהלה אין לובלינער קרייז וועלכע האט זיך ארויסגערוקט אין פאדערגרונט מיט אירע שוידערליכע ליידן מער ווי אנדערע קהלות אין לוב־לינער קרייז· אינ׳ם טאג ווען זי איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן האבן דארט געלעבט 1750 אידן, זיי זיינען גלייך אלע ארעסטירט געווארן און זיי האבן געמוזט שטיין לאנגע שעה׳ן מיט אויפגעהויבענע הענט· אין א שטיק צייט ארום האבן די מערדער ערקלערט אז רחמנות׳האבענדיק אויף די אידן, ערלויבן זיי זיי צו שטיין אויף די קניה מיט אויפגעהויבענע הענט· די מערדער זיינען געגאנגען פון איד צו איד און ניט דורכגעלאזט אפילו קינדער, האבן זיי גרינטליך אונטערזוכט יעדן איינעם שלאגענדיק דערביי אלעמען מכות רצח, א סאך אידן האבן געמוזט זיך אויסלייגן און די מערדער האבן אויף זיי געטראטן, די וועלכע האבן זיך געגעבן א באוועג, זיינען דערשאסן געווארן אויפן ארט·

אויף מארגן האבן די נאציס אונטערגעצונדן דעם ארטיקן בית מדרש, די אידן האבן געמוזט קומען און פארלעשן די שריפה און די וואס האבן עס געוואלט טאן — האט מען אריינגעווארפן אין די פלאמען· די נאצישע אפיצערן האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער סאדיזם און יעדן טאג האבן זיי אויסגעטראכט נייע גרויל סצענעס און נייע מערדערייען· אזוי זיינען אריינגעטרעטן די אומגליקליכע קראסנאבראדער אידן אין דער חורבן־תקופה וואס האט זיך געצויגן ביז י׳ חשון תש״ג, בעת די נאציס האבן געוואלט ארויסשיקן אלע אידן אין די פארניכטונגס־לאגערן, אבער די ארטיקע אידן האבן זיך געגנגעשטעלט און מיטן גוטן ווילן ניט געוואלט



הרוצחים דורכים על הקרבנות, לברר אם כבר מתו.
די רוצחים טרעטן אויף די קרבנות, פעסטצושטעלן אויב זיי זענען טויט...

ורצון למנוע את סבל הזולת. מאז הופעתם בפולין הצליחו הנאצים להפעיל את הנשק הזה נגד היהודים ולהשתמש בו לביצוע מזימותיהם הרצחניות. בכל מקום נלקחו בני ערובה או נקבעו עונשים קולקטיביים בעד אי מלוי פקודות או אי ציות לחוקים ולגזירות על ידי יחידים. האחריות הקולקטיבית של צבור למעשה הפרט, או של גזע שלם טופחה בכלל על ידי הנאצים והפכה לחלק בלתי נפרד של השקפת עולם ההיטלריסטית. אבל ביחסם ליהודי פולין דאגו שלטונות הכיבוש הנאציים להבליט את העקרון הזה ולהכניסו לתעודתם של היהודים המעונים.

ידעו יהודי פולין כי כל נסיון של התמרדות, של אי ציות לחוקים הדראסטיים, של עקיפה על הגזירות הרצחניות יביא לתגובה קיבוצית, שיופעלו דוקא על השכבות הסובלות. בעד בריחת יהודי מכלא עונו יהודים ונתפסו במקומות ברחובות, בעד בריחת יהודי מעבודת כפיה או עינויים עונו ללא רחם היהודים שנשארו ולא ברחו, בתקופה מאוחרת יותר, במחנות העבודה ובמחנות הריכוז נתלו מספר יהודים בלי כל התחשבות בזהותם בעד בריחתו של יהודי אחר. היה זה הנשק „היעיל" ביותר של הנאצים, כי איזה יהודי העיז ולהציל את נפשו ולגרום על ידי כך למותם של מספר יהודים אחרים, אם כי בלתי מוכרים לו.

יהודי פולין שמרו על יחודם הדתי והלאומי במשך כאלף שנות שבתם בפולין. בכל התולדות של גולת ישראל מאז חורבן הבית השני בלטו יהודי פולין בשמירתם על עצמאותם הרוחנית ואי התערבותם בין שכניהם. חלק נכבד מיהודי פולין לא ידע כמעט את שפת המדינה את השפה הפולנית, יהדות פולין לא התעניינה מעולם בתרבות עמי פולין. רק יהודי תושבי הערים הגדולות בפולין גרו בגיטו מאחורי חומה ושער, הפתוח לרב לרווחה, יהודי הישובים והעיירות הקטנות לא היו כמעט מוגבלים ביחס לתחומי מגוריהם, בכל זאת שמרו יהודי פולין על החומה הרוחנית, הדתית והמוסרית שהבדילה בינם לבין שכניהם. בתקופה מאוחרת יותר דגלו חוגים וזרמים שונים ביהדות פולין בהתבוללות לאומית או דתית, אבל החוגים הללו נשארו מוגבלים ביותר.

בעיירות ובישובים הקטנים קשרו יהודים יחסי שכנות, יחסי מסחר ועבודה תקינים עם שכניהם הפולנים או האוקראינים. יחסי ידידות זו, לא העומדה במבחן לפני כיבוש פולין על ידי הקלגסים הנאציים ונראתה כאיתנה ונאמנה, בכל זאת היא לא חדרה מעולם לתחומים אישיים או אינטימיים. רק במקרים נדירים ביותר הוזמן לא יהודי לשמחה משפחתית של יהודי או להיפך. עמי פולין לא רכשו מעולם ידידות אמת לשכניהם היהודים אם כי ניצלו אותם עד לשדם. יהודי פולין לעומתם התיחסו בבוז ובלעג לעמי פולין, ולמרות תנאי השיעבוד וההתערבות המתמדת של שלטונות פולין בעניניהם הפנימיים של יהודי גולה זו, הקימו יהודי פולין מדינה בתוך מדינה, איים יהודיים עצמאיים בכל עיר ובכל מקום, מובדלים מהסביבה הפולנית באפפה אותם מכל עבר, איים סגורים לזרים.

שלטונות הכיבוש הנאציים הרסו עם הופעתם את קהלות ישראל בפולין, את מוסדות יהדות פולין, חיסלו את החיים הציבוריים אבל לא את מדינת הרוח והנפש של יהדות פולין, וזו חוסלה רק אחרי רציחתו של אחרון יהודי פולין.

צל הכליון על קהלות פולין

תוכניות הרצח השטניות של הנאצים נתלו בכל התופעות השליליות שבמדיניות ובשלטון. תכנית הרצח לא היתה גלויה, נשמרה למעשה מהרגע הראשון כסוד מדיני כמוס ביותר וחשוב ביותר, מדיניות הדכוי נתלוותה בשקר, תרמית, רמאות והעמדת פנים בצורה השפלה והנבזית ביותר, הודעות רשמיות, הצהרות פומביות, חוקים שונים ופעולות רבות לא היו אלא מבוימות וכוזבות תוך מטרה מכוונת מראש לבצע את רצח יהודי פולין ללא כל התנגדות שהיא מצד הקרבנות.

מדיניות שפלה זו בוצעה עד הסוף. היא בוצעה בשלימות על ידי כל המנגנון של הרייך השלישי שפעל בפולין הכבושה, „העם האציל" לא נרתע ממלאכה בזויה זו שלוותה כצל את מבצע הרצח. למרות פעולות הסוואה זו ידעה יהדות פולין ברובה הגדול את הצפוי לה במקרה ושלטון הדמים לא יתמוטט במהירות. ידעה ועמדה מחוסרת אונים מול המציאות המרה, מוקפת מכל עבר ומחוסרת אונים. יד ה' היתה זאת.

בתקופה הראשונה לכיבוש הנאצי האמינו עוד רבים מיהודי פולין, במיוחד אלה שהאמינו בתמימות במצפון העמים הדימוקראטיים, בנאמנות פועלי העולם לסוציאליזם, לעקרונות הליבראליים כי העולם הגדול והנאור לא יתן לרוצחים הנאציים לבצע את זממם, ישמיע את דברו ברמה ויאלץ את החיות הטורפות הנאציות לרסן את תאבונם לרצח וצמאונם לדם יהודי.

יתכן, ותנועת מחאה אדירה של עמי העולם נגד הרדיפות האכזריות של הנאצים נגד יהודי גרמניה ואחרי כן, יהודי אוסטריה וצכוסלובקיה בשנים שקדמו למלחמת עולם האחרונה היתה מרסנת את הנאצים בגישתם ליהודים. אבל, תנועת מחאה לא קמה, ואם נשמע פעם מחאה נגד פעולות הנאצים היה זה קולו של יהודי או פעולה שאורגנה על ידי יהודים, ממשלת גרמניה הנאצית למדה לדעת בטרם כבשה את פולין כי עמי העולם לא יפריעו למענה לבצע את הפעולה האיומה ביותר נגד היהודים. זאת ועוד, המנהיגים


ארויסגיין. דאן האבן די מערדער ארומגערינגלט דעם געטא און גרויזאם אויסגעהרגעט אלע אידן.

קוזמיר: איינע פון די עלטסטע אידישע קהלות אין פוילן מיט א טעטיקייט פון כמעט 800 יאר. ביים מלחמה אויסברוך האבן דארט געלעבט 2800 אידן. גלייך ביים אריינגיין אין שטעטל האבן די נאציס, ביי דער מיטהילף פון די ארטיקע פאליאקן איינגעארדענט א בלוטיקן פאג־ראם און א רויב־אקציע, אלע קהלה־אינסטיטוציעס זיינען געשלאסן געווארן און מערדערישע גזעצן האבן צוגענומען דעם רעכט פון לעבן ביי די אידן. אפיציעל איז קיין געטא ניט אויפגעשטעלט געווארן, אבער די אידן האבן געמוזט וואינען אין עטליכע קליינע שמאלע געסלעך, אונטער גרויז־אמע באגרענעצונגען אן א שום מעגליכקייט ארויסצוגיין פון שטאט. י״ב ניסן תש״ב, ערב פסח, האט מען פלוצלונג ארויסגעטריבן אלע קוזמירער אידן קיין בעלזיץ, ניט ערלוי־בענדיק זיי מיטצונעמען אפילו א קלייניקייט.

קאצק: א אלטע קהלה וואס האט געפירט א אייגענע טעטיקייט נאך אין די צייטן פון ועד ארבע הארצות, און איז בארימט געווארן אלס צענטער פון געלייטערטער חסידות און דעם וואין־ארט פון קאצקער רבי׳ן רבי מנחם מנדל, איינער פון די זיילן פון חסידות. ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן דארט געוואינט 2400 אידן און העכער טויזנט פליטים און פארטריבענע דורך די דייטשן. א לעבן פון גרויל און אוממענשליכע ליידן האט זיך געצויגן ביזן ערשטן טאג סוכות, ט״ו תשרי תש״ג, פריער האבן די דייטשן דורכגעפירט א בלוטיקע שחיטה אין וועלכער עס זיינען אומגעקומען ס׳רוב אידן פון קאצקער געטא. די איבערגעבליבענע האט מען אוועקגעפירט אין פארניכטונגס־לאגער סאביבאר און דארט זיינען זיי אומגעקומען ביזן לעצטן.

קראסנאסטאוו: א קליינע קהלה אין לובלינער קרייז מיט 2100 אידן, וועלכע איז געגרינדעט געווארן נאך אין 15־טן י. ה. מיטן אנקומען פון די נאציס האט זיך אנגע־הויבן דער שטופענווייזער חורבן פון דער אלטער קהלה. די קהלה אינסטיטוציעס זיינען געשלאסן געווארן, מען האט ביי די אידן צוגערויבט אלץ וואס זיי האבן געהאט און אזוי ארום זיינען די אידן פארמשפט געווארן אויסצוגיין פון הונ־גער און נויט. טאג טעגליך זיינען פארגעקומען בלוטיקע פאגראמען און גרויל־סצענעס. דער ביטערער לעבן האט זיך אזוי געצויגן ביז כ׳ חשון תש״ג, דאן זיינען די לעצטע אידן ארויסגעטריבן געווארן אין איזביצער געטא אדער אין די ארומיקע ארבעסט־לאגערן.

צוזאמען מיטן אונטערגאנג פון דער קראסנאסטאווער קהלה, זיינען אומגעקומען אויך די איבעריקע קהלות אין געגנט. אין דער זעלבער צייט, זיינען פארניכטעט געווארן די קהלות: באגזשאקאוו (1000 ארטיקע און 800 ארויס־געטריבענע אידן); טורבין (1400 איינוואוינער און 1800 ארויסגעטריבענע וועלכע די דייטשן האבן געבראכט אהער); ביסקאוויץ (580 אידן); באראנאוו (1000 ארטיקע און 900 פליטים און ארויסגעטריבענע וועלכע די דייטשן האבן גע־בראכט אהער); קאראוו (7251 אידן) א.א.



שלל השוד. טבעות נשואים. / א בארג גערויבטע קידושין־פינגערלאך.

ראדזין: א אלטע קהלה אין לובלינער קרייז מיט 3000 אידן בערך. גלייך ביים אקופירן דאס שטעטל דורך די דייטשן האט מען א טייל אידן ארויסגעטריבן אין די ארומיקע שטעטלעך, אבער אויף זייער ארט האט מען געבראכט קיין ראדזין פליטים און ארויסגעטריבענע פון די מערב׳דיקע געביטן פון פוילן. די שטאט, וועלכע איז געוועזן א צענטער פון תורה און חסידות און וואו עס האט געוואינט דער ראדזינער רבי רבי גרשון העניך ליינער, האט אנגעהויבן שווערער ליידן צוליב דעם וואס די געסטאפא האט דארט איינגעארדענט אירע ביוראען ווי אויך די ביוראען פון דער ס. ס. פאר די צפונ׳דיקע געביטן פון לובלינער קרייז. די נאצי־מערדער און ס.ס. סאטראפן וועלכע האבן זיך מאסענ־וויז געדרייט אין שטאט, האבן אן רחמנות געפייניקט די אומגליקליכע ראדזינער אידן אן אויפהער און האבן א סאך אידיש בלוט פארגאסן. די גרויזאמע ליידן פון די ראדזינער אידן האבן זיך געצויגן ביז ה׳ חשון תש״ג, דאן האט מען אלע אידן ארויסגעטריבן אין מעזריטשער געטא און אין ארבעטס־לאגערן.

ריקי: א קליינע שטעטעלע אין לובלינער קרייז מיט א כמעט אויסשליסליכער אידישער באפעלקערונג (2895 אידן און נאר 300 פאליאקן) און מיטן איינגעמען איר דורך די דייטשן איז די צאל פון די אידן א סאך גרעסער געווארן. מען האט געבראכט אהין 500 אידן פון טשעכאסלאוואקיע און הונדערטער אידן פון לאדזער און ווארשווער קרייזן.

שוין אין אנהויב פון דער אקופאציע איז די שטעטל פארוואנדלט אין א אידישער טורמע. זיי האבן ניט געטארט ארויסגיין פון שטעטל און אלע דראסטישע געזעצן זיינען דארט איינגעפירט געווארן. פון צייט צו צייט, זיינען דארט געקומען ס.ס. באנדעס ספעציעל כדי צו מאטערן אידן, זיי פלעגן איינארדענען יעדעס מאל בלוט־פארגליווערנדע גרויל־סצענעס באגלייט מיט מערדערייען און שוידערליכע בלוט פארגיסונגען. דער ריקער געטא איז ענטגילטיק ליקווידירט געווארן כ׳ חשון תש״ג, מען האט זיי אוועקגעפירט אין א פארניכטונגס לאגער, דארט זיינען זיי נאך אין זעלבן טאג אומגעקומען.

שעברעשין: א אלטע קהלה אין לובלינער קרייז וועלכע האט זיך אויסגעצייכנט מיט איר טעטיקייט נאך אין די



אחרי "פעולה" בביאלה פודלסק. / נאך א "אקציע" אין ביאלה פודלסק.

הנאציים אף לא הסתירו את אמונתם כי עמי העולם עוקבים באהדה נסתרת אחרי פעולות הנאצים נגד היהודים, מי בעידוד, מי בשתיקה רבת הרמזים ומי במחאה שאין בה אלא תרומת שפתיים מחוסרת כל תוכן. במסעם נגד יהודי פולין ויהדות איירופה כולה חששו רק הנאצים מתגובות לא נעימות להם מצד הקרבנות עצמם אבל הם היו שקטים ושלוים ביותר ביחס לתגובת העולם הגדול על ביצוע המעשים האיומים הללו שאין להם אח ודוגמה בהיסטוריה כולה. להיפך, את האנטישמיות הקיצונית ראו הנאצים כנשק יעיל לכיבוש לבבות עמים ומדינות.

לעומת זאת כוננה אשליה זו בלב רבים מיהודי פולין, אבל עד מהרה התנדפה אשליה זו ואת מקומה תפס היאוש המר והגדול. ההרגשה המעיקה כי גולה מעטירה זו הופקרה לחלוטין לעורבים אכזריים צמאי דם כירסמה את לבה של יהדות פולין. ההתלהבות של עמי פולין נוכח מסע הרצח האנטי יהודי, השתיקה המוזרה של הכנסיה הקאתולית, יצרו אוירת מחנק ללא נשוא. ביגונם הקשה לא נשאר ליהדות פולין אלא השביל לשמי מרומים, התפלה והזעקה ליוצרם. ודוקא באפילה האיומה הזאת נוצרה הריאקציה בלבבות המיואשים. ביגונם המר החלו יהודי פולין להרבות בשיר, לטפח בטחון כי למרות הכל יתגברו על החרב החדה שהונחה על צווארם.

יהודי פולין לא נתנו כל אימון בשליטים הנאציים, בדבריהם, בהצהרותיהם. יהדות פולין היתה פקחית מדי מלהאמין לרוצחים מחוסרי כל צלם אנושי. תקופה קצרה של שלטון אימים הספיקה ללמד את התמים ביותר בכוונות הנאצים ובטיב מדיניות. אבל יהודי פולין ברובם המכריע סירבו אז לתת להגיון הקר, החישובים המציאותיים לכוון את צעדיהם. כי כל חישוב הגיוני, כל ניתוח מעמיק הוביל ליאוש מוחלט. כל מחשבה צלולה הובילה למסקנה כי נתיב היסורים מוביל לתא גאזים או לקבר אחים גדול. הכרה זו הלא מן ההכרח והיתה מביאה להתפרקות מוסרית ואבדן כל מעצורים וזאת, אמרה יהדות פולין למנוע.

לא מתוך חוסר ידיעה והבנה נתנה יהדות פולין ברובה המכריע את ידה לטיפוח אשליות שלא עמדו במבחן מציאותי, הרשתה כי ירמו אותה, צל האבדון העיק, אבל לא מנע מהקרבנות להשתעשע באור עומם ומדומה בצעדם האחרונה בנתיב היסורים.

קהלות פולין וצביונן

מרובת גוונים וזרמים היתה יהדות פולין. כצבעי הקשת היו צביונן של קהלות ישראל בפולין. לא הרי קהלות ישראל בפולין הקונגרסאית, במחוזות ווארשה, לודז, לובלין וקילץ כקהלות ישראל במזרח פולין, בווילנה הליטאית ובמחוזות ביאליסטוק, נובוגרודק, בריסק ליטבסק, ובעלות צביון אחר היו קהלות ישראל במחוזות גאליציה, המזרחית והמערבית כאחת, אם במחוז קראקה או מחוז לבוב, מחוזות סטאניסלבוב וטרנופול או קטוביץ.

היהודי מליטה הפולנית היה שונה במנהגיו, אורח חייו ותלבשתו מיהודי מגאליציה המערבית. היהודי מגאליציה המזרחית היה שונה בהופעתו, אורחו ושיגו מיהודי פולין הקונגרסאית. יהודי וואהלין היו שונים בכל מיהודי שלזיה או פומוראניה.

גם המסורת הדתית נבדלה בצורה בולטת במחוזותיה השונים של פולין. בעוד ובפולין הקונגרסאית רבו בתי החסידים הקטנים בעיקרם, ובגאליציה הקלויזים שמרה ליטה הפולנית ברובה אימונים לבית הכנסת נוסח אשכנז.

בתקופה הראשונה לכיבוש פולין על ידי גרמניה הנאצית נפלו לידי הקלגסים הנאציים קהלות ישראל בפולין הקונגרסאית וקהלות ישראל בגאליציה המערבית, בעוד וקהלות מחוזות פולין הליטאית, גאליציה המזרחית וכן וואהלין נכבשו על ידי רוסיה הסובייטית. פולין של החסידות הצרופה, נפלה אפוא בשורה הראשונה לידי הקלגסים האכזריים והיו לטרף לרוצחים צמאי הדם.

תקופת השואה האיומה נמשכה בפולין המערבית זמן רב יותר מאשר בפולין המזרחית. מיד אחרי פרוץ מלחמת גרמניה־רוסיה ניגשו שלטונות הרצח הנאציים לבצע את התכנית השטנית של „הפתרון הסופי", יהודי ליטה הפולנית גאליציה המזרחית וכן וואהלין לא עברו נתיב יסורים כה ארוך עד אשר הגיעו לעקידה הגדולה כאחיהם בפולין הקונגרסאית או בגאליציה המערבית, אם כי לא מעט סבלו יהודי פולין המזרחית משלטונות הכיבוש הרוסיים.

צייטן פון ועד ארבע הארצות·ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן דארט געוואינט 3200 אידן· די בלוטיקע פאגראמען געגן די אידן האבן זיך אנגעהויבן גלייך ביים אריינקומען פון די נאצים· הונדערטער אידן זענען ארעסטירט געווארן, און אויסטועגדיק זיי האלב־נאקעט האט מען זיי, אונטער א האגל פון גרויזאמע קלעפ, גע־בראכט אויפן שטאטישן מארק־פלאץ, אהין האט מען אויך געבראכט די ספרי תורה וועלכע די נאציס האבן ארויסגענומען פון די שולן· די תחנונים פון די פוילישע גלחים ביי די ס·ס· חיות זיי זאלן אויפהערן מיט די גרויל־סצענעס — האבן ניט געהאלפן, די אומגליקליכע אידן זיינען אויסגעשטעלט געווארן אין א ראד נאכדעם ווי מען האט זיי געשלאגן מכות רצח האט מען זיי געהייסן קניען מיט א ארונטערגעלאזטן קאפ, דאן האט א שטורעם־טרופע אונטערגעצונדן די ספרי תורה אונטערן קלאנג פון א מיליטערישן ארקעסטער און בייטשן געפייף איבער די אידישע קעפ·

אין אזוינע שוידערליכע באדינגונגען האט מען אריינגע־פירט די אידן אין דער תקופה פון חורבן וועלכע האט זיך געצויגן ביז י׳ חשון תש״ג, דאן האט מען אלע אידן אוועקגעפירט אין פארניכטונגס־לאגער בעלזעץ·

שעדלעץ : איינע פון די גרעסטע און חשובסטע קהלות אין פוילן מיט 15283 אידן· בעת די קאמפן אויף פוילן האט די שטאט שווער געליטן פון די אפטע באמבארידרונגען און לופט אטאקן· און א סאך אידן זיינען דאן אומגעקומען אונטער די חורבות· ביים אריינקומען אין שטאט האבן די נאצי־באנדעס גלייך אנגעהויבן ראבירן געש׳עפטן און הייזער פון אידן אונטער דער אנפירונג פון ארטיקע פאליאקן· גלייכצייטיק זיינען מאסן אידן געכאפט געווארן אויף צוואנגס־ארבעט· א סאך פון די געכאפטע האט מען אוועקגעשיקט קיין ווענגראוו און זיי זינען שוין מערניט צוריקגעקומען, אנדערע זיינען פארפייניקט געווארן צום



״יהודים, נקמה !״ כתב יהודי שהלך למות בדמו, על קיר, במחנה השמדה· ״אידן נקמה״! האט געשריבן א איד מיט בלוט אויף א וואנט אין א פערניכטונגס לאגער·

טויט· נאך יום כפור ת״ש זיינען די דייטשן אוועק און די רוסן זיינען אריינגעקומען און די אידן האבן אפגעאטעמט, אבער אין א קורצער צייט ארום האבן די רוסן פארלאזן שעדלעץ און די נאציס זיינען ווידער אריינגעקומען· צוזאמען מיט די רוסן האבן א סאך טויזנטער אידן פארלאזן די שטאט· ביים צוריקקומען פון די נאציס האט זיך אנגעהויבן ווידער די גרויזאמע אונטערדריקונג און רויבעריי נאך אין א שארפערער מאס· די אידן זיינען געשטעלט געווארן אויסער יעדן געזעץ און דראסטישע געזעצן זיינען ארויסגע־געבן געווארן געגן זיי· מען האט ביי זיי אלץ צוגענומען און די לעצטע גראשנס זייערע האבן זיי געמוזט אוועקגעבן די נאציס אלס „אויסלייז־געלט״ אדער סתם שטראפן· די ליידן פון די שעדלעצער אידן האבן ניט געהאט זייערס גלייכן· דעם ערשטן טאג סוכות תש״ג איז דער געטא ארומגערינגלט געווארן פון אוקראינישע סאלדאטן און ס· ס· טרופן· דער גרעסטער טייל אידן איז ארויסגעפירט געווארן קיין טרעבלינקע· די קליינע ביסל איבערגעבליבענע האט מען אריינגעשטופט אין א ענגן געטא, וועלכער איז אויך ליקווידירט געווארן ט״ז כסלו תש״ג·

מפתח

(המספרים בסוגריים — מראים על העמודים באידיש)

מפתח

מפתח

מפתח

ר

ש

Encyclopedia of Polish Jewry

MEGILAT POLEN

PART 5: HOLOCAUST

Volume I

ISSUED BY

SOCIETY OF RELIGIOUS JEWS FROM POLAND

JERUSALEM

5721 1961